STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00228

FUN MAYN LEBENS-BUKH

Reuven Brainin

Permanent preservation of this book was made possible by
Joe, Ellie, Jeff & Rachel Perlman
in honor of
Aaron & Sandra Perlman's 50th anniversary

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



ראובן בריינין

פון מיין לעבנס-בוך

רעדאַקציע און אַריינפֿיר
פֿון
נחמן מייזיל

איקוף פארלאג

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן
מיט דער הילף פֿון איקוף־פֿריינד
אין נאָרפֿאָלק־פּאָרטסמוט, ווא.

די משפחות:
דאָבראָטינסקי, דייוויס, ווינקלער, זיידמאַן, מייער, מאָסס,
סאַטינסקי, עקס, פּערלין, פֿרידמאַן, קאָפּסקי, ראָזין, שליץ

Copyright 1946
By ICUF
New York City

Printed in U. S. A.

געדרוקט אין 3,000 עקזעמפּלאַרן

אינהאַלט

ראובן בריינין — נחמן מייזיל 7
געדאַנקען וועגן זיך אַליין 17
אַריינפיר 27

מיינע יונגע יאָרן

אין מיין געבוירנשטאָט לאַדי 31
מיין ערשטער אַרויספאָר 100
אין סמאָלענסק 111
דער מאָרד פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן 148
איך ווער אַ העברעאישער שרייבער 169

אין ווילנע

די באַגעגעניש מיט ווילנער משכילים 187
קלמן שולמאַן 192
משה רייכערסאָן 203
שמואל יוסף פין 213
איבער ווילנער געסלעך 218
אייזיק מאיר דיק 223
לעוו לעוואַנדאַ 228
צווישן יידישע סטודענטן 233

אין מאָסקווע

די סביבה פון „בני־ציון" 238
די מאָסקווער „בני־ציון" 264
די ערשטע העברעאישע רעדע אין רוסלאַנד 270
די יידישע מאָסקווע 283
דער קאַמעניצער מגיד 293
מיינע ערשטע ליטעראַרישע שריט 299

אין פעטערבורג

אַלעקסאַנדער צעדערבוים 305
וואַסילי בערמאַן 325
ד״ר י. ל. קאַנטאָר 330
יהודה לייב גאָרדאָן 336
ד״ר י. ל. קאַצענעלסאָן 341
באַראָן דוד גינצבורג 346
אין די הענט פֿון דער פּאָליציי 352
קאָנסטאַנטין שאַפּיראָ 359
אַרום דעם „וואָסכאָד״ 368

איך פֿאַרלאָז רוסלאַנד

ביים רעדאַקטאָר פֿון „הצפירה״ 372
זוכצעטל 378

ראובן בריינין

(געבוירן 16טן מערץ 1862, — געשטאָרבן 30טן נאָוועמבער 1940)

ראובן בריינין איז געבוירן געוואָרן אין 1862. זיין געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע טעטיקייט הויבט זיך אָן אין די 80ער יאָרן (זיין ערשטער אַרטיקל איז פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1881). ער האָט געלעבט אין לאַדי און אין סמאָלענסק, אין מאָסקווע און אין פעטערבורג. ער האָט שטודירט אין ווין און שפעטער זיך באַזעצט אין בערלין. ביז 1910, ווען ער איז אַריבערגעפאָרן קיין אַמעריקע, און אויך אין די ווייטערדיקע יאָרן, האָט ער זיך באַטייליקט אין פיל העברעאישע און יידישע זאַמל־ביכער, צייטשריפטן און צייטונגען אין גאָר דער וועלט. אָבער בלויז אַ טייל פון זיינע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען איז אויפגעזאַמלט אין זיינע געקליבענע העברעאישע כתבים (3 בענד, נישט אַריינרעכענענדיק זיינע מאָנאָגראַפיעס איבער סמאָלענסקין, מאַפו, הערצל), אין יידיש איז דערשינען בלויז איין קליינע זאַמלונג פון זיינע אַרטיקלען (אין 1910, וואַרשע, 160 זייטן).

ר. בריינין איז געווען אַריינגעוואָרצלט אינם געזעלשאַפטלעכן, פאָ־ליטישן און ליטעראַרישן לעבן פון דער ציוניסטיש־העברעאישער וועלט. ער איז געווען איינער פון די פירזאָרגער און גרונטלייגער פון דער מאָ־דערנער העברעאישער ליטעראַטור, אָבער דאָך איז ער לויט זיין כאַראַקטער און פאַרנעם געווען אַנדערש פון דעם רוב העברעאישע שרייבער.

אין דער צייט וואָס דער גרעסטער רוב פון די עלטערע העברעאישע (און אויך יידישע) שרייבער האָט זיך שטענדיק געפונען אין דער יידישער סביבה, געלעבט און זיך אויסגעלעבט אין די יידישע שטעט און כּסדר — צווישן אייגענע קרייזן, האָט ראובן בריינינען געצויגן אין דער ברייטער וועלט. ער האָט אָנגעקניפּט באַציאונגען און פריינטשאַפט מיט קינסטלער און דענקער, מיט ריכטונגען און אידעען פון דער גרויסער דרויסנדיקער וועלט. ער האָט אויפגענומען די נייע, מאָדערנע ווערק פון דער אייראָפּאישער ליטעראַטור און דערציילט וועגן זיי דעם העברע־אישן לייענער. ער איז פונם ווערק געגאַנגען צו דער לעבעדיקער פּער־זענלעכקייט, צו די וועלט־קינסטלער, זיך געטראָפן מיט זיי, זיי געבראַכט

נעענטער צו דער יידישער וועלט, וואָס האָט מיט אַ פֿינף־זעקס יאָרצענדליק צוריק געלעבט אַ זייטיק, איזאָלירט יידישלעך לעבן.

אין זיינע אַרטיקלען, עסייען, באַגעגענישן מיט גרויסע פּערזענ־לעכקייטן פֿילן מיר דעם אייפֿער, דעם דראַנג צו באַנייען דאָס יידישע לעבן, אַריינצוברענגען נייע ווינטן אין דער אָפּגעשטאַנענער יידישער גאַס.

ר. בריינין כאַראַקטעריזירט זיך און זיין גאַנג אין דער ליטעראַ־טור: „איינע פֿון מיינע פֿאָדערונגען צו דער העברעאישער ליטעראַטור וואָס איך האָב אויפֿגעשריבן אויף מיין פֿאָן, איז געווען: אַלץ וואָס איז מענטשלעך, דאַרף ניט זיין פֿרעמד דעם העברעאישן שרייבער...״

און דאָס איז געווען די פֿאָן, וואָס ר. בריינין האָט געטראָגן אין דער יידישער וועלט אַ סך יאָרן, — מענטשלעכקייט, וועלטלעכקייט. אין דעם איז ער זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען מיט אַ סך העברעאישע שרייבער און דענקער, און דער עיקר — מיט אחד־העם, וועלכער האָט געוואָלט שאַפֿן אַלץ־נייע צוימען פֿאַר יהדות, פֿאַר יידישקייט, וואָס איז אינגאַנצן אַ וועלט פֿאַר זיך און וואָס, לויט זיין מיינונג, דאַרף לעבן און זיך אויס־לעבן אין אייגענע יידישע תחומים.

ר. בריינין האָט זיך אויך שטאַרק אויסגעטיילט און אויסגעצייכנט פֿון זיינע מיטצייטלער־שרייבער מיט זיין פּשוטער, קלאָרער העברעאישער שפּראַך. ער האָט זיך באַמיט אויסצוראָטן די אָנגעבלאָזענע מליצה, די באַרעדעוודיקייט אין דער העברעאישער ליטעראַטור. ר. בריינין זאָגט עס טאַקע וועגן זיך: „קלאָרקייט און לויטערקייט — „הבהירות והצלילות״ — צו זיי האָב איך געשטרעבט אַלע מיינע יאָרן זינט איך האָב גענומען די העברעאישע פֿעדער אין מיין האַנט״.

נאָך אין זיינע יונגע יאָרן האָט ר. בריינין זיך געריסן פֿונם ענגן יידישן וועלטל אין דער אָפֿענער, גרויסער וועלט. נישט געקוקט אויף זיין טיפֿער איינגעוואָרצלטקייט אין דעם יידישן באָדן, האָט ער געשטרעבט צו די ווייטע רוימען. ער האָט פֿאַרלאָזט גאָר אַ יונגערמאַן דאָס יידישע רוסלאַנד און זיך אַריבערגעקליבן קיין ווין, קיין בערלין. ער האָט זיך באַמיט אַריבערצוּוואַרפֿן אַ בריק צווישן „מזרח״ און „מערב״. זיין העברעאישער זשורנאַל, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין 1894 אין בערלין, האָט ער טאַקע אָנגערופֿן „ממזרח וממערב״, וואו ער האָט געפּרואווט שאַפֿן דעם סינטעז צווישן יידישקייט און אוניווערסאַליזם. אָפֿט האָט דער מערב ביי אים אַרויסגעשטויסן דעם יידישן מזרח. זיין דראַנג אַריינ־צולעבן זיך וואָס־מער אין דער אייראָפּעאישער וועלט, זיך באַהעפֿטן מיט איר גייסט, זיך פֿאַרשלינגען מיט אירע אידעען, האָט געהאַט אַ פּאָ־זיטיוון און אויך אַ נעגאַטיוון איינפֿלוס אויף ר. בריינינען. ער איז אָפֿט

בלעטער פון מיין לעבנסוועג

ערשטער קאפיטל

פון ראדין קיין [illegible]

אין זומער פון יאר 1888 האט מיר אלעקסאנדער צעדערבוים, דער

~~[illegible]~~ ארויסגעבער פון „המליץ" געשיקט קיין ~~[illegible]~~, וואו איך האב

געלעבט, א שריפטליכן פארשלאג צו קומען קיין פעטערבורג, און צו רעדאקטירן

אין „המליץ" די העברעאישע [illegible]. דאס איז געווען א קורצע צייט נאך מיין

~~[illegible]~~ [illegible] געווען [illegible] און [illegible] מיט

שריפטשטעלער און [illegible] דער [illegible] און [illegible]

האט געלעבט [illegible] [illegible] ~~[illegible]~~ [illegible] אין „המליץ" ווען ער

צעדערבוים האט מיר [illegible] העברעאישע [illegible] געוויסן האט

קיינער און [illegible] די [illegible].

איך האב זיך [illegible] ~~[illegible]~~ דערצו [illegible] איך נאר

[illegible] [illegible] פון [illegible] [illegible] פון צעדערבוים פארן

„המליץ", און [illegible] [illegible] [illegible] פון [illegible]

~~[illegible]~~ [illegible] [illegible] [illegible] פון דער העברעאישער [illegible] און

העברעאישע שריפטשטעלער און געלערנטע. די [illegible] [illegible]

~~[illegible]~~ [illegible] [illegible] פון [illegible] [illegible] און [illegible]

פון די [illegible] [illegible] „המליץ" [illegible] [illegible] [illegible] און

[illegible] האט זיך [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

ארויס אויף אַ ברייטע וועלט־שליאַכן, אָבער דערביי האָט ער פֿאַרלוירן, אָדער פֿאַרזען די טיף־אינעווייניקסטע געראַנגלעניש, פֿאַרמעסטן און דערגרייכונגען אין דער יידישער שאַפֿערישער וועלט. אָפֿטמאָל האָט ער פֿון דער ווייט נישט געקאָנט ווי געהעריק באַגרייפֿן און אָפּשאַצן וואָס עס טוט זיך אין דער יידיש־קינסטלערישער סביבה. און באַזונדערס אין די יאָרן 1901—1905, ווען ס׳הויבט זיך אָן אַ רענעסאַנס אין דער יידישער ליטעראַטור און עס קומען צו נייע שרייבער פֿון נייע שיכטן, האָט ער עס מיט דער לייכטער האַנט מבטל געווען.

אין זיינעם אַן אַרטיקל געשריבן אין יידיש (פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער זאַמלונג אַרטיקלען וואַרשע 1910, דער אַרטיקל איז געווען גע־דרוקט פֿריער) ווען דעם דיכטער מאָרים ראָזענפֿעלד זאָגט ראובן בריינין: „דעם אמת זאָגנדיק, בין איך ניט קיין גרויסער למדן אין דער זשאַרגאָן־ליטעראַטור. איך זאָג דאָס און שעם מיך דערמיט, ווייל איך רעכן, דאָס יעדער העברעאישער שריפֿטשטעלער, יעדער פֿריינט פֿון אונדזער המון־עם, איז מחויב צו וויסן און צו לייענען אַלץ, וואָס ווערט געשריבן פֿאַר אונדזער פֿאָלק אין זיין גלות־שפּראַך..."

ער האַלט עס פֿאַר „אַ גרויסע זינד", נישט צו וויסן וואָס ס׳טוט זיך אין דער יידישער ליטעראַטור. אָבער צו זיין „פֿאַרענטפֿערונג" זאָגט ער, אַז ער „איז מער ווי צען יאָר פֿון רוסלאַנד", און ס׳איז אים „אומ־מעגלעך צו באַקומען יידישע ביכלעך". און „אַזוי ווערט מען ביסלעכ־וויַיז, לײדער, דערווייטערט פֿון מאַמע־לשון". ר. בריינין גיט צו: „אונד־זער מאַמע־לשון איז אַפֿילו זייער אָרעם, האָט אַפֿילו פֿיל חסרונות און איז אונדז צו ענג פֿאַר אונדזערע נייע געדאַנקען און נייע געפֿילן. אָבער דאָך מאַמע־לשון און דער לשון פֿון מיליאָנען אָרעמע, אומגליקלעכע ברידער".

אָט אַזוי קוקט דאַן ראובן בריינין, דער אייראָפּעער, דער העברע־אישער שרייבער און ציוניסט, פֿון אויבן אַראָפּ אויף דער יידישער שפּראַך און אויף „די מיליאָנען אָרעמע, אומגליקלעכע ברידער", וואָס קאָנען לייענען און זיינען פֿאַרבונדן מיט דער יידישער שפּראַך, וואָס אָט איז זי ביי אים די „גלות־שפּראַך" און אָט שוין „מאַמע־לשון".

ר. בריינין דערציילט אָפֿנהערציק: „און ווי שטאַרק האָב איך זיך געשעמט, ווען זאַנגוויל, דער גרויסער דערציילער פֿונם יידישן לעבן אין דער ענגלישער שפּראַך, האָט מיך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אויפֿ־מערקזאַם געמאַכט אויף מאָרים ראָזענפֿעלד, און איך האָב נישט געוואוסט ווער ער איז".

ס׳איז זייער אינטערעסאַנט פֿאַר דער באַציאונג פֿון ר. בריינין צו דער שאַפֿנדיקער און וואַקסנדיקער יידישער ליטעראַטור זיין אָפּהאַנדלונג

„לעבן און ליטעראַטור״ אין דעם דערמאָנטן באַנד „שריפטן״ (וואַר־שע 1910). די יידישע ליטעראַטור איז פאַר אים אַ רעטעניש. ער זעט נישט דעמאָלט אין איר די ענגע פאַרבינדונג מיטן רעאַלן יידישן לעבן, ער זעט נישט זי זאָל אָפּשפּיגלען דאָס וואָס קומט פאַר אין דער יידישער וועלט. „איך נייג צו מיין אויער, איך פּרואוו זייער אויפמערקזאַם דער־הערן פון אונדזער נייסטער יידישער שיין־ליטעראַטור די צוקונפט־מוזיק, דעם מאָרגנדיקן טאָג, די באַוועגונג פון דער שפּולקע אין דער וועב־שטול, וואָס וועבט אַ נייע שעה, אַ נייע עפּאָכע, אַ נייעם דור...״ „ניין — זאָגט ברייניַן — איך הער ניט, בין איך טויב, אָדער דאָרטן שפּילט ניט, באַוועגט זיך ניט״.

עס האָט שוין דאַן גראַד יאָ „געשפּילט״ אין דער יידישער ליטעראַטור און עס האָט שוין גראַד יאָ „באַוועגט זיך״, אָבער ס'איז נישט דער־גאַנגען צו ר. ברייניַן פון יענער צייט.

יאָ, ראובן ברייניַן איז אַ לענגערע צייט געווען מחוץ דער שאַפן־דיקער ליטעראַטור אין יידיש און נישט געקאַנט באַגרייפן ווי יידישע קינסטלער זיינען אינגאַנצן פאַרטאָן אין דער יידישער וועלט און זיינען באַאיינפלוסט דורכאויס פונם יידישן לעבן. אין זיין אַרטיקל וועגן שלום־עליכם („שריפטן״, וואַרשע 1910), האָבן מיר צווישן לויב־געזאַנגען אויפן אַדרעס פון שלום־עליכם אויך פאָרוואורפן, אַז „שלום־עליכם וויים ווירקלעך ניט וואָס ס'טוט זיך אין דער וועלט־ליטעראַטור, אין דער קול־טור־וועלט, אין דער קונסט־וועלט״. ר. ברייניַן גיט צו: „פּיליַיכט אַ דאַנק דעם איז ער געבליבן יידישער, אייגנטימלעכער, שלום־עליכמדיקער״. דעם אַרטיקל ענדיקט ר. ברייניַן: ״און ער (שלום עליכם) איז אין בערלין, און בכלל אין אייראָפּע, ווי אין אַ פרעמדער וועלט. ער איז צו־ענג, צו־שטאַרק צוזאַמענגעוואַקסן מיט זיינע מאַזעפּעווקער און יעהופּעצער יידן. ער פאַרשטייט נישט די דייטשע יידן, ווי זיי פאַרשטייען אים ניט״.

דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אַמאָליקן ברייניַן, וועל־כער האָט געלעבט אין דער גרויסער וועלט, געווען מער פאַרקניפּט און געבונדן מיט דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור, ווי מיט דער טיף־יידישער.

דורך ראובן ברייניַן און דורך זיינע ווערק, גרעסערע און קלענערע, פלעכטן זיך דורך כמעט אַלע וויכטיקע קולטור־געזעלשאַפטלעכע און לי־טעראַריש־קינסטלערישע קאַמפן און גערانגלענישן, וואָס זיינען פאַרגע־קומען אין דער גרויסער וועלט. אין זיינע טויזנטער אַרטיקלען, זכרונות, שמועסן, פּאָרטרעטן, מאָנאָגראַפיעס און ביאָגראַפיעס גייען דורך הונ־דערטער און הונדערטער שרייבער, פּאָליטיקער, דענקער, דיכטער, מלוכה־מענער, פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָרט־זאָגער פון דער

העברעאישער און יידישער ליטעראַטור, קינסטלער, דראַמאַטורגן, וועלט שרייבער, וואָס ראובן ברײנין האָט אויף זיין לעבנס־וועג באַגעגנט און מיט וועלכע ער האָט פֿאַרבראַכט אין אינטימע שמועסן, אַרויסגעטראָגן אינטערעסאַנטע איינדרוקן און זיי לעבעדיק און לײדנשאַפֿטלעך געמאָלט. אַלטע און יונגע, קלאַסיקער און אָנהויבער, ווערק און ביכלעך — אַלץ איז אַדורך דורך זיין שאַרף אויג און וואַך האַרץ, און וועגן אַלץ און אַלעמען האָט ער געהאַט צו דערציילן לעבעדיק, אָנציענדיק, שפּאַנענדיק. און אָפֿטמאָל אויך אין אַ לייכטער פֿאָרם און אויבאויפֿיק — וואָס מיר רופֿן איצט אָן „רעפּאָרטאַזש".

ער גופֿא איז געווען פֿאַרגאַפֿט, באַגײַסטערט פֿון מענטשן, פֿון ביכער, פֿון אידעען, פֿון שיינקייטן, האָט ער די באַגײַסטערונג איבערגעגעבן אין זיינע אַרטיקלען, עסייען, אָפּהאַנדלונגען פֿאַר אַנדערע.

ראובן ברײנינן, וואָס איז געווען פֿאַרוויגט ביי אַלעמען אין דער ליטעראַטור־קריטיק ווי אַ קאַלטער באַאָבאַכטער, ווי אַן אָביעקטיווער שרייבער, איז אײַן תּוך געווען אַ פֿאַנאַטישער לייענער און אַ פֿרומער חסיד פֿון גרויסע וועלט־דבֿיים. איז דעריבער אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן אין פֿאַרשיידענע צייטן, געווען אייגנטלעך דער אויסדרוק פֿון אייגענע איבערלעבענישן, פֿון אייגענער התפּעלות, פֿון אייגענער אויפֿטרייסלונג. ר. ברײנין איז געווען אַ זייער אַ סוביעקטיווער קינסטלער, ער איז געווען געפֿירט פֿון שטימונגען, פֿון געמיט־צושטאַנדן, און ער האָט זיך צוגעהערט אָפֿטמאָל נישט צו דעם, וואָס אַנדערע זאָגן, נאָר דער עיקר האָט ער פֿאַר־נומען וואָס עס זאָגט אים זיין אייגן האַרץ, זיינע אייגענע געפֿילן.

אָט די אייגענע, פּערזענלעכע, סוביעקטיווע מאָס און צוגאַנג צו וועלט און מענטשן, צו פּראָצעסן און דערשיינונגען איז איינער פֿון די הויפּט־ און עיקר־־שטריכן פֿון ראובן ברײנינן דעם שרייבער, טוער און דענקער.

אַ דאַנק דעם צוגאַנג, אָדער מעטאָד פֿון נישט צוהערן זיך צו שווין־אָפּגעמאַכטע, אָפּגעשמועסטע „זעלבסט־פֿאַרשטענדלעכקייטן", האָט ראובן ברײנין אין לויף פֿון יאָרן געהאַט די מעגלעכקייט אָפּצולייקענען זאַכן, וואָס זיינען געוואָרן ביי אונדז הייליקטן, פֿאַר וועלכע מען דאַרף זיך קניען און בוקן. ראובן ברײנין איז אָפֿט געווען דער „הייליקייטן"־פֿאַרשוועכער. ער איז געקומען און געטייטלט מיטן פֿינגער און געטענהט, אַז אָט דער אָפּגאָט איז גאָרנישט, ער איז פֿון פּשוטן האָלץ געמאַכט. אַזוי ווי אברהם אָבינו אין דער יידישער לעגענדע, האָט ער זיך אויסגעלאַכט פֿון געצן, און זיי מיט זיין האַק צופּיצלט אויף שטיקלעך. לייענט אַדורך זיינע אַרטיקלען, אָפּשאַצונגען, כאַראַקטעריסטיקעס וועגן אייניקע העברעאישע אָנגעזעענע שרייבער, וועט איר זען, ווי ער שלעפּט אַראָפּ פֿון זיי די

קרוין, וואָס די בטלנות און די קליינשטעטלדיקייט אין איר באַגרענעצט־דיקייט און קליינקעפּלדיקייט האָבן זיי אָנגעטאָן.

ר. ברײנין איז איינער פון די פאַרקעמפער און פאַרגייער פון אונדזער וועלטלעכקייט. מיט 50־60 יאָר צוריק האָבן מיר געלעבט אַ מאַטעריעל־און גייסטיק־אָפּגעשטאַנען לעבן. דער מיטלאַלטער האָט אַריינגעלעבט אין אונדזער יידישער גייסטיקער וועלט שיער נישט ביז די לעצטע יאָרן פונם 19טן יאָרהונדערט. און יעדער ציגל וואָס איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון אָט דער דיקער און הויכער וואַנט, וואָס האָט אונדז אָפּגעטיילט פון דער דרויסנדיקער וועלט, איז געווען גוואַלדיק וויכטיק. צווישן די וואָס האָבן געהאָלפן אין איין פאַרוועלטלעכן דאָס יידישע לעבן, אַרויספירן עס אויף די נייע וועגן, איז געווען אויך ראובן ברײנין. מ. ז. פייערבערג, וואָס איז אַזוי יונג געשטאָרבן, מ. י. בערדיטשעווסקי פון די פריערע יאָרן און אויך, אין דער יידישער ליטעראַטור, מענדעלע מוכר ספרים, י. י. לינעצקי, י. ל. פרץ און פיל אַנדערע, — אָט די אַלע האָבן יעדער איינער אויף זיין אופן און שטייגער, געשטורעמט די ווענט וואָס די „כנסת ישראל", די טראַדיציאָנעלע יידישקייט, האָט אויפגעבויט קעגן און מיטן אייגענעם ווילן אַרום זיך. אָט די פאַרוועלטלעכונג פונם יידישן לעבן, פון דעם יידישן לעבנס־שטייגער איז געגאַנגען ביי די העברעאישע שרייבער מיט שטאַרק זיגזאַגישע וועגן. זיי האָבן זיך אָפטמאָל אַליין דער־שראָקן פאַר די אייגענע לאָזונגען און גיך פאַרקירעוועט אויף צוריק.

ראובן ברײנין איז געווען אין דער העברעאישער ליטעראַטור אַ „פורץ־גדר", אַ צוימען־ברעכער, אַ נאָוואַטאָר, אַ בונטאַר.

מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ בונטאַר אויך קעגן זיך אַליין, קעגן אייגענע איינשטעלונגען און אידעאַלן. מיט דעם זעלביקן ברען, ליידנשאַפט און אומדערשראָקנקייט וואָס ער האָט אַמאָל באַקעמפט אַנדערע, האָט ער גענומען באַקעמפן אייגענע איינגעשטעלטע הייליקייטן, אויך אייגענע „אַנגענומענע שקרים". און ער האָט עס געטאָן, נישט גע־קוקט אויף דעם, וואָס עס האָט אים געדראָט און ס'האָט אים געבראַכט פולשטענדיקע איזאָלאַציע פון אַלע זיינע לאַנגיאָריקע פריינט, פאַרערער מיטגייער, מיטצייטלער.

אין דער הקדמה צום צווייטן באַנד העברעאישע שריפטן (ניו־יאָרק 1936), שרייבט ברײנין צווישן אַנדערן, אַז צוטרעטנדיק אַרויס־געבן זיינע ווערק אין העברעאיש, מוז ער „אַפריער זאָגן אָפענע און קלאָ־רע ווערטער וועגן דער ענדערונג, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין משך פון יאָרן אין זיינע מיינונגען און אָנשויאונגען וועגן דער גרויסער וועלט בכלל און דער יידישער בפרט". און ער זאָגט דערביי: „איך האָב נישט געקאָנט שטיין בלייבן די גאַנצע צייט אויף איין באַשטימטן און פאַר־

גליוועדטן פונקט. איך האָב מיך אָוועקגערוקט פֿון מיין פּלאַץ — און לחלוטין נייע האָריזאָנטן האָבן זיך אַנטפּלעקט פֿאַר מיר, אין דער צייט וואָס מיינע נעכטיקע חברים, — דאָס רוב העברעאישע שרייבער, — זיינען פֿאַרבליבן שטעקן אויף זייערע ערטער, ווי זיי וואָלט געווען צוגעקלאַפּט צו זייערע ערטער מיט טשוועקעס. און פֿאַרשטייט זיך, אַז עס איז ברייט געוואָרן דער מהלך (דיסטאַנץ) צווישן אונדז. טיפֿע אָפּגרונטן טיילן אונדז פֿונאַנדער".

ראובן בריינין, ווי באַקאַנט, האָט די לעצטע יאָרן דורכגעמאַכט אַ רעוואָלוציע אין פֿיל גרונט־פֿראַגן פֿון דעם יידישן לעבן. און פֿאַר אָט דער איבערוואַנדלונג זיינער האָט ער באַצאָלט זייער טייער און פֿיל. זיינע נאָענסטע פֿריינט, פֿאַרערער האָבן אים פֿאַרלאָזט און נאָכגעוואָרפֿן שטיי־נער. אין אָט דער הינזיכט איז דאָ געמיינזאַמעס צווישן אים און דר. חיים זשיטלאָווסקי, וואָס האָט אויך פֿאַר זיינע דרייסטע אויפֿטריטן און פֿאַר די אומדערשראָקענע געדאַנקען געהאַט אויסצושטיין געגנוג אָנפֿאַלן. און ביידע אָט די גרויסע פּערזענלעכקייטן האָבן דער עיקר געטראָפֿן אין סאַמע פּינטל אריין מיט זייער הארציקער, פֿריינטלעכער, טרייער באַציאונג צו דער סאָוועטן־מאַכט און צו די יידן פֿון דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. פֿאַר אָט דער באַציאונג, וואָס די גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן, די פֿאַרדינסטפֿולע שרייבער־דענקער, האָבן אָפֿט און דרייסט פֿאַרטיידיקט, האָט מען זיי נישט געקאָנט מוחל זיין, און מען האָט שוין פֿאַרזען און פֿאַרווישט די צענדליקער יאָרן פֿון זייער געזעלשאַפֿטלעכער און ליטעראַרישער טעטיקייט און די אַלע גרויסע ווערק און ווערטן, וואָס זיי האָבן אריינ־געבראַכט אין די קולטור־שאַפֿערישע אוצרות פֿון דעם יידישן פֿאָלק.

ראובן בריינינס „ברעכן די צוימען" די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן, זיין קאָמפּלעטיקייט, זיין אומדערשראָקנקייט איז אַ הערלעך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פֿון דעם מענטש און שרייבער ראובן בריינין, וואָס דאַרף ערשט געפֿאָרשט ווערן: דער פּעריאָד, ווען ער האָט דערזען דאָס גרויסע, היסטאָרישע, וואָס יווירט אין דעם גרויסן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד בכלל און אינם סאָוועטישן יידנטום בפֿרט, — איז באמת אַן אויסטערלישער אינם לעבן און אינם געדאַנקען־גאַנג פֿון ר. בריינין.

און אין דער סאַמע ערנסטער צייט פֿון שנאה, האס און פֿאַראַכטונג צום סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, איז ער געקומען מיט זיינע ליכטיקע, איבער־צייגנדיקע אַרטיקלען און געטענהט: סטאָפּ! וואַגט נישט צו וואַרפֿן שטיי־נער אויף דעם לאַנד, וואו ס'געשען וואונדער און וואו ס'קומט פֿאַר די לאַנג־דערוואַרטעטע מענטש־אויסלייזונג און די גאולה פֿונם יידישן פֿאָלק!

און ער האָט עס געטאָן ווי אַ פֿרומער ציוניסט און ווי אַן אָרטאָ־דאָקסישער נאַציאָנאַליסט, און ער האָט עס נישט אויפֿגעהערט צו טאָן

און באַטאָנען ווען מען האָט אים „מעביר נחלה" געווען, און מ׳האָט אים אַרויסגעיאָגט פֿון אַלע זיינע מאַטעריעלע און גייסטיקע פּאָזיציעס. אָבער ראובן ברייניך, אין די עלטערע, זיבעציקער יאָרן, ווען ער איז שוין געווען פֿיזיש קראַנק און צעבראָכן, פֿאַרמאָגט נאָך אַלץ דעם פֿייער, דעם מוט און די אייזערנע לאָגיק צו האַמערן ביי יעדער געלעגנהייט די לאָזונגען, די געדאַנקען, וואָס איצט, אין אונדזערע טעג, זענען זיי שוין אויס פֿאַר פֿיל, אויך פֿאַר די, וואָס האָבן אַזוי ביטער און אַכזריותדיק באַקעמפֿט אין זיין צייט ראובן ברייניגען, געדעכטע און אמתדיקע.

אין אַן אַרטיקל וואָס ראובן ברייניך האָט געשריבן אין נאָוועמבער 1937 („יידישע קולטור", אָקטאָבער 1944), רעדט ער קלאָר און דרייסט וועגן דעם נייעם לעבן, וועגן די נייע אידייען, וואָס האָבן באַהערשט די נייע מענטשן, די נייע גייסטער. און ער זאָגט אין זיין פּרעכטיקן אַרטיקל: „אין דער צייט ווען דער פּראָצעס (פֿון באַנייאונג — נ. מ.) קומט פֿאָר, און די געזיכטער פֿון די פֿעלקער פֿאַרענדערן זיך, זיצן די אַלטע דאָ, אַנונגסלאָז, גלייכגילטיק אָדער פֿיינטלעך. ביטע, נאָר ניט געשטערט. נאָר ניט געטרייסלט. דאָס סיסטעם וואָס זיי, די אַלטע, האָבן געשאַפֿן, איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך דאָס סאַמע בעסטע". — אַזוי שרייבט דער גרייז־גרויער גייסטיק־אויפֿגעלעבטער ברייניך מיט חוזק. — „נייע באַוועגונגען רופֿן אַרויס אַ נייע פּירערשאַפֿט. די רעוואָלוציע פֿאַרלאַנגט אַ מוטיקע אונטערזוכונג פֿון לאַנגיאָריקע טראַדיציעס, די פֿאַרוואַרפֿונג פֿון אונדזער גייסטיקן אַלף־בית, וואָס מיר האָבן פֿאַרוואַנדלט אין אונדזער גייסטיקן אייגנטום".

און דער אַלטער ברייניך האָט ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל אַרויס־געזאָגט זיין שטעלונג: „איך, אַלס טריי־געבליבענער ציוניסט, זע נישט אין קיין קאָנפֿליקט, קיין ווידערשפּרוך צווישן עכטן און ריינעם ציוניזם און צווישן בירא־בידזשאַניזם. דאָס יידנטום קאָן נאָר געווינען פֿון צוויי אויפֿגעבויטע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן — איינע אין ארץ־ישראל און די אַנדערע אין סיביר".

דאָס זיינען באמת נביאישע רייד, וואָס זיינען געוואָרן אַן אמת אויך פֿאַר אַלע די, וואָס האָבן אים מיט יאָרן פֿריער, אַזוי ביטער באַקעמפֿט.

„פֿון מיין לעבנס־בוך", — דאָס ווערק, וואָס מיר ברענגען איצט פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט — האָט ר. ברייניך געשריבן קאַפּיטלעכווייז אין יידיש און זיי פֿאַרעפֿנטלעכט אין ניו־יאָרקער „דער טאָג". די ערשטע קאַפּיטלען האָט ער אָנגעהויבן צו דרוקן אָנהויב 1923 און אין מיטן 1924 איבערגעריסן. די וויטערדיקע — וואו ער גייט איבער צו דערציילן וועגן זיין קומען, אין 1888, קיין פּעטערבורג, האָט ער גענומען

דרוקן יוני 1828. — אין די ערשטע קאַפּיטלען האָט נאָך ר. ברייניןֿ, ווי ער אַליין שרייבט, נישט געוואוסט אויף זיכער וואָס פֿאַר אַ יידישער לעזער ער האָט פֿאַר זיך. מיט דער צייט איז ער אַלץ מער אַריינגעוואַקסן אין דער סביבה פֿון די יידיש־לייענער. אין ערשטן קאַפּיטל „פֿון לעבנס־בוך" קלערט אויף ר. ברייניןֿ גופֿא די צילן וואָס ער שטעלט פֿאַר זיך ביים איבערגעבן „זיינע זכרונות, איבערלעבענישן, באַגעגענישן מיט אַלער־ליי מינים מענטשן, זיינע דערפֿאַרונגען אויף דעם ליטעראַרישן געביט, שיל־דערונגען פֿון פֿאַרשיידענע טיפּן, פֿון פֿאַרשיידענע מערקווירדיקע מענטשן".

ראובן ברייניןֿ פֿירט פֿאַר אונדז אַדורך זיין קאַלירפֿול לעבן, אָנגע־הויבן פֿון די קינדער־און־יוגנט־יאָרן, ער שילדערט זיינע עלטערן, די סביבה, וואו ער איז אויפֿגעצויגן און געוואַקסן, און אַזוי בהדרגה דער־ציילט ער וועגן די אַלע מלמדים, לערער, חברים און פֿריינט, וועמען ער האָט צו פֿאַרדאַנקען די אויסגעשטאַלטונג פֿון זיין כאַראַקטער; שפּעטער מאָלט ער פֿאַר אונדז די באַוואוסטע שרייבער און טוער פֿון ווילנע, מאָסקווע, פּעטערבורג און גיט טרעפֿלעכע פּאָרטרעטן פֿון וויכטיקע פּער־זענלעכקייטן און גלענצנדיקע שילדערונגען פֿון געשיכטלעכע פּאַסירונגען.

נאָך פֿיל מי, נאָך פֿיל זוכענישן, האָבן מיר באַוויזן אויפֿצוזאַמלען די קאַפּיטלען פֿון ר. ברייניןֿס „לעבנס־בוך". מעגלעך, אַז דאָ אָדער דאָרטן פֿעלט אויס אינמיטן אַ „פֿאָרזעצונג". מיר האָבן געגעבן אין דעם בוך די קאַפּיטלען ביז וואַנעט ראובן ברייניןֿ פֿאַרלאָזט רוסלאַנד און פֿאָרט קיין ווין צו שטודירן. מיר האָבן דעם סדר פֿון די אָפּטיילונגען צוליב גאַנצ־קייט געענדערט.

פֿאַר די זכרונות „פֿון מיין לעבנס־בוך", האָבן מיר געגעבן ר. ברייניןֿס אַרטיקל, אַ קורצע לעבנס־געשיכטע און אַ פּרואוו צו כאַראַקטע־ריזירן זיך אַליין אין זיין גאַנג און לעבן, וואָס ר. ברייניןֿ האָט געשריבן צו זיין 75־סטן געבוירנטאָג, דעם 23־טן מאַי 1937.

אַ טייל קאַפּיטלען פֿונם בוך, אויסשניטן פֿון „טאָג", האָבן מיר געקראָגן אין ברייניןֿ־אַרכיוו ביי דער מאָנטרעאַלער יידישער פֿאָלקס־ביבליאָטעק. מיר דאַנקען מלך ראַוויטשן, רחל אייזנבערג, ווי אויך ש. אַפּטער, פֿאַר דער מיטהילף, וואָס זיי האָבן אַרויסבאַוויזן ביים אויפֿזאַמלען די קאַפּיטלען פֿאַרן בוך. אַ גרעסערע צאָל קאַפּיטלען האָבן מיר אָפּקאָפּירט אין דעם אַרכיוו פֿון דער „טאָג"־רעדאַקציע.

מיר האָבן געגעבן ר. ברייניןֿס זכרונות, ווי ער האָט זיי געשריבן. בלויז אין איניקע ערטער האָבן מיר זיך דערלויבט פֿאַרריכטן איניקע דייטשמערישקייטן, וואָס ראובן ברייניןֿ האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיי אַליין אויסגעמיטן, ווען ער האָט געשריבן יידיש.

ניו־יאָרק, מערץ 1946

נחמן מייזיל

גערעדנקען וועגן זיך אליין

(צום 75־סטן געבוירנטאג)

טראגנדיק אויף זיך א פעקל פון פינף־און־זיבעציק אפגעשטארבענע יארן, ציט עס מיך צו באטראכטן דעם מארשרוט פון מיין ביז־איצטיקן לעבנס־וועג.

איך בלעטער דורך מיין לעבנס־בוך, — איך וויל זיך אבער ניט אפ־שטעלן אויף אלטעגלעכקייטן.

דורכלויפנדיק אין געדאנק מיינע איבערלעבונגען, זוך איך אין זיי די הויפט־ליניע, און איך געפין, אז דאס וויכטיקסטע אין מיין לעבן איז געווען, און עס איז געבליבן ביז אויף היינטיקן טאג, דער פאקט, וואס איך בין געווארן א העברעאיש־יידישער שרייבער.

בין איך עס געווארן נאר דורך א צופאל, אדער עס איז געווען די באַ־שטימונג פון מיין געבורט? איז די שריפטשטעלעריי געווען מיין שיק־זאל, לויט מיין אינערלעכער נאטור, לויט מיין באזונדערער פסיכאלאגיע, און אנדערש האט עס גארניט געקענט זיין?

ווי מיר שיינט היינט צו טאג, קאן דער פאקט פון מיין שריפטשטע־לעריי דערקלערט ווערן בשום אופן ניט דורך א צופאל. זינט איך געדענק זיך, איז געווען מיין איינציקע שטרעבונג צו ווערן א שריפטשטעלער.

נאך אלס א קליין יינגל, וועלכער האט קיין אנונג ניט געהאט, אז עס איז דא אויף דער וועלט אזא זאך ווי ליטעראטור, האב איך שוין דאן געהאט געשטרעבט צו ווערן א שרייבער פון הייליקע ספרים, למשל: „שאלות ותשובות", „ספר מוסר" אד"ג און האב איך געזען אדער גע־הערט וועגן עפעס אויסערגעוויינלעכעס, אדער ווען אין מיין קאפ האט אויפגעבליצט א געדאנק, וואס ער האט מיר אויסגעזען צו זיין ניי, האט עס מיך גערופן און געוועקט צו פארשרייבן עס שווארץ־אויף־ווייס, עס זאל חלילה ניט פארלוירן גיין.

ס'איז פאר מיר געווען אן אמתע איבעראשונג, ווען איך האב דער־זען אויף מיינע פאטאגראפיעס, וואס דער העברעאישער פארלאג „אחיאסף" האט געהאט געדרוקט, צום פארקויף, מיט לערך פערציק יאר צוריק, מיינעם א זאץ פון א פעליעטאן: „ניט דער מענטש וואס שרייבט אויף א פאר ביכער, האט דאס רעכט צו טיטולירן זיך מיטן ביי־נאמען „סופר", ווייל

צו זיין עס מוז מען געבוירן ווערן אַ שריפֿטשטעלער. („לא כל איש הכותב ספרים אחדים ראוי להקרא בשם סופר. הסופר יולד”).

דער ציטירטער זאַץ, וואָס די רעדאַקציע פֿונם „אחיאסף” האָט געהאַט אַרויסגעפֿונען פֿון מיינע שריפֿטן, איז געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר מיינע באַציאונגען צום העברעאישן שרייבער.

* * *

ביז מיין זעכצנטן לעבנס־יאָר האָב איך ניט געזען מיט מיינע אייגענע אויגן אַ ביכל פֿון דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור.

ווען איך בין אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, האָט מיר מיין פֿאָטער, עליו־השלום, געבראַכט אַ מתנה, פֿון אַ רייזע, וואָס ער האָט געמאַכט קיין מינסק, דאָס ביכל „יסודי חכמת השעור” פֿון חיים זעליג סלאָנימסקי.

מיין פֿאָטער איז געווען אַ געבוירענער מאַטעמאַטיקער. ניט אָנזעענדיק קיין מאָל אין זיין לעבן אַ רעכן־ביכל, פֿלעגט ער דאָך מאַכן אין זיין קאָפּ זייער שנעל און ריכטיק די קאָמפּליצירטסטע תשבורת־רעכענונגען.

מיין פֿאָטער האָט באַמערקט מיינע נאַטירלעכע מאַטעמאַטישע פֿעאיקייטן, ווען איך בין געווען אַ קינד פֿון פֿינף יאָר. אויך איך פֿלעג מאַכן אין קאָפּ שווערע רעכענונגען, האָט ער געוואָלט מיר פֿאַרלייכטערן מיין קאָפּ־אַרבעט דורך אַ לערן־בוך, וואָס קאָן מיך ברענגען פֿיל ווייטער אין חכמת־החשבון.

ווען מיין זיידע, עזריאל, האָט מיך אַמאָל געפֿונען זיצנדיק מיט אַ פֿאַרקנייטשטן שטערן איבער סלאָנימסקיס ביכל, האָט ער מיך מיט כּעס אַ פֿרעג געטאָן:

— ווי קומט צו דיר אַן אַפּיקורסיש ביכל?

— דער טאַטע האָט עס מיר אַ מתנה געבראַכט, — איז געווען מיין ענטפֿער מיט אַ ציטערנדיקער שטימע.

דער זיידע האָט אַריבערגעטראָגן זיין כּעס פֿון מיר אויף מיין פֿאָטער, זיין זון, וועלכן ער איז באַפֿאַלן מיט די ווערטער:

— אַזוי גאָר, דאָס האָסטו אַליין געבראַכט דעם אומשולדיקן קינד דעם טריף־פּסול פֿון סלאָנימסקין, דעם אַפּיקורס, ימח שמו וזכרו!...

עס איז דאָן אַנטשטאַנען אַ היציקער וויכּוח צווישן מיין טאַטן און זיידן. אַריינמישנדיק זיך אין דעם דאָזיקן וויכּוח, האָב איך געטענהט:

— וואָס איז שייך צו זאָגן אַפּיקורסות אויף אַ בוך פֿון מאַטעמאַטיקע, וואָס רירט ניט אָן מיט איין וואָרט די אמונה.

מיט אַ קול פֿון נצחון האָט מיר דער זיידע געענטפֿערט אויף מיין באַמערקונג:

— ווען אזא אפיקורס ווי סלאנימסקי גיט א זאג מיט אן אומשולדיקער מינע, אז צוויי מאל צוויי איז פיר, ליגט דאך אין דעם פארשטעקט א שטיק כפירה!

די דאזיקע קלאסישע באהויפטונג פונם זיידן האט אין מיר ארויס־געריפן, מיט זיין אבסורדיטעט, א ווידערווילן קעגן דעם ווילדן פאנאטיזם.

איך האב דאן געהאט באשלאסן טיף אין הארצן, אז מיין זיידע, ווי אויך די אנדערע זיידעס, זיינען אומגערעכט אין זייער שארפן און זיגלאזן אור־טייל וועגן ספרי־חכמה, און אז איך וועל גיין אין לעבן מיט מיין אייגע־נעם דרך.

איך מוז היינט צוגעבן, אז מיר איז ניט לייכט אנגעקומען דאס לערנען זיך אלגעברע פונם „יסודי חכמת השעור". די דעמאלטדיקע ארעמע און ניט גאנץ דייטלעכע העברעאישע טערמינאלאגיע פאר דער „חכמת־האלגעברא", האט מיר אויסגעקוקט גאנץ פרעמד און משונהדיק. איך האב אבער מיט אן עכט קינדיש־יידישער עקשנותדיקייט בייגעקומען די אלע שוועריקייטן. דאס האט מיך אויפגעהויבן אין מיינע אייגענע אויגן, און איך האב באקומען א שטארקן חשק צו פאזיטיווע וויסנשאפטן.

היות, ווי איך האב דאן קיין אנדער שפראך, אויסער העברעאיש, ניט פארשטאנען, האב איך בײַ זיך אפגעמאכט צו דערווערבן די וויסנשאפט־לעכע העברעאישע ביכער, וועו אזעלכע איבערהויפט געפינען זיך.

און דער גאט, וואס שיקט צו דעם שפינער זיין ליין און דעם שענקער זיין וויין, האט מיר אויך צוגעשיקט דורך א זעלטענעם צופאל, אן אויס־געריסן בלעטעל פון א העברעאישן ביכל, וואו עס איז געווען אנגעגעבן די וויסנשאפטלעכע ביכער, „אבן השואבת" און „המנוחה והתנועה" פון צבי הירש ראבינאוויץ.

האב איך זיך געווענדט מיט א לשון־קודשדיקן בריוו, געשריבן אין א רבנישן נוסח, צו אברהם צוקערמאן אין ווארשע, מיט אן אנפראגע אויב ער האט אין זיין בוכהאנדלונג די ספרי־חכמה פונם מחבר צבי הכהן ראבינאוויץ, און וואס איז דער פרייז פון יעדן ביכל עקסטרא.

עס זיינען אריבער א פאר וואכן, און קיין ענטפער אויף מיין בריוו איז פון ווארשע ניט געקומען.

אין מיין געבורט־שטעטל איז דאן קיין בריוו־טרעגער ניט געווען. א מיידל, די טאכטער פונם פעלדשער, פלעגט פונאנדערטראגן די פאסט צוויי מאל אין וואך. אין יענע טעג פלעג איך זי אפווארטן בײַ דער פאסט מיט דער פראגע: האט זי ניט א בריוו פון ווארשע, פון צוקערמאנס בוכ־האנדלונג, פאר מיר?

ווען זי פֿלעגט מיר ענטפֿערן: „ביטאָ!“ פֿלעג איך פֿאַלן אין מײַנע אויגן און פֿלעג ווערן אויסער זיך.

און אומדערוואַרטעטערהייט איז די בריוו־טרעגערין אַרײַנגעקומען אין אונדזער הויז, און מיר דערלאַנגט אַ פּאָסט־קאַרטל פֿון צוקערמאַנען. מיט אַ שמייכל האָט זי מיך אַ פֿרעג געטאָן:

— נו, וואָס שרײַבט ער איך, דער דאָזיקער צוקערמאַן, איז כּדאַי געווען אײַער וואַרטעניש?

איבערלייענענדיג דאָס פּאָסט־קאַרטל, האָב איך זיך פֿונאַנדערגעלאַכט. עס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דער משכּיל און העברעאישער שרײַבער אַברהם צוקערמאַן, האָט אַ טעות געמאַכט, אָננעמענדיק מיך פֿאַר אַן על־טערן ייִדן. דערויף האָט שוין עדות געזאָגט די טיטול־שורה פֿונם פּאָסט־קאַרטל: „לחכם הנכבד רבי ראובן ברײנין, נרו יאיר!“

דער רבנישער נוסח פֿון מײַן בריוו און מײַן דעמאָלטדיקער כּתב האָבן, ווי עס שײַנט, געמאַכט אויף אים דעם אײַנדרוק, אַז דער בריוו־שרײַבער איז אַ זקן. און ווען אַ זקן, וועלכער לעבט אין אַ פֿאַרוואָרפֿן חסידישן שטעטל, וויל קויפֿן די ספֿרי־מדע פֿון צבֿי ראַבינאָוויץ, מסתּמא איז ער אַ „חכם נכבד“.

אים, צוקערמאַנען, האָט גאָר ניט געקאָנט אײַנפֿאַלן דער געדאַנק, אַז דער שרײַבער פֿונם בריוו איז גאָר אַ זעכצן־יאָריק ייִנגל.

אינם זעלבן טאָג האָב איך אָנגעשריבן אַ גרעסערן בריוו צו צוקער־מאַנען. אינם בריוו האָב איך אײַנגעוויקלט אַ פּאָר רובל — מײַן גאַנצן אָנגעזאַמלטן קאַפּיטאַל — און געבעטן אים ער זאָל זײַן אַזוי גוט און מיר צושיקן גלײַך דעם ספֿר „אבן השואבת“.

מיט אַ באַזונדערער כּוונה האָב איך אָנגעהאַלטן דעם נוסח פֿון אַ זקן אין דעם דאָזיקן בריוו. עס האָט מיר פֿאַרשאַפֿט שפּאַס צו פֿאַרשטעלן זיך ווי אַן אַלטער מאַן.

מיט ציטערנדיקע הענט, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און שווער אָטע־מענדיק, האָב איך אויפֿגעעפֿנט דעם „אבן השואבת“ און גענומען בלעטערן אין אים. די געדרוקטע צייכענונגען פֿון דעם, ווי אַ מאַגנעט ציט צו זיך צו שטיקלעך אײַזן; די צייכענונגען פֿון ספּעקטראַ־אַנאַליז מיט די זיבן פֿאַרבן פֿון רעגנבויגן, און אויך די אָפּצייכענונגען פֿון עלעקטרישע מאַ־שינען, האָבן מיך באַגײַסטערט. מיר איז ליכטיק געוואָרן אין די אויגן.

און איך האָב אָנגעהויבן שטודירן דעם „אבן השואבת“. בײַנאַכט, ווען איך פֿלעג קומען פֿון בית־מדרש, פֿלעג איך זיך אײַנשפּאַרן אין מײַן קע־מערל און צוכאַפּן זיך צום מאַגנעטישן בוך. יעדער זאַץ, יעדעס וואָרט, האָט געעפֿנט פֿאַר מיר אַ נײַע וועלט, אַ וועלט פֿול וואונדער.

כ'האָב אָנגעהויבן פילן, אַז מיר פעלט אַן אינטימער חבר, פאַר וועמען איך זאָל קאָנען אַנטפּלעקן מיין וויסן, וואָס איך האָב געשעפּט פונם „אבן השואבת", — אַ חבר, וועמען איך זאָל קאָנען דערציילן וועגן די גרויסע וואונדער, וואָס עס קומט פאַר אומאונטערבראָכן אין דער נאַטור.

צו יענער צייט האָב איך געהאַט צוויי חברים אינם בית־המדרש הגדול, וואו איך האָב געלערנט. איין חבר איז געווען דער ברודער פונם ראש־הישיבה, שלמה אַראָנסאָן* (דער דאָזיקער חבר אַראָנסאָן איז דאָס דער זעלביקער, וועלכער איז נאָך דעם געווען יאָרנלאַנג דער רב אין קיעוו, ביז ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין תל־אביב, וואו ער איז מיט אַ קורצער צייט צוריק נפטר געוואָרן). ער איז געווען מיט מיר אין איינע יאָרן. ער האָט זיך געהאַט אויסגעצייכנט מיט זיין קלאָרן און אָנגענעמען חתוך־הדיבור און מיט כוח־ההסברה. ער פלעגט זיך קליידן זייער ריין און זויבער. דער צווייטער חבר איז געווען מיט אַ יאָר אָדער צוויי עלטער פון אונדז. ער איז געווען אַ הויך־געוויקסיקער און אַ ברייט־פּלייציקער, מיט אַ באַס שטימע. ער איז געווען פון דער נאַטור אַ שווייגער.

מיר דרייען פלעגן צוזאַמען לערנען: צוויי מאָל אין דער וואָך, מאָנ־טיק און דאָנערשטיק, זיינען מיר אויף געווען די גאַנצע נאַכט. מיר פלעגן לערנען ביז דער עולם פלעגט קומען דאַווענען ותיקין. צוזאַמען פלעגן מיר גיין שפּאַצירן שבת פאַרנאַכט. מיר זיינען געהאַנגען איינער אין דעם אַנדערן. און דאָך האָב איך ניט געוואַגט צו אַנטדעקן זיי מיין סוד, אַז איך לייען און לערן ספרים חיצונים, ווי דעם „אבן השואבת". ווי שטאַרק מיר זיינען געווען באַפריינדעט, האָט אונדז דאָך געפעלט די אינטימע אָפנ־האַרציקייט.

ווען מיר איז אָבער געוואָרן שווער צו פאַרשטיקן אין זיך מיין התפעלות פונם "אבן השואבת", האָב איך אָנגעהויבן פאַרזיכטיק אַנט־פּלעקן זיי דעם סוד מיינעם. אַראָנסאָן איז פאַרבליבן גלייכגילטיק צו מיין באַגייסטערונג פון די עלעקטרישע וואונדער. אין זיינע אויגן איז געווען דער רמב"ם דאָס לעצטע וואָרט פון וויסנשאַפט. דער אַנדערער חבר אָבער, דער שטענדיקער שווייגער, איז געוואָרן מיט אַמאָל רעדעוודיק. ער האָט אַרויסגעצויגן פון זיין בוזים־קעשענע אַ געשריבענע מגילה, און ער האָט גענומען לייענען מיט זיין באַסאָווער שטימע, דאָס וואָס ער האָט אָנגע־שריבן מיט קרופּנע אותיות. עס איז געווען אַ מין ווידוי פון איינעם, וואָס

* שלמה הכהן אַראָנסאָן איז דער פאָטער פונם באַוואוסטן יידישן מאָלער ברוך אַראָנסאָן, און דער שווער פון נחמן מייזיל. — רעד'.

האָט חרטה אויף דעם, וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט זיין יוגנט אין לערנען זאַכן, וואָס האָבן קײן ממשות ניט. ער האָט זיך ניט באַנוגנט מיט דעם געשריבענעם ווידוי — אַ קוואַל פֿון ווערטער האָט זיך ביי אים געעפֿנט. ער האָט גענומען דערקלערן די נוצלאָזיקייט פֿון אונדזער לערנען, און די נויטווענדיקייט פֿון צו לערנען די רוסישע שפּראַך. זײנע ווערטער האָבן מיר אויסגעזען צו זיין זייער לאָגיש. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער בחור האָט זיך באַהאַלטענערהייט טאַקע אויסגעלערנט רוסיש. אונטער דעם אײנדרוק פֿון דעם דאָזיקן אָפֿענעם ווידוי, האָב איך זיך אויך גענומען לערנען די רוסישע שפּראַך. אין אַ משך פֿון צוויי חדשים האָב איך אויסגעלערנט די רוסישע גראַמאַטיק פֿון קירפּיטשניקאָוון אויף אויסווייניק, און די זעלביקע זאַך האָב איך געמאַכט מיט דעם רוסיש־העברעאישן ווערטערבוך פֿון לעאָן מאַנדלשטאַם.

צו יענער צייט בין איך געהאַט צוגעשטאַנען צו אַ קלײנער גרופּע פֿון פֿיר געוועזענע בית־מדרש בחורים, וועלכע האָבן אָנגעהויבן פֿלייסיק צו שטודירן דעם רוסישן לשון און איר ליטעראַטור.

דער גייסט פֿון יענער צייט, די השכּלה, איז אַריינגעדרונגען אין אונדזער קלײנער גרופּע. מיר האָבן אָנגעהויבן לייענען צוזאַמען דעם „אָטצי אי דיעטי" (פֿאָטער און קינדער) פֿון טורגעניעוו. באַזאַראָוו, דער העלד פֿון דער דאָזיקער דערציילונג, האָט אונדז שטאַרק פֿאַראינטערעסירט מיט זיין ניכטערן רעאַליזם. באַזאַראָוו איז געוואָרן דער אידעאַל פֿון מיינע נייע חברים, צווישן וועלכע איך בין געווען דער איינציקער, וועלכער האָט אָנגעהויבן צו גלייכער צייט מיט זיין לערנען זיך רוסיש, אויך צו לייענען די ניי־העברעאישע ליטעראַטור. איבערלייענענדיק דעם „עיט צבוע", פֿון אברהם מאַפּו, איז געוואָרן איינער פֿון די העלדן אין דעם דאָזיקן פֿינף־טייליקן ראָמאַן, נעמן, אַן אַגראָנאָם, מיין יינגלשער אידעאַל.

די הייסע ליבע פֿון אַברהם מאַפּו צו ערד־אַרבעט, צום שטילן נאַטור־לעבן און גאַנץ באַזונדערס צו בלומען, האָט ער איבערגעגעבן צום יונגן משכּיל, נעמן. און לייענענדיק דאָס חלומען פֿון נעמנ'ען וועגן פֿעלד־אַרבעט און וועגן גערטנעריי, האָב איך באַשלאָסן צו שטודירן אַליין אַגראָנאָמיע.

אין עלטער פֿון זעכצן־מיט־אַ־האַלבן יאָר, בין איך אַפּגעפֿאָרן פֿון לאָדי קיין האָרקע, וואו עס האָט זיך דאַן געפֿונען אַ באַרימטע אַגריקולטור שולע.

אין האָרקע האָב איך דאָן פֿאַרבראַכט ניין חדשים, אין וועלכע איך האָב זיך צוגעגרייט, כּדי אויפֿגענומען צו ווערן אין דער דאָזיקער שולע. ווען איך בין געקומען צו די עקזאַמענס, איז דער דעמאָלטדיקער דירעקטאָר, אַ פֿאַרפֿעסטעטער און ביטערער אַנטיסעמיט, וועלכער האָט זיך אויפֿ־

געפירט ווי אַ האַלב־משוגענער, מיך באַפאַלן מיט אַ זידלעריי, וועלכע איך האָב אים ניט פאַרשוויגן.

איינזעענדיק די אוממעגלעכקייט צו לערנען זיך אויף אַגראַנאָם, בין איך אָפּגעפאָרן קיין סמאָלענסק. די צייט וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין האָרקע בין איך, קערפּערלעך און גייסטיק, געבליט און געוואַקסן. צום ערשטן מאָל האָב איך אַליין פאַרדינט אויף אַלע מיינע באַדערפעניש. אַ פּאָר שעה אין טאָג פלעג איך לערנען מיט אַ בחורל אין מיינע יאָרן, תלמוד. מיין תּלמיד איז געווען דער בן־יחיד פונם אייזנבאַן אונטערנעמער (פּאָד־ריאַטשיק), שטיינמאַן.

מיינע באַקאַנטשאַפטן און פריינטשאַפטן, וואָס איך האָב געהאַט אָנ־געקניפּט אין האָרקע זיינען געווען פון איין זייט, דער רב און די עלטערע לומדים, און פון דער אַנדערער זייט, משכּילים און די פאָרגעשריטענע יוגנט. מיט די לעצטע פלעג איך זיך טרעפן אין דער ביבליאָטעק, וואו עס האָבן זיך געפונען די אַלע ביכער פון צבי הכּהן ראַבינאָוויץ, וואָס די חברה „מפיצי ההשכּלה" אין פּעטערבורג האָט עס אַרויסגעשיקט אַלס אַ מתּנה, כּדי צו פאַרשפּרייטן בילדונג. עטלעכע יאָר „השחר" פון פּרץ סמאָלענסקין, די „דבר הימים" פון קלמן שולמאַן, „חטאות נעורים" פון משה ליב ליליענבלום, וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פון דרוק. אין רוסיש האָבן זיך געפונען די ביכער פון פּושקינען, די דראַמעס פון אָסטראָווסקין, דערציילונגען פון דאָסטאָיעווסקין, פון גראַף ליעוו טאָלסטאָי, פון איוואַן טורגעניעוו און אַ רוסישע איבערזעצונג פון דער ענגלישער שפּראַך, דעם דאַמאָלט פּאָפּולערן בוך „די געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד", פון באָקל, און אויך עטלעכע בענדער פון די דערציילונגען פון טשאַרלס דיקענס.

אויף די שפּאַצירן, אין דעם שיין־געפלאַנצטן גאָרטן פון דער אַגריקול־טור־שולע, מיט די מערסט־געבילדעטע יונגע מענטשן, האָבן מיר היציק דעבאַטירט וועגן די אויבן־אָנגערופענע רוסישע שרייבער (צו יענער צייט בין איך געווען דער איינציקער לייענער פון די העברעאישע ביכער — און דעריבער איז מיר געווען אוממעגלעך צו פירן אַ וויכּוח מיט די דאָזיקע בחורים וועגן זיי), און די דאָזיקע דעבאַטעס האָבן ביי מיר דער־וועקט דעם געדאַנק צו ווערן אַליין אַ שריפטשטעלער, אַ שריפטשטעלער אין דעם מאָדערנעם זין. און שוין דער געדאַנק אַליין וועגן דעם, האָט מיר געגעבן פליגלען צו פליען אין די הויכע ספערן. שוין די האָפנונג אַליין צו ווערן אַ שרייבער פון ביכער, וואָס די יוגנט וועט זיי לייענען און פירן וועגן זיי פלאַם־פייערדיקע וויכּוחים, האָט מיך גליקלעך געמאַכט. מיינע

באַגעגענישן מיט פֿאַרשײדענע מענטשן פֿונם אַלטן דור, װי אױך פֿונם נײעם, האָבן אין מיר דערװעקט דעם חשק צו שילדערן זײ.

אין געװיסע אָװנטן פֿלעג איך זיך אײנשפּאַרן אין מײן צימער און פֿלעג זיצן בײ דעם קעראָסין־לאָמפּ אַ גאַנצע זומער נאַכט און שרײבן.

בײם שרײבן פֿלעג איך דאַן פֿילן גרױס פֿאַרגעניגן, שאַפֿערישן פֿאַרגעניגן. בײם שרײבן האָבן זיך מײנע געדאַנקען אײנגעשטעלט. כאַאָטישע געפֿילן האָבן אָנגענומען האַרמאָנישע געשטאַלטן. באַשרײבנדיק מענטשן און זאַכן, זײנען זײ פֿאַר מיר אַלײן קלאָר געװאָרן, דאָס אומפֿאַרשטענדלעכע אין זײ איז מיר געװאָרן פֿאַרשטענדלעך. מיך האָט דאַן געצױגן צו באַשרײבן אָרעמע, אומגליקלעכע מענטשן. מיט אַ באַזונדערן ציטער האָב איך געהאָט געשילדערט קראַנקע און לײדנדיקע קינדער. איך האָב דערבײ אַלײן געליטן פֿון דער פֿראַגע: פֿאַרװאָס זאָלן אומשולדיקע קינדער לײדן? װאו איז די געטלעכע גערעכטיקײט?

איך האָב אױך דאַן באַשריבן, מיט אַן אינערלעכן ברען און לײדנשאַפֿטלעך, שײנע יונגע פֿרױען, װעלכע װערן באַלײדיקט און געטראָטן אונטער די פֿיס פֿון גראָבע העסלעכע מענער. איך בין געװען פֿאַראינטערעסירט צו שילדערן מענטשן, װאָס לײדן פֿון פֿאַרשײדענע אײנבילדונגען, מענטשן מיט אַן „אידײע פֿיקס", מענטשן, װאָס רײדן זיך אײַן, אַז זײ האָבן אַנטדעקט אָדער דערפֿונדן זאַכן, װאָס װעלן אױסלײזן די מענטשהײט פֿון אַלע אירע צרות.

פֿון דעם איז צו זען, אַז איך בין געװען פֿאַראינטערעסירט מיט אַלגעמײן־מענטשלעכע פּראָבלעמען, ניט קוקנדיק אױף דעם, װאָס איך האָבן דאַן געקענט און געװאוסט נאָר ײדישע מענטשן.

דאָס אױפֿגעשריבענע פֿלעג איך אַװעקלײגן אָן אַ זײט. איך האָב עס קײנעם ניט, אַפֿילו ניט מײנע אינטימסטע פֿרײנט, ניט פֿאָרגעלײענט און ניט באַװיזן. האָב איך עס אַלײן געלײענט אין אַ צײט אַרום, איז עס מיר נישט געפֿעלן געװען. איך האָב געװאוסט, אַז מײן שרײבעכץ איז ניט רײף. איך האָב עס אַלײן זײער שטרענג, אומברחמנותדיק קריטיקירט, ניט קוקנדיק אױף דעם, װאָס איך האָב עס געשריבן מיט באַגײסטערונג און אין אַ באַרױשטן צושטאַנד.

* * *

אין סמאָלענסק האָב איך דאַן פֿאַרבראַכט אַ פּאָר יאָר. אין דער דאָזיקער צײט האָב איך זיך צוגעגרײט אַלס עקסטערנער ניט נאָר אין די אַלגעמײנע גימנאַזיע־לימודים, נאָר אױך, און איבערהױפּט, אין די געגנשטאַנדן, װאָס זײנען נױטיק צו װיסן און צו קענען פֿאַר אַ העברע־

אישן שרײַבער. איך וויל דאָ גלײַך באַמערקן, אַז ווען איך האָב נאָך אין יענע ייִנגלשע יאָרן באַשלאָסן צו ווערן אַ שרײַבער, האָב איך גאָר אַנדערש ניט געדענקט, ווי נאָר אַ העברעאישער שרײַבער.

דער קרײַז פֿון מײַנע באַקאַנטע און פֿון מײַנע פֿרײַנט אין סמאָלענסק איז געווען זייער אַ ווײַטער און אַ ברייטער. צו דעם דאָזיקן קרײַז האָבן געהערט דער אַזוי גערופֿענער אָרטאָדאָקסישער רבֿ, צוקערמאַן. און ווען ער איז געשטאָרבן, בין איך געוואָרן שטאַרק באַפֿרײַנדט מיט דעם דעמאָלט נײַ־אויפֿגענומענעם רבֿ, סאָלאָווייטשיק, אַ זון פֿונם דעמאָלט נאָך לעבעדיקן גאון ר׳ יאָשע בער פֿון בריסק, און אַ ברודער פֿון דעם מערקווירדיקן גאון רבי חיים סאָלאָווייטשיק. אַ געוויסע צײַט האָב איך געוואוינט ביי דעם דאָזיקן רבֿ, מיט וועלכן איך האָב טעגלעך, שטונדן־לאַנג פֿאַרבראַכט אין דברי־תּורה. ער איז געווען אַ זייער טאָלעראַנטער מענטש, אַ ייִד אַ פּיקח.

איך בין געווען אויך שטאַרק באַפֿרײַנדט, די גאַנצע צײַט וואָס איך האָב געלעבט אין סמאָלענסק, מיט משה גראַד, וועלכער האָט מיך שטאַרק מקרבֿ געווען. גראַד איז געווען אַן ערשט־קלאַסיקער אַדוואָקאַט, וואָס האָט געהאַט די רײַכסטע און אַריסטאָקראַטישסטע קליענטעל. אַ געוועזענער ישיבֿה־בחור, אַן עלוי, האָט ער פֿון זיך אַליין אויסגעשטודירט דעם רוסישן „סוואָד זאַקאָנאָוו" (געזעץ בוך), און איז געוואָרן אַ פּריוואַטער אַדוואָקאַט, וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אין ציוויל־געזעץ, אין דיני־ממונות. זײַן יערלע־כער אײַנקונפֿט איז געווען געשאַצט מער ווי הונדערט טויזנט רובל אַ יאָר. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער האָט געלייענט אין פֿיר שפּראַכן די וויכטיקסטע ביכער, האָט ער דאָך געפֿונען צײַט צו לייענען אַלצדינג, וואָס איז דערשינען אין העברעאיש.

גראַד איז געווען פֿון די ערשטע „חובֿבֿי־ציון" אין רוסלאַנד, און פֿון די גאַנצע ערשטע טוער אויף דעם העברעאישן קולטור־געביט. ער האָט נאָך קאָרעספּאָנדירט מיט פּרץ סמאָלענסקין און מיט ד״ר לעאָ פּינסקער. די פֿרײַנטשאַפֿט וואָס גראַד האָט מיר עפֿנטלעך אַרויסגעוויזן, האָט מיך אויפֿגעהויבן אין די אויגן פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ אין סמאָלענסק. איך בין געווען אַן אינטימער פֿרײַנט פֿון דעם ייִדישן פֿאָלקאָוואַי דאָקטאָר, אײַזנבערג, און פֿון דער פֿיל־פֿאַרצווייגטער זעלקין פֿאַמיליע, וואו איך האָב זיך באַקענט מיט דעם גאון מלבי״ם, דעם שווער פֿון הושע זעלקין.

אין סמאָלענסק האָט איך געלערנט די פֿראַנצויזישע שפּראַך. מײַן לערער איז געווען אַ געבוירענער פֿראַנצויז, טיבאָ דע־ברינאַל, אַ מחבר פֿון אַ פּאָר ביכער אין פֿראַנצויזיש (אין איינעם פֿון מײַנע העברעאישע אַרטיקלען האָב איך מיט צענדליקער יאָרן צוריק, באַשריבן די מערק־ווירדיקע פּערזענלעכקייט פֿון דעם דאָזיקן פֿראַנצויז).

די דײַטשע שפּראַך און ליטעראַטור האָב איך אָנגעהויבן אַלײן צו שטודירן. גראַדס רײַכע פּריוואַטע ביבליאָטעק איז געווען פֿאַר מיר אָפֿן צו יעדער צײַט. איך האָב דאָרט געפֿונען די אַלע ביכער אין די פֿאַרשײדענע שפּראַכן, אויך די העברעאישע ליטעראַטור וואָס איך האָב געברויכט.

אין סמאָלענסק האָב איך אויך פֿלײסיק שטודירט די רוסישע ליטעראַטור, גאַנץ באַזונדערס די קריטישע ביכער פֿון בעלינסקי, דאָבראָליובאָוו, פּיסאַרעוו און סקאַביטשעווסקי.

פֿון מײַן סמאָלענסקער עפּאָכע געפֿינט זיך בײַ מיר אַ כאַראַקטעריסטיק, וואָס איך האָב געשריבן אין העברעאיש פֿון אַ שריפֿטשטעלער און אַ קינסטלער. אין מײַנע דרײַסיקער יאָרן האָב איך אין אײנעם פֿון מײַנע העברעאישע אַרטיקלען באַנוצט די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק, וועלכע איך זעץ דאָ איבער אין ייִדיש:

„די אינערלעכע וועלט פֿונעם שרײַבער איז רײַך און פֿילפֿאַרביק, ער איז פֿול מיט אינערלעכע ווידערשפּרעכונגען און מיט טיפֿע קעגנזאַצן. אין זײַן נשמה קעמפֿט גאָט מיטן שטן.

„יעדער ריכטיקער שרײַבער און קינסטלער געפֿינט זיך שטענדיק אין דער מדרגה פֿון אַן עולה ויורד, פֿון אַן אויפֿשטײַגנדיקן און אַן אַראָפּשטײַגנדיקן. ער פֿאַלט און ער הייבט זיך אויף, ער ווערט באַזיגט אָבער צו גלײַכער צײַט בלײַבט ער אויך דער זיגער. ער האַלט שטענדיק אין אײן שטרעבן און בענקען נאָך העכערס און שענערס, אין אײן האָפֿן און אַנטוישן זיך. צו גלײַכער צײַט שטויסט ער די מענטשן פֿאָראויס, און ער ווערט אַלײן אויך געשטויסן. טויזנטער אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן, ווי אויך וועלטן, וועלכע זײַנען נאָך ניט געבוירן געוואָרן, דרעמלען אין אים. אומצאָליק זײַנען די באַציאונגען צו דער נאַטור און צו מענטשן...״

דער גרויסער רעספּעקט פֿאַרן עכטן שרײַבער, לעבט אין מיר ביז אויף הײַנטיקן טאָג.

23טן מאַי, 1937.

אַרײַנפֿיר

מײַן לעבן אין די אײראָפּעאישע שטעט איז געווען צו רײַך אין פּאַסירונגען און איבערלעבונגען. עס איז צו ענג פֿאַרקניפּט מיט דער קולטור־געשיכטע פֿון אונזער פֿאָלק פֿאַר די לעצטע פֿערציק יאָר. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך האָב זיך אין די דאָזיקע פֿאַרלאָפֿענע פֿערציק יאָר שטרענג און פֿעסט געהאַלטן אין איין ליניע: די ליניע פֿון דעם יידישן רענעסאַנס, די אויפֿלעבונג פֿונעם יידישן פֿאָלק, פֿונעם יידישן לאַנד און פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור — ניט קוקנדיק אויף מײַן קלאָרער און זיכערער שטעלונג זינט איך האָב אָנגעהויבן דענקען און שרײַבן פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט, האָב איך פֿערזענלעך שטענדיק פֿאַרקערט מיט פֿאָרשטייער פֿון פֿאַרשיידענע פּאַרטייען און ריכטונגען אינעם יידנטום, מיט שרײַבער, געלערטע און קינסטלער פֿון אַלערליי ריכטונגען און פֿון פֿאַרשיידענע לענדער.

איך האָב זיך קיינמאָל ניט געוואָלט, און אויך לויט מײַן טעמפּעראַמענט און וועזן ניט געקאָנט, אײַנשליסן אין אַן ענגן קרייז. אַלץ וואָס לעבט, וואָס דענקט, וואָס שאַפֿט און קעמפֿט, האָט מיך שטענדיק אינטערעסירט און שטאַרק צוגעצויגן. גראָד אין די קרייזן פֿון אידעען־קעגנער, אין קרייזן פֿון אַנטקעגנגעזעצטע ריכטונגען, האָב איך געשמידט און געגרונדעט מײַנע נאַציאָנאַלע אָנזיכטן. גראָד אין אַ גייסטיקער אַטמאָספֿערע, וואו די אַסימילאַציע איז געווען הערשנדיק; גראָד אין קרייזן, וואו מען איז געווען פֿײַנטלעך צום יידנטום און זײַנע האָפֿענונגען — גראָד דאָרט האָב איך געשעפּט מײַן באַגייסטערונג פֿאַר דעם יידישן רענעסאַנס, פֿאַר דער אויפֿלעבונג פֿונעם יידישן פֿאָלק און פֿאַר דער אויפֿלעבונג פֿון זײַן קולטור.

איך בין שטענדיק געווען איבערצייגט, און אַזוי ביז אויף הײַנטיקן טאָג, אַז מ'קאָן לערנען נוצלעכס פֿון יעדער פּאַרטיי, פֿון יעדער ריכטונג, אַפֿילו פֿון יעדן אײנצלנעם מענטשן (ווען אַפֿילו נאָר דאָס, וואָס מען זאָל ניט טאָן, ניט אַזוי דענקען, אָדער גראָד פֿאַרקערט האַנדלען). איך בין שטענדיק געווען אַ קעגנער פֿון יעדער אײנזײַטיקייט, פֿון יעדער עקשנות און אײַנגעשפּאַרטקייט, וואָס מאַכט בלינד און טויב און וואָס מאַכט אומפֿעאיק זעלבסטשטענדיק צו דענקען און צו אַנטוויקלען אַן אידעע, וואָס

מאַכט אומפּעאיק צו דערוווייטערן און צו העכערן דעם האָריזאָנט פֿון דער אייגענער גייסטיקער וועלט.

די דאָזיקע אייגנשאַפֿטן האָבן מיך געבראַכט צו האָבן לעבעדיקע באַציאונגען מיט די עקסטרעמסטע ריכטונגען אין דער יידישער וועלט.

איך בין שטענדיק געווען הונגעריק און דורשטיק נאָך לעבעדיקע, דענקענדע מענטשן צו וואָס פֿאַר אַ שול, אָדער צו וואָס פֿאַר אַ פּאַרטיי אָדער קרייז זיי זאָלן ניט געהערן. איך האָב דעם דאָזיקן דורשט קיינמאָל ניט געקאָנט שטילן.

אין די יינגערע יאָרן בין איך געווען אַ היציקער און ליידנשאַפֿט־לעכער דעבאַטאַנט. איך האָב ביי יעדער געלעגנהייט געזוכט צו האָבן אַ שאַרפֿן וויכּוח מיט קעגנער פֿון מיינע אייגענע אַנזיכטן וועגן יידישע פּראָ־בלעמען, וועגן פֿאַרשיידענע ריכטונגען אין דער פֿילאָזאָפֿיע, ליטעראַטור און קונסט ווי וועגן אַלגעמיינע וועלט און לעבנס־פּראָבלעמען. און איך מוז צוגעבן, אַז איך האָב אויך פֿון מיינע אידעען־קעגנער פֿיל געלערנט.

אַדאַנק דעם האָב איך קענען געלערנט פֿון דער נאָענט די מייסטע שאַפֿנדיקע כּוחות, די אינטערעסאַנטסטע מענטשן פֿון אונדזער דור, ריכ־טיקער: פֿונעם דור, וואָס פֿאַרשווינדט און לאָזט פּלאַץ פֿאַר אַ נייעם דור.

זעענדיק ווי מיין דור, ווי מיינע צייטגענאָסן שטאַרבן אָפּ און נאָך זייער ווייניק זיינען נאָך איבערגעבליבן, און אויך די שארית הפליטה זיינען מיד און שוואַך, נעמט מיר אָפּט אָן אַ חשק צו שרייבן מיינע זכרונות, דער־אינערונגען, וועלכע קאָנען זיין נוצלעך פֿאַרן שרייבער פֿון דער קולטור־געשיכטע.

איך וויל גלויבן, אַז מיינע זכרונות, מיינע איבערלעבונגען, מיינע באַגעגענישן מיט אַלערליי מינים מענטשן, מיינע דערפֿאַרונגען אויף דעם ליטעראַרישן געביט, מיינע שילדערונגען פֿון פֿאַרשיידענע טיפּן, פֿאַרשיי־דענע מערקווירדיקע מענטשן און סיטואַציעס קאָנען אינטערעסירן יעדן לעזער. מיינע זכרונות פֿאַרמאָגן אַ שטיק פֿון אונדזער לעבן.

איבעריקנס, ווער ווייסט גענוי מיט וואָס דער יידישער לעזער אינ־טערעסירט זיך. איך ווייס דאָס זיכער ניט. וועגן דעם העברעאישן לעזער, אין פֿאַרשיידענע וועלט־טיילן און אין פֿאַרשיידענע לענדער, גלויבט זיך מיר, האָב איך אַ געוויסע פֿאָרשטעלונג, אַ געוויסן באַגריף. עס איז זייער מעגלעך, אַז אויך דאָס דאָזיקע גלויבן איז ניט באַגרינדעט, און איך האָב אַ טעות.

דער יידישער לעזער אָבער, באַזונדערס אין אַמעריקע, איז פֿאַר מיר אַ רעטעניש, איז פֿאַר מיר אומבאַגרייפֿלעך, איז מיר פֿולשטענדיק פֿרעמד און אומבאַקאַנט. איך ווייס קיינמאָל ניט, פֿאַר וועמען שרייב איך, אויב

אימיצער האט אַ שטיקל אינטערעס פאַר דעם, וואָס איך שרייב ווען זיי זיינען ניט גלייכצייטיק אויך העברעאישע לעזער.

נאָר דער רייגער אמת איז, אַז איך האָב קיינמאָל ניט געשריבן, ניט אין העברעאיש און ניט אין יידיש, כּדי צו געפינען חן אין די אויגן פון מיינע לעזער. איך האָב זיך קיינמאָל ניט געפרעגט: מיט וואָס און ווי אַזוי קאָן איך פאַראינטערעסירן מיינע לעזער?

איך שרייב דאָס, וואָס איך געפין פאַר נויטיק, ניט רעכנענדיק זיך מיט דעם, וואָס די לעזער פאַרלאַנגען, אָדער דאָס, אין וואָס זיי געפינען געשמאַק. און איך גלויב, אַז אַזוי טוט יעדער שרייבער, וואָס נעמט זיך ערנסט און דינט אַ געוויסן אידעאַל. אַז אַך און ווי וואָלט געווען צו דער ליטעראַטור, וואָס אירע שרייבער רעכענען זיך נאָר מיט דעם פאַרלאַנג און מיטן געשמאַק פון די מייסטע לעזער. איך מוז זיך מודה זיין, אַז פיל מאָל שרייב איך זאַכן, וואָס זיינען אַ פּראָדוקט פון אַ געוויסער שטימונג, פון אַ צייטווייליקער שטימונג, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט פאַראויסגעע־רעכנטע כּוונות. די צייטווייליקע שטימונג פון אַ שרייבער איז די שטימונג פונעם מאָמענט, פון דער צייט. אין איר שפּיגלט זיך אָפּ אַ געוויסע שטי־מונג, אָפּטמאָל אַן אונטערערדישע פונעם צייט־גייסט. דער שרייבער, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם לעבן פון זיין פאָלק און פון זיין צייט, ווערט פיל מאָל אומבאַוואוסט זייער שפּראַך־אָרגאַן.

איך רעכן פאַר נויטיק צו מאַכן דאָ אַ קליינע באַמערקונג: ווען איך האָב געזאָגט, אַז דער שרייבער, וואָס נעמט זיך ערנסט, דאַרף זיך ניט רעכענען מיט די לעזער, איז מיין כּוונה געווען נאָר, אַז ער דאַרף זיך ניט רעכענען מיט דעם פאַרלאַנג פון די לעזער בנוגע דער זאַך וועגן וואָס ער זאָל שרייבן, בנוגע די אָנזיכטן און מיינונגען, וואָס ער זאָל אויס־דריקן, אויך בנוגע דעם טאָן און געשמאַק. אין אָט די זאַכן איז דער שרייבער דער פאָלקס־לערער, דער געזעצגעבער, דער ווייטזעענדיקער, דער וועקער און רופער, דאָס געוויסן פון פאָלק, דער מוח פון די מאַסן, דער גייסטיקער פירער, דער אָנזאָגער, דער שטראָפער א. אַ. וו. און דערי־בער מוז ער וועגן און איבערלייגן יעדעס וואָרט, יעדן אויסדרוק, מוז זיך אָפּהיטן פון אַ צווייטייטיקן אויסדרוק, פון אַ גראָבן וואָרט, פון אַ צור־ביליקן וויץ אָדער משל, ווי פון אַ ניט צניעותדיקן קיצל מיט דער פעדער. ער דאַרף אַכטן זיין כּבוד און דעם כּבוד פון זיינע לעזער, ווען ער וויל אַז זיינע ווערטער זאָלן געפינען אַ ווייטן אָפּקלאַנג און זאָלן ווירקן דער־ציעריש.

דער שרייבער מוז זיך אָבער רעכענען מיט זיינע לעזער, מיט דעם וואָס איז נוגע צו דער קלאָרקייט און איינפאַכקייט פון זיין שפּראַך, אַז

מ׳זאָל אים ריכטיק און אָן מי פֿאַרשטיין. מ׳קאָן און מען זאָל שרייבן אַפֿילו איבער די העכסטע ענינים אויף אַזאַ אופֿן, אַז עס זאָל זיך לייכט לייענען, אַז עס זאָל זיך אָנגענעם לייענען און אַז עס זאָל ווירקן. ווייל דער תּכלית פֿון יעדער שרייבעכץ איז דאָך, סוף־כּל־סוף, אַז מ׳זאָל דאָס לעזן און לעזן מיט פֿאַרגעניגן, כּדי מען זאָל די לעזער פֿאַרכאַפּן אין אַ העכערער, אין אַ ריינער ספֿערע פֿון געדאַנקען און געפֿילן.

עס איז מיר געווען שווער צו באַשליסן זיך דרוקן מיינע זכרונות אין יידיש, פֿאַר לעזער, וואָס איך האָב ניט וועגן זיי אַ קלאָרע פֿאַרשטעלונג.

נאָך אַ לענגערער איבערלעגונג האָב איך באַשלאָסן צו פּרובירן פֿאַר־עפֿנטלעכן פּרקים פֿון מיינע זכרונות. כּל זמן דער זכרון דינט, כּל זמן די פֿעדער באַוועגט זיך אָן מי, ווילט זיך שילדערן און דערציילן וועגן פּערזאָנען און פּערזענלעכקייטן איידער זיי זיינען געוואָרן אַ לעגענדע; עס ווילט זיך איבערלאָזן אין דער ליטעראַטור אַ שפּור פֿון מענטשן, וואָס האָבן פֿיל אויפֿגעטאָן פֿאַרן יידישן פֿאָלק און די לייענער־וועלט ווייסט גאָר נישט וועגן זיי. עס ווילט זיך דערציילן וועגן וואונדערבאַרע מענטשן, וואָס איך האָב געהאַט דאָס גליק זיי קענען צו לערנען. עס ווילט זיך דער־ציילן וועגן פּאַסירונגען און געשעענישן וואָס זיינען אומבאַקאַנט דעם גרויסן עולם, און דער יינגערער דור האָט וועגן זיי קיין אָנונג. דאָס יידישע לעבן איז זייער רייך געווען אין דעם דור, וואָס גייט אַוועק, און עס ווילט זיך ראַטעווען פֿון אַ טייל פֿון דער רייכקייט פֿאַר דער ליטעראַטור.

איך וויל זיך באַמיען אָביעקטיוו צו זיין ווי ווייט עס איז נאָר מענטש־לעך מעגלעך. איך וויל גערעכט זיין אויך צו עקסטרעמע קעגנער.

איך וויל זיך נעמען די פֿרייהייט ניט סיסטעמאַטיש צו זיין אין איבער־געבן מיינע זכרונות, ווייל איך וויל דאָ ניט שרייבן מיין אויטאָביאָגראַפֿיע.

איך וויל פּרואוון צו געבן יעדעס מאָל אָן אָפּגעשלאָסענעם פּרק וועגן געוויסע פּערזאָנען אָדער געשעענישן, האַלטנדיק זיך ביי דעם כּלל: אין מוקדם ומאוחר, נישטאָ קיין פֿריער און שפּעטער, אַפֿילו אין מעמוּאַרן. איך וויל ניט זיין כראָנאָלאָגיש און שריט ביי שריט דערציילן און שילדערן די זאַכן און פּאַסירונגען.

איך וויל ניט אַפֿריער זאָרגן פֿאַר דעם גאַנצן פּלאַן פֿון מיינע מע־מואַרן. די זכרונות אַליין וועלן שוין פֿאַר דעם זאָרגן.

מערץ 18, 1923.

מײַנע יונגע יאָרן

אין מײַן געבורטשטאָט לאַדי

I

זינט איך געדענק זיך, איז מײַן העכסטער אידעאַל אין לעבן געווען דער שריפֿטשטעלער, דער מחבר.

נאָך אַלס קינד האָב איך געטרוימט און געהאָפֿט צו ווערן מיט דער צײַט אַ מחבר, אַ מענטש, וואָס שרײַבט ספֿרים, וועלכע די אַנדערע לערנען און האַלטן זיי הייליק.

אַלס ייִנגל איז מײַן אידעאַל געווען צו ווערן אַ מחבר פֿון „שאלות־ותשובות" און פֿון מוסר־ספֿרים.

פֿון קיין אַנדערן סאָרט מחברים, שריפֿטשטעלער, האָב איך דאַן קיין אַנונג ניט געהאַט.

איך האָב דאַן גאָר נישט געוואוסט, אַז עס זײַנען דאָ אויף דער וועלט אַנדערע מינים ספֿרים אין לשון קודש, ווי די וואָס איך האָב טעגלעך געזען און געבלעטערט אין די גרויסע, הויכע אַלמערס אין די בתי־מדרשים.

איך האָב קיין אַנונג ניט געהאַט, אַז עס געפֿינען זיך ספֿרי־חול (וועלטלעכע ספֿרים) אין דער הייליקער שפּראַך.

אין די ייִנגלשע יאָרן בין איך געווען אַ גרויסער מתמיד. מײַן לימוד איז געווען ש"ס און פּוסקים. צוויי נעכט אין דער וואָך פֿלעג איך אויף־זײַן אין בית־המדרש, שטיין ביים עמוד און לערנען גמרא אויפֿן קול און מיט חשק. איך האָב געהאַט אַ נאָמען אין דער גאַנצער געגנט אַלס אַ וווּנ־דער־קינד. מענטשן פֿלעגן וועגן מיר דערציילן גאַנצע מעשיות, לעגענדעס. מ'האָט מגזם געווען, צו שטאַרק איבערגעטריבן רעדנדיק וועגן מײַנע פֿעאיקייטן, וועגן מײַן חריפֿות און וועגן מײַן זכרון. איך האָב אַ געווויסע צײַט, אין די ייִנגלשע יאָרן, געלערנט מיט רבי זלמן לאַדיערס אייניקלעך. רבי זלמן (דער זון פֿון רבי מענדעלע לובאַוויטשער און דאָס אייניקל פֿונעם רבי שניאור־זלמן, דער בעל־„התניא" און דער מחבר פֿונעם שולחן ערוך) — וואָס די חסידים פֿלעגן אים פֿאַרגעטערן, האָט מיך אָפֿט פֿאַרהערט און שטענדיק מיך געשטעלט אַלס ביישפּיל פֿאַר זײַנע אייניקלעך, זיי זאָלן פֿון מיר נעמען מוסר־השכל.

מײַן איבערטריבענער נאָמען צווישן די לומדים, דער רעספּעקט, וואָס עלטערע ייִדן פּלעגן מיר, דעם ייִנגל, אַרויסווײַזן, האָט מיך געצוואונגען גײַסטיק צו אָנשטרענגען זיך איבער מײַנע קינדישע כּוחות. איך האָב געוואָלט באַרעכטיקן די וואונדער־מעשׂיות, וואָס מען האָט דערציילט וועגן מײַנע פֿעאיקייטן און וועגן מײַן התמדה, ווײַל אין האַרצן האָב איך געוואוסט, אַז איך בין ניט ווערט אַזאַ לויב, אַזאַ גוטן נאָמען. איך פּלעג זיך שעמען הערנדיק, וואָס ייִדן מיט בערד רעדן וועגן מיר מיט התפּעלות.

אויסער דער גמרא, פּוסקים און שאלות ותּשובֿות, האָב איך פֿון די קינדערשע יאָרן אָן אַ גאַנץ באַזונדערן אינטערעס געהאַט פֿאַר מאַטעמאַטיק, חכמת־החשבון, איך האָב קיין לערער ניט געהאַט פֿאַר דעם (איבערהויפּט איז אין מײַן געבורטסשטאָט צו יענער צײַט קיין לערער ניט געווען פֿאַר לומדי־חול, פֿאַר וועלטלעכע קענטענישן).

מײַן פֿאָטער אָבער איז געווען אַ גרויסער בעל־חשבון, אַן אויטאָדידאַקט, ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן שאַרפֿן מוח, און ער האָט עס אַרויסגערופֿן מײַן אינטערעס, ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין קינד, פֿאַר קאָמפּליצירטע רעכענונגען.

אָפֿט פֿלעגט ער מיר אויפֿדעקן שווערע אויסרעכענונגען און רעטענישן, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט חכמת התשבורת (ברוך־צאָלן). מײַנע שנעלע און ריכטיקע ענטפֿערס פֿלעגן איבעראַשן די דערוואַקסענע.

איך האָב אין די ייִנגלשע יאָרן קיין ציפֿער ניט געקענט שרײַבן. אַלע שווערע רעכענונגען פֿלעג איך מאַכן אין קאָפּ. איך האָב אויסגעזוכט אַלע אַלטע ספֿרים, וואו עס איז געווען חכמת־החשבון און חכמת־המדידה (געאָמעטריע).

די ספֿרים פֿון יש״ר מקנדיא, דער רמב״ם איבער תּקופֿות ומזלות, דער „איל משולש״ פֿון ווילנער גאון א. ד. ג., זײַנען געווען פֿאַר מיר אַן אַנטפּלעקונג, אַן אָפּרו פֿונם תּלמודישן פּלפּול. שווער איז געווען פֿאַר מיר אַן די אַלטע טערמינאָלאָגיע פֿון די אויבנדערמאָנטע ספֿרים, און מיט פֿאַרגעניגן און קינדישע דרייסטקייט האָב איך זיך באַמיט צו פֿאַרשטיין.

מײַן קאָפּ איז געווען שטענדיק פֿול מיט צאָלן און דימענסיעס. די מאַטעמאַטיק איז געווען מײַן לײַדנשאַפֿט, מײַן פּאָעזיע, מײַן מיסטיציזם.

די וועלט איז געווען אין מײַנע אויגן פֿול מיט פּראָפּאָרציעס, צאָלן און פֿלאַכן: — אַ מאַטעמאַטישע אויפֿגאַבע.

די שטענדיקע שווערע קאָפּ־אַרבעט, דער צופֿיל ערנסט, דאָס פֿעלן פֿון שפּיל, אויסרו און וואָסערע ס'איז סיסטעם אין מײַנע לימודים: די אויסערגעוויינלעכע גײַסטיקע אָנשטרענגונג צו פֿאַרדינען דעם נאָמען,

וואָס איך האָב שוין געהאַט — דאָס אַלץ האָט געבראָכן מיין געזונט, הגם איך בין געווען פון דער נאַטור שטאַרק, נאָרמאַל און געזונט געבויט.

איך בין אַלט געווען עלף יאָר, ווען איך בין מיט אַמאָל פּלוצלונג קראַנק געוואָרן. די קראַנקהייט איז באַשטאַנען אין אַ שטענדיקער שוואַכ־קייט. אין מיין גוט און פעסט־געבויטן קערפּער, ווי אין מיין קלאָר און געזונט־געשאַפענעם גייסט, איז פאָרגעקומען אַן אינערלעכע אומבאַ־וואוסטע רעוואָלוציע, אַן איבערקערעניש.

די קערפּערלעכע אָפּשוואַכונג איז געווען אַ געוויסע אַנטשפּאַנונג, אַ רעאַקציע, אַ פּראָטעסט קעגן מיין פריער רייפקייט, קעגן דער צו־שטאַרקער און אומגעוואוינלעכער מוח־אָנשטרענגונג אויפן חשבון פון דעם וואַקסנ־דיקן קינדערשן קערפּער.

עס איז אין מיין וועזן דאַן פאָרגעקומען אַזאַ טיפע ענדערונג, אַז איך האָב זיך דאַן, אַלס עלף־יאָריקער יינגל, געפונען אין אַ פיזיש־גייסטיקן צושטאַנד, וואָס מען קאָן באַצייכענען אין אַ געוויסער מאָס מיטן נאָמען: אַ הקדמה צו אַ נייער געבורט, ווידערגעבורט, די הקדמה צו אַ געוויסער פיזיש־ גייסטיקער אויסגלייכונג..

די געהיימע נאַטור־קרעפטן זיינען געווען אין דער אַרבעט.

מיין שוואַכקייט, מיין אַנטשאַפונג איז געווען אַ מאַנונג, אַ דראָאונג צו מיינע עלטערן. איך האָב אויפגעהערט גיין אין בית־המדרש לערנען. די עלטערן פלעגן מיך ניט לאָזן אויך אין דער היים אַריינקוקן אין די גרויסע שווערע ספרים.

אין דער צייט פון מיין קערפּערלעכער שוואַכקייט, האָב איך זיך אָפּ־געקערט און דערוויטערט פון מיינע פריערדיקע רביים, פון דעם פּלפּול אין דער גמרא, פון די שמוציקע חדרים, פון וואַכעדיקן און גרויען לעבן, פון די ענגע דלד־אמות, וואָס איך האָב ביז דאַן אין זיי געלעבט.

זייענדיק פריי פון בית־המדרש און פון דער גמרא, ווי פון יעדן אויסערן יאָך, פלעג איך, מיט דער דערלויבעניש פון מיינע עלטערן, שפּאַצירן כמעט יעדן טאָג אויסער דער שטאָט און אין די הייסע טעג האָב איך זיך פיל געבאָדן אין אונדזער טייך.

די נאַטור אַרום מיין געבורטשטאָט ליאַדי איז זייער אַן אָרעמע, אַ קאַרגע, אַ בלייכע. דאָך מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער פרייער נאַטור, מיט גאָטס וועלט האָט מיך באַגייסטערט. אַלץ איז אין דער פרייער נאַטור געווען פאַר מיר ניי, שפּאָגל ניי, פריש, שיין, לעבעדיק און ריידנדיק. איך בין פון יעדן גריגעם גרעזל, פון יעדן פעלד־בלימעלע, פון יעדן קילן, ליבלעכן, צערטלדיקן ווינטל געווען אַנטציקט, באַרוישט און אויפגעלעבט.

גאַטס װעלט איז אַזױ שײן, אַזױ װאונדערבאַר שײן, אַזױ פרײ, אַזױ ליכטיק — און איך האָב דאָס ביז דאַן ניט געװאוסט.

שעהן־לאַנג פלעג איך ליגן אויף אַ גרינער לאָנקע פאַרחלומט און פאַרכשופט, באַטראַכטן די שװעבנדיקע װאָלקנס אין דער הויך. צום ערשטן מאָל האָב איך דאַן דערזען, דערפילט דעם הױכן הימל און זיך דערװאוסט פון דעם פאַרצױבערטן װאָלקן־שפּיל. פאַר מײן קינדערשער פאַנטאַזיע (װאָס האָט זיך אין מיר מיטאַמאָל דערװעקט מיט אַלע אירע געהײמע כּוחות) האָבן די װאָלקנס אַדורכגעפירט טראַגישע און קאָמישע סצענעס אין דער לופט. זײ האָבן אָנגענומען אַלערלײ געשטאַלטן, װילדע און מילדע, דאָס פּנים פון חיות, פון מענטשן, פון גרױסע פױגלען, פון שלאַנגען, פון מלאכים (זאַכן, װאָס איך האָב װעגן זײ געלערנט אין תנ״ך, אין דער גמרא, און האָב דאָס מיט מײנע אױגן קײנמאָל ניט געזען) און אַנדערע מיני ברואים משונים. באַטראַכטנדיק שעהן־לאַנג די װאָלקנס, האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ װעלט פון שפּיל, פון חלומות אויף דער װאָר, אַ װעלט פון װיכטיקע געשעענישן.

אַלץ װאָס האָט טיף אין מײן גײסט, אין מײן געמיט, אַלץ װאָס האָט אין מײן פאַנטאַזיע געשפּראָצט, זיך געראַנגלט, געװאַקסן און געװעלקט — דאָס אַלץ האָב איך געזען אָפּשפּיגלען זיך אויף די װאָלקנס אין דער הויך. איך האָב דערזען אַ װעלט, װאָס איז אַזױ װײט פון מיר, אַזױ הױך איבער מיר און דאָך אַזױ נאָענט צו מיר — אין מיר גופא. ס׳איז געװען רירנדיק און טרױעריק ביז צו טרערן. אין אַ מינוט אַרום איז דער װאָלקן־שפּיל געװען קאָמיש ביז צום לאַכן און באַלד — צו טאַנצן פון אַנטציקונג. אױבן איז אַלץ געװען אַזױ לײכט, אַזױ פלאַטערדיק, זינגענדיק און שפּילנ־דיק — און כ׳האָב באַגריפן װי שװער, װי דריקנדיק, װי קריכנדיק און שלעפּנדיק איז דאָס לעבן אין מײן שטעטל און מײן סביבה.

ליגנדיק שטונדן לאַנג און באַטראַכטנדיק דעם הימל, זײן טיפע בלױ־קײט, די װאָלקנס, האָב איך דערפילט, אַז עס איז דאָ אַ װעלט פון פאַרבן, פון ניואַנסן, פון ליכט און שאָטן־שפּיל, אַ װעלט װאָס איז צױבערפול.

איך האָב זיך יענעם זומער פיל געבאָדן און זיך אױסגעלערנט גוט צו שװימען. איך האָב דערפילט אַז איך האָב אַ פרײען, אַן עלאַסטישן קערפּער. איך בין געװען באַגײסטערט פון מײנע אײגענע פרײע באַװעגונ־גען. איך האָב אַנטדעקט מײן קערפּער, אַנטדעקט מײן גײסט, מײן פאַנ־טאַזיע, מײן לעבנסלוסטיקײט. איך בין געװען װי נײ געבױרן. אין מיר איז פאַרגעקומען אַ טיפע ענדערונג, איך האָב אױפגעװאַכט, אױפגעלעבט — איך האָב דאָס ניט געקאָנט אױסדריקן אין װערטער, אין צײכנס, אָבער איך האָב דאָס געפילט מיט אַלע מײנע נערװן.

ווען ס׳איז אַוועק דער שיינער זומער, בין איך געווען שטאַרק און געזונט, און פיל פרישער און בליענדיקער ווי פאַר דער קרענק. איך האָב מיט אַמאָל אַ וואַקס געטאָן אין דער הויך און בין פול געוואָרן מיט לעבן און מיט לוסט צום לעבן.

און אַ געזונטער האָב איך זיך צוריקגעקערט צום בית־המדרש, צו די אַלטע ספרים און למודים.

II

ביז דעם זעכצנטן לעבנס־יאָר האָב איך קיין אַנונג ניט געהאַט פון דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור. די וויסנשאַפטלעכע ספרים פון סלאָ־נימסקי און צבי הכהן ראַבינאָוויץ, אין וועלכע איך האָב זיך פאַרטיפט, האָבן פאַר מיר געעפנט אַ נייע וועלט, וועלכע איז געווען גאַנץ אַנדערש, ווי די וועלט פון אביי ורבא, די וועלט פון ט״ז און ש״ך. דאָך האָב איך ניט אויפגעהערט צו לערנען מיט התמדה אין בית־המדרש תלמוד און פוסקים. די ספרים חיצונים, וועגן מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע און פיזיק, האָב איך געלערנט בגנבה, ווען קיינער האָט ניט באַמערקט, שפעט אין דער נאַכט.

מער ווי אַלץ אָבער האָט מיך פאַראינטערעסירט די חכמת־השעור, מאַטעמאַטיק, צו וועלכער איך האָב געהאַט אַ נאַטירלעכע, געבוירענע נייגונג.

צופעליקערווייז איז אין מיינע הענט געקומען דער ספר „מלת הגיון להרמב״ם", וואָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט מיין דורשט נאָך נייע למודי־חול (וואָכעדיקע למודים) און מיין אָפּנייגונג צו קבלה, צו דער תורה פון די חסידים און רביים, וואָס איז געווען אין ווידערשפרוך מיט דער געזונ־טער מענטשלעכער לאָגיק און מיט דעם מאַטעמאַטישן דענקען. מיר איז געוואָרן ענג די גייסטיקע אַטמאָספערע, אין וועלכער איך האָב געלעבט.

אין יענער איבערגאַנגס־צייט פון מיין אַנטוויקלונג האָב איך זיך באַפריינדעט מיט אַ יונגנמאַן, אַ בן הרב, וואָס איז אַנגעקומען אין מיין געבורטס־שטאָט, לאָדי, פון אַ גאַנץ קליין שטעטעלע אין מאָהילעווער גו־בערניע. זיין נאָמען איז געווען אַלטער לאַקשין. ער איז געווען דער מלמד פון די עלטערע אייניקלעך, שוין חתנים, פון רבי זלמן, דער „צדיק הדור".

דער יונגערמאַן האָט געהאַט אַ נאָמען אין שטאָט אַלס אַ גרויסער למדן, אַ חריף און אַ בקי, און פון זיינע לומדות האָט מען דערציילט גבורות. ממש אַן אָפּענער מוח. איך האָב זיך מיט אים באַקענט אין בית־המדרש ביים דאַווענען. איך האָב ליב געהאַט צו ראַיען זיך אין די גרויסע אַלמערס ספרים, וואָס זיינען געשטאַנען אין גרויסן בית־המדרש. איך פלעג

דאָס טאָן בשעת קריאת־התורה. אויך דער מלמד האָט ליב געהאַט אַרויס־צוזוכן די זעלטענע ספרים. ער, וואָס איז געווען דאָפּלט אַזוי אַלט ווי איך, האָט זיך מיט מיר פֿאַראינטערעסירט. נאָך אַ פּאָר מאָל רעדן האָבן מיר אָפּגעמאַכט אַלע אינדערפֿרי פֿאַרן דאַווענען צו לערנען צוזאַמען פּוסקים און די שווערע מהרש״אס אין דער גמרא.

איך בין געווען איבערצייגט, אַז דער מלמד מיטן שאַרפֿן קאָפּ איז אויך אַ גרויסער ירא־שמים, נאָר ניט קיין פֿאַנאַטיקער. אויסערלעך האָט ער זיך אויפֿגעפֿירט פֿרום, ווי אַלע לומדים אין בית־המדרש. ער איז געווען אָנגעטאָן אין לאַנגע קליידער און האָט געטראָגן לאַנגע פּאות, נאָר פֿיין צוגעקעמט. אויך איך האָב צו יענער צייט געטראָגן לאַנגע פּאות און לאַנגע בגדים.

אינסטינקטיוו האָט מיך געצויגן צו אָט דעם מלמד, וואָס איז געקומען צו אונדז פֿון אַ פֿרעמדער שטאָט, און אין אַ קורצער צייט האָט מען שוין אַרום אים געשפּונען פֿאַרשיידענע ווידערשפּרעכנדע לעגענדעס און דער־ציילט וועגן אים וואונדערלעכע מעשיות. אייניקע האָבן שטילערהייט גע־מורמלט, אַז עס איז גאָר אַ סברא, דאָס אַלטער לאַקשין איז געכאַפּט אין יענער מעשה, ד. ה. ער האָט צו טאָן מיט „ספרים חיצונים״ און איז אַ האַלבער אַפּיקורס, ניט קוקנדיק, וואָס זיין פּירעכץ איז פֿון אַ ירא־שמים. מען האָט מורא געהאַט וועגן דעם הויך און אָפֿן צו רעדן, ווייל ער איז געווען דער מלמד פֿון דעם רבים אייניקלעך. ווען ער וואָלט ווירקלעך געווען אַ האַלבער אַפּיקורס — האָבן די אַלטע חסידים געטענהט — וואָלט דאָס דער רבי מיט רוח־הקודש געוואוסט און ניט געהאַלטן אים פֿאַר אַ מלמד ביי זיך אין הויז.

צו יענער צייט איז אין מיין אינערלעכער וועלט פֿאָרגעקומען אַ רע־וואָלוציע. איך בין געווען פֿול מיט ספקות, מיט פֿראַגן, מיט אַנונגען: עס האָט מיך געצויגן אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ ווייטערער, אין אַ הע־כערער. די טראַדיציאָנעלע וועלט איז אָבער נאָך געזעסן אין מיר פֿעסט. איך האָב זיך געפֿילט ווי איינגעמויערט אין אַן ענגן קרייז, אָבער מיין גייסט האָט זיך געריסן אין אַנדערע ספֿערן. איך האָב ניט געוואוסט וואוהין און ווי אַזוי אַרויסצוקומען אין דער פֿריי.

איך האָב ניט געהאַט קיין פֿריינד, מיט וועמען איך זאָל קאָנען רעדן אָפֿן און דערציילן אַלץ, וואָס עס קומט אין מיר פֿאָר.

איך האָב מיט זיך און אין זיך אַליין געקעמפֿט. אָפֿטמאָל פֿלעגט מיר אַליין זיך אַרויסווייזן, אַז איך בין אַראָפּ פֿונעם דרך הישר: דער שטן, דער יצר־הרע, די סטרא־אחרא שפּילט זיך מיט מיר, וויל מיך אָפּרייסן פֿון דער אמונה, פֿאַר וועלכער עס האָבן זיך מקריב געווען אַזוי פֿיל דורות —

פון דער אמונה, וואָס הויבט אונז אויף איבער אַלע אַנדערע פעלקער (אייגנטלעך האָב איך דאַן קיין אַנדער פאָלק, אויסער די לאַדיער חסידים און באַלעבאַטים, ניט געקענט).

עס פלעגן אָבער קומען מאָמענטן, ווען איך בין געווען ביי זיך פעסט. דער שכל, די קאַלטע לאָגיק האָבן געהאַט אויף מיר די אויבערהאַנט. אין אַזעלכע מאָמענטן האָב איך באַטראַכט די חסידים, די לומדים, די פאַנאַטיקער, ווי מענטשן, וואָס זיצן אין דער פינצטערניש, וואָס לעבן ניט מיטן אייגענעם, נאָר מיטן פרעמדן פאַרשטאַנד אָדער אומפאַרשטאַנד. איך האָב זיי דאַן געהאַלטן אויך פאַר שלעכטע, מינדערוועריקע יידן, ווייל זיי הויבן ניט אויף זייערע אויגן צום הימל, ווי דער נביא זאָגט, און זיי ווייסן גאָרניט גאָטס וואונדער; זיי ווייסן גאָרניט, ווי גרויס גאָטס וועלט איז און ווי וואונדערבאַר עס זיינען די געזעצן פון דער נאַטור (איך האָב דאָס שוין געוואוסט פון חיים־זעליג סלאָנימסקיס און ראַבינאָוויטשעס ספרים)!

דעריבער האָט מיך געצויגן צום רביס מלמד, האַפנדיק, אַז עס איז אמת, וואָס מען זאָגט אויף אים, דאָס ער איז אַריינגעטאָן אין ספרים חיצונים. מיר האָבן אָנגעהויבן צו לערנען פאַרטאָג (מיר פלעגן ביידע אויפשטיין מיטן באַגינען, ווען אַלע שלאָפן נאָך) פוסקים. ער פלעגט קומען צו מיר, אין מיין עלטערנס הויז.

די ערשטע פאַר מאָל, וואָס מיר האָבן געלערנט — און זייער געשמאַק געלערנט — האָבן מיר זיך איינער פונעם אַנדערן באַהאַלטן, אַז מיר אינ־טערעסירן זיך אויך מיט אַנדערע למודים, אויסער תלמוד און פוסקים. מיר האָבן נאָך ניט געוואַגט צו אַנטפלעקן אונדזערע סודות. איין מאָל, קו־מענדיק צו מיר גאַנץ פרי לערנען, האָט ער געפונען אויף מיין טיש דעם ספר „כוכבא דשביט", פון סלאָנימסקי. מיין סוד איז אַנטפלעקט געוואָרן. מיר האָבן זיך אָפנהאַרציק פאַנאַנדערגערעדט. איך האָב גערעדט היציק, פלאַמ־פייערדיק, רעוואָלוציאָנער, וועגן די, וואָס לעבן אין אַ טעות און גלויבן, אַז אויסער דעם רביס תורהס און חכמות גיט ניט אויף דער וועלט קיין טיפערס און קליגערס. איך האָב זיך פאַנאַנדערגערעדט וועגן די וואונדער, וואָס עלעקטריציטעט (דאָס וואָרט „עלעקטריציטעט" זעלבסט האָט מיר וואונדערשיין, ניי און געהיימניספול געקלונגען) טוט אויף; מיט דער הילף פון עלעקטריציטעט קאָן מען מאַכן גרעסערע מופתים ווי אַלע גוטע יידן, רביים, צוזאַמען. אַ קוואַל פון רייד (און איך האָב דאַן געגלויבט: אויך אַ קוואַל פון נייע, געוואַגטע געדאַנקען) האָט זיך אין מיר געעפנט.

מיין עלטערער חבר האָט מיך אַפריער רואיק אויסגעהערט, מיט אַ צופרידענער מינע, און נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן אַליין צו רעדן מיט

אַ שטילן, רואיקן טאָן. ער האָט גערעדט לאַנגזאַם, מיט אַ זיסן, געהײמ־ניספּולן שמײכל אויף די בלאַסע ליפּן.

ער האָט מיר דערצײלט װעגן די השכלה־ספרים, װעגן דעם „אַהבת־ציון“ פון מאַפּו, װעגן קלמן שולמאַנס, אד״ם הכהנס, מרדכי אַהרן גינז־בורגס „ביכלעך“, װעגן דעם „השחר“ פון פּרץ סמאָלענסקין, װעגן זײן „התועה בדרכי החיים“; און אַלץ, װאָס ער האָט מיר דערצײלט, איז פאַר מיר געװען נײ און אומבאַקאַנט. איבערהױפּט האָט ער מיר געלויבט די שײנע מליצות אין די השכלה ספרים, און האָט מיר אויף אויסנווײניק ציטירט פון „אמת ואמונה“ די שטעלן, די פּסוקים קעגן די צבועקעס, קעגן דער נאַרישקײט פון אַבערגלויבן, קעגן די פאַנאַטיקער.

איך האָב דורשטיק געשלונגען יעדעס װאָרט, װאָס מײן עלטערער חבר האָט אַזוי בנעימותדיק אַרויסגערעדט. איך האָב אים נײגעריק גע־פרעגט, װאו קאָן מען באַקומען די השכלה־ספרים? גאַנץ שטיל האָט ער מיר דערצײלט, אַז ער האָט אַ גאַנצן קאַסטן מיט השכלה ליטעראַטור (איך האָב דאָן צום ערשטן מאָל געהערט דאָס װאָרט „ליטעראַטור“ — און עס האָט מיר געקלונגען הימליש־שײן, מוזיקאַליש־זיס), און ער װעט מיר לײען די ביכלעך צום לײענען. אָבער קײנער טאָר פון דעם ניט װיסן; דאָס מוז זײן בסודי סודות: ניט מ׳דאַרף װיסן װער עס גיט מיר די השכלה־ליטעראַטור, און ניט מ׳דאַרף װיסן, אַז איך לײען עס, װײל מיר קאָנען בײדע האָבן אַ שװאַרצן און אַ ביטערן סוף, װען מען װעט זיך דערװיסן דערפון.

דער ערשטער געשפּרעך מיטן עלטערן חבר האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן אײנדרוק. איך האָב געגלויבט, אַז עס עפנט זיך פאַר מיר אַ נײע װעלט. מיט גרויס אומגעדולד און האַרצקלאַפּעניש האָב איך געװאַרט אויף אַ השכלה־ביכל, װאָס מײן פרײנד װעט מיר ברענגען.

װען ער איז געקומען אויף מאָרגן אינדערפרי צו מיר, האָט ער גע־בראַכט אונטער דער פּאָלע באַהאַלטן אַ פּאָר העפטן פון די ערשטע יאָר־גאַנגען פונם „השחר“, װאָס סמאָלענסקין האָט אַרויסגעגעבן אין װין. איך האָב דעם „השחר“ צום ערשטן מאָל דערזען. איך האָב געפּרובירט אין אים לעזן, עס איז אָבער מיר געװען פרעמד, אויסטערליש. איך האָב פּרובירט לעזן אין „השחר“ די מאמרים פון דר. שלמה רובין — איך האָב ניט אַלץ גלײך פאַרשטאַנען, אָבער איך האָב געפילט, אַז עס איז אַפּיקורסות, אַז ער לײקנט אין תורה מן השמים. איך האָב זיך דערשראָקן און בין בלײך געװאָרן.

מײן עלטערער חבר האָט דאָס באַמערקט און האָט גוטמוטיק גע־שמײכלט. ער האָט מיר גענומען דערקלערן, אַז די תורה האָבן מענטשן

געשריבן און אַז זי איז ניט פֿון הימל אַראָפּגעקומען. ער האָט גענומען קריטיקירן דעם תּלמוד און לאַכן פֿון די פּוסקים. שיין איז נאָר די השכּלה, די מליצות אין תּנ״ך, אָבער אַברהם מאַפּו שרייבט נאָך שענער, ווי די נביאים. ער האָט חוזק געמאַכט פֿון אַלע יידישע דינים, פֿון אַלע רבנים און רביים: אָדער זיי זיינען צבועים און זיי נאַרן דעם עולם, אָדער זיי זיינען פּראָסטע, אומוויסנדע פֿינצטערלינגען, וואָס זיינען ניט אימשטאַנד אַליין זעלבסטשטענדיק צו דענקען און צו אורטיילן. זיי בלאָנדזשען אַליין און פֿאַרפֿירן אַנדערע.

עֶס האָט מיך געפֿיבערט צו הערן אַזעלכע אָפֿענע דבורים. איך האָב זיך געשעמט צו זאָגן, אַז עס טוט מיר וויי צו הערן ווי ער לעסטערט, לאַכט אָפּ און איז מבטל אַלץ, וואָס איז יעדן יידן טייער און הייליק.

אין האַרצן האָב איך דאַן געטראַכט: ניין, ברודערקע, דו וועסט מיך ניט אַראָפּפֿירן פֿון וועג, דו וועסט מיך ניט מאַכן פֿאַר אַן אַפּיקורס!

שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע אין הויז זיינען שוין געשלאָפֿן, האָב איך פֿאַרזיכטיק אַרויסגענומען די ביכלעך פֿונעם „השחר״ (וואָס איך האָב פֿאַרשטעקט געהאַלטן), און גענומען לייענען אין זיי. איך האָב זיך געשראָקן פֿאַר יעדן וואָרט, אָבער עס האָט מיך דאָך געצויגן ווי אַ מאַגנעט. איך האָב אין די ווערטער מער אַריינגעלייגט ווי אין זיי איז געשטאַנען. לייענענדיק דעם „השחר״ האָב איך זיך געפֿילט אַלס אַ זינדיגער, אַלס אַן אַראָפּגעגאַנגענער פֿונעם וועג, פֿונעם דרך־הישר. דאָך בין איך געזעסן ביז עס האָט אָנגעהויבן טאָגן און דורכגעלעזן אַלץ, וואָס איז געווען געדרוקט אין די פּאָר ביכלעך „השחר״. ניט אַלץ האָב איך ריכטיק און אינגאַנצן פֿאַרשטאַנען, דען די „ליטעראַטור״ שפּראַך, די הויכע מליצות, זיינען מיר געווען נאָך פֿרעמדלעך. אָבער עס איז געווען אין די ווערטער אַ שטאַרקער צויבער, אַ באַהאַלטענער כּישוף.

מיטן טאָג האָב איך זיך געלייגט שלאָפֿן, אָבער ניט געקאָנט אַן אויג צומאַכן — אַלץ אין מיר איז געווען אויפֿגערודערט.

III

איך האָב זיך פֿאַראינטערעסירט מיט דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור. עס איז אָבער זייער שווער געווען פֿאַר מיר צו באַקומען די וועלטלעכע העברעאישע ליטעראַטור צום לייענען. וואָס עס איז אַריינגעפֿאַלן אין מיינע הענט, האָב איך פֿאַרשלונגען, און מיין דורשט נאָך נייע ווערק האָט פֿון טאָג צו טאָג געוואָקסן.

איך בין נאָך אַלץ געווען דערזעלבער מתמיד אין בית המדרש און זיך שטרענג געהאַלטן אין אַלע יידישע דינים און מנהגים. דאָס איז פֿאַר

מיר ניט געווען שווער — איך בין דאָך אין אַזאַ סביבה אויסגעוואַקסן. אין מיין אינערלעכער וועלט האָט עס אַנדערש אויסגעזען. עס האָט אין מיר פּראָטעסטירט קעגן אַלץ, וואָס איך האָב געטאָן, קעגן מיין אויסער־לעכער שטרענג־רעליגיעזער פירונג.

מיין סביבה, אַלץ אַרום מיר, איז געווען אַלטמאָדיש, חסידיש, רעלי־גיעז. דאָס אַלטעגלעכע לעבן איז געווען פאַרגליווערט אין אָפּגעלעבטע פאָרמען. ער האָט זיך נאָך ערגעץ גערירט. מיין געבורט־שטאָט, לאַדי, איז געווען צו יענער צייט ווייט פון אַ באַן. אַ גרויסער טייל פון די איינ־וואוינער האָבן נאָך ניט געזען ווי ס׳זעט אויס אַ לאָקאָמאָטיוו, אַ צוג. קיין טעלעגראַף־סלופּעס, קיין סטאַנציע. האָט איינער געמוזט „קלאַפּן״ אַ טעלעגראַמע, האָט מען דאָס געשיקט דורך א ספּעציעלן שליח קיין אָרשע (אַן ערך 45 וויאָרסט פון לאַדי), און ערשט פון דאָרט האָט מען דאָס אָפּגעשיקט ווייטער דורך דער טעלעגראַפן־סטאַנציע. אויף אָט דעם וועג און אויף דעם דאָזיקן אופן האָט מען אויך באַקומען אין לאַדי אַ טעלע־גראַמע. און האָט איינער ביי אונז אַ מאָל אין אַ נאָווינע באַקומען אַ טעלע־גראַמע, האָט פון דעם די גאַנצע שטאָט געוואוסט. אַ טעלעגראַמע — סתּם אַ טעלעגראַמע — דאָס איז אַ בשורה רעה, מסתּמא איז איינער געשטאָרבן. מ׳דעפּעשירט צו אַ זון, ער זאָל קדיש זאָגן. אָדער איז איינער אַ לאַדיער ערגעץ־וואו, אין דער פרעמד, קראַנק געוואָרן און מ׳דעפּעשירט, אַז מ׳זאָל דאָ קברים רייסן.

אַזוי אָפּגעשטאַנען פון דער וועלט איז מיין געבורט־שטאָט דאַן געווען. אַ דעפּעשע האָט אַן אימה אויף אַלעמען אָנגעוואָרפן. די פּאָסט פלעגט נאָר צוויי מאָל אין דער וואָך אָנקומען. און כאָטש די צאָל איינוואוינער איז געווען דאַן אין לאַדי אַן ערך טויזנט פאַמיליעס, אויב איך האָב קיין טעות, איז די צאָל פון די בריוו און קאַרטלעך וואָס פלעגן אָנקומען אויף אַמאָל, פאַר דריי אָדער פיר טעג, געווען זייער קליין. דער בריווטרעגער (ריכ־טיקער: די בריווטרעגערין) איז געווען אַ יידיש מיידל, אַ וואויל־געצ־לערנטע, דאָס הייסט: זי האָט געקאָנט איבערלעזן אַן אַדרעס אין רוסיש. די גאַנצע אָנגעקומענע פּאָסט פלעגט זי פאַרנעמען אין איין האַנט (קיין טאַש האָט זי ניט געברויכט) און אַליין פאַנאַנדערטראָגן אין איין שעה.

יעדער וואָס פלעגט באַקומען אַ בריוו פלעגט געבן דער בריוו־טרעגערין אַ פּאָר קאָפּיקעס. אין פיל פאַלן פלעגט די בריווטרעגערין מוזן אַליין פאַרלעזן דעם בריוו, אין יידיש, וואָס זי פלעגט ברענגען, ווייל ניט ווייניק זיינען ביי אונז געווען, וואָס האָבן אַפילו יידיש ניט געקאָנט לייענען.

זעלטן ווער און זעלטן ווען (אויסער דעם רביס הויף) פלעגט באקומען א בריוו דורך פאסט. דער „פאטשטמייסטער" — זעלבסטפארשטענדלעך א גוי, א שייגעץ — איז געווען א רשע. ער פלעגט אויף יעדן יידן, וואס פלעגט קומען אין פאסט, שרייען, זיך בייזערן, זידלען, שילטן און זיך טשעפען סתם אין דער וועלט אריין. דערצו פלעגט מען נאך מוזן אויסטאן דאס היטל און שטיין בגלוי ראש. ס'איז אויך ניט לייכט געווען צו געפינען איינעם, וואס קאן אויפשרייבן אן אדרעס אין גויאיש. האט זיך שוין געפונען אזא קענער (וואס פלעגט שרייבן אדרעסן לשם מצוה), איז ער ניט געווען צו יעדער צייט פריי, אדער גוט אויפגעלייגט, מ'זאל קאנען באמיען אים מיט אזא טרחה. דעם „קענער" אליין איז דאס אויך ניט אזוי לייכט אנגעקומען. ער פלעגט דערביי ניט ווייניק שוויצן, באזונדערס ווען דער נאמען פון דער שטאט, וואוהין דער בריוו האט געזאלט גיין, איז געווען ניט אזוי באקאנט, און דער נאמען פון דער גאס איז געווען אן עכט גויאישער.

אויך אן עכטן קאנווערט, איז גאר ניט געווען אזוי לייכט צו געפינען אין א לאדיער קראם. די קאנווערטן, אין די מייסטע פאלן, פלעגן זיך ניט פארקלעפן און מ'פלעגט מוזן צעקייען א שטיקל ברויט און דערמיט פאר־קלעפן. דער „פאטשטמייסטער" פלעגט דערפאר שרייען און ווארפן דעם בריוו אין פנים. די מייסטע בריוו פלעגט מען דאן שיקן דורך באקאנטע וואס פלעגן מאכן א נסיעה, אדער דורך די בעלי־עגלות.

קיינער אין לאדי (אויסער רבי זלמן וואס פלעגט דערהאלטן די „גאַ־וואיע ווּרעמיא") פלעגט קיין „גאזעטן" ניט באקומען. מ'פלעגט זאגן, אז דער בעל־הקאראבקע באקומט עפעס א מין גאזעט אין לשון קודש, און גאר פון דייטשלאנד. איך האב אבער ניט געוואוסט ווי ווייט דאס איז אמת.

קיין פאטאגראף האט זיך נאך ביי אונדז ניט באוויזן. מען האט נאר דערציילט, אז דארט, ערגעץ ווייט, אין די מרחקים, איז דא אזא מאשינקע, אז מ'גיט זי א קוועטש, מאלט זיך אפ אויף איר דער פנים, און מ'קאן טאקע דערקענען ווער דאס איז.

אין אזא אפגעשטאנענקייט פון דער גרעסערער וועלט, אין אזא צוריק־געבליבענע סביבה, פלעג איך זיך פרייען אויף יעדן פאקן־טרעגער וואס פלעגט אמאל, זייער זעלטן, אנקומען צו אונדז פון וויטעבסק אדער פון ווילנע אליין. איך פלעג זיין פון די ערשטע, וואס פלעגן איילן צו יעדן פאקן־טרעגער. איך פלעג זיך פארען אין די ספרים, מיט דער האפענונג, אפשר געפין איך עפעס ווירקלעך נייעס און וויכטיקס, אפשר יענע ביכלעך, וואס איך האב שוין וועגן זיי געהערט פון מיין עלטערן חבר, וואס האט פון זיי וואונדער דערציילט, אבער איך האב זיי נאך קיינמאל ניט געזען.

אָבער אין די מײסטע פֿאַלן, האָב איך, אויסער רומעל־ספֿרים, רעכטס ניט געפֿונען. מיט יעדן נײעם פּאַקן־טרעגער — אַ נײַע האָפֿענונג און אַ נײַע אַנטוישונג.

די פּאַקן־טרעגער האָבן דאַן נאָך ניט געוואַגט צו ברענגען קײן לאַדי השכלה־ביכלעך, „אַפּיקורסישע ספֿרים". גאַנץ מיט די בײנער וואָלטן זײ זיך צוריק ניט אַרויסגעקליבן.

די קלײנע זאַמלונג פֿון השכלה־ספֿרים, וואָס מײַן עלטערער חבר האָט געהאַלטן פֿאַרשטעקט און פֿאַרשלאָסן אין אַ קאַסטן אונטער זײַן בעט, האָב איך שוין געהאַט דורכגעלעזן. עס האָט מיך אָבער ניט באַפֿרידיקט. עס האָט אויפֿגעוועקט אין מיר פֿראַגן און ספֿקות, עס האָט מיך גערופֿן צו אַן אַנדער לעבן, צו אַנדערע למודים, אָבער קײן וועג, קײן קלאָרן און באַשטימטן ציל האָט דאָס מיר ניט אָנגעוויזן.

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך בין דאַן ווײַט געווען פֿון קולטור־רעלן צענטער, פֿון די שטעט, וואו די השכלה האָט שוין דורכגעדרונגען; ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מײַן גאַנצע סביבה איז געווען אַזוי צוריק־געשטאַנען, אַזוי פֿאַנאַטיש און אַזוי פֿרעמד און ווײַט פֿון יעדן פֿאַרשריט און אַזוי צופֿרידן מיטן אַלטן לעבנס־בוי, האָט דאָך אין מיר אַרײַנגעדרונגען דער גײַסט פֿון דער „שטורם און דראַנג"־עפּאָכע, דער נײַער גײַסט פֿון דער צײַט. עס האָט מיך געטראָגן, געהויבן, געריסן אין אַנדערע, אין העכערע, אין ווײַטערע ספֿערן. די השכלה־ביכער, וואָס מײַן חבר האָט מיר געגעבן געהײם צו לײענען, האָבן נאָך דער ערשטער איבעראַשונג, נאָך דער ערשטער באַצויבערונג, אַנטוישט. עפּעס צו פֿלאַך, צו ענג, צו זעלבסטצופֿרידן.

מײַן עלטערער חבר, מיט וועלכן איך בין געוואָרן זײער אינטים און וועלכן איך האָב די ערשטע צײַט צופֿיל אידעאַליזירט, ווײַל איך האָב געגלויבט אַז ער איז אַ פֿילאָזאָף, אַ גרויסער און פֿרײַער דענקער און ער וועט עפֿענען פֿאַר מײַנע אויגן נײַע וועלטן און ענטפֿערן אויף אַלע מײַנע פֿראַגן וועגן גאָט, וועגן דער נאַטור, וועגן לעבן און טויט, וועגן אַלט און נײַ און ד. ג. — אָט דער חבר האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דער ווירקלעכקײט אַ קאַלטער, פֿאַרנײנענדיקער גײַסט, אַן ברײטקײט און אַן טיפֿקײט. ער האָט אײנמאָל אַלעמאָל פֿאַר אַלעמאָל אָפּגעמאַכט בײַ זיך, אַז די רעליגיע איז אַ שווינדל, אַז אַלץ איז ליגן און האָט קײן ווערט. דאָס לערנען מיט מיר פּוסקים און מהרש"א איז נאָר קאָפּ־גימנאַסטיק, אַ שפּילערײַ. זײַן לעבן, ווי זײַן גאַנץ וועזן, איז געווען פֿול ווידערשפּרוכן. ער איז געווען אַן אַסקעטישע נאַטור. די וועלט, דאָס לעבן, איז הבל הבלים, אַ נאַרישע שפּיל. דאָך האָט ער זײער ליב געהאַט געלט. געווען זײער קאַרג, האָט

געקאַנט אויסקומען מיט אַ פּאָר קאָפּיקעס אַ טאָג אויף אַלע זיינע קער־פּערלעכע באַדערפֿענישן. ער האָט געקליבן געלט און געהאָפֿט צו ווערן אַ קרעמער, אַ סוחר און זיך באַפֿרייען פֿון מלמדות. פֿון די מליצה־ביכלעך האָט ער הנאה געהאַט, דאָס איז ביי אים געווען אַ מין גייסטיקע שכרות. ער איז געווען אינערלעך צו קאַלט, צו טרוקן, פֿול מיט כּפֿירה און רע־זיגנאַציע, און ער האָט זיך געגויטיקט אין געוויסע מאָמענטן זיך באַרוישן, און אַביסל זיך אָנוואַרעמען. דעם דאַזיקן רויש און די דאַזיקע וואַרעמקייט האָט ער געפֿונען אין די הויכע מליצות. ער האָט צוגלייך געפֿונען אין אָט די מליצות אַ באַשטעטיקונג, אַ פֿאַרמאַסקירטע הסכּמה צו זיין כּפֿירה. אַפֿילו אין דער ראָמאַנטישער דערציילונג „אַהבת ציון" פֿון מאַפּו, האָט ער אַרויסגעפֿונען אַפּיקורסות, אַ האַס צום תּלמוד און צו אַלע יידישע דינים און מנהגים. חסידות איז ביי אים געווען עבודה זרה, אַ פֿינצטערע, זינלאָזע באַשעפֿעניש.

דער דאַזיקער קאַלטער כּופֿר האָט זיך דאָך געפֿירט אין לעבן ווי אַ פֿרומער ייד און האָט זיך מפֿרנס געווען אַלס אַ מלמד ביים רבי אין הויז, וואו ער האָט אַלץ פֿאַרדעקט און פֿאַרשטעלט. ער האָט דערפֿון אינערלעך ניט געליטן. ער האָט געלייענט די אַלטע און נייע חקירה־ספֿרים, און דערפֿון קיין קאָנזעקווענצן ניט געצויגן. ער האָט קיין ענדערונג אין לעבן ניט געזוכט. זאָל גיין ווי עס גייט. ער האָט געקאָנט קאַלטבלוטיק און גלייכ־גילטיק צוזען יעדע אומגערעכטיקייט, יעדע פֿאַלשקייט, יעדע עולה. זיין פֿילאָזאָפֿיע איז געווען: אַזוי איז די וועלט, אַלע מענטשן זיינען אומגע־רעכט, זיינען פֿאַלש און געמיין. די וועלט קאָן מען ניט איבערמאַכן. איך פֿלעג זיך קאָכן, זיך היצן און פֿלעג אים זאָגן אַז אַזוי לעבן קאָן איך ניט. איך וויל קעמפֿן, איך וויל לעבן אַנדערש ווי איך לעב — איך וויל עפּעס ווערן, איך וויל אָפֿן לערנען און לעזן אַלץ, און קיין זאַך ניט פֿאַרשטיקן, קיין זאַך ניט באַהאַלטן, איך וויל ניט בלייבן אין מיין געבורט־שטאָט, איך וויל שטודירן, גיין אויפֿזוכן די גרויסע וועלט.

מיין חבר פֿלעגט מיך אויסהערן רואיק מיט אַן איראָנישן שמייכל אויף די דינע ליפּן און קאַלט זאָגן: אויך דאָרט איז ניט בעסער ווי דאָ, אַלץ איז נאַרישקייט, עס לוינט ניט צו שפּרינגען...

עס איז אַוועק אַ האַלב יאָר נאָך אונזער באַקאַנטשאַפֿט; אַ האַלב יאָר האָבן מיר צוזאַמען געלייענט פּוסקים, מהרש"א, געלעזן שולמאַן, מאַפּו, אד"ם הכּהן, דעם „השחר", די „כּוכבי יצחק" און אַנדערע השׂכּלה־ספֿרים — און איך בין זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען מיטן עלטערן חבר. זיין קאַלטע כּפֿירה, זיין פֿירעכץ אין לעבן, זיין סתּם פֿאַרניינענדער, אומפּראָדוקטיווער גייסט זיינען מיר געוואָרן דערווידער, אומדערטרעגלעך.

איך בין געבליבן ווידער אַליין, איינזאַם, און ווידער געזוכט אַ וועג צו אַ העכערן, זעלבסטשטענדיקן לעבן.

IV

לייענענדיק די נײַ־העברעאישע ליטעראַטור, האָב איך זיך דערוואוסט וועגן דער רײַכקייט פֿון דער רוסישער ליטעראַטור. מיך האָט גענומען אַ שטאַרקער חשק צו לערנען רוסיש און צו באַקענען זיך מיט דער רוסי־שער ליטעראַטור.

אין מײַנע ייִנגלשע יאָרן האָב איך גאָרניט געוואָלט וויסן רוסיש, גויאיש. איינער פֿון מײַנע מלמדים אין די קינדער־יאָרן איז געווען אַ ייִד אַ גרויסער למדן, אַ גרויסער בקי, אַ משונהדיקער ירא־שמים און דערצו — כמעט בלינד. ער פֿלעגט די אותיות אין דער גמרא פֿיל מער אָנטאַפּן ווי דערזען. אַט דער רבי פֿלעגט שטענדיק זאָגן צו אונדז, זײַנע תלמידים, אַז דער וואָס שטייט אין די ד׳ אמות פֿון דעם, וואָס קאָן אויפֿ־שרײַבן אַן אַדרעס אויף רוסיש, איז „אין לו חלק לעולם הבא״, האָט ער נישט קיין יענע וועלט.

אַזוי ווי איך האָב ניט געוואָלט אַנווערן מײַן חלק עולם הבא, האָב איך זיך געשראָקן פֿאַרן רוסישן לשון. איך האָב אויך אין יענע יאָרן קיינמאָל ניט געהערט אַ ייִדן רעדן רוסיש. קיין גויים האָב איך ניט געקאָנט, אויסער דעם באָד־גוי און דעם שבת־גוי — און די בײדע האָבן גערעדט ייִדיש.

אויפֿן זעכצנטן לעבנס־יאָר האָב איך שוין געפֿונען אַ היתר צו לער־נען גויאיש.

ניט אָן אַן אינערלעכן קאַמף האָב איך זיך אַנטשלאָסן צו לערנען רוסיש. איך האָב זיך אַליין געבראַכט ראיות, אַז מען קאָן זײַן אַן אמתער ייִד און דאָך קאָנען אַ פֿרעמדן לשון. הלמאי האָבן די סנהדרין, ווי די גמרא דערציילט, געקאָנט פֿיל לשונות. דער מלאך האָט דאָך אויסגעלערנט יוסף הצדיקן זיבעציק לשונות אין איין נאַכט. ווען דאָס וואָלט געווען אַן עבירה, אַ זינד, וואָלט עס דאָך דער מלאך ניט געטאָן. האָט דאָך רש״י גערעדט פֿראַנצויזיש און פֿאַרטײַטשט שווערע גמרא־ווערטער אין פֿראַנ־צויזיש.

ווי און וואו אָבער זאָל איך לערנען רוסיש? קיין רוסישע ביכער זײַנען ניט געווען, און אויך קיין לערער איז ניט געווען. האָפֿן, אַז עס וועט קומען צו מיר אַ מלאך און אויסלערנען מיך רוסיש אין איין נאַכט, האָב איך אויך ניט געקאָנט. — איך האָב זיך ניט גערעכנט פֿאַר אַזאַ צדיק, הגם איך האָב נאָך פֿיל געלערנט אין די הייליקע ספֿרים און איך האָב מיך

זייער פֿרום געפֿירט. טיף אין האַרצן האָב איך אָבער געפֿילט, אַז איך זינדיק, אַז איך בין אָפּגעטראָטן פֿונעם דרך־הישר, ווייל איך לייען די השכלה־ביכלעך און ווייל פֿרייע געדאַנקען, ספֿקות און ביטערע פֿראַגן פּלאָגן מיין גייסט, און ווייל דער אַלטער פֿיר איז מיר איבערדריסיק און פֿאַרהאַסט געוואָרן.

איך האָב אָבער געפֿילט, אַז צוריק גיין קאָן איך ניט. עס האָט מיך געצויגן ווי מיט אַ מאַגנעט, ווי מיט איבערנאַטירלעכע כּוחות אין אַ פֿרייערער, אין אַ ברייטערער און העכערער וועלט. איך האָב געפֿילט דעם גזר־דין פֿון „כּל באיה לא ישובון" (אַלע וואָס קומען אַריין אַהין, קאָנען שוין מער צוריק ניט אַרויס).

דער צופֿאַל האָט מיר געהאָלפֿן. ס'איז צו אונדז אין שטעטל אָנגעקומען אַ רוסישער לערער. לאַדי האָט געקאָכט. אין בית־המדרש האָט מען דערציילט, אַז דער לערער איז אַן אפּיקורס, אַן אויסוואורף, אַ מחלל־שבתניק, אַ מסית ומדיח. די עלטערע יידן האָבן מרעיש עולם געווען: דער לערער וועט נאָך אַראָפּפֿירן אַלע בחורים פֿון וועג. יעדער האָט דערציילט וועגן רוסישן לערער אַן אַנדער מעשה און געפֿונען אין אים אַן אַנדער חטא.

עס איז ביי אונדז אויך פֿריער געווען אין שטעטל אַ לערער, אַברהמל דער שרייבער. ער האָט אָבער נאָר געקאָנט די רוסישע „אַזבוקאַ" (אַלף־בית), און זיין העכסטער למוד איז געווען — אויסלערנען אויפֿשרייבן אַן אַדרעס. דערצו האָט ער זיך געפֿירט זייער יידישלעך, איז קיינמאָל ניט געזעסן אָן אַ היטל, ער איז אויך געווען אַ חשוב ביים רבי זלמן, ער פֿלעגט פֿאַרלייענען פֿאַרן רבי די „נאָוואָיע־ווּרעמיאַ" און פֿאַרטייטשן אין יידיש. באמת האָט ער זייער ווייניק פֿאַרשטאַנען רוסיש: פֿאַרלייענענדיק דעם רבין די „נאָוואָיע־ווּרעמיאַ", האָט ער פֿאַרשטאַנען נאָר אַ וואָרט פֿון צען, די איבעריקע האָט ער געכאַפּט נאָר על־פּי סברא, אָדער ער האָט זיך געמאַכט זיין פּירוש, און פֿאַרקראָכן אין בוידעריק. אין דעם האָב איך זיך איבערצייגט שפּעטער, ווען איך האָב שוין גוט געקענט רוסיש.

אָבער דער אָנגעקומענער לערער, עפּעס אַ האָלעדריגע, אַן „אָבאָר־וואַנעץ" (אָפּגעריסן), דער האָט געלערנט אין זייערע שקאָלעס און ער האָט נאָר רוסיש און פֿירט זיך ווי אַן אמתער גוי. די תּקיפֿים אין לאַדי האָבן געזוכט תּחבולות, ווי פּטור צו ווערן פֿון אים, און געוואָלט אים פּראָסט משלח זיין פֿון שטעטל. איך האָב זיך צוגעהערט און געשוויגן. דער פֿאַנאַטיזם אָבער האָט מיך אויפֿגערעגט, און סוף־כּל־סוף בין איך אַרויס מיט אָפֿענע דבורים, און ניט קענענדיק דעם אָנגעקומענעם לערער, האָב איך אים שטאַרק פֿאַרטיידיקט און געגעבן אַ פֿאַרציע די באַריידער, די פֿאַר־לוימדער. מען האָט מיך אָנגעקוקט ווי אַ פֿאַרריקטן. מיינע אָפֿענע ווערטער

האָבן איבערראַשט די לומדים אין בית־המדרש. ווי קומט עס צו מיר, וואָס מען האָט געהאַפּט, אַז איך וועל זיין אַ גדול בישראל, אַזעלכע מיני דבורים? עס האָט געשטורעמט אין שול. איך האָב געבראַכט ראיות פֿון ש״ס און פּוסקים, אַז ניט נאָר איז עס ניט קיין עבירה צו לערנען פֿרעמדע לשונות, נאָר עס איז גאָר אַ חוב, אַ מוז. איך האָב זיך געשטיצט אויף די ווערטער פֿון ווילנער גאון, וואָס ער האָט זיי געבראַכט אינעם נאָמען פֿון רבי ברוך משקלוב: „כל מי שתחסר לו יד אחת בחכמה — תחסר לו עשר ידות בתורה״, דאָס הייסט: ווען עס פֿעלט איין טייל אין וויסנ־שאַפֿט פֿעלט אים צען טייל אין דער תורה. און חכמה קאָן מען דאָך לערנען נאָר אין פֿרעמדע לשונות (חכמה בגוים — תאמין). אויך די גמרא זאָגט: „תלמיד־חכם שאין בו דעה — נבילה סרוחה טובה הימנו״, דאָס הייסט: אַ תלמיד־חכם, וואָס איז ניט קיין בר־דעת, איז אַ נבילה בעסער פֿון אים. און ווי קאָן מען זיין אַ בר־דעת, ווי קאָן מען האָבן פֿאַרשטאַנד, ווען מען ווייסט ניט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, ווען מען האָט ניט געלערנט קיין וויסנשאַפֿט? און ווי קאָן מען לערנען וויסנשאַפֿט, ווען מען קאָן ניט קיין רוסיש (איך האָב דאַן געגלויבט, אַז נאָר אין רוסיש ווערן געשריבן חכמות)?

נאָך דעם היציקן ויכּוח אין בית־המדרש האָב איך באַשלאָסן צו גיין גלייך צום רוסישן לערער און ווערן זיינער אַ תלמיד.

אין אַ פֿינצטערער נאַכט בין איך געגאַנגען צום רוסישן לערער. איך בין געווען זייער אויפֿגעלייגט. מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איך מאַך אַ וויכטיקן שריט אין לעבן, אַז איך גיי אין אַ נייעם וועג — ווער ווייסט וואוהין ער פֿירט? עטלעכע מאָל האָב איך זיך געוואָלט אומקערן צוריק. דאָס האַרץ האָט געטיאַכקעט, דער מוח האָט געברענט, אָבער די פֿיס האָבן ווייטער געטראָגן: עס איז געווען פֿאַר מיר אַ גורל־גאַנג.

דער לערער האָט געוואוינט אין עק שטאָט עפּעס ביי אַ שוסטער. אַ באַלעבאָס, אַ „רעכטער מענטש״ אין לאַדי וואָלט ניט אַריינגעלאָזן צו זיך דעם אַפּיקורס פֿאַר קיין געלט.

איך האָב געטראָפֿן דעם לערער אין זיין צימערל, זייער אַן אָרעם און נאַקעט חדרל. אויף אַ קליינעם נאַקעטן טישל האָט געברענט — ריכ־טיקער: געררויכערט — אַ קעראָסין־לעמפּל, מיט אַ פֿאַררויכערטן גלעזל, פֿאַרקלעפּט מיט אַ פּאַפּיר. דער לערער, אַ יידישער בחור פֿון אַ יאָר עט־לעכע און צוואַנציק, איז געזעסן, אָן אַ היטל, אין אַ פֿאַרביקער אויבער־העמדל און געררויכערט אַ פּאַפּיראָס מעשה־פּראַנט. אַ כוואַט אַ בחור ניט קיין ישיבה־בחור. אויפֿן טישל זיינען געלעגן אַ פּאָר אָפּענע רוסישע ביכער. איך האָב זיי געוואָלט איינשלינגען, גלויבנדיק, אַז אין זיי שטייט געשריבן

גרויסע חכמות און וואונדערבאַרע זאַכן וועגן דער גרויסער, פֿרייער, אומ־באַקאַנטער וועלט. איך האָב דערפֿילט אַ שטאָך אין האַרצן, וויסנדיק אַז איך קאָן אין די דאָזיקע דיקע, שיין־געבונדענע און קלאָר־געדרוקטע ביכער אַ וואָרט ניט לייענען און אַ וואָרט ניט פֿאַרשטיין.

שעמעוודיק, מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, און אין אָפּגעהאַקטע ווערטער, האָב איך זיך געווענדט צום לערער:

— איך וויל זיך ביי אייך לערנען רוסיש.

דער בחור האָט מיך פֿריינדלעך אויפֿגענומען און געבעטן מיך זיצן. ער האָט זיך מיט מיר פֿאַנאַנדערגערעדט אין יידיש, געברויכנדיק דערביי אָפֿט עכט־רוסישע ווערטער און גאַנצע רוסישע פֿראַזן, וואָס איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז פֿון אָרשע און האָט דאָרט געענדיקט די „גאָראָדסקאָיע אוטשילישטשע" (די שטאָטישע שול). שוין אַ פֿאָר וואָכן איז ער אין לאָדי. דערווייל האָט ער נאָר מיידלעך, וואָס לערנען ביי אים שרייבן און לייענען רוסיש, און איך בין עס דאָס ערשטע בחורל אין שטאָט, וואָס איז געקומען צו אים זיך לערנען רוסיש. דאָס איז שיין! איך זאָל נאָר לערנען ביי אים אַ האַלב יאָר, און ער וועט מיר עפֿענען די אויגן, און אַז איך וועל אָנהויבן פֿאַרשטיין אַביסל רוסיש, וועט ער מיר געבן צו לייענען ראָמאַנען, און עס וועט זיך פֿאַר מיר עפֿענען אַ נייע וועלט, אַ פֿאַרצויבערטע וועלט, פֿול מיט „פּראָסוועשטשעניע" (בילדונג). דאָס וואָרט „פּראָסוועשטשעניע" האָט אַזוי אויסטערליש, אַזוי הויך און איידל געקלונגען אין מיינע אויערן, אַז דער לערער האָט אויסגעזען אין מיינע אויגן, ווי איינער, וואָס קומט פֿון אַ ליכטיקער, דערהויבענער וועלט צו ווילדע מענטשן, וואָס זיצן אין שטאָק פֿינצטערניש.

דער לערער האָט מיך געפֿרעגט, ווי קום איך צום פֿאַרלאַנג צו לערנען רוסיש? איך בין געקומען צו אים אין לאַנגע קליידער, מיט לאַנגע פאות און געזעסן אין היטל. מיין יידיש איז געווען דורכגעמישט מיט גמרא־ווערטער, מיט מליצות פֿון די השכלה־ביכלעך.

איך האָב דעם לערער דערקלערט, אַז איך האָב זייער פֿיל געלעזן פֿון די השכלה־ספֿרים; איך האָב געלערנט מאַטעמאַטיק, געאָמעטריע (פֿון גבריאל יהודה ליכטענפֿעלד), אַסטראָנאָמיע, פֿיזיק און מיטאָלאָגיע, אַלץ אין העברעאיש; איך האָב שוין געלעזן אד"ם הכהן, מאַפּו, סמאָלענסקין און אַנדערע.

דער לערער האָט זיך געוואונדערט. ער האָט גאָרניט געוואוסט, אַז עס זיינען פֿאַראַן אין לשון־קודש אַזעלכע ביכער. ער — האָט ער מיר געזאָגט — האָט „שטודירט" אין „שקאָלע" און מיט נאַרישקייטן, מיט ווילדע פֿאַנאַטישע זאַכן האָט ער זיך ניט באַשעפֿטיקט; דאָס איז פֿאַר

אַלטע, אָבערגלויבערישע יידן און פֿאַר ישיבה־בחורים, פֿאַר כניאָקעס; חכמות, קלוגע וואונדערבאַרע זאַכן זיינען נאָר אין רוסיש. דער, וואָס קאָן ניט קיין רוסיש, איז אַ פּרא־אָדם, איז בלינד, איז טויב און לעבט אין דער פֿינצטערניש, גלויבט אין אַלע נאַרישקייטן.

מיך האָט עס שוין פֿאַרדראָסן. ביים אַריינקומען האָב איך געגלויבט, אַז דער לערער וואָס זיצט אָן אַ היטל, אין אַ רוסישער העמדל מיט קוטאַסן, וואָס לעבן אים ליגן אָפֿן צוויי דיקע רוסישע ביכער, דער לערער, וואָס האָט געענדיקט אַ „שקאָלע", אַ בחור אָן פּאות, און ווי איך האָב אים חושד געווען, גאָלט ער זיין באָרד (ביז דאַן איז נאָך אין לאַדי ניט געווען אַפֿילו קיין איין־איינציקער מאַן, וואָס זאָל גאָלן זיין באָרד) — האָב איך געגלויבט, אַז ער איז זייער געבילדעט, פֿול מיט וויסנשאַפֿט — ער קאָן דאָך דאָס אַלץ לייענען אין די רוסישע ביכער. ווען איך האָב אָבער אָנגעהויבן אַריינ־צוגיין מיט אים אין חקירות, אין „טיפֿע ענינים", וואָס איך האָב שוין געשעפּט אין די ספֿרים פֿון ד"ר רובין, פֿון ריב"ל און אַנדערע, בין איך דערשטוינט געוואָרן צו זען, אַז דער בחור ווייסט גאָר ניט, אַז ער איז גאָרניט געבילדעט. כּדי צו מאַכן אויף מיר אַן איינדרוק, האָט ער מיר מיט גאווה דערקלערט, אַז שוין צו צוועלף יאָר האָט ער געוואוסט, אַז קיין גאָט איז ניטאָ, אַז אַלע אמונות זיינען אויסגעטראַכטע בבא־מעשיות, און אַז אַ מענטש דאַרף פֿריי זיין און אין גאָרניט גלויבן; אַז עס איז נישטאָ קיין יענע וועלט, קיין גן־עדן און קיין גיהנום.

איך האָב זיך אָנגעצונדן ווי מיט פֿייער: סטייטש, ווי קאָן מען דאָס וויסן, אַז קיין גאָט איז ניטאָ אויף דער וועלט! איך האָב אָנגעהויבן צו שיטן מיט ראיות, אַז עס איז דאָ אַ גאָט, אַז די וועלט איז ניט געוואָרן פֿון זיך אַליין, אַז דער „מורה נבוכים" פֿון רמב"ם אַפֿילו גלויבט אין גאָט... דער בחור האָט אָבער געטענהט, אַז ווען איך וועל לערנען רוסיש, וועל איך וויסן, אַז ער איז גערעכט.

V

איך האָב ביים רוסישן לערער גענומען נאָר צוויי־דריי „אוראָקן" (לעקציעס). אין די צוויי־דריי שטונדן האָב איך אויסגעלערנט לייענען רוסיש און שרייבן די אותיות. קיין גרויסע תּורה, דעם פּירוש המלות האָב איך ניט געוואוסט. דער רוסישער לשון איז מיר געווען גאַנץ פֿרעמד. דער קלאַנג — מאָדנע, סקריפּנדיק. דער לערער האָט מיט מיר אָנגעהויבן לייענען און פֿאַרטייטשן די פֿאַבלען פֿון קרילאָוו. ער האָט געכאַפּט גרויס התפּעלות פֿון קרילאָווס חכמות.

איך, אַלס גמרא־קאָפּ, וואָס קיין מהרש״א און מהר״ם שיף זײַנען מיר ניט צו שווער געווען; איך, וואָס האָב שוין געלערנט אין העבּרעאיש אַלגעברע, אַסטראָנאָמיע, פֿיזיקע, און וואָס האָב שוין געלייענט רבי יהודה הלוי, שד״ל, אד״ם הכהן, ד״ר שלמה רובין און שפּינאָזאָס טעאָלאָגישן טראַקטאַט אין זײַן, ד״ר רובינס, איבערזעצונג, האָב ניט געקאָנט באַגרייפֿן די גרויסע התפּעלות, וואָס דער רוסישער לערער האָט געקליבן פֿון קרי־לאָוס משלים.

איך האָב זיך נאָך צוויי־דריי „אוראָקן״ אָפּגעזאָגט פֿונעם רוסישן לערער, און באַשלאָסן, אַליין, אויף מײַן אייגענעם דרך, צו לערנען רוסיש. דורך פֿיל מי האָב איך באַקומען צו קויפֿן דעם העבּרעאיש־רוסישן ווער־טערבוך פֿון ד״ר מאַנדעלשטאַם, און אין אַ קורצער צייט אַרום אויך דעם ווערטערבוך (רוסיש־העברעאישן) פֿון שטיינבערג, וואָס איז געווען נאָר־וואָס דערשינען (די ערשטע אויסגאַבע), אין יאָר 1878. עס וואָלט פֿאַר־נומען עטלעכע קאַפּיטלעך, ווען איך וואָלט באַשריבן אויף וועלכן אופֿן, און מיט וועלכע שוועריקייטן, איך האָב דערוואָרבן די צוויי אויבנדערמאָנטע ווערטערביכער.

רוסישע ווערטערביכער האָב איך שוין געהאַט, איז אָבער געווען די פֿראַגע, וואו און ווי באַקומט מען רוסישע ביכער אויף צו לעזן און צו לערנען די שפּראַך זעלבסט? ביי דעם מוכר ספֿרים, וואָס ביי אונז אין שטעטל (ער איז אויך געווען דער ראש־ישיבה, וואָס האָט מיט מיר פֿריער געלערנט) האָבן זיך אין זײַן „לאַגער״ געפֿונען נאָר ספֿרי רומ״ל (רעלי־גיעזע שול־ספֿרים), קיין סימן פֿון השכלה ביכלעך און קיין צורת־אות פֿון רוסיש. ווען איך וואָלט געקומען צו אים קויפֿן עפּעס אַ רוסיש ביכל, וואָלט ער אויף מיר אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, ווי אויף אַ לץ אָדער אויף אַ משוגענעם. וואָס הייסט, איך קום צו אים, צום ראש־ישיבה, וואָס איז אויך אַ מוכר ספֿרים, פֿרעגן אויף אַ רוסיש ביכל! האָלט איך אים דען פֿאַר אַ ירבעם בן נבט?

די פּאַקן־טרעגערס, וואָס פֿלעגן אַמאָל אַראָפּפֿאָרן אָדער קומען צו אונדז, אין לאַדי צו פֿוס, מיט פּאַקן אויף די פּלייצעס — אויך ביי זיי האָט זיך ניט געפֿונען אַ רוסיש ביכל אויף אַ רפֿואה, כאָטש צוביסלעכווייז האָבן זיי שוין אָנגעהויבן אַרײַנשמוגלען השכלה־ביכלעך, די ביליקע, די מינדערווערטיקע, און אויך עוזר בלאָשטיינס און שמ״רס ביכלעך אין יידיש.

דער רוסישער לערער האָט באַקומען פֿאַר דעם באַדאַרף פֿון זײַנע תּלמידים (אממייסטן זײַנען דאָס געווען תּלמידות, מיידלעך) נאָר „אַזבוקעס״, כרעסטאָמאַטיעס און גראַמאַטיקעס, פֿון אָרשע. דאָס האָט מיך ניט אינטע־

רעסירט. איך האָב געזוכט ליטעראַטור, רוסישע ביכער עפּעס פונעם הויכן סאָרט.

איך האָב געזוכט צו קאָנען רוסיש ניט צוליב וועלכע ס'איז פּראַקטישע צוועקן, נאָר ווייל איך האָב געגלויבט, אַז אין רוסיש וועל איך געפינען אוצרות פון ליטעראַטור און וויסנשאַפט, וואָס מען קאָן דאָס ניט באַקומען צו לעזן אין העברעאיש. איך בין דאַן געווען איבערצייגט, אַז אין די רוסישע ביכער וועל איך געפינען קלאָרע ענטפערס אויף די פיל פראַגעס, וואָס האָבן מיך דאַן טיף געפּלאָגט. ניט האָבנדיק קיין פריינד, ניט האָבנדיק קיין לערער און וועג־ווייזער, לעבנדיק אין אַ פינצטערן, פאַרוואָרפענעם ווינקל, האָב איך געזוכט אַלץ צו דערפאַרן, אַלץ צו דערגיין דורך ביכער. איך בין דאַן געווען איבערצייגט, אַז יעדער פּראָפעסאָר, מחבר, פון די השכלה־ביכלעך, און גאַנץ באַזונדערס פון די רוסישע ביכער, איז אַ גאון, אַ גרויסער מענטש, אַ גרויסער געלערטער, אַ מדינה־חכם, איז אַן אידעאַליסט, אַ וועלט־באַגליקער, די מאָראַל אַליין. דער ווערט פון אַ ניי בוך, באַזונדערס פון אַ דיקן בוך, איז געווען אין מיינע אויגן ניט אָפּצושאַצן. מיט גרויס דרך ארץ, מיט אַ הייליקן ציטער, פלעג איך עפענען, פלעג איך אָנקוקן אַ ניי בוך, גלויבנדיק, אַז ער פאַרמאָגט אַ נייע אַנטפּלעקונג, אַן ענטפער אויף די פראַגן פון לעבן און טויט, אַ באַשרייבונג פון די נייע וועגן, די נייע שיינע וועלטן, וועלכע זיינען ערגעץ דאָרט ווייט, ווייט פון מיין שטעטל.

איך האָב נאָך דאַן קיינמאָל ניט געזען מיט מיינע אייגענע אויגן אַ לעבעדיקן פּראָפעסאָר, אַ מחבר, אַ שרייבער אין די צייטונגען. איך האָב זיי זיך אין מיין פאַנטאַזיע פאַרגעשטעלט ווי אויסנאַמס־מענטשן, ווי די אויסגעווײלטסטע פונעם פאָלק, ווי די לערער פון דער מענטשהייט, ווי געבוירענע קעמפער, „באַגברעכער" און ווי מענטשן מיט לויטער מדות טובות, מיט די פיינסטע און אײדלסטע מאַנירן, ווי מאַרטירער פאַרן אמת, פאַר פרייען דענקען און דער העכסטער מאָראַל. אַנדערש האָב איך זיי זיך גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלן.

איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען קיין דרוקעריי. איך האָב קיין אַנונג ניט געהאַט ווי מ'דרוקט אַ בוך. איך האָב דעם פּראָפעסאָר, דאָס שרייבן און דרוקן פון אַ בוך געזען אין מיסטישן ליכט, אין שיינע פּאָעטישע פאַרבן, אין אַ פאַנטאַסטישער ספערע. יעדעס געדרוקט וואָרט, אין וואָס פאַר אַ לשון דאָס זאָל ניט זיין, איז ביי מיר געווען הייליק. ווען איך האָב דאָס, אין געוויסע פאַלן, אַפילו טיף אין האַרצן קריטיקירט, האָט דאָס ניט פאַרלאָרן אין מיינע אויגן די הייליגקייט, די וויכטיקייט.

די סביבה, וואו איך בין אויפגעוואקסן אין דער יוגנט, האט אויף מיר געווירקט און מיך דערצויגן צו פארהייליקן דעם ספר. שוין אלס קינד האב איך טעגלעך געזען ווי מ׳קושט א ספר ביים עפענען און ביים פאר־מאכן. ניט געוואשענערהייט האט מען ניט געטארט אנרירן מיט דער האנט א ספר. האט די מאמע מיינע געקעמט אירע האר, האט זי פריער פארדעקט די ספרים. זיי, די ספרים, זאלן, חלילה, ניט אנקוקן די אנטפלעקטע האר פון א אשה. די שמות, די צעפאלענע, אפגעריסענע, אלטע, צעפוילטע בלעטלעך פון ספרים (די „שמות") פלעגט מען ניט לאזן, חלילה, זיך וואל־גערן אויף דער ערד. מ׳פלעגט זיי אוועקטראגן אין בית־המדרש, וואו מען האט געזאמלט אין א באזונדערן באהאלטענעם ארט אלע שמות און דערנאך פלעגט מען זיי מיט פאראד מקבר זיין אויפן בית־עולם.

איך פלעג זיך צוקוקן ווי דער סופר סת״ם שרייבט א ספר־תורה: ער שרייבט יעדעס ווארט מיט גרויס כוונה, מיט גרויסע הכנות, גייט אלע ווייל זיך טובל זיין אין מקוה, אום צו שרייבן בקדושה וטהרה, אין הייליקייט און אין ריינקייט. איך בין געווען געוואוינט צו זוכן אין די געדרוקטע ווערטער, אויסער דעם געוויינלעכן פשט, אויך דעם דרש, דעם רמז און דעם סוד פונעם ווארט. איך האב זיך אנגעהערט און אנגעלייענט אין די יונגע יארן מעשיות וועגן גאונים, וואס פלעגן זיצן טעג און וואכן אין תעניתים, כדי זוכה צו זיין צו פארשטיין א געוויס ווארט, אדער אויסדרוק אין א ספר. אז די גאונים, וואס האבן דערצו זוכה געווען, פלעגט רש״י קומען צו זיי אין חלום און דערקלערן זיי דעם פשט, דעם פירוש פון א שווערן ווארט אדער פסוק.

איך פלעג הערן ווי מען רופט ניט אן דעם מחבר, דעם פארפאסער מיט זיין אייגענעם פריוואט נאמען, נאר מיטן נאמען פון זיין ספר: למשל: דער „פני יהושע", דער „צל״ח", דער „ט״ז", דער „ש״ך", דער „בעל מצודת דוד" און ד. ג. נאך מער, מ׳פלעגט זאגן, למשל: די אייניקלעך פונעם „צמח צדק", די טאכטער פון „עץ חיים" און ד. ג.

אין אזא גייסטיקער אטמאספערע (וואס איך האב זי באצייכנט נאר מיט א פאר שטריכן) איז ביי מיר געווען א נאטירלעכע זאך, אז איך האב געהאט (און געוויסערמאסן, און אין א געוויסער מדרגה איז עס נאך ביי מיר פארבליבן) א גרויס דרך ארץ פאר א ספר, פאר א בוך און פאר יעדן געדרוקטן ווארט. איך האב אין דעם געזען און געפילט דעם „השארת הנפש", די אומשטערבלעכקייט.

פאר א היינטיקן מענטשן און באזונדערס פאר א גרויסשטאטישן מענטשן וועט זיין שווער צו באגרייפן וואס פאר א ראלע עס האט געשפילט אין מיינע יונגע יארן און אין די קליינע שטעטלעך דאס ספר, דאס בוך,

אַפֿילו נאָר אַ דינינקער קונטרס און אַ העברעאישער בלאַט פֿון אַ צײַטונג. מיט גרױסע קרבנות, ניט דערעסן, ניט דערשלאָפֿן האָבן מיר באַקומען די מעגלעכקײט צו קױפֿן עפּעס אַ ספר אָדער אַפֿילו באָרגן עס בײַ אַ באַקאַנטן.

איך קער זיך צוריק אום צום ענין, צום װײַטערדיקן גאַנג פֿון די פּאַסירונגען.

אײן מאָל, אַרײַנקומענדיק אין אַ קראָם, האָב איך באַמערקט, אַז עס װאַלגערן זיך, צװישן די פּעקלעך סחורה, אַ פּאָר רוסישע ביכער, פֿון װעלכע מען פֿלעגט אַרױסרײַסן בלעטלעך אױף אײַנצופּאַקן אין זײ הערינג אָדער פּוטער און ד. ג.

פֿאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס האָב איך אָפּגעקױפֿט אײנעם פֿון די פּאַק־ביכער. דאָס איז געװען אַ דיקער רוסישער זשורנאַל. די ערשטע און לעצטע בלעטלעך זײַנען שױן געװען אױסגעריסן. דער קרעמער האָט מיך גאָרניט חושד געװען, אַז איך קױף בײַ אים דעם רוסישן צעפּלאַטערטן בוך צו לײענען אים. ער האָט געגלױבט, אַז איך דאַרף פּאַק־פּאַפּיר, װען ניט װאָלט ער מיר דאָס ניט פֿאַרקױפֿט, אום מיך ניט צו ברענגען צו אַן עבירה, צו אַ שװערער זינד: אַרײַנצוקוקן אין זײערע טריף־פּסולן.

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָב איך דעם רוסישן זשורנאַל באַהאַלטן אונטער דער פּאָלע און אים געבראַכט אַהײם. שפּעט בײַנאַכט, װען אַלע אין הױז זײַנען געשלאָפֿן, האָב איך אַרױסגעשלעפּט דעם רוסישן זשורנאַל פֿון זײַן באַהעלטעניש. איך האָב באַמערקט עפּעס אַן אַרטיקל, װאָס הײסט די פֿילאָזאָפֿיע פֿון העגעל. דאָס זײַנען געװען צװײ באַקאַנטע װערטער פֿאַר מיר. איך האָב געװאוסט דעם טײַטש פֿון װאָרט פֿילאָזאָפֿיע און אױך דער נאָמען פֿון דעם דײַטשן פֿילאָזאָף העגעל איז מיר געװען באַקאַנט פֿון דער נײַער העברעאישער ליטעראַטור.

מיט אַן אומגעװײנלעכן גײַסטיקן הונגער האָב איך זיך אַרױפֿגעװאָרפֿן אױף דעם אַרטיקל. עפּעס אַ קלײניקײט, העגעלס פֿילאָזאָפֿיע! עס האָט אין מיר געפֿיבערט יעדער נערװ דענקענדיק, זעענדיק אַז אָט ליגט פֿאַר מיר אָפֿן די פֿילאָזאָפֿיע, די טיפֿסטע מענטשלעכע געדאַנקען, פֿון העגעל אַלײן. איך האָב אָבער קײן אײנציק װאָרט ניט פֿאַרשטאַנען. אַ קװאַל, אַ פֿאַר־שלאָסענער אוצר, פֿאַרזיגלטע סודות פֿון לעבן — און דער שליסל פֿעלט: איך פֿאַרשטײ ניט קײן רוסיש.

און מיט אַן אײַזערנער געדולד האָב איך גענומען זוכן דעם טײַטש פֿון יעדן װאָרט אין מאַנדעלשטאַמס װערטערבוך. עס איז געװען עבודת־פּרך. אַזױ װי איך האָב נאָך ניט געקענט די רוסישע גראַמאַטיק, האָב איך פֿיל װערטער, פֿון װעלכע איך האָב ניט געװאוסט זײער שורש, ניט גע־

וואוסט וואו און ווי צו זוכן. פיל ווערטער האבן איבערהויפט געפעלט אינעם רוסיש־העברעאישן ווערטערבוך. איך האב אבער געדולדיק געזוכט, און וואס איך האב ניט געפונען — האב איך, אלס „מבין דבר מתוך דבר״, אליין זיך אנגעשטויסן און קונציק ארויסגעפונען.

VI

אין א פאר חדשים האב איך אויסגעלערנט די רוסישע גראמאטיק פון קירפיטשניקאוו אויף אויסנווייניק; מיט דער הילף פון ווערטערביכער האב איך אין די פאר חדשים שוין פארשטאנען אלץ וואס איך לייען אין רוסיש. זייער זעלטן האב איך שוין באדארפט אריינקוקן אין א ווערטער־בוך. איך האב שוין געהאט דערוואָרבן אויך א פרעמד־ווערטערבוך, אין וועלכן איך פלעג אפט שטודירן. אום צו געניסן פאלקאם וואס איך לעז אין רוסיש, פלעג איך ארויסזוכן דעם פירוש פון יעדן ווארט באזונדער און זיינע פארשידענע באדייטונגען. פלעגט מיר פעלן די ריכטיקע באַ־דייטונג פון איין ווארט, האב איך ווייטער ניט געקאנט לעזן, ביז איך האב דורך פיל מי ארויסגעקראגן דעם „טייטש״ פון דעם רוסישן ווארט.

עס וואלט געווען איינער פון די אינטערעסאנטסטע קאפיטלען פאר דער קולטור־געשיכטע און פאר דער שפראכן־פסיכאלאגיע, ווען מען זאל אויספירלעך שילדערן ווי די אמאליקע יידן האבן אויסגעלערנט פרעמדע לשונות אן לערער, אן מעטאדעס, אן די נויטיקסטע הילפסמיטלען און אן לער־ביכער. עס וואלט זיך ארויסגעוויזן, ווי די יידן האבן באזונדערע איינגעבוירענע שפראך־פעאיקייטן, א גאנץ באזונדערן לינגוויסטישן חוש.

דר. א. יעלינעק, אין זיין בוך „פאלקס־פסיכאלאגיע״, מאכט די שארפ־זיניקע באמערקונג: די באקאנטע תלמודישע לעגענדע, אז א מלאך האט אויסגעלערנט יוסף הצדיק זיבעציק לשונות אין איין נאכט — אזא לעגענדע האט געקאנט געבוירן ווערן נאר ביי א פאלק, וואס האט די פעאיקייט שנעל צו לערנען פרעמדע שפראכן.

עס וואלט זיך אין אזא קאפיטל ארויסגעוויזן ווי, אויף וואס פאר אן אופן, אין וואס פאר א מאס און מיט וועלכע אייגנטימלעכקייטן אסימילירט א יידישער מוח פרעמדע לשונות, און ווי ער געברויכט זיי.

באשרייבנדיק ווי איך האב זיך אויסגעלערנט פרעמדע לשונות, איז געווען מיין כוונה בייצוטראגן מיין חלק צום נויטיקן מאטעריאל פאר דעם דאזיקן קאפיטל.

אויף מיר קוקנדיק האבן נאך אנדערע באלעבאטישע בחורים — און דווקא פון די גוטע גמרא־קעפ — אנגעהויבן לערנען רוסיש. זיי האבן בגנבה פון זייערע עלטערן געגומען „אוראקן״ ביים רוסישן לערער. זייער

צוועק איז געווען הויפּטזאַכלעך אויסצולערנען זיך שרייבן אַ „פּראָשעניע״ (אַ ביטע) צום מיראָוואָי סודיאַ (פֿרידנס־ריכטער). אַנדערע בחורים האָבן זיך באַגנוגנט נאָר אויסצולערנען שרייבן אַן אַדרעס, אָדער אַ טעלעגראַם. עס זיינען שוין געווען פֿאַלן אין מיין שטעטל, אַז ווען מען האָט פֿאַרהערט חתנים אין ש״ס און פּוסקים, האָט מען זיי אויך פֿאַרהערט אין וועלטלעכע למודים, דאָס הייסט, אויב זיי קאָנען אויפֿשרייבן אין רוסיש אַ טעלעגראַם אָדער אַן אַדרעס. דאָס האָבן געפֿאָדערט די מחותנים אין גרויסע שטעט, וואָס האָבן אויסגעזוכט חתנים פֿאַר זייערע טעכטער אין לאַדי.

איינער אַ בחור, אַ וואויל־לערנער, דער בן־יחיד פֿון איינעם פֿון די לאַדיער גבירים, האָט אַזוי פֿיל דערלערנט רוסיש, אַז ער האָט געקראָגן אַ שם דבר אין דער גאַנצער סביבה פֿאַר אַ קונציקן „פּראָשעניע״־שרייבער. פֿון דער גאַנצער שטאָט פֿלעגט מען זיך ווענדן צו אים, אין אַ נויט, ער זאָל שרייבן אַ „פּראָשעניע״. ער פֿלעגט דאָס מאַכן אָן געלט אַלס אַ מצוה־זאַך, און אויך אַרויסצואווייזן זיינע גרויסע קענטענישן אין דער לאַנד־שפּראַך. אין בית־המדרש פֿלעגט מען דערציילן וועגן דעם דאָזיקן בחור, דעם קונציקן „פּראָשעניע״־שרייבער, חדושים ונפֿלאות. דער פֿאָטער פֿון דעם דאָזיקן מושלם — ער האָט געהאַנדלט מיט פֿלאַקס און איז געווען אַ נגיד אַ ייד — פֿלעגט זיצן שטונדן לאַנג אין מתנגדישן בית־המדרש, וואו ער איז געווען דער גבאי, און האַלטן אין איין דערציילן וועגן די גבורות פֿון זיין בן־יחיד: זיינע „פּראָשעניעס רופֿן אַרויס באַוואונדערונג ביי די גרעסטע שררות, ביים גובערנאַטאָר אין מאָהילעוו אַליין. מיט זיין רוסישן לשון טראָגט מען זיך אַרום אין דער גאַנצער גובערניע. אַז ער, דער בן־יחיד, גיט דאָס אַ שרייב, קאָן ער ממש באַגראָבן ניין קלאַפּטער אין דער ערד ווועמען איר ווילט אַליין. היינט זיין כתב, דער פּאָטשערק, איז אַ געוואַלד. אַ כתבא רבא, ממש ווי געמאָלט, ווי געדרוקט. די ריכטער קאָנען זיך גאָר ניט אָנקוקן אויף די געצצוקטע אותיות. דאָך, ניט קוקנדיק וואָס ער איז אַזאַ ידען אין גויאיש, איז ער דאָך — פֿלעגט זיין פֿאָטער פֿאַרזיכערן — אַ גרויסער ירא־שמים און אַ גרויסער מתמיד אין דער תורה; היינט זיין קריאת־שמע לייענען!...

אין משך פֿון עטלעכע חדשים האָב איך באַקומען אַ שם פֿאַר אַ גרויסן קענער אין רוסיש. מ׳האָט אָנגעהויבן מורמלען וועגן מיר אין די לומדישע קרייזן, אַז איך גיי אַראָפּ פֿון וועג. די קליפּה האָט מיך פֿאַרכאַפּט, כאָטש איך האָב נאָך געלערנט אין בית־המדרש ש״ס און פּוסקים מיט גרויס התמדה און כאָטש עס זיינען נאָך געווען גרויסע לומדים פֿון די זקנים, וואָס האָבן זיך מיט מיר געבענטשט און האָבן פֿאַרזיכערט, אַז איך וועל זיין אַ גדול בישראל. די ווילדע פֿאַנאַטיקער אָבער, די צבועים און די

עלטערן, וואָס האָבן געהאַט ניט קיין געראָטענע קינדער און וואָס האָבן מקנא געווען מיין גוטן נאָמען אין דער גאַנצער געגנט — די אַלע האָבן געזוכט מיך צו פֿאַרלוימדן, אַז איך בין אַ „געפֿערלעכע זאַך“, אַן אפּיקורס, אַ „מסית ומדיח“.

דעם חטא, וואָס איך לייען רוסישע ביכער, וואָלט מען מיר אפֿשר נאָך געקאָנט ווי עס איז מוחל זיין. מילא, עס קומט אַ נייער דור, און אַ בחור אַ למדן וויל זיך אויסלערנען אַ פּראָשעניע, אַ טעלעגראַמע, אַן אַדרעס שרייבן — דאָס מוז מען האָבן צו אַ שידוך, דערנאָך צו מסחר.

מיינע שונאים און בעלי־מקנאס האָבן אין מיר געפֿונען גרעסערע עבירות, וועלכע מ׳האָט שוין ביים בעסטן ווילן ניט געקאָנט מוחל זיין און גלייכגילטיק צוקוקן.

מיינע גרעסטע זינד זיינען באַשטאַנען אין דעם: ערשטנס, האָט מען זיך דערוואוסט, אַז איך קוק אַריין אין דעם פּירוש פֿון מלבי״ם אויף תנ״ך, אין דעם פּירוש „תפֿארת ישראל“ אויף משניות, און מען האָט באַוויזן, אַז איך לייען אויך לשון־קודשדיקע מליצה און השכלה ביכלעך פֿון „יענע מאַכערס“, יענע אַפּיקורסישע ביכלעך, וואו מען שרייבט כל דבר אסור, וואו מען מאַכט חוזק, חוכא וטלולא פֿון יידישקייט, פֿון חסידות, פֿון דער גאַנצער תורה, פֿונעם דת אַליין...

ויהי היום, און עס איז געקומען אַ טאָג — און ער איז געבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון מיט אַלע פּרטים, איינצלהייטן און קוריאָזן — האָבן די זקנים פֿון צווישן די באַקאַנטע לומדים, אויך דער רב פֿון דעם גאָר פֿיינעם טיפּ רבנים, אַ חריף און אַ בקי (וואָס האָט צענדליקער יאָרן געהאַלטן אין איין שרייבן אַ פּירוש אויף מהרש״א) און איינער פֿון מיינע פֿריערדיקע מלמדים, אַן אומבאַרמהאַרציקער קנאי, מיך גענומען אין אַ גרעסערער כנופֿיה וואָס האָט זיך פֿאַרזאַמלט אינעם בית המדרש וואו איך האָב געלערנט און גענומען חוקר ודורש זיין מיטן גרעסטן ערנסט צי עס איז אמת, אַז איך קוק־אַריין אין סלאָנימסקיס ביכלעך, וועלכער שרייבט, אַז עס איז ניטאָ קיין גאָט און אַז אַלץ איז נאָר אַ טבע זאַך; צי איז עס אמת, אַז איך לייען אויך מאַפּוס ביכלעך, אין וועלכע ער מאַכט חוזק פֿון די נביאים און מאַכט־נאָך דעם לשון פֿון פּסוק, פּונקט ווי עס איז אין תנ״ך; צי איז דאָס אמת, אַז איך לערן אויך „רייסיש“ ניט צוליב אויס־צולערנען זיך ווי מען שרייבט אַן אַדרעס אָדער אַ פּראָשעניע, נאָר טאַקע צוליב זייערע, די גויאישע חכמות און שמד־שטיקלעך; צי איז עס אמת, אַז ביי מיר געפֿינט זיך דער חומש מיטן דעסויערס (מענדעלסאָנס) באור, וואָס דער „לב עברי“ האָט שוין אויף אים בפּירוש געשריבן: „בספֿרי רמ״ד אל תשלחו יד“.

איך האָב מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, אָבער מיט אויסערלעכער רואיקייט, אויסגעהערט די אויבנדערמאָנטע פראַגן און נאָך אייניקע אַנדערע.

די זקנים האָבן אומרואיק און געשפּאַנט אָפּגעוואַרט מיין ענטפער. איך האָב באַטראַכט די לומדים, די עלטסטע פון זיי, וואָס איך האָב זיי טיף אין האַרצן פאַרערט, און אַ מערקווירדיק בילד האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט: אַ פּאָר שורות יידן מיט לאַנגע, ווייסע בערד, מיט הויכע, צעקנייטשטע שטערנס, מיט דיקע, שטרענגע אויפגעהויבענע גרויע ברעמען מיט שטע־כיקע, דורכדרינגענדיקע בליקן, אויסגעדאַרטע קערפּערס, אַדערדיקע, דאַ־רע, ציטערדיקע שטימען, און איבער זייערע קעפּ (כאַראַקטער־קעפּ) שוועבט אַ שטרענגער גייסט... איך האָב געהערט ווי זיי זיפצען, שאָקלענדיק די קעפּ, מיט צעבראָכענע הערצער — און איך האָב געזען פאַר זיך אין מיין פאַנטאַזיע אַ מין אינקוויזיציע, וועגן וועלכער איך האָב שוין געלעזן ביי קלמן שולמאַן — אַ בילד פון אַלטע, אָפּגעשטאָרבענע צייטן. איך האָב געפילט די נאָענטקייט, די ממשותדיקייט פון אַן אייזן־פעסטער טראַדי־ציע, אַ וועלט פון אמונה, פון איבערצייגונג, פון גדרים און סייגים, גלגולים פון שמאַיס — און איך בין געבליבן שטום, ניט געקאָנט אַ וואָרט אַרויס־רעדן.

— וואָס שוויגסטו? — האָבן מיר עטלעכע זקנים אויף אַמאָל גע־פרעגט.

איך האָב זיך אַנגענומען מוט. איך האָב זיך געזען אין דער ראָלע פון אַ קעמפער, פון אַ מאַרטירער פאַרן אמת, פאַר אַ העכערן, שענערן און עכטערן יידנטום. איך האָב זיך געזען אַלס דער מלאך מליץ פאַר דער „השכלה בת השמים" (די בילדונג — די טאָכטער פונעם הימל); איך האָב געגלויבט, אַז פון מיר דאַרף רעדן דער גייסט פון דער נייער צייט; איך בין געווען אָנגעזאַפּט מיט די אַלע הויכע פראַזן און שלאַג־ווערטער פון ריב"ל און אד"ם הכהן לעבענזאָן.

און מיין ענטפער איז געווען, אַז אַלץ וואָס זיי האָבן מיך געפרעגט און געצווייפלט, איז אמת. איך לייען טאַקע סלאָנימסקיס און מאַפּוס ספרים; איך לערן טאַקע רוסיש לשמה, ניט אום צו קאָנען שרייבן אַ „פּראָשעניע", אָבער איך בין טיף איבערצייגט, אַז מען קאָן און מען זאָל פאַראייניקן די אמונה מיט השכלה; אַז תורה אָן חכמה איז קיין תורה ניט; אַז עס גיט אַ העכערע, אַ ריינערע אמונה — די אמונה פון רמב"ם, פון רלב"ג...

פלאַם־פייערדיק האָב איך געטענהט, אַז עס קומט אַ נייע צייט, אַ נייער גייסט, און אַז אויך דער נייער גייסט איז פון גאָט; אַז „יפתח בדורו כשמואל בדורו"; אַז גאָט האָט געגעבן דעם מענטשן שכל, פאַרשטאַנד ניט אומזיסט, און אַז אויך די תורה קאָן מען דערקלערן מיט שכל...

איך האָב געשאָטן מיט בקיאות און מיט סברות. עס האָט זיך אין מיר געעפנט אַ קוואַל און האָט ניט געוואָלט אויפהערן...

די זקנים האָבן פּרובירט מיך איבערשלאָגן; אייניקע פון זיי האָבן געשפּרונגען פון כעס און האָבן אויף מיר אָנגעשריען בייז און שטרענג, איך זאָל אויפהערן „צו דרשענען". נאָר דער גאַנץ אַלטער רב איז געווען צו מיר מילד און האָט מיך הייס פאַרטיידיקט, אָבער אויסגעמוסרט דערביי אַביסל. ער האָט מקיים געווען דעם „ימין דוחה ושמאל מקרבת" (די רעכטע האַנט שטויסט אָפּ און די לינקע דערנענטערט).

VII

דער וויכוח, וואָס איך האָב געפירט מיט די זקנים און לומדים, די זיילן פון דעם אַלטן יידנטום, האָט מיר קלאָר געמאַכט, ווי ווייט איך בין מיט מיין דענקען און פילן פון יענע זקנים, פון יענע לומדים און זייערע באַגריפן פון גאָט און וועלט, וועגן יידנטום און בילדונג.

איך בין נאָך ניט אַלט געווען קיין זיבעצן יאָר, איך האָב נאָך ניט געזען די וועלט און איך האָב נאָך ניט געקאָנט קיין אַנדער סאָרט מענטשן, ווי די וואָס איך האָב קענען־געלערנט אין בית־המדרש — און דאָך האָב איך שוין דערפילט די נייע צייט. עס האָט מיך געריסן, געצויגן, ווי דורך אַ געהיימניספולן צויבער אין אַנדערע גייסטיקע ספערן. טיף אין מיין נשמה האָב איך געשפירט, אַז ערגעץ־וואו ווייט־ווייט שפּראָצט אַ בייער סאָרט לעבן, אַן אַנדער וועלט.

איך האָב צוליב געטאָן מיינע עלטערן — זיי זיינען צו שטאַרק געהאַנגען אין מיר — אַז איך זאָל באַשליסן פאַרלאָזן מיין היים און זיך אַוועקלאָזן אין אַ פרעמדער, ווייטער וועלט.

עס האָט אין מיר געברויזט, געקאָכט, רעוואָלוציאָניזירט צו ענדערן דעם אופן פון מיין לעבן. אין איין שיינעם פרימאָרגן האָב איך אָפּגע־שניטן מיינע לאַנגע פאות. ווען איך האָב דערזען מיין פּנים אין אַ שפּיגל אָן פאות, האָב איך זיך אַליין דערשראָקן פאַר מיין געוואָגטער טאַט. פרעמד בין איך זיך אַליין פאַרגעקומען.

ווען מיין מוטער האָט מיך דערזען אָן פאות, האָט זי פון גרויס צער אָנגעהויבן וויינען אויפן קול, ווי דאָס גרעסטע אומגליק וואָלט מיך, חלילה, געטראָפן. איך האָב ניט געקאָנט צוקוקן איר צער. ווען זי האָט זיך אַביסל באַרואיקט פון די וויין־קרעמפן, האָט זי געטענהט צו מיר, מיט איר האַר־ציקער זיסער שטים: מיין קינד, מיין קרוין, וואָס האָסטו געטאָן? דו האָסט אָנגעוואוירן דעם „צלם אלהים", אָן פאות ביזטו גאַרניט פּאַכאָזשע (ענלעך) אויף אַ ייד, אויף אַ מענטשן... ווי קוקסטו אויס!

איך האָב געפּרואווט באַרואיקן מײַן גאָטספאָרכטיקע מוטער מיט ווײכע רייד, אַז די יידישקייט ליגט ניט אין לאַנגע פּיאות. זי האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו זיפצן. אירע קלוגע און שײנע אויגן האָבן אַ פּאָר וואָכן ניט אויסגעטריקנט. זי פלעגט דאָס אָבער באַהאַלטן פון מיר.

מײַן פאָטער איז דאַן געווען פאַררייזט. ווען ער איז געקומען אין אַ פּאָר וואָכן אַרום פון וועג און האָט דערזען זײַן בכור (איך בין געווען דער ערשטן געבוירענער ביי מײַנע עלטערן, וואָס האָבן זייער יונג חתונה געהאַט) אָן פּאות, איז ער נשתומם געוואָרן און געבליבן ווי אָן לשון. ער האָט מיך שאַרף אָנגעקוקט, ווי איך וואָלט אים געווען גאַנץ פרעמד. אין אָוונט האָט זיך דער פאָטער צו מיר פלוצלינג געווענדט מיט אַ פראַגע: „נו, וואָס ווייטער?" איך האָב אים געפרעגט: „וואָס מיינט ער?" דער פאָטער האָט מיר דערקלערט אין אַ ווייכן טאָן: „מײַן קינד, דו וועסט זיך דאָך ניט אָפּשטעלן ביי די אָפּגעשוירענע פּאותן, דער וועג איז גליטשיק... וואָס וועט ווייטער פון דיר ווערן? אין בית־המדרש קאָכט מיט דיר, אַז דו ביזט שטאַרק אַריינגעטאָן אין זייערע טריף־פּסולן... ווען פרעמדע לייט באַדויערן, וואָס פון די גרויסע האָפענונגען, וועלכע מען האָט אויף דיר געלייגט, וועט גאָרניט ווערן, הייגט וואָס זאָל איך דענקען און זאָגן!"

איך האָב געהאַט אין יענעם אָוונט אַ לאַנגן שמועס מיט מײַן זעליגן פאָטער. מײַן פאָטער איז ניט געווען קיין פאַנאַטיקער. ער האָט געוואָלט, איך זאָל לערנען אַלע חכמות און אַלע לשונות (נאָר ניט דעם לשון פון די העברעאישע מליצה־ביכלעך), אָבער זײַן ווילן איז געווען איך זאָל זײַן אַ רב, אַ חוקר, אַ מקובל אויף דעם אַמאָליקן שטייגער, אַז אַלע יידן זאָלן זיך בענטשן מיט מיר.

מײַן פאָטער האָט ניט געהאַלטן מײַן אָפּשניידן די פּאות פאַר אַ מעשה־נוראָ, פאַר אַן עבירה. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז איך וועל זיך ניט אָפּשטעלן ביי די אָפּגעשוירענע פּאות... און זײַן האַרץ האָט אים גע־שראָקן. אים איז קלאָר געוואָרן, אַז אין מיר וואַקסט אַ נייער גייסט, אַן אומבאַקאַנטער דראַנג, אַז מיך ציט אין אַן אַנדער וועלט, אין אַן אַנדער ריכטונג... ווער ווייסט וואוהין? אפשר, חס חלילה, גאָר אין זייערע שקאָלעס... ער האָט מיך צופיל ליב געהאַט, ער זאָל קאָנען רואיק פאַר־טראָגן דעם געדאַנק, אַז איך קאָן נאָך זיך אַ לאָז טאָן נאָך „זאַגראַניצע" (אין אויסלאַנד) און ער וועט זיך מוזן שיידן מיט מיר אויף שטענדיק... אויף מיר קוקנדיק האָבן זיך אויך אַנדערע בחורים, לומדים, גענומען אָפּ־שניידן די פּאות. עס האָבן זיך געפונען אויך אַ פּאָר בחורים פון די „נידעריקסטע" קלאַסן, פון די פּחותי־ערך, וואָס האָבן אָנגעהויבן גאָלן די בערדלעך, וועלכע האָבן אָנגעהויבן ביי זיי צו שפּראָצן.

צו יענער צייט האָט זיך נאָך ניט געפֿונען אין מיין געבורטס־שטאָט אַ „צירולנע" (באַרבער־שאָפּ), וואו מען קומט שניידן די האָר. דער צירולניק פֿלעגט זיצן פֿרייטיק אין בית־המרחץ (באָד) און געשטעלט באַנקעס און צוגלייך אָפּשערן די קעפּ. צו דער באָרד און צו די פּאותן פֿלעגט ער זיך ניט צורירן. יעדער ייד ביי אונדז פֿלעגט דאָס לאָזן ווילד וואַקסן. די מער־געהויבענע יידן, די וואָס האָבן געפֿירט געשעפֿטן מיט די אַרומיקע פּריצים, די מפֿונקים צווישן זיי, די האַלב־אַריסטאָקראַטישע תּלמידי־חכמים, פֿלעגן זיך דערלויבן ערב־שבת צו קעמען און אויסגלעטן זייערע בערד און פּאותן. די איבעריקע יידן אין אונדזער געגנט פֿלעגן איינמאָל אין וואָך אויך ניט קעמען באָרד און פּאות, אַפֿילו ניט אַרויסקעמען די פֿעדערן אין זיי, פֿון די קישנס און פּערענעס. „מסלסל בשערותיו" (פּוצן די האָר) איז געווען אַ מום, אַ פּגם, אַן אויסגעלאַסנקייט, מעשה־פּריצות. די בערד פֿלעגן ווערן ווי פּאַקליע, פֿאַרקאָלטעוועט, פֿאַרפֿלאָכטן און צוזאַמענגעוואָקסן, און קיין קאַם וואָלט ניט געהאָלפֿן. ווער האָט זיך דאַן ביי אונדז געקימערט וועגן אַזעלכע נאַרישע זאַכן ווי פּוצן אַ באָרד! ווען די לומדים אין בית־המדרש פֿלעגן, זיך פֿאַרטיפֿנדיק אין אַ האַרבער סוגיה און צופּנדיק זיך, פֿאַרטראַכטערהייט, די באָרד, דאַן האָט מען אַן אַראָפּגעריסענע האָר באַהאַלטן צווישן די בלעטער פֿון דער גמרא, אָדער אין אַן אַנדער ספֿר. דאָס איז געווען אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכע זאַך.

איך האָב געקאָנט אין מיין יוגנט וואונדער־שיינע פּנימער, צווישן די לומדים, די חסידים, פּראַכטפֿולע, טיפּיש־אָריענטאַלישע, פֿיין געשניטענע, אויסדרוקספֿולע און אַריסטאָקראַטישע געזיכטער, אָבער די קאָלטעוועטע בערד און די ווילדע לאַנגע פּאותן פֿלעגן פֿאַרדאַרבן, פֿאַרמיאוסן דעם איידעלן אויסדרוק און אויסזען.

די פּאָר הפֿקרדיקע בחורי'מלעך אין אונדזער שטאָט (וואָס האָבן אַ געוויסע צייט געלעבט אין יעקאַטערינאָסלאַוו, כאַרקאָוו א. ד. ג.), זיי האָבן געהאַט דעם מוט און די חוצפּה צו גאָלן די שפּראָצנדיקע בערדלעך, זיי האָבן אָבער קיין ברירה ניט געהאַט ווי אָנצוקומען צו ריוועלע די בייגל־בעקערקע. די ריוועלע, וואָס פֿלעגט די גאַנצע וואָך באַקן בייגל אין איר קליינער שמוציקער הייזקע, האָט פֿרייטיק געהאַט אַן אַנדער באַשעפֿטיקונג: זי פֿלעגט גאָלן די שפּיץ־קעפּ פֿון די יידישע ווייבער און ווייבלעך, עס זאָל זיך, חלילה, ניט אַרויסזען אַ הערעלע פֿון אונטער די שטערנטיכלעך. אויך די גאַנץ־יונגע ווייבלעך, און צווישן זיי זיינען געווען וואונדער־שיינע, פֿול מיט חן און לעבן, און באַקרוינט מיט פּעך־שוואַרצע אָדער גינגאָלדענע זיידענע האָר — אויך זיי פֿלעגן זיך אַלע פֿרייטיק לאָזן גאָלן די שפּיץ קעפּ, ביים שטערן. די פּאָר פֿאַרשייטע בחורים, פֿונעם „נידער־

ריקסטן" סאָרט, פֿלעגן קומען צו דער דאָזיקער ריוועלע אין מיטן וואָך צו גאָלן די בערדלעך. זיי פֿלעגן זי טרעפֿן ביים באָקן די בייגל, אָרומ־געריגנלט מיט אַ האַלבן טוץ קינדערלעך, צווישן זיי אויך קליינע עופֿהלעך. ריוועלע פֿלעגט דאַן אַרויסנעמען איר גאָל־מעסער, פֿלעגט באַנעצן פּראָסט מיט איר שפּייעכץ די באַקן, אַביסל אָנזייפֿן מיט אַ האַרטן שטיקל זייף (מיט וועלכן מען וואַשט גרעט) און איינס־צוויי, אין כאַפּעניש, אין איילעניש, פֿלעגט זי אַ פֿיר טאָן מיט דער ניט גאַנץ־שאַרפֿער „בריטווע" איבער די מגושמדיקע באַקן פֿון אירע קליענטן. די בחורים פֿלעגן שטיין דערביי. עס איז גאָרניט געווען וואו צו זעצן זיך. אָפֿט פֿלעגן די בחורים אַרויסקומען פֿון ריוועלע די בייגל־בעקערקע מיט צעשניטענע און צעקיילטע פּנימער. אָבי זיי זיינען געווען פֿיין־יונגעריש געגאָלט, און ניט אויסגעזען ווי די יאָלדן און די כּניאָקעס.

עס איז נאָך צו באַמערקן (אום דאָס בילד זאָל זיין ווירקלעך טריי און לעבנס־וואָר): ריוועלע פֿלעגט לאָזן די בחורים אין מיטן גאָלן, כאַפּן די לאָפּעטע אַרויסצוכאַפּן די בייגל פֿון אויוון, זיי זאָלן ניט פֿאַרברענט ווערן. אַרויסגענומען די בייגל און ווידער צו דער אַרבעט: אָנגעשפּיגן, פּשוט כּמשמעו, אין פּנים אַריין, איינגעזייפֿט — און געשניטן. ביים גאָלן פֿלעגט זי שרייען און שעלטן אירע קינדערלעך, וואָס האָבן איבערגעקערט דאָס הויז; זי פֿלעגט אָפֿט איבעררייסן דאָס גאָלן און צולויפֿן צו אַ קינד אונטערוווישן אים, אַראָפּטרייבן דעם האָן פֿון טיש, אָנשלאָגן אַ יאָט א. ד. ג.

דער זיידע מענדעלע מוכר ספֿרים האָט אין זיינע מעשׂיות זייער פֿיל פּלאַץ אָפּגעגעבן דער יידישער נאָז, אירע אַנאַטאָמישע, פֿיזיאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע אייגנשאַפֿטן. די יידישע נאָז האָט אים אַלץ געזאָגט און אַלץ דערציילט. מענדעלע האָט געזען אין דער יידישער באַוועגלעכער, אויס־געצויגענער און אויסגעבויגענער, ווי אַ שופֿר, נאָז די קאָנצענטראַציע פֿונעם אינערלעכן לעבן. די יידישע נאָז, ניט די אויגן, ניט די ליפּן, ניט די האַלטונג פֿונעם גאַנצן קערפּער — האָט אָפּגעשפּיגלט, אויסגעדריקט די באַהאַלטנסטע מחשבֿות און כּוונות. מיט דער יידישער באָרד אָבער און מיט איר ראָלע, וואָס זי שפּילט אין לעבן, האָט זיך דער זיידע זייער ווייניק באַשעפֿטיקט. אין דער אמתן שפּיגלט אָפּ די באָרד, איר כאַראַקטער און פֿאָרם, און ווי דער ייד באַהאַנדלט זי, ווי ער באַדינט זיך מיט איר אין אַ פּראָבלעמאַטישן מאָמענט און ווי ער צופּט און בייסט זי אין אַ שווערן צושטאַנד — אין דעם אַלעם שפּיגלט אָפּ די באָרד דאָס אינערלעכע לעבן פֿונעם ייד. די יידישע באָרד האָט טראַדיציע, האָט איר געשיכטע, איר באַזונדערן פּלאַץ אין לעבן. אַן אַפּיקורס, אַ כּל־בוניק פֿלעגט מען אַמאָל אָנרופֿן דער גלות (דער אָפּגעגאָלטער). דער גלות איז געווען ערגער ווי

אַלץ. די קריסטלעכע פּריסטער הייסן אין יידיש פּראָסט: „גלח" (אַ גע־גאָלטער), ווען ער טראָגט אַפילו אַ באָרד. אין דער פאַנטאַזיע פון אַ גע־וויינלעכן יידן לעבט יעדער אַמאָליקער גאון און צדיק אין דער געשטאַלט פון אַ לאַנג־ווייס־בערדיקן.

ווען הערצל און נאָרדוי וואָלטן ניט געטראָגן לאַנגע (און דערצו נאָך זייער שיינע) בערד, וואָלטן זיי קיינמאָל ניט געקאָנט האָבן דעם איינפלוס, וואָס זיי האָבן געהאַט אויך אויף אָרטאָדאָקסישע יידן און סתם יידן, ווען זיי וואָלטן געווען גלוחים, אָפּגעגאָלטע. די לעגענדע הערצל האָט געמוזט האָבן אַ באָרד. אַ געוויינלעכער ייד בײַ אונז פּלעגט זיך שווערן בזה הלשון: „בײַ מיין באָרד און פּאות", פּונקט ווי די באָרד און פּאות זיינען געווען דער בעסטער באַווייז אויף יידישקייט און ערלעכקייט.

ס'איז, דאַכט זיך, אַ קלייניקייט — נאָך אונדזערע היינטיקע באַגריפן — אָפּשניידן די פּאות; לוינט זיך צו רעדן אָדער צו שרייבן וועגן דעם? אָבער דאָך איז די זאַך גאָרניט אַזוי פּשוט.

נאָך דעם ווי איך האָב אָפּגעשניטן מיינע לאַנגע פּאות, האָב איך זיך געפילט גאַנץ אַנדערש, ווי איך וואָלט איבערגעשניטן אַ פעסטן פאַרבאַנד מיט די אַרומיקע יידן אינעם בית־המדרש, וואו איך האָב געלערנט. מיינע לעבנס־פאַרלאַנגען, מיינע ווייטערדיקע לעבנס־צוועקן האָבן ווי פון זיך זעלבסט אָנגענומען אַן אַנדער ריכטונג. איך האָב אַ לאַנגע צייט געפילט, אַז איך בין אָן פּאות, און דעריבער געהער איך מער ניט צו די ישיבה־בחורים מיט פּאות.

מיין פאָטער האָט זיך טיף אין האַרצן דערשראָקן, ער האָט מורא געהאַט, אַז מיט דער צייט וועל איך אויך גאָלן מיין באָרד ווען זי וועט אָנהויבן וואַקסן. און ניט קוקנדיק וואָס מיין פאָטער ע"ה איז געווען אַ ייד מיט אַ שאַרפן, דענקענדיקן קאָפּ, און ניט קיין פאַנאַטיקער, און וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט פּריצים, איז דאָך בײַ אים געווען אַ גלוח, אַ ייד אָן אַ באָרד, ניט בעסער ווי אַ משומד. אויף דעם אויסשפּרוך: „בעסער אַ ייד אָן אַ באָרד, ווי אַ באָרד אָן אַ ייד", פּלעגט מיין פאָטער ז"ל זאָגן: „נאָך בעסער איז אַ ייד און מיט אַ באָרד".

די שרעק אָבער פון מיין פאָטער איז געווען אומזיסט: אַ גאָל־מעסער האָט קיינמאָל ניט באַרירט מיינע באַקן. איך בין קיינמאָל קיין גלוח ניט געווען. איך האָב דעם אינערלעכן געפיל, אַז אָן אַ באָרד וואָלט מיין העברעאישע שפּראַך געווען אַ גאַנץ אַנדערע, וואָלט אפשר מיין אופן צו דענקען און פילן, מיינע באַציאונגען צו יידן מיט בערד געווען גאַנץ אַנדערש.

נאָך אַ קלײנע באַמערקונג: דער פֿאַרשטאָרבענער, גרויסער ייִדישער געלערנטער אײַזיק הירש ווײס (דער פֿאַרפֿאַסער פֿון „דור דור ודורשיו"), וואָס איז געווען מײַן רבי מער ווי דרײַ יאָר — אַ פֿרײַער, קריטישער גײַסט — פֿלעגט זײַן באָרד ניט גאָלן, נאָר מיט אַזאַ סם אויסוואָרצלען.

VIII

ווען איך האָב אָפּגעשוירן מײַנע לאַנגע פּאות, הויבט זיך אָן אַ נײַע עפּאָכע אין מײַן לעבן. קומענדיק אין בית־המדרש לערנען, האָבן מײַנע אָפּגעשניטענע פּאות אַרויסגערופֿן צווישן די לומדים, צווישן די פֿרומע ייִדן אַ רעש. יעדער פֿון זײ האָט מיר געזאָגט אַ שטאָך וואָרט, אַ ביטערן וויץ, אַ האַרבן אויסרייד, אַ שלעכטע נבואה. עס האָט געקאָכט אין בית־המדרש: הײסט דאָס אַז אויך איך (וואָס די לומדים האָבן געלײגט אויף מיר אַזויפֿיל האָפֿענונגען) בין פֿאַרכאַפּט און עפּנטלעך אַרויס מיט מײַן הפֿקרות. ווען איך, דער למדן און מתמיד, האָב אָפּגעשניטן מײַנע פּאות, הײַנט וואָס זאָלן טאָן די אַנדערע בחורים?

מײַנע אָפּגעשניטענע פּאות איז געווען דער צײכן, אַז „החל הנגף" — די מגפֿה פֿונעם נײַעם גײַסט האָט זיך אָנגעהויבן — האָבן די עלטערע ייִדן שווער געזיפֿצט.

איך האָב ניט אויפֿגעהערט צו לערנען ש"ס מיט פּוסקים אין בית־המדרש, אָבער די נעכט האָב איך שוין געווידמעט דער השכלה. איך האָב צונויפֿגענומען אַרום זיך די פֿעאיקערע בחורים, די לומדים, די גוטע קעפּ, און אָנגעהויבן זײ „בילדן", אויפֿעפֿענען זײ די אויגן, אַז עס איז דאָ אַ השכלה, אַ „געטלעכע טאָכטער" אויף דער וועלט. אין דער גרופּע האָבן זיך געפֿונען אויך אײניקע פֿאַרהײראַטע יונגעלײַט, קעסט־קינדער פֿון דעם רײַכערן קלאַס. איך בין געוואָרן דער צענטער, דער „פֿירער", דער מור־טיקער קעמפֿער, דער פֿאָראויסגײער. מיר האָבן זיך פֿאַרזאַמלט די אוונטן אין אַ געווײסן הויז, וואָס האָט זיך געפֿונען אין אַ גרויסן הויף. דאָרט האָט געוואוינט אַ פֿאַמיליע ר־ן, דער פֿאָטער איז געווען אויף אַ שטעלע אין כאַרקאָוו, די מוטער, וואָס האָט שוין געלעבט אין אַ גרעסערער רוסישער שטאָט, האָט גאַנץ גוט גערעדט רוסיש; די צווײ זין, אײנער אין מײַנע יאָרן, דער אַנדערער, עטוואָס עלטער פֿון מיר, האָבן זיך שטאַרק צוגע־קלעפּט, צוגעבונדן צו מיר און האָבן אויף מיר געקוקט ווי אויף אַ וואונדער, ווי אויף אַ דערציִער פֿון דער יוגנט. זײ האָבן מיך אידעאַליזירט. די בײדע ברידער זײַנען געווען זײער מוזיקאַליש, אײנער האָט געשפּילט פֿידל, דער צווײטער האָט געשפּילט אויף אַ וויאָלאָנטשעל. אַ שוועסטער האָבן זײ געהאַט, איז זי געווען שײן, אײדל, פּאַטעטיש באַגאַבט. זי האָט שוין פֿיל

רוסישע ביכער געלעזן און איז געווען אפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע מיידלעך אין שטאָט. ביי אָט דער פאַמיליע פלעגן מיר זיך אין די אָוונטן פאַרזאַמלען. עס איז געווען געהיים, קאָנספּיראַטיוו. דאָס הויז איז געווען גרויס און רייַן. ניט רייך, אָבער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דער אָרדענונג אין אַלץ. ניט אַזוי ווי אין די אַנדערע יידישע הייזער אין שטאָט. אַ פּאָר בלומען־טעפּ אויף די פענצטער האָבן צוגעגעבן דעם הויז אין מיינע אויגן אַ באַזונדערן רייץ. דאָס איז געווען דאָס איינציקע הויז אין שטאָט, וואו בלומען זיינען געווען אין טעפּ אויף די פענצטער. אַ פּאָר שטראַלן פון דער נייער צייט האָבן זיך ווי פאַרגנבעט אין אָט דעם הויז, און עס האָט אים צוגעגעבן חן, אַ יום־טובדיקן אויסזען אַפילו אין די וואָכעדיקע טעג.

ווען די יונגעלייט פלעגן זיך צוזאַמענקומען אין אָוונט (איך בין געווען דער ייִנגסטער און דאָך האָבן זיי זיך געהאַלטן פאַר מיינע תּלמידים) אין דעם הויז, פלעגט מען אַרונטערלאָזן די פאַרהאַנגען איבער די פענצטער (אויך פאַרהאַנגען אויף די פענצטער איז דאָן געווען אַ נייעס אין לאַדי, אַפילו די גבירים האָבן דאָס ניט געהאַט אין זייערע גרעסערע הייזער), מען זאָל, חלילה, ניט קאָנען אַריינקוקן פון דרויסן און זען וואָס דאָ טוט זיך אָפּ.

און אין די אָוונטן פלעגט זיך טאַקע פיל אָפּטאָן. מען פלעגט דער־לאַנגען דעם סאַמאָוואַר, מיט פיינע גלעזער, מיט אַ שיינעם פאַרצעלייענעם טשייניק, מיט אַ פּאָר טיי־לעפעלעך (פאַר אַלעמען האָט ניט געסטייעט). אַלץ האָט געפינקלט פון ריינקייט, און דערצו אַ זילבער־ווייס טישטוך. דאָס איז שוין געווען לוקסוס, שפּיץ־פיין. אין יענער צייט פלעגט מען אַפילו ביי אונדזערע גבירים אין לאַדי אין די וואָכנדיקע טעג טרינקען טיי, אַפילו ווען געהויבענע געסט פלעגן קומען, מחותּנים א. ד. ג. — אויפן באַקעטן טיש. נאָר צום עסן פלעגט מען לייגן אַ טישטוך, אַ צונויפגעלייגטן אויף אַ האַלבן טיש. דערזעלבער טישטוך אַ גאַנצע וואָך.

און אונדזער הבריא האָט געטרונקען טיי, מיט אַ געוויסער צערע־מאָניע, מיט רעספּעקט, סטאַטעטשנע. אין אַ געוויסער מאָס האָבן מיר, די משכּילים, זיך אָנגעהויבן לערנען פיינע מאַנירן. די באַלעבאָסטע, וואָס האָט זיך איינפאַך, אָבער ציכטיק און מיט אַ געוויסן געשמאַק געקליידט, איז געווען די טאָן־געבערין. זי האָט דאָך שוין געלעבט אין אַ גרויסער שטאָט און זיך דאָרט באַקאַנט מיט געשטודירטע, „הויכגעבילדעטע" לייט!

ביי אָט די צוזאַמענקונפטן פלעגן מיר רעדן רוסיש, דען עס פלעגן קומען נאָר אַזעלכע, וואָס לערנען באַהאַלטענערהייט אָדער אָפן, רוסיש און לייענען רוסישע ביכער. עס איז, אמת, שווער אָנגעקומען, מען האָט געבראָכן די ציינער, געשוויצט — אָבער מען האָט גערעדט רוסיש. גוט

און עכט רוסיש האָבן נאָר די מוטער מיט דער טאָכטער גערעדט. די מערסטע פֿון אונדז האָבן באַנוצט הויכע רוסישע און אינאָסטראַנע (פֿרעמדע) ווערטער, בוך־לשון, פֿראַזן פֿון פּושקין און טורגעניעוו. ווען מיר האָבן געמאַכט אַ גראַמאַטיקאַלישן פֿעלער, פֿלעגט די „עקרת־הבית" (די באַלע־באָסטע) אויסבעסערן.

אַפּטרינקענדיק טיי אויפֿן פֿיינעם אופֿן, פֿלעגן די צוויי זין געבן „קאָנצערט" אויף זייערע שפּיל־אינסטרומענטן. קיין נאָטן האָבן זיי ניט געקענט, זיי האָבן אָבער געהאַט אַ גוטן געהער און אַ שטראַקן מוזיקאַלישן געפֿיל. אויסער דער פֿידל און דעם וויאָלאָנטשעל, האָט איינער פֿון אונדזערע חבריא געשפּילט גאָר ניט שלעכט אויף אַ פֿלייט. די זאַכן, וואָס מען האָט געשפּילט, זיינען געווען איבערגענומען פֿון די שטאָטישע קלעזמער, וואָס האָבן געשפּילט אויף חתונות. אויך אַנדערע „זאַכן" וואָס זיינען אָנגעקומען דורך פֿאַרשיידענע גלגולים קיין לאָדי, דורך די פֿרעמדע חסידים, וואָס פֿלעגן כסדר קומען צום רבין. צווישן די דאָזיקע חסידים זיינען געווען אויך יודעי־נגן, מוזיקאַלישע מענטשן.

נאָכן קאָנצערט, וואָס האָט אונדז באַגייסטערט אויפֿן העכסטן אופֿן, פֿלעגן מיר זיך נעמען צו ליטעראַטור. היינט זאָגט מען ביי אונדז אַרויס דאָס וואָרט „ליטעראַטור" גאַנץ געוויינלעך, אַ וואָרט ווי אַלע ווערטער, אָן התפּעלות — דאַן אָבער האָט דאָס וואָרט ליטעראַטור געקלונגען אין אונ־דזערע אויערן ווי אַ הימלישע סימפֿאָניע. פֿאַר אונדז איז עס געווען אַ ניי, אַ שיין, אַ וואונדערבאַר וואָרט. מיר פֿלעגן דאָס וואָרט „ליטעראַטור" אַרויסרעדן מיט אַ באַזונדערער באַטאָנונג. יעדע זילבע — מיט שטאָלץ, מיט ליבע און באַגייסטערונג. עפּעס אַ קלייניקייט צו רעדן וועגן ליטע־ראַטור!

מיר האָבן פֿיין גערעדט וועגן אַלץ. איך האָב מיט התפּעלות גערעדט וועגן טורגעניעווס „פֿאָטערס און קינדער", וועגן לודוויג בערנעס שריפֿטן, וואָס איך האָב שוין געהאַט אַדורכגעלייענט אין רוסישער איבערזעצונג, וועגן דעם אַפּיקורסישן בוך „שטאָף און קראַפֿט" פֿון לודוויג ביכנער, וואָס איך האָב דאַן געוואוסט פֿון דער צווייטער קוועלע, פֿונעם „אכן יש אלהים" פֿון יוסף זאַטניץ. קיינער אָבער פֿון אונדז האָט ניט געוואָלט אויסטאָן די היטל און זיצן בגלוי־ראש. ווען עמעץ האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, וואָס מיר האָבן געהאַלטן צוגעשלאָסן, פֿלעגט די חבריא ציטערן און זיך דער־שרעקן, ווי חס וחלילה, מיר טוען דאָ אַפֿ מעשים נוראים. צום מוטיקסטן האָב איך זיך געהאַלטן, און איך פֿלעג זיך אויסלאַכן פֿון מיינע שרעקעדיקע חברים. ווי דער פֿירער פֿון די משכּילים, האָב איך געמוזט דינען ווי אַ

ביישפיל פון אָפּנקייט און „מאַרטירערשאַפט". „אָן קאַמף איז נישטאָ קיין זיג" — איז געווען מיין דעוויז!

מיר זיינען געווען אַלע נאַאיוו, נאָך ניט אינגאַנצן אַרויסגעוואַקסן פון דער לאַדיער סביבה, נאָך אָנגעזאַפּט מיט דער אַטמאָספערע פונעם בית־המדרש, מיר זענען געווען קליין אין צאָל; אַלץ און אלע זיינען געווען קעגן אונדז. קיינער פון אונדז איז ניט געווען אומאָפּהענגיק. קיינער האָט אַ גראָשן ניט פאַרדינט. די בחורים זיינען אַלע געווען אָפּהענגיק פון די עלטערן, וואָס האָבן זיי אויסגעהאַלטן. די פאַרהייראַטע זיינען געווען קעסט־קינדער ביי שווער און שוויגער.

מיין לאַגע איז געווען אַ בעסערע, אַ באַקוועמערע. איך האָב געלעבט מיט מיין פאָטער, וואָס איז געווען עלטער פון מיר מיט צוואַנציק יאָר, ווי צוויי ברידער. ער איז טאַקע געווען זייער פרום, אָבער איך פלעג מיט אים שטונדן־לאַנג פריינדלעך דעבאַטירן און באַווייזן אים, אַז עס איז נויטיק זיך צו בילדן, אַז איך בין אַ טרייער ייד, כאָטש איך לייען די נייע העברעאישע און אויך רוסישע ביכלעך, אַז דער יונגער דור קאָן זיך ניט און זאָל זיך ניט פירן ווי אונדזערע עלטער־זיידעס, אַז יצחק בער לעווינזאָן (ריב"ל), דער מחבר פון „בית יהודה", „תעודה בישראל" און „אפס דמים" איז אַ גרויסער למדן און אַן אמתער ייד געווען, אַז פרץ סמאָלענסקין איז ניט קיין אַפּיקורס, נאָר אַ פאַרברענטער און איבערגעבענער ייד (דאָס וואָרט „נאַציאָנאַליסט" איז אונדז דאַן פרעמד געווען) א. אַ. וו.

מיינע ווערטער האָבן שטאַרק געווירקט אויף מיין פאָטער. ער האָט דאָס מיר ניט אָפן צוגעגעבן, אָבער ער האָט מיר אין אַלץ נאָכגעגעבן. ער איז איבערהויפּט געווען זייער גוט און ווייכהאַרציק פון דער נאַטור, ער האָט קיינעם ניט געקאָנט מצער זיין און אויפהויבן אַ הויך קול. ער האָט רחמנות געהאַט אויף יעדן, ניט נאָר אויף מענטשן, אָבער אויך אויף יעדער באַשעפעניש — צער בעלי חיים. ניט האָבנדיק קיין אַנונג פון סאָציאַלע טעאָריעס, איז דאָך זיין גאַנץ וועזן געווען דורך און דורך סאָציאַל. ער איז שטענדיק גרייט געווען זיך מקריב צו זיין פאַר יעדן, אוועקגעבן דאָס לעצטע ביסן, דעם לעצטן רובל דעם ערשטן אומבאַקאַנטן. מיין פאָטער איז געווען מיין מלאך־מליץ פאַר מיין מוטער, וואָס פלעגט אָפט זיפצן און שטילערהייט טרערן פאַרגיסן, וואָס איך לייען ביכלעך. ער פלעגט זי טרייסטן און שטאַרקן, אַז זי וועט נאָך דערלעבן פון מיר פיל נחת, דאָס איך בין אַ בעסערער ייד ווי די הייסע חסידים, די אומוויסנדיקע, די פלאַסקעדריגעס, וואָס פאַרלאָזן זייערע פרויען און זיינען „דאַרמאַיעדניקעס" ווילדע ברואים, וואָס פאַרברענגען טעג און נעכט אין פוסטע מעשיות.

מיין פֿאָטער איז געווען אַ הייסער חסיד פֿון רבי מענדל ליובאַ־וויטשער, ער פֿלעגט מיר וועגן אים דערציילן וואונדער. ער האָט מיר גלייך מגלה געווען, אַז ער האָט אַליין געזען ביי רבי שמואל ליובאַוויטשער (וואָס איז נאָך דער פּטירה פֿון זיין פֿאָטער רבי מענדל אַליין געוואָרן אַ באַרימטער רבי און געהאַט אַ גרויסע צאָל חסידים, צווישן זיי באַקאַנטע רבנים) ספֿרים חיצונים, העברעאישע און רוסישע ביכער, און אַז ער איז אַ וועלט־מענטש און לאַכט אויס די חסידים, די שוטים. מיין פֿאָטער, אַליין אַ חסיד, האָט ניט געאַכטעט די חסידים, די לײדיקגייער, די ווילדע פֿאַנאַ־טיקער, די עזות־פּנימער. האָבנדיק אַזאַ פֿאָטער, האָב איך זיך ניט גע־דאַרפֿט באַהאַלטן מיט מיין השכלה. אייניקע פֿון מיינע חברים אָבער האָבן געהאַט שטרענגע פֿאָטערס, בלינדע פֿאַנאַטיקער, וואָס פֿלעגן שלאָגן זייערע זין מכות רצח, ווען זיי האָבן זיי געכאַפּט לייענענדיק טריף פּסולס, אָדער ווען זיי האָבן זיי געהערט אַרויסרעדנדיק אַ פֿריי וואָרט.

איך האָב פֿון מיינע עלטערן גאָרנישט פֿאַרבאָרגן. מיינע חברים אָבער האָבן אַלץ פֿאַרהוילט פֿון זייערע עלטערן. עס איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז איך, ווענען די עלטערן האָבן קיינמאָל ניט מצער געווען און ניט גערויבט די זעלבסטשטענדיקייט — אַז איך האָב געהאַט די באַגייסטערטסטע באַ־ציאונג צום יידנטום, צו אַלץ וואָס איז יידיש, אַפֿילו אין רעכטן ברען פֿון מיין השכלה צייט, אויך אין דער צייט פֿון מיין באַפֿרייען זיך פֿון דער פֿרומער אַטמאָספֿערע. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך האָב געהאַט גרויס התפּעלות פֿון דער רוסישער ליטעראַטור, פֿון אירע גרויסע שריפֿט־שטעלער און דיכטער, איז מיין ליבע צו דער העברעאישער ליטעראַטור, אַפֿילו צום תּלמוד, קיינמאָל ניט אָפּגעקילט געוואָרן, אַפֿילו אין דער צייט ווען די נייע, ברייטערע האָריזאָנטן, וואָס האָבן זיך געעפֿנט פֿאַר מיר דורך די פֿרעמדע שפּראַכן, האָבן מיך אינגאַנצן באַצויבערט.

מיינע חברים אָבער, וואָס האָבן באַקומען קלעפּ פֿון זייערע עלטערן פֿאַר דעם וואָס זיי האָבן זיך געשניטן אויף אַ נייעם דרך, די חברים, וואָס האָבן געמוזט אָפּנאַרן זייערע עלטערן, האָבן אין דער צייט, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעלערנט רוסיש, אָנגעהויבן האַסן זייערע פֿאָטערס און מוטערס, אָפּצולאָכן און פֿאַראַכטן שטילערהייט אַלץ, וואָס איז יידיש, הגם זיי האָבן פֿריער געלערנט אין בית־המדרש מיט התמדה. ווען זיי האָבן אָנגעהויבן פֿאַרשטיין די רוסישע ליטעראַטור, האָבן זיי אויפֿגעהערט ליב צו האָבן העברעאיש. אַנדערע פֿון זיי האָבן אַפֿילו גענומען האַסן די העברעאישע ליטעראַטור, די אַלטע ווי די נייע.

IX

איידער איך האָב פאַרלאָזט מיין געבורטס־שטאָט לאַדי, האָב איך דאָרט געגרינדעט אַ ביבליאָטעק. עס איז ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען.

ווען איך האָב דערקלערט מיינע חברים, אַז מיר מוזן גרינדן אַ ביב־ליאָטעק און אויסשרייבן טעגלעכע און מאָנאַטלעכע צייטשריפטן אין דער רוסישער שפּראַך, זיינען די חברים באַגייסטערט געוואָרן פון אַט דעם מוטיקן געדאַנק.

עפּעס אַ קלייניקייט — אַ ביבליאָטעק אין לאַדי, אינם נעסט פון די חסידים! דאָס וואָרט „ביבליאָטעק" אַליין האָט פאַר אונדז געהאַט אַ צויבערקלאַנג.

מיר האָבן אַרומגערעדט די זאַך בסודי סודות. עס איז געלעגן דאַן אין דער לופט די באַזונדערע נייגונג אַלץ אַרומצואוועבן מיט סודי סודות. די „קאָנספּיראַציע" האָט געהאַט אין אונדזערע אויגן אַ באַזונדער חן.

די ערשטע פראַגע איז געווען: וואו נעמט מען געלט אויף ביכער און צייטונגען?

קיינער פון אונדז ,די העלדן, די קעמפער, די משכילים, האָט אַ קאָפּיקע ניט פאַרדינט. די עלטערן האָבן אונדז אויסגעהאַלטן.

מיר האָבן באַשלאָסן: ערשטנס, יעדער פון אונדז זאָל אָפּשפּאָרן פון דעם טאַשן־געלט, וואָס ער באַקומט פון זיינע עלטערן, און אָוועקגעבן דאָס פאַר דער געפּלאַנטער ביבליאָטעק. צווייטנס, זאָלן מיר זיך דורכשרייבן מיט די משכילים פון די אַרומיקע שטעטלעך, און פאַרלאַנגען פון זיי הילף, דערפאַר וועלן זיי האָבן דאָס רעכט צו לייען ביכער אין אונזער ביבליאָטעק.

קורץ, יעדער פון אונדז האָט געבראַכט קרבנות און אין משך פון אַ חודש צייט האָבן מיר געשאַפן הונדערט רובל.

איך האָב געקאָנט שרייבן אַ פאַר קאַפּיטלעך וועגן דעם, ווי עס איז געשאַפן געוואָרן די הונדערט רובל — וויפיל דערפינדערישקייט, וויפיל אידעאַליזם און אָנשטרענגונג זיינען געלעגן אין דעם — אָבער דאָס וועט מיך צו־ווייט פירן.

פאַר דעם ייִנגערן דור, און באַזונדערס פאַר די וואָס זיינען געבוירן אין גרעסערע שטעט און אין פרייערע פאַרהעלטענישן, וועט שווער זיין צו באַגרייפן ווי שווער עס איז געווען מיט פינף־און־פערציק יאָר צוריק* צו גרינדן אַ ביבליאָטעק אין אַ קליין חסידיש, שטרענג־פאַנאַטיש שטעטל, אַ ביבליאָטעק פון העברעאישע השכלה־ספרים און פון דער רוסישער ליטעראַטור.

---

* געמיינט דאָס יאָר 1878. — רעד.

אַזוי ווי הימל און ערד האָבן געשוואָרן, אַז קיין סודות זאָלן ניט זיין, איז אויך אונדזער גרויסער סוד אַנטפּלעקט געוואָרן. דער עולם האָט זיך דערוואוסט, אַז מיר גייען גרינדן אַ ביבליאָטעק — און עס האָט זיך אָנגעהויבן רודערן און קאָכן אין שטעטל.

קיינער פון די חסידים, פון די באַלעבאַטים, האָט אַפילו דאָס וואָרט „ביבליאָטעק״ ניט געקאָנט ריכטיק אַרויסרעדן. יעדער האָט דאָס פאַרגרייזט, פאַרקרימט, פאַרדרייט. זיי האָבן אויך קיין פאַרשטעלונג ניט געהאַט, וואָס איז אַ ביבליאָטעק איבערהויפּט. זיי האָבן נאָר איינס געוואוסט, אָדער געאָנט, אַז עס איז אַ מוראדיקע זאַך, עפּעס אַ סכּנה פאַר יידישקייט, עפּעס אַ זאַך, וואָס האָט אין זיך דעם כּוח־הטומאה, און דערום מוז מען דאָס באַקעמפן, עוקר מן השורש זיין.

איבערהויפּט וואו איז דאָס געהערט און געזען געוואָרן, אַז יינגלעך, צוציקעס, זאָלן גיין עפּעס איינפירן נייע פּאַראַנדקעס אין שטעט, עפּעס מאַכן אַן אָפן הויז, וואו מען האַלט טרפה־ביכלעך, פון זייערע און פון אונדזערע, און מ׳וועט דאָס פונאַנדערטיילן אין יעדן הויז, צו פאַרגיפטן, פאַרסמען בחורים און מיידלעך, כּשרע יידישע קינדער. אַפילו פּרעה האָט דאָך גוזר געווען נאָר אויף זכרים...

די חכמים, די שאַרפע יאַרמולקעס, האָבן אונז סתּם אויסגעלאַכט און דערציילט אין בית־המדרש און אין מאַרק משונהדיקע וויצן און המצאות וועגן דער „פּאַפּלאָטעק״, וואָס די חברה־לייט ווילן מיט איר מזכּה זיין די שטאָט, וואו עס האָט אַמאָל געלערנט דער „בעל התניא״, און וואו עס לעבט זיין אוראייניקל, וועלכער טראָגט דעמזעלבן נאָמען, רבי שניאור זלמן; די שטאָט, וואָס איז געוואָרן די פעסטונג פון חסידות און וואו עס לעבן אַזויפיל קאָפּ־מענטשן, לומדים און מופלגים.

די גייסטיקע אינטערעסן פון דעם שטעטל זיינען געווען אָרעם, ענג, באַשרענקט. די ליידיקגייער, די באַנקקוועטשער, די טעמפּעראַמענטפולע חסידים, די פייערדיקע פאַנאַטיקער, זיינען גליקלעך געווען, ווען זיי האָבן עפּעס אַרויסגעפונען אַ זאַך, אַן וואָס אַנטשעפּען זיך, אַן וואָס מען קאָן שאַרפן די מוחות און די צינגער, פירן וויכּוחים, רייצן די נערוון, אויפרודערן די פאַרשימלטע בלאָטע און אויפלייזן די פאַרשלאָפענע ענערגיע.

אָרעם, ענג און באַשרענקט איז געווען דער קרייז פון כּלל־זאַכן, אָפּגעריסן פון דער גרעסערער וועלט, אַן אַ באַנהויף, לעבנדיק ווי אין מיטלאַלטער, ערגעץ וואו אין די הרי־חושך, אָדער אויף יענער זייט סמבטיון, האָט דער עלטערער דור פון דעמאָלט דערפילט יעדע קלענסטע באַנייאונג, יעדן פרישערן ווינטל, ווי אַ געפאַר פאַר יידישקייט, ווי עטוואָס

וואָס ברענגט אַ חורבן, ווי אַן איבערקערעניש, וואָס איז גלאַט ווילד, נאַריש און חוצפּהדיק.

די יידישע שפּראַך, דאָס מאַמע־לשון, איז דאַן געווען זייער אָרעם. די לעבעדיקע יידישע מימיק, אַ דריי מיטן גראָבן פינגער, אַ קוועטש מיט דער פּלייצע, אַ קרים מיטן נאָז, אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַ מאַך מיט דער האַנט, אַ בלינצל מיטן אויג, אַ גלעט די באָרד, אַ גרייזל די פּאות, אַ ברום פון אַן איינזילביקן „עט", „בע" א. ד. גל., האָבן דערגאַנצט די אָרעמקייט פון די באַגריפן אין דער דעמאָלטיקער קבצנישער יידישער שפּראַך.

און דעריבער האָט יעדעס ניי, פרעמד וואָרט, יעדער נייער, פרעמדער באַגריף, וואָס האָט זיך אַנגעהויבן אַריינגנבענען אין דעם געוויינטלעכן יידיש, וואָס אונזערע זיידעס און עלטערן האָבן דאַן געברויכט — אַ פרעמד וואָרט ווי „ביבליאָטעק" עפּעס אַ שרעק אָנגעוואָרפן.

אין דעם יידיש פון אונדזערע זיידעס און פון אונדזערע עלטערן זיינען געווען פיל העברעאישע און אַראַמישע, גמרא־ווערטער, אַביסל פאַרגרייזט, אָבער דאָך ווערטער פון אַן אַלטן, עכט־יידישן, טראַדיציאָנעלן מקור. די העברעאישע, די גמרא־ווערטער אין דער יידישער טאָג־טעגלעכער שפּראַך האָבן אַריינגעגנבעט אַ געוויסן ערנסט, אַ געוויסע הייליקייט אין די באַ־גריפן, וואָס זיי האָבן באַצייכנט. קדושה־זאַכן, רעליגיעזע זאַכן, ערנסטע זאַכן, שבתדיקע, יום־טובדיקע זאַכן האָט מען באַצייכנט מיט לשון קודש ווערטער.

דאָס וואָרט „ביבליאָטעק", אַ מאָדנע, נאָך ניט געהערט וואָרט אין אונדזער שטעטל, האָט גלייך אַרויסגערופן אַ שרעק פון איין זייט און אַ באַגייסטערונג פון דער אַנדערער זייט.

דאָס וואָרט ביבליאָטעק האָט דאַן געקלונגען ווי אַ צויבער־וואָרט, ווי אַ לחש, ווי אַ קמיע־וואָרט פאַר אונז משכּילים.

און ווי האָבן אונדזערע זיידעס און באָבעס, טאַטעס און מאַמעס געזאָלט פאַרשטיין, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין זאַך אַ ביבליאָטעק!

אין אונדזערע בתי־מדרשים זיינען געשטאַנען אַלמערס מיט ספרים פון דער אַלטער ליטעראַטור. מ'האָט זיי געקויפט אָן אַ סיסטעם, נאָר דורך צופאַל. איז געקומען אין שטאָט אַ פאַקן־טרעגער, אַ מוכר־ספרים, האָט דער גבאי פון בית־המדרש געקויפט, ווען עס איז געווען געלט, די הייליקע ספרים, וואָס דער פאַקנטרעגער האָט צופעליק געבראַכט: ש"סן, מדרשים, עין־יעקבס, פּוסקים, שאלות ותשבות, קבלה־ספרים, מוסר־ספרים, מקראות גדולות, פּירושים א. ד. גל.

דער גבאי, וואָס פֿלעגט קויפֿן די ספֿרים, האָט בײַ קײנעם געװײנטלעך ניט אָנגעפֿרעגט, וואָס און פֿאַר וויפֿיל ער זאָל קויפֿן. פֿון אײן מין איז געװען מער, פֿונעם אַנדערן מין האָט געפֿעלט. קײנער האָט ניט געוואוסט וואָס איז אַ קאַטאַלאָג; קײנער האָט ניט געפֿירט קײן רשימה, אַ פֿאַרצײכעניש פֿון די ספֿרים, וואָס געפֿינען זיך אין בית־המדרש.

די ספֿרים אין די אַלמערס זײנען געשטאַנען אָן אַ סדר, אויסגעמישט. האָט אײנער געדאַרפֿט אַרויסנעמען אַ ספֿר, האָט ער געדאַרפֿט אַלײן ארומזוכן אויבן, אונטן, אין דעם אַלמער, אין יענעם אַלמער, און יעדער האָט צוריק געשטעלט דעם ספֿר, אין וועלכן ער האָט אַרײנגעקוקט, וואו און ווי ער האָט געוואָלט, אָן אַ סיסטעם, נאַכלעסיק, אָן אַחריות, און ווי עס האָט זיך געמאַכט. באַרבאַריש, אָן רחמנות, האָט מען באַהאַנדלט דעם ספֿר, וואָס מען האָט געברויכט. יעדער האָט אין אים פֿאַרקנײטשט אַ בלאַט אַלס אַ סימן וואו ער האַלט. האָט ער געשמעקט טאַבאַק, האָט ער פֿונעם טאַבאַק איבערגעלאָזט שפּורן אויף די זײטן, אין וועלכע ער האָט אַרײנגעקוקט, זיך פֿאַרטיפֿט אין דעם. האָט ער געהאַט אַ נאָז־קאַטאַר, האָט ער די שפּורן פֿונעם קאַטאַר איבערגעלאָזט אויף די זײטן, וועלכע ער האָט געלערנט. בײַם איבערקערן אַ בלאַט האָט דער למדן באַנעצט דעם פֿינגער, מיט וועלכן ער האָט געבלעטערט. דעם ענין פֿון באַצילן, פֿון היגיענע, האָט קײנער דאָן בײַ אונדז ניט געוואוסט און ניט געהערט. אויף די ערשטע לײדיקע בלעטער פֿונעם ספֿר האָבן די בחורים, די ײדענע יונגעלײט, די תּכשיטים, די מושלים, באַשריבן מיט זײערע חכמות, מיט זײערע המצאותלעך, ווי: „הספֿר הזה שייך למי ששייך, ובכל זאת למי הוא שייך? הוא שייך למי שקנה, ומי קנה? למי שיש לו כסף" (ד. ה. דער ספֿר איז שייך צו וועמען ער איז שייך. אָבער צו וועמען איז ער שייך? ער איז שייך צו דעם, וואָס האָט אים געקויפֿט. ווער האָט אים געקויפֿט? דער וואָס האָט געלט!), אָדער זײ פֿלעגן אויפֿשרײַבן מיט כּתיבהטע אותיות דאָס וואָרט „ויושע" אויף אַזאַ אופֿן, אַז פֿון בײדע זײטן, פֿון אויבן און אונטן, האָט מען דאָסזעלבע געקאָנט לעזן, און נאָך אַנדערע קונצשטיק. צווישן די בלעטער פֿון אַ ספֿר האָט מען געפֿונען אויסגעריסענע האָר, גרויע, שוואַרצע, געלע האָר, וואָס די לומדים פֿלעגן דאָרט באַהאַלטן פֿון זײערע בערד, בײַם אַרויסצופּן, אויס פֿרומקײט.

דאָס ספֿר איז דאַכט זיך געווען הײליק, מ'פֿלעגט דאָס אַ קוש געבן בײַם אַרויסנעמען און בײַם אַרײנשטעלן אין אַלמער (מ'האָט זיך גענוג אָנגעקושט מיט פֿרעמדע באַצילן), און דאָך האָט דער אַלטער דור, דער דורכשניט ייִד, באַהאַנדלט דעם ספֿר צו פֿאַמיליאַר, צו וואַכעדיק, קול־טורלאָז.

איך שוידער אויף, ביז היינטיקן טאָג, ווען איך זע ווי געוויסע פּער־זאָנען באַהאַנדלען רעספּעקטלאָז, אָן יעדער צערטלעכקייט, אָן אַ ברעקל הייליקייט, אַפילו דעם טייערסטן ספר. איך וויל גלויבן, אַז אַזאַ פּערזאָן באַהאַנדלט אויך אַ פרוי גראָב, אָן צערעמאָניעס.

די ספרים, וואָס מ׳פלעגט זיי געבן בינדן פאַרן בית־המדרש, פלעגט מען זיי צוריקקערן צעקאַליעטשעטע, פאַרקריפּלטע; זייער אָפט זיינען געווען די בויגנס פאַרדרייט, מיטן קאָפּ אַראָפּ, אָדער די בויגנס, וואָס האָבן געדאַרפט קומען צום סוף, זיינען געווען איינגעבונדן אין אָנהויב, און פאַרקערט. פיל זייטן זיינען געווען פאַרשניטן אָדער צעריסן.

די אַלמערס ספרים אין די בתי־מדרשים האָבן ניט געהאַט אַפילו אַ סימן פון דעם, וואָס מיר רופן אָן היינט ביבליאָטעקאַר. זיי זיינען געווען הפקר. די איינציקע שמירה פאַר די ספרים, מ׳זאָל זיי ניט צושלעפּן אָדער, פשוט, גנבענען, איז געווען דער שטעמפּל אויף זיי „בחרם דרבנו גרשון״ (בחדר״ג), אַז מען טאָר זיי ניט אַרויסטראָגן פון בית־המדרש. פאַרן חרם האָט מען אמת מורא געהאַט, און זייער זעלטן האָט זיך געטראָפן, אַז מען זאָל גנבענען אַ ספר אין בית־המדרש, הגם די אַלמערס זיינען געשטאַנען שטענדיק אָפן, און אויך די בתי־מדרשים זיינען געווען דורכן טאָג און דורך דער נאַכט אָפן פאַר יעדן; דאָך זיינען די ספרים געשטאַנען ווי יתומים, פאַרלאָזן, מ׳האָט קיינמאָל פון זיי דעם שטויב ניט אָפּגעווישט, די אַלמערס קיינמאָל ניט אויסגערייניקט.

און דאַרום איז געווען די קליינע ביבליאָטעק, וואָס איך האָב, אַלס יינגל, געגרינדעט מיט דער הילף פון מיינע חברים, אַ גאַנץ נייע זאַך, וואָס דער עלטערער דור האָט דאָס גאָר ניט געקאָנט באַגרייפן. איך רעד שוין ניט, וואָס די ספרים זעלבסט, וועלכע מיר האָבן אַריינגעבראַכט אין אונדזער ביבליאָטעק, האָט מען באַטראַכט אַלס טריף־פּסול, אַלס סם־המות.

ניט לייכט איז געווען צו געפינען אַ חדר פאַר אונדזער ביבליאָטעק. קיינער האָט ניט געוואָלט פאַרדינגען. עס האָבן זיך דאַן געפונען צוויי בחורים, אויך ברייניבס פון אונדזער פאַמיליע, די זין פון אַ רייכער אַלמנה וואָס האָבן געפירט דאָס געשעפט פון דער מוטער, וואָס האָט געהאַנדלט מיט שמאַטעס, און דאַרום זיינען זיי געווען זעלבסטשטענדיק. זיי האָבן אַריינגענומען די ביבליאָטעק אין זייער הויז, וואָס האָט געהאַט פיל חדרים. זיי האָבן אויך געלט געגעבן אויף צו פאַרגרעסערן די ביבליאָטעק. אַזוי ווי אָט די ברייניבס זיינען געווען רייך און האָבן געגעבן געלט ביד רחבה אויף אַלע צדקה־זאַכן, האָט זייער זכות מגין געווען אויף דער ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך געפונען אין זייער הויז.

און די ביבליאָטעק מיט דער גערעכטער און גוטער אָרדענונג, פֿאַר יענער צייט, האָט געשאַפֿן אין אַ געוויסער מאָס אַ „גייסטיקן צענטער" פֿאַר דער לאַדיער יוגנט.

X

אין דער צייט פֿון מיין גייסטיקן אויפֿוואַכן, צווישן זעכצן און זיבעצן יאָר, אין מיין איבערגאַנגס־צייט פֿון דער שטרענג־אָרטאָדאָקסישער לעבנס־פֿירונג צו דער השכלה־עפּאָכע, האָבן זיך אין מיר דערוועקט פֿאַרשיידענע כּוחות, פֿאַרלאַנגען און שטרעבונגען.

מיין ענערגיע, מיינע נשמה־אימפּולסן האָבן זיך געריסן אין פֿאַרשיי־דענע זייטן, אויף פֿאַרשיידענע וועגן.

קיין לערער, קיין וועגווייזער האָבן זיך דאַן ניט געפֿונען פֿאַר מיר. קיינע דערפֿאַרונגען — ניט אייגענע און ניט פֿרעמדע. אַליין מיט אייגענע כּוחות, האָב איך געמוזט אויסזוכן אַ לעבנסוועג. ניט נאָר פֿאַר זיך אַליין, נאָר אויך פֿאַר מיינע חברים, וואָס האָבן אויף מיר געקוקט און מיר בלינד נאָכגעמאַכט.

כּל זמן איך בין געווען נאָר אַ בית־המדרש בחור, אַן עילוי, אַ ירא שמים באמת, איז געווען מיין קרייז, מיין סביבה, זייער ענג. איך האָב נאָך געקאָנט אַ געוויסע צאָל לומדים, די זקנים פֿון די חסידים, די פֿאַנאַ־טיקער, דעם קרייז פֿון רבי זלמן, פֿונעם רב און ראש הישיבה. איך האָב ניט געוואוסט וואו און ווי אַ טיר עפֿנט זיך אין שטאָט ביי אונז. מיין וועלט איז געווען דער בית־המדרש, אין וועלכן איך האָב טאָג און נאַכט געלערנט, און די פֿיר גרויסע אַלמערס מיט אַלטע, פֿאַרשטויבטע ספרים.

ווען איך האָב זיך אָנגעהויבן צו בילדן, לייענען די נייע העברעאישע און די רוסישע ליטעראַטור, האָט זיך דער קרייז פֿון מיינע נאָענטע באַ־קאַנטע דערווייטערט. איך בין געקומען אין באַרירונג מיט מער מענטשן, מיט אַנדערע קרייזן און מיט מער אינטערעסן.

איך האָב זיך אָנגעהויבן לערנען פֿידל שפּילן. ווי עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, איז מיין „געהער" (חוש השמועה) געווען זייער שוואַך, ניט אַנטוויקלט. איך האָב פֿון דער נאַטור געהאַט אַן אויג, אַ געפֿיל, אַ פֿאַר־שטענדעניש פֿאַר פּלאַסטיק, פֿאַר ליניעס, פֿאַר פֿאַרבן און פֿאָרמען. אין מיין געבורטס־שטאָט האָב איך ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו זען בילדער אָדער סטאַטועןֹ. קיינער האָט דאָס ניט געהאַט, קיינער האָט דאָס ניט געברויכט. ווען איך בין אָבער געקומען אין דער גרעסערער וועלט, האָב איך ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט בילדער און סטאַטועס זיי דערפֿילט, באַ־גריפֿן. עס איז געווען אין מיין בלוט. מיין פֿאָטער ז"ל האָט געקריצט אין

שטיין פֿאַרשיידענע אַרגאַמענטן, אַראַבעסקן. דאָס איז געווען ביי אים אַ שפּיל, אַ צייט־פֿאַרטרייב. ער האָט קיין מענטשלעכע פֿיגורן ניט געמאַכט, ווייל ער האָט ניט געוואָלט עובר זיין אויפֿן לאו פֿון „לא תעשה לך פסל וכל תמונה“! נאָר אַ פּאָר מאָל האָט מיין פֿאָטער אויסגעקנאָטן פֿון וואַקס מענטשלעכע פֿיגורן, כּדי מיר צו ווייזן זיין קונסט. איך בין דערפֿון שטאַרק באַגייסטערט געוואָרן, אָבער מיין פֿאָטער האָט זיך דערשראָקן פֿאַר דער עבירה, וואָס ער האָט געמאַכט אַ „געטשקע“, אַ „פסל“, און האָט דאָס גלייך אַליין איבערגעקנאָטן אין סתּם אַ צאַצקע. די מאַלעריי און סקולפּטור איז געווען אין בלוט פֿון מיין פֿאַמיליע, אין פֿאַרשיידענע מדרגות. איך בין געווען דער איינציקער צווישן מיינע ברידער, וואָס האָט ניט געקאָנט ניט צייכענען און ניט שניצן, אָבער איך בין געווען און פֿאַרבליבן (ווען איך האָב קיין טעות ניט, ווען דאָס איז ניט זעלבסטנאַררעריי!) אַ מבין אויף דעם. דאָס מיינט אַ געניסער.

מיין זעליקער פֿאָטער, וועלכער איז געווען פֿון דער נאַטור זייער קינסטלעריש באַגאַבט, מיט אַן אַנטוויקלטן חוש פֿאַר שיינקייט, פֿאַר פֿאַר־מען (ער אַליין האָט גאָר ניט געוואוסט, אַז ער באַזיצט אַזעלכע פֿעאיקייטן), איז געווען ניט מוזיקאַליש, האָט קיין „געהער“ ניט געהאַט, הגם ער האָט זייער ליב געהאַט צו הערן אַ גוטן חזן אָדער אַ פֿידל־שפּילער.

מיין מוטער ז"ל איז פֿון דער נאַטור געווען זייער מוזיקאַליש, מיט אַ פֿיין אַנטוויקלטן „געהער“; זי האָט געהאַט אויך אַ שיינע, זיסע, האַרציקע שטים. זי פֿלעגט אָבער קיינמאָל אין דער קעגנוואַרט פֿון פֿרעמדע ניט זינגען, ווייל עס איז אַ זינד, „קול באשה“... נאָר פֿאַר מיר אַליין, איר עלטער קינד, פֿלעגט זי זינגען וואונדערשיינע פֿאָלקסלידער, וואָס זיינען דאַן געווען באַקאַנט אין פֿאָלק, ניט געהובלטע, און מיט פֿרעמדע, פֿאַר־יידישטע מעלאָדיעס. איך פֿלעג פֿאַרגיין אין מתיקות, און אַלס קינד, ניט אויפֿגעהערט צו בעטן זיך ביי מיין ליבער, שיינער מוטער, זי זאָל מיר פֿאַרזינגען די לידלעך, אַפֿילו ווען זי האָט קיין צייט ניט געהאַט פֿאַר אַזעלכע זאַכן.

איך האָב געהאַט אַ קוזינע, אידע ברייניך, וועלכע איז געווען מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק אַ וועלט־באַרימטע זינגערין, וואָס האָט געגעבן קאָנצערטן אין די הויפּטשטעט פֿון אייראָפּע פֿאַר פֿאַרשיידענע פֿילאַנ־טראָפּישע צוועקן. זי איז געווען זייער רייך און האָט געזונגען עפֿנטלעך ניט צוליב געלט, נאָר פֿאַר וואוילטעטיקע אונטערנעמונגען.

איך האָב אָבער פֿון מיין מוטער, און פֿון די מוזיקאַלישע מיטגלידער פֿון מיין משפּחה, ניט געירשנט קיין באַזונדערן „געהער“. איך האָב איבער־גענומען נאָר די ליבע פֿאַר מוזיק, פֿאַר געזאַנג. מיט דער צייט, האָבנדיק

די מעגלעכקייט צו הערן אָפּט פּיל גוטע מוזיק, האָב איך כּמעט מיט געוואַלד אַנטוויקלט אַ געווּיסע, מיטלמעסיקע פֿעאיקייט צו „הערן״, צו פֿילן און צו איבערלעבן גוטע מוזיק.

אין דער צייט, וואָס וועגן איר דערצייל איך דאָ, האָט מיך געצויגן צום פֿידל. דאָס איז געווען די צייט, ווען אין מיר אינעווייניק האָט גע־שפּראָצט, געבליט, אויפֿגעוואַקסט און געזוכט אויסדרוק, און דערום האָב איך זיך געכאַפּט צום פֿידל. איינער פֿון מײנע חברים און אָנהײנגער, ר־ן, וואָס איז געווען זייער מוזיקאַליש און האָט וואונדערשיין געשפּילט פֿידל, האָט מיר געגעבן לעקציעס. איך בין אָבער געווען אַ זייער שלעכטער תּלמיד. עס איז ניט געגאַנגען. עס האָט ניט געפֿידלט. סטרונעס פֿלעגן פּלאַצן איינע נאָך דער אַנדערער, פֿלייס האָט ניט געהאָלפֿן, און מיר איז באַלד דערעסן געוואָרן דאָס פֿידל־שפּילערײ. איך האָב זיך געמוזט איבער־צייגן, אַז איך בין ניט פֿעאיק פֿאַר דער דאָזיקער קונסט.

אין דער צייט אָבער, ווען איך האָב געגלויבט, אַז איך וועל זיך אויס־לערנען שפּילן; אין דער צייט, ווען איך האָב זיך געריסן פֿון וואָכעדיקן, פּראָזאַאישן לעבן, אין אַ פֿאַרצויבערטער וועלט פֿון פּאָעזיע, פֿון חלומות, פֿון פֿאַנטאַזיעס, האָב איך זיך באַקאַנט מיט קלעזמער פֿון אונזער שטאָט. צווישן זיי האָבן זיך געפֿונען אײניקע ווירקלעכע טאַלאַנטן און אײדעלע מענטשן. זיי זיינען אַלע געווען פֿרומע, ערלעכע יידן, דאָך איז מיין באַקאַנט־שאַפֿט מיט זיי געווען אַ מין ירידה אין די אויגן פֿון מײנע פֿריערדיקע פֿאַרערער. ווי קומט אַ בחור אַ למדן צו דער חבֿרה קלעזמער? עס איז ניט נאָך מיין שטאַנד.

און דאָך האָט מיך שטילערהייט געצויגן צו די קלעזמער. נישט קיין מאַרק־מענטשן, נישט קיין טרוקענע מענטשן. עפּעס מיני מכשפֿים. נעמען אַ הילצערנע פֿידל און ברענגען פֿון איר אַרויס אַזעלכע געטלעכע קולות, מיט אַזוי פֿיל באַגייסטערונג, מיט אַזוי פֿיל האַרציקייט, אַז זיי הויבן אויף ביזן זיבעטן הימל. הערנדיק ווי זיי שפּילן, ווילט זיך וויינען, עס ווערט אַזוי וואַרעם, אַזוי זיס אין אַלע אבֿרים, מ׳פֿילט זיך עפּעס אין אַ בעסערער, אין אַ דערהויבענערער וועלט. די קלעזמער האָבן מיך ליב באַקומען. זיי האָבן פֿאַר מיר עקסטרע געשפּילט די זאַכן, וואָס איך האָב ליב געהאַט. זיי האָבן אין מיר געפֿונען אַ הייסן חסיד. זיי פֿלעגן מיט גרויס נײַגעריקייט און באַוואונדערונג צוהערן זיך, וואָס איך דערצייל זיי פֿון דעם, וואָס עס טוט זיך אין דער גרויסער וועלט. אמת, איך האָב נאָך די גרויסע וועלט אַליין, מיט די אייגענע אויגן, ניט געזען, אָבער איך האָב וועגן דעם גע־וואוסט אָדער, ריכטיקער, געגלויבט, אַז איך ווייס — פֿון די ביכער, פֿון די רוסישע און העברעאישע, וואָס איך האָב שוין געלייענט. די יינגערע

פון די קלעזמער, מיט פיינע קינסטלערישע נשמות, האבן זיך שטילער־הייט אויך געריסן אין דער ווייטער וועלט. זיי האט זיך געוואלט אויס־לערנען נאטן (זיי האבן אלע געשפילט אן נאטן), שטודירן אין קאנסער־וואטאריעס און ארויסרייסן זיך פון די קליינע און ענגע שטעטלעך. זיי האבן געוועקט מיינע געפילן, מיינע געדאנקען, מיין פאנטאזיע, מיט זייער פידל, און איך האב געוועקט זייער פאנטאזיע און געשאפן זיי פליגלען, מיט מיינע דערציילונגען פון די שיינע וועלטן, פון די דערהויבענע מענטשן, פון דעם אינטערעסאנטן לעבן אין די ווייטע מקומות.

מיר האבן אלע געגלויבט באמת, אז דארט ווייט, ווייט אין דער גרויסער וועלט איז אלץ שיין און גוט, ס׳זיינען דארט גאר אנדערע מענטשן, גאר אנדערע פארהעלטענישן.

XI

אין מיין השכלה־עפאכע האב איך זיך אויך באקאנט מיט קולע דעם דאקטאר. אלס קליין יינגל האב איך נאך געקענט זיין פאטער, לייזער דעם דאקטאר.

לייזער דער דאקטאר איז געווען א חסיד און א למדן א ייד, האט געטראגן א לאנגע אטלעסנע קאפאטע מיט א ברייטן גארטל. ער האט געהאט א הדרת פנים, הויך געוואקסן, און א לאנגע בארד מיט דורכ־דרינגנדע אויגן, וואס פלעגן דאך בארואיקן. די „חכמת הדאקטאריע" האט ער אויסגעלערנט פון אן אלטן העברעאישן כתב־יד (מאנוסקריפט), וואס ער האט געירשנט פון זיין עלטער־עלטער־זיידן. אין יענעם כתב־יד, ווי איך האב זיך שפעטער איבערצייגט, זיינען געווען פארשריבן (מיט א וואונדערבארער, אמת־קינסטלערישער האנטשריפט) אין לשון קודש די נעמען פון פארשיידענע קראנקייטן, זייערע סימנים, סימפטאמען, און די רפואות און די סגולות צו דעם. קיין אפטייק איז דאן, אין מיינע קינדערשע יארן, אין לאדי ניט געווען. די רפואות זיינען געווען באבסקע סגולות און מיני קרייטעכער, וואס מ׳קאן זיי לייכט באקומען.

לייזער דער דאקטאר איז געווען א ייד א יחסן. ער האט געהאט סמיכה אויף הוראה. די האנטשריפט פון זיין „ספר הרפואות" איז איבערגעגאנגען פון פאטער צום עלטסטן זון. עס איז א סברה — האט מען אין די לומדישע קרייזן געזאגט — אז דער מאנוסקריפט שטאמט פון רמב״ם אליין, אז דארטן זיינען פארשריבן בסודי־סודות אויך די סגולות, ווי מען קאן א מענטשן צושניידן אויף שטיקער, אריינלייגן אין א פלאש — און נאכדעם מאכן לעבעדיק: א זאך, כידוע, וואס דער רמב״ם, רבי משה בן מיימון, האט דאס אליין געמאכט. דער כתב־יד איז געווען א צוזאמענגעמיש פון

קבלה מעשיות (פּראַקטישע קבלה) און פֿון אַלטע מעדיצינישע ספֿרים. יעדער, וואָס האָט געהערשנט דעם געשריבענעם „ספֿר־הרפֿואות״ און וואָס האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט דער פּראַקטישער מעדיצין, פֿלעגט אין אים עטוואָס צושרייבן, עטוואָס באַמערקן, אַ צייכן מאַכן פֿאַר די ווייטער־דיקע יורשים.

לייזער דער דאָקטאָר, ווען מען פֿלעגט אים רופֿן צו אַ קראַנקער פֿרוי, פֿלעגט ער אָנטאַפּן דעם דופּק דורכן אַרבל, און ניט אונטערזוכן דעם נאַקעטן קערפּער. ער פֿלעגט נאָר טאַפּן דעם שטערן, אויפֿהויבן ביי דער קראַנקער די אויגן־לעדלעך און אַריינקוקן אין זיי מיט אַ קאָנצענטרירטער מינע. רעצעפּטן האָט ער ניט פֿאַרשריבן. ער פֿלעגט נאָר רויִק און ווירדיק, מיט גרויס אויטאָריטעט, פֿאַרזאָגן וואָס מען זאָל טאָן: קאַלטע אָדער הייסע קאָמפּרעסן, באַנקעס, פּיאַווקעס, געוויסע גראָזן, וואָס צו עסן אָדער וואָס ניט צו עסן, און די הויפּט־רפֿואה איז געווען: „גאָט וועט זיך מרחם זיין!״

ווי איך קאָן זיך איצט דערמאָנען און באַגרייפֿן, האָט לייזער דער דאָקטאָר (וועלכן מ׳האָט אויך געהאַלטן פֿאַר אַ מקובל) געהאַט אַ היפּ־נאָטישע קראַפֿט אין זיין בליק פֿון אונטער די לאַנגע ברעמען. ער איז געווען אַ ראַסיקער ייד. זיין שטים האָט געהאַט אין זיך עטוואָס שטרענג באַפֿעלנדיקס. פֿון גויאישע דאָקטוירים האָט ער ניט געהאַלטן.

ווען לייזער דער דאָקטאָר איז געשטאָרבן, איז זיין זון קולע (יעקב) געוואָרן דער דאָקטאָר פֿון אונדזער שטעטל. ער פֿלעגט אויך טראָגן אַ לאַנגע אַטלעסנע קאַפּאָטע, פֿלעגט שטיין לאַנג שמונה עשרה, האָט אויך געהאַט אַ הדרת פּנים. ער איז געגאַנגען אין די פֿרומע וועגן פֿון זיין פֿאָטער, פֿון וועמען ער האָט געירשנט דעם געשריבענעם „ספֿר־הרפֿואות״. דאָך האָט ער געמאַכט אַ שריט ווייטער. לייזער דעם דאָקטאָר פֿלעגט מען געבן פֿאַר אַ געוויינלעכן וויזיט צו אַ קראַנקן 10 קאָפּיקעס. קולע (אָדער רבי יעקב) דעם דאָקטאָר פֿלעגט מען שוין געבן 15 קאָפּיקעס פֿאַר אַ וויזיט. האָט אָבער דער חולה ניט געהאַט די 15 קאָפּיקעס, האָט ער גוטמוטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ, וואָס דאָס האָט באַטייט, אַז דאָס הויז־געזינט פֿונעם חולה זאָלן זיך ניט שעמען און רופֿן אים נאָך אַמאָל, ווען מען וועט דאַרפֿן. ער האָט זיך ניט געיאָגט, חס וחלילה, נאָך געלט. געוויסע קראַנקהייטן האָבן אים אינטערעסירט, און ער פֿלעגט נאָכדענקען מיט וועלכע פּראַק־טישע מיטלען מען קאָן דאָס אויסהיילן. און וואָס ווייטער איז ער געוואָרן ווייניקער מקובל און — מער „דאָקטאָר״. ער פֿלעגט זיך שוין דערלויבן צו טאַפּן דעם דופּק ביי אַ קראַנקער פֿרוי ניט דורכן אַרבל. אַביסל שפּעטער האָט ער זיך אויסגעלערנט לייענען לאַטיין. מ׳האָט שוין דערציילט, אַז ער האָט ביי זיך אויסער דעם „ספֿר־הרפֿואות״ אויך אַ לאַטייניש בוך וועגן

דאָקטאָריע. ער האָט שוין איינגעפּירט ביי זיך אין הויז אַ מין קליין אַפּטייקל. אין אַ גאַנץ קליינעם שראַנקל האָט זיך אויסגעשטעלט די גאַנצע אַפּטייק. ער האָט שוין געגעבן פּאַציענטן פּראָשקעס, פּילן, טראָפּנס, שפּאַנישע פליגן און אויך כיניך. זיינע אַ טאָכטער, אַ מיידל, איז געווען די אַפּטייקערין. זי האָט שוין געהאַט אַ מעשן שטייסל, אַ פּאָר פּאָרצעלייענע באַנקעס, אַ זייַער (אַ לייקע) און פאַרשיידענע פלעשלעך און גלעזלעך. די אַפּטייקערקע איז געווען אַן אַ נאָז, נאָר צוויי לעכער האָבן פאַרנומען אינמיטן פּנים דעם פּלאַץ פונעם נאָז. איר שטים פלעגט אַרויספייפן דורך אָט די צוויי לעכער. עס איז געווען אַ שרעק אַנצוקוקן איר פּנים און אַ שרעק צו הערן איר שטים. דאָך האָט זי געהאַט אַ שם אין שטאָט פאַר אַ וואוילגעלערנטע, פאַר אַ גרויסער קענערקע אין לאַטיין.

ווען דער לאַדיער רבי פלעגט אַליין קראַנק ווערן, אָדער ווער פון זיין פאַמיליע, אָדער ווער פון די גבירישע פאַמיליעס, פלעגט מען אין געוויסע שווערע פאַלן שיקן נאָך אַ גויאישן דאָקטאָר קיין קראַסנע, סמאָלענסקער גובערניע, וואָס איז ווייט פון לאַדי 15 ווערסט, אָדער קיין אָרשע. פאַר די גויאישע דאָקטוירים האָט מען געהאַט גרויס דרך ארץ, אָבער אַזוי ווי ביים רבין האָט קיינער קיין רוסיש ניט געקאָנט רעדן (דיזעלבע זאַך ביי אונדזערע גבירים), איז קולע דער דאָקטאָר געווען דער פאַרטייטשער און פאַרמיטלער צווישן די קראַנקע און די „גרויסע" גויאישע דאָקטוירים, וואָס מען פלעגט אַראָפּברענגען אין קאַרעטעס.

קולע דער דאָקטאָר האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ, אַ זייער ערלעכע נאַטור, און האָט ליב געהאַט די חכמת־הדאָקטאָריע. ער האָט זיך אויסגעלערנט אַביסל רוסיש רעדן, און ווען ער האָט אַריינגעקוקט אין אַ רוסישן מעדיצינישן בוך, האָט ער וואָס פאַרשטאַנען. ער האָט זיך אויך אויסגעלערנט אָנצושרייבן אַ רעצעפּט אויף לאַטיין, און פלעגט דאָס צושיקן צו זיין פאַנפעוואַטער טאָכטער, די אַפּטייקערקע, און זי האָט געלעזן איר פאָטערס לאַטיין „ווי אַ וואַסער". דורך דעם אָפטן פאַרקער מיט די גויאישע דאָקטוירים, וואָס מען האָט אָנגעהויבן אָפטער אַראָפּברענגען אין לאַדי, האָט קולע דער דאָקטאָר זיך פאַראינטערעסירט מיט מעדיצינישע ביכער, און איז געוואָרן פרייער אין זיין דענקען און זייער טאָלעראַנט צו די משכילים, כאָטש ער האָט זיך געפירט ווי אַן עכט פרומער ייד. שפּעטער האָט ער שוין מסכים געווען, מען זאָל דערלויבן אַן אמתן אַפּטייקער צו עפענען אין לאַדי אַן אַפּטייק. עס זיינען געקומען פון ווילנע, פון מינסק, יידישע אַפּטייקערס צו באַזעצן זיך אין לאַדי. זיי האָבן זיך אָבער צוריקגעקערט, ווייל לאַדי האָט נאָך דאַן נישט געהאַט קייןווירקלעכן דאָקטאָר, אַ דאָקטאָר וואָס זאָל האָבן דאָס רעכט צו שרייבן אַ רעצעפּט. און אויסער

דעם, די פֿרײַנד פֿון קולע דעם דאָקטאָר האָבן קעגן זײַן װילן ניט צוגע־לאָזן, אַז מען זאָל מאַכן אין לאַדי אַן אַפּטײק, װײַל די אַפּטײקערס האָבן בײַ זײ ניט נושא־חן געװען — עפּעס ײדישע גױים, לאַטרועס, אַפּיקורסים, האָלטן ניט פֿון כּשר. מ׳האָט מורא געהאַט, אַז די דאָזיקע חבֿרה, די אַפּטײ־קערלעך, זאָלן ניט אָנטאָן צרות אין שטאָט, אַראָפּפֿירן די יוגנט פֿון װעג. אָט זײַנען דאָך אונזערע עלטערן, אונזערע זײדעס און באָבעס אױסגע־קומען און מאריך ימים געװען אָן אַפּטײקן, װאָס דער נײַער דור האָט אױסגעטראַכט. אונדז איז גוט די פֿאַנפֿעװאַטע אַפּטײקערקע — אַזױ האָבן געטענהט די זײַלן פֿון לאַדיער קהלה. דאָך האָט די צײַט געטאָן אירס. עס האָט זיך געעפֿנט אין לאַדי אַ ריכטיקע אַפּטײק. דער אַפּטײקער איז געװען אַ װילנער ײדישער יונגערמאַן, פֿלעגט שפּילן מיטן סטאַנאַװאָי און מיטן גלח אין קאָרטן, עסן טרפֿות, מחלל שבת זײַן — און דערצו גלאַט געװען אַן עם־הארץ. ער פֿלעגט אָבער יום־טובֿ און די ימים נוראים קומען אין שול, קױפֿן מפֿטיר און האָט גוט געלעבט מיט די חסידים, מאַכן מיט זײ אַ כּוסה, און דאָס האָט אים אױפֿגעהאַלטן. דער אַפּטײקער פֿלעגט אַרױס־געבן רפֿואות אױך אױף די רעצעפּטן, װאָס קולע דער דאָקטאָר פֿלעגט אױפֿשרײַבן, הגם ער האָט קײן רעכט דערצו ניט געהאַט. נאָר װער האָט דאַן געקוקט אױף אַזעלכע זאַכן! קײן מוסרים זײַנען בײַ אונדז ניט געװען.

זינט אָבער די אַפּטײק, מיט אַ קײזערלעכן אָדלער, האָט זיך געעפֿנט אין לאַדי, האָט דער צײַט־גײַסט געפֿײַערט אײניקע „נצחונות". אױך קולע דער דאָקטאָר האָט צוביסלעכװײַז געמאַכט הנחות דעם צײַט־גײַסט, און בײַ אים אין הױז האָבן זיך שױן אָנגעהױבן פֿילן, אין פֿאַרשײדענע קלײני־קײטן, די נײַע װינטן.

װען ס׳איז באַקאַנט געװאָרן אין לאַדי און אין דער אַרומיקער געגנט, אַז איך בין אַ משׂכּיל, אַ קענער, לײען אַלע מינים ביכער און לערן אַלע שבֿע חכמות, האָט מיך קולע דער דאָקטאָר אַמאָל פֿאַרבעטן צו זיך. דאָס איז געװען אַן אָװנט, װען ער איז געװען פֿרײַ. אין שטאָט איז געװען שטיל, קײן קראַנקהײטן זײַנען ניט אומגעגאַנגען.

קולע דער דאָקטאָר איז געװען אַ זײער קלוגער מענטש און זײער װיסנדורשטיק. אין שטובֿ האָט מען זיך בײַ אים שױן אין אַ געװיסער מאָס אָנגעהױבן פֿירן װי בײַ אַ דאָקטאָר. מען האָט דערלאַנגט טײ מיט לימאָן, פֿײַן געשניטן, און מיט זילבערנע לעפֿעלעך — דאָס איז געװען אין לאַדי אַ געװאַלדיקע נײַס. ער איז געװען דער ערשטער, װאָס האָט פֿאַרשריבן זײַנע פּאַציענטן טײ מיט לימאָן. דאָס איז געװען דאַן בײַ אונדז אַ זעלטענע פּרי, שװער צו באַקומען, באַטראַכט אַלס אַ רפֿואה. בײַ אים, קולע דעם דאָקטאָר, אין הױז, האָט מען שױן אױך געזונטע דערלאַנגט טײ מיט לימאָן.

אין זיין צימער איז שוין געהאַנגען אַן אויל־בילד, עפּעס אַן איטאַליענישע לאַנדשאַפֿט, וואָס אַ פֿריץ, וועמען ער האָט געהיילט, האָט אים געשענקט.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע בילד, וואָס איז מגולגל געוואָרן אין לאַדי. נאָר אַ „דאָקטאָר" האָט זיך דאָס געקאָנט דערלויבן אויפֿצוהענגען אויפֿן וואַנט. קולע דער דאָקטאָר האָט מיר געראָטן צוצומאַכן איין אויג און מיטן אַנדערן אויג לאַנג און גוט באַטראַכטן דאָס בילד, די בוימער, דאָס טייכל, די וועגן און דעם בלויען הימל. איך האָב אַזוי געטאָן. איך בין באַגייסטערט געוואָרן פֿון דער פּאַנאָראַמע, פֿון דער וואונדערשיינער לאַנדשאַפֿט, פֿון דער וויטער פּערספּעקטיווע, וואָס האָט זיך פֿאַר מיר אַנטפּלעקט. די חושים זיינען געווען פֿריש, דורשטיק, די פֿאַנטאַזיע לעבע־דיק, פֿליגלדיק — און איך האָב זיך גאָר ניט געקאָנט אָנזעטיקן מיט דעם אָנבליק פֿון דער איטאַליענישער לאַנדשאַפֿט. איך האָב געוואוסט, אַז דער העברעאישער דיכטער משה חיים לוצאַטו האָט געלעבט אין איטאַליע, און איך האָב אים זייער שטאַרק מקנא געווען, וואָס ער האָט געלעבט אין אַ לאַנד מיט אַזעלכע צויבערדיקע לאַנדשאַפֿטן.

קולע דער דאָקטאָר האָט מיר געוויזן זיין „ביבליאָטעק". איך האָב דאָרט געפֿונען אַ פּאָר יאָר געבונדענע „המגידס", אַ רמב״ם, מעדיצינישע ביכער אין רוסיש, קבלה ספֿרים, יש״ר מקאנדיא און אַ פּאָר השכלה ספֿרים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער קאָן גוט העברעאיש, אַפֿילו דקדוק, איז קלאָר אין „צוהר התיבה", און אַזוי ווי ער האָט געוואוסט, אַז איך האָב דורכגעשטודירט צבי הכהן ראַבינאָוויטשעס און חיים זעליג סלאָנימסקיס ספֿרים, ווי אויך אַנדערע ווּיסנשאַפֿטלעכע ביכער אויך אין רוסיש, האָט קולע דער דאָקטאָר, וואָס איז דאַן געווען אַ מאַן פֿון עטלעכע און פֿופֿציק, פֿאַרפֿירט מיט מיר אַ שמועס וועגן „עלעקטריקע", וועגן מאַגנעטיזם און וועגן אַנדערע הויכע ענינים. ער איז געווען זייער נייגעריק צו הערן פֿון מיר, וואָס האָב איך וועגן דעם געלייענט, און וואָס זאָגן די היינטיקע פֿאַרשער וועגן השארת הנפֿש (אומשטערבלעכקייט). איך האָב אים איבער־געגעבן דעם אינהאַלט פֿון סלאָנימסקיס ספֿר „השארת־הנפֿש" מיט מיינע אייגענע פּירושים, און קולע דער דאָקטאָר איז געווען אין העכסטן עקסטאַז צו הערן פֿון מיר, אַז חיים זעליג סלאָנימסקי אַליין גלויבט אין השארת־הנפֿש, און באַווייזט דאָס אַזוי שכלדיק מיט ראיות פֿון דער וויסנשאַפֿט.

XII

ווען איך בין אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר, האָב איך מיין געבורטס־שטאָט, לאַדי, פֿאַרלאָזן, און איך האָב געמאַכט מיין זעלבסטשטענדיקן שריט אין דער גרעסערער, אין דער וויטערער וועלט.

אײדער אָבער איך װעל באַשרײבן מײנע װאַנדערונגען און איבערלע־בונגען אין דער גרעסערער װעלט, װי אױך די מער מערקװירדיקע פּער־זאָנען, מיט װעלכע איך בין געקומען אין באַרירונג, װיל איך נאָך שיל־דערן מײן שטעטל, װאו איך האָב פאַרבראַכט מײנע ײנגלשע יאָרן. זײט דאַן האָב איך נאָר געלעבט אין גרױסע שטעט, װײט פונעם „תחום המושב״.

דאָס קלײן־שטעטלדיקע לעבן איז פאַרבליבן אין מײן זכרון נאָר פון מײנע ײנגלשע יאָרן, װאָס איך האָב פאַרבראַכט אין לאָדי, די רעזידענץ פון רבי שניאור זלמן שניאורסאָן.

ס׳איז שױן 44 יאָר װי איך האָב פאַרלאָזן מײן געבורטסשטאָט. איך האָב זי נאָכדעם בלױז דרײ מאָל באַזוכט אַ קורצע צײט — און דאָך לעבן אין מײן דעראינערונג אַלע פאַרשױנען, װאָס איך האָב געקאָנט אין די ײנגלשע יאָרן. איך געדענק זײ מיט אַלע זײערע פּרטים און אײגנטימלעכ־קײטן, װי זײ שטײען און גײען. װען איך מאַך צו מײנע אױגן אױף אַ מאָמענט, זע איך מײנע יוגנט־פרײנט, װי אױך די עלטערע מענטשן, מיט אַלע זײערע געזיכטסציגן און מינעס. מיר שײנט, אַז איך הער זײער קול, זײער קרעכץ, זײער לאַכן, זײער זינגען און װײנען.

פון דעם גרעסטן טײל פון יענער שטאָט לאָדי, װאָס איך האָב געקאָנט אין די יונגע יאָרן, איז שױן קײן זכר ניטאָ. ס׳איז קײן שאָטן נישט גע־בליבן פון יענע מענטשן און קײן סימן פון יענע אױפפירונגען און לעבנס־אָרדענונג. דאָך אין מיר — ערגעץ־װאו אין די טיפענישן פון מײן נשמה — לעבט דאָס אַלץ אין דער זעלבער פאָרעם, װי עס האָט אַמאָל געלעבט. קײן שטריך האָט זיך ניט אָפּגעמעקט.

פיל מאָל װײזט זיך מיר אױס, אַז ניט איך, ניט מײן פּערזאָן, האָט אַמאָל געלעבט אין לאָדי, נאָר אַ גאַנץ אַנדערער, אַ פרעמדע צו מיר פּער־זאָן, נאָר יענער פרעמדער איז אין מיר, אין דעם איצטיקן „איך״, מגולגל געװאָרן. ער, יענער פרעמדער, װאָס לעבט אין מיר נאָך הײנט ערגעץ װאו אין אַ פאַרבאָרגענעם װינקל פון מײן איצטיקן װעלן, דערשײנט מיר אָפּט אין זײן באַזונדערער געשטאַלט, און איך קאָן אים באַטראַכטן פון אַלע זײטן.

װען איך באַטראַכט אָבער אױפמערקזאַמער יענעם „פרעמדן״, װען איך קוק אין אים טיפער אַרײן, דערקאָן איך אין אים מײן איצטיקן „איך״, װאָס איז נאָר אַ װײטערע אַנטװיקלונג, אַן אױסבעסערונג און אַ פאַרשלעכ־טערונג פון יענעם „פרעמדן״, ד. ה. פון מײן אײגענעם און װעזנטלעכן איך אין מײנע ײנגלשע יאָרן.

װען איך אַנאַליזיר זיך זעלבסט, װערט מיר קלאָר, אַז ניט קוקנדיק אױף דעם, װאָס שױן 44 יאָר זינט איך לעב װײט פון מײן געבורטסשטאָט;

44 יאָר זינט איך געפינן זיך אין אַנדערע ספערן, אין אַנדערע פאַרהעל־טענישן, אין אַנדערע גייסטיקע צענטערן — ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, ליגן די וואָרצלען פון מיין אינערלעכן וועזן טיף אינעם באָדן פון מיין געבורטסשטאָט, און פון דאָרט שפּינט זיך דער פאָדעם פון מיין אייגנטלעכן „איך". דאָרט האָט זיך צום ערשטן אָנגעצונדן מיין גייסט; דאָרט, און דאָן, האָב איך צוערשט געחלומט צו ווערן אַ העברעאישער שריפטשטעלער.

עס זיינען מיר איצט ליב די זכרונות פון מיין יוגנט. די אַמאָליקע טיפן דערשיינען מיר איצט אין אַן אַנדער ליכט, אין אַן אַנדערער באַ־לייכטונג. איך קאָן זיי אָביעקטיווער אָפּשאַצן.

אַלס זעכצן־יאָריקער יינגל האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַלעקסאַנדער זיסקינד ראַבינאָוויטש*) וועלכער איז איצט דער עלטסטער פון די העברע־אישע שרייבער אין ארץ ישראל און וועלכער איז זייער באַליבט און טיף געאַכטעט פון אַלע העברעאישע קרייזן, ביי דער ראַדיקאַלער יוגנט, ווי אויך ביי די קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן, אַ דאַנק זיין אידעאַליזם און אויפריכטיקייט.

א. ז. ראַבינאָוויטש איז עלטער פון מיר מיט צען־צוועלף יאָר. ער איז אויך געבוירן אין לאָדי, וואו ער האָט פאַרבראַכט זיינע יונגע יאָרן ביז דער חתונה. אַלס פאַרהייראַטער האָט ער געלעבט אין דעם שטעטל ראַמאַנאָוו (אַן ערך 25 וויאָרסט פון לאָדי, אָדער נאָך נעענטער), אַן איידעם אויף קעסט. ער פלעגט אָפט קומען אין לאָדי, וואו זיין מוטער, ברודער און שוועסטער האָבן געלעבט. זיין באָבע, וועלכע איך האָב נאָך געקאַנט, איז געווען די גרעסטע כּלל־טוערין ביי אונז אין שטאָט.

ווען איך האָב זיך מיט אים באַקענט, איז ער שוין געווען אַ פאָטער פון אַ פּאָר קינדער, און באַקאַנט אין אונזער געגנט אַלס גרויסער „קענער" און אַ האַלבער אַפּיקורס.

איך וואָלט קיינמאָל ניט געוואַגט צוצוקומען צו א. ז. ראַבינאָוויטש, וועלכער איז געווען עלטער פון מיר, און האָט דאַן, ווי איך האָב געגלויבט, אַראָפּגעקוקט פון אויבן אויף די יונגע לאָדיער יינגלעך, וואָס האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן בילדן. מען האָט דערציילט, ער שרייבט זיך דורך מיט גרויסע קענער און שרייבער אין אָדעס און אין קעניגסבערג.

איך האָב געלערנט מיט זיין יינגערן ברודער צוזאַמען אין איין בית־המדרש; צוזאַמען האָבן מיר אָנגעהויבן לייענען בגנבה די השכלה־ביכלעך. ער איז געווען זייער נאַאיוו און אַ גרויסער בעל־התפעלות, שטענדיק אַ פאַרטראַכטער און אַ פאַרחלומטער. ווען ער פלעגט שטילערהייט איבער־

---

*) אַ. ז. ראַבינאָוויטש איז געשטאָרבן אין ארץ־ישראל אין 1944 — רעד.

לײענען עפּעס אַ שיר, אַ געדיכט, פֿון עפּעס אַ פּאָעט, פֿלעגט ער אַרײַנ־קומען אין העכסטן עקסטאַז, ער פֿלעגט דאָס לערנען אויף אויסנווייניק. איז דער שיר געווען אַ טרויעריקער, פֿלעגט ער גיסן מיט טרערן בײַם לײענען. אַט דער חבר פֿלעגט האָבן ביטול פֿאַר מיר, ער איז געווען זײער באַשײדן און איז מיר געווען זײער דאַנקבאַר און איבערגעגעבן פֿאַר דעם, וואָס איך פֿלעג אים דערקלערן די שווערע ווערטער אין אַ העברעאישן געדיכט. איז דער שיר געווען אַ ליבע־געדיכט, האָט זיך מײַן חבר שטאַרק פֿאַרליבט אין דער מײדל, וואָס דער פּאָעט האָט באַזונגען.

ניט האָבנדיק וועגן זיך זעלבסט אַ הויכע מיינונג, פֿלעגט מיר דער יוגנט־פֿרײַנד דערצײלן וואונדער וועגן זײַן עלטערן ברודער אַלעקסאַנדער זיסקינד ראַבינאָוויטש, וואָס וועט באַלד־באַלד ווערן אַלײן אַ שרײַבער, אַ משורר אין העברעאיש און אין רוסיש, און וועט איבערקערן וועלטן, דען ער שיקט שוין זײַנע זאַכן אין גרויסע, רוסישע גאַזעטן. אמת, מ׳דרוקט אים נאָך ניט, אָבער באַלד וועט מען אָנהויבן דרוקן. אַזוי ווי מײַן חבר פֿלעגט דערצײלן אויך וועגן מיר גרויסע וואונדער פֿאַר זײַן עלטערן ברודער, דעם צוקינפֿטיקן שרײַבער, האָט דער לעצטער, ווען ער איז געקומען צו־גאַסט אין לאַדי, מיך גערופֿן צו זיך, ער האָט געוואָלט — ווי מײַן חבר האָט מיר איבערגעגעבן — מיך זען.

מײַן חבר האָט מיך געבראַכט צו זײַן ברודער א. ז. ראַבינאָוויטש, ער איז אײַנגעשטאַנען בײַ זײַן מוטער. אין הויז איז געווען אַ שענק. ס׳איז געווען אַ זונטיק, אַ מאַרק־טאָג. דאָס הויז, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן מאַרק, איז געווען געפּאַקט מיט דאָרפֿישע פּויערן, זײ האָבן געטרונקען בראַנפֿן און גערויכערט מאַכאָרקע. דאָס הויז איז געווען פֿול רויך, גע־פּילדער, טומל און שמוץ. אין אַ הינטערשטן צימער איז געזעסן אַלעק־סאַנדער זיסקינד ראַבינאָוויטש: קלײן געוואַקסן, גרויסע, בוילעטע, קורצ־זיכטיקע אויגן (אָן ברילן), אַ שיטער בערדל, אַן אײַנגעבויגענער קערפּער, אַ ליבלעכער, טרויעריק־פֿרײַנדלעכער אויסדרוק אין פּנים.

איך בין שעמעוודיק אַרײַנגעקומען צום צוקינפֿטיקן שרײַבער. מײַן האַרץ האָט געקלאַפּט ווי אַ האַמער, אַן אינערלעכער קול האָט צו מיר גע־רופֿן: „דע לפֿני מי אתה עומד!" (ד. ה., ווײס פֿאַר וועמען דו שטײסט!")

ראַבינאָוויטש האָט באַמערקט ווי דערשראָקן און אומזיכער איך בין, און ער האָט זיך פֿרײַנדלעך געווענדט צו מיר ווי צו זײַנעם אַ גלײַכן, מיט פֿאַרשײדענע פֿראַגן: וואָס לײען איך? וואו נעם איך ביכלעך? ווי האַלט דאָס מיט מײַן אמונה? פּרוביר איך עפּעס אַלײן שרײַבן?

די ערשטע מינוטן בין איך געווען אָן לשון, איך האָב געגלויבט, אַז אָט־אָט גיט ער אויף מיר אַ שאָט מיט זײַן השכלה, מיט זײַנע גרויסע

קענטענישן און באַוויזט מיר, אַז איך קאָן גאָרנישט, פֿאַרשטיי גאָרנישט און מאַכט פֿון מיר אַ תּל. דאַן פֿאַלט מיין אַנזען ביי מיינע חברים, וואָס האָבן געגלויבט, אַז איך בין אַ גאַנצער מאַכער און אפֿשר אויך אַ צו־קינפֿטיקער שרייבער.

איך האָב געזען ווי ראַבינאָוויטש (אין שטאָט ביי אונז האָט מען אים גערופֿן נאָר זיסקינד) באַהאַנדלט מיך פֿריינדלעך, הגם איך האָב געשפּירט, אַז ער קוקט אויף מיר ווי אויף אַ יינגל, וואָס האָט נאָך קיין באַגריף נישט וואָס השכלה באַדייט, וואָס האָט זיך נאָך נית באַפֿרייט פֿון די „פֿאַר־שימלטע" באַגריפֿן, וואָס קאָן נאָך גאָרנית די רוסישע ליטעראַטור. איך האָב דאָך ביסלעכווייז באַקומען מוט און זיכערקייט. איך האָב אים באַוויזן, אַז איך האָב שוין געלערנט מאַטעמאַטיק, פֿיזיק און אַנדערע העכערע למודים פֿון די ספֿרים, וואָס חיים זעליג סלאָנימסקי, צבי הכהן ראַבינאָ־וויץ, גבריאל יהודה ליכטענפֿעלד האָבן געשריבן. איך האָב אים איבער־צייגט, אַז איך האָב שוין געלייענט אויך די וועלט־געשיכטע פֿון קלמן שולמאַן. ראַבינאָוויטש האָט מיך געפֿרעגט: ווי געפֿעלט מיר שולמאַנס לשון?

מיט גרויס התפּעלות האָב איך געענטפֿערט:

אַז שולמאַנס לשון איז געטלעך־שיין, „הויך געשריבן", די מליצה ביי אים שטייגט אַלץ אַריבער; אַז מיר געפֿעלט שולמאַנס לשון מער אַפֿילו ווי די הויכע מליצות פֿונעם מלבי"ם אין זיינע הקדמות צו זיין פּירוש אויף תּנ"ך. אמת, דער מלבי"ם, דער קעמפֿנער גאון, שרייבט אויך וואונ־דערבאַר, ווי, למשל, זיין מליצה: „השבעתי כל כנף, כל עט, כל קסת, כל נוצה" (אַזאַ רייכקייט אין שמות נרדפֿים!), אָבער דאָס קליין ביכעלע פֿון קלמן שולמאַן „שפֿה ברורה", באַזונדערס די איבערגעזעצטע בריוו צווישן געטע און שילער, שטייגט איבער אַפֿילו דעם „משל ומליצה" פֿון מלבי"ם.

ראַבינאָוויטש, אויסהערנדיק מיין הייסע באַגייסטערונג פֿאַר שולמאַנס לשון, האָט מיט אַ זיסן שמייכל פּרובירט מיך אָפּקילן: שולמאַנס לשון איז צו מליצהדיק, צו געשוואָלן, אויפֿגעבלאָזן, צופֿיל גענומען פֿון איוב, פֿון ישעיה, פֿון יחזקאל. מ'קאָן אויך אויסקומען מיטן לייכטן לשון פֿון די נביאים ראשונים — און אַ באַוויז, מרדכי אהרן גינצבורג און משה ליב ליליענבלום!

איך האָב דאַן צום ערשטן מאָל געהערט די נעמען פֿון מ. א. גינצבורג און ליליענבלום.

א. ז. ראַבינאָוויטש האָט מיר דאַן דערציילט ווער לילענבלום איז: אַ שאַרפֿער קאָפּ, אַ רעאַליסט, אַ קעמפֿער קעגן די רבנים און זייערע חומרות און גזרות, אַ קריטיקער, אַ גרויסער קענער פֿון רוסיש, אַ פֿרייער

דענקער, וואָס גלויבט אין קײן זאַך, אַ גרויסער שרײבער, וואָס שרײבט קלוג, פּשוט, לײכט...

און ראַבינאָוויטש האָט אָנגעהויבן פאַר מיר זינגען, מיט אַ זיסער, אָנגענעמער שטים (ער איז געווען מוזיקאַליש) עפּעס אַ ליד אין ײדיש, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן פון לילױענבלום. דאָס ליד איז געווען האַלב ראָמאַנטיש און האַלב אַפּיקורסות. די מעלאָדיע צו דעם ליד האָט גע־קלונגען זײער שײן (ווי איך האָב זיך דערנאָך איבערצײגט, איז דאָס ליד ניט פון לילױענבלום, און ראַבינאָוויטש האָט אַ טעות געהאַט).

אַ פּאָר שעה בין איך געזעסן בײ ראַבינאָוויטשן; איך האָב באַוואונ־דערט זײן אָנגעלײענטקײט, זײן פּילזײטיקײט, אַ „מושלם בכל המעלות", די קלוגע באַמערקונגען פון אַ מענטשן, וואָס שטײט הויך, זײן פרײקײט אין רעדן, אין דענקען, זײן פאָרכטלאָזיקײט צו עובר זײן עבירות. שוין בײ מײן ערשטן באַזוך האָט ער מיר געצײגט אַ דיקע „טעטריאַד" (אַ בלאַק פּאַפּיר), וואָס ער האָט זי אײנגאַנצן אויסגעשריבן, מיט זײנע פּערלדיקע, ליבלעכע אותיות, פּירושים אויף שווערע פּסוקים אינעם תּנ"ך, נשמה־אויסגיסונגען, „אַפּיקורסות" (אויסגעלאַכט פון געוויסע ײדישע מנהגים און פון אָבערגלויבן), חסידות, שטיפעריײען, איבערזעצונגען פון רוסישע שרײבער, שטיקלעך, ברעקלעך, אָנגעהויבענע זאַכן און ניט פאַרענדיקטע.

אויף מיר האָבן די שרײבעכצן געמאַכט אַ שטאַרקן אײנדרוק. ווי איך פאַרשטײ איצט, האָבן ראַבינאָוויטשעס דעמאָלטיקע ניט געדרוקטע „חבורים" קײן ווערט געהאַט — דאָס זײנען געווען „ליטעראַרישע" קונץ־שטיק פון אַן אײדעם אויף קעסט אין אַ קלײן־שטעטל, וואָס האָט ניט וואָס צו טאָן, און דאַרום שרײבט ער סתּם „זאַכן" אין דער וועלט אַרײן. אָבער דאַן האָב איך געפילט אין אים אַ מאַן, וואָס אַט־אַט וועט ער באַקאַנט ווערן אין דער וועלט.

מײן ערשטער באַזוך בײ ראַבינאָוויטשן איז געווען אַ געוויסע ווענדונג אין מײן דעמאָלטיקער גײסטיקער אַנטוויקלונג. איך האָב אים גלײך אידעאַליזירט און ליב באַקומען.

XIII

מײן יוגנט האָט געבליט; אַלץ אין מיר האָט געשפּראָצט און רײף געוואָרן. איך בין געווען שטאַרק פאַרליבט אין תּמר פון „אהבת־ציון", אין די צאַרטע, טרוימערישע העלדינס פון לערמאָנטאָווס, פון פּושקינס און טורגעניעווס דערצײלונגען און פּאָעמען. אין מײן פאַנטאַזיע האָב איך זײ אַלעמען געליבט און אידעאַליזירט. איך האָב איבערהויפּט ליב געהאַט די גאַנצע וועלט, די נאַטור, די ליטעראַטור, די פּאָעזיע, ניט קוקנדיק אויף

דעם, וואָס איך בין געווען פאַרליבט אין דער „חכמת המאַטעמאַטיקאַ" און אין „חכמת ההגיון" (לאָגיק), און ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך האָב פון קינדהייט אָן געהאַט אַ באַזונדערע נייגונג צו קלאָרקייט, צו פשטות און צום שכל הישר — פלעג איך דאָך שטאַרק באַגייסטערט ווערן פון אַ שיינעם פערז, פון אַ ראָמאַנטיש ליד, פון יעדן גרינעם גרעזל, פון יעדן זון־אויפגאַנג־און־אונטערגאַנג.

מיין פאַנטאַזיע האָט אַלץ, וואָס מיין אויג האָט געזען, באַגילדעט, פאַרשענערט, באַרייכערט, אידעלער און פּרעכטיקער געמאַכט.

אין מיין געבורטשטאָט זיינען געווען פאַרהעלטניסמעסיק פיל שיינע יידישע מיידלעך, צווישן זיי ווירקלעכע שיינקייטן, מיט עכטן יידישן חן. ווען איינע פון זיי פלעגט אויף מיר בגנבה אַ קוק טאָן, פלעג איך זיך פאַרשעמען, אָראָפּלאָזן די אויגן און פילן ווי הייסע בליקן באַגלייטן מיך.

די צניעות איז געווען שטאַרק. שטילערהייט, טיף אין דער נשמה בין איך געווען פאַרליבט אַמאָל אין איין שיינער מיידל און אַמאָל — אין אַן אַנדערער. איך האָב איבערהויפּט ליב געהאַט אַלץ וואָס איז שיין, אַלץ וואָס האָט אַ חן. די שיינע מיידלעך, די וועלכע האָבן געהאַט אידעלע פאַרמען און פיינע ליניעס, אָבער זיי האָבן קיין מאָל ניט דערפאַרן, אַז זיי געפעלן מיר און איך בין פון זיי באַגייסטערט.

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך האָב שוין צו יענער צייט, אַלס זיבעצן־יאָריקער בחור, געלייענט ראָמאַנען און ליבעס־לידער, האָב איך זיך דאָך געשעמט צו באַקענען זיך מיט אַ מיידל, וואָס איך האָב געגלויבט, אַז איך בין אין איר פאַרליבט, און אָנהויבן מיט איר אַ געשפּרעך. איך בין געווען אַ גרויסער ביישן, אַ שעמעוודיקער.

איבערהויפּט פון מיין קלאַס בחורים האָבן נאָך צו יענער צייט ניט געוואָגט עפנטלעך צו שפּאַצירן מיט אַ מיידל, אָדער צו רעדן אַפילו אַ וואָרט אין גאַס מיט אַ שכנה.

שבת פאַרנאַכט, ביים שפּאַציר־גאַנג אונטער דער שטאָט, פלעגן די בחורים באַזונדער און די מיידלעך באַזונדער, אין אַ געוויסן אָפּשטאַנד גיין.

עס האָט זיך נאָר אָנגעהויבן הערן, מ'האָט געמורמלט, אַז געוויסע שוסטער־בחורים, גראָבע יונגען, טרעפן זיך אין וועלדל, אָדער אין אַן אַלטער פוסטקע, חורבה, מיט געוויסע מיידלעך, דינסטן.

איך האָב געפילט, אַז איך געפעל זייער אייניקע מיידלעך, אַז זיי זיינען אַפילו פאַרליבט אין מיר און זוכן אַ מעגלעכקייט צו טרעפן מיך און באַקענען זיך מיט מיר — עס האָט זיי אָבער ניט געלונגען. ס'איז ניט געקומען דערצו. ווען אַ שיין מיידל, פון אַ רייכערן, בעסערן הויז פלעגט אַריינקומען צו אונז אין הויז, כלומרשט נאָך עפּעס, פלעגט זי רעדן נאָר

מיט מײַן מוטער און וואַרפֿן בליקן צו מיר. אָבער איך פֿלעג זיצן אַן אַ זײַט, קוקן אין אַ ספֿר און ניט וואָגן אַ וואָרט אויסצורעדן מיטן מײדל. אײניקע פֿון די מײדלעך פֿלעגן אַמאָל באַרגן בײַ מיר, אַן מײַן וויסן, עפּעס אַ רוסישן בוך, מיר דאָס צוריקקערן און אַרײַנלײגן צווישן די בלעטער אַ „שלום אַהובי״ בריוועלע, מיט דער האָפֿענונג צו באַקומען פֿון מיר געהיים אַן ענטפֿער. איך פֿלעג אָבער לאָזן אַזעלכע בריוולעך אָן אַ תּשובֿה.

עס איז געווען אַ יוגנט פֿון צניעות, פֿון צוריקהאַלטונג, פֿון שעמעוודיקײט. אין הויז האָט געהערשט אַ רײנע, מאָראַלישע אַטמאָספֿער. איך האָב קײנמאָל ניט געהערט קײן גראָב וואָרט.

ווען איך בין איצט, אין מײַן עלטער, פֿריש אין אַלע חושים און געזונט, און גלויב ניט, אַז „בן ששים — לזקנה״ (אַז צו זעכציק איז מען אַלט!), האָב איך דאָס נאָר צו פֿאַרדאַנקען דער שטרענגער צניעות און רײנקײט פֿון מײַן יוגנט.

די צניעות און די צוריקגעהאַלטנקײט פֿון מײַן יוגנט האָט מיר געגעבן די מעגלעכקײט, די פֿעאיקײט אין די שפּעטערע יאָרן ביז אויף הײַנטיקן טאָג צו געניסן דאָס לעבן, די נאַטור און אַלץ וואָס איז שײן און אײדל, מיט אַלע חושים. די פֿעאיקײט צו בלײַבן לעבנס־לאַנג אַן אָפּטימיסט, אין יעדן צושטאַנד, אויסצושעפּן פֿון יעדן מאָמענט זײַן גרויסקײט און דערהאָבנקײט.

אַ וואונק — צו אונדזער הײַנטיקער יוגנט.

צו יענער צײַט האָב איך צום ערשטן מאָל אויפֿגעשריבן אין העברעאיש אַ קלײנעם ראָמאַן. איך האָב די העלדין געשילדערט שענער ווי תּמר אין „אהבת־ציון״, בעסער, רײנער אַלס אַ מלאך. די פֿאַרבן פֿון מײַן ייִנגלשן ראָמאַן (מײַן ערשטער ליטעראַרישער פּרוואו) זײַנען געווען העל און פֿול גלאַנץ, די שפּראַך פֿלאַם־פֿײַערדיק, די געשעענישן פֿאַנטאַסטיש־ווילד און יעדע שורה איז געווען אַ לויב־געזאַנג, אינעם סטיל פֿון „שיר השירים״, דער ייִדישער טאָכטער, דער העלדין.

דעם דאָזיקן ערשטן ראָמאַן האָב איך אויפֿגעשריבן אין דרײַ נעכט, ווען דאָס גאַנצע הויז האָט געשלאָפֿן. איך האָב דאָס געשריבן אין אַ פֿיבערהאַפֿטיקן צושטאַנד. איך האָב זיך געפֿילט איבערגליקלעך אין מײַן העכסטן עקסטאַז בײַם שרײַבן. מײַן האַרץ, ווי געזאָגט, איז געווען פֿול מיט ליבע צו דער ליבע זעלבסט, פֿול ליבע צו יעדער באַשעפֿעניש; עס האָט אין מיר געזונגען, וויברירט יעדער נערוו. איך האָב אידעאַליזירט דעם סוד פֿון דער פֿרוי, די מיסטעריע פֿון איר וועזן — און דאָס אַלץ האָט געזוכט אויסדרוק. און עס האָט זיך געשריבן ווי פֿון זיך אַלײן. די הויכע מליצות פֿון ישעיה, פֿון גאָטס ענטפֿער צו איוב, פֿון יחזקאל, פֿון שיר השירים

זיינען אַלע צוגעפּלויגן צו מיין פּעדער. איך האָב בשעתן שרייבן געפּילט, ווי אַ הייליקן ציטער, אַ גליקלעכן שוידער אין מיין גאַנצן וועזן. די שטיל־קייט פון דער נאַכט און אירע סודות האָבן פאַרשטאַרקט און באַפּליגלט מיין ייִנגלשער פאַנטאַזיע.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איך האָב נאָך דאַן קיין באַגריף, קיין אַנונג ניט געהאַט פונעם ווירקלעכן לעבן. איך האָב ניט געקאַנט די פרוי, אירע וואונטשן, קאַפּריזן, ניט אירע מעלות און ניט אירע חסרונות. זי, די פרוי, איז מיר דאַן געווען ניט מער באַקאַנט ווי די איינוואוינער אויפן מאַרס.

מיין אויפגעשריבענער ראָמאַן האָט אין זיך ניט געהאַט קיין טראָפּן לעבן, קיין סימן פון נאַטירלעכקייט. דאָס לעבן האָט אין מיר זעלבסט פולסירט — איך האָב אָבער געטרוימט, בין געווען דורך און דורך אַ בעל־חלומות, געשוועבט אין די וואָלקנס, געריסן זיך אין ערגעץ ווייטע, איבער־נאַטירלעכע ספערן. די צוריקגעהאַלטענע יוגנט־קרעפטן, יוגנט־לוסט, די צניעות, האָבן זיך אויסגעלייזט, עקספּלאָדירט, איך וואָלט זאָגן, אין אַ רעגנ־בויגן פון איבערגעטריבענע פאַנטאַסטישע בילדער.

עס איז מיר דאַן גאָרניט איינגעפאַלן צו פּרובירן דרוקן מיין „ערשט־לינג". איך האָב דאָס געשריבן פאַר זיך אַליין, נאָר כּדי צו באַפרייען זיך פון מיינע חלומות און פאַנטאַזיעס. איך האָב דאָס געשריבן אָן יעדער כּוונה.

ווי עס ווייזט אויס, האָט פון מיינע קינדערשע יאָרן געלעבט אין מיר אַ שטאַרקע נייגונג צום שרייבן. און ווי מיר שיינט איצט, איז די דאָזיקע נייגונג צום שרייבן אַ געבוירענע קראַנקייט, אַ נישט־היילבאַרע קראַנקייט, פון וועלכער מ'קאָן ניט פּטור ווערן לעבנס־לאַנג.

איך בין געווען, דאַכט זיך, קערפּערלעך פולשטענדיק נאָרמאַל און געזונט מיט אַלע רמ"ח אברים, אָבער די ליידנשאַפט צו שרייבן האָט געמוזט זיין אַ ריין־גייסטיקע קראַנקייט, אַ גייסטיקער מום, עפּעס אַ גלגול, אַ ירושה פון אַן עלטער־עלטער־זיידע, וואָס איז געווען באַלאַסטעט מיט דערזעלבער פען־קראַנקייט. קיין ראָמאַנען האָט מיין עלטער־זיידע געוויס ניט געשריבן. ער האָט געמוזט שרייבן פּירושים, שאלות ותשובות א. ד. גל.

ווען מיר קומט אויס צו פאַרברענגען אַ געוויסע צייט אין דער געזעל־שאַפט פון נאַר־שרייבער, פון נאַר־פּאָעטן, מאַכט עס אָפטמאָל אויף מיר דעם איינדרוק, ווי איך געפין זיך אין אַ קרייז פון גייסטיק־קראַנקע, ניט „נאָרמאַלע" מענטשן. איך האָב מורא צו געברויכן אַ שטאַרקערן אויסדרוק: „ווי איך געפין זיך אין אַ משוגעים־הויז".

די געזעלשאַפט פון נאַר־שרייבער, נאַר־פּאָעטן — דאָס איז אַ געזעל־שאַפט פון נערוועז־געררייצטע מענטשן, פון איינגעבילדעטע פאַרשוינען.

עס רופֿעט עפּעס שטענדיק אין זיי. שטענדיק אומרואיק, אָנגעשטרענגט, אָנגעבלאָזן. ניט ריר זיך צו ווי צו אַ רויער וואונד. עס איז אַ געזעלשאַפֿט וואָס ווערט גלייך אויפֿגערעגט, אויפֿגעשטורעמט און אויפֿגעבראַוזט. יעדער פֿון זיי האָט אַן איבערטריבענע מיינונג וועגן זיך. יעדער פֿון זיי גלויבט טיף אין האַרצן (אַנדערע זאָגן דאָס אַרויס אָפֿן, קליפּ און קלאָר), אַז ער, און נאָר ער, איז דער גרעסטער, דער בעסטער, דער געוואַלטיקסטער. אַז די וועלט האָט אים באַרויבט. און וויפֿיל די „וועלט" זאָל אים ניט אָנדערקענען, וויפֿיל די קריטיקער זאָלן אים ניט לויבן, איז דאָס אַלץ ווייניק, אַלץ גאָרניט. די געפֿילן פֿון קנאה און שנאה לאָזן זיי ניט צורו. אַנדערע פֿון זיי האָבן ליב אַ ביס צו טאָן, אַ שטאָך צו טאָן, אַ צופּ טאָן דעם צווייטן, באַזונדערס אַ קאָלעגע. אַנדערע פֿון זיי זיינען שטענדיק ווי אַ „קוואָקעדיקע הון", שוואַנגער מיט עטוואָס, און גלויבן, אַז אָט־אָט וועלן זיי אויסלייזן די וועלט, געבוירן אַ משיח. אַפֿילו די פֿון זיי, וואָס זיינען ביטרע ווי אַ שלאַנג, זיינען דאָך אין גרונט גענומען ווי נאַאיווע, נאַרישע קינדער. מיט אַ לעק האָניק קאָן מען זיי געווינען. מיט אַ וואָרט קאָן מען זיי אָפּשטויסן. זיי זיינען שטענדיק גענייגט צו איבערשאַצן, אָדער צו אונטערשאַצן — קיינמאָל ניט צו קוקן דעם לעבן גלייך אין די אויגן. זייער גייסט איז שטענדיק אָדער אַרויפֿגעשרויפֿט, איבערגעשפּאַנט, אָדער אַרונטערגעשרויפֿט, אָפּגעלאָזן. זעלטן וועוו אויפֿן ריכטיקן פּונקט, זעלטן ווען די גייסטיקע גלייכגעוויכט, זעלטן ווען זעלבסט־קריטיק. אָדער גאַנץ בלינד, שטאָק־בלינד, אָדער אַ צו־שאַרפֿע ראיה, מיט אַ מיקראָסקאָפּ ווערט אַלץ אונטערזוכט, געפּאָרקעט זיך אין די קלענסטע, גאָר ניט וויכטיקע קלייניקייטן.

די שרייבער, די פּאָעטן — אַ מאָדנע, אַ קאַפּריזנע פֿאָלק — אַן אינטערעסאַנט פֿאָלק. פֿילזייטיק און צוגלייך אויך איינזייטיק. אַנדערע פֿון זיי קלוג, גייסטרייך, שאַרפֿזיניק — און דאָך מאַניאַקעס. זיי באַרירן זיך מיט אַלע פּראָבלעמען, מיט אַלע פֿראַגן און אינטערעסן פֿון דער וועלט, און לעבן דאָך אין אַ צו־ענגן קרייז, אין אַ צויבער־קרייז פֿון ווערטער, פֿון פֿראַזן.

אַ פּאָר חדשים האָב איך מיין ראָמאַן געהאַלטן בסודי סודות, קיינעם פֿון מיינע פֿריינד ניט באַוויזן. ווען איך האָב אים נאָך אַ געוויסער צייט אַליין דורכגעלייענט, האָב איך אין אים אַליין געפֿונען פֿעלערן און נאַרישקייטן. דער קריטישער פֿאַרשטאַנד האָט אין מיר דערוואַכט. געוויסע שטעלן זיינען דאָך געווען אין מיינע אויגן אויסעראָרדנטלעך געלונגען, נאָך אַ חודש איז פֿאַרגאַנגען, און אויך די שטעלן אין מיין ראָמאַן, וואָס האָבן מיר פֿריער אויסגעזען געראָטן, זיינען געפֿאַלן אין מיין אורטייל.

איך האָב אַ הנאה געהאַט זיך אַליין אַרונטערצורייסן און זיך אויסלאַכן פֿון מײַנע אײגענע פֿראַזן.

איך האָב באַשלאָסן צו ווײַזן מײַן ראָמאַן אַלעקסאַנדער זיסקינד ראַבי־נאָוויטש. מיט גרויס אינטערעס, פֿרײַנדלעכקייט און אויפֿמערקזאַמקייט האָט ער איבערגעלייענט מײַן שרײַבעכץ. איך האָב בײַ אים ניט געוואָלט פֿרעגן זײַן מיינונג. איך האָב זיך געשעמט צו רעדן וועגן מײַן „ווערק". איך האָב אָפּגעוואָרט ביז ראַבינאָוויטש — וואָס איז געווען אין מײַנע אויגן דער גרעסטער אויטאָריטעט — וועט מיר אַליין, פֿון זיך זעלבסט, אַרויסזאָגן זײַן מיינונג. איך האָב זיך שטאַרק געשראָקן פֿאַר זײַן אורטייל. און מײַן שרעק איז ניט געווען אומזיסט. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מיר א. ז. ראַבינאָוויטש געוויזן אַן אויספּירלעכע קריטיק, וואָס ער האָט אויפֿ־געשריבן אויף מײַן „ראָמאַן". עס איז געווען אַן אומבאַרחמנותדיקע קריטיק. דערהויפּט האָט ער קריטיקירט מײַן העברעאישע שפּראַך, זי איז צו מליצהדיק, צו באָמבאַסטיש, איך בין צו ראָמאַנטיש, איך קאָן ניט דאָס לעבן, עס פֿעלט מיר טעכניק, סימעטריע א. אַ. וו.

ראַבינאָוויטש האָט זײַן „שאַרפֿע" קריטיק דאַן אַוועקגעשיקט אין דער רעדאַקציע פֿונם „הקול" אין קעניגסבערג (י. מ. ראַדקינזאָהן איז געווען דער רעדאַקטאָר פֿון דער דאָזיקער העברעאישער צײַטונג). די דאָזיקע קריטיק איז ניט געדרוקט געוואָרן. איך האָב דאַן ניט געקאָנט באַגרײַפֿן, ווי שיקט מען אין אַ צײַטונג אַ קריטיק וועגן אַ „ווערק", וואָס איז ניט געדרוקט און וואָס עס האָט געשריבן אַן אומבאַקאַנטער ייִנגל. ראַבינאָוויטש האָט מיך דאַן צו ערנסט גענומען. כאָטש ער איז געווען עלטער פֿון מיר מיט צען, אָדער מער, יאָר, דאָך איז ער דאַן געווען (פֿיליכט אויך געבליבן) נאַאיוו ווי אַ קינד.

איבערהויפּט האָט זיך די השכלה־עפּאָכע אויסגעצייכנט מיט פֿיל תּמימות, אומשולדיקייט. בײַ דער גאַנצער דרייסטקייט, קאָמפּלוסטיקייט, שכלדיקייט זײַנען דאָך די ערשטע משכּילים געווען זייער נאַאיוו, קינדיש, אַפֿילו די חכמים צווישן זיי.

אַזוי, לכל הפּחות, זעט עס איצט אויס.

XIV

אַ דאַנק דער ביבליאָטעק, וואָס איך האָב געגרינדעט אין מײַן גע־בורטס־שטאָט, האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקומען די ביכער וועלכע איך האָב געוואָלט לייענען.

אין יענער צײַט האָב איך געהערט וועגן דעם רוסישן קריטיקער פּיסאַרעוו. ער איז אָבער דאַן געווען פֿאַרבאָטן. קויפֿן זײַנע ביכער איז

געווען אוממעגלעך. איך האָב אָנגעווענדעט אַלע מיינע כּוחות ווי עס איז צו באַקומען אַ פּאָר ווערק פון פּיסאַרעוו, וועלכער האָט דאַן געהאַט אַ באַזונדערן צויבער פאַר דער יוגנט.

דורך באַזונדערער מי און פאַרבינדונגען האָב איך דורך אַ פריינט, וואָס האָט געלעבט אין שקלאָוו, באַקומען געהיים די וויכטיקסטע טיילן פון פּיסאַרעווס ווערק. די ביכער זיינען צו מיר געבראַכט געוואָרן אויף אומוועגן, קאָנספּיראַטיוו, ווי עטוואָס זייער געפערלעכס, ווי מ׳וואָלט מיר ברענגען, למשל, דינאַמיט, וואָס קאָן אויפרייסן די גאַנצע שטאָט.

פּיסאַרעווס ווערק, וואָס מען האָט מיר, אַלס קאָנטראַבאַנדע צוגע־שיקט, זיינען געווען צעפּלאָנטערט און צעריסן און פאַרקלעפּט מיט פּאַפּיראָסן־פּאַפּיר.

איך בין געווען פול מיט באַגייסטערונג ווען איך האָב באַקומען פּי־סאַרעווס ווערק. איך האָב עס געהיימניספול פאַרשטעקט ווי די טייערסטע אוצרות, קיין אויג זאָל עס ניט זען. מיר האָט זיך געוואָלט אויסשרייען אויפן קול, ווען איך האָב זיך יענעם טאָג באַגעגנט מיט מיינע חברים פון ביבליאָטעק, אַז איך האָב באַקומען מיט נסים די הויפּט־ווערק פון ד. פּיסאַרעוו. איך האָב זיך אָבער איינגעהאַלטן און געשוויגן. עס איז געווען אַ סכנה אַרעסטירט צו ווערן, ווען מ׳וועט זיך דערוויסן, וואָס פאַר אַ „טריפה סחורה" עס געפינט זיך אין מיין באַזיץ.

אמת, מיינע נעענטערע חברים האָבן באַמערקט אין מיינע אויגן, אַז איך האָב עפּעס אַ באַהאַלטענע, אַ גרויסע שמחה, זיי האָבן אָבער ניט געקאָנט אַרויסקריגן פון מיר דעם סוד.

מיין פריינט פון שקלאָוו האָט מיר צוגעשיקט פּיסאַרעווס ווערק נאָר צום איבערלייענען, און האָט עס מיר דערלויבט צו האַלטן ביי זיך נאָר אַ פּאָר וואָכן (ווייל הונד׳ערטער יונגעלייט אין מאָהילעווער גובערניע האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער מעגלעכקייט עטוואָס דורכצו־לייענען אין פּיסאַרעוו, און פון זיינע ווערק האָט זיך געפונען, ווי מען האָט דאַן געזאָגט, נאָר איין עקזעמפּלאַר אין דער גאַנצער גובערניע). און אַזוי ווי בייטאָג האָב איך דאָס ניט געטאָרט לייענען, פלעג איך עס לייענען איינגעשפּאַרט אין מיין צימער פון האַלבע נאַכט אָן, ווען די גאַנ־צע גאַס האָט שוין געשלאָפן, ביז אין טאָג אַריין, ווען דער עולם איז שוין געגאַנגען דאַווענען „וותיקין".

איך האָב געשלונגען יעדעס וואָרט פון פּיסאַרעוון מיט גרויס ניי־געריקייט און מיט גרויס פאַרגעניגן. עס האָט זיך לייכט, אָנגענעם גע־לייענט. פרישקייט, מוטוויליקייט און יוגנטלעכע חוצפה האָט זיך גע־פילט אין יעדער זאַץ.

איך געדענק נאָך היינט מיט וואָס פֿאַר אַ באַגייסטערונג איך האָב געליינט פּיסאַרעווס אַרטיקעל „רעאַליסטי״ (די רעאַליסטן). באַזאַראָוו (דער העלד פֿון טורגעניעווס דערציילונג „אָטצי אי דיעטי״ (עלטערן און קינדער) איז געוואָרן פֿאַר מיר אַ לעבעדיקע פּערזאָן, ווען איך האָב באַוואונדערט, און פּיסאַרעוו איז דורך זיין אַרטיקעל „רעאַליסטי״ (די וויטערע אַנטוויקלונג פֿון באַזאַראָווס טיפּ) געוואָרן אין מיינע אויגן דער גייסטיקער פֿירער פֿון דער יוגנט, דער מוסטער פֿון קלוגשאַפֿט, אָפֿנקייט און אינטעלעקטועלער ערלעכקייט, דער רופֿער און וועקער צו אַ נייעם פֿרייען לעבן.

אויך דער אַרטיקל „פּטשאָלי״ (בינען) האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. ניט ווייניקער האָט אויף מיר געווירקט פּיסאַרעווס אַרטיקל „נאַשאַ אוניווערסיטעטסקאַיאַ נאַוקאַ״ (אונדזער אוניווערזיטעט־וויסן). איך האָב מיט עטליכע יאָר צוריק פּרובירט נאָך אַמאָל איבערצו־לייענען די הויפּט־ווערק פֿון פּיסאַרעוו. און די „ר׳עאַליסטי״, ווי די גאַנ־צע באַגייסטערונג מיט באַזאַראָוו, און איבערהויפּט די הויפּט־אידייען און הנחות פֿון פּיסאַרעוו אַלס ליטעראַטור־קריטיקער (די גרויסע חכמה: אַז אַ פּאָר שטיוול איז מער ווערט ווי דאָס גרעסטע קונסט־ווערק פֿון ראַ־פֿאַעל, אָדער באַזאַראָווס חכמה, וואָס פּיסאַרעוו האָט ניט אויפֿגעהערט צו איבערקייען זי אויף אַלע אופֿנים, אַז די וועלט איז ניט קיין בית־המקדש, נאָר אַ ווערקשטאַט) — איז מיר אַלץ אויסגעקומען פּלאַך, נאַאיוו קינדיש. עס איז מיר אומבאַגרייפֿלעך געוואָרן, ווי האָבן געקאָנט אַזעלכע אויבער־פֿלעכלעכקייטן באַגייסטערן די דאַמאָלדיקע יוגנט.

נאָך מער אומבאַגרייפֿלעך איז פֿאַר מיר היינט צו טאָג, ווי האָט גע־קאָנט אַזאַ אַרטיקל, ווי דער „רעאַליסטי״, מאַכן אויף מיר אַן איינדרוק, אויף מיר, דעם בעל־חלומות, וואָס איז געווען אין דער יוגנט אַזוי ראָ־מאַנטיש באַזעלט. ווי וויים איז, דאַכט זיך, געווען פּיסאַרעווס וועלט פֿון מיין אידישער וועלט, איבערהויפּט פֿון דער וועלט פֿון יידישע דענקער, אויף וועלכער איך בין דערצויגן געוואָרן אין מיין יוגנט!

צווישן דער יידישער יוגנט, פֿון יענער עפּאָכע (אַפֿילו צווישן די וועל־כע האָבן נאָר געהערט וועגן פּיסאַרעוון, אָבער ניט געליינט) האָט יעדעס וואָרט פֿון פּיסאַרעוו געגאָלטן אַלס די לעצטע און גרעסטע חכמה.

חקירות אָן אַ זייט: פּיסאַרעוו האָט אויף מיר אַזוי פֿיל געווירקט, אַז איך האָב זיך אָנגעהויבן שעמען מיט מיין לעבן, פֿאַרוואָס איך אַרבעט ניט, און לעב פֿון דעם, וואָס אַנדערע אַרבעטן אויס מיט זייערע הענט. איך זיץ ביי מיינע עלטערן, לייען ביכלעך, אָדער לערן אין אַלטע ספֿרים, פֿילאָזאָפֿיר, גיב ניט פֿיזיש אַ פֿינגער־אָן־אַ־פֿינגער אַ קלאַפּ, און די פּויערן

שװיצן אין פֿעלד, טוען אַלע שװערע אַרבעטן און הונגערן, און אַזעלכע בחורימלעך, װי איך, עסן זיך צו זאַט און קלײדן זיך אין בעסערע קלײ־דער — אויף װעמעס ר'עכענונג?

אמת, טיפֿע געדאַנקען האָב איך אין פּיסאַרעװס װערק ניט געפֿונען, אָבער ערליכע, מענטשלעכע און פֿרישע מײנונגען װעגן זאַכן, װאָס זײַנען נוגע דירעקט צו מײַן לעבן, און אַלץ װאָס ער זאָגט, איז געװען אַזוי לײַנדשאַפֿטלעך, אַזוי מוטיק אַרויסגעזאָגט.

דאַכט זיך, אין תּנ"ך און אין תּלמוד איז פֿיל ערנסטער, פֿיל מענטש־לעכער און אײנפֿאַכער אַרויסגעזאָגט געװאָרן די לערע, אַז די אַרבעט, די יגיע כּפּים, דער „בזעת אפּיך תּאכל לחם" (אינם שװײס פֿון דײַן גע־זיכט זאָלסטו ברויט עסן), שטײט העכער פֿון אַלץ. דאַכט זיך פּיסאַרעװ האָט דאָך מיר אײגענטלעך קײן נײַעם געדאַנק ניט אַנטפּלעקט, און דאָך בין איך געװען באַצױבערט פֿון זײַנע זשורנאַליסטישע און פּובליציסטישע אַרטיקלען און איז ליב באַקומען. ער האָט צו מיר גערעדט אין דער שפּראַך פֿון דער צײַט. איך האָב געלעבט אין אַ װעלט פֿון פֿאַנטאַזיעס, פֿון ראָמאַנטיק, פֿונם בית־המדרש, פֿון חסידים, פֿון משכּילים — און דאָ איז געקומען פּיסאַרעװ און רעדט אַזוי ניכטער, און דאָך באַגײַסטערט, װעגן רעאַלן װירקלעכן לעבן! דער געגנזאַץ האָט אויף מיר געװירקט.

לײַענענדיג פּיסאַרעװן, האָט זיך מיר דאַן אויסגעדאַכט, אַז אַלץ איז אַזוי אײנפֿאַך, פֿאַרשטענדלעך, קײן מיסטיק, קײן פֿאַרפּלאָנטערטע חקירות; נאָר די פּאָזיטיװע נאַטור־װיסנשאַפֿטן, נאָר די אַרבעט, די ניכ־טערקײט, די ערלעכקײט, די ממשותדיקײט, די רעאַליטעט האָבן אַ װערט.

פּיסאַרעװ האָט גערעדט צו מײַן געװיסן (ניט צו מײַן געדאַנק, צום קאָפּ) און איך האָב פֿעסט באַשלאָסן אָנצוהײבן אַ נײַ, אַ װירקלעך, אַ ניכטער לעבן — אַלײן מײַן ברויט צו פֿאַרדינען, באַשעפֿטיקן זיך נאָר מיט נאַטור־װיסנשאַפֿטן, זײַן נוצלעך דער מענטשהײט, אָפּזאָגן זיך פֿון אַלע פֿאַנטאַזיעס, פֿון אַלע אויטאָריטעטן. אָבער װי מאַכט מען דאָס? װי זאָל איך אַלײן מײַן ברויט פֿאַרדינען און לעבן זעלבסטשטענדיק? װאָס פֿאַר אַ פֿיזישע אַרבעט קאָן איך טאָן? קײן מלאכה, קײן האַנטװערק האָט מען מיך ניט געלערנט!

װען איך בין פֿאַרטיק געװאָרן מיט פּיסאַרעװס װערק, האָב איך גע־שטרעבט מיט אַלע קרעפֿטן צו באַקומען די דערצײלונג „טשטאָ דיעלאַט?" (װאָס טאָן) פֿון טשערנישעװסקי. עס איז אָבער געװען אוממעגלעך. װאונ־דער האָט מען מיר דערצײלט װעגן אָט דעם ראָמאַן; די טיפֿסטע געדאַנ־קען, די רעװאָלוציאָנערסטע אָנזיכטן, די גרעסטע און מענטשלעכסטע

אמתן געפֿינען זיך אין יעדער שורה פֿון טשערנישעווסקיס ווערק, פֿאַר וועלכן ער איז פֿאַרשיקט אין סיביר.

די „נײַע מענטשן“, די גרויסשטאָטישע משכּילים, וואָס פֿלעגן צופֿעליק דורכפֿאָרן לאַדי, אָדער די יענע, וואָס האָבן מיט מיר קאָרעספּאָנדירט (די משכּילים פֿון יענער צײַט האָבן געהאַלטן אין איין „דורכשרײַבן זיך“), האָבן געריצט מײַן נײַגעריקייט ביז דער העכסטער מדרגה מיט דעם, וואָס זיי האָבן מיר דערציילט, אָדער געשריבן וועגן דעם איבערדערמאָנטן ראָמאַן פֿון טשערנישעווסקי; דעם גרויסן געלערנטן, פּאָליטיק־עקאָנאָמיקער, דענקער און לערער, מאַרטירער און הייליקער. ווי די עלטערע חסידים פֿלעגן דערציילן נסים ונפֿלאות, די גרעסטע גוזמאות, וועגן זייערע רבּיים, גוטע יידן, און זײַנען קיין מאָל ניט מיד געוואָרן ריידנדיק וועגן זייערע מופֿתים. אַזוי האָבן קינדער פֿון יענע חסידים, די יונגע יידישע „רוסאַקעס“, דערציילט אין זייערע קרייזן נסים ונפֿלאות וועגן רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וועגן געוויסע רוסישע שרײַבער.

איך בין פּשוט אויסגעגאַנגען פֿון בענקשאַפֿט נאָכן ראָמאַן „טשטאָ דיעלאַט?“ וואו איך האָב געהאָפֿט צו געפֿינען אַן ענטפֿער אויף אַלע לעבנס־פֿראַגן, אויף די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פֿון מײַן עקזיסטענץ, דעם וועג, אויף וועלכן איך מוז און זאָל גיין. איך בין איבערצייגט, אַז אין מיטלאַלטער האָט קיינער ניט געזוכט אַזוי לײַדנשאַפֿטלעך דעם „לעבנס־עלעקסיר“, אָדער דעם „אבן־החכמים“, ווי איך האָב געזוכט צו קריגן טשערנישעווסקיס דערציילונג.

נאָך אַלע אָנשטרענגונגען און זוכעניש און שרײַבענישן האָט מיר געלונגען צו באַקומען פֿון אַ חבר אין סמאָלענסק אַן אָפּגעשריבענעם עקזעמפּלאַר פֿונם „טשטאָ דיעלאַט?“, וואָס איז געווען פֿון דער רעגירונג שטרענג פֿאַרבאָטן. די אָפּגעשריבענע קאָפּיע וואָס איך האָב באַקומען איז ניט געווען גאַנץ, נאָר די הויפּט־שטעלן, די הויפּט קאַפּיטלעך פֿונם ראָמאַן מיט באַמערקונגען פֿון די אָפּשרײַבער אויף די גליונות. דער כּתב איז געווען זייער אַ שלעכטער, אַן אומקלאָרער, דאָס פּאַפּיר צו דין, די טינט — וואַסערדיק, די זײַטן — צעקנייטשט, און דאָך בין איך געווען איבערגליקלעך ווען איך האָב דאָס באַקומען אין מײַנע הענט. ווען איך האָב דאָס געהאַלטן, האָט זיך מיר ניט געגלייבט, אַז עס איז אויפֿן וואָר. איך האָב מורא געהאַט, אַז אָט־אָט דערוואַך איך, און די טײַערע, זעלטענע געשריבענע קאָפּיע פֿונם ראָמאַן איז בלויז אַ זיסער חלום.

איך האָב זיך גענומען לייענען די „מערקווירדיקע“, רעוואָלוציאָנערע אָפּגעשריבענע שטעלן פֿונם „טשטאָ דיעלאַט?“; איך האָב אויף

דעם געבלענדעט מיינע אויגן, געמאַטערט זיך צו טרעפֿן די ווערטער, וואָס האָבן געפֿעלט, אָדער פֿאַרפֿלעקט און פֿאַרמעקט געוואָרן.

די תּורות, די חסידות, פֿונם לאַדיער, אויך פֿונם ליובאַוויטשער רבי מענדעלע, זיינען נאָך דאָן ביי מיר געלעגן אָפּגעשריבענע (ווייל די אַלע רביאישע חסידות־זאַגערײַ פֿלעגן אַרומגיין צווישן די חסידים נאָר אַלס אָפּגעשריבענע סגוּרי־תּורה, איינער האָט אָפּגעשריבן פֿונם אַנדערן מיט פֿיל ראשי־תּיבות), אָבער די אָפּגעשריבענע תּורות פֿון די רביים זיינען געווען וואונדערשיין און קלאָר אָפּגעשריבן, הגם דער אינהאַלט איז גע־ווען טונקל, אָן צוזאַמענהאַנג, קאַבאַליסטיש און מיסטיש. צווישן אַט די חסידישע כּתבים האָב איך געמוזט באַהאַלטן די כּתבים פֿון טשערני־שעווסקי. לייענענדיק די כּתבים פֿון טשערנישעווסקיס ראָמאַן, ווי ראַכ־מעטיעוו (ווען איך האָב קיין טעות ניט אינם נאָמען), דער העלד, האָט געליטן, געשלאָפֿן אויף טשוועקעס, כּדי זיך צוגעוואוינען ליידן פֿאַרן פֿאָלק; דאָס אַסקעטישע לעבן פֿונם רעוואָלוציאָנער האָט געפֿאַנגען מיין פֿאַנטאַזיע. איך האָב ניט ליב געהאַט די פּרושים, די דעמאָלטדיקע יידי־שע אַסקעטן. עס האָט זיי געפֿעלט שיינקייט, אויסגעהאַלטנקייט, פֿריי־וויליקייט. דער אַסקעטיזם פֿון דעם רוסישען רעוואָלוציאָנער האָט מיך באַצויבערט — ליידן פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿונם פֿאָלק, ליידן פֿאַר אַ פֿרייען געדאַנק, ליידן פֿרייוויליק, אָפּזאָגן זיך פֿון דעם נויטווענדיקסטן צוליב אַן אידעאַל — איך בין אַנטציקט געוואָרן פֿון אַט דער שיינקייט און אָפּפֿערוויליקייט.

ביים לייענען ד׳י בעסטע שטעלן פֿון טשערנישעווסקיס דערציילו־גען, פֿלעגט אין מיר אויפֿבליצן די פֿראַגע: פֿאַרוואָס ניט ליידן פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿונם יידישן פֿאָלק? פֿאַרוואָס ניט ליב האָבן די איי־גענע ברידער? וואָס קער איך זיך אָן מיטן רוסישן פֿאָלק? אַזעלכע געדאַנקען האָבן מיר אָבער דאָן זיך באַוויזן ווי אַפּיקורסות, ווי רעאַק־ציאָנער. איך האָב דאָן פֿעסט געגלויבט, אַז די באַפֿרייאונג פֿונם רו־סישן פֿאָלק איז אויך די באַפֿרייאונג פֿון די יידן. דער ציוניזם איז נאָך דאָן אויף דער וועלט ניט געווען. דער עלטערער דור האָט געגלויבט, אַז נאָר משיח וועט באַפֿרייען דאָס יידישע פֿאָלק פֿונם גלות, אַז נאָר דורך נסים און וואונדער קאָנען די יידן אויסגעלייזט ווערן. און די יידישע יוגנט, די איידעלע, די ערנסטע, האָט אַלץ געבלאָנדזשעט, געטרוימט און געזוכט וועגן און אידעאַלן.

XV

די ביבליאָטעק, וואָס איך האָב געגרינדעט אין מיין געבורטסשטאָט, איז וואָס ווייטער אַלץ מער געוואָרן דער זאַמל־פּונקט פאַר דער יוגנט, וואָס האָט זיך גענומען צו בילדונג.

די צאָל ביכער איז געוואַקסן פון חודש צו חודש. די נייע העברעאישע ביכער און די מאַנאַטשריפטן „השחר" פון פרץ סמאָלענסקין האָט אויסער מיר זעלטן־ווער גענומען אין האַנט. די לאָדיער יוגנט האָט זיך געכאַפּט פאַר דער רוסישער ליטעראַטור. די ביכער פון איוואַן טורגעניעוו, פון פיסעמסקי, פושקין, גאָגאָל, נעקראַסאָוו, ביעלינסקי, אוספּענסקי און לער־מאָנטאָוו זיינען דאַן געווען די מערסטנס געלעזענע.

אין ביבליאָטעק האָט מען גערעדט נאָר רוסיש, קיין איין וואָרט יידיש. אַ פּאָר בחורים מיט גוטע קעפּ, וואָס זיינען פריער געווען פון די מתמידים אין בית־המדרש און האָבן געזאָלט ווערן רבנים — דיזעלבע בחורים האָבן אויף איין מאָל אָוועקגעלייגט די גמראַס און די פּוסקים אַן אַ זייט, און זיינען געוואָרן מתמידים אין דער רוסישער ליטעראַטור. עס האָט זיי אָבער געפעלט דער חוש פאַר ליטעראַטור. זיי האָבן גאַנץ אַנדערש אויסגעטייטשט ווי איך דאָס, וואָס מיר האָבן גלייכצייטיק געלייענט.

אין מיר האָט טורגעניעוו אַנטוויקלט דעם געשמאַק פאַר ליטעראַטור, אַנטוויקלט דעם עסטעטישן זין. אין מיינע חברים פון בית־המדרש האָט טורגעניעוו אַנטוויקלט, אויף אַן אופן, וואָס איז מיר ביז היינט אומבאַ־גרייפלעך, אַ האַס צום יידישן לעבן, אַן אַפּנייגונג, כמעט אַן עקל, צו דער אַלטער און צו דער נייער העברעאישער ליטעראַטור, אַ גרינגשעצונג צו דער יידישער שפּראַך (וואָס האָט דאַן קיין אַנדער נאָמען געהאַט ווי „זשאַרגאָן").

דער עלטערער דור האָט קיין טעות ניט געמאַכט, ווען ער האָט באַ־טראַכט די ביבליאָטעק ווי אַ סכנה פאַר יידישקייט.

אין ביבליאָטעק פלעגן זיך טרעפן בחורים מיט מיידלעך פון די רייכערע הייזער. די בחורים און מיידלעך פון די אָרעמערע קלאַסן זיינען נאָך געווען גאַנץ ווייט צו בילדן זיך. זיי האָבן אויך ניט געהאַט קיין מעג־לעכקייט דערצו. דאָס יונגוואַרג פון די רייכערע הייזער („רייך" — נאָך די אַמאָליקע באַגריפן) האָבן זיך געהאַלטן פון ווייטן פון דער אָרעמער יוגנט. די ערשטע האָבן זיך קיינמאָל ניט געמישט מיט די לעצטע. די וועלכע האָבן זיך אויסגעלערנט רעדן רוסיש — גוט אָדער שלעכט, אָם מערסטן שלעכט — האָבן געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די, וואָס האָבן גערעדט נאָר „זשאַרגאָן".

אין דער ביבליאָטעק פֿלעגן אָפֿט פֿאָרקומען דעבאַטן וועגן ייִדישקייט, וועגן דער רוסישער ליטעראַטור און וועגן אַלץ מעגלעכס. מיך פֿלעגט שטאַרק קרענקען, ווען איך פֿלעג הערן, ווי מײַנע אַמאָליקע חברים פֿון בית־המדרש, און די טעכטער פֿון עכט פֿרומע עלטערן, מאַכן חוזק פֿון אַלץ וואָס איז ייִדיש, פֿון אַלץ וואָס איז געשריבן אין העברעאיש, און פֿאַרקערט, אַלץ וואָס איז רוסיש, איז געווען גוט און פֿײַן, אָן דער קריטיק, אָן אַ געפֿיל פֿון גערעכטיקייט.

איך בין געווען אַ הייסער, אַ פֿלאַמפֿייערדיקער „דעבאַטשיק", פֿלעג איך יעדעס מאָל אַרויסטרעטן אַלס אַ פֿאַרברענטער פֿאַרטיידיקער פֿון דער אַלטער און נײַער העברעאישער ליטעראַטור, פֿונעם ייִדישן גייסט (דאָס וואָרט „ייִדישע קולטור" איז נאָך דאָן ניט געווען אין גאַנג, אין דעם שפּראַך־געברויך) און פֿון אונזערע נביאים.

איך בין דאָן געווען אונטערן אײַנפֿלוס פֿון פּרץ סמאָלענסקין און זײַנע נאַציאָנאַלע אָנשויאונגען. אונטער זײַן אײַנפֿלוס האָב איך פֿײַנט געהאַט דעם דעסויער (משה בן־מנחם, מענדעלסאָן) און זײַנע תּלמידים, וואָס האָבן געשטרעבט זיך צו מישן מיט די אומות־העולם. איך פֿלעג זיך טיף מצער זײַן, וואָס לודוויג בערנע (וועמעס שריפֿטן איך האָב שוין דורכגעלייענט אין דער רוסישער איבערזעצונג) האָט זיך געשמדט. אויך דער נאָמען פֿון הענריעטע הערץ, וואָס איר סאַלאָן, אין בערלין, איז געווען אַ נעסט פֿאַר אַסימילאַציע, איז בײַ מיר געווען טריף. די אַלטע ייִדישע נביאים זײַנען בײַ מיר געווען דער העכסטער אידעאַל. איך בין דאָן געווען דורכגעדרונגען פֿונעם אידעאַל צו פֿאַראייניקן תּורה מיט חכמה, רעליגיע מיט השכּלה. סמאָלענסקיס „עם עולם", „עת לטעת" און דער פֿערטער טייל פֿון זײַן „התעה בדרכי החיים" האָבן אויף מײַן יוגנטלעכן גייסט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג. אין דער זעלבער צײַט בין איך אויך געווען באַאײַנפֿלוסט פֿון די סאָציאַלע געפֿילן, וואָס איך האָב אַרויסגעלייענט אין פּיסאַרעווס ביכער און אין טשערנישעווסקיס „טשטאָ דיעלאַט" (וואָס טוט מען?). מײַנע סאָציאַלע געפֿילן האָבן געפֿונען אַ שטאַרקע שטיצע און באַקרעפֿטיקונג אין די רייד פֿון די נביאים. מײַנע חברים האָבן נאָך דאָן ניט געהאַט געלייענט ניט פּיסאַרעוון און ניט טשערנישעווסקין. און אַפֿילו די גוטע תּלמודיסטן צווישן זיי האָבן זייער שוואַך געקאַנט דעם תּנ"ך, און דער קלענסטער, באַשרענקסטער רוסישער שרײַבערל איז געווען אין זייערע אויגן פֿיל מער און גרעסער פֿון ישעיה הנביא.

צווישן מײַנע דעמאָלטיקע חברים איז ניט געווען קיין איינער, וואָס זאָל האָבן אַ סאָציאַלן געפֿיל. זיי פֿלעגן אַראָפּקוקן אויף די באַלמעלאָכעס, אויף די אָרעמע לײַט בכלל מיט גרויס פֿאַראַכטונג. די וואָס זײַנען געווען

שענער אָדער בעסער געקליידט, האָבן זיך געשעמט צו רעדן מיט די בחורים, וואָס זיינען געווען אָרעם געקליידט.

איך, פאַרקערט, האָב זייער ליב געהאַט די אָרעמעלייט, די וואָס לעבן פון זייער שווערער אַרבעט. ניט קוקנדיק, וואָס מ׳האָט מיך געהאַלטן אין שטאָט פאַר אַן „אַריסטאָקראַט״, פאַר אַ גרויסן „קענער״, האָבן די אומ־ווויסנדיקע און די באַלמעלאָכעס, די פּראָסטע יידן, מיך זייער ליב געהאַט. ס׳האָט זיי געצויגן צו מיר און מיך צו זיי. קיין זאַך אין לעבן האָב איך ניט אַזוי פיינט געהאַט ווי גאווה, שטאָלצקייט. איך האָב זיך שטענדיק איינגעשטעלט פאַר די באַליידיקטע, פאַר די צוריקגעשטויסענע.

די אַלע זאַכן האָבן געבראַכט דערצו, אַז איך פלעג אין מיינע היציקע וויכוחים מיט די חברים פון ביבליאָטעק ליב האָבן זיי אַרונטערצורייסן, מבטל צו זיין.

די דאָזיקע חברים האָבן געוואוסט און אָנגערקענט, אַז איך בין מער באַלעזן און קאָן די רוסישע ליטעראַטור בעסער פון זיי אַלעמען. אין מיינע וויכוחים מיט זיי פלעג איך אַלעמען מנצח זיין, זיי פאַרשטעקן אין אַ ווינקל. אין מיין קעגנוואַרט פלעגן זיי פאַרטומלט ווערן, אַ מויל ניט געקאָנט עפענען, ווייל איך פלעג גלייך באַווייזן זייער עם־הארצות אין ליטעראַטור, זייער אויבערפלעכלעכקייט, אַז אין די מייסטע פאַלן בלעטערן זיי נאָר דורך אַ בוך, אָבער זיי לייענען ניט בלאָט ביי בלאָט אויפמערקזאַם און מיט פאַרשטענדעניש.

אין די אויגן האָבן זיך די רוסיש־לייענענדע חברים פאַרהאַלטן ווי תלמידים צו אַ לערער, ווי צום גרינדער פון דער ביבליאָטעק. אונטער די אויגן אָבער האָבן זיי מיט קנאה און שנאה געזוכט מיך מבטל צו זיין. זיי האָבן מיך, אונטער די אויגן, דערקלערט אַלס איינעם, וואָס האָט זיך נאָך ניט גאַנץ אויסגעהיילט פון די אַלטע „זאַבאַבאָנעס״, פון „פאַנאַטיזם״, אַלס איינעם, וואָס האָט זיך נאָך ניט באַפרייט פון די אַלטע, פאַרשזאַ־ווערטע קייטן.

די ביבליאָטעק און די צוזאַמענקונפטן אין איר פון בחורים און מיידלעך זיינען מיר מיאוס געוואָרן. איך האָב אויפגעהערט אַהין צו קומען. אַז איך בין אַמאָל געקומען אין ביבליאָטעק, פלעג איך נעמען אַ פּאָר ביכער און גלייך אַוועקגיין, איגנאָרירנדיק אַלע חברים.

איך בין געזעסן פאַרשפּאַרט אין מיין צימער ביי די עלטערן אין הויז און געשלונגען ביכער נאָך ביכער, זשורנאַלן נאָך זשורנאַלן. איך האָב זיך אויך אָנגעהויבן לערנען די דייטשע שפּראַך, מיט דער הילף פון אַ פּאָר פאַרעלטערטע לער־ביכער.

ביינאַכט פֿלעג איך אַליין אַרויסגיין שפּאַצירן. אַז איך האָב זיך צו־פּעליק געטראָפֿן מיט אַ פֿריערדיקן חבר פֿון ביבליאָטעק, האָב איך זיך ניט אָפּגעשטעלט און געגאַנגען ווייטער.

זייער אָפֿט פֿלעגט טרעפֿן, אַז פֿאַרבייגייענדיק דעם בית־המדרש, וואו איך האָב פֿריער געלערנט, און הערנדיק דעם טרויעריקן, מאָנאָטאָנעם ניגון פֿון דער גמרא, אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט, פֿלעגט מיך ציען ווי מיט אַ מאַגנעט צו מיין שטענדער. און ניט פֿיל טראַכטנדיק פֿלעג איך זיך אַריינכאַפּן אין טונקל־באַלויכטעטן בית־המדרש, אַרויסגענומען אַ גמרא און געלערנט אויפֿן קול מיטן זעלביקן ניגון און מיטן זעלביקן ברען ווי אין די פֿריערדיקע התמדה־יאָרן.

אָפּטמאָל פֿלעג איך פֿאַרבלייבן אין בית־המדרש די גאַנצע נאַכט, שטייענדיק אויף די פּיס ביים שטענדער און לערנען מיט חשק אַ שווערע סוגיא אין דער גמרא, ביז עס פֿלעגט טאָג ווערן.

אין אַזעלכע שעהן פֿלעג איך פֿאַרגעסן די רוסישע ליטעראַטור און די ניי־העברעאישע, ווי איך וואָלט זיי קיינמאָל ניט אָנגעזען.

ווען איך פֿלעג זיך אַרומקוקן אין בית־המדרש, ביי דער שלעכטער באַלייכטונג פֿון חלבנע ליכטלעך אין נידעריקע, ליימענע לייכטערלעך, פֿלעגט מיר ווערן טרויעריק אויפֿן האַרצן.

אין משך פֿון איין יאָר איז דער בית־המדרש געוואָרן גאָר אַן אַנדערער. די צאָל בחורים, לאַדיער באַלעבאַטישע קינדער, זיינען באַדייטנד וויניקער געוואָרן. און אויך די בחורים, לאַדיער און פֿון אַנדערע שטעטלעך, וואָס האָבן נאָך דאָרטן געלערנט — אויך זיי האָט שוין געפֿעלט דער פֿריערדיקער ברען. זיי האָבן אויסגעזען אין מיינע אויגן טרויעריק, פֿאַרזאָרגט און דער־שלאָגן ווי געפֿאַנגענע, ווי פֿאַראורטיילטע, ווי פֿאַראורטיילטע, וואָס זוכן צו אַנטרינען וואוהין די אויגן וועלן טראָגן. אַנדערע פֿון די דאָזיקע אומגליקלעכע האָבן גע־האַלטן אונטער דער גרויסער גמרא קליינע העברעאישע השכלה־ביכלעך. זיי פֿלעגן כאַפּן אַ קוק אין זיי, און דערשראָקענערהייט פֿלעגן זיי די ביכ־לעך פֿאַרשטעקן, ווען זיי האָט זיך געדאַכט, אַז עמעצער האָט עס באַמערקט.

די זקנים פֿון בית־המדרש האָבן אויסגעזען נאָך עלטער, און נאָך מער צוזאַמענגעבויגן. עס האָט זיי געפֿעלט דער פֿריערדיקער נצחון־גייסט, די פֿריערדיקע זיכערקייט. זיי האָבן ווי געפֿילט, אַז זיי פֿאַרלירן טאָג טעגלעך, אַז דער בית־המדרש ווערט פּוסטער און פּוסטער, ווי אַ מגפֿה וואָלט אַרויסכאַפּן דווקא די בעסטע בחורים. די זקנים האָבן ווי געפֿילט, אַז זיי זיינען ניט בכוח אויפֿצוהאַלטן, אָפּצושטעלן די סטרא אחרא, דעם רוח הטומאה, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אויך אין דער שטאָט, וואו עס

איז געווען די פֿעסטונג פֿון חסידות און לומדות, וואו רבי שניאור זלמן אַליין האָט געהאַט זײַן רבישן הויף.

די פֿיר ווענט פֿונעם בית־המדרש, וואו איך האָב פֿאַרבראַכט מײַנע ייִנגלשע יאָרן, און וואָס עס האָט נאָך מיט אַ יאָר צוריק אַזוי געלעבט, געזונגען און גערעשט —דערזעלבער בית־המדרש איז מיר פֿרעמד גע־וואָרן. די זקנים, וואָס האָבן מיך פֿריִער אַזוי ליב געהאַט, אַזויפֿיל דער־וואָרט פֿון מיר — די זעלבע זקנים זײַנען געוואָרן קאַלט צו מיר, פֿול מיט חשדים. זיי האָבן זיך געשראָקן פֿאַר מיר, אפֿשר קום איך אין בית־המדרש מיט אַ שלעכטער כּוונה, חלילה, אַראָפּצופֿירן פֿון וועג, פֿון דרך הישר, די פּאָר נאָך פֿאַרבליבענע בחורים, וואָס זײַנען נאָך פֿרום און האַלטן זיך נאָך פֿעסט בײַ דער תּורה.

איך האָב אָנגעהויבן פֿילן מײַן אײַנזאַמקייט און אָפּגעזונדערטקייט. דער אַלטער בית־המדרש איז מיר געוואָרן פֿרעמד, הגם איך האָב נאָך ליב געהאַט די אַלטע למודים. אויך די ביבליאָטעק מיט אירע באַזוכער, די ביבליאָטעק וואָס איך אַליין האָב זי מיט אַזויפֿיל מי געשאַפֿן, איז מיר אומדערטרעגלעך געוואָרן. איך האָב אין יענע יאָרן געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג צו אַסקעטיזם.

מײַן געזונט איז געווען בלײַענד, טראַצנד, איך האָב געשפּירט אַן איבערפֿלוס פֿון קראַפֿט און ענערגיע, פֿאַרלאַנגען, וואונטשן און שטרע־בונגען האָבן אין מיר געלעבט, געברויזט, געשפּראָצט — און דאָך איז מײַן אידעאַל געווען אַ נזיר, אַן אַסקעט.

די חברים פֿון דער ביבליאָטעק, די וועלכע האָבן אינגאַנצן אַוועק־געוואָרפֿן די גמרא, האָבן אָנגעהויבן זוכן אַלערליי ביליקע פֿאַרגעניגנס. אייניקע פֿון זיי זײַנען געוואָרן גראָבע, פּראָסטע בעלי־תּאוות־ניקעס. איך האָב זיי דערפֿאַר ניט געקאָנט אַריבערטראָגן. חברה פֿלעגט פּראַווען סעודותלעך, אַנדערע האָבן ליב געהאַט נעמען אַ ביסעלע, רויכערן פּאַפּי־ראָסלעך, טרעפֿן זיך אונטערן שטאָט מיט מיידלעך.

דאָס האָט מיר געצוואונגען צו פֿאַרלאָזן די וואַרעמע נעסט בײַ מײַנע עלטערן אין הויז, און אַוועקפֿאָרן אין דער וועלט, כּדי דאָרט עפּעס צו ווערן.

מײַן ערשטער אַרויספֿאָר

XVI

מײַן ערשטער אַרויספֿאָר אין דער וועלט איז געווען קיין האַרקי, מאָהילעווער גובערניע. מיך האָט געצויגן צו דער דאָרטיקער רעאַל־אַגראָנאָמישער שול.

אַ געוויסע צײַט איז מײַן אידעאַל געווען צו ווערן אַ געלערנטער אַגראָנאָם, כּדי נאָענט צו זײַן צו דער מוטער נאַטור, און כּדי כּשר צו פֿאַרדינען מײַן ברויט. צו יענער צײַט האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געהאָט געזען אַ יידישן אַגראָנאָם, אָבער דער אידעאַלער יידישער אַגראָנאָם נעמן (אין דעם העברעאישן ראָמאַן „עיט צבוע״ פֿון אַברהם מאַפּו) האָט גע־שוועבט פֿאַר מײַנע אויגן. אויך די רוסישע ליטעראַטור האָט מיך באַ־אײַנפֿלוסט ליב צו באַקומען די נאַטור און די ערד־אַרבעט. עס איז צו יענער צײַט געווען אַ פֿלאַטאָנישע ליבע. די אַרבעט אין פֿעלד און אין גאָרטן, אונטערן פֿרײַען הימל, פֿלאַנצן בלומען און רויזן, האָט זיך געמאָלן אין מײַן פֿאַנטאַזיע אין אַלע שיינע פֿאַרבן, און איך האָב זיך צו דעם געצויגן מיט מײַן גאַנצן וועזן.

האַרקי פֿון לאָדי איז ווײַט פֿערציק ווײַאָרסט, און דאָך האָבן מײַנע עלטערן שטאַרק געוויינט בײַ מײַן אָפּפֿאָרן, ווי איך וואָלט געמאַכט אַ רייזע גאָט ווייסט וואוהין, ערגעץ אין די מרחקים, איבערן אָקעאַן, און גאָט ווייסט ווען מיר וועלן זיך זען. דער פֿאָטער מײַנער האָט געזוכט צו באַהאַלטן זײַנע טרערן און זיך באַמיט צו ווײַזן מיר אַ פֿריילעכן פּנים, עס זאָל מיר לײַכטער זײַן אויפֿן האַרצן. זײַן פּנים האָט אָבער עדות געזאָגט, אַז ער איז זייער טרויעריק און אינערלעך אויפֿגערעגט. די מוטער האָט זיך ניט גע־קאָנט באַהערשן און געוויינט אויפֿן קול.

מײַנע עלטערן האָבן געפֿילט, אַז עפּעס אַ בייזער ווינט רײַסט מיך אַרויס פֿון זייער וואַרעמער נעסט, פֿון אונטער זייערע שיצנדיקע פֿליגלען, און גאָט ווייס, ווען איך וויל זיך צוריקקערן, און אויב איך וועל זיך איבער־הויפּט צוריקקערן.

די פֿור איז געשטאַנען בײַ דער טיר און געוואַרט אויף מיר. דער באַלעגאָלע איז געווען אומגעדולדיק. די עלטערן אָבער האָבן נאָך אַלץ געמאַכט הכנות צו מײַן אָפּפֿאָרן. די ליבע מוטער האָט אײַנגעפּאַקט מײַנע תּפֿילין אין אַ נײַעם סאַמעטענעם זעקל מיט באַפּוצונגען, פֿאַרפּאַקט אַ

נייעם וואָלענעם טלית־קטן מיט לאַנגע, ווייסע ציצית. די מוטער האָט אייגנטלעך ניט באַגריפן דעם צוועק פון מיין „רייזע" קיין האַרקי, וואָס וויל איך דאָרט טאָן אָדער שטודירן. זי האָט נאָר טיף געפילט, אַז איר בכור, איר „שוואַרצאַפּל פונעם אויג" פאַרלאָזט זי, שיידט זיך מיט איר, און עפּעס ציט אים אַוועק ווייט פון איר. זי האָט ניט געקאָנט באַגרייפן, ווי וועל איך לעבן אָן איר אויפזיכט, אָן איר קוקן אויף מיין געזונט, אויף מיין באַקוועמלעכקייט; ווער וועט אַכטונג געבן, איך זאָל עסן אין צייט און עסן וואָס איך האָב ליב; ווער וועט אַכטונג געבן אויף מיין וועש א. ד. גל.

און הגם איך בין געווען רעכט געזונט, קערפּערלעך גוט געבויט און הויך־געוואַקסן, אָבער אין די אויגן פון מיין ווייכהאַרציקער מוטער בין איך נאָך אַלץ געווען אַן עופהלע, אַ שוואַך איידל קינד, וואָס עסט נעבעך גאָרניט, וואָס מען מוז אים יעדעס מאָל דערמאָנען, אַז עס איז צייט עפּעס צו „איבערכאַפּן", אין מויל עטוואָס צו נעמען, דאָס האַרץ זאָל ניט איבער־חלשן, און אַז מ'זאָל אים ניט דערמאָנען, אַז עס איז צייט צו עסן און מען זאָל אים ניט דערלאַנגען עפּעס צום „איבערבייסן" און שטיין דערביי, קאָן ער זיך נאָך פאַרלייענען אין די „ביכלעך" און אַלץ קאָן קאַלט ווערן.

מיין מוטער האָט ניט געקאָנט פאַרשטעלן זיך, ווי וועל איך קאָנען לעבן אָן איר. ווער וועט מיר מאַכן דאָס בעט, עס זאָל זיין ווייך און וואַרעם, און אַז איך וועל, חלילה, קראַנק ווערן. „עס גייייען דאָך אום אַלע קראַנקייטן, זאָל גאָט שומר ומציל זיין", ווער וועט אין דער פרעמד אומגיין אַרום מיר און וואַכן נעכט, ווי נאָר אַ מוטער טוט עס.

מיין מוטער האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען און צוגלייך אָנגעלאָדן פאַר מיר פּעקלעך מיט געבעקס, מיט אַלערליי עסן־זאַכן, וואָס זי האָט מיט אירע אייגענע הענט צוגעגרייט, ווייסנדיק אַז איך בין אַ גרויסער „אויסקלייבער" און אַ „מפונק" אין עסן, און ניט אַלץ קאָן איך עסן. אַ שוואַך קינד, „נעבעך". אירע לעצטע ווערטער פאַר מיין אָפּרייזן זיינען געווען: „אַ, ליב קינד, ווען דיר וועט אין דער פרעמד ניט גוט זיין זאָלסטו זיך דערמאָנען אָן דעם הויז פון דיינע עלטערן. ביי אונדז וועסטו שטענדיק זיין דער ליבסטער גאַסט. אָן דיר וועט דאָך דאָס הויז זיין וויסט און לער (איך האָב צו יענער צייט איבערגעלאָזט אין מיינע עלטערנס הויז זיבן ברידער און שוועסטער), אַ, פייגעלע מיינס, גאָט זאָל דיך באַשיצן..."

איך האָב פיל פּרטים פון מיינע יונגע יאָרן אפשר פאַרגעסן, דאָך די ווערטער פון מיין ליבער מוטער האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון. זיי קלינגען נאָך עד־היום אין מ'ינע אויערן. נאָר איז דען מעגלעך איבערצוגעבן דעם מוטערלעכן, וואַרעמען, האַרציקן טאָן, מיט וועלכן די ווערטער זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן?...

אָ, דו הייליקע, דו אומפאַרגלייכלעכע יידישע מוטער! טיפער ווי דער ים זיינען דיינע געפילן, שטאַרקער פון טויט איז דיין ליבע, קלאָרער פון קרישטאָל איז דיין געביט! ווי רייך איז דיין נשמה, ווי זיס און ליב, מאַמעניו, איז געווען דיין לשון, ווי זאַפטיק, ווי פאָלקסטימלעך, ווי פאַרביק זיינען געווען די אויסדרוקן! אין דיין געווינלעכן, האַרציקן יידיש, באַ־ווירצט מיט העברעאישע און גמרא־ווערטער, מיט „צאינה וראינה״ פסוקים האָסטו גערעדט אין אַ בילדער־שפּראַך, פול מיט משלים און אויסשפּרוכן. דיר האָט קיינמאָל ניט געפעלט אַ וואָרט, דאָס ריכטיקע און פאַסנדיקסטע וואָרט. דו האָסט געהאַט אַן אוצר מיט קלוגע, פול מיט חכמה ווערטלעך.

ווי אָרעם, ווי בלייך, ווי האַרט איז מיין יידישע שפּראַך אין פאַרגלייך צו דעם ווייכן און צאַרטן מאַמע־לשון. וואָס איך האָב געהערט אין דער יוגנט פון דיין מויל, דו אומפאַרגעסלעכע מוטער.

די אַלע יאָרן, וואָס איך האָב געלעבט אין דער פרעמד, ווייט פון דיר, מאַמעניו, און ווייט פון דיין האַרציקן לשון און דיינע עכט־יידישע באַגריפן, האָט געבראַכט דערצו, אַז מיין יידיש לשון האָט פאַרלאָרן זיין ערשט־קייט, זיין עכטקייט, זיין „אורשפּרינגלעכקייט״.

דער פאָטער מיינער, אויף וועלכן איך האָב געווירקט, אַז ער זאָל צושטימען צו מיין וואונטש צו שטודירן, האָט מיר געזאָגט ביים געזעג־גענען זיך מיט מיר: „מיין זון, שטודירן, לערנען זייערע חכמות קאָנסטו וויפיל דו ווילסט, אָבער אַ ייד מוזטו בלייבן, גאָט זאָל שטאַרקן דיין האַרץ!״

אין האָרקי, די געבורט־שטאָט פון מיין מוטער, האָב איך געהאַט אַן אָנקל, אַ ברודער פון מיין מוטער, וועלכער איז געווען זייער פרום, נאַאיוו און אַלטמאָדיש. ער האָט פון מיר פאַרלאַנגט, איך זאָל ביי אים וואוינען, און ער האָט געוואָלט האָבן אויף מיר די השגחה. איך האָב אָבער גע־דונגען אַ צימער ביי אַ פרעמדן, און זיך באַפרייט פון יעדער זייטיקער השגחה. מיין גרעסטער וואונטש איז געווען צו זיין זעלבסטשטענדיק, אין מיין אייגענעם רשות. און איך האָב דאָס דערגרייכט.

מיין לעבנס־באַדאַרף האָב איך פאַרדינט פון דעם, וואָס איך האָב געלערנט גמרא מיט צוויי דערוואַקסענע רייכע בחורים, עלטערע פון מיר. לערער פאַר העברעאיש איז אין אונזער געגנט נאָך ניט געווען. מיינע צוויי תלמידים, די זין פון אָנגעזעענע, רייכע יידן, האָבן זיך געבילדעט אין וועלטלעכע לימודים, אָבער זייערע פאָטערס האָבן פון זיי פאַרלאַנגט, זיי זאָלן זיין לומדים אויפן אַלטן שטייגער. איך האָב גלייך געוואונען די ליבע ביי מיינע תלמידים און זיי פאַראינטערעסירט אין גמרא, וועלכע איך האָב מיט זיי געלערנט „על פי דרך ההגיון״, ד. ה. אויפן קריטישן און לאָגישן אופן. עס איז פאַר זיי געווען אַ נייעס. פיר שעה אין טאָג

בין איך געווען פֿאַרנומען מיט מײַנע תּלמידים. די איבעריקע צײַט האָב איך זיך צוגעגרייט צו די עקזאַמענס אין דער אַגראָנאָמישער שול. איך האָב זייער פֿלייסיק געלערנט די עלעמענטאַרע לימודים, וואָס דאָס פּראָ־גראַם האָט געפֿאָדערט. דער שׂכר־לימוד, וואָס איך האָב באַקומען, איז מיר געגנוג געווען אויף אַלע מײַנע באַדערפֿענישן. איך בין געווען גליק־לעך, וואָס איך בין זעלבסטשטענדיק. ניט קוקנדיק, וואָס איך בין געוואָרן אין האַרקי אַ לערער פֿון גמרא, האָב איך זיך געפֿירט ווי אַן „אוטשעניק" (אַ שילער). גערעדט און געלייענט נאָר רוסיש. אין האַרקי, האָב איך אויף קיין אופֿן ניט געקאָנט באַקומען קיין ווערק פֿון דער נײַ העברעאישער ליטעראַטור. די יוגנט, וואָס האָט געשטרעבט צו עטוואָס, האָט געשטרעבט צו רוסישער בילדונג, צו „תּכלית".

מײַנע חברים אין האַרקי, די נאָענטערע צו מיר, זײַנען געווען צוויי. איינער איז געווען חיים דוב הורוויץ (דער איצטיקער פּאָליטיק־עקאָנאָם דר. הורוויץ, וואָס איז אויך באַקאַנט מיטן פּסעוודאָנים „אַ סוחר"), וועלכער איז געווען אין מײַן עלטער. ער איז געווען דער זון פֿון אַ מלמד, ער האָט געהאַט אַ זייער שאַרפֿן קאָפּ און אַ שאַרפֿע צונג. זײַן יינגערער ברודערל, דאַן אַ יאָר אַכט, אַ חדר־ייִנגל, אַ לעבעדיקער שטיפֿערישער קונדס, איז דער איצטיקער בעלעטריסט און דראַמאַטורג אין ניו־יאָרק ז. ליבין (זײַן ווירקלעכער נאָמען איז ישׂראל הורוויץ). דער צווייטער חבר איז געווען יחיאל לעוואַנטין (איצט אַ באַקאַנטער אינזשיניר און העברעאישער בעל־לעטריסט, באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים חושי הארכי), דאַן אַ תּלמיד פֿון אַ רעאַל־גימנאַזיע אין ריאַזאַן. יענעם זומער, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט אין האַרקי — איך האָב דאָרט איבערהויפּט צוגעבראַכט בסך הכּל קנאַפּע פֿינף חדשים — איז ער געווען אויף זײַן וואַקאַציע ביי זײַנע עלטערן אין הויז. עס איז געווען אַן „אַריסטאָקראַטיש" און וואוילקענעוודיק הויז.

די ייִנגלשע חברשאַפֿט מיט חיים בער הורוויץ און מיט יחיאל לעוואַנ־טין, וואָס אים און זײַן עלטערן ברודער זלמן דוד לעוואַנטין, דער דירעק־טאָר פֿון דער נאַציאָנאַל באַנק אין ירושלים, איז דערנאָך באַשערט געווען צו שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און צווישן דער נאַציאָנאַלער סטודענטשאַפֿט אין מאָסקווע — די דאָזיקע ייִנגלשע פֿריינדשאַפֿט האָט זיך נאָך אַ הפסקה פֿון יאָרן ווידער שפּעטער אָנגע־קניפּט אין מאָסקווע, וואו איך און לעוואַנטין זײַנען געווען פֿון די ערשטע „בני ציון" (דער באַקאַנטער סטודענטישער „קרוזשאָק" — קרייז — פֿון די ערשטע נאַציאָנאַל ציוניסטישע טעאָרעטיקער), און מיט חיים דוב הורוויץ איז מיר דערנאָך אויסגעקומען צו זיצן אויף איין באַנק אין דעם ווינער אוניווערזיטעט און אין דעם בית־המדרש פֿון דעם גרויסן ייִדישן גע־

לערטן אייזיק הירש ווייס, און שפּעטער אויך אין דעם בערלינער אוני־ווערזיטעט. אָבער דאָס געהערט צו אַ שפּעטערדיקן קאַפּיטל.

ביידע יונגע פריינד, הורוויץ און לעוואַנטין, האָבן שוין דאַן געקאַנט גאַנץ גוט העברעאיש. הורוויץ האָט זיך אָבער דאַן געריסן צו דער רוסישער וועלט, צו אַלגעמיינער בילדונג; ער האָט זיך דאַן אויך געגרייט צו דער אַגראָנאָמישער שול. זיין יידיש וויסן האָט ער געוואָלט פאַרגעסן. לעוואַנטין, אָבער, וואָס איז שוין דאַן געווען אין די לעצטע קלאַסן פון רעאַל־גימ־נאַזיע און אין אַ ריין־רוסישער ספערע, אין אַן עכטער־רוסישער שטאָט, וואו עס האָבן זיך געפונען נאָר אַ פּאָר יידישע רוסיפיצירטע פאַמיליעס — לעוואַנטין איז שוין דאַן געווען נאַציאָנאַליסטיש געשטימט, און באַנוצט זיינע פרייע חדשים אין האָרקי צו דערווערבן מער העברעאישן וויסן.

לעוואַנטין און הורוויץ, הגם קינדער פון איין שטאָט און פון איין על־טער, זיינען געווען פרעמד איינער צום אַנדערן. עס האָט זיי געשיידט אויך די דיסטאַנץ פון יחוס. איך האָב אָבער מיט ביידן גוט געלעבט. איך האָב פון יעדן פון זיי גענאָסן אויף זיין אַרט. עס איז געווען אין מיין נאַטור פון די יינגלשע יאָרן אָן, צו שעצן און צו ליבן אין יעדן זיינע מעלות, זיינע באַזונדערע קענטענישן.

מיט חיים־בער הורוויץ איז געווען זייער שווער זיך צו באַפריינדן. ער האָט פאַרמאָגט צופיל גאַל; פאַר יעדער קלייניקייט פלעגט ער ווערן אין כּעס, אויפגערייצט, אומדערטרעגלעך; איז געווען פול מיט קאַפּריזן און ווידערשפּרוכן. זיין שטימונג האָט זיך אַלע מינוט געביטן. ער איז געווען איין און דערזעלבער צייט גוט און שלעכט, פריינדלעך און פיינטלעך, פאַר און קעגן, געליבט און געזידלט — זיין קאָפּ האָט אָבער שטענדיק געאַרבעט, און האָט געהאַט אויך זייער שיינע מינוטן, כאָטש ניט צו אָפט. ער האָט אויך געהאַט מינוטן פון זעלבסט־אַנאַליז, ווען ער האָט זיך זעלבסט קריטיקירט אָן רחמנות.

לעוואַנטין איז געווען מיושבדיק, טאַקטפול, גוטדערצויגן, פיינע מאַ־ניערן, וויסנדורשטיק. אונזער פריינדשאַפט איז געווען אַ רואיקע, אַ שטאַנד־האַפטע און פאַר אונז ביידן אַ פּראָדוקטיווע. מיר האָבן איינער פונעם אַנדערן געלערנט, וואָס איז געווען צו לערנען. ער האָט געהאַט אַ מאַטע־מאַטישן קאָפּ און אַ פּאָעטיש, פילנדיק האַרץ. ער איז אָבער געווען צו ביר־גערלעך, צו אויסגערעכנט פאַר זיינע יאָרן, אָן פייער, אָן גלוט.

XVII

מיין האָפענונג אַנצוקומען אין דער אַגריקולטור רעאַל שולע איז צעקראָכן. דער דירעקטאָר פון דער דאָזיקער שולע (די איינציקע אין

מאָליווער און אין די אַרומיקע גובערניעס), איז געווען אַ שונא ישראל און ער האָט געמאַכט אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע שוועריקייטן פאַר די יידישע יונגעלייט, וואָס האָבן באַשלאָסן צו שטודירן אַגריקולטור. איבעריקנס האָבן זיך אײַנגאַנצן געפונען נאָך דריי יידישע בחורים וואָס האָבן געגאַרט צו שטודירן אויף אַגראָנאָם. אין דער אמתן איז אויך דאָן קיין פלאַץ ניט געווען אין יענע גובערניעס פאַר אַ יידישן אַגראָנאָם.

מיין פאַרלאַנג צו שטודירן אַגריקולטור איז אייגנטלעך געווען נאָר אַ ליטעראַרישער — ווען מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן — אַ פאַנטאַס־טישער אידעאַל. אַרויסקומענדיק פון אַלטן, פאַרשטויבטן און דומפיקן בית־המדרש האָט מיך געצויגן צו פרייער פעלד־און־גאָרטן־אַרבעט, צו דער „מוטער נאַטור". שוין דאָס וואָרט „נאַטור" אַליין האָט פאַר מיר געהאַט אַ באַזונדערן צויבער. אַ קלייניקייט די „טבע!". זינט איך האָב געלייענט אַלעקסאַנדער הומבאָלדטס (דער אַריסטאָטעל פונעם נייַנצענטן יאָרהונדערט, ווי מ׳האָט אים גערופן, וועלכער האָט שוין דאָן זוכה געווען צו אַ באַזונדער העברעאישער בראָשורע, אַ מין ביאָגראַפיע, אונטערן נאָמען „אות זכרון לאלקסנדר פאָן הומבאָלדט" פון חיים זעליג סלאָנימסקי) הויכע מיינונג וועגן דער געטלעכער באַשרייבונג פון דער נאַטור אינעם קאַפיטל תהילים „ברכי נפשי", און זינט איך האָב געלייענט מאַפּוס דערציילונגען — אין וועלכע די ערד־און־גאָרטן־אַרבעט זיינען שטאַרק אידעאַליזירט געוואָרן — און טורגענעווס „זאַפּיסקי אָכאָטניקאַ" (נאָטיצן פון אַ יעגער), האָב איך געטרוימט פון אַ באַשעפטיקונג, וואָס איז אי רעאַל אי פּאָעטיש, פון אַן אַגראָנאָם. עס איז אויך צוגעקומען מיין דעמאָלטיקע שטאַרקע נייגונג צו נאַטור־וויסנשאַפטן, וואָס לויט דער פּראָגראַם האָט מען זיי געמוזט לערנען אין דער אַגריקולטור רעאַל שולע. אין דער דאָזיקער שולע אָבער האָבן געלערנט בלויז די קינדער פון קריסטלעכע גוטס־באַזיצער, וואָס זיינען אויפגעוואַקסן אויפן „שויס פון דער נאַטור", און, אויסגעשטודירטע אַגראָ־נאָמען, האָבן זיי זייער וויסן און פּראַקטישן קענען געקאָנט גלייך אָנווענדן אין זייערע אייגענע גיטער, אָדער לייכט געפינען אַ שטעלע ביי אַנדערע גוטבאַזיצערס.

פאַר מיר האָט די אַגריקולטור שולע קיין פּראַקטישן זין ניט געהאַט. אַלס שילער וואָלט איך אויך „מיינע הענט און פיס" ניט געפונען אין די פּראַקטישע איבונגען אויפן פעלד און אין גאָרטן, און וואָלט נאָר אַרויס־גערופן שפּאָט און חוזק צווישן די קריסטלעכע תלמידים, די ווירקלעכע „ערד־קינדער".

דערצו נאָך וואָלט איך איין טאָג ניט אויסגעהאַלטן אין דער אַגרי־קולטור שולע, הערנדיק די זידלערייען פונעם דירעקטאָר קעגן יידן בכלל,

און די ייִדישע תּלמידים בפֿרט. דער דאָזיקער דירעקטאָר, ווי איך האָב דערפֿאַרן בײַ מײַן ערשטן באַזוך בײַ אים, איז געווען אַ פּסיכאָפּאַטישער אַנטיסעמיט, און דאָס וואָרט ייִד שוין אַליין האָט אים נערוועז, גאַליג און משוגע געמאַכט. איך בין געווען פֿון קינדווײַז אָן אַ שטאָלצער ייִד, אַ גאַנצער יחסן בײַ זיך, אָן איבערצײַגטער, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק איז דאָס אויסדערווײלטע צווישן אַלע פֿעלקער, און איך וואָלט בשום, אופֿן ניט געקאָנט הערן ווי מען זידלט מיך אַלס ייִד, אָדער ווי מען זידלט ייִדן בכלל.

ניט קוקנדיק אויף דעם האָב איך זיך אַ פּאָר חדשים צוגעגרייט, לויט דעם פּראָגראַם, צו דער אַגריקולטור־שולע. איך האָב זיך ניט געקאָנט אַזוי לײַכט שיידן פֿון מײַן פֿאַנטאַסטישן אידעאַל צו ווערן אַן אַגראָנאָם, וואָס לעבט מיט און פֿאַר דער נאַטור. דער געדאַנק צו קאָלאָניזירן ארץ ישראל איז נאָך דאַן ניט געבוירן געוואָרן.

אויסער דער אַגריקולטור רעאַל שולע איז אין האָרקי אויך געווען אַ טאַקסאַטאָרסקע שולע (אַ שולע פֿאַר ערד־מעסטער) וואו אַ פּאָר ייִדישע שילער, שוין בחורים אין די יאָרן, האָבן זיך געלערנט. די פּראָגראַם איז געווען אַ לײַכטע. אין אַ פּאָר יאָר האָט מען געקאָנט די דאָזיקע שולע ענדיקן. אַ ייִדישער טאַקסאַטאָר, „זעמליעמער", האָט שוין יאָ געקאָנט געפֿינען אַ געוויסע פּראַקטישע פֿאַרווענדונג פֿאַר זײַן פֿאַך. דער דאָזיקער פֿאַך אָבער, וועלכער האָט ניט געפֿאָדערט פֿיל וויסן, האָט פֿאַר מיר קיין צוציאונגס־קראַפֿט ניט געהאַט.

איך האָב זיך באַקאַנט אין האָרקי מיט די ייִדישע תּלמידים פֿון דער „טאַקסאַטאָרסקע אוטשילישטשע", וואָס האָבן געטראָגן אַ געוויסע אוני־פֿאָרם, וואָס דאָס אַליין האָט זיי געגעבן אַ געוויסן אָנזען בײַ די באַלע־באַטים פֿון שטאָט, און וואָס האָט זיי אָנציענד געמאַכט פֿאַר די ייִדישע טעכטער. יעדע אוניפֿאָרם מיט מעשענע קנעפּלעך האָט געהאַט אַ מין מאַגנעטישע קראַפֿט פֿאַר די דעמאָלטיקע ייִדישע מיידלעך, וואָס האָבן זיך געלערנט רוסיש. האָט אַ ייִדישער בחור געטראָגן אַן אוניפֿאָרם פֿון וואָסער ס'איז שולע, אַפֿילו בלויז אַן אויסגעשטיקטע פֿאַרביקע בלוזע מיט אַ גאַרטל און קוטאַסן, וואָס מ'האָט געטראָגן „מעשה פֿאָניע", איבער די הויזן, האָט שוין געגעבן ווי אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכן רעכט מחלל שבת צו זײַן בפּרהסיא, צו רעדן נאָר רוסיש אַפֿילו מיט אַלטע ייִדן, וואָס פֿאַר־שטייען קיין איין וואָרט „רייסיש", אָדער גויאיש ווי זיי פֿלעגן דאָס רופֿן, און אויף אַ פּאָר טויזנט רובל נדן.

צווישן די דרײַ ייִדישע תּלמידים אין דער טאַקסאַטאָרסקע שולע זײַנען געווען צוויי ברידער גוס־ן, פֿון אַ קרייזשטאָט (אויעזדני גאָראָד) אין

מאָליוװער גובערניע, די זין פֿון אַ שוחט, װעלכע זײַנען אױפֿגעװאַקסן אין גרױס אָרעמקײט. איך האָב זיך מיט בײדן באַפֿרײַנדט. אַך, װי לײַכט עס איז מיר געװען אין די יונגע יאָרן גלײַך צו באַפֿרײַנדן זיך מיט יעדן, דער װאָס האָט װאָסער ס׳איז אינטערעס געהאַט פֿאַר בילדונג, פֿאַר גײַסטיקע (דאָס װאָרט „קולטורעלע" איז דאַן נאָך ניט געװען אין אונדזער שפּראַכלעכן געברױך) אָנגעלעגנהײטן.

דער עלטערער „אוטשעניק" פֿון די דאָזיקע צװײ ברידער איז געװען אַלט אַ יאָר 25, דער אינגערער — צװאַנציק. דער עלטערער איז געװען אַ למדן, ער האָט געהאַט קבלה אױף אַ שוחט, און האָט פֿריער טאַקע פּראַקטיצירט אַלס שוחט אַ פּאָר יאָר, ביז ער האָט די גמרא און דעם חלף פֿאַרװאָרפֿן אױף שטענדיק, איז „בתחמץ" געװאָרן, האָט אָנגעהױבן צו לערנען רוסיש און געװאָרן אַ „טאַקסאַטאָרסקע אוטשעניק", אױף לעבן האָט ער פֿאַרדינט אַלס לערער פֿון רוסיש אין אַ רײַך־הױז. װען איך האָב זיך מיט אים באַקענט, האָט ער אַרױסגעװיזן אַן עקל צו אַלץ װאָס איז יידיש. ער האָט אָן גאַל און ביליקן שפּאָט ניט געקאָנט רעדן װעגן דער גמרא, װעגן יידישקײט בכלל. אַלצדינג װאָס האָט אױף זיך געטראָגן דעם שטעמפּל פֿון יידישקײט איז אים אינערלעך געװען טיף פֿאַרהאַסט. דאָס ביסל רוסיש װאָס ער האָט דערלערנט פּונקט אױף אַזױפֿיל װיפֿיל דאָס פּראָגראַם פֿון זײַן „אוטשילישטשע" האָט פֿון אים פֿאַרלאַנגט, און די װײניקע ידיעות אין געאָמעטריע, געאָגראַפֿיע, געאָדעזיע (פֿעלד־מעסטונג) א. ד. ג., װאָס ער האָט דערװאָרבן אין דער שולע, האָבן אים געשטעלט אין זײַנע אױגן פֿיל העכער פֿון אַלע גאונים, רבנים, חכמים און משׂכּילים. ער איז געװען איבערצײַגט אין זײַן גרױסקײט און װיכטיקײט. ער האָט אָבער אַרױסגעװיזן שטאַרקע הכנעה, אונטערטעניקײט, פֿאַר יעדן גױ, פֿאַר יעדן קריסטלעכן לערער פֿון זײַן שולע. אַלץ װאָס איז געװען געשריבן פֿון לינקס צו רעכטס איז אין זײַנע אױגן געװען פֿיל װיכטיקער װי תּורת משה. איך פֿלעג זיך מיט אים אַמפּערן װעגן דער באַדײַטונג פֿון דער אַלטער און נײַער העברעאישער ליטעראַטור (די ערשטע האָט ער געקאָנט, די לעצטע — קײנמאָל ניט געלײענט). איך פֿלעג זיך היצן, אין אַזאַ װיכּוח, ער, דער געװעזענער שוחט, פֿלעגט קאַלטבלוטיק, שמאָלקעפּיק, קורץ און רואיק מבטל מאַכן מיט אַ פּאָר געמײנע פֿראַזן דעם װערט פֿון אַלצדינג װאָס איז װען פֿאַרפֿאַסט געװאָרן אין העברעאיש (װעגן יידישער ליטעראַטור האָט נאָך דאַן איבערהױפּט קײן רײד ניט געקאָנט זײַן). דאָס יידישע לשון האָט ער נאָך מער װי פֿאַרהאַסט, כאָטש ער האָט גערעדט רוסיש מיטן אַן עכט יידישן אַקצענט.

יעדעס מאָל, ווען איך האָב מיט דעם דאָזיקן איבער־אַ־נאַכט רוסיפֿיצירטן שוחט געהאַט אַ וויכּוח וועגן תּלמוד, וועגן מדרש און די מוסר ספֿרים, פֿלעגט זיך מיר אויסווייזן, ווי ער האַלט נאָך דעם געשאַרפֿטן חלף צווישן די ציינער, און מיט איין פֿיר, מיט איין „כּירקע״ קוילעט ער אָפּ, ווי אַ קאַלטער גזלן, דעם לעבעדיקסטן, צאַפּלדיקסטן ענין. ער איז אין אַלץ געווען מאַטעריאַליסטיש אויסגערעכנט, אַן עכט־קרעמערישע נשמה. ער האָט נאָר געלערנט, „געזוברעוועט״ דאָס, וואָס זיין שולע האָט פֿון אים פֿאַרלאַנגט, קיין האָר ניט מער. די שיינע רוסישע ליטעראַטור האָט ער ניט געלייענט, ניט געוואָלט לייענען, ער האָט זיך באַנוגנט מיט דער רוסישער כרעסטאָמאַטיע פֿון דער שולע. די רוסישע גראַמאַטיק פֿון קירפּיטשניקאָוו האָט ער געוואוסט אויף אויסווייניק. ער האָט זי אין זיך „איינגעפּויקט״, ווי אַמאָל די דינים פֿון שחיטה און בדיקה. זיין רוסישער וואָרט־אוצר איז געווען זייער אָרעם, ער האָט געברויכט די טרוקנסטע ווערטער, אָבער לפֿי חוקי הגראַמאַטיקע. טאָקע רעכט גראַמאַטיקאַליש, ווי דער צוועק פֿון זיין רעדן וואָלט געווען נאָר צו באַווייזן, אַז ער קאָן די רוסישע גראַמאַטיק בעל פּה. האָט איינער, וואָס האָט מיט אים רוסיש גערעדט, געמאַכט, חלילה, אַ גראַמאַטיקאַלישן פֿעלער, געברויכט ניט גאַנץ ריכטיק דעם „פּאַדעזש״, איז ער געווען אין זיינע אויגן אַ פֿאַרברעכער, אַ קריפּל, אַ פֿאַרשוין וואָס איז אסור לרחם עליו (וואָס מען טאָר אויף אים קיין רחמנות ניט האָבן). קורץ, אַן אמתע דקדוק נשמה, וואָס יעדע זאַפּטיקייט אין רעדן אָדער אַפֿילו אין דענקען איז איר פֿאַרהאַסט און אומדער־טרעגלעך.

ער איז געווען אויך אַ גרויסער מדקדק אויף דער פּרוטה. דער תּלמודישער זאָץ: „דין פּרוטה כּדין מאה״ איז געווען כּמעט דער איינציקער, וואָס ער האָט אָנדערקענט און ניט אויסגעלאַכט. איינשפּאָרן אַ קאָפּיקע איז ביי אים געווען די העכסטע קלוגשאַפֿט און די גרעסטע לעבנס־קונסט. ער האָט געוואוסט וואו ביליקער צו קויפֿן יעדע זאַך, און פֿלעגט זיך ניט שעמען צו דינגען זיך מיט יעדער אָרעמער פֿאַרקויפֿערקע, הענד־לערקע, איבער איין קאָפּיקע. פֿון די פּאָר רובל וואָס ער פֿלעגט פֿאַרדינען אַ וואָך פֿון זיין לערעריי, האָט ער געלט געזאַמלט (און ווי מ׳האָט מיר פֿאַרזיכערט פֿלעגט ער זיין געלט פֿאַרלייען אויף פּראָצענט, פֿאַרזיכערנ־דיק זיך מיט משכּנות, וואָס מ׳פֿלעגט אים שטילערהייט ברענגען). ער האָט געקאָנט אויסקומען מיט אַ רובל און 42 קאָפּיקעס אַ וואָך אויף אַלע זיינע באַדערפֿענישן, אויסער דירה, אַזוי האָט ער פֿריער אויסגערעכנט, און קיין קאָפּיקע מער האָט ביי אים ניט געטאָרט אַוועקגיין. ווי ער האָט עס געמאַכט, איז פֿאַר מיר, וואָס האָב ניט געקאָנט ציילן און ניט געוואָלט

רעכענען, געווען אַ סוד. ער איז געווען אין זיין פּיליסטערהאָפּטן אַרט ערלעך און אַפילו שטאָלץ אין זיין מאָראַל. שלי איז געווען שלי, שלך אָבער איז געווען שלך. אַ פרעמדע קאָפּיקע, וואָס אים האָט ניט געקומט נאָך זיין רעכענונג, איז ביי אים געווען טריפער פון חזיר. אָבער אויך זיינע אַ פאַרדינטע קאָפּיקע איז ביי אים געווען טייערער ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. איינער האָט געקאָנט שטאַרבן פאַר זיינע אויגן האָט ער אים קיין קאָפּיקע אַ נדבה ניט געגעבן. אויף זיין לעקציע איז ער אָפּגעזעסן פּינקטלעך אַ שעה אויפן זייגער, אַ מינוט ניט ווייניקער און אַ סעקונדע ניט מער. איז דער תּלמיד זיינער ניט געווען אין דער היים, ווען ער איז צו אים געקומען געבן זיין לעקציע, איז ער, דער טאַקסאַטאָר, אָפּגעזעסן פּינקטלעך אויפן זייגער זיין שעה, און האָט זיך געלאָזט דערפאַר באַצאָלן. ער האָט קיינמאָל פון קיינעם אַ בוך ניט געליען, אָבער ער האָט קיינמאָל קיינעם, אַפילו זיין ברודער, ניט אַנטליען זיינעם אַ בוך.

ווען איך פרעג זיך איצט: ווי האָב איך געקאָנט זיין באַפריינדט מיט אַזאַ מענטשן, וואָס איז געווען אין אַלצדינג פּונקט דער קעגנזאַץ, דער היפּך פון מיר? האָב איך קיין אַנדער דערקלערונג ווי נאָר דעם, אַז דווקא דער שאַרפער קעגנזאַץ צווישן אונז אין דענקען און האַנדלען, דער קעגנזאַץ וואָס קאָן נאָר זיין צווישן סוביעקטן, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אויף צוויי פּלאַנעטן, די וויטסטע אין וועלט־רוים — גראָד אָט די אומבאַדינגטע פאַרשיידנהייט האָט מיך געצויגן צו אים, און אים צו מיר. אין זיין קעגנוואַרט האָב איך טיפער און דייטלעכער געפילט מיין אייגן וועזן, און עס האָט מיך גערייצט מיט אים צו דעבאַטירן און אַרויסרופן אין אים די נויטיקייט אַרויסצושטעלן קעגן מיר אַלע זיינע קליינלעכקייטן, טרוקנקייט, אויסגערעכנטקייט א. ד. ג.

ווי עס ווייזט אויס, האָט שוין דאַן אין מיר אומבאַוואוסט געלעבט די שריפטשטעלעריש־פּסיכאָלאָגישע נייגונג צו שטודירן מענטשן, צו באַאָבאַכטן זייערע באַהאַלטנסטע אייגנשאַפטן.

מיך האָבן שטענדיק, און עד היום, אינטערעסירט מענטשן וואָס האָבן שאַרפע, שפּיציקע, שטעכיקע עקן, פיל מער ווי גלאַטע, גאַנץ געוויינלעכע, גלאַטיקע פאַרשויגען.

איבעריקנס איז ביז אויף היינטיקן טאָג געבליבן אַ טיפער סוד פאַר דער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע געוויסע פריינדשאַפטן און פאַרבינדונגען צווישן צוויי גאַנץ פאַרשיידענע נאַטורן. אויסער די באַקאַנטע און פּסיכאָלאָגיש־פאַרשטענדלעכע באַציאונגען צווישן מענטשן, גיבן נאָך אומצאָליקע, אויף קיין אופן ניט־דערקלערלעכע און ניט באַגרייפלעכע, באַציאונגען און

פֿאַרהעלטעניש, וואָס דערגרייכן ביז די מיסטישע וואָלקנס, ביז די אונטער־ערדישע מענטשלעכע וואָרצלען.

דער מענטש איז נאָך ניט אויסגעשעפּט, נאָך ניט אויסגעפֿאָרשט. ניט אַלץ קאָן מען לאָגיש דערקלערן. און וואַרשײנלעך איז עס טאַקע אַזוי בעסער.

אין סמאָלענסק

XVIII

ווען איך האָב זיך איבערצייגט, אַז עס איז מיר אוממעגלעך צו שטו־דירן אַגריקולטור, האָב איך באַשלאָסן צו פֿאָרן קיין סמאָלענסק און זיך דאָרט צוגרייטן כּדי אַריינצוטרעטן אין לעצטן קלאַס גימנאַזיע. אויך מיינע עלטערן האָבן דאָן באַשלאָסן צו באַזעצן זיך אין סמאָלענסק צוליב מיר. עס זיינען געווען פֿיל וויכטיקע סיבות וואָרום איך האָב אויסגעקליבן דווקא סמאָלענסק; עס איז אָבער ניט וויכטיק זיך אָפּצושטעלן אויף זיי. עס וואָלט מיך פֿירן צופֿיל אָן אַ זייט און פֿאַרפּלאָנטערן דעם פֿאָדעם פֿון מיינע זכרונות.

סוף 1879 האָב איך זיך באַזעצט אין סמאָלענסק, נאָך איידער מיינע עלטערן זיינען אַהין געקומען. איך בין דאָן נאָך קיין אַכצן יאָר ניט אַלט געווען.

סמאָלענסק איז איינע פֿון די עלטסטע גובערניע־שטעט אין אינערן רוסלאַנד. אַן עכטע און כאַראַקטעריסטישע רוסישע שטאָט. די צאָל יידן, וואָס האָבן דאָן דאָרטן געוואוינט, איז געווען לערך אַ פֿיר הונדערט פֿאַ־מיליעס און אפֿשר עטוואָס ווייניקער. שפּעטער איז די צאָל צוביסלעך געוואָקסן. אַ גרויסער טייל פֿון די יידן זיינען געווען אַלטע אויסגעדינטע ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן: פּראָסטע, אָבער ערלעכע יידן, וואָס האָבן זיך געענוג אָנגעליטן אין די יונגע יאָרן, דינענדיק דעם קייסער ניקאָלאַי. זיי זיינען אַלע געווען עמי־הארצים, נישט־געבילדעט, זיי האָבן אָבער אַלע געהאַלטן שטאַרק פֿון יידישקייט, פֿון יענער יידישקייט וואָס איז זיי געבליבן אין זכּרון איידער זיי זיינען אַוועק דינען.

יעדער פֿון אָט די דאָזיקע יידן, האָט דורכגעמאַכט אין די לאַנגע סאָלדאַטן יאָרן, אין די ווייטע רוסישע שטעט, וואו קיין יידן זיינען ניט געווען, אַ זייער שווערע דיסציפּלין. דאָס האָט אויף זייער כאַראַקטער אַרויפֿגעלייגט אַ באַזונדערן שטעמפּל. אַלץ אין זיי איז געווען האַרט, שטרענג און פֿאַרגליווערט. די קינדער זייערע, וואָס פֿיל פֿון זיי זיינען שוין געווען „היינטוועלטיק", מיט אַ געוויסער בילדונג און מער צוגעפּאַסט צו די נייע לעבנס־פֿאָרמען. אויך די קינדער זייערע האָבן זיך שטאַרק געהאַלטן ביי יידישקייט אין אירע גאַנץ־אַלטע פֿאָרמען. דער דעוויז איז

געװען: מיר לעבן צװישן גוײם און פֿון גוײם, אָבער מיר זײנען אַזעלכע גוטע און פֿרומע ײדן װאָס היטן אָפּ ײדישקײט ניט װײניקער װי יענע ײדן אין דער „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי״ (תּחום־המושב, אין דעם ײדישן ראַיאָן).

אױסער די ניקאָלאַיעװער סאָלדאַטן און זײערע קינדער, װאָס זײנען געבױרן געװאָרן אין סמאָלענסק גופֿא און בײ זײער בעסטן װילן און שטרענגער רעליגיעזער ײדישקײט דאָך געהאַט אין זײער באַנעמען און אױפֿפֿירונג אַ געװיסן שטריך פֿונעם אַלטמאָדישן פּאַניע, פֿונעם עכטן „קאַצאַפּ״ — אױסער אַט די ײדישע פֿאַמיליעס האָבן דאַן אין סמאָלענסק געװאױנט געשעפֿטסלײט, „פּערװי גילדיעס״, פֿון די סאַמע מיוחסים, תּלמידי־חכמים, געבילדעטע, ײדישע אַריסטאָקראַטן, װאָס זײנען געקומען פֿון מאָליװער, װיטעבסקער און מינסקער גובערניעס און זיך באַזעצט אין סמאָלענסק. פֿאַר זײ האָט זיך געעפֿנט אַ ברײט פֿעלד פֿון טעטיקײט, װי װאַלד־הענדלער, „פּאָדריאַטשיקעס״ (ליפֿעראַנטן, אונטערנעמער) פֿאַר דער רעגירונג, באַנקירן, געלט־באַרגער און אײגנטימער פֿון גרױסע מאַגאַזינען. צװישן די מיוחסים זײנען געװען די פֿאַמיליעס זעלקין, לוריע, מײאיראָװיטש, קאַראַלקין, דער באַקאַנטער פּריװאַט־אַדװאָקאַט משה גראַד (ער איז דאַן געװען דער אײנציקער ײדישער אַדװאָקאַט אין סמאָלענסק. ניט קײן שטודירטער און ניט קײן דיפּלאָמירטער, איז ער דאָך געװען דער אָנגעזעענסטער װעלכער האָט געהאַט די רײכסטע קריסטלעכע קליענטור). אַ קאָפּ־מענטש, אַ ײד אַ למדן, אַ משכּיל, אַ װעלט־מענטש מיט אַ פֿרײער ברײטער האַנט. און אױך דער אײנציקער ײדישער דאָקטאָר אין אוניפֿאָרם מיטן טיטול פֿאָלקאָװניק, אײזנבעט, אַ הײסער ײדישער פּאַטריאָט, אַ געװעזענער ישיבֿה־בחור, אַ קענער פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור און אַן אמתער אידעאַליסט. װעגן די אַלע װעט מיר נאָך אױסקומען צו רעדן, װײל מיט זײ איז פֿאַרבונדן די קולטור־געשיכטע פֿון די רוסישע ײדן.

די מערסטע פֿון די ײדישע אױסגעדינטע סאָלדאַטן (קײנער פֿון זײ און פֿון זײערע קינדער און אײניקלעך האָבן ניט געגאַלט די בערד) האָבן געהאַלטן קראָמען, דאָס רוב פֿון אַלטע, אָפּגענוצטע זאַכן, אָדער האָבן געהאַנדלט מיט אַלטע קלײדער אױפֿן מאַרק (טאָלקוטשי רינאָק). קײנער פֿון זײ איז ניט געװען רײך, דאָך האָבן זײ געגעבן אַ שײנע נדבֿה מיט אַ „גוט אױג״ די אַלע מיני משולחים, װאָס פֿלעגן אָפּט קומען קײן סמאָלענסק קלײבן געלט פֿאַר ישיבֿות, פֿאַר רבּיים, פֿאַר נשרפֿים א. ד. ג.

האָט די פּאָליצײ אַרעסטירט אַן אָנגעקומענעם ײדן, װאָס האָט ניט געהאַט קײן „פּראַװאָזשיטעלסטװאָ״ (װאױנונגס־רעכט), װאָס דאָס פֿלעגט טרעפֿן זײער אָפֿט, האָבן די אױסגעדינטע ײדישע ניקאָלאַיעװער סאָלדאַטן

גלייך באַפֿרייט די אַרעסטירטע. מען האָט געבראַכט דעם פּאָליציי־מייסטער אַ היטל־צוקער, אַריינגערוקט אים אין יד אַ פּאָר קערבלעך, אָדער ברענגען דער פֿרוי זיינער עפּעס אַ רינגעלע, אַ בראָשקע א. ד. ג. און עס האָט גלייך געהאָלפֿן. „עס גייט ניט מיט עשוון אָן כאַבאַר" — דאָס האָבן די אַלע יידישע איינוואוינער זייער גוט געוואוסט.

יעדעס מאָל ווען דער פּאָליציי־מייסטער, אָדער קלענערע פּאָליציי־באַאַמטע האָבן געלט געברויכט, אָדער אַ גוטן שנאַפּס, זיינען זיי באַפֿאַלן די פּאָר יידישע אכסניות, וואו די יידן אָן „וואוינרעכט" האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן, אָדער געכאַפּט זיי אין מיטן גאַס און געמאַכט אַרעסטן. פֿלעגן זיך געפֿינען יידישע ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן, וואָס האָבן געטאָן זייער פֿליכט אַפֿילו אין אַ מאַרק־טאָג, לאָזן זייער האַנדל און לויפֿן אין דער פּאָליציי אויסצולייזן די אַרעסטירטע. זיי פֿלעגן קאָנקורירן איינער מיטן אַנדערן, כּדי מקיים צו זיין די מצווה פֿון פּדיון שבויים.

שבתים און יום־טובֿים זיינען געווען צוגעמאַכט אַלע יידישע קראָמען און געשעפֿטן. דער איינציקער אויסנאַם איז געווען דער גרויסער גאַלאַנטעריי־מאַגאַזין פֿון אַ דייטשישן אָדער קורלענדישן יידן, וואָס האָט געהייסן שווייצער. אָט דער שווייצער האָט גערעדט זייער שלעכט רוסיש, מיטן אַן עכט דייטשישן אַקצענט. ער איז געווען דער איינציקער ייד אין סמאָלענסק, וואָס האָט געוואָלט גילטן ווי אַן עכטער פּאָניע, ניט קוקנדיק אויף זיין טיפּיש־כאַראַקטעריסטישער יידישער פֿיזיאָנאָמיע. נאָר יום־כּפּור האָט ער געהאַלטן צוגעמאַכט זיין געשעפֿט. ער פֿלעגט אָבער דאַן אַרויסהענגען אַ שילד, אַז צוליב רעפּעראַציע (אויסבעסערונג) און איבערשטעלונגען אין געשעפֿט, וועט דאָס געשעפֿט זיין אַ טאָג צוגעמאַכט. אָבער אויך אָט דער דייטשוק, וואָס איז נאָר געקראָכן צו פּאָניען און האָט גערעכנט פֿאַר אַ גרויסן כּבֿוד (און אפֿשר אויך פֿאַר זייער נוצלעך צוליב זיין געשעפֿט) צו פֿאַרשפּילן אין קאָרטן צום פּאָליציי־מייסטער, אָדער צום וויצע־גובערנאַטאָר גרעסערע סומען געלט, אויך אָט דער כּלומרשט רוסיפֿיצירטער יידישער דייטשוק, וואָס איז געווען ווייט פֿון אַלע יידישע אָנגעלעגנהייטן, פֿלעגט שטילערהייט, געבן פֿאַרהעלטניסמעסיק גרויסע נדבֿות פֿאַר יידישע זאַכן. יום־כּפּור פֿלעגט ער קומען אין שול און פֿלעגט ציטערן ווי אַ בלאַט פֿאַר זיינע עבֿירות אַ גאַנצן יאָר.

דער רבֿ אין סמאָלענסק איז דאַן געווען רבי אַברהם צוקערמאַן (זיינע אייניקלעך לעבן דאָ אין ניו־יאָרק). ער איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ זעלטענער אידעאַליסט, און ניט געקאָנט קיין צורת־מטבע. ער פֿלעגט זיצן שטענדיק און לערנען, ער האָט זיך נישט געמישט אין קהלשע זאַכן, געווען אַ גרויסער מקיל און זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט ספֿקות אין דער

רעליגיע. ער האָט געצווייפלט אין השגחה פּרטית. ער פלעגט אָפט זאָגן (איך בין מיט אים געווען אינטים באַפריינדט): אויב עס איז דאָ אַ השגחה, טאָ ווי קאָן זי צוזען אַזעלכע הימלשרייענדיקע אומגערעכטיקייטן, עוולות, אכזריות און האַרצלאָזע דומהייטן אין דער וועלט — און שווייגן?

יום־כפור האָט ער צו מיר שטילערהייט געזאָגט ביים אָרון־הקודש: אויב ס'איז דאָ אַ גאָט, איז ווי דערנידעריקן אים די יידן מיט זייער געשריי, מיט זייערע חניפות, מיט די משונהדיקע, געשמאַקלאָזע יוצרות פון גייסטיק־פאַרקריפּלטע פּאָעטן, וואָס זייערע זאָגער פאַרשטייען קיין איין וואָרט וואָס זיי „בראָקן". איך קאָן די עמי־הארצות ניט אַריבערטראָגן! אויב ס'איז יאָ דאָ אַ גאָט, איז ער דאָך ניט דער סמאָלענסקער פּאָליציי־מייסטער, וואָס מען קאָן אים אונטערקויפן און מאַכן מיט אים וואָס מען וויל.

די סמאָלענסקער יידן האָבן שטאַרק געערט זייער רב, כאָטש ער האָט קיינמאָל ניט געדרשנט, קיינמאָל ניט גערעדט פון דער בימה. זיי האָבן געוואוסט, זיי האָבן עס געהערט פון אַנדערע, פון מבינים, אַז זייער רב איז אַ גרויסער למדן. זיי האָבן געשעצט זיין גוטסקייט, ערלעכקייט, אויפריכטיקייט און זיין באַנוגענען זיך מיט קליינע שכירות, ניט זוכנדיק קיין זייטיקע הכנסות.

דער קאַזיאָנער רב (דער רעגירונגס־ראַבינער) איז דאַן געווען אין סמאָלענסק עפּעס אַ בטלן א ייד, אַ לאַנגער ייד מיט אַ לאַנג פּנים און מיט זייער אַ לאַנגער באָרד. ער איז געווען פון אַ קליין שטעטל אין מאָליר־ווער גובערניע און זיין גאַנצע בילדונג האָט ער געשעפּט עפּעס אין אַ גובערנסקע אוטשילישטשע (אַ מין פאָלקס־שול) און ניט מער. ער איז געווען אַ גאַנץ־ערלעכער, פרומער ייד. ער האָט גערעדט רוסיש זייער שלעכט און איז געווען אומגעבילדעט. ווען עס איז געקומען אַ מלוכה־יום־טוב (טאַבעלני דיען), וואָס די געוועזענע ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַטן האָבן שטאַרק אָפּגעהיט, און זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין שול צו פייערן דעם יום־טוב, פלעגט דער קאַזיאָנער רב (זיין נאָמען איז געווען חפץ), אַרויפגיין אויף דער בימה און פון אַ פּאַפּיר אַראָפּלייענען עפּעס אַ מין משונהדיקע, נאַרעשע דרשה, מיט אַן עכט יידישן אַקצענט און ציטערנדיק און שוויצנדיק דערביי פאַר גרויס שרעק צי מאַכט ער ניט קיין טעות. די דרשה האָט אים אויפגעשריבן אַן אַנדערער. ער פלעגט באַצאָלן פאַר דעם אַ פּאָר רובל עפּעס אַ קאַזיאָנעם רב אין אַ יידיש שטעטל, וועלכער איז געווען מער בריה פון אים אויף רוסיש און אויף שיין־רעדעריי.

ווען עס איז געקומען אַ באַזונדערס וויכטיקער מלוכה יום־טוב, עפּעס אַ שמחה אין דער קייסערלעכער פאַמיליע, פלעגט דער קאַזיאָנער רב נאָך מאַכן אַ „מי שברך", און די רוסישע דרשה פלעגט האַלטן דער

„פארדיאטשיק" לוריע, וואס האט געהאט א גוטן חתוך־הדבור און אויך א שיינעם אויסזען.

ביי אזא געלעגנהייט זיינען געקומען אין שול אריין אלע יידישע גימנא־זיסטן און דער פאליציימייסטער, א טויט־שכורער, וואס פלעגט זיך האלטן מיט די יידן זייער פאמיליאר.

בלויז איין יידישע שול האט זיך דאן געפונען אין סמאלענסק, א גאנץ קליינע, אין א זייטיקער גאס. אויך אין די וואכעדיקע טעג איז זי געווען פול. כמעט אלע ניקאלאיעווער סאלדאטן פלעגן קומען טעגלעך אין שול צו די אלע דריי תפילות. איידער זיי האבן געעפנט די קראמען, פלעגן זיי גאנץ פרי קומען דאווענען „וותיקין". זייער עברי ווי זייער יידיש (אין שול פלעגן אלע רעדן יידיש — כאטש רוסיש איז זיי געווען פיל לייכטער צו רעדן) האט געהאט א באזונדערן קלאנג: הילצערנע, האַרטע, טעמפּע, מיט אן עכט־רוסישן אקצענט. ווערטער ווי קלעצער.

די זעלקין־פאמיליע, א גרויסע פאמיליע, און די אנדערע יידישע „אריסטאקראטן" און תלמידי־חכמים פלעגן אלע שבת מאכן א מנין ביי יהושע זעלקין אין זיין רייכן הויז. א געוויסע צייט האט ביי אים גע־וואוינט זיין שווער, דער „מלבי"ם" (אדער ווי מען האט אים אויך גערופן דער „קעמפּנער"), איינער פון די אמתע גאונים פון יענער צייט. וועגן מלבי"ם, וואס איך האב זיך מיט אים באקענט אין סמאלענסק, וועט מיר נאך אויסקומען צו דערציילן.

אלטמאדישע מגידים פלעגן אפט אראפּקומען קיין סמאלענסק און אין די וואכעדיקע טעג האבן זיי געהאלטן זייערע דרשות אין שול בין מנחה למעריב. די ניקאלאיעווער סאלדאטן פלעגן זיך אלע צונויפקומען הערן די דרשות, וואס זיינען געווען אנגעפּיקעוועט מיט מאמרי־חז"ל, מיט פייער־דיקן מוסר, מיט משלים און גלייכווערטלעך. דער עולם האט זייער קנאפּ, כמעט גארניט פארשטאנען פון די דרשות, די איינטייטשונגען פון די פסוקים, די משונהדיקע קשיות און ווילדע תירוצים, דאך פלעגן זיי שאקלען מיט די קעפּ, אויך גיסן טרערן און שטארק זיפצן, הערנדיק די שטראף וואס עס דערווארט זיי פאר יעדער עבירה און עבירהלע.

אויף מארגן נאך דער דרשה פלעגט דער מגיד ארומגיין מיט א פאטשיילקע איבער די יידישע קראמען. יעדער איינער האט אים געגעבן מיט גרויס כבוד א מטבע, און אייניקע פלעגן פארבעטן די מגידים, די זאגערס, צום עסן. די ניקאלאיעווער סאלדאטן האבן געהאט גרויס דרך־ארץ פאר יעדן יידן וואס זיי האבן אים געהאלטן פאר א למדן.

אין סמאלענסק האבן זיך דאן געפונען א פאר יידישע אלט־מאדישע חדרים מיט מלמדים פון גאר אן אמאליקן שניט. צווישן זיי אויך א פאר

באמתדיקע לומדים. עס האָבן זיך געפֿונען אַ פּאָר ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן, וואָס האָבן געוואָלט אַז זייערע קינדער זאָלן לערנען גמרא און זײַן גרויסע לומדים און רבנים.

עס האָבן זיך דאָן געפֿונען אין סמאָלענסק עטלעכע מאָדערנע העברעאישע לערער, משכּילים און פֿײַנע קענער.

די סמאָלענסקער יידישע גבירים און אינטעליגענטן האָבן אַליין געקאָנט העברעאיש און געוואָלט, אַז זייערע שטודירנדיקע קינדער זאָלן אומבאַדינגט קאָנען העברעאיש.

XIX

אין סמאָלענסק האָב איך גלייך באַקומען דריי העברעאישע לעקציעס אין זייער רייכע הייזער: מיינע תּלמידים זיינען געווען די אייניקלעך פֿון הושע זעלקין, וועלכע זיינען געווען עלטער פֿון מיר; די קינדער, אַ גימנאַזיסט און אַ סטודענטקע, פֿון לוריע, און דעם איינציקן זון פֿונעם אַדוואָקאַט משה גראַד. אייניקע פֿון די דאָזיקע תּלמידים מיינע האָבן דערנאָך פֿאַרנומען אַ חשובן אָרט אין דער ווּיסנשאַפֿט און אין עפֿנטלעכן לעבן.

די דאָזיקע לעקציעס האָבן מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו זיין זעלבסטשטענדיק און לעבן ברייטלעך, נאָך די אַמאָליקע באַגריפֿן, און צו קויפֿן העברעאישע און רוסישע ביכער. די עלטערן פֿון מיינע תּלמידים זיינען געווען ליבהאָבער פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור, משכּילים און איירָאפּעאיש־געבילדעטע מענטשן. איך האָב נושא חן געווען אין זייערע אויגן, און זיך געפֿילט אין זייערע הייזער ווי אַ בן־בית. דאָס איז געווען מיין ערשטער אַריינטריט אין דער יידישער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפֿט. מען האָט מיך באַהאַנדלט ניט ווי אַ לערער, נאָר ווי אַ יונגן פֿרייַנד. מיט צוויי פֿון הושע זעלקינס דערוואַקסענע אייניקלעך, די זין פֿון משה זעלקין, האָב איך אויסער העברעאיש, געלערנט אויך תּלמוד. דער פֿאָטער פֿון די דאָזיקע תּלמידים און זייער זיידע זיינען געווען גרויסע לומדים, בקיאים און חריפֿים, און זיי האָבן אָנגעקוואָלן פֿון מיין אופֿן צו דערקלערן די גמרא, צו צעגלידערן זי סיסטעמאַטיש און לאָגיש, אָן פּשטלעך און אָן קרומען פּלפּול.

ווי צו לערנען מיט מיינע תּלמידים העברעאיש, האָב איך קיין מעטאָד ניט געהאַט, און אויך נישט קיין דערפֿאַרונג. עס זיינען דאָן איבערהויפּט קיין מעטאָדן, קיין לערנביכער ניט געווען אויף העברעאיש, אויסער דער „אמון פּדגוג” פֿון אַברהם מאַפּו און אַ מין כרעסטאָמאַטיע פֿון איינעם אַ בענדעטזאָן, וואָס ביידע זיינען געווען נאָר פֿאַר ייִנגלעך, פֿאַר אָנפֿאַנגער, און אויך פֿאַר זיי האָבן זיי ניט געטויגט. איך האָב, אָבער, דאָן גאָרניט

געברויכט קײן מעטאָדישע העברעאישע ביכער, ווײל די מערסטע פון מײנע תלמידים האָבן שוין פון פריער געקאָנט גאַנץ פײן העברעאיש. זײ האָבן געהאַט פאַר מיר זײער גוטע מלמדים און לערער (זײערע עלטערן האָבן פאַר זײ שטענדיק אַראָפּגעבראַכט די בעסטע מלמדים און רבנים פאַר גמרא און די אויסגעצײכנטע העברעאישע לערער), און האָבן פיל צײט געווידמעט די העברעאישע לימודים.

די מערסטע פון מײנע תלמידים אין העברעאיש זײנען געווען קלאָר אין תנ"ך, און צווײ פון זײ האָבן אַפילו געקאָנט לערנען אַ בלאַט גמרא אַלײן און זײנען געווען בקי אין אַ פּאָר מסכתות. איך האָב מיט מײנע תלמידים געדאַרפט נאָר לײענען פאַרשײדענע העברעאישע ווערק ווי די ספרי ריב"ל (יצחק בער לעווענזאָן — דעם „בית יהודה", „תעודה בישראל" און „אפס דמים"), אד"ם הכהנס שירים, מאַפּוס ווערק, א. ד. ג. נאָכן לײענען האָב איך געפאָדערט פון מײנע תלמידים, זײ זאָלן אַנאַליזירן דאָס געלײענטע. אײגנטלעך האָב איך געפירט מיט זײ ליטעראַרישע שמועסן. זײ האָבן געדאַרפט מאַכן איבערזעצונגען פון די רוסישע קלאַסישע ווערק אויף העברעאיש, און איך האָב דאָס אויסגעבעסערט, אַרומגעפײלט און אַרומגעשליפן, ווי ווײט איך האָב דאָן געקאָנט. מיט אײניקע תלמידים האָב איך אויך געלערנט דקדוק. קײן לײכטערע, קירצערע העברעאישע גראַמאַטיקעס, צוגעפאַסט פאַר תלמידים, זײנען דאָן ניט געווען, איך האָב געמוזט געברויכן די „שווערע אַרטילעריע", דעם „צוהר התיבה", דעם „מסלול", און מער פון אַלץ דעם אויספירלעכן און דעם שווער וואָגיקן „תלמוד לשון עברי" פון בן־זאב.

דער ייִנגערער פון משה זעלקינס צווײ זין, אַ גימנאַזיסט פון לעצטן קלאַס, האָט זיך אויסגעצײכנט מיט אויסערגעווײנלעכע, געניאַלע פעאיקײטן אין מאַטעמאַטיק און אין שפּראַכן. ער האָט געהאַט אַ שאַרפן אַנאַליטישן חוש פאַר סטיליסטיק, פאַרמאָגט שפּראַכן־פעאיקײטן און איבעראַשנדע קריטישע בליצן. עס איז געווען מײן גרעסטער גײסטיקער פאַרגעניגן צו לײענען און צו לערנען מיט אָט דעם תלמיד. זײנע שאַרפזיניקע, גײסטרײכע באַמערקונגען און פראַגן אין דער צײט וואָס איך האָב מיט אים געלײענט און געלערנט, האָבן מיך געצוואונגען צו פאַרטיפן זיך אין דעם באַזונדערן גײסט און פסיכאָלאָגיע פון דער העברעאישער שפּראַך און איר סטיליסטיק. דער דאָזיקער תלמיד איז אויך געווען אַ גרויסער מתמיד, און דערצו אַ בחור מיט אַ רײנער און שײנער נשמה, מיט פײנע מידות און מיט אידעאַליסטישע, הויכשטרעבנדיקע פּלענער פאַר דער צוקונפט. ער האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן צו מיר. מיט אומגעדולד האָט ער געוואַרט אויף דער „שטונדע", און איך האָב אים שטאַרק ליב געקראָגן. ווען איך

האָב מיט אים געלערנט, האָב איך קיינמאָל ניט געקוקט אויפֿן זייגער. איך האָב פֿון אָט דעם תּלמיד פֿיל געלערנט, מער ווי פֿון מיינע לערער. ער האָט מיר געהאָלפֿן זיך צוצוגרייטן אין פֿאַרשיידענע גימנאַזיע־געגנשטאַנדן.

אויסבעסערנדיק די העברעאישע איבערזעצונגען פֿון דער רוסישער ליטעראַטור פֿון דעמדאָזיקן תּלמיד, האָב איך זיך אַליין געאיבט אין דער העברעאישער שפּראַך. ער האָט געהאַט אַ פֿיינעם אויער פֿאַר ריטם, פֿאַרן קלאַנג פֿון אַ שפּראַך, אַ געוויסנהאַפֿטע גענויקייט אינעם אויסדרוק, און אַן אַנטוויקלטן חוש פֿאַר קורצקייט און טרעפֿלעכקייט.

קיין ביכער פֿאַר מאָדערנער סטיליסטיק, פֿאַר עסטעטיק האָט די העברעאישע ליטעראַטור ניט פֿאַרמאָגט; קיין לערער אין העברעאיש, אין ליטעראַטור האָב איך אַליין קיינמאָל ניט געהאַט. איך האָב געמוזט אַלץ שעפּן אין זיך און פֿון זיך גופֿא. איך בין די ערשטע צוויי יאָר פֿון מיין השכלה־צייט געשטאַנען אונטער דעם איינפֿלוס פֿון קלמן שולמאַנס עכטן, שיינעם און זאַפֿטיקן העברעאיש. זיין שפּראַך איז אָבער געווען צו מליצהדיק, באָמבאַסטיש, ניט פּרעציז און ניט עלאַסטיש. זי איז צו־אָריענטאַליש, געפּוצט און באַלאָדן מיט שמוק, אָבער קינדיש און אומבאַהאָלפֿן. קלמן שולמאַן האָט געברויכט נאָר די ריין־ביבלישע שפּראַך און זיך אָפּגעזאָגט פֿון איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. די פּראָזע פֿון יהושע שטיינבערג איז געווען גראַמאַטיקאַליש געבויט, פֿילאָלאָגיש ריכטיק (דער שפּראַך־פֿאָרשער, דער לעקסיקאָגראַף און בעל מדקדק האָט אַכטונג געגעבן אויף יעדן זאַץ), עס האָט געפֿעלט לעבן, נערוון, באַוועגלעכקייט אין זיין סטיל. יעדער אויסדרוק זיינער איז געווען ווי געבונדן, „די הענט און פֿיס" געפּענטעט. פּרץ סמאָלענסקינס שפּראַך איז, אמת, געווען לייכט, פֿליסנדיק, לעבעדיק און צאַפּלדיק, דאָך צעשוואָומען, אָן שאַרפֿע קאָנטורן און ליניעס. אים איז אויך גענוג געווען דער תּנ"ך פֿאַר זיין גאַנצן געדאַנקען־געברויך און „עמפּפֿינדונגס"־פֿאַרמעגן. דעם מאָדערנעם, דיפֿערענצירטן און קאָמפּליצירטן געדאַנק האָט מען בשום אופֿן ניט געקאָנט גענוי און לעבעדיק אויסדריקן. די פּראָזע פֿון יהודה ליב גאָרדאָן, וועלכער האָט באַרייכערט מיט גרויס מייסטערשאַפֿט זיין העברעאישע שפּראַך מיט די וואונדערבאַרע אוצרות פֿון תּלמוד, מדרש, בעלי־אסופֿות, האָט געהאַט דעם גרויסן חסרון וואָס זי איז געווען ניט אָרגאַניש; די סינטעזע פֿון אַלט און ניי האָט געפֿעלט; מער מאָזאַאיק, קונצשטיק, אָבער אָן דער נויטיקער איינהייט, אָן אַן אינערלעכער פֿאַרשמעלצונג פֿון די שפּראַך־יסודות.

ווען איך בין געצוואונגען געווען אויסצובעסערן די איבערזעצונגען פֿון מיינע תּלמידים, וואָס זיי האָבן געמאַכט פֿון טאָלסטאָיס, טורגעניעווס

און דאָסטאָיעווסקיס ווערק, האָב איך זיך געמוזט באַפרייען פון דער העב־רעאישער סטיליסטיק פון די איבנדערמאָנטע שריפטשטעלער און אויך פון די, וואָס איך האָב דאָ ניט אָנגערופן. די איינפאַכקייט און די אינער־לעכע וואָרהייט פון טאָלסטאָיס אַ זאַך, די וואונדערבאַרע אַרכיטעקטאָניק, די רייכקייט, און דאָך געשליפנקייט, און צוגעשפּיצטקייט פון טורגעניעווס קינסטלערישער פּראָזע, האָט בשום אופן ניט געקאָנט איבערגעגעבן ווערן אין אַזאַ העברעאישער פּראָזע, ווי עס האָט דעמאָלט געהערשט אין דער העברעאישער ליטעראַטור, אַפילו אין די שריפטן פון די בעסטע און די גרעסטע שרייבער.

דאָס האָט מיך געצוואונגען אויסצואַרבעטן אַן אייגענעם העברעאישן סטיל, וואָס זאָל זיין אומשטאַנד איבערצוזעצן די בעסטע העברעאישע פּראָזע אָן קונצן, אָן אַקראָבאַטיק, גאָר ניט פאַרטושן, פון קיין שווערקייטן זיך ניט אויסדרייען; איבערצוזעצן אין אַ מענטשלעכער שפּראַך, וואָס זאָל זיך לייענען לייכט און גלאַט, און דאָך אויפהיטן דעם עכטן העברעאישן גייסט, די פיזיאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע באַזונדערע געזעצן פון דער אַלטער קלאַסישער שפּראַך און צו היטן איר מוזיקאַלישן ריטם. דאָס האָט געהייסן: „שבור את החבית ושמור את היין" (צעברעך די פאַס און היט אויס דעם ווייַן). איך האָב שווער אויף דעם געאַרבעט. לערנענדיק אַנדערע, האָב איך אַליין געלערנט, און ערנסט פאַרטראַכט זיך אויפן פּראָבלעם פון דעם העברעאישן סטיל.

אַ דייטשישער געלערנטער און שפּראַכן־דענקער האָט זיך אַמאָל אויס־געדריקט, אַז עס איז שווערער אָנצושרייבן איין זייט גוטע, קלאָרע און שיינע פּראָזע ווי איינצונעמען די פעסטונג פון טראָיאַ.

יענע געצוואונגענע אַרבעט מיינע אויסצובעסערן די איבערזעצונגען פון מיינע תּלמידים, אָן דער הילף פון ווערטער־ביכער, לעקסיקאָנס, איז מיר זייער צוניצגעקומען שפּעטער אין מיין ליטעראַרישער אַרבעט. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ מין פאַרשולע.

וועגן דער שיטה פון „עברית בעברית" האָט נאָך דאַן קיינער ניט געחלומט. איך האָב געברויכט מיט מיינע תּלמידים די רוסישע שפּראַך. מיינע אַלע תּלמידים זיינען געווען געבוירענע סמאָלענסקער קינדער, און רוסיש איז געווען זייער מוטער־שפּראַך. אין קיין אַנדער שפּראַך האָט מען זיי ניט געקאָנט דערקלערן די העברעאישע לימודים.

אַז איך האָב זיך באַפרייט פון מיינע „אוראָקן", פלעג איך זיך פאַר־שפאַרן אין מיין צימער און זייער פלייסיק זיך געגרייט צום לעצטן קלאַס גימנאַזיע.

אַז עס פֿלעגן מיר איבערדריסיק װערן די טרוקענע לימודים, די „זובראַװקע״, װאָס די רוסישע גימנאַזיע (מיט איר אַלטמאָדישן און אומ־געלומפּערטן לערן־סיסטעם) האָט געפֿאָדערט, פֿלעג איך אָפּט אַװעק־װאַרפֿן די אומאַפּעטיטלעכע „אוטשעבניקעס״ (לערן־ביכער) און זיך מיט אַ באַזונדערן הייסהונגער צוגעכאַפּט צו דער רוסישער ליטעראַטור, צו די דיקע רוסישע מאַגאַטשריפֿטן. איך האָב זיך אַבאָנירט אין אַ גרויסער לייַ־ביבליאָטעק פֿון לאַװדאַװו. צום ערשטן מאָל האָב איך באַקומען די מעגלעכקייט צו קריגן ביכער און זשורנאַלן, װעלכע איך האָב נאָר אַליין געגלוסט. איך האָב געשלונגען די ביכער. קיין סיסטעם און קיין מעטאָד איז ביי דעם אָפּקלייב פֿון די ביכער אין דער ביבליאָטעק ניט געװען. דורך אַן אינערלעכן ליטעראַרישן אינסטינקט האָט מיך שטענדיק געצױגן צו בעסערע ביכער. צװיי־דריי מאָל אַ װאָך פֿלעג איך גיין אין רוסישן שטאָט־טעאַטער, אויף דער גאַליאַרקע (15 קאָפּיקעס אַ זיץ). דער רעפּער־טואַר איז געװען אַן עכט רוסישער — גריבאָיעדאָװ, גאָגאָל, פּיסעמסקי, אָסטראָװסקי א. ד. ג.

אין סמאָלענסק האָב איך צום ערשטן מאָל געזען טעאַטער. ביזן אַכ־צענטן לעבנס־יאָר, האָב איך קיין פֿאָרשטעלונג ניט געזען. װען עס איז געקומען פֿון פּעטערבורג אַ באַװאוסטע טרופּע אַקטיאָרן צו גאַסטראָלירן אַ פּאָר װאָכן, בין איך יעדן אָװנט מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ געלאָפֿן (ניט געגאַנגען נאָר פּשוט געפֿלױגן פֿון גרויס נייגיר) אין טעאַטער. די פּלעצער, אַפֿילו אויף דער אויבערשטער גאַלעריע, האָבן דאַן געקאָסט טייערער. איך האָב זיך אָבער אָנגעטאָן אַ כּוח און קיין פֿאָרשטעלונג ניט דורכגע־לאָזט. נאָך מער: כּדי בעסער צו זען האָב איך געקויפֿט יעדן אָװנט, אַזױ לאַנג װי די גרויסע געסט האָבן געשפּילט, אַ זיץ־פּלאַץ אין פּאַרטער, אין די אונטערשטע רייען. איך האָב זיך צוליב אָט דער איבעריקער אויס־גאַבע געמוזט אָפּזאָגן אַ פּאָר װאָכן פֿון די נויטיקסטע לעבנס־באַדער־פֿענישן.

די פּעטערבורגער טרופּע האָט געשפּילט „האַמלעט״, „אָטעלאָ״ און פּיעסן פֿון סאַרדו און אַלעקסאַנדער דיומאַ, דער זון.

„האַמלעט״ האָט אויף מיר געמאַכט אַ געװאַלדיקן איינדרוק. װי איך פֿאַרשטיי איצט, איז די דעמאָלטיקע האַמלעט־פֿאָרשטעלונג געװען אַן אומ־מעגלעכע. אָבער דער אינהאַלט פֿון „האַמלעט״, די דעקלאַמירטע מאָנאָלאָגן האָבן מיך דערשיטערט, אָנגערעגט אין מיר ערנסטע פֿראַגן פֿון טויט און לעבן. אַ װעלט פֿון פּראָבלעמען, פֿון נייע אומבאַקאַנטע געפֿילן, ספֿקות און געדאַנקען האָבן זיך אין מיר אויפֿגעװעקט. „האַמלעט״ אויף דער סמאָ־

לענסקער בינע איז געווען איינע פֿון מיינע רייכסטע און טיפֿסטע גייסטיקע איבערלעבונגען.

איך האָב דערנאָך אין פֿאַרלויף פֿון מיין לעבן געזען די בעסטע „האַמלעט"־פֿאָרשטעלונגען, די גרעסטע „האַמלעט"־שפּילער פֿון מיין דור, אויף די בעסטע אייראָפּיאישע בינעס — דאָך בין איך קיינמאָל ניט געווען אַזוי דערשיטערט, ווי איך האָב צום ערשטן מאָל געזען „האַמלעט" אויף דער סמאָלענסקער בינע.

איך האָב זיך דאָן צום ערשטן מאָל גענומען לייענען די געזאַמלטע ווערק פֿון שעקספּיר, אין דער רוסישער איבערזעצונג. די גאַנצע איבעריקע ליטעראַטור, אין פֿאַרגלייך מיט שעקספּיר, האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַזוי קליין, אומבאַדייטנדיק און נישטיק.

אמת, איך האָב דאַן נאָך ניט געקאָנט אַנען און ריכטיק באַגרייפֿן די געוואַלדיקע טיפֿענישן, די אומצאָליקע לעבנס־ און וועלט־פּראָבלעמען, וואָס שטעקן אין שעקספּירס דראַמען. אויסער גרויסע ליטעראַרישע קענטענישן, אויסער אַ גרויסע, ברייטע און פֿילזייטיקע בילדונג, נויטיקט זיך נאָך אויך גרויסע איבערלעבונגען, לעבנס־קאַטאַסטראָפֿעס, די אויפֿהויבונגען און אַרונטערוואַרפֿונגען פֿונעם שיקזאַל, כּדי צו באַגרייפֿן, און צו אַנען די קאָסמישע באַציאונגען, די גרויסע גייסטיקע און קינסטלערישע אַנטפּלעקונגען, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט אין שעקספּירס שאַפֿונגען.

דאָך, ווי ווייניק איך האָב צו יענער צייט פֿאַרשטאַנען אין שעקספּירן, האָב איך דאָך געפֿילט די מיסטיש־רעאַלישע וועלט און אירע געפֿאַרן און אירע טיפֿע טויט־ און לעבן־פּראָבלעמען.

XX

אַ געוויסע צאָל פּערזאָנען, יידישע און ניט־יידישע, וואָס איך האָב קענען געלערנט אין סמאָלענסק, ווען איך האָב דאָרט געלעבט, האָבן געמאַכט אויף מיר אין יענער צייט אַ געוויסן איינדרוק. דער איינדרוק איז אין מיר פֿאַרבליבן ביז אויף היינטיקן טאָג. צו יעדער צייט קאָן איך זיי אויפֿלעבן אין מיין זכּרון. איך זע און איך הער זיי, ווי זיי וואָלטן איצט לעבעדיק געשטאַנען פֿאַר מיר.

איך וויל זיי דאָ אין קורצן שילדערן.

אין סמאָלענסק האָב איך זיך באַקענט מיט דעם קעמפֿנער גאון, רבי מאיר לייבוש, דער מלבי"ם. נאָך אַ קליין ייִנגל, האָב איך זיך אָנגעהערט פֿיל מעשׂיות וועגן זיין גאונות. אמת, די חסידים האָבן מיט אַ געוויסן חשד געקוקט אויף זיין פּירוש „מקרא קודש" אויף תּנ"ך, דאָך איז דער תּנ"ך מיטן פּירוש פֿון מלבי"ם געשטאַנען אין אַלמער ספֿרים פֿון גרויסן בית־

המדרש פֿון מיין געבורטס־שטאָט, צווישן די אַלטע ספֿרים פֿון די אַמאָליקע רבנים און גאונים. אויך די אַנדערע ספֿרים פֿון דעם מלבי״ם: „ארצות השלום״, דרשות מיט אַ פּירוש אויף שיר השירים, „שיר־הנפֿש״, און זיין הויפּטווערק „התורה והמצוה״ האָבן זיך געפֿונען אין די בתי־מדרשים ביי די חסידים. אַז דער מלבי״ם איז אַ גאון, איינער פֿון די גאָר גרויסע גאונים, האָבן די גרעסטע לומדים צוגעגעבן. עס זיינען נאָר געווען חילוקי דעות, אויב ער איז אויך באמת אַ צדיק־הדור. עס איז געווען סברה, אַז דער מלבי״ם געהערט גאָר שטילערהייט צו דער מענדעלסאָנס חברה; זיין פּירוש אויף תּנ״ך האָט עדות געזאָגט, אַז ער האָט ניט ווייניק געלייענט אויך ספֿרי־חיצונים (װעלטלעכע ספֿרים) און פֿיל דקדוק.

אין די יינגל־יאָרן האָב איך ליב געהאַט אַריינקוקן אין מלבי״מס ספֿרים. אין זיין „התורה והמצוה״ אויף „תורת־כהנים״, האָב איך געזען גאונות און גרויס בקיאות. זיין נייגונג צו לאָגיק, דער איינפֿאַכער פּשט איז מיר זייער געפֿעלן געווען.

נאָך אַלס יינגל האָב איך גרויס חשק געהאַט צו זען דעם מלבי״ם, דעם אמתן גאון און אַפּענעם מוח, איינעם פֿון די ווייניקע גדולי־הדור.

און מיין וואונטש איז דערפֿילט געוואָרן. צום ערשטן מאָל האָב איך געזען דעם מלבי״ם צו מיין בר־מצווה. צו מיין בר־מצווה האָב איך גע־האַלטן אַ „חילוק״, ד. ה. אַ שטיק פּלפּול אין חריפֿות און תּלמוד. מיין רבי האָט פֿון דעם ניט געוואוסט. איך האָב דאָס שטילערהייט אַליין באַשלאָסן. און ווען מען האָט צונויפֿגערופֿן לומדים און צוויי רבנים צו מיין בר־מצוה, האָב איך זיי איבערראַשט מיט מיין בקיאות אין חריפֿות. אָן מי, כּמעט ספּאָנטאַן, האָב איך אימפּראָוויזירט אַ חילוק, אַ שטיק לומדות מיט פּלפּול. צו מיין בר־מצוה איז געקומען מיינער אַ פֿעטער פֿון סמאָלענסק. אַז ער האָט געזען ווי די גרויסע לומדים ווערן נתפּעל פֿון מיין לומדות, האָט ער געבעטן מיין פֿאָטער ז״ל, ער זאָל מיר דערלויבן פֿאָרן צו אים אין סמאָ־לענסק, וואו דער מלבי״ם האָט דאָן אַ געוויסע צייט געוואוינט ביי זיין אײדעם הושע זעלקין. די איינציקע טאָכטער פֿון דעם מלבי״ם, פֿראַדל, איז געווען די צווייטע פֿרוי פֿון זעלקין.

מיין פֿעטער אין סמאָלענסק האָט פֿאַרבעטן צו זיך דעם רב צוקער־מאַן (איך האָב וועגן אים דערציילט אין אַ פֿריערדיקן קאַפּיטל) און אַ פּאָר שאַרפֿע לומדים און געפֿייערט נאָכאַמאָל מיין בר־מצוה. איך האָב ווידער אַרויסגעוויזן מיין לומדות, שוין אויף אַן אַנדער אופֿן. די לומדים, וועלכע האָבן ביי דער סעודה פֿיל געטרונקען און געגעסן, האָבן מיין פֿעטער (ער איז געווען אַ פֿאַרמעגלעכער מאַן און ניט געזשאַלעוועט קיין משקה פֿאַר די לומדים) פֿאַרזיכערט, אַז איך בין גאָר אַ צאַצקע, און עס וועט

פון מיר נאָך אויסוואַקסן אַ גדול בישראל. די צונג האָט זיך ביי זיי אין מויל קוים געקערט פון צופיל טרינקען; דאָך האָט מיין פעטער געגלויבט די אַלע לויב־ווערטער, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון די מבוסמדיקע לומדים וועגן מיר. ער האָט באַשלאָסן צו פירן מיך צום מלבי״ם, ער זאָל מיך פאַרהערן. אים האָט זיך געוואָלט דער קעמפּנער גאון זאָל געבן זיין הסכמה אויף מיר.

דער פעטער און נאָך אַ פאַרוואַנדטער מיינער, אַ גרויסער חריף, אַ דערפאָלגרייכער געשעפטסמאַן, האָבן מיך געפירט צום מלבי״ם. דאָס איז געווען אַ שבת פאַרנאַכט.

מיין האַרץ האָט אין מיר שטאַרק געקלאַפּט. איך האָב זיך שטאַרק געשראָקן, איך זאָל זיך בלאַמירן ביים מלבי״ם, ווען ער וועט מיך פאַר־הערן. עפּעס אַ קלייניקייט וואָס אַ גאון־עולם קאָן מיר נאָך אַ פרעג טאָן, איך וועל בלייבן אָן לשון צו שאַנד און צו שפּאָט. צו גלייכער צייט אָבער האָט זיך מיר זייער שטאַרק געוואָלט אַ קוק טאָן אויפן קעמפּנער. ווי זעט אויס אַ רבי, אַ צדיק, האָב איך שוין געוואוסט. רבי שניאור זלמן מלאַדי (דער אוראייניקל פון בעל התניא), מיט וועמעס אייניקלעך איך האָב צו־זאַמען געלערנט אין חדר, האָט מיך שוין עטלעכע מאָל פאַרהערט און געבענטשט. איך האָב אָבער שטאַרק געוואָלט וויסן, ווי עס זעט אויס אַ מתנגדישער גאון, וואָס זיינע גרויסע ספרים שטייען אין די בתי־מדרשים.

דער מלבי״ם האָט דאַן געוואוינט ביי זיין טאָכטער. דאָרט אין הויז איז שבת און יום־טוב געווען אַ מנין, וואו די גרויסע פאַמיליע פון די זעלקינס און נאָך אייניקע פון די יחידי־סגולה פלעגן דאַוונען.

איך און מיינע באַגלייטער האָבן דאָרט געדאַוונט מעריב. אויך דער מלבי״ם איז געווען צווישן די מתפללים. איך האָב אָבער זיין פּנים ניט געזען, ווייל עס איז געווען פינצטערלעך.

מיר זיינען פאַרבליבן נאָך מעריב. דער מלבי״ם האָט געמאַכט הבדלה אין זיין באַזונדערן צימער. דאָ האָב איך זיך שוין איינגעקוקט אין זיין פּנים. עס האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. אַ גרויסער, הויכער און ווייסער שטערן, אַ זילבער־ווייסע געדיכטע באָרד, אַ טיפער, קאָנ־צענטרירטער בליק, ווייסע שמאָלע הענט און אַ סימפּאַטישע זינגענדיקע שטים. אַ פּנים, וואָס מען זעט זעלטן. אין מיין יינגלשער פאַנטאַזיע האָט דער דאָזיקער פּנים אויסגעזען נאָך שענער און פיל אינטערעסאַנטער ווי ער איז געווען אין דער ווירקלעכקייט.

נאָך הבדלה האָבן מיך מיינע צוויי באַגלייטער צוגעפירט צום מלבי״מס טיש, און מיט גרויס הכנעה און מיט ציטערנדיקע שטימען געבעטן, ער

זאָל מיך פֿאַרהערן. צוערשט האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. זײ האָבן אָבער ניט געוואָלט צוריקטרעטן און זיך געבעטן בײם גאון, ער זאָל מיך עפּעס וואָס פֿרעגן אין גמרא.

איך האָב זיך דערשראָקן, ווען דער גאון האָט מיך אַ גלעט געטאָן אין בעקל און אײנגעשטימט מיט אַ זײער מידן שמײכל צו פֿרעגן בײ מיר וואָס איך האָב געלערנט.

ווען דער מלבי״ם האָט זיך צוגערירט צו מײן פּנים מיט זײן װײכער האַנט, האָט מיך אַ שוידער דורכגענומען. עס האָט מיר געשײנט ווי ליכ־טיקע שטראַלן שײנען פֿון זײן פּנים און פֿאַלן אויף מיר. אין ערשטן מאָמענט האָט מיר גענומען שווינדלען אין די אויגן; איך האָב זיך געפֿונען אין אַ היפּנאָטישן צושטאַנד, ווי אין אַ חלום האָט מיר געקלונגען די שטים פֿון דעם גאון. ער האָט מיך געפֿרעגט: וואָס לערן איך? איך האָב עפּעס אין שרעק געענטפֿערט. דאַן האָט ער בײ מיר געפֿרעגט עפּעס אַ קשיא, און איך האָב שרעקעדיק עפּעס געענטפֿערט. האָט ער געפֿרעגט: וואָס מײנט תּוספֿות? האָב איך ווידער אין פֿיבערהאַפֿטן צושטאַנד עפּעס גע־ענטפֿערט. דער מלבי״ם האָט מיך ווידער אַ גלעט געטאָן אין בעקל און מיט אַ ווײכן, זינגענדיקן טאָן עפּעס געזאָגט צו מיר — וואָס געדענק איך ניט. איך האָב אָבער פֿון די געזיכטער פֿון מײנע צוויי באַגלײטער פֿאַר־שטאַנען, אַז זײ זײנען העכסט צופֿרידן פֿון די ווערטער וואָס דער מלבי״ם האָט געזאָגט. איך האָב זיך באַרואיקט און זיך געפֿילט גליקלעך. דער מלבי״ם האָט מיר דאַן אויסגעזען ווי אַ מלאך, וואָס פֿאַרשטעלט זיך אין אַ מענטשלעך געשטאַלט.

מײנע באַגלײטער האָבן געבעטן דעם מלבי״ם, ער זאָל מיך בענטשן. דער גאון האָט אַרויפֿגעלײגט זײנע הענט אויף מײן קאָפּ און געזאָגט אַ פּאָר ווערטער שטילערהײט מיט כּוונה.

אָט אַזוי, הײסט דאָס, זעט אויס אַ גאון, דער גדול הדור! איך האָב יענע נאַכט ניט געקאָנט אײנשלאָפֿן פֿון גרויס התפּעלות. עפּעס אַ קלײ־ניקײט, דער מלבי״ם אַלײן האָט מיך פֿאַרהערט און מיך געבענטשט.

איך האָב זיך גענומען צו לערנען נאָך מיט מער התמדה, די ברכה פֿון דעם מלבי״ם זאָל ניט זײן לבטלה. מײן אידעאַל איז דאַן געווען צו ווערן אַלײן אַ גאון און צו שרײבן גרויסע ספֿרים, וועלכע מען זאָל לערנען אין די בתי־מדרשים.

וואָס ווינטשט זיך ניט אַ קינד! אין די ייִנגלשע יאָרן גלויבט מען נאָך, אַז מען קאָן אַלץ דערגרײכן, און אַלץ וואָס מען ווינטשט זיך קאָן מען ווערן. די אַנטוישונגען קומען ערשט שפּעטער, ווען אויף יעדן שריט

באַגעגנט מען שטערונגען, שטרויכלונגען און שוועריקייטן. אָך, ווי ווייט איז דער מהלך פון שיינע פאַנטאַזיעס ביז דער האַרטער ווירקלעכקייט.

אויף די עלטערע יאָרן מוז מען ווערן באַשיידענער. וויפיל מען ווינטשט זיך אין די יינגלשע יאָרן און ווי ווייניק מען דערגרייכט אין לעבן!

מיט פינף יאָר שפּעטער האָב איך צום לעצטן מאָל געזען דעם מלבי״ם. ער איז געקומען אַלס גאַסט צו זיין טאָכטער און איידעם אין סמאָלענסק.

דאָס איז געווען גאַנץ קורץ פאַר זיין פטירה. דער איינדרוק, וואָס דער קעמפנער גאון האָט אויף מיר צום לעצטן מאָל געמאַכט, איז געווען אַ גאַנץ אַנדערער. איך בין שוין דאַן געווען אַן אַנדערער.

אויך אין די שפּעטערע יאָרן, אין די וואַנדער־ און לערן־יאָרן, איז מיין גרעסטער וואונטש געווען און געבליבן קענען צו לערנען פון דער נאָענט די יידישע גאונים אויף אַלע געביטן, די ווירקלעכע גדולי ישראל, ווי איך האָב שטענדיק געגאַרט צו העכסטע בערג, אויף די אַלפּען, אויף דעם מאָן בלאַן א. ד. ג.

זינט איך האָב אָנגעהויבן זעלבסטשטענדיק צו דענקען, איז געווען מיין איבערצייגונג, אַז מען קאָן ניט אַ פאַלק, ווען מען קאָן ניט זיינע גרעסטע און געניאַלסטע מענער, זיינע גייסטיקע ריזן אויף פאַרשיידענע געביטן.

ווען איך האָב אָבער געזען און גערעדט צום לעצטן מאָל מיטן מלבי״ם, האָב איך שוין געהאַט אַן אַנדער מאַסשטאַב, אַן אַנדער באַציאונג בנוגע צו דעם ווער עס איז אַ גאון און וואָס זיינען די סימנים פון גאונות.

איך האָב באַגעגנט דעם מלבי״ם צום צווייטן מאָל ביי שאול זעלקין (זיין פרוי איז געווען אַ פלימעניצע פון יחיאל־מיכל פּינעס, דער מחבר פון „ילדי רוחי" און איינער פון די וואונדערבאַרסטע העברעאישע סטי־ ליסטן), אין אַ הויז פון אַ משכיל וואו ער איז געווען אַ גאַסט.

דער מלבי״ם איז דאַן געווען קרוב צו זיבעציק, אַלט און געבראָכן. ער האָט פיל איבערגעלעבט, פיל געליטן פון מחלוקות מיט זיינע קעגנער. זיין גאונות אין תלמוד און אין דרוש, ווי אויך דאָס וואָס ער איז געווען אַליין איבערצייגט, אַז ער איז דער גרעסטער גאון פון זיין דור און אַלע גדולי ישראל, זיינען געווען אין זיינע אויגן כקליפּת־השום (ווי די שאָלעכץ פון קנאָבל). זיי האָבן אים פאַרשאַפט פיל קעגנער פון קנאה און שנאה. מען האָט אים געהאַט אויפגענומען אין פאַרשיידענע גרויסע יידישע קהלות אַלס רב, און מען האָט אים מקבל פּנים געווען אַלס גאון און גדול בישראל. זיין זעלבסטשטענדיקייט און געוויסע שוואַכקייטן אין זיין נאַטור האָבן אים געבראַכט מחלוקות און צוזאַמענשטויסן. עס איז געווען אַ געוויסע אומרואיקייט, אומצופרידנקייט אין זיין גאַנצן וועזן, וואָס האָט אים ניט געלאָזן אַ לענגערע צייט צו פאַרבלייבן אויף איין אָרט.

דער מלבי״ם איז געווען אַן אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט. אַפילו זיינע גרעסטע אַנהענגער האָבן אים וויניק פאַרשטאַנען און באַגריפן. זיינע חסרונות און שוואַכקייטן וואָלט מען אים זייער לייכט מוחל געווען. מען האָט אים אָבער ניט געקאַנט, און אויך ניט געוואָלט מוחל זיין זיינע געניאַלע אויפּבליצן, זיינע גאונות־קאַפּריזן, זיין שטאָלץ און זיינע גרויסע פאָדערונגען פון די קהלות, וואו מען האָט אים אויפגענומען אַלס רב און גייסטיקן פירער.

אין געוויינלעכן, וועלטלעכן זין איז דער מלבי״ם געווען וויניק קלוג — דאָס וואָס מען רופט ביי יידן קלוג. די געוויינלעכע לעבנס־קלוגקייט און מענטשן־קענטעניש האָבן אים געפעלט.

ווען מען האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַרן מלבי״ם אַלס משכיל, האָט ער גלייך פאָרפירט מיט מיר אַ שמועס וועגן זיין „משל־ומליצה״, אַלע־גאָרישע שירים (דערשינען אין פאַריז אין יאָר 1867), אין סטיל פון „אמת ואמונה״ פון אד״ם הכהן, און שטאַרק באַאיינפלוסט פון די שירים פון שמואל דוד לוצאַטו.

אין דעם שמועס מיטן מלבי״ם האָב איך זיך געמוזט איבערצייגן, אַז ער האַלט זיך פאַר אַ גרויסן פּאָעט, און ער איז שטאָלץ אויף זיינע שירים, אפשר נאָך מער ווי אויף זיין גאונות. דער מלבי״ם האָט געקאַנט דעם גאַנצן תנ״ך אויסנווייניק, און דאָס האָט אים געמאַכט גלויבן, אַז ער איז דער גרעסטער משורר. און אים, דעם זיבעציק־יאָריקן גאון, וואָס איז געווען אַ מפורסם בכל תפוצות ישראל, האָט זיך געוואָלט וויסן ווי עס געפעלט מיר זיין „משל ומליצה״ — מיר, וואָס איך בין דאַן געווען אַ יונג בחורל, ערשט אַרויסגעקראָכן פון בית־המדרש און ערשט אָנגעהויבן צו לייענען די פּאָעטישע ליטעראַטור.

דער מלבי״ם האָט באַמערקט, אַז איך ווער ניט נתפעל פון זיין „משל ומליצה״, אָבער איך בין ענטציקט פון אד״ם הכהנס „אמת ואמונה״. דאָס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן און ער איז ניט געווען אומשטאַנד צו פאַר־באַרגן זיין פאַרדרוס. דער אַלטער גאון האָט געפּרוּווט מיר צו געבן פאַרשטיין, אַז זיין „משל ומליצה״ שטייט פיל העכער ניט נאָר פאַרן „אמת ואמונה״ פונעם אַפּיקורס בערל מיכיילישקער, אד״ם הכהן, נאָר אויך פון געטעס „פאַוסט״.

איך האָב זיך דאַן איבערצייגט, אַז דער מלבי״ם, וועלכער האָט גע־קאַנט די דייטשישע שפּראַך, האָט געלייענט אין אָריגינאַל די הויפּט־ווערק פון די דייטשישע קלאַסיקער.

און מערקווירדיק: דער „משל ומליצה״ פונעם מלבי״ם איז געשריבן געוואָרן אויף צו באַווייזן ווי נידעריק, געמיין און נאַריש איז די מידה

פֿון חניפֿה — און דער מחבר פֿון דעם ווערק, האָט אין גרונט געגומען פֿאַרלאַנגט, מען זאָל אים חנפֿענען און לויבן זיין „משל ומליצה" ווי אַ מייסטערווערק. די קרוין פֿון גאונות איז אים געווען ווייניק. ער האָט געהאַט דעם וואונטש, מען זאָל אים אויך קרוינען אַלס אַ גרויסן פּאָעט.

מיר האָט דעמאָלט אויפֿגעבליצט צום ערשטן מאָל דער געדאַנק, אַז די נאַטור, וואָס גיט איינעם אויף אַ געוויסן געביט גאונות, נעמט זי פֿון אים נקמה און שטראָפֿט אים אַ מאָל מיט אַ געוויסן פֿעלער, מיט אַ פֿעלער, וואָס מאַכט אים לעכערלעך פֿאַר דער וועלט.

ווען מען איז נאָך גאַנץ יונג, איז מען זייער קריטיש צו מענטשן און מען איז שטאַרק אַנטוישט, ווען איינער, וועמען די וועלט האַלט פֿאַר אַ גדול, ווייזט אַרויס אַ מענטשלעכע שוואַכקייט.

איך האָב געגלויבט, און אויך געוואָלט, אַז דער מלבי"ם זאָל נאָר רעדן וועגן די העכסטע זאַכן, וועגן די טיפֿסטע רעטענישן פֿונעם לעבן און פֿונעם טויט, וועגן סתרי־תּורה און לעבנס־פֿירונג א. ד. ג.

און דאָ מיט אַמאָל רעדט דער גאון וועגן דער גרויסקייט פֿון זיינעם אַן אייגענעם ווערק, וואָס האָט ניט קיין ווערט.

אַזעלכע אַנטוישונגען האָב איך אָפֿט געהאַט אין לעבן.

XXI

אין סמאָלענסק בין איך צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געקומען אין נאָענטער באַרירונג מיט קריסטלעכע מענטשן פֿון דעם בעסערן און איידעלערן סאָרט. אייניקע פֿון זיי האָב איך דערוואָרבן ווי פֿריינט. ביז סמאָלענסק האָב איך געקאָנט נאָר יידן. פֿון דער קריסטלעכער וועלט האָב איך אין מיין געבורטסשטאָט געקאָנט נאָר דער „שבת־גוי" און די „שבת־גויה", וואָס האָבן גערעדט יידיש און ליב געהאַט ווייסע חלה, יידישע פֿיש, צימעס, און וועלכע מען פֿלעגט געבן פּסח דעם ווין, וואָס מען פֿלעגט אַראָפּקאַפּען פֿונעם כּוס צו די עשׂרה מכּות.

אַלס אַ ייִנגל האָב איך געוואוסט, אַז אַ גוי האָט אַ גראָבן קאָפּ, האָט קיין בושה נישט, עסט אינמיטן מאַרק. אַ גוי איז פֿון דעם סאָרט, וואָס די גמרא רופֿט אָן „עם הדומה לחמור" (אַ פֿאָלק וואָס איז געגליכן צו אייזלען): אַ גוי, אַז ער ווערט אין כּעס, קומט אַריין אין דער רציחה, קאָן ער שפּאַלטן אַ קאָפּ, טויטן אַ נפֿש; אַ גוי איז שיכּור; סתם אַ גוי איז אַ גבר און אַ פּראָסטאַק. איך פֿלעג שטענדיק הערן דעם אויסדרוק: „געזונט ווי אַ גוי", אָדער: אַ „גויאישער קאָפּ"; אַ גוי שלאָגט זיין ווייב, און ער ווייסט ניט, קאָן ניט קיין גאָט, דעם איינציקן גאָט; ער גלויבט נאָר אין עפּעס אַ געטשקע, וואָס איז אויסגעמאָלט מיט שטאַרקע פֿאַרבן אויף

דיקן פּאַפּיר, אויף לײוונט, אָדער אויף אַ ברעטל, וואָס מען הענגט אויף אין אַ ווינקל פֿון אַ הויז און מען צינדט אָן לעבן בילד פֿונעם געטשקע, וואָס מען קויפֿט פֿאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס אויפֿן מאַרק, אַ לעמפּל, אַ מין נר־תּמיד, און מען צלמט זיך פֿאַר אים. דאָס האָב איך ײנגלווײז געזען בײ די פּויערים, וואָס האָבן געוואוינט הינטער דער שטאָט אין דעם גויאישן געסל. וואו עס איז געווען שמוציק, בלאָטיק און אַלץ אַזוי אָרעם. דאָרט איז געווען אַ סכּנה דורכצוגײן. די באָרוועסע שקצימלעך, מיט שמוציקע פּיס־לעך און אין שמוציקע גראָבע העמדלעך, מיט ווײס־פֿלאַקסענע אומגעקאַמטע האָר אויף די אומגעוואַשענע קעפּלעך, מיט וואַסערדיקע אײגלעך — אָט די שקצימלעך פֿלעגן אָנרײצן אויף די ײדישע ײנגלעך זײערע בײזע, בילנדיקע, געפֿערלעכע הונגעריקע הינט.

ווען איך בין אַלט געווען עלף יאָר האָב איך געכאַפּט אַ מפּלה אויף דער גויאישער גאַס. די אָנגערײצטע הינט האָבן מיך אָנידערגעוואָרפֿן, צעריסן מײנע נײע „מײטקעס" און צעביסן מיר אַ פֿוס. מײן שרעק דאַן איז געווען מוראדיק. איך האָב געמײנט, אַז די הינט וועלן מיך אינגאַנצן צערײסן. איך האָב אַפֿילו אין דער מינוט פֿון סכּנה געפּרובירט מורמלען דעם פּסוק „לא יחרץ כלב לשונו" און אַנדערע פּסוקים, וואָס מײן רבי האָט מיך געהאָט פֿאַרזיכערט, אַז עס איז אַ סגולה די הינט זאָלן ניט בײסן. די בײזע אָנגערײצטע הינט האָבן זיך אָבער ניט דערשראָקן פֿאַר די פּסוקים, וואָס איך האָב באַנוצט פֿאַר אַ סגולה. איך האָב דאַן ניט געוואוסט דעם סוד, אַז צום פּסוק דאַרף מען נאָך האָבן אַ גראָבן שטעקן. קײן שטעקן אין האַנט האָב איך דאַן גראָד ניט געהאַט. אויך די פֿיל שמוציקע און כריוקענדיקע חזירים אין דעם גויאישן געסל האָבן אויף מיר דאַן געמאַכט אַ שלעכטן אײנדרוק און נאָך מײן מיאוסן אָפּשניט אויף דער סלאָבאָדע (דער נאָמען פֿון דעם גויאישן געסל), האָב איך פֿאַרזאָגט אַ צענטן נישט צו גײן אַהין. מײן פֿוס האָט שוין דאָרט מער ניט געטראָטן, דען אויסער די אויפֿגערײצטע, בלינדע הינט און די שמוציקע, קוויטשנדיקע חזירים, האָט נאָך יעדער שײגעצל, ווען ער האָט דערזען אין זײן געסל אַ ײדיש ײנגל, געמאַכט פֿון די שפּיץ אָרבל פֿון זײן גראָב העמדל אַ חזירישן אויער און נאָכגעלאָפֿן און געשריגן: „זשיד כאַלאַמיד" ביז הײזעריק צו ווערן.

דאָס זײנען געווען מײנע ערשטע טרויעריקע אײנדרוקן פֿון דער גויאישער גאַס.

אין לאַדי האָב איך מײן יוגנט ביז דעם זיבעצנטן יאָר פֿאַרבראַכט. עס זײנען די יאָרן, ווען אַלץ, די קלענסטע איבערלעבונג, מאַכט אַ טיפֿן אײנדרוק. דאָס וואָס ס׳האָט זיך אײנגעקריצט דעמאָלט אין דער נשמה,

וועלכע איז נאָך געווען פריש, עמפינדלעך און אַזוי שטאַרק איינגעזויגט אין זיך אַלע לעבנס־דערשיינונגען, האָט מיר דערנאָך, אין די אַנטוויקלונגס־יאָרן געקאָסט פיל מי און אינערלעכן קאַמף אויסצעוואָרצלען עס, כדי צו באַפרייען זיך פון קינדערשע פאַראורטיילן. אין לאַדי זיינען געווען צווי גלחים, איינער האָט געהייסן דער „רויטער גלח", און דער צווייטער — דער „ווייסער גלח". פאַרשיידן זיינען זיי געווען אין אויסזען: איינער אַ ריז, מיט אַ גראָב, רויט בלוט־שפריצנדיק געזיכט; דער צווייטער — מיט אַ בלייך פנים, מיט אַ געשטאַלט פון אַ טובערקולאָזן מאַנאַך. אָבער ווי פאַר־שיידן זיי זיינען געווען, זיינען זיי דאָך ביידע געווען גרויסע שיכורים.

דאָס הויז פון מיינע עלטערן האָט זיך געגרענעצט מיטן גאָרטן פונעם רויטן גלח. מיר פלעגט ניט־ווילנדיקערהייט אָפט אויסקומען צו זען ווי דער „באַטיושקאַ", דער רויטער גלח, שפילט זיך מיט זיינע דינסטן אין גאָרטן. דאָס איז געווען אַ שפיל אויף דעם גראָבסטן אופן. איך האָב דאָן געגלויבט, אַז נאָר אַן ערל, אַ גלח, איז פּעאיק אויף אַזאַ אומבושהדיקן שפיל, אָבער, חלילה, ניט קיין ייד. איך פלעג אָפט זען ווי דער רויטער גלח וואַלגערט זיך אין גאָרטן אַ באַטרונקענער, מיט אַן עקלהאַפטן געזיכט.

וועגן דער גויאישער אמונה האָב איך אין די קינדער־יאָרן געהאַט אַזאַ פאַרשטעלונג, ווי אַלע יידישע ייִנגלעך, וואָס האָבן געלערנט אין די חדרים און ישיבות: עפּעס אַ יאָשקע פּאַנדרעק, אַ נישט־כשרער פון אַ יידישער מוטער מרים, וואָס האָט אַביסל אונטערגעזינדיקט מיידלוויז, האָט זיך אַרויסגעגעבן פאַר אַ גאָט, פאַר גאָטס אַ זון. ער האָט אַרויס־געגנבעט דעם שם־המפורש אין בית־המקדש און באַוויזן מיט אים וואונדער. אָט דער יידישער יאָשקע פּאַנדרעק איז געווען אַ פּראָסטאַק, אַן עם־הארץ און עפּעס אַ שטיקל מכשף; ער האָט אָבער באַוויזן צו פאַרדרייען אַ קאָפּ די גויים מיט זיינע קונץ־שטיק און געגעבן זיי אַ נייע אמונה, וואָס נאָר די גויאישע מוחות האָבן אָט די אמונה געקאָנט אָננעמען, ווייל אָט די אמונה דערלויבט אַלץ וואָס אַ ייד טאָר ניט.

מיינע מלמדים, אין די ייִנגלשע יאָרן, וואָס האָבן אַליין געגלויבט אין אַלע מופתים, וואָס זיי פלעגן איבערדערציילן פון די חסידישע רביים, מופתים און וואונדער, וואָס האָבן איבערגעטראַכט די אַלע וואונדער, וואָס ווערן דערציילט אין עוואַנגעליום וועגן ישו הנוצרי — דיזעלביקע מלמדים, וואָס האָבן קיינמאָל ניט אָנגעזען קיין עוואַנגעליום („ספר הברית החדשה") אַפילו אין די העברעאישע איבערזעצונגען, פלעגן חוזק מאַכן פון די גויאישע געטשקעס, פון זייער אמונה, פונעם „תלוי" (געהאַנגענעם), פון זייערע נאַרישע איינגלויבענישן, פון זייערע חכמות און, להבדיל, „תורות".

װען איך פֿלעג, אַלס ייִנגל, פֿאַרבײַגײן דעם קלױסטער, אַ הילצערנע, אָרעמע געבײַדע, מיט אַ גרױסן צלם, און מיט אַ גלאָק אױפֿן שפּיץ דאַך, פֿלעג איך, צוגלײַך מיט אַלע מײַנע חברים פֿון חדר, זאָגן דעם פּסוק: „שקץ תשקצנו, תעב תתעבנו" און דערצו געבן אַ שפּײַ. מיר אַלע ייִנגלעך פֿון די חדרים האָבן געגלױבט — אַזױ האָבן אונדז די עלטערע ייִדן מיט בערד געזאָגט — אַז װען אונדז זאָל געלינגען אַריבערװאַרפֿן אַ נאָדל איבערן שפּיץ צלם אױפֿן דאַך פֿונעם קלױסטער, װעט דער קלױסטער גלײַך אײַנ־געזונקען װערן טיף אין דער ערד.

װען איך פֿלעג אינדערפֿרי, צװישן אַנדערע ברכות, זאָגן אױך די ברכה „שלא עשני גוי" (געלױבט איז גאָט װאָס ער האָט מיך ניט באַשאַפֿן אַלס אַ גוי), פֿלעג איך אמת הנאה האָבן, און געװען אמת דאַנקבאַר, מיט דער גאַנצער רײנקײט און נאַאיװיטעט פֿון אַ קינדערשער נשמה, דעם רבונו של עולם, דעם האַר פֿון דער װעלט, װאָס ער האָט מיך באַשאַפֿן אַ ייִד און ניט קײן גוי, װאָס איז געװען אין מײַנע אױגן אַ נידעריקע בריאה. איך האָב אין דעם געזען אַ גרױסן חסד. בעסער שױן אינגאַנצן ניט געבױרן װערן אױף דער װעלט, אײדער געבױרן װערן אַ גוי — דאָס איז געװען מײַן פֿעסטע איבערצײַגונג.

איך האָב שטענדיק פֿאַרגליכן אין מײַן לעבעדיקער פֿאַנטאַזיע די ייִדישע שבתים און יום־טובים און זײערע זונטיקס און חגאות; זײערע גלחים מיט אונזערע, להבדיל, רבנים — און איך פֿלעג אַרײַנקומען אין גרױס התפּעלות. עפּעס אַ קלײניקײט, װי גוט און װױל עס איז צו זײַן אַ ייִד, אַ קינד פֿון גאָטס פֿאָלק, און האָבן אַזאַ הנאה.

אױסער די צװײ גלחים האָב איך געקאָנט אין מײַן געבורטס־שטאָט נאָך צװײ גויאים. און דאָס זײַנען געװען דער „סטאַנאָװאָי" און דער "אור־ריאַדניק".

דער „סטאַנאָװאָי", דער העכסטער נאַטשאַלניק פֿון שטאָט און פֿון די אַרומיקע דערפֿער, איז געװען אַ שיכּור, אַ קאָרטנשפּילער און אַ כאַבאַרניק. פֿאַר אַ „היטל" צוקער, אַן עמער בראָנפֿן אָדער אַ פּאָר קערבלעך האָט מען מיט אים געקאָנט אַלץ אָפּמאַכן און איבערמאַכן. דערצו נאָך האָט ער ליב געהאַט אַרײַנצופֿאָרן אין מאָרדע אַבי װעמען צו װײַזן זײַן פֿױסט גלאַט אַזױ זיך. דער אוריאַדניק איז געװען גלאַט אַ כאַם. פֿאַר אַ שנאַפּס האָט ער זײַן נשמה פֿאַרקױפֿט. ער האָט גלאַט ליב געהאַט אָנטאָן אַ ייִדן צרות און טשעפּען זיך צו יעדער זאַך מיט אַ באַזונדערער אכזריות.

דאָס זײַנען געװען די אומפּמיטלבאַרע לעבעדיקע באַגריפֿן, װעלכע איך האָב געקאָנט באַקומען אין מײַנע ייִנגלשע יאָרן פֿון דער ניט־ייִדישער װעלט.

אמת, איך האָב נאָך, אַלס יינגל, געוואוסט פון דער גמרא, אַז עס זיינען דאָ אויך חסידי־אומות־העולם, ד. ה. עס געפינען זיך אויך אַנשטענ־דיקע, פרומע גויים, ממש גויאישע חסידים, אָבער דאָס איז פאַר מיר געווען נאָר אַן אַבסטראַקציע, אַ ווערטל פון דער גמרא.

אָבער נאָך פאַר מיין בר־מצוה האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אַ געוויסער פלאַץ אין דעם פירוש „תפארת ישראל”. עס איז פאַר מיר פשוט געווען אַן אַנטדעקונג, ווען איך האָב געלייענט אין דעם ספר אויף דער משנה „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא”, אַז אויך די חסידי אומות העולם, למשל, אַזאַ גוי, וואָס האָט אַנטדעקט די רפואה פון אויסצוהיטן פון נאַטירלעכע פאָקן, דורך איינאַימפן, צו שטעלן פאָקן, וואָס דאָס ראַטעוועט מיליאָנען פון טויט, אָדער יענע גויים, וואָס האָבן אויסגעפונען אַנדערע מיטלען, אָדער געטאָן מעשים טובים, אום צו ראַ־טעווען מענטשן פון טויט און זיך אויף דעם מוסר נפש געווען — אַז אויך אַזעלכע גויים האָבן אַ חלק אין עולם הבא. פון דעם פירוש האָב איך דערפאַרן, אַז עס איז דאָ אויף דער וועלט אַן אַנדער סאָרט גויים ווי די גלחים, דער סטאַנאָוואָי און די שקצימלעך אויף דער סלאָבאָדע.

די חסידים, אמת, האָבן ניט געהאַלטן פונעם מחבר פונעם „תפארת ישראל” אויף משניות, און דער דערמאָנטער פירוש, וואו ער זאָגט, אַז אויך די גוטע גויים וועלן האָבן עולם הבא. מען האָט אויף אים אַפילו געוואָרפן אַ חשד פון אַפיקורסות, אין מיר אָבער האָבן די פאָר שורות אַרויסגערופן אַ גאַנצע רעוואָלוציע. די לומדים, די חסידים אין בית־המדרש האָבן געהאַלטן, אַז נאָר אַ ייד האָט אַ חלק אין עולם הבא, אָבער אַ גוי, ווער ער זאָל ניט זיין, האָט קיין טייל ניט אין „יענער וועלט”. איך האָב זיך שטילערהייט געפרעגט: ווי איז דאָס מעגלעך, אַז יאַנטל דער שמש, אַ בייזער ייד, וואָס האָט ליב אַנדרייען שטאַרק אַן אויער אַן אָרעמען, עלענטן יתום, געבן פעטש אַ ישיבה בחור, ווען ער כאַפט אים מיט אַ ספר, וואָס אים געפעלט ניט, הגם ער איז אַ גרויסער עם־הארץ און פאַרשטייט ניט דעם פירוש־המלות פון דאַווענען, און איז גלאַט אַ ייד אַ שוטה — איז יאַנטל דער זאַאיקער, אידיאָטישער שמש, וועט זיך זיצן אין גן עדן און וועט זיין אַ גאַנצער חשוב, אַ תקיף ביים האַר פון דער וועלט, נאָר דערפאַר וואָס ער איז געבוירן געוואָרן אַ ייד, סתם אַ ייד. אָבער אַ גוי, למשל, אַלעקסאַנדער הומבאָלדט, אָדער אַן אַנדער גוי, וואָס האָט זיך מקריב געווען פאַרן גליק, אָדער פאַר דעם געזונט פון דער מענטשהייט — אַזאַ גוי, ווען ער שטאַרבט, וועט זיין אויסגעשלאָסן פון „יענער וועלט”, פון גן־עדן, און וועט גאָר זיין אַ שמש, אַ דינער פון יאַנטל דעם שמש, בלויז דערפאַר, וואָס דער גרויסער מענטש, דער רעטער פון

דער מענטשהייט, איז געבוירן געוואָרן אַ גוי. וואו איז דאָ די גערעכ־טיקייט, דער יושר, די לאָגיק פון דער השגחה, פונעם הנהגת העולם?... נײַן, עס איז אוממעגלעך, גאָט זאָל טאָן אַזאַ אומרעכט. דאָס האָט מיך גע־בראַכט צו נײַע געדאַנקען, צו נײַע ספקות...

ווען איך האָב אָנגעהויבן לייענען די נײַע העברעאישע ליטעראַטור, האָב איך אין דער בעלעטריסטיק, אין די דערציילונגען, געפונען, אַז די גויים, אַלע גויים, וואָס ווערן געשילדערט, זײַנען אָדער שכּורים, אָדער רוצחים, שונאי ישראל און גראָבע מוחות. די זעלבע זאַך האָבן די גרויסע רוסישע שריפטשטעלער, ווי גאָגאָל, דאָסטאָיעווסקי, טורגעניעוו און אַנ־דערע געשילדערט די יידן אַלס מעקלער, שווינדלער, וואָס פאַר געלט זײַנען זיי גרייט צו פאַרקויפן זייערע אייגענע טעכטער.

דערפאַר אָבער האָבן די יידישע געלערנטע פון דער מאָדערנער יידי־שער וויסנשאַפט, די חכמי־ישראל, ווי ריב״ל, רבי יצחק בער לעווינזאָן, ד״ר רובין, א. גייגער, ל. צונץ און אַנדערע, זיך שטאַרק אײַנגעשטעלט פאַר די גויים, האָבן שוין אידעאַליזירט די גויאישע חכמה, די גויאישע מענטשן. זיי האָבן פאַר מיר אויפגעעפנט אַ וועלט, אַז עס זײַנען דאָ אויף דער וועלט מענטשן, געלערנטע, אַפילו אויף דעם געביט פון חכמת־ישראל, אויסער יידן.

און ווען איך האָב אָנגעהויבן לייענען די רוסישע ליטעראַטור און בין געווען באַגייסטערט פון די רוסישע וואָרט־קינסטלער, דיכטער, ראָמאַ־ניסטן און נאָוועליסטן, האָב איך זיך געמוזט איבערצייגן, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די גרויסע רוסישע דיכטער און קינסטלער זײַנען געווען אַזוי אומגערעכט צו יידן, ניט פאַרשטייענדיק, ניט באַגרײַפנדיק די יידישע נשמה, האָבן גאָרניט געקאָנט די בעסערע, די אײדעלערע יידישע טיפן, די יידישע הייליקע און אידעאַלע מענטשן; האָבן ניט געקאָנט דעם טראַ־גיזם און די וואונדערבאַרע זייטן פונעם יידישן לעבן — ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, האָב איך, גלײַך ווי איך האָב זיך אָנגעהויבן באַקענען מיט דער רוסישער ליטעראַטור, געפילט אַז עס זײַנען דאָ פײַנע מענטשן, ברייטע נשמות, אויך צווישן די גויים.

איך האָב געזען די דאָזיקע פײַנע גויאים נאָר אין דער פאַנטאַזיע, דורך די ברילן פון די גרויסע רוסישע מייסטערס, איך האָב אָבער קיין אַנונג ניט געהאַט ווי זײַנען די גויים אין דער ווירקלעכקייט.

צום ערשטן מאָל בין איך געקומען אין ווירקלעכער באַרירונג מיט ניט־יידישע מענטשן אין סמאָלענסק.

איך האָב גערעכנט פאַר נויטיק צו שילדערן ווי אַזוי עס האָבן זיך אין מיר אויסגעבילדעט די באַגריפן וועגן דער ניט־יידישער וועלט פון

קינדורייז אַז, פון טעאָריע, פון פאַראורטיילן ביז דער רעאַלער ווירק־לעבקייט.

XXII

אין אַ קורצער צייט נאָך מיין באַזעצן זיך אין סמאָלענסק, האָב איך זיך באַפריינדעט מיט אַן אַדעליקער רוסישער פאַמיליע, קלאַטשקאָוו. די פאַמיליע איז באַשטאַנען פון צוויי ברידער אין די פערציקער יאָרן, ביידע אומפאַרהייראַט, און אַ שוועסטער, אַן עלטער מיידל. זיי האָבן געהאַט אַ גוט (אימעניע), ניט ווייט פון סמאָלענסק. זומער האָבן זיי געלעבט אויף זייער גוט, און ווינטער — אין שטאָט, אין סמאָלענסק.

איך האָב געוואוינט אין איינעם פון די הייזער, וואָס האָבן געהערט צו די דאָזיקע גוט־באַזיצער.

דורך אַ צופאַל האָט איינער פון די ברידער באַזוכט מיין צימער. מיין קליינע ביכער־זאַמלונג — העברעאישע, רוסישע און דייטשישע, — האָבן אים פאַראינטערעסירט. אַריין מיט מיר אין אַ געשפרעך, האָט ער זיך פאַר־אינטערעסירט מיט מיר פערזענלעך. עפּעס האָט ער אין מיר דערזען און דערפילט אַ מין יידן, וואָס איז געווען גאַנץ אַנדערש ווי דער טיפּ יידן, וואָס ער האָט וועגן אים געלייענט אין דער רוסישער ליטעראַטור. די פאַמיליע קאַלטשקאָוו האָט קיין יידן פון דער נאָענט ניט געקענט.

דער גוט־באַזיצער האָט מיך פאַרבעטן אין זיין וואוינונג, וואו ער האָט געלעבט מיט זיין ברודער און שוועסטער.

דאָס איז געווען די ערשטע רוסישע פאַמיליע, וואָס איך האָב באַזוכט. עס האָט מיך איבערראַשט די עכטע ברייטהאַרציקע, רוסישע גאַסטפריינט־שאַפט. אַלץ איז געווען ניי אין מיינע אויגן. אַן אַנדערע ספערע פון לעבן, אַנדערע זיטן און אַן אַנדערע מענטשלעכע באַציאונג. מיר איז דאָס זייער געפעלן געוואָרן; עס איז געווען אַ וואַרעמע, מענטשן־פריינטלעכע און זייער אינטעליגענטע פאַמיליע.

ביים ערשטן באַזוך בין איך געווען אומזיכער אין מיין אויפטרעטן, שעמעוודיק אין מיין באַנעמען זיך און האַלב־היפּנאָטיזירט פון דער ניט־געוויינלעכער לעבנס־פירונג.

די פאַמיליע איז אָבער געווען צו מיר אַזוי פריינטלעך, אַז ניט־קוקנדיק אויף דעם אונטערשייד אין יאָרן, ראַסע און שטאַנד, האָב איך זיך געפילט ביי זיי נאָכן צווייטן דריטן באַזוך זייער היימיש. ווען עס פלעגט אַוועקגיין אַ וואָך און איך פלעג ניט באַזוכן די פאַמיליע, פלעגט איינער פון זיי קו־מען צו מיר אין אַ וואָגן און מיך ברענגען צו זייער הויז.

ווען עס איז געקומען דער זומער, בין איך געוואָרן אַן אָפטער גאַסט אין זייער גוט.

די פֿאַמיליע קלאַטשקאָוו, אַן אַלטע רוסישע אַדעליקע פֿאַמיליע, האָט פֿריער אַ לאַנגע צייט געלעבט אין מערב־אייראָפּע, — אין דייטשלאַנד, איטאַליע און פֿראַנקרייך. זיי האָבן באַהערשט אייראָפּייאישע שפּראַכן און געווען שטאַרק באַלעזן אין דער וועלט־ליטעראַטור. איינער פֿון די ברידער איז געווען אַ שטאַרקער אַנהענגער פֿון דייטשלאַנד; דער אַנדערער — פֿון פֿראַנקרייך, און די שוועסטער — פֿון איטאַליע.

די אַלע דריי זיינען געווען אַקאַדעמיש געבילדעט, זיי האָבן שטודירט אין דער יוגנט אין מאָסקווע און אין פּעטערבורג.

ביי יעדן שמועס האָבן זיי געשימפּט רוסלאַנד. קיין זאַך אין רוסלאַנד טויג ניט. קיין סימן פֿון קולטור, און די רעגירונג איז באַרבאַריש, ווילד און אידיאָטיש. דער עקאָנאָם, דער פֿאַרוואַלטער אין זייער גוט, איז געווען אַן אַלטער פֿראַנצויז; דער גערטנער — אַ שווייצער; די דינסטן — דייטשקעס.

די צוויי ברידער, וואָס האָבן יאָרנלאַנג אַרומגעוואַנדערט איבער איי־ראָפּע און געלעבט אין אַ קאָסמאָפּאָליטישער געזעלשאַפֿט, האָבן זיך אָפּ־געוואוינט פֿון דער צוריקגעשטאַנענער „דוואָריאַנסקער" רוסישער געזעל־שאַפֿט און האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט פֿונם קרייז אַרומיקע גוט־באַזיצער. צוריקקערנדיק זיך פֿון וועסט־אייראָפּע, וואו דאָס לעבן איז זיי סוף־כל־סוף איבערדריסיק געוואָרן, ווייל זיי זיינען דאָרט געווען ליידיקגייער, האָבן זיי געוואָלט אויפֿלעבן זייער גוט, איינפֿירן אייראָפּייאישע מעטאָדן, די בייסטע אַגריקולטור־מאַשינען און איינריכטונגען. זיי איז מיאוס געוואָרן דאָס אומ־פּראָדוקטיווע לעבן, און זיי האָבן זיך געוואָלט פֿלייסיק נעמען פֿאַר דערווירטשאַפֿט און דינען מיט זייער אייראָפּעאישער קולטור ווי אַ ביישפּיל פֿאַר די אַרומיקע אַלטמאָדישע גוט־באַזיצער.

זייער פֿלייס האָט געדויערט בלויז אַ פּאָר חדשים. עס איז זיי באַלד מיאוס געוואָרן די אַגריקולטור־ווירטשאַפֿט, זיי האָבן געטענהט, אַז אין אַזאַ אומקולטורעל, אָפּגעשטאַנען לאַנד ווי רוסלאַנד איז אַבסאָלוט אומ־מעגלעך איינצופֿירן אַ קולטורעלע וויסנשאַפֿטלעכע און פֿאַרנונפֿטיקע אַגרי־קולטור־ווירטשאַפֿט; דער רוסישער פּויער פֿאַרדאַרבט אַלץ און טויג צו גאָרנישט.

די צוויי ברידער, וואָס האָבן אין די ייִנגערע יאָרן געדינט צו פֿאַר־שיידענע געטער און אויך אַנטייל גענומען אין רעוואָלוציאָנערע קרייזן און אונטערערדישע באַוועגונגען, האָבן זיך דערנאָך אַנטוישט אין אַלע רוסישע „פּאָדפּאָלנע" (אונטערערדישע) קרייזן. זיי האָבן זיך באַנוגנט מיט די פֿיל אייראָפּייאישע מאַגאַזינען, וואָס זיי פֿלעגן באַקומען פֿון פּאַריז, לאָנדאָן, בערלין און אַנדערע גייסטיקע צענטערס. זיי האָבן זיך פֿאַראינ־

טערעסירט מיט ספּיריטואַליזם, מעטאַפֿיזיק, מיט פֿאַרשיידענע אַבסטראַקטע עטישע און עסטעטישע שטרעמונגען. דאָס קריסטנטום, באַזונדערס דער קלויסטער, די גלחים, די פּראַוואָסלאַוונע מנהגים, האָבן זײ ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן און בײַ יעדער געלעגנהײט האָבן זײ עס שאַרף קריטיקירט און אויסגעלאַכט. די סלאַוויאַנאָפֿילן זײַנען געווען אין זײערע אויגן די אום־מעגלעכסטע מענטשן און זײ זײַנען געווען פֿאַרהאַסט בײַ זײ.

אין דער צײַט, וואָס איך האָב זיך באַקענט מיט די ברידער קלאַטשקאָוו, זײַנען זײ געווען שטאַרק פֿאַראינטערעסירט מיט דער לערע פֿון בודהאַ. זײ פֿלעגן אויסשרײַבן די גײַסטע אײראָפּײאישע ווערק וועגן בודהאַאיזם. מיך פֿלעגן זײ אויספֿרעגן וועגן דער ייִדישער רעליגיע און וועגן פֿאַר־שיידענע ייִדישע היסטאָרישע און הײנטיקע סעקטעס. זײער וויסן וועגן דעם, וואָס זײ האָבן געשעפּט פֿון אײראָפּײאישע קוואַלן, איז געווען זײער קאַרג אָדער צוזאַמענגעכאַפּט פֿון פֿאַלשע, ווידערשפּרעכנדיקע ידיעות.

אַזוי ווי זײ זײַנען געווען בײַ מיר די ערשטע רוסישע מענטשן, מיט וועמען איך בין געקומען אין נאָענטער באַרירונג, אַזוי אויך בין איך געווען דער ערשטער ייִד, מיט וועלכן זײ האָבן פֿאַרקערט און דעבאַטירט. איך בין געווען אַ רעטעניש אין זײערע אויגן. עפּעס אַ גאַנץ אַנדער מין מענטש, ווי זײ האָבן זיך פֿאָרגעשטעלט אַ ייִדישן בחור. פֿון אײן זײַט האָבן זײ געזען, אַז ווען איך בין געווען זײער גאַסט, עס איך ניט זײער שפּײַז, נאָר בלויז מילך, אײער און פֿרוכט, און עס נישט זײערע מאַלצײַטן, און דאָך בין איך ניט קײן פֿאַנאַטיש־רעליגיעזער ייִד. פֿאַרקערט: איך בין אַן אָנהענגער פֿון דער רוסישער ליטעראַטור און בין באַגײַסטערט פֿון פֿאַר־שיידענע אײראָפּײאישע, פֿרײַע, גײַסטיקע באַוועגונגען.

זײ האָבן באַוואונדערט מײַן דורשט נאָך וויסן, מײַן הײסן הונגער נאָך נײַע ביכער און באַזונדערס מײַן גרויס עם־הארצות בנוגע צו פֿערד און זײער ראַסן־שײנקײט. זײ האָבן ניט באַגריפֿן מײַן עקל צו קעץ, און מײַן פֿאַרדאַכט, און צוריקגעהאַלטנקײט פֿון זײערע ליבלינגס־הינט. מיט גרויס אינטערעס פֿלעגן זײ אויסהערן ווי איך דערצײל זײ וועגן דעם דורשט נאָך וויסן וואָס הערשט צווישן דער ייִדישער יוגנט, און ווי שווער עס קומט אונדז אָן צו דערווערבן בילדונג, ווי אויך וועגן די מערקווירדיקע ייִדישע אידעאַלע טיפּן צווישן די אַלטמאָדישע ייִדן.

זײ האָבן זיך בײַגעריק צוגעהערט צו מײַנע דערצײלונגען, ווי איך וואָלט זײ דערצײלט געשיכטעס פֿון „טויזנט און אײן נאַכט”, אָדער וועגן די אײַנוואוינער פֿון מאַרס. זײ האָבן געגלויבט און ניט געגלויבט. זײ זײַנען געווען איבערצײַגט, אַז יעדער ייִד איז אַ פּראַקטישער מענטש, האָט ליב געלט מער ווי זײַן נשמה, און פֿאַר געלט וועט ער אַלץ פֿאַר־

קויפֿן. דעריבער האָבן זיי זיך שטאַרק געוואונדערט וואָס איך פֿאַרשטיי גאָרנישט אין פּראַקטישע זאַכן און וואָס געלט האָט פֿאַר מיר קיין ווערט און קיין אינטערעס ניט.

נאָך מער האָבן זיי זיך געוואונדערט וואָס איך וויל זיך ניט צורירן צו שנאַפּס אָדער וויין. ווי קאָן זיך אַ יונגער מענטש ווי איך, מיט אַזאַ פֿייערדיקן טעמפּעראַמענט, וואָס האָט ליב דאָס לעבן און קאָן זיך פֿון אַלע לעבנס־דערשיינונגען אַזוי ראָמאַנטיש באַגייסטערן — ווי קאָן איך זיך אָפּזאָגן פֿון אַ גלאָז וויין אָדער פֿון אַ שלוק שנאַפּס?

די קלאָטשקאָווס האָבן שטאַרק געשימפּט די שיכּרות, וואָס הערשט צווישן די פּויערים, זיי האָבן געשילדערט די אומגליקן, וואָס דער אַלקאָהאָליזם ברענגט אויף דער וועלט, און וואָס פֿאַר אַ חורבנות ער טוט אָן אין רוסלאַנד, און דאָך פֿלעגן זיי אַליין זיך אָפּט אָנשיכּורן. שיכּורערהייט פֿלעגן זיי זיין גוטמוטיק, ברייטהאַרציק און אויסדערציילן אַלע זייערע זינד, און אָפֿטאָל האָבן זיי געוויינט און באַקלאָגט זיך, אַז זיי זיינען טויגעניכטסן, פֿאַרלוירענע נשמות און איבעריקע אויף דער וועלט.

מיר איז דאָס געווען שווער צו באַגרייפֿן: ווי קאָנען געבילדעטע מענטשן, וואָס אינטערעסירן זיך מיט פֿילאָזאָפֿיע, מעטאַפֿיזיק, קונסט און ליטעראַטור, מיט סאָציאָלאָגיע און עטיק, וואָס האָבן אַזעלכע פֿיינע נאַטורן, — ווי קאָנען זיך אַזעלכע קולטור־מענטשן אָנטרינקען כּמעט ביז באַוואוסטלאָזיקייט.

ווען איך האָב זיי אַמאָל געטראָפֿן שטאַרק שיכּור און אַזוי שטאַרק אָפֿנהאַרציק, האָב איך דאָן גוט באַגריפֿן דעם ראַסן־אונטערשייד צווישן אונדז. איך האָב דאָן געפֿילט ווי עפּעס אַ טיפֿער תּהום שיידט אונדז פֿאַנאַנדער.

איך וויל דאָ באַמערקן, אַז צו יענער צייט האָב איך נאָך ניט געקענט קיין איין אמתן ייִדישן שיכּור. איך האָב נאָר געוואוסט, ווי ייִדן ווילן זיך מאַכן, זיך פֿאַרשטעלן ווי כּלומרשט שיכּורע און דאָס אויך נאָר שמחת־תּורה.

XXIII

פֿריער האָב איך דערמאָנט פֿאַרבייגייענדיק, אַז ביי קלאָטשקאָווס איז געווען אַ פֿראַנצויזישער פֿאַרוואַלטער אין זייער גוט. מיט אָט דעם פֿראַנצויז האָב איך געשלאָסן באַקאַנטשאַפֿט, דערנאָך — פֿריינטשאַפֿט. ער איז געווען מיין ערשטער לערער אין דער פֿראַנצויזישער שפּראַך. זיין נאָמען איז געווען טיבאַ דע בריניאַל.

ער איז ווערט געשילדערט צו ווערן ווי אַן אינטערעסאַנטער עקזעמפּלאַר־מענטש.

אָט דער פראַנצויז (ער האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער, אַריסטאָקראַ־טישער און אָרעמער פאַמיליע), ווען איך האָב אים דערקענט, איז ער גע־ווען אין די פופציקער יאָרן, אָבער גאַנץ גרוי, אַן עכטער דאַרווין־קאָפּ, אַ לאַנגע זילבער־ווייסע באָרד, לאַנגע געלאָקטע ווייסע האָר, אַ הויכער געוועלבטער שטערן, גוטמוטיקע, טרוימערישע בלויע אויגן און אַ זייער שלאַנקע געשטאַלט. ער האָט גערעדט רוסיש מיט אַ פראַנצויזישן אַקצענט און מיט אַן אייגנטימלעכן סינטאַקסיס.

ווינטער, ווען ער האָט ניט געהאַט קיין אַרבעט אויפן פעלד, און גע־האָט פרייע צייט, פלעגט ער קומען דריי מאָל אין דער וואָך פונם גוט קיין סמאָלענסק אָפּצוגעבן אַ באַריכט די קלאַטשקאָווס, וועלכע האָבן ווינ־טער געוואוינט אין איינעם פון זייערע הייזער אין שטאָט.

אָפּפּטרנדיק זיין באַריכט פאַר זייגע באַלעבאַטים, פלעגט ער קומען רעגלמעסיק צו מיר, דריי מאָל אין דער וואָך. איך פלעג אים דערוואַרטן מיט גרויס אומגעדולד.

ער איז געווען מיין לערער אין פראַנצויזיש אַן געלט. ער וואָלט די גאַנצע וועלט אומזיסט געלערנט פראַנצויזיש.

די קלאַטשקאָווס האָבן אים זייער גוט באַהאַנדלט און פיין געצאָלט פאַר זיין אויפזיכט אויף זייער גוט. ער אָבער האָט שטאַרק געבענקט נאָך פראַנקרייך, און יעדעס מאָל ווען ער, אָדער אַן אַנדערער, פלעגט דערמאָ־נען דעם נאָמען פון אַ פראַנצויזישן שרייבער, אָדער אַ פראַנצויזישע שטאָט, פלעגן אויפבליצן זיינע אויגן און זיין איידעלער פּנים האָט געשטראַלט פון נחת.

דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, וואָס איך האָב געזען מיט מיינע אויגן און געהערט מיט מיינע אויערן אַ געבילדעטן מאַן, וואָס איז פאַר־ליבט אין זיין לאַנד, וואו ער איז געבוירן און אויפגעוואַקסן, וואָס איז אַזוי פאַרליבט, ביז עקסטאַז, אינם קלאַנג פון זיין מוטער־שפּראַך. עס איז ביי אים געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַז דאָס שענסטע, אַנגענעמסטע, דאָס גאָט־געבענטשטע לאַנד פון דער וועלט איז פראַנקרייך, אַז דער שענס־טער, רייכסטער, מוזיקאַלישסטער לשון פון אַלע וועלט־לשונות איז דער פראַנצויזישער לשון. ער האָט זיך גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז עס איז דאָ אַ מענטש אין דער וועלט, וואָס איז אין דעם ניט מודה, און וואָס קאָן גאָר דענקען אַנדערש.

זיין מעטאָדע וואָס ער האָט אָנגעווענדט מיך צו לערנען אויסצורייד, די פראַנצויזישע נאַזלדיקע, האַלב־אויסגעשפּראָכענע — ריכטיקער: האַלב־אויסגעאָטעמטע — זילבן, די דאָזיקע מעטאָדע איז געווען אַן אייגנאַרטיקע. ער האָט געאַרבעט מיט אַלע אברים מיר ביי צוברענגען דעם באַזונדערן

קלאַנג פֿון די פֿראַנצויזישע בוכשטאַבן. ער האָט מיך ווייניק געלערנט גראַמאַטיק, אָבער דערפֿאַר פֿלעגט ער מיט מיר לייענען, אָדער מיר פֿאַר־לייענען, שטיקער פֿון די פֿראַנצויזישע קלאַסיקער, מאָליער, ראַסין, לאַ־פֿאָנטיין, וויקטאָר הוגאָ און אַנדערע. זיצנדיקערהייט האָט ער ניט גע־קאָנט לייענען, ער פֿלעגט זיך מוזן אויפֿשטעלן אין אַ געוויסער פּאָזע און דעקלאַמירן אויפֿן קול, ווי ער וואָלט דאָס געטאָן פֿאַר אַ גרויסן פּובליקום. ער פֿלעגט דערביי שטאַרק זשעסטיקולירן, צוקלאַפּן צום טאַקט מיטן פֿוס און געוויסע באַוועגונגען מאַכן מיט דער האַנט.

טיבא דע ברײניאַל האָט ביז ער איז געקומען קיין רוסלאַנד קיין אַנדערע שפּראַך, אויסער זיין מוטער־שפּראַך, פֿראַנצויזיש, ניט געקאָנט, ווי כּמעט אַלע פֿראַנצויזן (אַפֿילו די געבילדעטסטע שריפֿטשטעלער, קינסט־לער און פּאָליטיקער), וואָס באַנוגענען זיך בלויז מיט זייער אייגענער שפּראַך, באַטראַכטנדיק אַלע אַנדערע לשונות ווי באַרבאַריש, ווי ווייניק־ווichטיקע.

לעבנדיק אין רוסלאַנד לענגער ווי צען יאָר, און זייענדיק געצוואונגען צו קומען טעגלעך אין פֿאַרקער מיט רוסן, וואָס רעדן נאָר רוסיש, האָט ער זיך אויסגעלערנט ווי עס איז צו געברויכן אין אַ נויט־פֿאַל די רוסישע שפּראַך. זיין רוסישער וואָקאַבולאַר, דער וואָרט־שאַץ, איז געווען רייך, נאָר ער האָט יעדעס וואָרט פֿאַרקריפּלט און האָט די ווערטער צוזאַמענ־געבונדן לויט דעם פֿראַנצויזישן סינטאַקסיס. ער האָט געבויט יעדן רו־סישן זאַץ (טראָץ דעם וואָס ער האָט אין רוסלאַנד געלערנט די רוסישע שפּראַך אויך טעאָרעטיש פֿון לער־ביכער און ביי דער פֿריילין קלאַטשקאָוו) אויף זיין פֿראַנצויזישן אופֿן, לויט זיין פֿראַנצויזישער שפּראַכן־לאָגיק.

ער פֿלעגט מיר פֿאַרטייטשן די פֿראַנצויזישע דיכטער און פּראָזאַאיקער מער מיט זיין לעבהאַפֿטער מימיק, מיט די אויסדרוקספֿולע זשעסטן, ווי מיט דער הילף פֿון דער רוסישער שפּראַך.

איך האָב באַטראַכט מיין פֿראַנצויזישן לערער, ווי גאַנץ אַנדערש ער איז, ווען ער רעדט רוסיש, און ווי שטאַרק ער פֿאַרענדערט זיך, ווען ער רעדט אָדער ער לייענט פֿאַר אין זיין מוטערשפּראַך; ווען ער האָט געברויכט זיין מוטערשפּראַך, איז ער געווען אין זיין נאַטירלעכן עלעמענט, ער איז געווען דאָס וואָס ער איז און ווי ער איז. ווען ער האָט גערעדט פֿראַנצויזיש האָט זיין פּנים געהאַט אַן אײדעלן אויסדרוק. זיינע באַווע־גונגען זיינען געווען פֿריי און אַנגענעם. ער פֿלעגט דאַן אויסזען פֿיל יינגער, לעבהאַפֿטער, עלאַסטישער און מענטשנווירדיקער. דער גלאַנץ פֿון די פֿראַנצויזישע דיכטער און שפּראַך־קינסטלער האָט געשטראַלט פֿון זיינע ערלעכע אויגן.

ווען אָבער ער האָט גערעדט רוסיש, האָט מען געזען און געפילט, ווי ער מאַטערט זיך נעבעך. ער ווערט אַן אַנדערער, אַ געפּענטעטער, און גע־וויסערמאַסן, אַ געצוואונגענער, אונטערגעאָרדנטער וועזן. די באַוועגונ־גען זיינע פאַרלירן דאַן זייער בויגזאַמקייט און דער אויסדרוק פון זיין גע־זיכט ווערט ניט נאַטירלעך. קורץ, ער ווערט אַ מענטש פון צווייטן קלאַס, אָדער קינדיש־לעפּיש אומבאַהאָלפן.

שוין דאַן האָט אין מיר אויפגעבליצט דער געדאַנק, אַז די שפּראַך איז אַ טייל פון דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם, מיט אים צוזאַמענגעוואַקסן, און ביי אַ העכער אַנטוויקלטן מענטשן איז די שפּראַך זיין נשמה, יעדנפאַלס, א חשבונער טייל פון זיין נשמה. ביים דיכטער איז די שפּראַך די נשמה פון זיין נשמה.

איצט איז מיר קלאָר, אַז יעדער מענטש, און באַזונדערס, דער הע־כערער און אָריגינעלערער סאָרט מענטש, פאַרלירט זייער פיל פון זיין אינערלעכן ווען, פון זיין אינדיווידואַליטעט, פון זיין באַזונדערן חן, פון זיין גייסטיקן פּרצוף, ווען ער איז געצוואונגען אָפט און שנעל זיך באַהעפטן צו פרעמדע לשונות, כאָפן זיי פון דער לופט, פונם מאַרק, פון צופעליקע און דערווייליקע ספערן, ווען ער איז געצוואונגען — אָדער אפילו ווען ער טוט דאָס פרייוויליק, — ווען ער איז געצוואונגען אָפט צו בייטן זיין לשון, זיך זעלבסט איבערזעצן, זיין ווענזנטלעכן „איך" אויסצודריקן אין פרעמדע לשונות, אויסגעהאָדעוועטע פון פרעמדע פעלקער אויף אַן אַנדער ערד און אונטער אַן אַנדער הימל, צווישן אַנדערע לאַנדשאַפטן, אַנדערע וועלדער, אַנדערע טייכן, בערג, און טאָלן, צווישן אַן אַנדער פלאָראַ און צווישן אַנ־דערע חיות און עופות, לשונות פון פעלקער, וואָס האָבן אַן אַנדער ריטם אין זייער לייב, אַן אַנדערע מוזיק, אַן אַנדערע פּסיכאָלאָגיע און אַן אַנ־דערע געשיכטע ווי אַן אַנדערער אופן פון פאַרבינדן געדאַנקען, באַגריפן, פאַרבן און ליניעס.

דער פראַנצויז פלעגט ביי מיר אָפט פאַרבלייבן שפּעט אין דער נאַכט, שטונדן־לאַנג נאָך דער לעקציע, וואָס ער פלעגט מיר געבן מיט דער ברייטער האַנט.

ווען איך האָב אָנגעהויבן מער פאַרשטיין זיין מוטערשפּראַך און פילן די שיינקייטן, די דורכזיכטיקייט און קלאָרקייט פון דעם פראַנצויזישן זאַץ, האָט דער פראַנצויז גרויס הנאה געהאַט צו זיצן אין מיין קליינעם, אָבער זייער ריינעם צימערל און דערציילן מיר פון זיין שיינעם פאָטערלאַנד, אָדער ציטירן געלונגענע שטעלעס פון זיינע ליבלינגס־דיכטער און שריי־בער.

טיבא דע בריניאל, מיין פראנצויזישער לערער, האָט ניט געראַכערט און ניט געטרונקען. ער פלעגט זיך באַרויִשן, פאַרשיכורן מיט זיינע איי־גענע ווערטער, מיטן קלאַנג פון זיין אייגענער שטים. אין געוויסע ווער־טער און פראַזן האָט ער געפילט דעם דופט פון די פעלדער, פון די וועלדער אין זיין וויטן פאָטערלאַנד; אין אַנדערע ווערטער און פראַזן האָט ער געהערט דאָס רוישן, דאָס שטראָמען פון די טייכן, פון די קוואַלן, אַרום וועלכע ער איז אויסגעוואַקסן קערפּערלעך און גייסטיק.

ער איז אויפגעוואַקסן אין דער נאָרמאַנדיע, איינע פון די עלטסטע פראַנצויזישע פּראָווינצן. ער איז געווען זייער שטאָלץ אויף די גרויסע פראַנצויזישע שרייבער, וואָס שטאַמען פון זיין פּראָווינץ, נאָרמאַנדיע, וואָס ער האָט מיט זיי געאָטעמט איינע און די זעלבע לופט, געוואַקסן און גע־שפּאַצירט אויף די זעלבע פעלדער, אין די זעלבע וועלדער, אונטערן זעלבן הימל. ער פלעגט וועגן דעם רעדן און דערציילן מיט גרויס באַ־גייסטערונג.

טיבא דע בריניאל, וועלכער האָט געלעבט צען יאָר אין רוסלאַנד, אין אַן עכט רוסישער סביבה, האָט קיין באַגריף ניט געהאַט פונם ווירק־לעכן רוסישן לעבן, פון רוסישן כאַראַקטער און ד. ג. אים איז אַלץ געווען פרעמד און אומפאַרשטענדלעך אינם רוסישן לעבן. אים איז געווען אומ־באַקוועם אין עכט־רוסישער געזעלשאַפט. ער איז געווען אַן אויסגעשטור־דירטער אַגראָנאָם, אָבער מיט גרויסע נייגונגען פאַר ליטעראַטור און צייַ־כענען. אפשר האָט ער אַמאָל געחלומט אַליין צו ווערן אַ דיכטער.

די רעוואָלוציאָנערע, אונטערערדישע שטרעמונגען אין רוסלאַנד זיינען אים געווען אומבאַגרייפלעך, ווילד־פרעמד, די דאָן אַזוי־גערופענע ניהי־ליסטן זיינען אים געווען פאַרהאַסט, אומדערטרעגלעך. ער האָט זיי געהאַסט פאַר זייער אומציכטיקייט, אומריינקייט און אָפּגעלאָזנקייט, פאַר זייערע שלעכטע און אומעסטעטישע מאַנירן. ער האָט זיי גלאַט פיינט גע־האַט. ער איז געווען קאָנסערוואַטיוו אין אַלע זיינע אָנזיכטן. געווען אַ הייסער אָנהענגער פון וואָלטער, פלעגט אָפט ציטירן אַפּיקורסישע אַפאָריזמען און וויצן פון זיינע ווערק, און דאָך איז ער אין האַרצן געווען אַן אָנהענגער פון דער קאַטוילישער קירך.

ער האָט אויפגעשריבן און געדרוקט צוויי ווילדע און מערקווירדיקע בראָשורן אין פראַנצויזיש און זיי געלאָזט איבערזעצן אויך אין רוסיש.

איין בראָשור האָט געהייסן: „דער סאָציאַליזם אַלס סיבה פון דעם וואָס די פערד אין רוסלאַנד זיינען אַזוי מאָגער און שוואַך" (אַזאַ גרויסן נאָמען האָט די קליינע בראָשור געהאַט). די צווייטע בראָשור האָט געהאַט

אַ טיטל־בלאַט: „דער ספּיריטואַליזם אַלס די סיבה פון די געשמאַקלאָזע גרויסע פּרויען־הוטן אין רוסלאַנד״.

ביידע בראָשורן זיינען געווען אָנגעפּיקעוועט מיט לידער פון זיינע באַליבטע דיכטער, מיט פילאָזאָפישע אַפאָריזמען פון אָגויסט קאָנט, ראַבלע און פּאַסקאַל.

ער איז געווען אַ פאַנטאַסט, ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פּלענער און פּראָיעקטן, אָבער פון זיי האָט זיך קיינמאָל גאָרנישט אויסגעלאָזן.

ער האָט אויך געפּרואווט לערנען מיט די פּויערים, וואָס האָבן גע־אַרבעט אויף די פעלדער, ווי אַינם פּריצישן הויף, דרך־ארץ, פליסיקייט און ניכטערקייט, אָבער זיי פלעגן חווק מאַכן פון אים, דעם „פראַנצויז״, ווי זיי האָבן אים גערופן.

דורך מיר האָט זיך מיין פראַנצויזישער לערער באַקענט מיט אַ פּאָר יידישע יונגעלייט, פון וועלכע ער איז געוואָרן העכסט אַנציקט.

איינער פון די דאָזיקע יונגעלייט איז געווען מיכל האַלפּערין, אַן איי־ניקל פון מלבי״ם און איינער פון די אידעאַלסטע און מערקווירדיקסטע טיפּן.

XXIV

די טעכנישע שול, וואָס מיכל האַלפּערין האָט געגרינדעט פאַר אַי־דישע קינדער אין סמאָלענסק, איז געווען עפּעס אַ מין בריאה משונה, אַ פּאַרזעניש, איינע פון האַלפּערינס פאַנטאַסטישע איינפאַלן.

יעדן טאָג איז ער געקומען מיט אַ שפּאָגל נייעם פּראָיעקט. וואָס מ׳האָט היינט געבויט, האָט מען אויף מאָרגן איבערגעבויט. די לערער, די מעכאַניקער האָבן קיין זאַך ערנסט ניט גענומען, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז באַלד קומט אַ נייער פּלאַן, אַן אַנדער מעטאָד, אַלץ איז נאָר אַ מין עקספּערימענט, און מאָרגן קאָן די שולע מיאוס ווערן אין די אויגן פון האַלפּערינען, די גאַנצע זאַך וועט אים דערעסן; ער וועט זיך באַגייסטערן מיט עפּעס אַנדערש און וועט זיך אינגאַנצן צוריקציען פון דער שולע. יעדער האָט געוואוסט, אַז בויען אויף האַלפּערין קאָן מען ניט.

אַן ערך אַ יאָר האָט די איינריכטונג פון די פאַרשיידענע קלאַסן גע־דויערט, און פיל טויזנטער זיינען לאיבוד געגאַנגען סתם אין דער וועלט אַריין.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די מוטער פון האַלפּערין, דעם מלבי״מס טאָכטער, און די גאַנצע פאַמיליע, די זעלקינס, זיינען געווען קעגן דער שולע. זיי האָבן דאָס געהאַלטן פאַר אַ משוגעת, פאַר אַרויסגעוואָרפענע געלט.

און האַלפּערינען האָט זיך טאַקע געוואָלט פּטור ווערן פון זײַן געלט. אים האָט דערעסן דאָס פאַרוויכּלעכטע, פאַראײדלטע לעבן — זײַן אידעאַל איז געווען צו לעבן אָרים, צו לײדן און מקריב צו זײַן זיך עפּעס פאַר אַן אידעאַל. ער האָט דאָך נאָך אַלײן ניט געוואוסט, וואָס איז אײגנטלעך זײַן אידעאַל, און פאַר וועלכער זאַך זאָל ער זיך אָפּפערן. ווען זײַן קאַפּיטאַל וואָלט געווען אין זײַן רשות, וואָלט ער אים אין אײן טאָג צעטרענצלט, ניט וויסנדיק אַלײן אויף וואָס, און צוליב וואָס. זײַן געלט איז אָבער געווען אין די הענט פון זײַן קרענקלעכער און קאַרגער מוטער. מיט אײַזערנע צוואַנגען האָט זי עס געהאַלטן, קענענדיק דעם כאַראַקטער און די פאַנ־טאַזיעס פון איר זון. מיכל האַלפּערין פלעגט אָנווענדן פאַרשײדענע קונץ־שטיק, כּדי אַרויסצובאַקומען פון זײַן מוטערס הענט געוויסע גרעסערע סומעס פון זײַן אײגענעם קאַפּיטאַל. זײַנע פרײַנט, סאָציאַליסטן און גלאַט טויגעניכטסן, פאַראַזיטן, פלעגן אים העלפן מיט זײערע עצות, וואָס מער אַרויסצושלעפּן בײַ זײַן מוטער, וועלכע איז אַלײן געווען זײער רײַך.

האָט האַלפּערין אַרויסבאַקומען אַ צענדליק טויזנט רובל, פלעגט דאָס גלײַך צעקריכן אין זײַנע הענט, דער ווינט פלעגט דאָס אָוועקטראָגן — ער פלעגט קײנמאָל אַלײן ניט וויסן אויף וואָס און צוליב וואָס ער גיט אויס זײַן געלט. דער עיקר איז בײַ אים געווען אויסצוגעבן, צו שענקען און צו צעטרענצלען דאָס געלט, וואָס איז די סיבה פון אַלע אומגליקן אין דער וועלט, וואָס רויבט די מענטשלעכע נשמה און פאַרוואַנדלט דעם מענטש אין אַ שד, אין אַ שטן.

און די אָנגעלאָפּענע, אָנגעטשעפּעטע „פרײַנט" פון האַלפּערין האָבן אים טרײַ געדינט, ד"ה, זײ האָבן אים באמת געהאָלפן פּטור צו ווערן פון זײַן געלט, און טאַקע וואָס גיכער.

מיכל האַלפּערין האָט גוט געוואוסט, אַז די אַזוי־גענאַנטע „פרײַנט", „טאָוואַרישטשי", זײַנען אויסן אַרויסצובאַקומען בײַ אים געלט, און וואָס מער, וועדליק זײ האָבן מיט גרויס פּאַטאָס באַוויזן, אַז קײן עקעלהאַפטערע און שמוציקערע זאַך פון געלט איז גאָר ניטאָ אויף דער וועלט, אַז געלט באַטײַט — בלוט און פלײש, מאַרך און בײן פון די אָרעמע, אומגליקלעכע אַרבעטער. האַלפּערין האָט געהאַט אַ געזונטן חוש צו דערקענען מענטשן און זײער ווערט. אינטואיטיוו האָט ער „דערשמעקט" די מענטשן, און האָט גוט געוואוסט, אַז כאָטש זײ באַגײסטערן זיך פון זײַן חכמה, פון זײַן „פּראַקטישן" פאַרשטאַנד, מײנען זײ זײַן געלט. אים האָט עס אָבער שפּאַס געמאַכט צוצוזען ווי נאַרישע מענטשן יאָגן זיך נאָך געלט, וואָס איז בלאָטע שבבלאָטע, ווינט און רויך. ער האָט אָוועקגעגעבן וואָס ער האָט געהאַט בײַ זיך אין קעשענע דעם ערשטן, וואָס פלעגט אויסציען זײַן האַנט, אויס־

טראַכטנדיק דערביי אַ בבא־מעשה, אויף וואָס ער בעט ביי אים אַ געוויסע סומע געלט. האַלפּערין האָט געוואוסט, אַז מ׳דערציילט אים בבא־מעשהס ניט־געשטויגענע און ניט־געפלויגענע זאַכן, דאָך פלעגט ער יעדן גלייך געבן וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך, ניט וויסנדיק אַפילו וויפיל ער גיט, אויף וואָס ער גיט און וועמען ער גיט. דאָס זיינען ביי אים געווען קליי־ניקייטן, נאַרישקייטן.

איז ביי האַלפּערין געווען מזומן אין קעשענע, — וואָס האָט איבעריקנס זייער זעלטן געטראָפן, — האָט ער זיך געהאַסט, פאַראַכט אַלס אַ בורזשוי, אַלס אַ „געלט־זאַק" און ער האָט זיך געפרייט פשוט, ווען דער גוטער יאָר האָט אים צוגעטראָגן עפּעס אַ געלט־דורשטיקן סטודענטל, אָדער אַזוי עפּעס אַ געלט־דורשטיקע בריאה. און ער האָט זיך געקאָנט באַפרייען פון דעם „אומגליק", פון דעם „פאַרברעכן", וואָס ער טראָגט ביי זיך. ער האָט דאָן געקענט זיך אַ ווײַלע אַרומטראָגן מיט דער פאַנטאַזיע, אַז ער איז אַ פּראָלעטאַריער, אַן אָרעמאַן, אָבער אַ מענטש מיט געדאַנקען, וואָס איז בכּוח איבערצוקערן די וועלט און זי אויפסניי באַשאַפן. בעסער, איידעלער, גערעכטער און שענער איינאָרדענען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַ קלייניקייט, און זייער אַ לייכטע זאַך. אָט אָט וועט ער דאָס מאַכן, אָט אָט קומט דער גרויסער מאָמענט — די דערלייזונג פון דער וועלט. ער, ער אַליין, וועט זי דערלייזן. און ערבֿ דער גרויסער גאולה, וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס ביסל מזומן. עס איז נאָר אַ ביטערער רחמנות אויף די קליינע נפשות, וואָס גלויבן, אַז געלט איז עפּעס אַ מציאה.

XXV

מיכל האַלפּערין האָט דאָן געהאַט אַ גרויסע וואוינונג. אין הויף איז געשטאַנען זיין טעכנישע שול, מיט אירע פאַנטאַסטישע איינריכטונגען. אַרום זיין טיש זיינען שטענדיק געווען עסער, צוגערייזטע, אַלערליי באַ־שעפענישן, שלעק, משונהדיקע ברואים, אַוואַנטיוריסטן, אַנטלאָפענע, „גע־זעסענע", „געוועזענע", ווי צוקינפטיקע „גאונים", דערפינדער, טרוימער און אָפטמאָל אויך באמת אינטערעסאַנטע און אידעאַלע יונגעלייט. מ׳האָט זיי ניט געפרעגט פון וואַנען זיי קומען און וואָס זיי ווילן. מ׳פלעגט יעדן טאָג קאָכן פאַר אַ גרויסן „עולם", די דינסטן פלעגן דערלאַנגען דאָס עסן פאַר אַלע געסט. די געסט פלעגן קאָמאַנדעווען מיט די דינסטן, וואָס און וויפיל זיי זאָלן דערלאַנגען צום גרויטן רונדן טיש. מ׳האָט דערלאַנגט פון דער ברייטער האַנט, וואָס ווער האָט געוואָלט. יעדער גאַסט ביי האַלפּערין אין הויז האָט זיך געפילט ווי אַ באַלעבאָס. ווען די צאָל פון די „געסט" איז דאָך געווען באַשרענקט טעגלעך ביז אַ געוויסער צאָל, און זייער קוואַ־

ליטעט איז דאָך געווען ביז אַ געוויסער מדרגה פֿון אָנשטענדיקייט, איז דאָס ניט האַלפּערינס שולד געווען. פֿון זײַנעטוועגן האָבן געקאָנט קומען צו אים עסן און וואוינען וויפֿיל עס זאָל ניט זײַן, און ווער עס זאָל ניט זײַן. ער האָט ניט געציילט און ניט געפֿאָרשט, ווען ער האָט געהאַט געלט, איז פֿאַר אַלעמען געווען וואָס צו עסן און צו טרינקען. האָט זיך אָבער די מוטער זײַנע אַמאָל אײַנגעעקשנט, און האָט ניט געוואָלט געבן קיין געלט — האָט קיינער ניט געהאַט וואָס צו עסן, און אַלע האָבן אונטער די אויגן געזידלט די מוטער און געשריגן: „וואָס הייסט, זי וויל אים, האַלפּערין, ניט געבן פֿון זײַן אייגענעם געלט — וואָס הייסט דאָס?

און ניט האַלפּערין אַליין, נאָר זײַנע אַלטע „געסט" פֿלעגן באַשרענ־קען ביז אַ געוויסער צאָל די ניי־אָנגעקומענע געסט. זיי, די „געסט" פֿלעגן שוין אַליין זאָרגן, אַז די קוואַליטעט פֿון די „עסער" זאָל ניט צופֿיל זינקען. זיי האָבן דורך פֿאַרשיידענע המצאות און תחבולות (אָדער ווען עס איז נויטיק געווען, אויך דורך אינטריגעס) רעגולירט די צאָל פֿון די סתם עסער, וועלכע האָבן זיך געשאָטן פֿון אַלע זײַטן. אויך האַלפּערינס מוטער האָט פֿון דער זײַט און שטילערהייט אויסגעלערנט זײַנע דינסטן, ווי פּטור צו ווערן פֿון די „אָנגעפֿלויגענע היישעריקן", פֿון צופֿיל מײַלער און שנאָרער. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז האַלפּערין האָט דאָס ניט געטאָרט וויסן. איז גע־ווען, איז ניט געווען — ער האָט אַלעמען אויפֿגענומען. איז ניט געווען קיין מזומן אין הויז, האָט האַלפּערין געהייסן זײַנע דינסטן נעמען אין די קראָ־מען עסנוואַרג אויף באָרג. קרעדיט האָט ער אומעטום געהאַט.

ווען די לייט פֿלעגן זיצן אַרום זײַן טיש און געשמאַק, אַפּעטיטלעך עסן, וואָס דאָס האַרץ האָט נאָר געגלוסט, פֿלעגט זיך האַלפּערין אַרײַנכאַפּן צו מיר אין מײַן באַשיידענעם, זויבערן צימערל און פֿלעגט מיט מיר עסן מײַן סעודה: צוויבאַק מיט טיי, אָדער אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער. אים פֿלעגט ניט אַרן וואָס ער עסט. עסן האָט בײַ אים קיין באַדײַטונג ניט געהאַט און קיין ראָל ניט געשפּילט. ער פֿלעגט אָפֿט ניט וויסן — האָט ער שוין וואָס עס איז געגעסן, אָדער ער האָט נאָך גאָרנישט אין מויל געהאַט.

ווען ער פֿלעגט טיילן מיט מיר מײַן באַשיידענעם מאָלצײַט, פֿלעגט ער מיר דערציילן זײַנע נײַע פּראָיעקטן, צו איבערמאַכן די נאַרישע און די בייזע וועלט. ער איז געווען רײַך אין אָריגינעלע האַלב־געדאַנקען; עס האָט בײַ אים שטענדיק געבליצט אין קאָפּ און זײַן פֿאַנטאַזיע איז געווען ברייט און לעבעדיק. ער האָט אויך געהאַט וואונדערבאַרע אײַנפֿאַלן און פֿיל מאָל זייער אַ ווייטן בליק אויף זאַכן און דערשײַנונגען, נאָר דאָס אַלץ איז געווען אַזוי אויבנאויפֿיק, אָן אַ צוזאַמענהאַנג און אָן איבערגאַנג, אָן מדרגות, אָן אָן אָנהויב און אָן אַ סוף.

איך האָב געזען פאַר זיך אַ גרויסע נשמה, אַ גרויסן אידעאַליסט, וואָס זוכט שטענדיק צו זיין אַ קרבן פאַר עטוואָס גרויסעס, הייליקעס און דער־לייזנדיקס, אַ זייער באַגאַבטן, פייאיקן מענטשן, אַ קאָכיקן, ברויזנדיקן טעמ־פעראַמענט, אַ רעדנערישן טאַלאַנט, אַ מענטש אָן אַ גאַל, די גוטסקייט און ליבקייט זעלבסט; אַ מענטש, וואָס ווייס ניט פון קיין געפילן פון קנאה, שנאה, פון נקמה צו מענטשן. ער איז קיינמאָל אויף קיינעם ניט אין כעס געווען און אפילו ווען מ׳האָט אים מיאוס און שענדלעך אָפּגענאַרט, אָדער פאַרפירט. ער האָט שטענדיק געשוועבט אין העכערע ספערן, אין עולמות עליונים און איז געווען דערהויבן איבער אַלע קלייניקייטן און שוואַכקייטן אין לעבן. ער איז געווען נאַאיוו ווי אַ קליין קינד, און דאָך האָט ער געוויסע פאַרשוינען געקאַנט דורכגיין און דורכבליקן ביז אין די טי־פענישן פון זייער אינעווייניקסטער באַהאַלטענער וועלט. ער האָט גע־גלויבט, אַז מ׳קען יעדן פאַרברעכער, יעדן זינדיקן מאַכן פאַר אַ צדיק, פאַרן ריינסטן מענטשן. דאָס נידעריקע, שלעכטע, האָט ער קיינמאָל ניט געוואָלט באַמערקן. ער האָט נאָר געפילט דאָס בעסטע, דעם ניצוץ פון יעדער מענטשלעכער נשמה.

איינמאָל איז ער געקומען צולויפן צו מיר מיט גרויס התפעלות, מיט אַ שפּאָגל נייעם פּלאַן. ער וועט אויסלייזן אַלע אידישע טעכטער, וואָס לעבן פון שאַנד אין געוויסע שמוציקע הייזלעך. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז נאָר פון נויט, פון אומגליק, פאַרקויפן זיי זייערע קערפּערס. אין גרונט גענומען, זיינען זיי ריינע, כשרע נשמות, נאָר זיי געפינען זיך נעבעך אין אַ קלעם, אין די אייזערנע הענט פון די באַלעבאָסטעס פון די שאַנד־הייזער, ביי וועמען זיי זיינען פאַרשקלאַפט פאַר זייערע חובות. דאַרום האָט ער באַשלאָסן אויסצולייזן די אידישע טעכטער פון זייער בייזער שקלאַפעריי. ער וועט באַצאָלן זייערע חובות און אָוועקשיקן זיי אַלעמען צו זייערע על־טערן. ער האָט שוין גערעדט מיט אייניקע פון זיי. זיי האָבן געוויינט און מיט טרערן געבעטן זיך ביי אים, ער זאָל זיי אויסלייזן און שיקן אַהיים, צו זייערע כשרע עלטערן. זיי האָבן אים צוגעזאָגט איבערצורייזן מיט די אַנדערע פאַרשקלאַפטע, אומגליקלעכע נפשות.

האַלפערין איז געווען זייער אימפולסיוו. איז אים עפּעס וואָס איינגע־פאַלן אין קאָפּ, האָט ער גלייך געזוכט דאָס אויסצופירן.

אין אַ פאַר טעג נאָך אָט דעם שמועס מיט מיר, האָט האַלפערין אויסגעצאָלט עטלעכע טויזנט רובל אין די שאַנד־הייזער, כדי צו באַפרייען די אידישע טעכטער. ער האָט זיי אַלעמען פאַרזאַמלט אויפן וואָקזאַל, גע־קויפט זיי באַן־בילעטן, יעדערער נאָך דער שטאָט, וואָס זי האָט אָנגעגעבן. ער האָט זיי אַלעמען אַריינגעזעצט אין די וואַגאָנען, און ער איז געווען

גליקלעך, איבערגליקלעך מיט אָט דעם פּדיון־שבויים. דער סוף איז געווען: די נקבות האָבן נאָר איין סטאַנציע אָפּגערייזט און כמעט אַלע האָבן זיך צוריקגעקערט אין די שאַנד־הייזער. אין דער גאַנצער שטאָט האָט מען גע־לאַכט און חוזק געמאַכט פֿון אָט דער געשיכטע, און יעדער, דערציילנדיק די פּיקאַנטע געשיכטע מיט אָט דעם „פּדיון־שבויים״, האָט נאָך פֿון זיך עטוואָס צוגעלייגט, כּדי די געשיכטע נאָך מער פּיקאַנטער, מער פֿאַנטאַס־טישער צו מאַכן. האַלפּערינען האָט דאָס אָבער ניט געאַרט, ער האָט זיך ניט אַנטוישט. ער האָט שוין געהאַט נייע פּלענער, נייע אידייען ווי אויסצו־ראָטן שמוץ און שאַנד פֿון דער וועלט, און יעדעס מאָל האָט ער געגלויבט, אַז דאָס מאָל וועט אים געלינגען. זיין אָפּטימיזם, זיין באַגייסטערונג, זיין לעבעדיקייט איז קיינמאָל ניט געפֿאַלן, קיינמאָל ניט געזונקען.

איך בין אייניקע מאָל געווען ביי האַלפּערינס טיש צו מיטאָג־צייט. חברה פֿלעגט זיצן אַרום רונדן איבערגרויסן טיש און עסן ברייטלעך, באַ־קוועמלעך. קיינעם האָט ניט געאַרט ווען האַלפּערין אַליין האָט קיין פּלאַץ ניט געפֿונען ביים טיש און פֿלעגט שטייענדיק אָדער אַרומשפּאַצירנדיק אין שפּייז־זאַל, כאַפּן אַ ביס. דער בונטער עולם פֿלעגט עסן און שוויצן און עסן, ווער מיט גאָפּל און ווער פּשוט מיט די הענט; ווער צוגעקנעפּלט און ווער אויפֿגעקנעפּלט. יעדער איינער פֿון די צופֿעליקע געסט האָט באַ־טראַכט דעם צווייטן פֿאַר אַ פּאַראַזיט, פֿאַר אַ „דאַרמאָיעדניק״. ביים טיי־טרינקען, פֿלעגט זיך אויפֿהויבן אַ געפּילדער, דער עולם האָט דעבאַטירט וועגן היכע ענינים, וועגן וועלט־זאַכן, וועגן אַ נייער וועלט־אָרדענונג, וועגן דעם אַלטן שטרייט צווישן סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם, קאָמוניזם, קאָנ־סטיטוציע, רעפּובליק, וועגן רעליגיע, עטיק און עסטעטיק אד״ג. איינער דעם אַנדערן האָט געזידלט, אָנגערופֿן „אייזל״ (אָסיאָל), טשורבאַן, אידיאָט, א. ד. ג. איינער דעם אַנדערן האָט געזוכט איבערצושרייען, „איבערספּאָרן״ און מנצח זיין. אַלע פֿלעגן רעדן צוגלייך; קיינער האָט ניט געהאַט קיין געדולד און קיין חשק צו הערן וואָס דער צווייטער זאָגט און דענקט. יעדער פֿון דער חבריאָ האָט זיך געהיצט, געגוואַלדעוועט צו באַווייזן, אַז דער אמת, דער ריינער פֿאַרשטאַנד איז נאָר ביי אים און דער צווייטער ווייסט ניט וואָס ער רעדט. דערביי פֿלעגט חברה אַש און רויך מאַכן פֿון די קעסטלעך פּאַפּיראָסן אויפֿן טיש.

האַלפּערין האָט אַלעמען באַטראַכט אַלס זיין קאָמוניסטישע געזעלשאַפֿט. ער פֿלעגט זוכן צו אַנטוויקלען פֿאַר זיינע קאָמוניסטן זיינע טעאָריעס, ווי צו שאַפֿן אַ נייע וועלט־אָרדענונג, געבויט אויף גערעכטיקייט און וואַרהייט. ער פֿלעגט אָפֿט כאַפּן אַ פּאָרציע זידלעריי. אייניקע פֿון אָט די „קאָמוניסטן״ פֿלעגן אים אָנרופֿן בורזשוי, קאַפּיטאַליסט, יחסן, אַריסטאָקראַט. האַלפּערין

פלעגט גאָר ניט אַרן, ווען ער פלעגט הערן ווי דער רוב פון זיינע קאָ־מוניסטן לאַכן אויס די אידישע רעליגיע, דעם משיח־געדאַנק, דעם תנ"ך און אַלץ וואָס איז יידיש, כאָטש די מערסטע פון זיי זיינען געווען טיפּישע גלות־יידלעך. האַלפּערין פלעגט זיי פריידיקן די הויכקייט און טיפקייט פונם משיח־געדאַנק. די וואָס פלעגן בלייבן שלאָפן אין זיין הויז, פלעגן פאַרנעמען זיין בעט, און ער פלעגט שלאָפן אויף צוזאַמענגעשטעלטע שטולן.

דער מאָרד פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן

XXVI

דעם ערשטן מערץ, 1881, ווען עס איז אָנגעקומען אין סמאָלענסק די טעלעגראַמע פֿון פּעטערבורג, אַז אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז דערמאָרדעט געוואָרן אין מיטן גאַס, דורך אַ דינאַמיט־באָמבע, וואָס די ניהיליסטן (אַזוי האָט מען דאַן געווייגלעך גערופֿן די רעוואָלוציאָנערן), האָבן אויף אים געוואָרפֿן און צעריסן אים אויף שטיקער, — ווען דאָס איז באַקאַנט געוואָרן, איז אָנגעפֿאַלן אַן אימה אויף די יידן. די עכטע רוסן, די אַלטמאָדישע פּאָניעס אין סמאָלענסק האָבן פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די יידישע „קראַמאָלניקעס" האָבן דערמאָרדעט דעם „צאַר באַטיושקאַ".

די יידישע באַפֿעלקערונג פֿון סמאָלענסק, געוועזענע ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן און די סוחרים, די „פּני" פֿון דער קהילה, האָבן אַרויסבאַוויזן עפּנטלעך מער טרויער אויף דעם געטויטן צאַר ווי די עכטע פּאָניעס אין די פּעלצלעך, „פּאָלשובקעס", מיט די אונטערגעשוירענע האָר „פּאָד סקאָבקו".

דער טרויער פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין סמאָלענסק איז געווען אַן אויפֿריכטיקער, ניט קיין געמאַכטער. ראשית, האָבן די יידן געטרויערט און זיך געשראָקן, ווייל עס איז שוין דאַן געווען באַקאַנט, אַז דער צאַרעוויטש — קרוינפּרינץ — וואָס איז גלייך, נאָכן אַטענטאַט, געוואָרן דער צאַר אַלעקסאַנדער דער דריטער, איז אַ גרויסער רשע און אַ שונא־ישראל, אַ בלוט־פֿיינט פֿון די יידן.

די עלטערע יידן האָבן ווירקלעך באַדויערט דעם פּלוצימדיקן טויט פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, וועלכן זיי האָבן געהאַלטן פֿאַר אַ מלך־של־חסד, פֿאַר אַ גוטהאַרציקן הערשער, וואָס האָט געגעבן די יידן הנחות, דערלייכטערונג, און געוויסע פֿרייהייטן. די וואָס האָבן נאָך געדענקט די שווערע גזירות און די רשעות פֿון ניקאָלאַי דעם ערשטן האָבן אין אַ געוויסער מאָס אָפּגעאָטעמט אין דער צייט פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. פֿיל יידן האָבן אין זיין צייט זיך אַרויפֿגעאַרבעט, געוויסע יידן האָבן זיך דערדינט צו געוויסע טשינעס, צו אַ געוויסן ראַנג. עס האָט געהייסן אַ ליבעראַלע צייט: מ׳האָט זיך געקאָנט אָפּקויפֿן ביי „נאַטשאַלסטוואָ", מ׳האָט געקאָנט שמירן די גרעסטע טשינאָווניקעס, באַאַמטע. מיטן פּאָליצמייסטער

אין סמאָלענסק האָבן יידן געקענט מאַכן וואָס מ׳האָט געוואָלט. אַ סך יידי־שע פאַמיליעס האָבן געוואוינט אין סמאָלענסק, אין דער עכט־רוסישער שטאָט, אָן „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ״ (וואוין־רעכט), און קיינער פון דער פּאָליציי האָט זיי ניט געטשעפּעט. איז געווען אַ באַזונדערער פאַל וואָס מ׳האָט געמאַכט אַן אַביסק אין געוויסע הייזער און מ׳האָט געפונען יידן אָן פּאַס־פּאָרטן, האָט מען אַ שמיר געטאָן און מ׳האָט זיי צורו געלאָזן. האָט מען אַמאָל אַ יידן אָן אַ פּאַספּאָרט אַרעסטירט, האָט מען אים גלייך אָפּגעלאָזן פריי, ווען מ׳האָט דעם פּאָליצמייסטער אַ געוויסע מטבע אָדער אַזוי עפּעס אַ מתּנה געגעבן.

ביי אַ גרעסערער און שווערער זאַך האָט מען געקאָנט אויך דעם גוּ־בערנאַטאָר, עפּעס אַן אַלטער פירשט, אונטערקויפן דורך אַ מתּנה איינער פון זיינע אינטימע באַקאַנטע צווייפלהאַפטע דאַמען, אָדער מ׳האָט מיט אים געשפּילט אין קאָרטן, און אים פאַרשפּילט אַ געוויסע סומע וואָס דאָס האָט אים געמאַכט גוט געשטימט און מ״האָט מיט אים דאַן געקענט מאַכן וואָס מען האָט געוואָלט. ער איז ניט געווען קיין גרויסער מקפּיד אויפן געזעץ. אַ רוסישער געזעץ האָט זיך געלאָזט ציען ווי אַ גומילאַסטיק, אַהין און אַהער. אַז אַ גובערנאַטאָר האָט געוואָלט, איז אַלץ געווען שטרענג פאַרבאָטן, און אַז ער האָט געוואָלט, איז אַלעס געווען כּשר און דערלויבט. די „מאַכערס״, די שתּדלנים האָבן שוין אויסגעצייכנט געקאָנט די פיזיאָ־לאָגישע און פּסיכאָלאָגישע געוואוינהייטן און שוואַכקייטן פונם גובער־נאַטאָר און האָבן דאָס קונציק אויסגענוצט, ווען מען האָט געברויכט אַ יידן אַ טובה טאָן, לאָזן אים צאַפּלען ווייטער, מען זאָל אים ניט דערשטיקן אין דער פּעטליע (אַ שטריק צום הענגען) פון וואָסער ס׳איז אומזיניקן אויסנאַמס־געזעץ.

די עלטערע יידן, די רייכערע יידישע בורזשואַזיע, האָבן דאָס גערופן אַ יידן־פריינטלעכע רעגירונג.

די יידן אין סמאָלענסק, ווי אין אַלע אַנדערע גרויסע רוסישע שטעט, האָבן ביי יעדער געלעגנהייט אַרויסגעוויזן זייער שטאַרקן און איבערגע־טריבענעם פּאַטריאָטיזם: די גרעסטע נדבות, פאַרהעלטעניסמעסיק, גע־געבן, און די ערשטע געגעבן, פאַר עכט־רוסישע אינסטיטוציעס. די מי־שבּרכס אין שול האָט מען שטענדיק געמאַכט מיט גרויס פּאַראַד.

אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז געווען באַליבט ביים דורכשניט־לעכן יידישן בורזשואַזן עולם. עס איז אויך געווען אַ האָפענונג, אַז סוף־כּל־סוף, וועלן יידן באַקומען גלייכבאַרעכטיקונג (ראַוונאָפּראַוויע). דאָס איז דאַן געווען דער העכסטער אידעאַל. וועגן נאַציאָנאַלע רעכט האָט מען

גאָר ניט געהערט, ניט געוואוסט וואָס דאָס איז, קיינער האָט דאָס גאָר ניט געקענט ווינטשן, ווער רעדט נאָך — פֿאָדערן.

מיטן קומען פֿון אַלעקסאַנדער דעם דריטן אויפֿן רוסישן צאַרישן טראָן, האָבן יידן געוואוסט, אַז אַ צייט פֿון נייע גזירות און רשעות הויבט זיך אָן פֿאַר זיי. מ'האָט געפֿילט, נאָך מער ווי געוואוסט, אַז שווערע טעג, פֿינצטערע צייטן זיינען זייער נאָענט צו קומען. מען האָט דערוואַרט אַן אויסברוך פֿון צאָרן, פֿאַרפֿאָלגונגען און אוממענטשלעכע גזירות אויף יידישע קעפּ, וויסנדיק, אַז אַ טייל פֿון דער יידישער יוגנט איז פֿאַרמישט אין די רעוואָלוציאָנערע קאָנספּיראַציעס און זיינען די רעדלפֿירער אין די געפֿערלעכסטע אונטערערדישע „ניהיליסטישע" קרייזן. דער פֿאַקט, אַז צווישן די וואָס האָבן דורכגעפֿירט די דערמאָרדונג פֿונם „מלך־של־חסד" האָט זיך געפֿונען — ווי די צייטונגען האָבן געמאָלדן — אַ יידיש מיידל, העסיע העלפֿמאַן, האָט אָנגעוואָרפֿן אַ שרעק אויף דעם סמאָלענסקער יידנטום. מ'האָט געוואוסט, אַז די רעאַקציע, די ענדערונג אין דער רעגירונג, וועט זיך אויסלאָזן צו יידישע קעפּ — ווער, ווער — די יידן וועלן ליידן די ערשטע און צום שווערסטן.

אויסער דעם האָט יעדער יידישער פֿאָטער און יעדע יידישע מוטער וואָס האָבן געהאַט סטודענטן אָדער סטודענטקעס אין פּעטערבורג זיך געשראָקן — ווען עס איז בליץ שנעל באַקאַנט געוואָרן, אַז דער צאַר איז דערמאָרדעט געוואָרן, — אפֿשר זיינען אויך זייערע קינדער פֿאַרמישט אין דעם אַטענטאַט און מ'וועט זיי קעפּן, ווען זיי זיינען געווען אַפֿילו ווייט פֿאַרבונדן, ערגעץ וואו באַטייליקט, מיטן אַטענטאַט. ס'איז געווען אַ טאָג פֿון שרעק; א שווערער, בלייענער הימל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף יידישע קעפּ.

די דורכשניטלעכע פּאָניעס האָבן זיך ווייניק אינטערעסירט מיט די איינצלהייטן פֿונם אַטענטאַט. זיי האָבן זיך פֿרום איבערגעצלמט און זיך שנעל געטרייסט מיט אַן איבעריקן שנאַפּס. אָבער יעדער ייד האָט זיך ליידנשאַפֿטלעך אינטערעסירט מיט אַלע פּרטים פֿונם אַטענטאַט, און אומגעדולדיק דערוואַרט די רוסישע צייטונגען פֿון פּעטערבורג און מאָסקווע.

דער טרויער און שרעק האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט. יידן האָבן געזוכט זיך צו טרייסטן און צו באַרואיקן. עס קאָן נאָך קומען אַ ישועה, עס קאָן נאָך קומען אַן איבערקערעניש צום גוטן. וויפֿיל המנס, וויפֿיל טאַרקוועמאַדאָס האָבן יידן איבערגעלעבט.

עס האָט מיך שטענדיק געוואונדערט ווי יידן קענען זיך שנעל טרייסטן אין יעדער צרה פֿונם כּלל, שנעל און געשיקט זיך צוגעוואוינען, זיך צו־

פּאַסן צו יעדער סיטואַציע, צו יעדן רעגירונגס־רעזשים. ווען יידן וואָלטן דאָס ניט קענען, וואָלט שוין לאַנג קיין זכר ושארית ניט געבליבן.

עס זײַנען נאָך אַ פּאָר טעג אַריבער נאָכן אַטענטאַט און יידן האָבן טראָץ דעם באַהאַלטענעם שרעק — דערפֿונדן זייער געלונגענע וויצן און אַלערליי אַנעקדאָטן וועגן אַלעקסאַנדער דעם דריטן, וואָס איז געווען באַקאַנט צווישן די יידן אַלס אַ כאַם, אַלס אַ צורר־היהודים און אַלס אַ שיכּור.

די גאַליק ביטערע וויצן און ווערטלעך וועגן אַלעקסאַנדער דעם דריטן און זײַן כאַמסטוואָ זײַנען געשאַפֿן געוואָרן אין די בתּי־מדרשים פֿון די יידישע שטעטלעך אינם תּחום־המושב (אין יידישן ראַיאָן) און פֿון דאָרטן האָבן זיי זיך בליצשנעל פֿאַנאַנדערגעטראָגן שטילערהייט, פֿון מויל צום אויער, איבער גאַנץ רוסלאַנד, וואו נאָר יידן האָבן זיך געפֿונען.

דער העברעאישער דיכטער יהודה לייב גאָרדאָן האָט צו יענער צייט פֿאַרעפֿנטלעכט זײַן זייער געלונגענע און פֿאַרשטעלטע סאַטירע אויף אַלעקסאַנדער דעם דריטן, אונטערן נאָמען „על מה רגזה הארץ" (וואָרום האָט דאָס לאַנד אויפֿגעציטערט ?). די סאַטירע, איינגעוויקלט אין אַ היסטאָרישן קלייד, ענדיקט זיך :

וידע כל ישראל מדן ועד באר־שבע
על מה הארץ רועדת, נעכּרת,
לא כי נשתּנו עליהם סדרי־הטבע
אך יען עלה חזיר על גפּי קרת.

אין קורצן הייסט דאָס : אַלע יידן פֿון דן ביז באר־שבע, ווייסן וואָרום האָט דאָס לאַנד אויפֿגעציטערט און איז באַטריבט, ווײַל אַ חזיר איז אויפֿן טראָן אַרויף.

די דאָזיקע סאַטירע האָט דאַן אַ ווייטן און הילכיקן אָפּקלאַנג געפֿונען. די ענדע פֿון דער סאַטירע : אַ חזיר איז אַרויף אויפֿן טראָן, האָט דאַן אויסגעדריקט די אַלגעמיינע יידישע באַהאַלטענע מיינונג וועגן אַלעקסאַנדער דעם דריטן. אַ חזיר — אויפֿן טראָן. און וואָס קאָן מען דערוואַרטן פֿון אַ חזיר, דערצו נאָך אַ ווילדן חזיר.

די יידישע שטודירנדיקע יוגנט, ביז די ייַנגסטע גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס, אָבער, האָט פֿאַרהערלעכט די העלדן, וואָס האָבן אויסגעפֿירט דעם טויט־אורטייל אויף אַלעקסאַנדער דעם 2טן. די נעמען פֿון קיבאַלטשיץ, זשעליאַבאָוו, סאָפֿיאַ פּעראָווסקאַיאַ און רוסאַקאָוו זײַנען ממש פֿאַרגעטערט געוואָרן פֿון דער יידיש־שטודירנדיקער יוגנט. זיי זײַנען געוואָרן אַן אידעאַל. מען האָט לעגענדעס דערציילט וועגן יעדן איינעם פֿון די דאָזיקע מאַרטירער־העלדן. אין דעם טאָג ווען מען האָט זיי געהאַנגען, האָבן גאַנץ געוויינלעכע יידן, אַפֿילו פֿרומע, אַלטמאָדישע בית־מדרש־יידן,

אין דער שטיל אַ טרער פֿאַרגאָסן, און צעבראָכן טיף געזיפֿצט; יונגע קינדער, אָוועקגעגעבן דאָס לעבן פֿאַר אַנדערע, אַז אַלע זאָלן קאָנען לעבן פֿרייער און גליקלעכער, — אמתע גיבורים!

עס איז שווער צו שילדערן און קלאָר מאַכן ווי די יוגנט האָט דאַן פֿאַרגעטערט דעם נאָמען פֿון סאָפֿיא פּעראָווסקאַיאַ, די טאָכטער פֿון אַ רייכן גענעראַל, וואָס האָט זיך געווידמעט דעם פֿאָלק, איז געשטאַנען לאַנגע חדשים ביז די קני אין וואַסער אונטער דער ערד, גראָבנדיק מינעס אונ־טער די פֿלעצער, וואו דער צאַר האָט געזאָלט דורכפֿאָרן.

דער טויט־אורטייל אויף יענע העלדן דעם ערשטן מערץ האָט אויף מיר געמאַכט דעם טיפֿסטן, דערשיטערנדיקסטן איינדרוק. איך האָב אין מיין פֿאַנטאַזיע איבערגעלעבט די עינויים, די גסיסה פֿון די געהאַנגענע פֿאַר זייער אידייע, פֿאַר זייער איבערצייגונג. איך האָב אַ פּאָר טעג און נעכט ניט געקאָנט עסן, קיין זאַך אין מויל ניט נעמען, און ניט שלאָפֿן, אָן אויג ניט צומאַכן אויף אַ סעקונדע. יענער איינדרוק לעבט נאָך היינט, — נאָך 43 יאָר, — אין מיין זיכרון מיט אַלע פּרטים.

איך האָב דאַן אָנגעהויבן זוכן די אונטערערדישע, רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור, כּדי צו באַקענען זיך מער מיט דעם לעבן פֿון די רעוואָלוציאָ־נערן, מיט זייערע אידייען און שטרעבונגען.

XXVII

דעם זומער 1881 בין איך פֿון צופֿיל גייסטיקער אָנשטרענגונג זייער שוואַך געוואָרן. מער ווי אַ יאָר האָב איך געלעבט אין אַ מין גייסטיקן פֿיבער. איך האָב געזוכט, געפֿאָרשט דעם וועג וואָס איך זאָל אויסקלייבן אין לעבן. פֿאַר מיר האָבן זיך געעפֿנט פֿאַרשיידענע וועגן און פּערספּעק־טיוון. ערנסטע לעבנס־פּראָבלעמען האָבן מיך געמאַטערט און געדריבט מיין שלאָף אין די לאַנגע נעכט פֿון דעם ווינטער 81־1880. איך האָב געגלויבט, אַז איך בין מחויב אַליין צו לייזן די שווערסטע פּראָבלעמען וואָס מיינע פֿעיקייטן, נייגונגען, שטרעבונגען אין מיין פֿריעסטער יוגנט האָבן מיר געשטעלט. זאָל איך ווידמען מיין לעבן און מיינע פֿעיקייטן דער ריינער, שטרענגער וויסנשאַפֿט, אָדער דער ליטעראַטור? — וועלכער ליטעראַטור — דער העברעאישער אָדער דער רוסישער? איך האָב דאַן געפֿילט אַ שטאַרקע נייגונג און ליידנשאַפֿטלעכע ליבע צוביידע זאַכן, אי צו דער וויסנשאַפֿט (באַזונדערס צו נאַטורוויסנשאַפֿטן און גאַנץ באַזונדערס צו דער העכערער מאַטעמאַטיק), אי צו דער שיינער ליטעראַטור. איך האָב זיך דאַן געפֿונען ווי צווישן צוויי מאַגנעטישע פּאָלוסן: עס האָט מיך געצויגן מיט אַ בלינדער קראַפֿט אי אַהין אי אַהער.

אָפּגעבנדיק זיך אַ קלאָרן דין וחשבון פֿון מיינע אינעווייניקסטע ביי־גונגען און פֿון מיינע גייסטיקע פֿייאיקייטן האָב איך דאַן געגלויבט, אַז איך בין מער פֿייאיק צו שטודירן די שטרענגע וויסנשאַפֿטן ווי צו באַשעפֿ־טיקן זיך מיט ליטעראַטור.

די קריטישע אָפּהאַנדלונגען פֿון פּיסאַרעוו וועגן פּושקין און אַנדערע דיכטער, ווי אויך זיין אַרטיקל „רעאַליסטן", און דערצו נאָך דער וידוי „חטאות נעורים" פֿון מ. ל. ליליענבלום האָבן פֿאַר אַ געוויסער צייט, אָפּגע־קילט מיין הייסע ליבע צו דער שיינער ליטעראַטור.

ווען איך פֿלעג לייענען אַן ערשט־קלאַסיק בעלעטריסטיש ווערק, ווי די ווערק, למשל, פֿון לעוו טאָלסטאָי, פֿון דאָסטאָיעווסקי, אַ דראַמע פֿון שעקספּיר, אַ געדיכט פֿון בייראָן אָדער די לידער פֿון היינריך היינע או״וו. איך פֿלעג דערפֿאַר שטאַרק הנאה האָבן; שטאַרק באַגייסטערט ווערן פֿון געוויסע שיינקייטן, פֿון געוויסע פּסיכאָלאָגישע אַנאַליזן אָדער פֿון פּלאַס־טיש־קינסטלערישע געשאַפֿענע טיפּן, העלדן און סיטואַציעס — פֿלעג איך זיך שעמען פֿאַר זיך אַליין. איך פֿלעג זיך מאַכן פֿאַרוואורפֿן: וואָס פֿאַר אַ נוצן האָט די מענטשהייט ווען איך האָב אַן עסטעטישן גענוס פֿון אַ ראָמאַן, פֿון אַ דראַמע, אָדער פֿון אַ ליריש געדיכט א״אוו.?

עס איז געווען אַ צייכן פֿון דער צייט — עס האָט געשוועבט אין דער לופֿט — אַז בהורימלעך פֿון זיבעצן־אַכצן יאָר, און נאָך ייִנגערע פֿון יענע פֿלעגן זיך פּלאָגן מיט דער ערנסטער פֿראַגע: וואָס פֿאַר אַ נוצן ברענגען זיי דער וועלט, דער מענטשהייט, מיט יעדן שריט וואָס זיי מאַכן אין טעגלעכן לעבן?

פֿון פֿיל טראַכטעניש, פֿון צופֿיל לערנען די גימנאַזיע־קעגנשטאַנדן און פֿון צופֿיל גייסטיקן פֿאַרקער מיט די פֿאַרשיידנסטע מענטשן, וואָס זיינען געווען עלטער פֿון מיר און וואָס האָבן געהערט צו פֿאַרשיידענע קלאַסן און ריכטונגען, ווי אויך מיין יאָגעניש צו באַקומען צום לעזן די שטרענג־פֿאַרבאָטענע רעוואָלוציאָנערע ביכער און בראָשורן, — דאָס אַלץ האָט אונטערגעגראָבן מיין געזונט. איך האָב קיין ווייטיקן, אמת, ניט גע־פֿילט, אָבער איך בין געוואָרן אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז איך האָב זיך ניט געקאָנט האַלטן אויף די פֿיס. איך האָב זיך געמוזט אָפּזאָגן פֿון מיינע אוראָקן, ווייל איך האָב צוליב מיין שוואַכקייט ניט געקאָנט אַרויס פֿון מיין צימער. איך האָב פֿאַרלוירן מיין אַפּעטיט און כמעט אין גאַנצן ניט גע־געסן. אויך מיין שלאָף האָט אָנגעהויבן פֿאַרשווינדן פֿון מיינע אויגן.

ווען מיינע עלטערן האָבן זיך דערוואוסט וועגן מיין צושטאַנד — האָבן זיי זיך גלייך אַריבערגעצויגן פֿון לאַדי קיין סמאָלענסק. מיינע עלטערן האָבן מיר אָפּגעגעבן דעם ליכטיקסטן און דעם שענסטן צימער

אין זײער װאוינונג, און מײן מוטער האָט מיך גענומען פֿלעגן, „פֿילעװען״, װי נאָר אַ מוטער מיט איר אומענדלעכער ליבע קאָן דאָס. אין שטוב זײַ־נען געװען אױסער מיר נאָך אַכט קינדער, פֿיר ברידער און פֿיר שװעס־טער. איך בין געװען דער בכור; מײן מוטער האָט גלײך באַמערקט די אַלע ענדערונגען, װאָס זײַנען פֿאָרגעקומען אין מײן גוף און אין מײן נשמה פֿאַר דער צײַט װאָס איך בין געװען װײַט פֿון איר. סמאָלענסק איז װײַט פֿון ליאָדי, מײן געבורטשטאָט, זעכציק װיאָרסט, דרײַ שטונדן רײַזע מיט דער באַן, און דאָך האָט די מוטער געפֿילט װי איך װאָלט געװען פֿון איר אַװעק אין עק װעלט.

די מוטער האָט באַװײנט מײן אױסגעמאָגערטן קערפּער. — „הױט און בײנער״ — האָט זי שטילערהײט געזיפֿצט און געװישט אירע טרערן. „נאָר אײן גאָט זאָל רחמנות האָבן״ — פֿלעגט זי טענהן צו מײן פֿאָטער, װעלכער פֿלעגט באַהאַלטן זײַן צער און שמערץ װעגן מיר: „קוק נאָר אָן אונדזער בכור, ער איז דאָך אױסגעגאַנגען, װי אַ ליכט. װאָס שװײַגט מען? דאָקטױרים זאָל מען רופֿן!״ דער ליבער פֿאָטער פֿלעגט זי באַרואיקן און טרײסטן, אַז עס איז גאָרנישט, אַז עס איז פֿון צופֿיל התמדה און פֿון מײן אָפּגעלאָזנקײט.

דער פֿאָטער פֿלעגט מיר באַװײַזן אַ פֿרײלעכע מינע, װען ער פֿלעגט רעדן מיט מיר, זאָגן אַ װיץ, אַ שפּאַס, אָדער דערצײלן מיר אָנגענעמע זאַכן, כּדי צו שטאַרקן און הױבן מײן געמיט. דאָך פֿלעג איך אָפֿט מערקן אַ פֿאַרשטיקטע טרער אין זײַנע אױגן, װען ער האָט מיך אָנגעקוקט.

מיט אַ מאָדנער עקשנות האָב איך ניט צוגעלאָזן, מען זאָל רופֿן צו מיר אַ דאָקטאָר, אַפֿילו ניט דעם פֿאָלקאָװאָי דאָקטאָר אײזנבערג, װאָס איז גע־װען אַ למדן, אַ גוטער העברעער און אַ פֿרײַנט מײנער. איך האָב פֿון קינדװײַז אָן געהאַט אַ שטאַרקן װידערגעפֿיל צו דאָקטױרים און צו רפֿואות.

די װאַרעמע, ליבע אַטמאָספֿערע, װאָס האָט מיך אַרומגערינגלט בײַ די עלטערן אין הױז, דער לעבעדיקער אינטערעס װאָס מײן ייִנגערע ברי־דער און שװעסטער האָבן אין מיר דערװעקט, האָבן געװירקט אױף מײן געזונט. דערצו האָב איך נאָך ניט געקאָנט צוזען דעם צער פֿון מײנע עלטערן. כּדי צו באַרואיקן מײנע עלטערן, האָב איך אָנגעװענדט אַלע מײנע כּוחות צו באַקעמפֿן מײן שװאַכקײט און צו דערװעקן אין מיר לעבנס־ענערגיע. איך האָב אָנגעהױבן װײניקער לײענען און דאָס װאָס כ׳האָב געלײענט איז געװען נאָר בעלעטריסטיק. מײנע עלטערן פֿלעג איך זאָגן אַז מיר גײט גאָר גוט, אַז עס קומען מיר צו כּוחות יעדן טאָג. „װען דיר גײט אַזױ גוט?״ — האָבן מיך געפֿרעגט מײנע עלטערן — „הײנט, פֿאַר־װאָס ליגסטו גאַנצע טעג אין בעט?

כדי צו באווייזן אויגנשיינלעך, אז מיר גייט בעסער, בין איך אין איין פרימארגן אויפגעשטאנען, ארויסגעקראכן פון בעט און געפרואווט ארומ־גיין איבערן צימער. איך האב זיך אליין געוואלט איבערצייגן, ווי ווייט עס דערגרייכן מיינע כוחות. דער ערשטער עקספערימענט איז מיר ניט געלונגען. די פיס זיינען געווען זייער שוואך. עס האט מיר פארשווינדלט אין קאפ — און נאך אייניקע טריט בין איך צוזאמענגעבראכן. איך האב זיך אויפגעהויבן, זיך צוריקגעלייגט אין בעט, אנגעשטרענגט מיין לעצטע ווילנס־קראפט, אויפגעשפרונגען מונטערער און גענומען מארשירן מיט פעסטע טריט איבערן צימער. איך בין געווען ווי א קינד, וואס לערנט זיך גיין. איך האב זיך באמיט אויפצוהאלטן דאס גלייכגעוויכט פון מיין קער־פער. עס איז ניט אזוי לייכט געגאנגען. די קני האבן געציטערט, אין קאפ האט געשווינדלט. מיין קערפער איז מיר פרעמד געווארן. איך האב גע־מאכט גימנאסטיק מיט מיינע שוואכע הענט. איך האב זיך געזאגט: גע־נוג צו ליגן אין בעט, אדער אויסגעצויגן אויף דער סאפע. דער ווילן צום לעבן, דער חשק זיך צו באוועגן, צו שפאצירן אונטערן פרייען הימל, האט אין מיין אויסגעצערטן קערפער אריינגעפלאסן נײַ לעבן, נייע אימפולסן.

עס איז געווען א וואונדער־שיינער פרימארגן. אלע אין הויז זענען נאך געשלאפן. אין מיר אבער איז געווארן אלץ אויף איינמאל וואך.

די הויפנס ביכער, בעלעטריסטישע ווערק, וואס זיינען געלעגן אנגע־ווארפן אין מיין צימער, און וועלכע איך האב אייניקע חדשים, ליגנדיק אין בעט, געשלונגען איינס נאכן אנדערן, — די אלע ביכער זיינען מיר, אין יענעם פרימארגן, מיט איינמאל איבערדריסיק געווארן. איך האב זיי ניט געקאנט אנקוקן. מיר האט זיך געדוכט, אז די ביכער פארפעסטן, פאר־גיפטן די לופט אין מיין צימער, די ריינע לופט פון גאטס שיינער וועלט. די געדרוקטע ווערטער זיינען פאר מיר פלוצלינג געווארן ווי געפערלעכע באצילן.

די מיסטעריע פון לעבן האט מיך ווי א צויבער פארכאפט. די שווערע פראבלעמען, וואס האבן מיך לאנג געמאטערט, אויסגעצויגן דעם מארך פון מיינע ביינער, — די דאזיקע פראבלעמען האבן מיר אויף איינמאל אויסגע־וויזן אזוי נאריש, טרוקן, זינלאז...

איך האב זיך געזאגט: ליגנדיק אין בעט קאן מען ניט לייזן קיין לעבנס־פראבלעמען, צו וואס זאל איך לייענען ווי אנדערע באשרייבן און שילדערן דאס לעבן פון אנדערע? צו וואס זיך ארומריגלען מיט שאטנס, אויסגעקלוגלטע און ארומגעפוצטע סצענעס פון אן אויסגעטראכטן לעבן? מען מוז אליין לעבן, אליין אלץ איבערלעבן, אליין אלץ געניסן פון לעבן...

און כּדי צו לעבןווירקלעך, מוז מען האָבן אַ ווילן צום לעבן, דאַרף מען ניט וועלן זיין קליגער פון דער נאַטור.

אין אַזאַ געהויבענער שטימונג, אַזוי לעבנסלוסטיק, בין איך אַריין צו דער מוטער אין צימער און געגעסן פרישטיק מיט איר און מיט מיינע שוועסטער און ברידער צוזאַמען.

מיינע עלטערן זיינען געווען איבערגליקלעך. עס האָט געהערשט אַ יום־טובדיקע שטימונג אין הויז. מיין מוטער האָט ניט אויפגעהערט צו דאַנקען גאָט פאַר די חסדים וואָס ער טוט מיט אונדז.

XXVIII

צוויי חדשים האָב איך פאַרבראַכט אין מאָהילעוו אויפן דניעפּער, אין הויז פון די שמערלינגס און אין זייער זומער־וואוינונג (דאַטשע) נאָענט פון שטאָט. און דאָרט האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך, פון איין זייט, מיט דעם עלטערן דור און, פון דער צווייטער זייט, מיט דער שטודירנדיקער יוגנט.

די צוויי חדשים, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין מאָהילעוו, זיינען געווען די חדשים פון די „קאַניקולעס”, ווען די אוניווערסיטעטן ווערן צוגעמאַכט און די סטודענטן זיינען פריי און צעפאָרן זיך.

די מאָהילעווער יידישע יוגנט, וואָס האָט שטודירט אין מאָסקווע, קיעוו און פּעטערבורג, האָבן די וואַקאַציע־חדשים פאַרבראַכט אין מאָהילעוו ביי זייערע עלטערן און אין די דאַטשעס אַרום שטאָט. עס איז געווען לעבעדיק, קאָכעדיק און טומלדיק. — די יידישע יוגנט, ביידע געשלעכטער, האָט דאַן דורכגעמאַכט איר „שטורם און דראַנג”־פּעריאָדע.

צווישן די עלטערן און קינדער איז געלעגן אַ ברייטער און טיפער אָפּגרונט. דאָס זיינען געווען צוויי פרעמדע וועלטן, די צוזאַמענשטויסונגען צווישן זיי זיינען אָפט געווען זייער טראַגיש. און אין געוויסע פאַלן — טראַגי־קאָמיש.

דער עלטערער דור אין מאָהילעוו האָט געלעבט יידישלעך, אַלטמאָדיש, מתנגדיש־פרום. מאָהילעוו איז פון תמיד געווען אַ מתנגדישע, אַ קאַלטע, אַ ניכטערע, פּראָזאַאישע שטאָט. דער חסידיזם האָט אַהין ניט דורכגעדרונגען. דאָס רעליגיעזע לעבן פון דעם עלטערן דור איז געווען טראַדיציאָנעל, אָן אַ סימן פון אַ ברען, פון אַ פונק. די רבנים, קאַלטע מתנגדים און אָן איינפלוס. צווישן די גבירים און באַלעבאַטים האָבן זיך געפונען לומדים, שטרענגע שולחן־ערוך־יידן, וואָס האָבן געזוכט צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז זיי קאָנען בעסער לערנען פון די רבנים. צווישן די גבירים האָבן זיך געפונען אויך אַ פּאָר „שאַרפע יאַרמולקעס”, וואָס האָבן זיך געהאַט גע־

מאַכט פֿאַר אַ „ספּעציאַליטעט״ אַראָפּצואוואַרפֿן און אַרויפֿצוזעצן רבנים — מחלוקת, עקשנות, נצחונות אאַ״וו.

קיינע גייסטיקע פירער, קיין סימן פון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן צווישן דעם אַלטן דור, קיין אַלגעמיינע יידישע אינטערעסן, קיין פֿאַרשטענדעניש פֿאַר די באַדערפֿענישן פֿון דער נייער צייט. אַלטמאָדישע חדרים, אָן ליכט, אָן לופֿט, ווי פון דורי־דורות. קיין איין איינציקע ישיבה, קיינע בחורים, וואָס לערנען פֿאַר זיך אין די בתי־מדרשים. וואָרים די יוגנט, אַרויסקומענדיק פון די חדרים, האָבן אַלע געשטרעבט צו שטודירן, האָבן זיך דערווייטערט פון די עלטערן, האָבן פֿאַרלאָזן די שטאָט און געזוכט צו לייזן די פּראָבלעמען פון זייער דערציאונג און בילדונג, און זיך ניט גערעכנט מיט דעם ווילן און די אַנזיכטן פון זייערע עלטערן.

עס איז נאָך ניט געווען קיין סימן פון יידישן נאַציאָנאַליזם, פון וועלכע עס איז נאַציאָנאַלע שטרעבונגען אָדער אימפּולסן. די יוגנט, וועלכע איז געווען אַנטי־רעליגיעז, איז אויך געווען אַנטי־יידיש.

דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער גובערנסקער שטאָט מאָהילעוו (אויסער די רעגירונגס־באַאַמטע האָבן נאָר געציילטע גוים געוואוינט אין שטאָט) איז געווען וויסט און פוסט, אַ צוריק געבליבן לעבן: לופֿט־יידן, אָרעמע בעלי־מלאכות, קליין־הענדלער, קליין־קרעמער, פּראָצענטניקעס, מעקלערס, פֿאַרמיטלער און פֿאַדריאַטשיקעס מיט המצאות, מיט משפּטים. קיינע פֿאַבריקן, קיין סימן פון נייע עקאָנאָמישע טענדענצן.

צווישן עלטערן דור זיינען געווען אַ סך שאַרפֿע קעפּ, חריפים, שאַרפֿע צינגער, פּקחים, וויצלינגען, ווערטלעך־זאָגער, „זאַקאָניקעס״, „קריטיקער״, אַלטע יחסנים, ליידיק־גייער, אויך פֿאַרדרייטע מוחות, טרופּים, איבער־קלוגע, איפּכא־מסתּבראניקעס, „בעסער־וויסער״, דערפֿינדער פון זאַכן, פון טעכנישע פֿאַרבעסערונגען און המצאות, וואָס זיינען שוין לאַנג־דער־פֿונדן געוואָרן, בעלי־חשבונות און בטלנישע „פּאָליטיקער״ — גוטע, שאַר־פֿע קעפּ, אָבער אומפּראָדוקטיווע, אומסיסטעמאַטישע און אָן פּראַקטישן זין.

די יידישע שטודירנדיקע יוגנט, אויפֿגעוואַקסן אין אָן עכט־יידישער סביבה, האָט געשטרעבט מיט אַלע כּוחות, מיטן גאַנצן פייער און פֿאַנטאַזיע פון דער יוגנט, צו בילדונג, צו וויסנשאַפֿט, צו איבערמאַכן רוסלאַנד, — די וועלט. אַ טייל איז געווען העכסט סימפּאַטיש, אידעאַליסטיש, וויסנס־דורשטיק, מיט גרויסע קעפּ, אָפּפערונגס־פֿייאיק. אַ געוויסער טייל פון יענער יוגנט איז געווען אָפּשטויסנדיק, סטודענטן מיט קרעמערישע נשמות, אָן פֿאַנטאַזיע, פֿול האָס צו אַלץ וואָס איז יידיש, קריכעריש צו די קריסט־לעכע קאָלעגן. כּאַראַקטערלאָז, פוסטע פֿראַזיאָרן און קאַריעריסטן. פֿיל

פֿון די ייִדישע סטודענטקעס, האָבן שטודירט אין די אויסלענדישע אוני־ווערסיטעטן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין מאָהילעוו, זײַנען געווען פֿיל סימ־פּאַטישער, אידעאַליסטישער, פֿאַנטאַזיע־רײַכער, און מאַנכע פֿון זיי זייער באַגאַבטע און רײַכע נאַטורן. און די דאָזיקע ייִדישע טעכטער, וואָס האָבן געהאַט גוטע, פֿרומע מוטערס, האָבן קיין ברעקל צוזאַמענהאַנג ניט געהאַט מיט דעם ייִדישן לעבן, מיט ייִדישע אינטערעסן. עס האָט זיי געצויגן ווײַט, ווײַט פֿון זייער פֿאָלק, אַפֿילו פֿון זייערע עלטערן.

גלײַך בײַ מײַן אָנקומען אין מאָהילעוו האָב איך זיך אײַנגעשריבן אין דער ביבליאָטעק פֿון סירקין, וועלכער האָט געהאַט אויך די גרעסטע רו־סישע בוכהאַנדלונג אין מאָהילעווער גובערניע (אויב איך מאַך קיין טעות ניט, איז דער דאָזיקער סירקין געווען אַן אָנקל פֿון אונדזער ד״ר נחמן סירקין). די דאָזיקע רוסישע בוכהאַנדלונג און ביבליאָטעק זײַנען געווען די פֿאַרשפּרייטער, די פֿאַרפֿלאַנצער פֿון רוסיפֿיקאַציע. דאָרט פֿלעגט זיך צוזאַמענטרעפֿן די שטודירנדיקע יוגנט. די ביבליאָטעק און די בוכהאַנדלונג זײַנען געווען לויט דעם מאָסקווער שניט. שטרענג רוסיש. עס האָט זיך ניט געפֿונען קיין אײנציק ייִדיש בוך ניט אין העברעאיש, ניט אין ייִדיש. און אַפֿילו ניט אין רוסיש, וואָס איז נוגע צו ייִדישע אינטערעסן. ווען אַ באַזוכער וואָלט דאָרט אויסגערעדט אַ ייִדיש וואָרט, אָדער וואָלט, חס־וחלילה, פֿאַרלאַנגט אַ ייִדישן ספֿר, אָדער אַ רוסישן בוך וועגן ייִדישקייט, וואָלט די דאָזיקע בוכהאַנדלונג און לײַ־ביבליאָטעק דאָס פֿאַררעכנט אַלס בלוטיקע באַליידיקונג.

אין דער דאָזיקער לײַ־ביבליאָטעק פֿלעגן אָנקומען פֿאַרשיידענע דיקע רוסישע מאָנאַטלעכע זשורנאַלן, און זיי פֿלעגן אַלע דערוואָרט ווערן פֿון דער ייִדישער יוגנט מיט דער גרעסטער נײַגעריקייט און אומגעדולדיקייט. ווען אַ זשורנאַל פֿלעגט, חלילה, פֿאַרשפּעטיקן אַ טאָג פֿון מאָסקווע אָדער פּע־טערבורג, איז געווען סכּנות־נפֿשות. די רוסישע דיקע זשורנאַלן, באַזונ־דערס די מער ליבעראַלערע, ראַדיקאַלערע, פֿלעגן פֿאַרשלונגען ווערן פֿון דער ייִדישער יוגנט, פֿון די בחורים און פֿון די מיידלעך, מיט הייס־הונ־גער — פֿון האַנט צו האַנט האָבן זיי צירקולירט. די מאָהילעווער ייִדישע יוגנט האָט באַגריסט ענטוזיאַסטיש יעדן נײַעם רוסישן טאַלאַנט און אי־בערגעטריבן זיין באַדייטונג. רוסישע געדיכטן און דערציילונגען מיט סאָ־ציאַלע טענדענצן פֿלעגן באַגריסט ווערן פֿון דער ייִדישער יוגנט, באַזונ־דערס פֿון די ייִדישע מיידלעך, אויף אַ היסטערישן אופֿן. מיטלמעסיקע טאַלאַנטן זײַנען פֿאַררעכנט און פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי זשעניען פֿון ערשטן ראַנג. די רוסישע מיטלמעסיקע פּובליציסטישע קריטיק פֿון יענער צײַט, וואָס איז געווען וואָרט־געשוואָלן, איז געווען פֿאַר דער ייִדישער

יוגנט אַ מין אַנטפּלעקונג. האָב איך געוואָגט צווישן באַקאַנטע סטודענטן אַרויסזאָגן אַ קריטישע מיינונג, אַן אָפּקילנדיקע און סקעפּטישע, בנוגע צו די פאַרגעטערטע רוסישע בעלעטריסטן און קריטיקער פון די דיקע זשור־נאַלן, האָט מען מיר דאָס פאַררעכנט פאַר אַן אפּיקורסות, פאַר חילול־קודש.

און וואו די יידישע שטודירנדיקע יוגנט פלעגט זיך צוזאַמענקומען, אָדער שפּאַצירן, האָבן זיך געהערט היציקע דעבאַטעס, באַגייסטערטע אָפּ־שאַצונגען און איבערגעקייטע פראַזן וועגן די פריש־אָנגעקומענע רוסישע זשורנאַלן און זייערע ריכטונגען. די רוסישע שאַפונגען, די ריין־רוסישע אינטערעסן האָבן פאַרשלונגען די מוחות פון דער יידישער יוגנט אין מאָ־הילעוו, בעת די יידישע אינטערעסן און די העברעאישע שאַפונגען האָבן זיי פולשטענדיק איגנאָרירט אָדער אויסגעלאַכט.

*

אַלס אַן אויסנאַם, האָב איך דאַן קענען געלערנט צווישן דער מאָהילע־ווער שטודירנדיקער יוגנט די צוויי ברידער לוריע — שלמה זלמן לוריע און זיין יינגערער ברודער יוסף לוריע. דער עלטערער ברודער, שלמה זלמן לוריע, איז דאַן געווען אַ סטודענט פון דעם אינזשענירן־אינסטיטוט אין פּעטערבורג, און דער יינגערער, יוסף לוריע (אַ קליינינקער, אַ האַרבאַטער) האָט נאָר וואָס געהאַט געענדיקט גימנאַזיע. זייער פאָטער, קלמן אהרן לוריע, איז געווען אַ יחסן אַ באַלעבאָס, אַ ייד מיט אַ שאַרפן אָבער זייער פאַרדרייטן, מבולבלדיקן מוח.

דער סטודענט שלמה זלמן לוריע איז געווען באַקאַנט אַלס אַן עילוי, איז געווען אַ למדן, אַ חריף און אַ בקי, אַ געוואַלדיקער בעל־זכרון, מיט גרויסע פעיאיקייטן פאַר מאַטעמאַטיק און טעכניק, ווי אויך באַגאַבט מיט פּאָעטישע פעיאיקייטן, דערצו אַ פלינקער, געשיקטער רוסישער זשורנאַ־ליסט. לעבנדיק אין פּעטערבורג אין אַ רוסישער אַטמאָספערע, האָט ער שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט אין „השחר" פון סמאָלענסקין אַ פּאָר שירים. פּרץ סמאָלענסקין, דער גרויסער העברעאישער שריפטשטעלער פון יענער צייט, האָט פּראָקלאַמירט אין זיין „השחר" לוריען פאַר אַ גרויסן דיכטע־רישן טאַלאַנט. נאָך זייענדיק אַ תלמיד אין גימנאַזיע האָט לוריע געשריבן העברעאישע שירים און האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אויף דער איבערזעצונג פון היינריך היינעס „רבי יהודה הלוי" אין העברעאיש (די דאָזיקע גע־לונגענע איבערזעצונג איז געווען געדרוקט אין יאָר תרמ"ו אין נחום סאָ־קאָלאָווס „האסיף" און האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט). ש. ז. לוריע איז געווען דער ערשטער סטודענט מיט נאַציאָנאַלע בייגונגען און מיט יידי־שע ידיעות, וואָס איך האָב באַגעגנט. אינטעלעקטועל האָב איך זיך מיט אים באַפריינדעט, הגם ער איז געווען מיט פינף יאָר עלטער פון מיר,

אָבער צו גלײכער צײַט איז מיר געװען אוממעגלעך צו פֿאַרטראַגן געװיסע שטריכן אין זײַן כאַראַקטער, ריכטיקער: אין זײַן כאַראַקטערלאָזיקײט. איך האָב זיך נאָך דעם מיט אים אָפֿט באַגעגנט אין פּעטערבורג אין גע־װיסע קרײַזן און פֿון אונדז בײדן באַפֿרײַנדעטע שרײַבשטעלער. אין די שפּעטערדיקע קאַפּיטלען װעט מיר נאָך אויסקומען צו רײדן װעגן דער ראָל װאָס ער האָט געשפּילט אין דער רוסיש־ייִדישער זשורנאַליסטיק און אין ייִדישן לעבן.

דער ייִנגערער, יוסף לוריא, האָט אויך געהאַט אַ שטאַרקן מאַטעמאַ־טישן קאָפּ, און נאָך אַלס גימנאַזיסט, האָט ער זיך באַזונדערס אויסגעצײכנט אינם חשבון פֿון תּקופֿות און מזלות, קאַלענדאַר־רעכענונגען, װאו ער האָט נײַעס אויפֿגעטאָן. דערצו איז ער געװען ליטעראַריש באַגאַבט און פֿלעגט מיט באַגײַסטערונג זינגען ייִדישע פֿאָלקס־לידער און איז געװען מיט דער גאַנצער נשמה אַ ייִדיש פֿאָלקס־קינד, מיט ליבע צו אַלץ װאָס איז ייִדיש. פֿון געבורט איז ער געװען קרענקלעך און אַ קריפּל. אָבער װאו ער איז געקומען, האָט ער אַרײַנגעבראַכט לעבן, גײַסטיקע אינטע־רעסן, פֿרײַנדלעכקײט און ענטוזיאַזם פֿאַר דער ייִדישער פֿאָלקס־שאַפֿונג. ער איז געװען אײנער פֿון די גאַנץ ערשטע צװישן דער ייִדיש־רוסישער אינטעליגענץ, װאָס האָט געהאַט אַ שאַרפֿן חוש פֿאַר דעם ייִדישן פֿאָלקלאָר. לײדער איז ער צו יונג געשטאָרבן.

די דאָזיקע צװײ זײער באַגאַבטע ברידער זײַנען געװען דער אײנציקער אויסנאַם אין דער דעמאָלטדיקער שטודירנדיקער ייִדישער יוגנט פֿון מאָ־הילעװ.

אויף מײַן צוריקרײַזע פֿון מאָהילעװ קײן סמאָלענסק האָב איך באַזוכט פֿאַרשײדענע שטעט און שטעטלעך. ערשטנס האָב איך געװאָלט באַזוכן מײַנע באַקענטע קרובֿים, װאָס האָבן געװאױנט אין די דאָזיקע שטעטלעך — דאָס איז געװען זײער װאונטש נאָך פֿון מײַנע קינדער־יאָרן אָן. איך האָב געװאָלט נעענטער זיך באַקענען מיט מײַן אײגענער משפּחה. צװײטנס, האָב איך געזוכט צו באַפֿרידיקן און צו שטילן מײַן רײַזע־פֿיבער. פֿון די קינדער־יאָרן אָן האָט אין מיר געלעבט אַ הײסער װאונטש פֿיל צו רײַזן, צו זען נײַע מענטשן, נײַע פֿאַרהעלטענישן, אַנדערע שטעט און אַנדערע מנהגים. עס האָט מיך שטענדיק געצױגן אין דער װײַטנס.

מײַנע מיטלען האָבן מיר נאָך ניט דערלױבט צו מאַכן קײן װײַטערע רײַזעס װי מיר האָט זיך געװאָלט, אָבער כ׳האָב געהאַט אין מײַן טאַש גענוג מזומן צו מאַכן קלענערע רײַזעס אין מאָהילעװער גובערניע זעלבסט.

איך וויל באַשרייבן אייניקע איינדרוקן פון מײַנע ערשטע קורצערע רײַזעס, ווי זיי האָבן זיך קלאָר און טיף אײַנגעקריצט אין מײַן זכּרון. איך וויל גלויבן, אַז די פּאָר שטריכן, די קליינע, אײַנצלנע זכרונות, וואָס איך וויל דאָ, אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל איבערגעבן, האָבן אַ געוויסן ווערט פאַר דער קולטור־געשיכטע.

מיט אַ דאַמף־שיף — אײַגנטלעך אַ שיפל — האָב איך געמאַכט מײַן רײַזע פון מאָהילעוו קיין קאַפּוסט. פון סמאָלענסק קיין מאָהילעוו האָב איך געמאַכט די רײַזע אַזוי: ביז אָרשע בין איך געפאָרן מיט דער אײַזן־באַן און דאָס איז אַן ערך 4 שעה רײַזע. פון אָרשע ביז מאָהילעוו, די גובערנ־סקע שטאָט, איז אין מײַן צײַט קיין אײַזנבאַן ניט געווען.

איך האָב דעם דאָזיקן וועג געמאַכט, ווי יעדער אַנדערער, מיט אַ בעל־עגלה אין אַ בויד פון אַלטן נוסח, וואָס זײַנען געגנוג באַשריבן אין דער יידישער ליטעראַטור.

אויף דער צוריקרײַזע פון מאָהילעוו, ווי געזאָגט, בין איך געפאָרן אויף אַ דאַמפּערל. עס איז דאַן געווען אַ נײַעס אין מאָהילעווער גובערניע. אַן אונטערנעמונג, וואָס איז דאַן ערשט געגרינדעט געוואָרן דורך צוויי יידן. דאָס איז געווען מײַן ערשטע רײַזע אויפן וואַסער מיט אַ דאַמף־שיף. דאָס דאַמפּערל האָט זיך רואיק, געלאַסן געשוואומען, געשלעפּט איבערן דניעפּער. דער טאָג, סוף־אלול, איז געווען אַ ליכטיקער, אַ שיינער, און איך האָב געקאָנט געניסן די לאַנדשאַפטן פון די ברעגן פון דעם דניעפּער אין דער סביבה. אַלץ איז פאַר מיר געווען נײַ, פריש, ליבלעך און שיין.

פאָרנדיק אויפן דאַמפּערל האָב איך אויף קיין מינוט ניט געקאָנט פאַרגעסן, אַז אויף דעם זעלביקן דניעפּער איז פּרץ בן משה סמאָלענסקין (דער גרעסטער העברעאישער שרײַבער פון יענער צײַט, וואָס איז נאָך געווען צווישן די לעבעדיקע, אין ווין אַלס רעדאַקטאָר פון „השחר" — עפּעס גאָר אַ קלייניקייט!) אַליין געפאָרן און באַשריבן אין דער נביאים־שפּראַך.

ניט קוקנדיק, וואָס איך האָב זיך דאַן געפונען אין מײַנע קריטישע יאָרן, אין דער „שטורעם און דראַנג־עפּאָכע", ניט קוקנדיק, וואָס איך בין דאַן געווען באַצויבערט פון טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, גאָנטשאַראָוו, פּוש־קין, לערמאָנטאָוו, — האָט דאָך אויף מיר דאָס העברעאישע וואָרט פון סמאָלענסקין געהאַט אַ צויבערישע קראַפט, און דער רוסישער דניעפּער האָט באַקומען דאַן אין מײַנע אויגן אַ שטיקל קדושה, אַ געהיימנישפולן און מיסטישן חן (כּמעט אַן אָפּגלאַנץ פונם ירדן).

איך דערלויב זיך צו מאַכן אַ קליינע אָפּווײַכונג, כּדי צו דערציילן זייער קורץ, וואָס פאַר אַן אײַנפלוס עס האָט אויף מיר געהאַט דאָס העב־

רעאישע און ביבלישע װאָרט (און עס האָט נאָך איצט)). װען איך האָב אין מײנע ייִנגלישע יאָרן געלײענט דעם ראָמאַן „מסתרי־פּאַריז", װאָס קלמן שולמאַן האָט איבערזעצט פֿון פֿראַנצױזישן בולװאַר־שרײַבער אײזשען סי אין העברעאיש, האָב איך דאַן קײן אַנונג ניט געהאַט, אַז די הױפּט־העלדין פֿונם ראָמאַן, װי די מײסטע פֿרױען, װאָס װערן דאָרט באַשריבן, געהערן צו דער אונטערװעלט, צו די גאַסן־פֿרױען. די העברעאישע נעמען פֿון די פֿרױען, זײער עכט־ביבלישער אױסדרוק, די פֿראַזן פֿון שיר־השירים, פֿון ישעיה און פֿון די אַנדערע נביאים, װאָס זײ האָבן געברױכט אין זײערע װאָכעדיקע, געװײנלעכע געשפּרעכן, האָבן מיך באַגײסטערט. איך האָב געגלױבט, אַז די הױפּט־העלדין פֿונם אונטער־װעלט־ראָמאַן, מיט איר עכט העברעאישן נאָמען און מיט איר שיר־השירים־שפּראַך, איז מיט עפּעס אױך אַ מין שולמית, אַ צניעותדיקע ירושלים־טאָכטער, װעלכע פֿאַרדינט אַזױ פֿיל רחמנות.

אױפֿן דאַמפּער זײַנען געװען לױטער ייִדן, װאָכעדיקע ייִדן און אידע־נעס פֿון אַ גאַנץ יאָר, קלײנע הענדלער, קרעמער אא"װ. די געשפּרעכן אַרום מיר זײַנען געװען קרעמערישע, אַלטעגלעכע, פּרוטותדיקע — עס האָט מיך ניט אינטערעסירט. איך האָב זיך געפֿונען די גאַנצע צײַט פֿון מײַן נסיעה איבערן דניעפּער אין אַ באַגײסטערטן צושטאַנד. ניט־קוקנדיק, װאָס די ברעגן, די לאַנדשאַפֿטן אַרום דעם דניעפּער, װאָס איך בין פֿאַרבײַ־געפֿאָרן, זײַנען געװען, אין דער װירקלעכקײט, אָרעם, אײנטאָניק, כּמעט פֿאַרבנלאָז, טרױעריק־ערנסט, די דערפֿער — שמוציק און קלעגלעך, דאָך אין מײַנע אױגן האָט אַלץ אױסגעזען פּאָעטיש, מאַלעריש, שײן און חנעװ־דיק.

די חושים זײַנען געװען פֿריש, יונג און דורשטיק נאָך אײַנדרוקן, און יעדעס גרעזל, יעדעס נאַקעטע בערגל, יעדעס װעלדל, אַפֿילו יעדעס דאָרף, פֿאַרקריפּלט בױמל, יעדע בױגונג און קרימונג פֿון די װעגן און שטעגן, — אַלץ, אַלץ, װאָס איך האָב געזען אױפֿן װעג פֿונם דאַמפּער אױף די ברעגן פֿונם דניעפּער, האָט מיך אַנטציקט און אָנגעפֿילט מיט התפּעלות. אין מײַן לעבעדיקער פֿאַנטאַזיע האָט זיך אַלץ אָפּגעשפּיגלט אַזױ שײן, אַזױ פֿאַר־חלומט, רירנדיק און אײַנמאַליק.

נאָך אַ צװײ־חדשימדיקן אױפֿהאַלט אין מאָהילעװ אין קרײַזן, װאו מען האָט טאָג און נאַכט געהאַלטן אין אײן היציקן דעבאַטירן, אין אײן לײזן װעלט־פּראָבלעמען, אין אַ קרענקלעך־גײַסטיקער אַטמאָספֿערע פֿון אַבסטראַקציעס, ליטעראַרישע פֿראַזן־דרעשערײַ און פֿון רעװאָלוציאָנערע פּלענער־מאַכערײַ, — נאָך אַזאַ פֿאַרשטיקטער, אומגעזונטער שטאָטישער

לופט, איז פאר מיר די שטילע רייזע איבערן דניעפער געווען א דערפרי־שונג. אך, וואס פאר א שיינע, געהיימניספולע וועלט האט גאט באשאפן!

איך האב הייס־דורשטיק איינגעשלונגען, איינגעזויגן אין זיך די לאנד־שאפטן, די פרישע לופט, די שטראלן פון דער אלול־זון, די טרויעריקע, קרעכצנדיקע קלאנגען, וואס האבן זיך צוגעטראגן צו מיר פון די ברעגן, ווי פון דער ווייטקייט, וואס איז פארשוואונדן אינם האריזאנט.

צום ערשטן מאל האט מיר אויף יענער „רייזע" (נאך היינטיקע באַ־גריפן: „אויך מיר עפעס א רייזע!") אויפגעבליצט דער געדאנק: יעדע לאנדשאפט האט איר באזונדערע שיינקייט, איר אייגנמאליקייט, איר באַ־זונדערע נשמה, איר כאראקטעריסטישן חן, איר ניכטערן רמז און איר טיפן סוד, איר גרויע פראזע און איר אומאויסשפרעכלעכע פאעזיע.

די אפגעריסענע, אייגנטימלעכע קלאנגען, וואס מיין אויער, דאס אוי־סערלעכע און דאס אינערלעכע, האט אויפגעכאפט אויף דער נסיעה, האבן זיך צוזאמענגעגאסן אין איין וואונדערבארער סימפאניע. זי קלינגט נאך איצט אפ אין מיין געדעכעניש.

דער דניעפער האט צו מיר גערעדט מיט זיין לשון. ער האט אמאל צו מיר ליכטיק געשמייכלט און אמאל געצייגט מיר א טרויעריקן, טונקעלן פנים. אט איז ער געווען גלאט, דורכזיכטיק, ווי א שפיגל, אומשולדיק־קינדיש־נאאיוו, און אט האט ער זיך עפעס געקנייטשט, זיך געברוגזט, גע־בלעזלט און העוויות געמאכט, — און ווידער אמאל רואיק, ערנסט, געדול־דיק און ווינקנדיק. דער דניעפער (ווי נאך דעם יעדעס טייכל און ים) האט מיר אויסגעזען ווי א לעבעדיקער ארגאניזם מיט זיינע באזונדערע שטימונגען און קאפריזן. — אן ארגאניזם, גאטס באשעפעניש, וואס אמאל איז עס וואך און אמאל דרעמלט עס, אמאל איז עס אויפגערעגט און זייער אפט אזוי גוטמוטיק, פריינטלעך און שטיפעריש.

ביי דער שטאט שקלאוו האט זיך דער דאמפער אויף א האלבער שעה אפגעשטעלט. פאסאזשירן זיינען ארונטערגעגאנגען און אנדערע, פון דעם זעלבן סארט, זיינען ארויפגעגאנגען. א קליינער געפילדער, טומל און געמיש פון קולות. ווידער וואכעדיקייט, שטאטישע פראזע, א טרוקענע הפסקה.

פון ווייטן געזען די שטאט שקלאוו. זי האט פאר מיר געהאט א באַ־זונדער אינטערעס, ווייל פרץ סמאלענסקין האט דארט געלערנט אין דער ישיבה און זיך דארט באקענט מיט א וואונדערבארן זקן, א משכיל, וואס האט אים צום ערשטן מאל געעפנט די אויגן פאר דער געטלעכער, הימלי־שער טאכטער, די השכלה, די אויפקלערונג, די נייע העברעאישע ליטע־ראטור.

סמאָלענסקין האָט די שטאָט שקלאָוו (אונטערן נאָמען שכולה) באַשריבן אין די מערסטע פֿון זיינע דערציילונגען. דער מסור פֿון „קבורת־חמור“, וואָס מ׳האָט אים דערטרונקען אין דניעפּער, — אַ מערקווירדיקער טיפּ, — איז מיר פּלוצלינג ווי לעבעדיק דערשינען. ער האָט צו מיר אַרויס־געקוקט, אַרויסגעשוואומען פֿונם גרונט פֿונם דניעפּער, האָט אַנגעוואָרפֿן אויף מיר אַ שרעק, אַ שוידער, האָט דעראינערט אין די בייזע, אין די פֿינצ־טערע צייטן. אַ ווײַלע איז מיין אינערלעכע האַרמאָניע און טרוימערישע שטימונג פֿאַרשטערט און איבערגעריסן געוואָרן. אין מיין זכרון זיינען אָבער באַלד לעבעדיק געוואָרן די סימפּאַטישע, אידעאַליסטישע טיפּן פֿון שקלאָוו, וואָס סמאָלענסקין האָט געשילדערט אין זיין „גמול־ישרים“, — דער ראש־ישיבה, די ישיבה־בחורים, די מתמידים, די וואויל־לערנער, די גאַנצע אַלטע בית־המדרש־אַטמאָספֿערע מיט אירע באַזונדערע שיינקייטן, הייליקייטן און אידעאַלן.

די שיף איז ווייטער געשוואומען, די זון האָט אָנגעהויבן אונטערגיין, פֿון ווייטן האָבן זיך געטראָגן פּויערשע טרויעריקע, אויסגעצויגענע גע־זאַנגען. די לופֿט איז געוווען קיל, דער דניעפּער האָט פֿריינטלעך־סודותדיק געמורמלט, יידן, קרעמער, מעקלער, פּרנסה־זוכער, האָבן מנחה געדאַוונט, זיך געשאָקלט קעגן מזרח, — מיך האָט ווידער באַהערשט אַ ראָמאַנטישע שטימונג. דאָס סימבאָלישע בילד פֿון דעם געדולדיקן פֿישער ביים ברעג פֿונם דניעפּער, וואָס סמאָלענסקין האָט אַזוי שיין געמאָלן אין זיין „התועה“, האָט אויפֿגעלעבט אין מיין זכרון, — און דער דניעפּער אינגאַנצן איז מיר דערשינען ווי אַ סימבאָליש בילד, — אַ בילד פֿון דער אייביקייט, פֿון דער אומענדלעכקייט, פֿון די נאַטור־סודות.

די רוסישע ליטעראַטור איז מיר אין יענעם מאָמענט פּלוצלינג, אויף איין מאָל, פֿרעמד געוואָרן. דער העברעאישער דיכטער, סמאָלענסקין, האָט מיר דורך איין שילדערונג פֿאַרוואַנדלט דעם דניעפּער אין אַ לעגענדאַרן טייך, — און מיין פֿאַנטאַזיע האָט אין דער בין־השמשות־שעה ווייטער געדיכטעט, געטרוימט.

ענלעכס האָב איך איבערגעלעבט אין די שפּעטערע יאָרן, יעדעס מאָל, ווען איך פֿלעג פֿאָרן איבערן רהיין, אין דייטשלאַנד, ווי די שיף פֿלעגט פֿאַרבייפֿאָרן דעם פֿעלז, אויף וועלכן היינריך היינע האָט געדיכטעט זיין שיינע לאָרעליי מיט אירע גאָלדענע האָר, וועלכע זי קעמט מיט אַ גאָלדע־נעם קאַם. פֿלעג איך פֿאַרגעסן דעם ווירקלעכן רהיין (וואָס האָט אין די אַמאָליקע צייטן פֿאַרשלונגען אַזוי פֿיל יידיש בלוט) און פֿלעג נאָר הערן די אומפֿאַרגעסלעכע עכט־יידישע סטראָפֿן:

איך ווייס ניכט, וואס זאל עס באַדויטען,
דאס איך זאַ טרויעריג בין;
איין מעדכען אויס אַלטען צייטען
דאס קאָמט מיר ניט אויס דעם זינן.

ווען איך הויב אָן אַליין אַנאַליזירן, גריבלען זיך אין די באַהאַלטענע קעמערלעך פֿון מיין נשמה כּדי אַרויסצוגעפֿינען די שטימונגען און אימ־פולסן, וואָס האָבן מיר געבראַכט צו ווערן און פֿאַרבלייבן ביז אויף היינטיקן טאָג אַ שריפֿטשטעלער, (שוין אַנדערע האָבן אויפֿמערקזאַם געמאַכט אויף דער פֿאַקט, אַז איך בין דער איין־און־איינציקער העברעאישער שריפֿט־שטעלער, ניט האָבנדיק דערביי קיין אַמט, קיין אַנדערע באַשעפֿטיקונג אויס־סער דער ליטעראַטור און קיין נעבן־פּרנסות און הכנסות) — ווען איך הויב אָן וועגן דעם צו טראַכטן שיינט מיר, אַז איך פֿאַל אַריין אין אַ צווי־בער־וועלט, אָדער אין אַ פּסיכישן פֿינצטערן לאַבירינט, וואו עס איז זייער לייכט זיך צו פֿאַרלירן און פֿאַרט אוממעגלעך זיך אַרויסצוקלייבן אין דער ליכטיקייט. זוכנדיק אָן אויסגאַנג פֿון דעם פֿאַרכּישופֿטן לאַבירינט מוז איך זיך אָנשטויסן אָן האַרטע און שפּיציקע פּסיכישע פּראָבלעמען און אָנ־קלאַפּן אָן דיקע, שווערע אייזערנע און פֿעסט־פֿאַרריגלטע טירן.

עס בלייבט פֿאַר מיר אַ רעטעניש. קיין ביז־אַהער אָנגענומענע טעאָ־ריע קען מען מיר ניט דערקלערן, ווי אַזוי און פֿאַרוואָס האָב איך זיך אַנט־וויקלט צו זיין אַ שרייבער (אַ גוטער צי אַ שלעכטער? — ניט דאָס איז די פֿראַגע) ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אַלע אויסערלעכע אומשטענדן און אויך אינערלעכע איבערלעבונגען און פֿאַרשטעלונגען האָבן מיך גע־טריבן אין אַנדערע ריכטונגען; איך בין געוואָרן און פֿאַרבליבן אַ מענטש פֿון טינט און פֿעדער, וואָס אַלע זיינע פֿיזישע, גייסטיקע און מאָראַלישע איבערלעבונגען, אַלע זיינע באַגעגענישן מיט זאַכן, מיט מענטשן און מיט ביכער פֿאַרוואַנדלען זיך ביי אים אין ליטעראַטור. און ביז אויף היינטיקן טאָג איז ביי מיר די גרעסטע לײדנשאַפֿט, דער שטאַרקסטער פֿאַרגעניגן אין מיין לעבן דאָס לייענען און שטודירן די בעסטע ליטעראַרישע ווערק, סיי די גאַנץ אַלטע און סיי די מאָדערנסטע.

געטהע זאָגט: דער העכסטער צוועק, דער לעצטער תּכלית פֿון לעבן איז דאָס לעבן אַליין. דאָס לעבן „אָן און פֿאַר זיך" אין אַ זעלבסט־צוועק.

די מדרגה — דאָס לעבן ווי אַ זעלבסט־צוועק — האָב איך קיינמאָל ניט דערגרייכט. עס שיינט מיר, אַז איך לעב נאָר כּדי צו באַשרייבן, כּדי צו פֿאַרוואַנדלען אין ווערטער דאָס טיף־איבערגעלעבטע. דער שריפֿטשטע־

לער אין מיר לאָזט מיך קײנמאָל ניט געניסן דאָס לעבן נאַאיוו, אָן חקירות, אָן אַנאַליז און אָן מעטאַפּסיכישע פראַגן און גריבלערייען.

סײ אין מינוטן פון גליק און סײ אין מאָמענטן פון אומגליק, אין פרייד און אין צער, באַגלייט מיין „איך" דער שריפטשטעלער, ווי אַ שאָטן מיט דער געהיימער כוונה צו באַנוצן מיין גליק אָדער אומגליק, מיין צער אָדער פרייד פאַר אַ ליטעראַרישער טעמע, פאַר אַ באַטראַכטונג או״וו.

דער שריפטשטעלער אין מיר, טריי צו זיינע העסלעכע געוואוינהייטן, שלייכט נאָך פאַרגנבעטערהייט אַלע מיינע אויסערלעכע און אינעווייניקסטע געשעענישן, טריט ביי טריט, כדי צו פאַנגען אַ שטריך, אַ פונקט, וואָס ער באַדאַרף פאַר אַ בילד, פאַר סימבאָל א. ד. גל.

ער האָט פיל מאָל הנאה פון מיין צער, פון מיין שמערץ, ווען עס דינט אים, דעם שריפטשטעלער אין מיר, פאַר זיין ליטעראַריש־קינסטלערישן, אָדער פסיכאָלאָגיש־פילאָזאָפישן צוועק. מיט אַנדערע ווערטער: איך בין דער ליידנדיקער, און איך אַליין בין דער באַאָבאַכטער פון מיינע אייגענע ליידן. און איך אַליין פאַרוואַנדל מיינע ליידן און פיין אין ליטעראַטור.

עס וועבט זיך אָפטמאָל אין אַ באַהאַלטענער קאַמערל פון מיין נשמה עטוואָס שיינס, עטוואָס נייעס, עטוואָס זייער וויכטיקס. עס וועבט זיך אין מיר געהיימפול און דאַכט זיך אומבאַוואוסט, אָבער דאָ רייסט זיך אַריין אומפאַרשעמט דער שריפטשטעלער, וואָס לעבט אין מיר און פּרובירט מיט זיינע נערוועזע און נייגעריקע פינגער פאַנאַנדערצונעמען די זייער דינע און קונסט־פול־צונויפגעוועבטע פעדים און באַטראַכטן יעדן פעדימל, יעדן פאַזער אונטער זיין מיקראָסקאָפּ.

מיין אינעווייניקסט לעבן דולדעט ניט דאָס פרעכע אַריינמישן זיך פונם שריפטשטעלער און זוכט פון אים פטור צו ווערן, כאָטש אויף אַ ווייל, אין אָן אינטימען מאָמענט — אָבער עס איז אוממעגלעך.

שוין מער ווי דרייסיק יאָר ווי איך האָב די שלעכטע געוואוינהייט טאָג־טעגלעך צו פאַרשרייבן, קורץ אָדער לאַנג, אַלע מיינע אויסערלעכע און אינערלעכע פאַסירונגען. איך קען ניט גיין שלאָפן איידער איך האָב ניט פאַרצייכנט, כאָטש ווי עס איז, אין מיין טאָג־בוך די איבערלעבונגען פונם טאָג. און דאָס שרייב איך שטונדן־לאַנג יעדן אָוונט שפּעט, ניט פאַרן דרוק, ניט פאַר דער עפנטלעכקייט, נאָר כדי צו באַרואיקן דעם שריפטשטעלער אין מיר, וועלכער לאָזט מיך ניט רוען כל־זמן ער האָט ניט פאַרצייכנט אויף זיין לשון דאָס וואָס עס קומט פאָר אין מיר און אַרום מיר אין דער גרויסער, ווייטער וועלט. יענע דעראינערונגען וואָס האָבן עפּעס אַ שייכות צו אים אַליין, יענע פאַסירונגען אין וועלכע ער איז באַזונדערס פאַראינטע־רעסירט אַלס שריפטשטעלער, אַליין ניט וויסנדיק צוליב וועמען און צוליב

וואָס ער טוט דאָס. און ער טוט דאָס אַזוי פּלייסיק — אין דער צייט, ווען ער פאַרנאַכלעסיקט זיינע ווירקלעכע פּליכטן צום דרוק — אַז ער רויבט מיר צו אָפּט מיין שלאָף גאַנצע נעכט וואָס איך מוז נאָכדעם באַצאָלן מיט מיין געזונט פאַר זיינע קאַפּריזן.

„וואָס איז לעבן?" אויף דער פראַגע האָט אַ געוויסער דענקער גע־ענטפערט: „לעבן איז אַ קראַנקהייט, וואָס פירט צום טויט!"

נאָך אין די אַנדערע יאָרן פלעג איך אַליין פרעגן: וואָס איז דאָס די ליידנשאַפט צו שריפטשטעלערן, די לוסט צום שרייבן און באַשרייבן? איז עס אַ ברכה, איז עס אַ קללה, פון זיין ליבן נאָמען, איז עס אַ קראַנקהייט, וואָס לאָזט זיך ניט קורירן? איז עס אַ קראַנקהייט, וואָס פירט צום פריי־צייטיקן טויט, צו „שריפת־הנשמה וגוף קיים", ווי דער תלמודישער אויס־דרוק לויטעט (ד"ה עס ווערט פאַרברענט די נשמה, בעת דער גוף איז גאַנץ און לעבט?), איז עס אַ מין גלגול, אַז ווען עס גייט אַריין אין אַ מענטשלעכער נשמה, קען דאָס קיין מכשף ניט אַרויסטרייבן אָדער באַ־שווערן? איז עס אפשר אַ מתנה פון הימל, אַ חסד פון גאָט, אַ העכערע שליחות פון אַ בעסערער און העכערער וועלט? און אפשר קען די ליידנ־שאַפט פון שרייבערײַ זיין אי אַ קללה, אי אַ ברכה, אי אַ משוגעת, אי אַ מין רוח־הקודש, אַ חסד פון גאָט. עס איז אָפּהענגיק פון דעם ווי און צו־ליב וואָסערע צוועקן און מיט וועלכע מיטלען מען ווענדט אָן און מ׳באַנוצט די באַזונדערע און רעטענישפולע ליידנשאַפט?

אין פאַרשיידענע צייטן פון מיין שריפטשטעלערײַ און אין פאַרשיידענע שטימונגען האָב איך זיך אַליין געפּרוּווט געבן פאַרשיידענע ענטפערס אויף די דאָזיקע פראַגן.

אָבער יעדעס מאָל האָב איך געמוזט קומען צו דער איבערצייגונג, אַז אין שריפטשטעלערײַ (ווי גוט אָדער ווי שלעכט זי זאָל ניט זיין — ניט איך קען עס, ניט איך דאַרף עס אורטיילן) איז מיין שיקזאַל. און קעגן שיקזאַל העלפט ניט קיין קאַמף, קיין ווידערווילן.

און ווען עס גיט ווירקלעך אַ מלאך אין הימל וואָס רופט אויס פער־ציק טעג איידער דאָס קינד קומט אויף דער ליכטיקער אָדער פינצטע־רער וועלט, וואָס פאַר אַ מין באַשעפעניש עס זאָל זיין, דאַן צווייפל איך ניט אין דעם, אַז דער גוטער, אָדער דער בייזער מלאך האָט אויף מיר אויסגערופן נאָך איידער איך בין געקומען אויף דער וועלט: „דאָס זאָל זיין אַ מין באַשעפעניש, וואָס די זינדיקע מענטשן רופן עס „שריפט־שטעלער".

און ווי אַמאָל, אַמאָל בענטש איך דעם מלאך, וואָס האָט אויף מיר גוזר געווען צו זיין אַ שרייבער ביי יידן און פאַר יידן, און אַמאָל בין איך בייז־

לעך און אומצופֿרידן, וואָס דער מלאך האָט מיך אין אַ מאָמענט פֿון שלעכ־טער שטימונג, פֿון פֿליגל־קראַנקהייט, פֿאַרוואַנדלט אין אַזאַ מין מאָדנער און מערקווירדיקער באַשעפֿעניש, וואָס הייסט „שרייבער‟, אַ באַשעפֿעניש, וואָס אַנשטאָט צו לעבן, צו ליבן, צו האַסן, ווי אַלע מענטשן, אַנשטאָט צו לעבן און געניסן פֿונם לעבן אוממיטלבאַר, לעבט עס אַליין ניט, נאָר באַשרייבט, שילדערט און אַנאַליזירט דאָס לעבן פֿון אַנדערע, פֿון אַנדערע, וואָס האָבן קיינמאָל ניט עקזיסטירט און עקזיסטירן אויך היינט ניט, נאָר זיינען אויסגעטראַכט פֿון זיין קאַפּריזנער פֿאַנטאַזיע; אין אַ באַשעפֿעניש, וואָס אַנשטאָט אַליין צו לעבן, ווי גאָט האָט געבאָטן און ניט חכמענען זיך — אַנשטאָט דעם גריבלט ער זיך קרענקלעך אין זיין אייגענער נשמה און זוכט אויסצודריקן אין ווערטער זאַכן, וואָס לאָזן זיך ניט בשום־אופֿן פֿאַרקליידן אין ווערטער, אין קיין שפּראַך ניט.

אָבער, איך מוז מודה זיין, אויך נאָך היינט, נאָך פֿינף און פֿערציק יאָר פֿון שטענדיקער שריפֿטשטעלעריי, פֿון שווערן קאַמף אויף דעם וועג, פֿון דערנער און פֿון אַלע אויסערלעכע און אינערלעכע יסורים וואָס זיינען ענג פֿאַרקניפּט מיט דער שריפֿטשטעלעריי ביי אונדזער פֿאָלק, און דערצו נאָך אין זייער שווערע צייטן, אין אַן איבערגאַנגס־עפּאָכע, — אויך נאָך היינט ווען איך וואָלט דאַרפֿן געבוירן ווערן נאָך אַמאָל אויף דער וועלט, און דער מלאך וואָלט מיך געפֿרעגט אין וואָס פֿאַר אַ באַשעפֿעניש ער זאָל מיך פֿאַרוואַנדלען און וואָס זאָל זיין מיין שיקזאַל, וואָלט איך אויך היינט געענטפֿערט: איך וויל זיין נאָר אַ שריפֿטשטעלער און נאָר ביי יידן.

איך ווער אַ העברעאישער שרייבער

אַ תלמודישע לעגענדע דערציילט, אַז פערציק טעג איידער אַ קינד ווערט געבוירן, רופט אויס אַ מלאך אויפן הימל: „בת פלוני לפלוני!" (ווער עס איז זיין באַשערטע).

ווען, למשל, די וועלט־באַקאַנטע מרשעת קסאַנטיפּע ווערט די פרוי פון דעם מלאך־גוטן פילאָזאָף סאָקראַטעס, איז דאָס זיין שיקזאַל.

עס איז נאָר אַ לעגענדע; עס שיינט אָבער צו זיין אַ ביאָלאָגישער אמת, ווען דער נביא זאָגט, אַז נאָך ביי דער מוטער אין בויך האָט אים גאָט באַשאַפן צו זיין אַן אָנזאָגער צו די פעלקער.

ניט יעדער, וואָס שרייבט ביכער, איז אַ שריפטשטעלער. אַ שריפטשטעלער איז פון געבורט. נאָך איידער ער ווערט געבאָרן, רופט אויס אַ מלאך זיין באַשטימונג. דערווירקלעכער שריפטשטעלער, דער וואָרט־קינסטלער, דער געדאַנקען־פאָרמער און בויער, דער אָנזאָגער און פאָראויסזאָגער, דער זעער, דער ווייטער און טיפער זעער — ער מוז פון דער נאַטור אויס זיין באַשאָנקען מיט אַ רייכער פאַנטאַזיע, מיט אַ דין־אַנטוויקלטן נערוון־סיסטעם און מיט פיינע חושים. דער געבאָרענער שריפטשטעלער צייכנט זיך אויס, אָדער זאָל זיך אויסצייכענען, מיט אַ גאַנץ באַזונדערער גייסטיקער אָרגאַניזאַציע. ער מוז קענען לייענען די צייכנס פון דער צייט, און גלייך געפינען דעם עקזאַקטן און ווירקזאַמען אויסדרוק פאַר זיין עמפּינדונג. דער שריפטשטעלער מוז קענען בליץ־שנעל דענקען, אורטיילן, אַנאַליזירן, וועגן און מעסטן.

איידער איך האָב אָנגעהויבן שרייבן פאַר דער עפנטלעכקייט, האָב איך זיך געפרעגט: בין איך אַ געבאָרענער, פון גאָט־געבענטשטער שריפטשטעלער, אָדער אַן איינגעבילדעטער, אַ פאַרפירטער פון אַ פאַלשן אינסטינקט, וואָס האָט מיך מאַגנעטיש געצויגן צו דער ליטעראַטור?

מאַכנדיק מיין זעלבסט־אַנאַליז, אַריינקוקנדיק אין די באַהאַלטענע קעמערלעך פון מיין אינערלעכן לעבן, און אונטערזוכנדיק מיינע גייסטיקע פעאיקייטן, אימפּולסן און נייגונגען, האָב איך אויסגעפונען, אַז אין מיין ברוסט וואוינען פאַרשיידענע נשמות און באַקעמפן די זיך ווידער־שפּרעכנדיקע נייגונגען; אַז מיר פעלט אינערלעכע גאַנצקייט, אויסגע־

האַלטנקייט, גלייכגעוויכט. אַלץ אין מיר האָט געהאַלטן אינם פּראָצעס פון ווערן, פון זיך קריסטאַליזירן; אַלץ אין מיר האָט געברויזט, געיערט און געשוימט. מיין גייסטיקן געזיכט האָבן נאָך דאַן געפעלט קלאָרע און אויסדרוקפולע שטריכן. עס האָט נאָך ניט אָפּגעשפּיגלט מיין ווירקלעכן, אינערלעכן לעבן, מיינע געהיימע וואונטשן, אימפּולסן און קאַמפן. מיין איך איז געווען פאַר מיר זעלבסט דאָס גרעסטע רעטעניש.

די גרויסע וועלט מיט אירע אומצאָליקע וואונדערלעכע מעגלעכ־קייטן און פּערספּעקטיוון האָט מיך געצויגן און געמאָניעט אין פאַרשידענע ריכטונגען.

פון איין זייט האָט מיך געצויגן די מאַטעמאַטיק. זי איז געווען מיין ליידנשאַפט, מיין העכסטער גייסטיקער פאַרגעניגן. נאָך אַלס קינד האָב איך זיך אויסגעצייכנט מיט אומגעוויינלעכע מאַטעמאַטישע פעאיקייטן. איידער איך האָב נאָר געוואוסט און געקאָנט שרייבן, אָדער לייענען די ציפער־שפּראַך, איידער איך האָב נאָך געהערט די נעמען פון די ערשטע פיר ספּעציעס פון דער עלעמענטאַרער רעכנקונסט, האָב איך שוין געמאַכט אין קאָפּ, און אויף שנעל, די קאָמפּליצירטסטע רעכענונגען און חשבונות אויף דעם געביט פון תּשבורת, ברוך־רעכענונג.

מיין איינציקער לערער אין חשבון, אין די קינדער־יאָרן, איז געווען מיין פאָטער. נאָר צוויי־דריי מאָל האָט ער מיך געלערנט ווי צו מאַכן חשבונות אין קאָפּ — און דאָס איז פאַר מיר געווען גענוג.

איידער איך האָב נאָך געהאַט אַן אַנונג, אַז עס איז דאָ אין לשון־קודש א שיינע ליטעראַטור, שירים און ראָמאַנען, האָב איך שוין געלייענט דעם „יסודי חכמת השעור" פון חיים זעליג סלאָנימסקי, פון וועלכן איך האָב געלערנט אַלגעברע, מיט די אותיות פון אַלף־בית; די ספרים פון גבריאל יהודה ליכטענפעלד, פון וועלכע איך האָב געלערנט געאָמעטריע, און די ספרים פון צבי הכהן ראַבינאָוויץ „המנוחה והתנועה", „אבן השואבת" און אַנדערע, פון וועלכע איך האָב געלערנט פיזיקס און מע־כאַניק. איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז עס איז דאָ אין העברעאיש אַ היסטאָרישער ראָמאַן „אהבת ציון" פון מאַפּו, אַ „התועה בדרכי החיים" — אַ מאָדערנער ראָמאַן פון סמאָלענסקין. מיט גרויס מי האָב איך דאַן געקראָגן אויך דעם „איל משולש" פון ווילנער גאון. אויסער דער גמרא וועלכע איך האָב טעגלעך געווידמעט ניט ווייניקער ווי צען שעה (אַ חוץ וואָס איך פלעג מאָנטיק און דאָנערשטיק אויף־זיין די גאַנצע נאַכט אין בית־המדרש און מפלפל זיין זיך אין שווערע תּלמודישע סוגיות מיט עלטערע חברים פון מיר), האָב איך געלערנט נאָר מאַטעמאַטיק, ווי ווייט

עס איז נאָר געווען מעגלעך עס צו לערנען פון העברעאישע ספרים, טערמינאָלאָגיע און שלעכטער, פעלערהאַפטער הסברה.

נאָך אין די יינגלישע יאָרן האָב איך זיך דורכגעשריבן מיט חיים זעליג סלאָנימסקין און צבי יפהן וועגן מאַטעמאַטישע ענינים. ניט קאָנענ־דיק די קלאַסישע מאַטעמאַטישע ליטעראַטור אין די לעבעדיקע שפּראַכן, האָב איך געזוכט אַליין מחדש צו זיין חדושים און אַנטדעקן שוין לאַנג־אַנטדעקטע זאַכן אין אַלגעברע און טריגאָנאָמעטריע.

שפּעטער, ווען איך האָב אָנגעהויבן לייענען אין פרעמדע שפּראַכן, און פאַר מיר האָט זיך געעפנט די מאַטעמאַטישע ליטעראַטור אין פראַנ־צויזיש (אין וועלכער, ווי איך האָב דאַן געגלויבט, עס זיינען געשריבן געוואָרן די בעסטע לערנביכער אויף דעם דאָזיקן געביט), האָב איך געגלויבט, אַז איך בין אַ געבוירענער מאַטעמאַטיקער, און דאָס איז מיין ווירקלעכער באַרוף. איך האָב געדענקט אין מאַטעמאַטישע טערמינען. איך בין געווען אַ קעגנער פון פלפול, און פון אויבער־המצאות, פון דרשות וואָס פירן צונויף אַ וואַנט מיט אַ וואַנט. איך האָב אין אַלץ געזוכט אַ לאָגישן גרונט, עקזאַקטקייט און גענויקייט. איך האָב דאַן געגלויבט, אַז די נאַטור־וויסנשאַפטן, פון וועלכע איך בין געווען דער גרעסטער אַנהענגער, וועלן נאָך לייזן די פּראָבלעמען פון טויט און לעבן, לייזן די סאָציאַלע פּראָבלעמען אַזוי גוט ווי די לעצטע מעטאַפיזישע פראַגן. איך האָב דאַן ניט געקענט באַגרייפן, ווי קאָנען דערוואַקסענע מענטשן, ווען זיי האָבן געזונטע מוחות, לייענען ראָמאַנען, דערציילונגען, אויסגעטראַכ־טע מעשיות, אין וועלכע עס איז ניטאָ קיין חכמה און קיין שכל. דאָס הייסט דאָך אַרויסוואַרפן צייט, און דערצו נאָך ווערט דער מוח אָנגע־שטאָפּט מיט פּוסטע זאַכן, מיט אַלע הבלים, אַז עס בלייבט ניט קיין פּלאַץ פאַר געזונטע געדאַנקען, פאַר וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען אד״ג.

פאַר איין גרויסן מאַטעמאַטיקער, כעמיקער אָדער אינזשינער ווי לעסעפּס, פאַר אַ דערפינדער ווי טאָמאַס עדיסאָן, וואָלט איך אָפּגעגעבן אַלע בעלעטריסטן, דיכטער און דראַמאַטורגן, און אַפילו האָמער, שעקס־פּיר און געטע אַלס צוגאָב.

ווען איך בין אַרויסגעקראָכן פון מיין ענגער נעסט, פון מיין חסידישער געבורטשטאָט לאָדז, און געקומען אין באַרירונג מיט דער גרויסער וועלט, מיט די פאַרשיידענע קולטורעלע קרייזן, האָב איך ליידנשאַפטלעך אָנגעהויבן לייענען די וועלט־ליטעראַטור, די שיינע און קריטישע ליטעראַטור און געוואָרן אַן אָפּטער באַזוכער אין די קונסט־מוזייען. איך האָב מיט גרויס חשק געשלונגען די ווערק פון טאָלסטאָי, טורגעניעוו, באַזונדערס פון דאָסטאָיעווסקי, פון עמיל זאָלאַ, איפּאָליט טען, געאָרג

בראַנדעס, געטע און וויקטאָר הוגאָ, שפּילהאַגען און בערטאָלד אויערבאַך, היינע און בערנע, דאַנטע און קאַרדוטשי א. ד. ג. עס האָט זיך געעפֿנט פֿאַר מיר אַ וועלט פֿון קלאַנג און געזאַנג, אַ וועלט פֿון פֿאַרבן און ליניעס, אַ וועלט פֿון עסטעטישע געפֿילן, פֿון איבּיקער שיינקייט, אַ וועלט פֿון גראַציע, פֿון דיכטונג פֿון געפֿליגלטער פֿאַנטאַזיע, אַ וועלט פֿון ליבע און מענטשלעכע ליידנשאַפֿטן, אַ וועלט פֿון קאַמף און העראָאיזם, אַ וועלט פֿון איידעלע פּלאַסטישע פֿאָרמען, אַ וועלט פֿון סאָציאַלע אידעאַלן, סאָציאַלע קעמפֿער, פֿון צוקונפֿט־טרוימער וועגן אַ פֿרייער און גליקלעכער מענטשהייט.

די ניי־אַנטדעקטע וועלטן האָבן מיך באַרוישט, באַצויבערט און געפֿאַנגען מיין פֿאַנטאַזיע. נאָך דעם ווי איך בין ארויס פֿון בית־המדרש און אָוועקגעלייגט אָן אַ זייט מיינע מאַטעמאַטישע ביכער, בין איך גע־וואָרן אַ טרוימער, אַ בעל־חלומות פֿון שיינקייט, פֿון האַרמאָניע אין דער נאַטור און אין דער קונסט. די שיינקייט איז געוואָרן מיין קולט: אַלץ וואָס איז שיין, איז אויך עטיש, מאָראַליש. די העכסטע קונסט איז די לעבנס־קונסט, די קונסט צו געשטאַלטן דאָס לעבן שיין און העראָאיש. ניט נאָר שיין לעבן, נאָר אויך שיין שטאַרבן.

די קונסט איידלט, דערהויבט דעם מענטשן, מאַכט אים פֿרייער, דערהויבענער און העראָאישער. דאָס לעבן איז ניט לאָגיש און ניט מאַטעמאַטיש אויסגערעכנט. קאַמף, ליידנשאַפֿט, העראָאיזם, שטאַנדהאַפֿ־טיקייט, שטיין ביי דעם אָפּגרונט פֿון געפֿאַר, פֿרייהייט, ליבע, — דאָס איז לעבן אין דער העכסטער פּאָטענץ, אין דער העכסטער מדרגה. לעבן איז אַנטוויקלען אַלע קרעפֿטן, אַלע פֿעאיקייטן, אַלע באַהאַלטענע מעגלעכקייטן אין אונז, לעבן איז מער ווי לעבן, לעבן איז באַוועגונג, איז שטייגן, בליען, שאַפֿן, ווירקן, זיך אינערלעך באַרייכערן, וואַקסן, בילדן, — אַזוי האָב איך געדענקט, אַזוי האָב איך געפֿילט.

אין דער דאָזיקער באַרוישונג, אין דעם דאָזיקן איבערפֿלוס פֿון יוגנטלעכן שטאָלץ, פֿון אינערלעכער באַרייכערונג, האָט אין מיר געריפֿט דער וואונטש צו ווערן אַ שריפֿטשטעלער, אַ דיכטער; עס האָט מיך געטריבן אויסצודריקן מיינע נייע געפֿילן, מיין נייע לעבנס־אויפֿפֿאַסונג.

צו יענער צייט האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך בין אַ געבוירענער שריפֿטשטעלער. אַלץ האָט זיך אין מיר געריסן צום אויסדרוק, צו שיינער, קינסטלערישער (אָבער ניט געקינצלטער) פֿאָרם. מיר האָט זיך דאַן אויסגעוויזן, אַז איך האָב נייעס, פֿרישס און לעבעדיקס מיטצוטיילן דעם העברעאישען לייענער.

אין יענע כמעט ייִנגלשע יאָרן איז א שריפֿטשטעלער, אַ דיכטער געווען אין מײַנע אויגן דער העכסטער אידעאַל, די קרוין פֿון לעבן. איין גרויסער שריפֿטשטעלער, איין גרויסער דיכטער אויף איין וואָגשאָל, און אַלע מאַטעמאַטיקער און כעמיקער אויף דער אַנדערער וואָגשאָל, וואָלט דער דיכטער אין מײַנע אויגן דאָן אַריבערגעוואויגן אַלעמען.

מײַן גרעסטער וואונטש, מײַן גרעסטער טרוים איז דאָן געווען צו באַגעגענען, צו זען מיט מײַנע אייגענע אויגן אַמאָל אַ גרויסן שריפֿטשטע־לער, אַ „כהן־גדול אין קונסט־טעמפּל”. איך בין געווען איבערצייגט, אַז יעדער שריפֿטשטעלער פֿון וואָסער ס'איז באַדייטונג איז אַ סימבאָל פֿון פֿאָלקאָמענקייט, פֿון גייסטיקער שיינקייט, פֿון גוטסקייט, ברייטהאַרציקייט און איידלקייט; אַז יעדער שרײַבער איז זיך מקריב פֿאַרן כּלל, אַז יעדער שריפֿטשטעלער לעבט אין אַ וועלט פֿון שיינקייט און דערהויבנקייט.

מיט מײַנע קערפּערלעכע אויגן האָב איך נאָך דאָן קיין איינציקן שריפֿטשטעלער ניט באַגעגנט, און ווען איך וואָלט זוכה געווען איינעם פּערזענלעך צו באַגעגענען, וואָלט איך קיין מוט, קיין העזה ניט געהאַט צוצוטרעטען צו אים און אַ וואָרט אויסריידן.

קיין לעבעדיקע שריפֿטשטעלער האָב איך ניט געהאַט באַגעגנט. אָבער אין מײַן פֿאַנטאַזיע האָב איך זיך אויסגעמאָלט ווי עס זעט אויס יעדער שריפֿטשטעלער, וואָס איך האָב אים געלייענט. איך האָב יעדן פֿון די גע־לייענטע שריפֿטשטעלער אידעאַליזירט, פֿאַרשענערט און אויסגעשטאַט מיט אַלע מעלות, מיט אַלע מידות טובות.

מײַן נייגונג צו קריטיק, צו אַנאַליזירן מענטשן און ווערק, האָט נאָך אין מיר געדרעמלט.

לייענענדיק געוויסע ווערק, פֿלעגט אין מיר באַהאַלטענערהייט אַפֿילו זיך אויפֿהויבן דער קריטישער פֿאַרשטאַנד, דער עקשנותדיקער און ביטע־רער ווידערשפּרוך, וואָס האָט געקאָנט פֿאַרניכטן אין מיר יעדע פֿאַרערונג צום שרײַבער, יעדע אַנערקענונג פֿון דעם ווערק. אָבער איך האָב זיך באַמיט צו פֿאַרטרײַבן די קריטישע שטים אין מיר, צו שווײַגן שטיל, איך זאָל ניט זינדיקן, חלילה קעגן דעם באַטרעפֿנדיקן שרײַבער, אָדער חלילה קעגן זײַן ווערק...

II

ווען איך האָב בײַ זיך פֿעסט באַשלאָסן צו ווידמען מײַן לעבן דער העברעאישער ליטעראַטור, האָב איך זייער ערנסט גענומען מײַן אויפֿ־גאַבע, כאָטש מײַנע פֿרײַנט האָבן עס באַטראַכט פֿאַר אַן אומזין. צווישן

די אינטימערע פֿרײנט, װאָס האָבן אױסגעלאַכט מײַן הײסטן װאונטש: זיך אױסצובילדן אַלס העברעאישער שריפֿטשטעלער, האָבן זיך אױך געפֿונען אַ פּאָר װירקלעך־אינטעליגענטע קעפּ און שטאַרק באַהאַװנטע אין דער נײער, װי אין דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור.

איך געדענק נאָך זײער גוט זײערע לאָגישע טענות קעגן מײַנע „קינדערישע פֿאַנטאַזיעס".

װען איך האָב אַנטפּלעקט מײַנע אינטימערע פֿרײנט דעם סוד פֿון מײַן נשמה, האָבן זײ מיר געשטעלט, קאַלט־בלוטיק און אָן אַ ברעקל רחמנות, אַ רײע פֿראַגן.

דו האָסט באַשלאָסן, האָבען זײ זיך געװענדט צו מיר מעשה חוקר ודורש, צו װערן אַ סופֿר עברי, אַ העברעאישער שריפֿטשטעלער, אונטער אַלע אומשטענדן און באַדינגונגען, אָבער זאָג נאָר אָקאָרשט, װער פֿון די אױטאָריטעטן האָט דאָס אַרױסגעפֿונען אַז דו האָסט װירקלעך טאַלאַנט צום שרײַבן, װאָס פֿאַר אַ גדול האָט דיר אױף דעם געגעבן זײַן הסכמה? װאָס דו אַלײן האָסט זיך אײַנגערעדט, אַז דו האָסט טאַלאַנט צום שרײַבן, איז דאָס נאָך גאָר קײן באַװײַז ניט, אַז דו האָסט װירקלעך טאַלאַנט, און װען אַפֿילו דו האָסט יאָ טאַלאַנט איז דאָס אַלײן נאָך זײער װײניק. מען מוז האָבן דערצו װיסן און קענטעניש.

דו װילסט װערן אַ העברעאישער שרײבער? שטות! פֿאַר װעמען װעסטו שרײַבן, װער װעט דיך לײענען, װער װעט דיך פֿאַרשטײן? װער װעט דיך דרוקן? גיט עס דען אַ העברעאישער פֿאַרלאַג אױף דער גאַנצער װעלט, גיט עס דען אַ העברעאישע פּרעסע, איז דען דאָ אַ סימן פֿון אַ פּובליקום? און אַ רײע אַנדערע עלעמענטאַרע פֿראַגן — איז דען דאָ די קלענסטע מעגלעכקײט צו ציען פֿון דער העברעאישער פֿעדער חיונה? איז דען ניט אַ פֿאַקט, אַז העברעאישע מחברים זײַנען געצװאונגען צו פֿאַרװאַנדלען זיך אין שנאָרער און אַרומגײן מיט זײערע חבורים איבער די הײזער? דאַרף אַ יונגער מענטש, װאָס האָט פֿײאיקײטן און לעבן אין זיך, דאַרף אַ מענטש װאָס האָט אַ מוח און אַ געזונטן לעבנס־אינסטינקט זיך איבערהױפּט װידמען אַזאַ פֿולשטענדיק טױטע זאַך װי די העברעאי־שע ליטעראַטור? האָב איך דערױף אַ מאָראַלישע רעכט? װעלכע רעאַלע, לעבעדיקע אינטערעסן פֿאָדערן דאָס? װאָס פֿאַר אַ זין האָבן אַזעלכע טרױמערײען? און װאָס פֿאַר אַ צוזאַמענהאַנג שטײען זײ מיט דעם גײסט פֿון דער נײער צײַט, מיט מענטשלעכן פּראָגרעס? איז עס דען איבער־הױפּט מעגלעך צו שרײַבן אין העברעאיש װי אַ מאָדערן־דענקענדיקער און פֿילנדיקער מענטש.

אַזעלכע פראַגן און ספקות, און נאָך פיל אַנדערע, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו הערן פון מיינע בעסטע און עלטערע פריינט, האָבן ניט געקענט דערשיטערן מיין פעסטן באַשלוס צו ווידמען זיך אין גאַנצן דער העברעאישער ליטעראַטור. אין דעם באַשלוס איז געווען פיל פון דעם וואָס מען רופט אין דער וויסנשאַפטלעכער שפּראַך „צוואַנג־פאַרשטעלונג". מיט לאָגיק און פּראַקטישער קלוגשאַפט האָט מען ניט געקענט באַקעמפן מיין אידעאַל.

ווען איך פלעג בלייבן מיט זיך אליין, ס'איז געשען זייער אָפט, האָב איך נאָך פיל טיפער און שאַרפער אַנאַליזירט מיין אינעווייניקסטן וואונטש. די פּראַקטישע זייט האָט מיך אַבסאָלוט ניט אינטערעסירט. מיך האָבן אָבער שטאַרק באַאומרואיקט די פראַגן, וואָס זיינען געווען ענג פאַרבונדן מיט מיין באַשטרעבונג אַריינצוטראָגן אין דער העברעאישער ליטעראַטור די ווידעראויפלעבונגס־אידייע, ווי אויך די באַשטרעבונג צו פאַרמענטש־לעכן, פאַראייניפאַכן און קלאָרער צו מאַכן דעם העברעאישן סטיל און ווי צו שאַפן די נייע פאָרם פאַר אַ נייעם אינהאַלט.

אין דער צייט ווען איך האָב ערנסט שטודירט, ווי ווייט מיר איז נאָר מעגלעך געווען, די מייסטערווערק אין דער אייראָפּייאישער ליטע־ראַטור, האָב איך אויך פלייסיק שטודירט די אַזוי גערופענע „נייע העב־רעאישע" ליטעראַטור, דאָס הייסט פון משה חיים לוצאַטו ביז יהודה לייב גאָרדאָן.

דאָס איז געווען פאַר מיין מאָסקווער פעריאָד. איך האָב דאַן געלעבט לערך קנאַפּע צוויי יאָר, אין סמאָלענסק. איך האָב דאַן זייער פלייסיק געלערנט. איך האָב זיך צוגעגרייט צו אַ העכערער שולע. די טרוקענע געגנשטאַנדן, לויט דער פּראָגראַם פון אַ רעאַל־ שולע, וועלכע איך האָב דורכגענומען, פלעגן מיר זייער אָפּט איבערדרייסיק און דערווידער ווערן. איך וויל זיך דאָ אָבער ניט אָפּשטעלן אויף מיין „עקסטערנער עפּאָכע", איך באַריר נאָר אויף אַזוי פיל מיין פאַר־מאָסקווער פעריאָד, אויף וויפיל עס קאָן באַלייכטן און אין אַ געוויסער מאָס דערקלערן מיין אַנטוויקלונג אַלס העברעאישער שריפטשטעלער. די ליניע וויל איך אָפּהיטן, ניט אָוועקגייענדיק אָן אַ זייט פון אַנדערע ענינים, וואָס בעטן זיך באַשריבן צו ווערן, אָבער וועלכע געהערן צו אַנדערע פרקים.

אַלזאָ, ווען מיר פלעגן נמאס ווערן די טרוקענע געגענשטאַנדן, לויט דער פּראָגראַם פון אַ רעאַל־שולע, פלעג איך זיך האַסטיק און דורשטיק אַרויפוואַרפן אויף דער ליטעראַטור, בעלעטריסטיק און קריטיק. וואָכן־לאַנג פלעג איך קאָנען זיין איינגעשפּאַרט אין מיין קליינעם צימער און שלינגען הייס הונגעריק די פאַרשידענע ערשט־קלאַסיקע ווערק (נאָך

מײנע דאַמאָלסטדיגע באַגריפֿן), װעלכע איך האָב נאָר געקאָנט דערגרײכן אין לײ־ביבליאָטעקן און בײ פּרײנט. זאַט װערנדיק און נאָך אַמאָל איבער־זאַט, מיט די װערק פֿון פֿאַרשידענע ליטעראַטורן, פֿלעג איך זוכן צו שטילן מײן דורשט מיט דער נײער העברעאישער ליטעראַטור. די רײכע העב־רעאישע ביבליאָטעק פֿון משה גראַד, (אַ רײכער און באַרימטער אַדװאָקאַט, אַן אײדעם פֿונם העברעאישן שריפֿטשטעלער ראובן װעלער אין דינאַבורג) איז געװען פֿאַר מיר פֿולשטענדיק אָפֿן צו יעדער צײט. אויך די העברעאישע ביבליאָטעק פֿון שאול זעלקין איז מיר געשטאַנען צו דינסט. אַגב באַ־מערקט: מיט דער זעלבער ביבליאָטעק האָט זיך באַנוצט אין זײן צײט דער גאון רבי מאיר לײבוש מלבי"ם, באַקאַנט אונטערן נאָמען „דער קעמפּענער", װעלכער האָט געלעבט אַ געװיסע צײט אין סמאָלענסק, בײ זײן אײדעם יהושע זעלקין אין הויז.

לײענענדיק די נײע העברעאישע ליטעראַטור און פֿאַרגלײכנדיק זי װען מ'האָט דאָן איבערהויפּט געקענט רײדן פֿון ערגעץ װעלכער פֿאַר־גלײכונג, מיט די לעבעדיקע אײראָפּײאישע ליטעראַטורן — פֿלעג איך מוזן קומען צו די טרױעריקסטע רעזולטאַטן.

ניט קוקנדיק אויף דעם װאָס איך בין געװען נאַציאָנאַל געשטימט, האָב איך דאָך פֿאַר זיך אַלײן געמוזט מודה זײן, אַז קײן װערק אין דער העברעאישער ליטעראַטור האָט אויף מיר קײן שטאַרקן אײנדרוק ניט געמאַכט און ניט געקאָנט מאַכן. קײן אײנציקער העברעאישער שריפֿט־שטעלער האָט ניט באַאײנפֿלוסט מײן געדאַנקען־װעלט, קײנער פֿון זײ האָט טיף ניט אָנגערירט די אָנונגען און װאונטשן, װאָס האָבן געלעבט אין מײן יוגנטלעכער נשמה, און ניט די האָפֿנונגען װאָס האָבן געשפּראָצט אין מיר אינעװײניק.

די שטרעבונגען און די אידעאַלן פֿון די דאַמאָלסט־לעבעדיקע העב־רעאישע שריפֿטשטעלער, אַפֿילו די װאָס האָבן פֿאַרנומען דעם אויבן־אָן אין אונזער ליטעראַטור, זײנען געװען אָדער קלעגלעך באַהאַלטענע אַסימילאַטאָרישע אָרעמע און קלײנלעכע צוריקגעשטאַנענע מענטשן, װעלכע האָבן ניט קײן צוזאַמענהאַנג מיט די גרויסע װעלט־באַװעגנדע גײסטיקע שטרעמונגען פֿון דער צײט.

איך האָב זיך געשעמט מיט זיך אַלײן, װאָס גראַד מיר גאַנץ פֿרעמדע און זײער װײט־שטײענדיקע דענקער און דיכטער, קינדער פֿון די אומות העולם און פֿאַר מיר פֿרעמדע קולטורן, — װאָס גראַד זײ, האָבן אויף מיר גײסטיק געהאַט אַן אײנפֿלוס און מיך אינערלעך באַװעגט.

איך האָב זיך געפֿרעגט: איז דאָס ײדישע פֿאָלק אַזױ פֿאַרעמט געװאָרן אין גײסט, אין שאַפֿונגס־קרעפֿטן און איז אין אַזאַ מאָס באַרױבט

געוואָרן פון זיין אַמאַליקער גאונות, געניאַליטעט, אַז אונדזער נייע ליטעראַטור איז אין די אויגן אַפּילו פון אַזאַ ליבהאָבער ווי איך, אַזוי אָרעם אין באַגאַבונגען, אַזוי קבצניש אין אידייען־לאָז און אַזוי אָן יעדן לעבנס־אימפּעט?

און איך האָב זיך אַליין געענטפערט: דאָס יידישע פאָלק האָט אין זיין גלות נאָך קיינמאָל ניט אַזוי געגלאַנצט מיט זיינע גרויסע גייסטער און דערפינדונגס־קראַפט אויף די פאַרשידנסטע געביטן, אויך אין דער וועלט־ליטעראַטור און אין דער קונסט, גראַד ווי אין דעם נייַנצנטן יאָרהונדערט.

די העברעאישע ליטעראַטור, אין דעם גאַנץ באַזונדערן צושטאַנד, אין וועלכע זי געפינט זיך, האָט ניט געקאָנט צוציען פון איין זייט די טאַ־לאַנטלאָזע און כאַראַקטערלאָזע „פען יעגער", וואָס שטופּן זיך אַריין אין דער פרעמדער פּרעסע אָדער ליטעראַטור אַ דאַנק זייערע פעלערן, מיט דער האָפנונג צו געווינען פיל מאַטעריעל א. ד. ג. אין דער העברעאישער פּרעסע אָדער ליטעראַטור האָבן אין יענער צייט, פון וועלכער איך רעד דאָ, ניט געהאַט וואָס צו זוכן און ניט וואָס צו דערוואַרטן.

פון דער אַנדערער זייט האָט די העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור ניט געקאָנט צוציען די גרעסערע גייסטער, וואָס זיינען דערצויגן געווען אין אַ פרעמדער קולטור אַטמאָספערע, ווען זיי האָבן אַפילו געלערנט העברעאיש און ווען זיי זיינען אַפילו געווען אידעאַליסטן און האָבן ניט געזוכט אין דער ליטעראַטור ערגעץ וועלכע מאַטעריעלע נוצן. ניי העב־רעאישע ליטעראַטור האָט אויף זייער לשון געהייסן די משנה. ביים בעסטן ווילן זיינען זיי ניט געווען אימשטאַנד זיך פריי אויסצודריקן אין העב־רעאיש, וואָס איז פאַררעכנט געווען ביי זיי אַלס איינע פון די טויטע שפּראַכן, וואָס האָט נאָר אַן אַרכעאָלאָגישן ווערט, אויף צו שטודירן מיט דער הילף פון דער ביבל אָדער אַנדערע אַלטע דאָקומענטן און מצבות. עס וועלן גע־ניגן אַ פּאָר ביישפּילן: צונץ, יאָסט, גרעץ, לאַצאַרוס, שטיינטהאַל, יעלינעק און הערמאַן כהן.

דאָס האָט מיך געבראַכט פיל נאַכצודענקען און נאָכצופאָרשן וועגן העברעאיש אַלס וועגן אַ פאַסיקן אינסטרומענט ניט נאָר פאַר דער לירישער פּאָעזיע, אָבער אויך פאַרן מאָדערנעם מענטשלעכן געדאַנק מיט אַלע זיינע דינסטע ניואַנסן.

לייענענדיק די העברעאישע ליטעראַטור פלעג איך זיך שטאַרק מצער זיין אויף דעם, וואָס די געדאַנקען און בילדער פון די שרייבער קומען ניט אַרויס בוילעט און קלאָר. ס'האָט געפעלט די שאַרפע ליניע, די גענויקייט און די ריכטיקע שאַטירונג. די פּראָזע איז געווען געוויינלעך אַ געשוואָלענע,

אַן אָנגעשװאָלענע. געװנג געװען אײן שטאָך מיט דער קריטישער נאָדל, אַז די פּראָזע זאָל פּלאַצן און פאַרװאַנדלען זיך אין נישט װי אַ געפּלאַצ־טער זײפנבלעזל. דער זאַץ: אַ מאַקסימום פון װערטער און אַ מינימום פון אינהאַלט.

III

שטודירנדיק די נײַע העברעאישע ליטעראַטור, האָב איך געמוזט קו־מען צו דער איבערצײַגונג, אַז עס איז נויטװענדיק צו באַשאַפן מײַן אײגע־נעם אינסטרומענט כּדי אויסצודריקן, מיט זײַן הילף, מײַנע געדאַנקען און געפילן. מיט אַנדערע װערטער: די נויטװענדיקײט אויסצובילדן מײַן אײגענעם העברעאישן סטיל, װעלכער זאָל מיר דערלײכטערן מײַן אינער־לעכן אויסדרוק. אײגנטלעך, האָט זיך אַרויסגעװיזן בײַ מײַן ערשטן פּרואװ צום שרײַבן, די הויפּט־סימנים פון אַן אײגענעם סטיל און ליטע־ראַרישן פאַרטראַג. דאָך האָב איך געפילט די נויטװענדיקײט צו אַרבעטן אויף יעדער פּראָזע, אויף יעדן זאַץ, צו שלײַפן יעדן װאָרט און צו װעגן יעדע זילבע.

לײענענדיק די בעסטע העברעאישע שרײַבער פון יענער צײַט, פלעגן מיר דערשײנען זײערע געדאַנקען װי דורך אַ נעפּל, אומבאַשטימט, אַן שאַרפע ליניעס.

די העברעאישע שרײַבער פלעגן געװײנלעך צאָלן מיט גאָלד דאָרט, װאו מען האָט געדאַרפט געבן מינץ. די געװײנלעכסטע, אַלטעגלעכסטע באַדערפענישן פלעגן אויסגעדריקט װערן דורך מליצה, דורך אַ הויכער שפּראַך, דורך אָנגעבלאָזענע פּראַזן. זעלטן װער פון זײ האָט געהאַט אַן אינדיװידועלן סטיל. כּמעט קײנער פון זײ האָט זיך ניט געקאָנט באַפרײַען פון דער הערשאַפט, פון דער צװינגענדיקער קראַפט פון דעם ביבלישן פּסוק. אײנער איז געשטאַנען מער אונטערן אײנפלוס פון ישעיהוס מליצות, דער אַנדערער — פון יחזקאלס פּסוקים. די העכסטע קונסט פון סטיליסטיק איז באַשטאַנען אין דער מאָזאַיק, צוזאַמענצװױצן פון שטיקלעך אָדער פון האַלבע פּסוקים, אָדער פון אָפּגעדראָשענע, געשמאַקלאָזע און פיל מאָל אויך זינלאָזע מליצות פון דער עפּיגאָנען־צײַט. כּמעט קײנער פון די העברעאישע שריפטשטעלער האָט ניט געװאַגט צו רעדן מיט זײַן אײ־גענער מענטשלעכער שפּראַך, מיט זײַן אַקצענט און מיט זײַן אײגענעם קלאַנג.

עס איז מיר געװען מערקװירדיק, אַז די העברעאישע דיכטער און בע־לעטריסטן האָבן געזען אין דער נאַטור נאָר יענע פאַרבן, פאַר װעלכע

זיי האָבן געהאַט נעמען אין דער ביבל. פאַרבן און ניואַנסן, פאַר וועלכע זיי האָבן נים געפונען אין דער ביבל קיין זכר, האָבן זיי אויך ניט געזען אין דער נאַטור און אין לעבן. זעלבסטפאַרשטענדעלך, אַז די נאַטור־באַשרייבונגען זיינען געווען נאָר וואַריאַציעס פון ביבל־מליצות. עס האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק, ווי די הערשער פון דער העברעאישער ליטעראַטור־רעפּובליק וואָלטן געווען אַלע געבוירענע פאַרבן־בלינדע. אויך די פלאָרא, די בלומען־וועלט, איז געווען פורכטבאַר־אָרעם פאַרטראַטן אין דער העברעאישער שפּראַך. ווידער אַמאָל נאָר יענע בליאונגען און קווייטן, וועלכע זיינען צופעליק דערמאָנט געוואָרן אין תנ״ך. אַלע מענטשן וועלן זיי האָבן ניט געגעסן טרוקענעם ברויט, האָבן געגעסן „מעדנים״. ד. ה., דאָס בעסטע, שענסטע, אָבער וואָס אייגענטלעך, האָבן די לייענער פון דעם וואָרט „מעדנים״ זיך ניט געקאָנט פאַרשטעלן. אַזוי איז עס געווען אויך בנוגע דער מענטשלעכער קליידונג. די זעלביקע איינשרענקונג, די זעלביקע אָרעמקייט.

עס איז קיין פראַגע ניט געווען, אַז דער העברעאישער וואָרט־שאַץ מוז פאַרגרעסערט און באַרייכערט ווערן אויף אַלע מענטשלעכע געביטן.

איך בין געווען און בין פאַרבליבן דער גרעסטער אַנהענגער, בנוגע דער העברעאישער סטיליסטיק, פון דעם גייסט פון דער ביבלישער שפּראַך. העברעאישע ווערטער, ווען אַלע אַפילו ביבלישע, אָן דעם אורשפּרינגלעכן גייסט פון דעם העברעאישן סטיל, ווי ער איז באַהאַלטן געוואָרן אין דער ביבל און אין די עלטסטע העברעאישע דאָקומענטן, — איז, וואָס איר ווילט, אָבער ניט קיין העברעאיש און דעריבער אויך ניט אָרגאַניש.

דאָך, דער ווערטער־שאַץ אין דער ביבל איז נאָר אַ צופעליקער. פיל פון די אַלטע ספרים, וואָס ווערן דערמאָנט אין דער ביבל זיינען אונדז פאַרלוירן געגאַנגען. אויסער דעם, איז ניט געווען קיין צווייפל, אַז די אַנטוויקלונג פון דער העברעאישער שפּראַך האָט ניט אויפגעהערט ביז אויפן היינטיקן טאָג. אמת, דאָס איז געווען אַן אייגנאַרטיקע אַנטוויקלונג, מער אַן אַבסטראַקטע, אין בוך־פאָרם, אָבער דאָך ניט קיין מומיע, ניט קיין פאַרקנעכערונג.

אין די רייכע אוצרות פון דער העברעאישער ליטעראַטור, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אינם משך פון טויזנטער יאָרן, אונטער דעם איינפלוס פון פאַרשיידענע קולטורן און גייסטיקע שטרעמונגען, זיינען אויפגעהיט געוואָרן ווערטער און אויסדרוקן, וועלכע זיינען גענוג פאַר אַלע באַדער־פענישן פונם מענטשלעכן געדאַנק און געפיל, ווי אויך פון די אַלטעגלעכע גאַנץ געוויינלעכע באַדערפענישן.

עס איז געווען די פראגע: אויף וועלכן אָרט און אין וואָס פאַר אַ מאָס, ווי אויך אין וועלכן צוזאַמענהאַנג צו באַנוצן די נאָך ניט, אָדער ווייניק געברויכטע שפּראַך־אוצרות.

די פאַטערס פון דער השכלה, ווי אד״ם הכהן, יהושע שטיינבערג, קלמן שולמאַן, יהושע לעווינזאָן און פילע אַנדערע, האָבן ניט געדולדעט קיין מישונג פון שפּעטערדיקע שריפטשטעלער, בעלי־אסופות, אין דער ריין־ביבלישער שפּראַך. דאָס איז געווען אין זייערע אויגן שפּראַך־שעטנז, אָדער, כּלאים, ד. ה., סטיללאָזיקייט.

די שרייבער וועלכע האָבן יאָ געוואָגט צו געברויכן תּלמודישע אָדער שפּעטערדיקע אויסדרוקן, זיינען ניט ביכלות געווען צו פאַרשמעלצן די אַלטע און נייע עלעמענטן פון דער שפּראַך אין דער ריכטיקער פאָרם. עס איז געווען אַ מין אינערלעכער ״ויתרוצצו״.

מיינע מייסטער און לערער אין דער העברעאישער סטיליסטיק זיינען געווען, אויסער די נביאים ראשונים און אחרונים, דער רמב״ם אין זיין ספר „יד חזקה״, באַזונדערס אין הלכות דעות, און גאַנץ באַזונדערס רש״י. די איינפאַכקייט, די קלאָרקייט, די קורצקייט פון רש״יס העברעאישן סטיל האָט אויף מיר געהאַט, אין דער יוגנט, אַ געוואַלדיקן איינפלוס. פון דער נייער צייט האָט אויף מיר געהאַט אַן איינפלוס דער העברעאישער סטיל פון אליעזר הכהן צווייפל, וועלכער איז געווען דער ערשטער צו זוכן, און און געוויסערמאָסן אויך געפינען, דעם סינטעז פון דער ביבלישער און רבנישער שפּראַך. אויך מרדכי אַהרן גינצבורג האָט מיך באַצויבערט מיט זיין געלונגענעם פאַרזוך צו פאַראיינפאַכן דעם העברעאישן סטיל און אַריינברענגען אין אים די נייערע עלעמענטן פון דער שפּראַך. נאָר זיין גראַמאַטיק האָט אין פיל ערטער צוגעהונקען.

נאָך אויף אַ גרויסן פעלער האָב איך זיך אָנגעשטויסן אין דער העברעאישער סטיליסטיק, דאָס איז דער אַרכאַאיזם. ד. ה., עס ווערן גע־ברויכט ווערטער, וועלכע זיינען שוין לאַנג טויט, טויט געווען שוין אין דער ביבלישער עפּאָכע, ווערטער, וועלכע האָבן געהאַט די פאַרשידנסטע באַדייטונגען און אייגענטלעך, ניט קיין איינציקע באַדייטונג. אויך ווער־טער, וועלכע האָבן געדולדעט די פאַרשידנסטע פירושים, און דער ריכ־טיקער פירוש פון זיי איז נאָך ביז אויפן היינטיקן טאָג ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן. אויך זיינען געברויכט געוואָרן ווערטער ניט לויט זייער ריכטיקער באַדייטונג, אין דער ביבל, אָדער אין דער שפּעטערדיקער ליטעראַטור. דאָס איז אַמערסטנס געקומען פון שפּראַכלעכער אָפּגעלאָזנקייט אָדער פון ווייניק שפּראַכלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייטס־געפיל.

אויך אין דער נייער העברעאישער ליטעראַטור האָט זיך אַריינגע־שלעפּט ווי אַ מין פאַרשלעפּטע קרענק, בירושה, אַלטע, געשמאַקלאָזע אויסדרוקן. האָט איינער, למשל, געשריבן רבים (פיל), האָט ער שוין גע־מוזט שרייבן „וכן שלמים" (און אויך גאַנצע). אויך דאָרט וואו דאָס וואָרט „וכן שלמים" האָט איבערהויפּט קיין זין ניט געהאַט.

אויך דער פאַרטראַג פון דער העברעאישער פּובליציסטיק איז געווען זייער פאַרעלטערט. יעדער פּובליציסט, ווען ער איז געווען אַפילו באַ־לעזן אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, האָט ער געשריבן העברעאיש, האָט ער געמוזט, מער אָדער ווייניקער, אונטערדרשנען.

שלום יעקב אַבראַמאָוויץ (מענדעלע מוכר ספרים), האָט אין זיין ער־שטער ליטעראַרישער עפּאָכע זיך בשום אופן ניט געקאָנט באַפרייען פון די מערסטע פעלערן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער העברע־אישער סטיליסטיק און מיט דעם העברעאישן פאַרטראַגס־אופן. אויך ער איז געווען די ערשטע צייט כמעט אַ פּוריסט. אויך ער האָט געפּרואווט אַלץ אויסצודריקן מיט דער צאָל העברעאישע ווערטער, וואָס געפינען זיך נאָר אין דער ביבל. און מערקווירדיק, אויך די שטרענגסטע פּוריסטן פון יענער צייט האָבן ניט אויסגענוצט די ביבלישע שפּראַך און אַלע אירע אינערלעכע מעגלעכקייטן און אַנטוויקלונגס־זאָמען וואָס זיינען אַנטהאַלטן אין איר. ווי אויסנאַמען אין דער הינזיכט קאָן מען נאָר אָנרופן די נעמען פון אַברהם מאַפּו און יצחק ערטער, דער פאַרפאַסער פון „הצופה".

דער בעסטער העברעאישער סטיליסט איז געווען פאַררעכנט, אין מיין יוגנט, קלמן שולמאַן. אויך איך בין געווען אַ קורצע צייט באַגייסטערט פון זיין פּאָעטישן סטיל. אָבער נאָך אַ קורצער צייט. ווייל שוין אין מיינע יוגנטלעכע יאָרן האָט מיר מיין קריטישער פאַרשטאַנד געזאָגט, אַז אַ סטיל אין וועלכן דאָס גאַסן־מיידל פון פּאַריז (אין דער איבערזעצונג פון „מסתרי פּאַריז") רעדט די זעלביקע שפּראַך מיטן זעלביקן פּאַטאָס, ווי דער כהן־גדול אין קדשי קדשים, — אַז אַזאַ סטיל קאָן בשום אופן ניט דינען אַלס מוסטער פאַר אַ מאָדערנעם העברעאישן שרייבער.

יעדן אַרטיקל, וואָס איך האָב אין מיין ערשטער עפּאָכע געשריבן פאַרן דרוק, האָב איך אים פיל מאָל באַאַרבעט און איבערגעשמאָלצן אין אַ מאָ־דערנער פאָרם. מיין שווערסטע אויפגאַבע איז געווען צו שרייבן העברע־איש אין פולשטענדיקן איינקלאַנג מיט דעם ביבלישן גייסט פון דער שפּראַך, אָבער צו דער זעלבער צייט זיך ניט אָפּזאָגן פון קיין ניואַנס, פון קיין אָפּשאַטירונג פון דעם מאָדערנעם מענטשלעכן געדאַנק און פון דער העברעאישער פאַרטראַגס־פאָרם.

IV

איך האָב אין דער יוגנט פֿאַרווענדט זייער פֿיל צייט און מי אויף לערנען די העברעאישע שפּראַך ווי אַ שפּראַך, ווי אַ מעגלעכער אינס־טרומענט, מיט וועלכן מ׳קאָן זיך אויסדריקן פֿריי, פּרעציז און קלאָר, אָן קונצנמאַכעריי; ווי אַ שפּראַך אין וועלכער דער מענטשלעכער געדאַנק זאָל זיך ניט פּילן ווי אין אַ „צוואַנגס־יאַקע״, ווי אין דער „סדום־בעטל״. פֿון חדר, פֿון בית־המדרש האָב איך ניט מיטגעבראַכט קיין קענטעניש פֿון העברעאיש ווי אַ שפּראַך. אויפֿן זיבעטן יאָר פֿון מיין לעבן האָט מיין רבי, וואָס איז געווען אַ קנאַפּער בעל־פּסוק, אָנגעהויבן לערנען מיט מיר גמרא, בבא־קמא, און דער תּנ״ך איז געווען נאָר אַ זייטיקער, אַ ניט וויכטיקער לימוד, פֿאַר קינדער מיט גרעבערע קעפּ. אין די קינדערשע יאָרן פֿלעג איך ציטירן אַ פּסוק ניט פֿון תּנ״ך, נאָר פֿון דער גמרא.

מיינע מלמדים אין די חדרים האָבן מיר אויך פֿאַרדאָרבן דעם גע־שמאַק פֿונם תּנ״ך מיט זייערע אומגעלומפּערטע פּאַרטייטשונגען און דער־קלערונגען, לויט די דרשות פֿון די חז״ל, אָדער לויט די רמזים פֿון די מקובלים.

ווען איך בין אַלט געווען עלף יאָר און האָב שוין געקאָנט אַליין דערקלערן די שווערסטע סוגיות אין דער גמרא, האָט מיר דער פֿאָטער גענומען אַ באַזונדערן רבי צו לערנען מיט מיר אַ שעה אין טאָג דקדוק. דער רבי, יהודה ברײנין, מיינער אַ נאָענטער קרוב, האָט געוואוסט דעם גאַנצן תּנ״ך אויסווייניק און איז געווען באַקאַנט ווי דער גרעסטער בעל־דקדוק און דער גרעסטער מליץ. זיין גאַנץ לעבן האָט ער געווידמעט דעם תּנ״ך און דער העברעאישער גראַמאַטיק. ער איז מיט מיר דורכגע־גאַנגען די אַלטע און שווערסטע העברעאישע גראַמאַטיקעס: דעם „צוהר התיבה״, דעם „מסולל״ און דעם „מכלול״ פֿון רבי דוד קמחי. די ער־שטע צייט בין איך געווען דערשטוינט צו זען, אַז לשון־קודש האָט אַן אינערע לאָגיק און אייזערנע געזעצן. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מיין רבי האָט באַוואונדערט מיין שנעלע תּפיסה און מיין גרויסן דערפֿאָלג אינם לימוד פֿון דקדוק, איז דאָך דער טרוקענער לימוד געווען אַ פּיין פֿאַר מיר. די מעטאָדע פֿון מיין רבין איז געווען אַ טויטע, אַן אוממעגלע־כע, אין קיין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פֿליסנדיקן לעבן, מיט דער פֿיזיאָ־לאָגיע פֿון דער שפּראַך.

מיין דקדוק־רבי, וואָס האָט געקאָנט דעם תּנ״ך אויף אויסווייניק און איז געווען אַ גרויסער בעל־מליץ, האָט באַשלאָסן, אַז ניט קוקנדיק אויף

דעם, וואָס איך בין גאָר אַ מזיק אין חכמת־הדקדוק, וועל איך דאָך קיין מאָל ניט קאָנען אויפשרייבן אַ בריוול אויף לשון־קודש. מיין פאָטער האָט מיט אים מסכים געווען.

די אורזאַך פון מיין רביס שווערן גזר־דין איז געווען מיין שטאַרקע אָפּנייגונג צו שווערע טונקעלע מליצות. איך האָב געהאַט דעם מוט צו קריטיקירן זיינע האַרבע, אַנגעבלאָזענע מליצות, אַרויסגענומען פון איוב און יחזקאל.

ווען דער רבי פלעגט מיר אויפגעבן עטוואָס אויפצושרייבן אויף לשון־קודש, פלעג איך דאָס שרייבן מיט גאַנץ איינפאַכע ווערטער (רש״י איז געווען מיין מוסטער פון קינדוויַיז־אָן), אָן קונצן.

דער רבי האָט געהאַסט מיין פשטות. ער איז געווען איבערצייגט, אַז מיר פעלט יעדער חוש פאַר מליצה, וואָס דאָס איז די הויפּט זאַך אין אַ בריוו. קיינער פון מיינע מלמדים און ראשי־ישיבות, ביי וועמען איך האָב געלערנט, האָט קיין ברעקל חוש ניט געהאַט פאַר דעם טייל פון דער אַגדה אין תלמוד, פאַר דער פּאָעזיע און די רייכע שפּראַך־אוצרות וואָס זי פאַרמאָגט.

ווען איך האָב אָנגעהויבן צו שטודירן לשון־קודש אַלס אַ שפּראַך, ניט נאָר פאַר מלאכים נאָר אויך פאַר לעבעדיקע, דענקנדיקע און פילנדיקע מענטשן, האָב איך זיך געווענדט צו די ערשטע מקורים. איך האָב אָנגעהויבן פלייסיק צו שטודירן דעם תנ״ך, די משנה און די אגדה. דורך אַ גליקלעכן צופאַל און ניט דורך ווייניק מי האָב איך דערוואָרבן דעם תנ״ך מיט משה מענדלסאָנס און זיינע תלמידימס דייטשע איבערזעצונג און מיט זייערע באורים, ווי אויך דעם „תלמוד לשון עברי״ פון בן־זאב.

דער תנ״ך, דאָס בוך פון די ביכער, ספר־הספרים, איז פאַר מיר דאָס מאָל געווען די וואונדערבאַרסטע אַנטדעקונג. מיט נייע אויגן און מיט פרישע חושים האָב איך אָנגעהויבן באַגרייפן די אומפאַרגלייכלעכע שיינקייטן און טיפקייטן פונם אייביקן ספר. אין חדר איז פאַר מיר דער תנ״ך געווען אַן איבעריקע לאַסט. ניט מיין מוח און ניט מיין האַרץ האָבן אין אים געפונען קיין נאַרונג, קיין טיפערן אינטערעס. איצט איז פאַר מיר געוואָרן דער תנ״ך אַ קוואַל פון באַגייסטערונג, פון דערהויבונג. איך האָב אָנגעהויבן פילן און באַגרייפן די גרעסטע שאַפונג פון אונדזער נאַציאָנאַלן געניוס. די באַגייסטערונג איז אין מיר טיף פאַרבליבן מיין גאַנץ לעבן. די אומבאַרחמנותדיקע ביבל־קריטיק פון די קומענדיקע יאָרן, ווי אויך די באַקאַנטשאַפט מיט אַנדערע גרויסע ווערק פון די אַלטע פעלקער, האָבן ניט געקאָנט אָפּקילן מיין אינערלעכע באַגייסטערונג.

דער „תלמוד לשון עברי״ פֿון בן־זאב האָט מיך באַקאַנט געמאַכט אין אַ געוויסער מאָס אויך מיטן סינטאַקסיס פֿון דער העברעאישער שפּראַך. זייענדיק שוין באַקאַנט מיט די גראַמאַטיקס פֿון לעבעדיקע שפּראַכן האָט דער „תלמוד לשון עברי״, אַ פּראָדוקט פֿון דער נייער צייט, געבראַכט מער פּראַקטישע נוצן אין דער אָנווענדונג פֿון דער שפּראַך.

איך בין נאָך דעם געווען דערשטוינט צו באַמערקן, אַז געוויסע אַלגעמיין־אָנערקענטע העברעאישע שרייבער זיינען ווייניק באַקאַנט מיט די אינערלעכע געזעצן פֿון דער ביבל־שפּראַך, אָדער פֿאַרהאַלטן זיך, יעדנפֿאַלס, זייער נאַכלעסיק צו די געזעצן. די אַנטוויקלונג פֿון דער העברעאישער שפּראַך האָט אַריבערגעוואַקסן און איז אַרויס פֿון די גרעניצן פֿון די פֿאַרעלטערטע העברעאישע גראַמאַטיקס.

אויך די גרינדעלך־וויסנשאַפֿטלעכע גראַמאַטיק פֿון דער משנה־שפּראַך (דקדוק לשון המשנה) פֿון רבי זכריה פֿרענקל, איז געווען מער טעאָרעטיש. פּראַקטיש האָט מען זיך אַליין געמוזט העלפֿן.

מיינע פֿריינט האָבן מיך טיף באַדויערט, פֿאַרוואָס איך פֿאַרווענד אַזוי פֿיל צייט און אַרבעט אויף טויטע זאַכן.

שטודירנדיק די השכלה־ליטעראַטור האָב איך זי געפֿונען זייער טרוקן, כמעט אָן אַ טראָפּן לעבן, גאַנץ ווייט פֿונם ווירקלעכן יידישן לעבן, אָן אַ זייט פֿונם לעבעדיקן אייראָפּייאישן געדאַנקען־שטראָם. דאָס לעבן אַרום מיר און אין מיר זעלבסט האָבן אין דער דאָזיקער ליטעראַטור קיין אָפּ־שפּיגלונג, קיין אָפּקלאַנג ניט געפֿונען.

ווען איך האָב אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע מיינונג אין דער געגנוואַרט פֿון פֿאַנאַטישע אָנהענגער פֿון דער השכלה־ליטעראַטור, האָבן זיי מיר ניט געקאָנט מוחל זיין מיין שאַרפֿע קריטיק. זיי האָבן ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן קיין וואָרט קריטיק בנוגע יענע השכלה־שרייבער, וואָס יעדעס וואָרט פֿון זייער פען איז געווען אין זייערע אויגן קודש־קדשים.

פֿריער, אַלס חסידים, האָבן זיי פֿאַרגעטערט זייערע רביים, די אַזוי־גערופֿענע צדיקים. איצטער, אַלס משכּילים, האָבן זיי פּשוט פֿאַרגעטערט די השכלה־שרייבער.

די חסידים, ווי אויך די מתנגדים, די פֿאַנאַטיקער, די, וועלכע האָבן פֿריער געלייגט אויף מיר גרויסע האָפֿנונגען, אַז איך וועל אויסוואַקסן אַ גדול־בישראל, האָבן זיך אָפּגעקערט פֿון מיר מיט גרויס צאַרן, ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז איך באַשעפֿטיק זיך צופֿיל מיטן תנ״ך. דאָס האָט געצויגן אויף מיר אַ חשד פֿון אַפּיקורסות.

ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז איך האָב געקויפֿט אַ תּנ״ך מיט דעם באור פֿונם דעסויער (מענדלסאָן) האָט מען געשטורעמט אין די בתּי־מדרשים. עפּעס אַ קלייניקייט אַזאַ מעשׂה, דעם בערלינער תּנ״ך צו האַלטן אין אַ יידישער הויז! אויף מיר האָט דער שטורעם קיין איינדרוק ניט געמאַכט. איך האָב מיינע בלינדע געגנער מבטל געמאַכט אין האַרצן, איך האָב זיי באַטראַכט ווי פֿלעדערמויז־נשמות, וואָס קאָנען ניט פֿאַרטראָגן אַ שטראַל ליכט.

די איבערלעבונגען פֿון יענער יוגנטלעכער און נאַאיווער צייט, דער ווילדער פֿאַקט, אַז מען האָט מיר פֿאַררעכנט דאָס שטודירן דעם תּנ״ך אַלס גרויסע זינד, פֿאַר וועלכער מ׳האָט מיך שיר ניט אין חרם אַריינגעלייגט — די דאָזיקע איבערלעבונגען האָבן נאָך פֿאַרשטאַרקט אין מיר דעם ווילן צו ווידמען מיין לעבן און אַלע מיינע קרעפֿטן דער העברעאישער ליטע־ראַטור, צו רייניקן די גייסטער און צו באַקעמפֿן דעם מיטלאַלטערלעכן פֿאַנאַטיזם וואָס האָט נאָך געהערשט אין אונדזער לעבן, אין די בתּי־מדרשים און אין די קהלשע שטיבלעך.

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך האָב זיך זייער קריטיש באַצויגן צו דער השׂכּלה־ליטעראַטור, בין איך דאָך אין מיין פֿריער יוגנט גע־שטאַנען אונטער איר איינפֿלוס. מיט רעכט זאָגט ערנסט רענאַן: דער וואָס לאַכט פֿון זיינע גייסטיקע קייטן, איז נאָך ניט באַפֿרייט פֿון זיי. און אַפֿילו דאַן ווען ער האָט זיך באַפֿרייט פֿון זיינע קייטן, שלעפּט ער זיי דאָך נאָך זיך נאָך אַ געוויסע צייט, כּמעט אַליין ניט מערקנדיק דאָס.

איך האָב נאָך אַליין געגלויבט, כּמעט געווען איבערצייגט, אַז מען קאָן ענדערן דעם גרונט־טאָן פֿונם לעבן, אַז מען קאָן אָפּשאַפֿן, איבער־שאַפֿן, איבערשמעלצן דעם מענטשלעכן כּאַראַקטער און ווערן מיט שיינע, גייסטרייכע, אָדער מיט שטאַרקע, מיט פּראָפֿעטישן פּאַטאָס אַרויסגעזאָג־טע ווערטער, ניט איבערבייטנדיק, ניט איבערשאַפֿנדיק דערביי די פּאָ־ליטיש־עקאָנאָמישע און די סאָציאַלע לעבנס־באַדינגונגען און לעבנס־מעגלעכקייטן. דער גלויבן אינם כּוח פֿונם וואָרט איז דאַן געווען כּמעט גרענעצלאָז. דאָס וואָרט איז געשטאַנען אין אָנהויב און אין סוף.

אין דער צייט וואָס איך האָב זיך געגרייט צו מיין שפּעטערדיקער אויפֿגאַבע אין דער העברעאישער ליטעראַטור, האָב איך אויך הייס־ הונ־געריק געשלונגען די מייסטערווערק אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַ־טור. דאָך ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די לעצטע האָט געהאַט אַן אַנט־שיידנדיקן איינפֿלוס אויף מיין גייסט, האָב איך דאָך טיף אין מיין נשמה געגלויבט, אַז די דינאַמישע און באַלעבנדיקע קראַפֿט ליגט אינם העב־רעאישן וואָרט, אַפֿילו אין די פֿיר־עקיקע אותיות. מען דאַרף נאָר אַריינ־

טראָגן מער װעלט־גײסט, מער װעלט־נשמה, אַ נײַע קדושה אין די אַלטע װערטער.

יענע יונגע פֿרײַנט מײַנע, װאָס האָבן פֿאַרגעטערט די רוסישע ליטע־ראַטור און אירע גרױסע מײסטער, האָבן בשום אופֿן ניט געקאָנט באַ־גרײַפֿן מײַן גלױבן אינעם כּוח פֿונעם העברעאישן װאָרט. זײ האָבן מיר ניט געקאָנט פֿאַרגעבן די באַזונדערע ליבע און טיפֿן אינטערעס, װאָס איך האָב אַרױסגעװיזן צום העברעאישן קלאַסישן װאָרט, װי אױך צו יעדער נײַער דערשײַנונג אין דער ליטעראַטור. זײ האָבן דאָס גערעכנט פֿאַר אַ באַלײדיקונג, פֿאַר אַ פּאַטש אין פּנים דעם נײַעם צײַט גײסט. זײ האָבן גערעכנט די העברעאישע ליטעראַטור פֿאַר טױט לעולם־ועד.

הגם איך אַלײן האָב זיך זײער קריטיש פֿאַרהאַלטן צו דער נײַ־העב־רעאישער ליטעראַטור, פֿלעגט דאָך מיך באַלײדיקן און שמערצלעך קרענ־קען דער פֿאַראַכטנדיקער ביטול מיט װעלכן יענע פֿרײַנט האָבן זיך באַ־צױגן צו אונדזער ליטעראַטור.

מײַן קריטיק האָט געשטאַמט פֿון גרױס ליבע צו דער ליטעראַטור, פֿון מײַן גלױבן אין איר עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, יאָ, אין איר נױט־װענדיקײט און אין אירע גרױסע אַנטװיקלונגס־מעגלעכקײטן. ניט אַזױ מײַנע פֿרײַנט. זײער ביטול האָט געשטאַמט פֿון זײער ניט װיסן און ניט װעלן װיסן, װאָס עס װערט געשאַפֿן און װאָס עס קאָן געשאַפֿן װערן אין העברעאיש.

אין ווילנע

די באַגעגעניש מיט ווילנער משכילים

אין מיין געבורטסשטאָט האָב איך קיין מאָל ניט געזען אַ שרייבער. מיין גרעסטער טרוים איז געווען — צו באַגעגענען אַ העברעאישן שריי־בער פנים־אל־פנים. איך האָב זיך קיין גרעסערן גליק ניט געקאָנט פאַר־שטעלן, ווי צו רעדן פה־אל־פה, מויל צו מויל אַ פאָר ווערטער מיט איי־נעם פון די שרייבער, וואָס האָבן געהאַט אויף מיר אַ ווירקונג, און וועל־כע איך האָב גערעכנט אַלס די דירעקטע יורשים פון אונדזערע אַמאָ־ליקע נביאים.

קלמן שולמאַן מיט זיין ריין־ביבלישער שפּראַך און מיט זיין שטענ־דיקן פּאַטאָס, ווען וואָס ער האָט ניט געשריבן, איז געווען איינער פון די ערשטע אין מיין פריסטער יוגנט, וואָס האָבן אין מיר פאַרשטאַרקט דעם חשק צו לייענען די נייע העברעאישע ליטעראַטור — און נאָך מער — צו ווערן אַליין אַ העברעאישער שרייבער; דאָס האָט געהייסן, לויט מיינע דאַמאָלסדיקע באַגריפן, אַ פאַרשפּרייטער פון ליכט, אַ מוטיקער קעמפער פאַרן אמת און פאַר דער גערעכטיקייט. קיין העכערן אידעאַל האָב איך מיר ניט געקענט פאַרשטעלן.

נאָך איידער איך האָב אָנגעזען דעם „אהבת ציון" פון אַברהם מאַפּו און איידער איך האָב געהאַט אַן אַנונג פון פּרץ סמאָלענסקינס „התועה בדרכי החיים", אָדער פון אד"ם הכהנס שירים, האָב איך שוין געהאַט געלייענט קלמן שולמאַנס "דברי הימים" און „תולדות חכמי ישראל".

קלמן שולמאַנס ווערק (ריכטיקער: איבערזעצונגען, פריע באַאַרבע־טונגען פון דער דייטשער שפּראַך) האָב איך נאָך געלייענט אין יענע אינגלשע יאָרן, ווען איך האָב קיין פרעמדע שפּראַכן ניט פאַרשטאַנען און בין געווען זייער פרום, טיף רעליגיעז; אין די יאָרן ווען מיינע טעג און נעכט זיינען געווידמעט דער גמרא און די פוסקים. די ספרי־חצונים האָב איך ניט געוואָלט אָנזען. אמת, אַ באַהאַלטענער וואונטש האָט מיך געצויגן צו זיי, ניט קענענדיק און ניט וויסנדיק דעם אייגנטלעכן כאַ־ראַקטער און וועזן פון די אַזוי גערופענע ספרי־חיצונים און ספרי־מינים, אָבער איך האָב מורא געהאַט, אַז זיי וועלן מיך אַראָפּפירן פונם דרך־הישר. שולמאַנס "ביכלעך" אָבער, ווי די וויסנשאַפטלעכע חבורים פון חיים זעליג סלאָנימסקי און פון צבי הכהן ראַבינאָוויץ, זיינען כשר־וישר אין אַלע הינזיכטן.

די װערק פֿון סלאָנימסקי און ראַבינאָװיץ האָבן געשאַרפֿט דעם מוח נאָך מער װי דער מהרש״א און געלערנט לאָגישער צו דענקען. די ביכלעך פֿון קלמן שולמאַן האָבן געװירקט אויף מײַן פֿאַנטאַזיע. נאָך שװערער קאָפּ־אַרבעט אויף אַ האַרבער סוגיה אין תּלמוד אָדער אויף אַ מאַטעמאַטישער אויפֿגאַבע איז פֿאַר מיר קלמן שולמאַנס אַ ביכל געװען אַן אמתע דערלײַזונג, אַן אָפּרו. אי איך האָב געהאַט גרויס הנאה פֿון זײַן לשון, װאָס איז געװען אַזױ זיס, װײך און געשמאַק, און דערבײַ אַזױ גאַרניט פֿעסט און שאַרף געשליפֿן. דער חן פֿון שולמאַנס רײַן ביבלישער שפּראַך אין װעלכער ער האָט איבערזעצט די פֿילאָזאָפֿישע בריװ פֿון שילער צו געטע, האָט מיך דירעקט באַצױבערט. די קאַפּיטלעך װעגן נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט אין זײַן „דברי הימים״ האָבן געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן אײַנדרוק ניט נאָר מיט דער גרויסקייט פֿון נאַפּאָלעאָנס פּערזענלעכקייט, נאָר אויך, און אפֿשר נאָך פֿיל מער, מיט דער שפּראַך אין װעלכער ער װערט געשילדערט.

אין מײַן קינדערשער פֿאַנטאַזיע האָב איך זיך פֿאָרגעשטעלט קלמן שולמאַנען אַלײן אַלס אַ העלד, אַלס אומגעװײנלעך־מוטיקן און גײַסט־רײַכן מענטשן. איך האָב געגלויבט, אַז אַ מענטש, װאָס קען אַזױ שײן און אַזױ דערהױבן שרײַבן אין דער שפּראַך פֿון די נביאים, אַ מענטש, װאָס קען אַזױ גוט די װעלט־געשיכטע און די געשיכטע פֿון די חכמי־ישראל, אַ שרײַבער, װאָס גיט איבער אַזױ שײן און מײַסטערהאַפֿט אין לשון־קודש די געדאַנקען פֿון די גריכישע פֿילאָזאָפֿן, אַ מאַן, װאָס זעצט איבער אַזאַ גרויסן און אַזאַ װאַכעדיקן פֿראַנצױזישן ראָמאַן װי „מסתּרי פּאַריז״ אין דער שפּראַך פֿון תּנ״ך, און אין דער זעלבער צײַט זעצט ער איבער אויך אַזאַ אַלט און אַזאַ װיכטיק װערק װי די פֿון יאָזעפֿוס פֿלאַװיוס — אַזאַ װאונדערלעכער מענטש, — האָב איך געדענקט, — מוז דאָך אויך קערפּערלעך זײַן זײער שײן. קען דען אַ מענטש, װאָס שרײַבט אַזױ שײן העברעאיש, זײַן ניט שײן און ניט עלעגאַנט? איך האָב שטאַרק אידעאַליזירט און פֿיל געטרוימט פֿון אים און איבער אים. איך האָב זיך ניט געקענט פֿאָרשטעלן אַ גרעסערן גליק אין לעבן, װי צו באַקענען זיך מיט אַזאַ אויסערגעװײנלעכן מענטשן, װי קלמן שולמאַן מוז אַװדאי זײַן.

מיר האָט זיך גאַרניט געקענט גלויבן, אַז מיר װעט נאָך באַשערט זײַן צו געניסן אָט דעם גליק — זיך צו באַקענען מיט קלמן שולמאַן פּערזענלעך, און פֿאַרברענגען מיט אים שטונדן־לאַנג.

זינט אָט די ײנגלשע חלומות זײַנען אַװעקגעגאַנגען נאָך אַ פּאָר יאָר, — יאָרן פֿון פֿלײסיקער שטילער אַרבעט אויף זיך אַלײן, אויף דער אײגענער אויסבילדונג, יאָרן פֿון נײַע חלומות און נײַע װאונטשן, יאָרן פֿון זו־

כעניש אין דער פינצטער, פון פרייד און אינערלעכן גליק אויף יעדער דערגרייכונג, אויף יעדן שטראַל־ליכט, אָדער אויף דעם, וואָס איך האָב נאָר געגלויבט, אַז עס איז ליכט. אין יענע יאָרן האָב איך געקענט נאָר די ספרים, ניט די מענטשן, און איך האָב שטאַרק געגלויבט אין דעם צויבער פון דער גרויסער ווייטער וועלט, צו וועלכער מיך האָט געצויגן ווי מיט אַ מאַגנעט.

אַז איך האָב זיך שוין אַביסל באַקענט מיט אַ טייל פון די הויפּט־ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור און מיט דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור פון רבי משה חיים לוצאַטו ביז פרץ סמאָלענסקין, אין דער צייט, ווען איך האָב שוין געהאַט באַשלאָסן זיך צו ווידמען אַלס שריפטשטעלער אָט דער ליטעראַטור, איז מיר אויסגעקומען צו מאַכן אַ רייזע קיין ווילנע אין אַ פאַמיליע אַנגעלעגנהייט (וואָס דאָ איז ניט דער פּלאַץ וועגן דעם צו דערציילן).

קומענדיק צום ערשטן מאָל אין ווילנע, די אויבנדערמאָנטע „ירושלים דליטא", דאָס וויגעלע פון דער השכלה, די שטאָט פון מתתיהו שטראַשון, שמואל יוסף פין, אד"ם הכהן און מיכ"ל, די שטאָט פון וועלכער איך האָב אַזוי פיל געחלומט אין דער פריסטער יוגנט, — בין איך דורך אַ געוויסן צופאַל די ערשטע צייט אַריינגעפאַלן אין אַ קרייז פון שטודירנדיקער יוגנט, סטודענטן און סטודענטקעס (דאָס איז געווען די וואַקאַנס צייט, ווען די שטודירנדיקע יוגנט קומט זיך צוזאַמען פון די אוניווערזיטעט־שטעט צו זייערע עלטערן). אייניקע פון די סטודענטקעס, שוין דאַן מיט קורץ־געשאָרענע קעפּ און מיט שפּאַקולן אויף די אויגן, זייער נאַכלעסיק געקליידט און מיט פרייע האַלב־מענערלעכע מאַנערן, האָבן מיך, דעם אומדערפאַרענעם פּראָווינציאַל, כמעט אַריינגעצוואונגען אין זייער קרייז. זיי האָבן מיך פשוט ניט אָפּגעלאָזן. איך ווייס עד־היום ניט מיט וואָס איך האָב זיי דאַמאָלט פאַראינטערעסירט, צי מיט מיינע זייער לאַנגע האָר, שוואַרץ ווי פּעך, מיט אַ בלוילעכן אָפּגלאַנץ, וואָס איך האָב דאַן געטראָגן, אָדער מיט מיין שעמעוודיקייט, מיט מיין פּראָווינציעלער נאַאיוויטעט, מיט מיין פעאיקייט זיך שטאַרק צו באַגייסטערן און צו ריידן הויכע פראַזן וועגן ליטעראַטור. דורך די סטודענטקעס, ניהיליסטקעס און האַלבע סאָציאַליסטקעס, לויט דעם שניט און דעם שטייגער פון יענער צייט, מיט זייער ווייניק אינדיווידואַליטעט, האָב איך זיך אויך נעענטער באַקאַנט מיט אידישע סטודענטן, וואָס האָבן אומגעלומפּערט קאָפּירט באַזאַראָוון, דעם העלד פון טורגעניעווס ראָמאַן „פאָטער און קינדער". דאָס לעצטע וואָרט פון דער וויסנשאַפט און חכמה איז געווען אין זייערע אויגן דער אַרטיקל „רעאַליסטי" פון פּיסאַרעוו, וואָס האָט אַנטהאַלטן אומרייפע

און נאַיװע אַנזיכטן און װאונטשן פֿון, אמת, אַ זייער באַגאַבטן און ער־לעכן פּובליציסט, װעלכער איז אָבער געבליבן שטיין צוליב זיין פּריצײי־טיקן טויט, צו 28 יאָר, אויף דער ערשטער שטופֿע פֿון זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג. אַנדערע סטודענטן פֿון אָט דעם קרייז האָבן געטרוימט פֿון דעם פֿאַרשיקטן טשערנישעווסקי און פֿון זיין ראָמאַן „וואָס צו טאָן?"

די װערק פֿון לאַסאַל און דער „קאַפּיטאַל" פֿון קאַרל מאַרקס זיינען געװען אומבאַקאַנט אין אָט דעם קרייז. די אינגערלעכע באַציאונג פֿון אָט דעם קרייז, צו אַלץ װאָס איז יידיש איז געװען אַ פֿולשטענדיק נעגאַטיװע, די מערסטע פֿון זיי, אַליין דערצויגן געװאָרן אין גוטע טראַדיציאָנעלע הייזער, האָבן זיי דאָך דירעקט געהאַסט און פֿאַראַכט אַלץ, װאָס האָט צו טאָן מיט ספּעציעלע יידישע אינטערעסן, מיט יידישער קולטור, דער־ביי ניט האָבנדיק קיין פּאָזיטיװן אידעאַל, אָדער ערגעץ װעלכן עס איז פֿעסטן פּונקט מחוץ פֿון דער יידישער װעלט.

מער װי אַ פּאָר טעג האָב איך ניט געקענט אויסהאַלטן אין דער אַטמאָספֿערע פֿון אָט דעם קרייז. די געשאָרענע און באַברילטע סטו־דענטקעס, מיט זייער עראָטישער פּלאַפּלעריי, װאָס האָט געזאָלט דינען אַלס צייכן פֿון עמאַנציפּאַציע, פֿון באַפֿרייאונג, האָבן מיך אָפּגעשטויסן. איך האָב זיי ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן, ניט פֿיזיש און ניט פּסיכיש. די פֿאַרקריפּלטע יידישע באַזאַראָװוס מיט זייערע לאַנגװייליקע און גייסט־לאָזע אויסגעדראָשענע דעבאַטעס זיינען מיר נאָך די ערשטע שמועסע־רייען מיט זיי, איבערדריסיק געװאָרן. מיר איז געװען שװער צו אָטעמען אין זייער קרייז. איך האָב באַלד געזוכט אַרויסצורייסן זיך פֿון אים. די מערסטע פֿון זיי אָבער זיינען געװאָרן צוגעבונדן צו מיר. װי עס שיינט האָט דװקא מיין קעגנזאַץ צו זיי און מיין אייגנטימלעכקייט געהאַט אַ צוצי־אונגס קראַפֿט פֿאַר זיי. עס װאָלט מיר ניט געװען אַזוי גרינג צו באַ־פֿרייען זיך פֿון אָט דעם יוגנטלעכן קרייז, װען אַ געװיסע דעבאַטע װאָלט מיר ניט געקומען צו־הילף.

די מעשה איז געװען אַזוי:

אויף אַ שפּאַציר־גאַנג מיט דער האָלב־לוסטיקער און האַלב־צינישער חברה, איז מיר פּלוצים איינגעפֿאַלן צו פֿרעגן ביי מיינע באַגלייטער, אַלע געבוירענע װילנער, װער פֿון זיי װייסט װאו עס איז די װאוינונג פֿון קלמן שולמאַן, אָדער װי קען איך אים אויפֿזוכן. קיינער פֿון זיי האָט דעם דאָ־זיקן נאָמען קיין מאָל ניט געהערט. האָב איך זיי געפֿרעגט װעגן שמואל יוסף פֿין, — װידער אַמאָל: קיינער פֿון מיינע באַגלייטער האָט ניט גע־װאוסט צו ענטפֿערן. זיי האָבן דעם נאָמען פֿין אויך ניט געהערט. — איך בין געװאָרן דערשטוינט.

— וואָס זיינען דאָס פֿאַר אַ הערן, וואָס איר פֿרעגט זיך נאָך אויף זיי?

— דאָס זיינען יידישע געלערנטע, העברעאישע שריפֿטשטעלער. האָט איר ווירקלעך קיינמאָל ניט געהערט זייערע נעמען? אָדער איר מאכט אַזאַ אָנשטעל? — איז געווען מיין ענטפֿער און מיין פֿראַגע צוגלייך.

אַזוי ריידנדיק האָבן מיר דערגרייכט די פּראַכטפֿולע אומגעבונג פֿון ווילנע. דאָ האָט זיך אַנטוויקלט צווישן אונדז אַ היציקע דעבאַטע וועגן דער העברעאישער ליטעראַטור און וועגן דער יידישער וויסנשאַפֿט.

די חברה האָט אויף דעם רעכענונג אַרויסגעוויזן ציניש און בי־ליקן שפּאָט.

דאָ האָב איך זיך ניט געקענט מער באַהערשן און איך האָב דער חברה פֿריי און אָפֿן אַרויסגעזאָגט, וואָס איך דענק וועגן זיי. איך בין געווען שאַרף און ביטער אין מיין קריטיק, פֿול מיט גאַליקן שפּאָט אויף זייער רעכענונג. דער פּראָווינציאַל און דער ביכער־מענטש אין מיר איז אַרויסגעשפּרונגען אין זיין אומגעצוואונגענער געשטאַלט. די חברה איז געווען שטאַרק באַליידיקט. די רעדל־פֿירער פֿון דער קאָמפּאַ־ניע האָבן מיר מיט צאָרן דערקלערט, אַז זיי האָבן געהאַט אין מיר אַ טעות. זיי האָבן פֿריער געגלויבט, אַז איך בין אַ פֿרייער, פּראָגרעסיווער מענטש, און זיך שוין לאַנג אָפּגעזאָגט פֿון אַלע אבערגלויבנס און נאַריש־קייטן וואָס נאָר אַלטע צוריקגעשטאַנענע יידן האַלטן פֿון דעם. צום סוף אָבער, האָב איך זיי אַליין איבערצייגט מיט מיינע אייגענע ווערטער, אַז איך בין אַ רעאַקציאָנער, אַ פֿינצטערלינג, וואָס קלאַמערט זיך נאָך אין אַזאַ טויטער שפּראַך, ווי לשון־קודש און אָן די בטלנים וואָס שרייבן אין אָט דער שפּראַך. זיי האָבן אויסגעגאָסן זייער גאַל אויף דער פֿינצטערניש, וואָס הערשט אין דער יידישער גאַס און אין די בתי־מדרשים.

שטום און מיט פּאַרדרוס האָב איך זיך אָפּגעקערט פֿון דער חברה און אַליין געפֿונען מיין וועג.

קלמן שולמאַן

ניט אַזוי לייכט איז מיר אָנגעקומען אויסצוגעפינען אין ווילנע די דירה פון קלמן שולמאַן. אַלס אַ גאַנץ פרעמדער און אומבאַקאַנטער אין ווילנע, האָב איך ניט אויפגעהערט נאָכצופרעגן זיך ביי פאַרבייגייענדע אין די גאַסן:

— קאָנט איר מיר פיליכט זאָגן, וואו וואוינט קלמן שולמאַן?

— וואָס איז זיין געשעפט?

— אַ העברעאישער שרייבער.

— וואָס?... ניט געהערט... איך וויים ניט...

דאָס איז געווען דער אַלגעמיינער ענטפער, וואָס איך האָב באַקומען פון די פאַרבייגענדיקע.

אין מיין פראָווינציעלער נאַאיוויטעט האָב איך ניט געקענט באַגרייפן: וואָס הייסט דאָס, מען ווייסט ניט, אין ווילנע זעלבסט, ווער קלמן שולמאַן איז און וואו ער וואוינט?

צופעליק האָב איך זיך באַקענט מיט אַן אַלטן משכיל, אַליין אַ פרעמדער אין ווילנע, און פון אים האָב איך זיך דערוואוסט וואו שולמאַן וואוינט.

עס איז שוין אַ געשיכטע פון אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, און איך געדענק נאָך היינט דעם נאָמען פון דער געסל און פונם הויף, וואו שולמאַן האָט דאַן געוואוינט. עפּעס אַ בלאָטיק געסל, מיטן נאָמען „קליין סטעפאַן", אין קיסינס הויף. זאַכן, וואָס קומען אָן שווער, פאַרגעסט מען ניט אַזוי גרינג.

אין אַ נאָכמיטאָג שטונדע האָב איך דעם ערשטן מאָל באַזוכט שולמאַנען. עס איז געווען אַ הייסער זומער־טאָג. איך האָב זיך אויסגעפּוצט אין מיינע בעסטע קליידער, קינסטלעריש אויסגעבונדן אַ נייעם האַלדזטוך און געמאַכט זיך יום־טובדיק. אַ קוק געטאָן אין שפּיגל; אויסערלעך אַ גאַנצער פראַנט מיט אַ רואיק, ערנסט־פייערלעכן פנים, אָבער אויפן האַרצן איז געווען קאַלאַמוטנע — ווער ווייסט ווי ער וועט מיך אויפנעמען? וועט ער מיך האַלטן פאַר ווירדיק צו ריידן מיט מיר וועגן הויכע ענינים? אויך וואָס פאַר אַ לשון זאָל איך מיט אים ריידן? זאָל איך זיין מיט אים גאַנץ אָפן בנוגע מיינע ליטעראַרישע חלומות? אָט די פראַגן און נאָך פיל

אַנדערע האָבן מיך געפּייניקט אויפֿן וועג צו שולמאַנען. און וואָס נעענטער איך בין צוגעקומען צו זיין געסל, אַלץ גרעסער איז געוואַקסן אין מיר די אומרו, אַלץ נידעריקער איז געפֿאַלן מיין מוט. עס האָט מיר אָנגעהויבן קלינגען אין די אויערן און רויטע, פֿייערדיקע רעדער זיך דרייען פֿאַר די אויגן. צוקומענדיק צום הויף וואו שולמאַן האָט געוואוינט, האָב איך זיך געוואָלט צוריקקערן. מיין מוט איז אין גאַנצן געפֿאַלן. איך האָב צו זיך געזאָגט: וואָס האָט אַזאַ יונגער שנעק, ווי איך בין דאַן געווען, צו זאָגן איינעם פֿון אונדזערע גרעסטע שרייבער? אמת, מיין קאָפּ איז געווען פֿול מיט געדאַנקען, מיט ספקות און מיט פֿראַגן (אין דער שטיל האָב איך אַפֿילו געוואָגט צו קריטיקירן שולמאַנען); אָבער אין יענער שטונדע האָבן מיר אויסגעוויזן אַלע מיינע געדאַנקען און מיין קריטיק אַזוי ניש־טיק און מיזעראַבל, אַז איך האָב חרטה געהאַט אויף דער גאַנצער אונ־טערנעמונג. איך בין געבליבן שטיין פֿאַרזונקען אין מיינע טרויעריקע געדאַנקען. וויפֿיל איך בין אַזוי געשטאַנען געדענק איך נישט. ענדלעך האָט דאָך מיין גייסטיקע נייגעריקייט גובר געווען, און איך בין מיט גרויס אימפּעט דורכגעלאָפֿן דעם שמוציגן הויף, ווי איינער וואָלט מיך פֿון הינטן אָנגעטריבן, און בין אָן אָטעם צוגעפֿאַלן צו דער טיר פֿון שולמאַנס וואוינונג. קיין סימן פֿון אַ גלעקל האָט זיך ביי דער טיר ניט געפֿונען. איך האָב אומזיכער עטלעכע מאָל אָנגעקלאַפּט מיט דער האַנט אין טיר, ביז עס האָט זיך דערהערט פֿון אינווייניק אַ שטים: „ווער איז דאָרט? קומט אַריין!" (נאָך דעם האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָס קלאַפּן אין טיר ביי שולמאַנען איז געווען אַ גאַנץ איבעריקע זאַך. יעדער איינער האָט געקענט און געדאַרפֿט אַריינקומען פֿריי צו יעדער צייט, ביי־טאָג און אין אָוונט). איך בין אַריינגעקומען אין קיך (קיין אַנדער אַריינ־גאַנג האָט די וואוינונג ניט געהאַט) אַ פֿאַרשעמטער. אין קיך האָט זיך אַרומגעפּאַרקעט אַן עלטערע יידענע אין אַ פֿאַרוק און מיט אַ רוסישן גע־זיכט.

— קאָן איך זען דעם הער שולמאַן?

— מיין מאַן? — קלמן, עפּעס אַ בחור פֿרעגט זיך נאָך אויף דיר! — האָט די פֿאַרשמירטע יידענע גערופֿן אויפֿן קול, און צוגלייך האָט זי מיך אַריינגעפֿירט אין „זאַל", אַ נידעריק, אָרעם צימער, מיט נאַקעטע ווענט און מיט צוויי חשכדיקע, אויסגעקרימטע פֿענסטער צום הויף. אַן אַלטער, זייער ביליקער עס־טיש, אַ פּאָר האַרטע שטולן און אַן אָפּגענוצטע זאָפֿע — דאָס איז געווען דאָס גאַנצע מעבל.

אויפֿן רוף פֿון דער פֿרוי איז אַרויסגעקראָכן דער באַרימטער שריי־

בער פֿון שלאָפֿצימער, וואָס איז אויך געווען זיין שטודיר־ און אַרבעטס־צימער.

איך האָב דערזען פֿאַר זיך אַ זקן, אין די זעכציקער יאָרן, אַ דאַרער, אויסגעצויגענער ייד, מיט אַ שיטערלעכער, ניט קיין געשאָרענער באָרד, אַ באָרד מיט שפּיצן און עקן, וואָס איר באַזיצער האָט איר קיין מאָל קיין אויפֿמערקזאַמקייט ניט געשענקט, און מיט צוויי לענגלעכע און דיקלעכע פּאותן, פֿריינטלעכע, טרויערדיקע, האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן און אַ לאַנגער, ביינערדיקער נאָז. אין גאַנצן האָט שולמאַן געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ מלמד דרדקי אין אַ קליין שטעטל. דעם ערשטן מאָמענט איז געווען מיין אַנטוישונג זייער שטאַרק. אָט דאָס איז דער גרויסער שרייבער, קלמן שולמאַן אַליין, וועמען איך האָב אַזוי געגאַרט צו זען! איז דאָס מעגלעך? איך בין געבליבן אָן לשון. די נאַקעטעווירקלעכקייט האָט געגעבן אַ פּאַטש אין פּנים דער ייִנגלשער פֿאַנטאַזיע.

גוטמוטיק און פֿריינטלעך האָט מיר שולמאַן אויסגעשטרעקט זיין אַל־טע, דאַרע האַנט און געבעטן מיך זיצן, אונטערטראָגנדיק אַ פֿאַרשטויבטן שטול. געדולדיק האָט ער געוואַרט אויף דעם וואָס איך האָב אים צו זאָגן אָדער צו פֿרעגן.

ביים נאָענטערן אַנבליק האָב איך אינסטינקטיוו דערפֿילט די מענטש־לעכקייט און די שיינקייט פֿון שולמאַנס נשמה. מיין באַדערפֿעניש צו אי־דעאַליזירן און פֿאַרשענערן די ווירקלעכקייט האָט מיר גליך געשאַפֿן אַן אַנדער בילד פֿונם באַליבטן שרייבער. איך האָב אַנטדעקט אינם גאַנץ געוויינלעכן פּנים פֿון אַ בית־מדרש יידן, וואָס שולמאַן האָט געהאַט, זייער סימפּאַטישע, איידל־גייסטיקע שטריכן.

עס איז ניט קיין מיסטיציזם און מעטאַפֿיזיק, ווען איך וועל באַהויפּטן אַז יעדער מענטש, יעדע מענטשלעכע נשמה טראָגט מיט זיך, אַרום זיך, אַ באַזונדערע אַטמאָספֿערע, אין וועלכער עס אָטעמט זיך דעם צווייטן לייכ־טער אָדער שווערער, אָנגענעם אָדער ערגערלעך.

מיין לאַנג־יאָריקע דערפֿאַרונג, אין מיין פֿילזייטיקן פֿאַרקער מיט מענטשן פֿון כּל המינים, האָט עס מיר באַשטעטיקט.

אונדזערע אַלטע חכמים האָבן אויסגעדריקט אָט די אינערלעכע דער־פֿאַרונג אין אַ בילד: צוויי מלאָכים, גוטע אָדער בייזע באַגלייטן יעדן מענטשן. אויפֿן לשון פֿון דער קבלה שוועבט איבער יעדן באַדייטנדיקן מענטשן זיין „שר של מעלה".

ביי יעדער באַגעגעניש מיט אַ וויכטיקן מענטשן פֿיל איך, קערפּער־לעך און גייסטיק, זיין „שר של מעלה", אָדער זיך אויסדריקנדיק אויף אַ מער מאָדערנעם לשון, זיין „צווייט געזיכט".

אויף וויפיל איך קען זיך היינט דעראינערן, האָב איך זיך דערפילט אין דער זייער פריינטלעכער און גייסטיקער אַטמאָספערע פון שולמאַנען זייער גליקלעך און דערהויבן, זייער אָנגערעגט און רעדעוודיק.

נאָך עטלעכע מינוטן פון פאַרלעגנהייט, פון אינערלעכער אָריענטאַציע און שפּאַנונג, האָב איך געוואונען מיין גייסטיקן גלייכגעוויכט. איך האָב געפונען שטאַרקונג אינם אויסשפּרוך פון אונדזערע אַלטע חכמים: „אַל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו" (ד. ה. באַטראַכט ניט דעם קרוג, נאָר דאָס וואָס ער אַנטהאַלט אין זיך).

איך האָב פּריימוטיק און צוגעלאָזן דערציילט דעם אַלטן און גרויסן שרייבער, וואָס האָט זיך ליבלעך און אויפמערקזאַם צוגעהערט, אַז איך האָב אַלע זיינע ביכער געלייענט און פיל פון זיי געלערנט, און אַז מיין גרעסטער ווּאונטש אין לעבן איז געווען אים פּערזענלעך קענען צו לערנען. מיט גרויס התפּעלות האָב איך גערעדט וועגן דער אומפאַרגלייכלעכער שיינקייט, וויכטיקייט און דערהויבנקייט פון זיין שפּראַך. אינם לויף פון מיין געשפּרעך האָב איך אַרויסגעוויזן מיין באַלעזנקייט און באַקאַנטשאַפט אויך אין אַנדערע ליטעראַטורן, אויסער העברעאיש.

פּלוצלונג איז מיר איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז עס איז אומטאַקטיש און חוצפּהדיק פון מיין זייט צו ריידן אָן אַן אויפהאַלט אין דער געגנוואַרט פון איינעם פון די חכמי ישראל, וואָס איז נאָך דערצו פיל מאָל עלטער פון מיר, אַנשטאָט צוצוהערן זיך צו אים און טרינקען דורשטיק זיינע רייד און זיין חכמה.

איך האָב זיך פאַרשעמט און אויף איין מאָל אָפּגעשטעלט דעם שטראָם פון מיין השתּפכות הנפש...

מיך אויסהערנדיק, האָט דער באַרימטער שרייבער מיר באַדאַנקט אין אַ זייער באַשיידענעם און הכנעהדיקן טאָן פאַר די גוטע ווערטער, וואָס איך האָב אים אין אַ באַגייסטערטן אופן אַרויסגעזאָגט וועגן זיין קונציקער און קונסטפולער העברעאישער שפּראַך, ווי וועגן די גרויסע נוצן, וואָס זיינע ביכער ברענגען צו די, וואָס קענען קיין אַנדערע שפּראַכן, אויסער העברעאיש.

דער אַלטער שרייבער האָט אויפריכטיק באַדויערט, וואָס איך מאַך פון אים צופיל וועזן, און וואָס איך שטעל אים צו הויך. ער האָט מיר פאַרזיכערט אין אַן ערלעכן און איינדרינגלעכן טאָן, אַז ער פאַרדינט ניט קיין לויב־ווערטער. ער האָט ניט געלייקנט, אַז ער איז אימשטאַנד געווען צו שרייבן אָריגינעלע ביכער, וואָס האָבן געקענט האָבן אַ געוויסן זעלבסטשטענדיקן ווערט, ליידער איז ער געצוואונגען געווען דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן צו אַרבעטן אויף איבערזעצונגען. ער איז זיך מפרנס פון דעם,

וואָס די אלמנה און די אַחים ראָם באַשטעלן ביי אים פֿאַר זייער דרוקעריי (אין וועלכער עס האָבן זיך געדרוקט די מערסטע רומל־ספֿרים) איבער־זעצונגען פֿון ביכער, וואָס זיי גלויבן, אַז מען קען זיי פֿאַרשפּרייטן אין אַ גרעסערער צאָל אי צווישן די משׂכּילים, די היינטוועלטיקע, אי צווישן די לומדים, די שול־יידן; איבערזעצונגען פֿון ביכער, וואָס זאָלן חלילה ניט אַרויסרופֿן קיין חשד פֿון אַפּיקורסות, ביכער וואָס מען קאָן און מען זאָל האַלטן אין יעדער יידישער שטוב. די דרוקעריי פֿון ראָם צאָלט אים אַ פּאָר רובל פֿאַר אַ בויגן.

איך געדענקט איצט ניט גענוי וויפֿיל רובל ער האָט געזאָגט. איך געדענק אָבער זייער גוט, אַז איך בין דאַן געווען זייער דערשיטערט צו הערן פֿון שולמאַנס מויל אַליין, ווי ווייניק, ווי מינימאַל, אַפֿילו נאָך די דאַמאָלסטיקע באַגריפֿן, איז געווען דער האָנאָראַר, וואָס דער גרויסער מייסטער פֿון דער העברעאישער שפּראַך האָט באַקומען פער בויגן.

עס איז מיר קלאָר געוואָרן פֿאַר וואָס עס לעבט דער „המליץ המפֿואר“ אָרעם, אין דחקות...

שולמאַן האָט געלייענט אויף מיין געזיכט די דערשטוינונג צו הערן ווי ווייניק ער באַקומט פֿאַר אַ דרוק־בויגן, און ער האָט געזוכט אָפּצע־שוואַכן מיין רחמנות־געפֿיל. ער האָט געזוכט מיך צו באַרואיקן מיט דער דערקלערונג, אַז ער באַקומט זיין האָנאָראַר פֿון דער אַלמנה והאַחים ראָם פּינקטלעך אַלע פֿרייטיק, און ער הונגערט ניט חס־וחלילה. אַ גרויסע פֿאַר־לייכטערונג איז פֿאַר זיין הויזלעכערווירטשאַפֿט די פֿופֿציק רובל (ווען איך מאַך קיין טעות ניט אין דער סומע), וואָס די חברה „מפֿיצי השׂכּלה“ (דער פֿאַריין צו פֿאַרשפּרייטן בילדונג צווישן יידן) אין פּעטערבורג שיקט אים יאָרלעך, אַנערקענעדיק די נוצלעכקייט פֿון זיינע איבערזעצונגען. דערביי האָט ער מיר דערציילט, אַז געוויסע העברעאישע שרייבער, צווישן זיי מענטשן מיט גרויסן וויסן און רייך אין קענטעניש, דרוקן זייערע ביכער העלפֿט אויף זייערע אייגענע קאָסטן און העלפֿט אויף באָרג, און נאָך דעם מוזן זיי אַרומגיין איבער די הייזער און פֿאַרקויפֿן זייערע חבורים. ער, גאָט צו דאַנקען, ברויכט דאָס ניט.

רעדנדיק וועגן שרייבער־האָנאָראַר, האָט שולמאַן דרך־אַגב, פֿאַרביי־גייענדיק, דערציילט, אַז די פֿירמע „האַלמנה והאַחים ראָם“, וואָס דרוקט די גרויס־פֿאָרמאַטיקע ”מקראות גדולות“ מיט די ל״ב פּירושים, די באַ־רימטע און וועלט־באַקאַנטע ש״סן, פּוסקים און שו״ת — אַז די זעלבע דרוקעריי און פֿאַרלאַג גיט אַרויס פֿאַר דעם המון־עם מעשׂה־ביכלעך אין „זשאַרגאָן“. יעדעס ביכל, אַ דרוק־בויגן, אַנטהאַלט אַ געשיכטע פֿון אַלטע אָדער נייע צייטן, אַ פֿרומען ראָמאַן אָדער אַ פֿאָלקס־מעשׂהלע. דער

פּרײַז פֿון אַזאַ ביכל איז געווען אַ קאָפּיקע. דער האָנאָראַר, וואָס די שרײַ־בער פֿון אַזעלכע פֿאָלקס־ביכלעך, וואָס האָבן זיך פֿאַרקויפֿט אין פֿיל צענדליקער טויזנטער, האָבן באַקומען, איז געווען אַ רובל פּער דרוק־בויגן.

איך געדענק, אַז ביים אַרײַנקומען האָב איך אָנגעהויבן רעדן צו שול־מאַנען רוסיש. ער האָט מיר אָבער גלייך געענטפֿערט אין יידיש. ער האָט זיך ווי אַנטשולדיקט פֿאַר מיר, וואָס ער רעדט יידיש. ער קען רוסיש נאָר טעאָרעטיש. ער האָט באַאַרבעט רוסישע געאָגראַפֿישע און היסטאָרי־שע ביכער און האָט אַרויסגעגעבן זיין בוך „מחקרי ארץ רוסיה”. פּראַק־טיש האָט ער אָבער קיין מאָל ניט געהאַט די געלעגנהייט צו באַנוצן די רוסישע שפּראַך. אויך דייטש האָט ער געקענט נאָר טעאָרעטיש, אלס אַן אויטאָדידאַקט. דער גרעסטער טייל פֿון די ביכער, וואָס ער האָט געלייענט און איבערזעצט אין העברעאיש, איז געווען אין דער דייטשער שפּראַך. אַפֿילו דעם פֿראַנצויזישן ראָמאַן פֿון אייזשען סי, „מסתרי פּאַריז”, האָט ער איבערגעזעצט פֿון אַ דייטשער איבערזעצונג.

*

איך האָב דאַן פֿאַרבראַכט אַ פּאָר וואָכן אין ווילנע און יעדן טאָג פֿלעג איך זיך באַגעגענען מיט שולמאַנען. אָדער איך פֿלעג אים באַזוכן אָדער ער פֿלעגט מיך באַזוכן. ניט־קוקנדיק אויף דעם גרויסן אונטערשיד פֿון יאָרן און פֿון אָנזיכטן, האָבן מיר זיך שטאַרק באַפֿרײַנט. האָט איין מאָל געטראָפֿן, אַז איך האָב פֿאַרשפּעטיגט צו קומען, פֿלעגט מיר שולמאַן צושיקן אַ בריוועלע, אַז ער איז באַאומרואיקט, אויב עס האָט זיך ניט וואָס געטראָפֿן מיט מיר, און אַז ער גאַרט מיך צו זען. אין זיינע בריוועלעך פֿלעגט ער מיר שרײַבן טיטלען אויף צוויי־דריי שורות. וואָס בין איך ניט געווען אין זיינע אויגן? אַן אויפֿגייענדיקער מאָרגנשטערן, אַ גאָטס־פֿאָרשער (חוקר אלהי), אַ משכיל און אַ מושלם בכל המעלות. איך פֿלעג פֿאַרשעמט ווערן, לייענענדיק די הויכע און אומפּאַרדינטע טיטלען. ניט איינער פֿון די טיטלען און פֿון די ליב־ווערטער, וואָס דער אַלטער און זייער גוטמוטיקער שרײַפֿטשטעלער פֿלעגט מיר אויסטיילן מיט אַ ברייטער האַנט, האָט געפּאַסט צו מיר, נישט דאַן און נישט היינט.

די הויכע און איבערגעטריבענע טיטלען (זייער אָפֿט משונהדיקע און לעכערלעכע טיטלען) וואָס די העברעאישע שרײַבער פֿלעגן זיך איינער דעם אַנדערן מכבד זיין, — דאָס איז געווען איינע פֿון די קינדער־קראַנקייטן, וואָס די נײַ־העברעאישע ליטעראַטור האָט דאַן דורכגעמאַכט, אַ קראַנקייט פֿון וועלכער זי האָט זיך ביז אויף היינטיקן טאָג נאָך ניט

אויסגעהײלט אין גאַנצן. עס איז אַ ירושה פֿון דער אַלטער רבנישער ליטעראַטור.

ווען איך בין געקומען צו שולמאַנען, פֿלעג איך אים טרעפֿן צו יעדער צײט זיצן בײ דער שרײב־אַרבעט, אײנגעהויקערט און מיט אָנגעשטרענגטע האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן.

זײן שלאָפֿצימער, אַ שמאָלינקער, נידעריקער חדרל, איז געווען אויך זײן אַרבעט־ און שטודיר־צימער. אַ קלײנער שאָקלענדיקער שרײב־טישל וואָס איז געשטאַנען האַרט בײם אײנציקן פֿענסטער פֿונם צימערל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט טרויעריק צום בלאָטיקן הויף און אַ הינקענדיקער האַרטער שטול לעבן פֿירעקיקן טישל, — דאָס איז געווען דער ווערקשטאַט פֿון דעם אַלטן העברעאישן שריפֿטשטעלער, דער מערסט־געלײענטער אין יענער צײט. צוויי אַלטע הילצערנע בעטלעך האָבן פֿאַרנומען דעם איבעריקן פּלאַץ אין שמאָלן צימערל. די ביכער, מערסטנס אויסגעבאָרגטע, וואָס דער שרײבער האָט געברויכט בײ דער אַרבעט, האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אויפֿן פֿענסטער און אויף די בעטן. אין דעם האַלב־פֿינסטערן און אומעטיקן צימערל מיטן אויסזיכט צו דעם שמוציקן און אָרעמען הויף, האָט שולמאַן צענדליקער יאָרן געשריבן מיט זײנע אויסגעדאַרטע פֿינגער זײנע אָריגינעלע און זײנע איבערזעצטע ווערק, אין וועלכע עס ווערן געשילדערט אין אַ דיכטערישער און אַ באַגײסטערטער שפּראַך די פֿאַרבנרײכע שײנקײטן פֿון דער מזרח־נאַטור און די פּראַכטפֿולע אַלטע פּאַלאַצן.

דער זקן שולמאַן איז געווען אַ קוואַל פֿון שטענדיקער באַגײסטערונג און פֿון אַרבעטסלוסט. ער האָט קײן מאָל ניט געברויכט קײן רײץ־מיטל, קײן טאַבאַק, קײן אַלקאָהאָלישע געטראַנקען א. ד. ג.. ער איז לעבנסלאַנג געווען פֿאַרליבט אין דער צאַרטקײט, זיסקײט און דערהויבנקײט פֿון דער ביבלישער שפּראַך, און דאָס איז געווען דער אײנציקער קוואַל פֿון וועלכן ער האָט געשעפּט זײן באַגײסטערונג און זײן ערנסט אין דער אַרבעט, טראָץ זײן האַרטן, אָרעמען און אײנזאַמען לעבען.

איך בין דאַן געשטאַנען מיטן פּנים צו דער קעגנוואַרט, אַלס אײנער פֿון אַ נײעם דור, פֿאַרכאַפּט פֿון די נײע גײסטיקע שטרעמונגען מיטן בליק אויף דער צוקונפֿט. שולמאַן איז געשטאַנען מיטן פּנים צו דער פֿאַרגאַנגענהײט, אײנגעבויגן אונטער דער לאַסט פֿון דער גײסטיקער ירושה, וואָס ער האָט איבערגענומען פֿון די ערשטע משׂכּילים, מיטן בליק געווענדט צו דער גרויער, טויזנט יאָריקער פֿאַרגאַנגענהײט.

מײן פֿאַרליבטקײט אין דער ביבלישער שפּראַך, מײן באַגײסטערונג

מיטן פאַטאָס פון אונדזערע אַלטע נביאים, האָבן געוואָרפן אַ בריק צווישן די צוויי ווייטע וועלטן, צווישן מיר און שולמאַנען.

עס איז אויסגעפאַלן מיין באַזוך אין ווילנע אַ יאָר אָדער אַנדערהאַלבן נאָך דעם טויט פון אד״ם הכהן. נאָך ביים לעבן איז דער משורר געווען, אין די קרייזן פון די משכּילים, אַ האַלב לעגענדאַרע פערזאָן. מען פלעגט דערציילן מעשיות אַז אַ סוף וועגן זיין אַפּיקורסות, וועגן זיין קפּדנות און וועגן זיין ביטערן קאַמף קעגן די צבועקעס און פאַר דער השכּלה, „די טאַכטער פונם הימל״. די חסידים פלעגן דערציילן מופתים און גוזמאות וועגן זייערע רביים. די משכּילים פלעגן דערציילן וואונדער און גוזמאות, אויף זייער אופן, וועגן זייערע רביים.

עס האָבן דאַן נאָך געלעבט אין ווילנע טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן פערזענלעך געקענט דעם גרויסן דיכטער און גרויסן מדקדק, צווישן זיי אויך נאָענטע חברים, זיינע תּלמידים פון דער ראַבינער־שול, ווי אויך מענטשן וואָס האָבן געהאַט מיט אים צו טאָן טאָג־טעגלעך. און דאָך האָט קיינער פון זיי ניט געקענט שילדערן אַ לעבעדיק בילד פונם פאַרשטאָר־בענעם מערקווירדיקן, אין אַלע הינזיכטן מערקווירדיקן, זקן.

דאָס וואָס די מקורבים פון אד״ם הכהן האָבן מיר דערציילט וועגן אים אַלס מענטש, האָט געטראָגן אויף זיך דעם כאַראַקטער פון מעשיות, פון לעגענדעס, און אַנעקדאָטן, אָבער קיין איינציקער כאַראַקטעריסטישער שטריך נישט פונם דיכטערס ווירקלעכן לעבן און וועזן.

אד״ם הכהן איז געווען די מערקווירדיקסטע פיגור און די שטאַרק־סטע פערזענלעכקייט צווישן די ערשטע קעמפער פאַר דער השכּלה, וואָס זיינען געווען באַאיינפלוסט פון משה מענדלסאָן און זיינע תּלמידים. אד״ם הכהן איז געווען דער גרעסטער העברעאישער דיכטער פון זיין צייט, אי־בערהויפּט פאַר די לעצטע יאָרהונדערטער. זיינע געדיכטן: „החמלה״ (מיטלייד), „הדעת והמות״ (דאָס וויסן און דער טויט) און „המתאונן״, (דער פעסימיסט), זיינען געווען פאָעטישע פערל פול מיט אוניווערסאַל־מענטשלעכע געדאַנקען, וואָס האָבן געדאַרפט פאַרנעמען אַ חשובן פּלאַץ אין דער פאָעטישער וועלט־ליטעראַטור.

ניט קוקנדיק אויף דעם, האָט קיינער פון די צייט־גענאָסן פונם דיכ־טער, אַפילו זיינע תּלמידים און זיינע גרעסטע אָנהענגער, ניט פאַרעפנט־לעכט גאָר נישט, וואָס האָט אַ וועלכע ניט איז ביאָגראַפישע באַדייטונג, ניט בשעת זיין לאַנגן לעבן און ניט גלייך נאָך זיין טויט. נאָך מער: קיינער פון די העברעאישע שריפטשטעלער און געלערנטע אין ווילנע האָט ניט געקענט אָנגעבן, אַפילו ניט אומגעפער, דעם געבורט־יאָר פונם דיכטער.

ביז אויפֿן הײַנטיקן טאָג קאָן קיינער פֿון אונדז באַשטימט ניט זאָגן ווי לאַנג האָט אד״ם הכהן געלעבט.

ד״ר ש. מאַנדלקערן, אַ תּלמיד פֿונם דיכטער, האָט באַהויפּטעט, אַז ער האָט געלעבט פֿינף־און־אַכציק יאָר; אַנדערע שרײַבער וואָס זײַנען געשטאַנען נאָענט צום גרויסן זקן, באַהויפּטן צוויי־און־נײַנציק; געווי־סע זקנים פֿון ווילנע האָבן באַהויפּטעט, אַז דער דיכטער האָט אָפּגעלעבט זײַנע פֿולע הונדערט־און־צוואַנציק יאָר. אַלזאָ, אויך די צאָל יאָרן, וואָס אד״ם האָט געלעבט, זײַנען געוווען אײַנגעוויקלט אין לעגענדעס, גוזמאות, וואָס זײַנען זייער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר יענער צײַט.

אַזוי ווי איך בין געווען אינערלעך זייער פֿאַראינטערעסירט אין דער פּערזענלעכקייט פֿון אד״ם הכהן (זײַן פֿולער נאָמען איז געווען אברהם דוב בן חיים הכהן לעבנזאָהן) איז פֿאַר מיר קלמן שולמאַן געווען אַ לע־בעדיקער אַרכיוו פֿון פֿאַקטן און געשעענישן בנוגע דעם דיכטערס לעבן און גײַסטיקן שאַפֿן.

דער צוקונפֿטיקער ביאָגראַף האָט אין מיר, ווי עס שײַנט, אינערלעך און אומבאַוואוסט געוואַקסן פֿון מײַן פֿריסטער יוגנט.

זינט איך בין געקומען צו מײַן קולטורעלן באַוואוסטזײַן, און זינט איך האָב אָנגעהויבן לייענען אין פֿרעמדע שפּראַכן, האָב איך זיך שטענ־דיק גאַנץ באַזונדערס אינטערעסירט מיט דער ביאָגראַפֿישער, אוי־טאָביאָגראַפֿישער און מיט דער מעמואַרן־ליטעראַטור.

אַ ביאָגראַפֿיע, אַ לעבנס־באַשרײַבונג, וואָס פֿאַרדינט ווירקלעך דעם נאָמען, איז אין מײַנע אויגן שטענדיק געווען אַ סינטעז, אַ פֿאַראייניקונג פֿון דער העכסטער קונסט און וויסנשאַפֿט, פֿון פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז, קול־טור געשיכטע און סאָציאָלער פֿילאָזאָפֿיע.

שוין אין מײַן פֿריסטער יוגנט, ווען איך האָב באַשלאָסן צו ווידמען מײַן לעבן דער העברעאישער ליטעראַטור, האָב איך שמערצלעך באַטראַכט דעם פֿאַקט, אַז אין איר פֿעלט אין גאַנצען דער מין פֿון ביאָגראַפֿיעס, אויטאָביאָגראַפֿיעס און מעמואַרן.

עס איז דאָ צו באַמערקן, אַז אין יענער צײַט, לערך מיט פֿופֿציק יאָר צוריק, פֿון וועלכער איך רעד דאָ, האָט זיך ניט געפֿונען קיין סימן פֿון אַ יידישער ענציקלאָפּעדיע, אָדער פֿון אַ ביאָגראַפֿישן לעקסיקאָן, אין וואָס פֿאַר אַ שפּראַך עס זאָל ניט זײַן (פֿון אַ ליטעראַטור געשיכטע, זעלבסט־פֿאַרשטענדלעך, האָט מען דאַן איבערהויפּט גאָר ניט געקענט ריידן) פֿון וועלכע מען האָט געקאָנט שעפּן די עלעמענטאַרע אינפֿאָרמאַציעס בנוגע דעם לעבן און ליטעראַרישן שאַפֿן פֿון אַ העברעאישן אָדער יידישן שרײַבער.

דער פֿאַל מיט אד״ם הכהן האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק.

אין אײנע פֿון מײנע געשפּרעכן מיט שולמאַנען, האָב איך אים אָפּגעהאַרציק אַנטפּלעקט מײַן צער און מײַן גרויס פֿאַרוואונדערונג, אַז אין ווילנע, אין דער „ירושלים דליטא״, אַ שטאָט פֿון העברעאישע דיכטער, שריפֿטשטעלער און געלערנטע, האָט זיך ניט געפֿונען אײנער פֿון זײ, וואָס זאָל געפֿינען פֿאַר נויטיק צו נעמען אויף זיך די מי אָנצושרײַבן אַ ביאָגראַפֿיע פֿון אד״ם הכהן, וועלכער האָט געלעבט און געווירקט אין זײער מיט, אַז קײן אײנער פֿון די נאָענטע חברים אָדער תּלמידים פֿונם דיכטער און לערער האָט נישט געהאַלטן פֿאַר זײַן פֿליכט צו זאַמלען, לכל הפּחות, מאַטעריאַל, נאָטיצן, מאַנוסקריפּטן, דאָקומענטן און ד. ג., פֿאַר דעם קומענדיקן ביאָגראַף, ווען עס וועט זיך אַמאָל געפֿינען אַזאַ. אַ ריכטיקע ביאָגראַפֿיע פֿון אד״ם הכהן, — דאָס הײסט דאָך אַ ווערטפֿולער בײַטראָג צו אונדזער קולטור־געשיכטע.

אין דעם זין, ווען אויך ניט מיט די זעלבע ווערטער, האָב איך אַרויסגערעדט מײַן האַרץ פֿאַר דעם נײַ־דערוואָרבענעם פֿרײַנט, דעם אַלטן שרײַבער מיט די האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן.

איך האָב פֿאַרענדיקט מײַן „השתּפכות הנפש״ מיט דער דירעקטער פֿראַגע: פֿאַרוואָס זאָל ער, שולמאַן, אַלײן ניט שרײַבן די ביאָגראַפֿיע פֿון אד״ם, מיט וועלכן ער איז געווען אינטים באַפֿרײַנדעט און אַזוי נאָענט געשטאַנען צו אים?

שולמאַן האָט מיך שטילשווײַגנדיק אויסגעהערט און געענטפֿערט מיט אַ טיפֿן זיפֿץ, שאָקלענדיק דעם דאַרן קאָפּ:

— יאָ, עס איז אַן אויפֿגאַבע ניט נאָך מײַנע כּחות. אויך אין די יונגע יאָרן איז די ביאָגראַפֿיע ניט געווען מײַן פֿאַך. אויך דאָס, איך בין ניט פֿרײַ צו שרײַבן וואָס איך וויל, וואָס עס איז מיר נאָענט צום האַרצן. איך קען ווידמען מײַן צײַט און די ביסל כּוחות, וואָס איך פֿאַרמאָג נאָך, נאָר דער אַרבעט, וואָס איז בײַ מיר שוין באַשטעלט און פֿון וועלכער איך צי מײַן חיונה. קײנעם פֿון די דרוקער אָדער אָפֿילו דער חברה ״מפֿיצי השׂכּלה״ וועט ניט אײַנפֿאַלן צו באַשטעלן אַ ביאָגראַפֿיע פֿון אד״ם הכהן, פֿון אַ משורר וואָס האָט געלעבט אין אונדזערע טעג, און דערצו נאָך איז ער באַקאַנט געווען אַלס אַן אַפּיקורוס. די אָרטאָדאָקסיע וועט אים קײן מאָל ניט מוחל זײַן זײַן אַלעגאָרישע דראַמע „אמת ואמונה״. ווער דאַרף האָבן און ווער אינטערעסירט זיך איבערהויפּט מיט דער לעבנס־באַשרײַבונג פֿון אַ העברעאישן שרײַבער אָדער דיכטער, וועלכער האָט ניט געהאַט דאָס גליק געבוירן צו ווערן, לכל־הפּחות אין 12טן יאָרהונדערט.

דאָס איז דער תּמצית, דער זין, פֿון דער תּשובה, וואָס שולמאַן האָט מיר דאַן געגעבן אויף מיין פֿראַגע. ער האָט אַ לאַנגע צייט גערעדט און דערציילט פֿונם דיכטערס לעבנס־קאַמף, פֿון זיין אופֿן צו לערנען, צו שרייבן און צו פֿאַרקערן מיט מענטשן, נאָענטע און ווייטע.

שולמאַן איז געווען אַ שלעכטער דערציילער. קיין שאַרפֿער באָאָבאַכטער און אַן אַ ברעקל חוש פֿון הומאָר. דאָך האָבן זיך פֿיל זאַכן פֿון דעם, וואָס ער האָט מיר דערציילט וועגן דעם דיכטער פֿון „החמלה״, דער גרויסער קפּדן און אמת־פֿאַנאַטיקער, טיף זיך איינגעקריצט אין מיין זכּרון.

דער ערנסט און די אויפֿריכטיקייט, מיט וועלכן שולמאַן האָט גערעדט און דערציילט וועגן אד״ם הכּהן און זיין זון מיכל (דער פֿרי־פֿאַרשטאָר־בענער זייער באַגאַבטער ליריקער), דער אינטימסטער יוגנט־פֿריינט פֿון שולמאַן, האָבן אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק. איך פֿלעג זיך צוהערן מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם. נכּרים דברי אמת, עס איז געווען גלייך צו דער־קענען, אַז שולמאַן דערציילט ניט וועגן אד״ם און זיין זון מיכל קיין בבאַ מעשיות, קיין לעגענדעס, נאָר ווירקלעכע פֿאַקטן, נאָר דאָס וואָס ער האָט אַליין איבערגעלעבט אין זייער אינטימן קרייז, אַן באַפּוצונג און אַן וועל־כער עס איז פּניה.

וועגן דעם עלטער פֿון דעם דיכטער האָט מיר שולמאַן געזאָגט, אַז אד״ם האָט קיינמאָל קיינעם ניט, אַפֿילו ניט זיינע מקורבים, ניט געזאָגט ווי אַלט ער איז. ער האָט אויסגעמיטן די פֿראַגן וועגן דעם. נאָר נאָך זיין, שולמאַנס, אויסרעכענונג, איז אויסגעקומען, אַז אד״ם הכּהן האָט געלעבט הונדערט־און־דריי יאָר.

ווען איך גיב זיך אָפּ רעכענונג פֿון דעם אַלעם, וואָס קלמן שולמאַן האָט מיר דערציילט, ביי פֿאַרשידענע געלעגנהייטן, וועגן דעם דיכטער פֿונם „הדעת והמות״, וועגן זיינע פֿעסטע פּרינציפּן און כּללים, וואָס ער האָט שטרענג אָפּגעהיט אין זיין טאָג־טעגלעכער אויפֿפֿירונג אינם לעבן, באַוואונדער איך אין העכסטן גראַד די וואונדערלעכע דערשיינונג, וואָס האָט געהייסן אד״ם הכּהן, אַ מענטשלעכע דערשיינונג, וואָס איז ניט אָפּ־געשאַצט געוואָרן אין איר גאַנצער גרויסקייט ביז אויף היינטיקן טאָג.

דער דיכטער פֿראַנץ ווערפֿעל שילדערט אין זיין „ראָמאַן פֿאַן ווערדי״ אַ מערקווירדיקן זקן, וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפֿגאַבע צו שלאָגן דעם גרעסטן רעקאָרד אין לאַנג לעבן. ער באַזיצט די העכסטע קונסט און געשיקטקייט צו רעזערווירן זיינע פֿיזישע כּוחות, זיך ניט אויפֿרעגן פֿון קיין זאַך און אויסצוגעבן אַ מינימום פֿון ענערגיע דאָרט, וואו אַנדערע גיבן אויס אַ מאַקסימום.

אד״ם הכּהן, לויט די פֿאַקטן וואָס שולמאַן האָט מיר איבערגעגעבן,

איז געווען פיל מער דענקער, און פיל געשיקטער אין דער קונסט לאנג צו לעבן.

ער האט דערגרייכט, לכל הדעות, דעם העכסטן עלטער וואס א יידי־שער דיכטער אדער געלערנטער, איבערהויפט א מענטש פון גייסט, האט וועגן דערגרייכט אין דער ארעמער ליטע.

אד״ם האט צענדליקער יארן געליטן פון שווינדזוכט. אין א באמער־קונג צו זיין קלאג־ליד אויף זיין גאנץ יונג־פארשטארבענעם זון מיכל, באהויפטעט דער פאטער, אז זיין ליבלינגס־זון האט דאס פון אים גע־ירשנט די שווינדזוכט־קראנקייט.

ניט קוקנדיק אויף זיין קרענקלעכן קערפער פונם געבורט און ניט קוקנדיק אויף זיין הארטן און שווערן קאמף פאר זיין מאטעריעלער און גייסטיקער עקזיסטענץ, א קאמף וואס האט זיך געצויגן צענדליקער יארן, און ניט קוקנדיק אויף דער טיפער וואונד וואס דער טויט פון מיכל האט איבערגעלאזן אין זיין הארצן, האט ער דאך דערגרייכט דעם העכסטן לעגענדארישן עלטער. ער איז פארבליבן ביים קלארן פארשטאנד און ביי דער פעסטקייט און אויסגעהאלטנקייט פון כאראקטער ביז דער לעצ־טער שטונדע. אויך אין די העכסטע טעג פון זיין עלטער איז ער געבליבן אייזן־פעסט ביי זיינע פולשטענדיק־פרייע באגריפן און ביי זיינע לעבנס־פרינציפן.

משה רייכערסאן

ביי שולמאנען אין הויז האב איך זיך באקאנט מיט דעם באוואוסטן מדקדק משה רייכערסאן (געלעבט זיינע לעצטע יארן אין ניו־יארק, וואו ער איז געשטארבן אין גרויס ארימקייט און אין נויט). ער איז שוין געווען אין די זעכציקער, אדער אפשר האט נאר זיין פולע ווייס־גרויע בארד און זיינע דיקע גרויע ברעמען געמאכט גלויבן, אז ער איז אריבער זעכציק, וייל זיינע אויגן, טראץ דעם אלטן גרויען קאפ, האבן דאך געהאט א לע־בעדיק־וועלטלעכן אויסדרוק. רייכערסאן האט אויף מיר געמאכט פון דעם ערשטן בליק דעם איינדרוק פון א פריילעכן קבצן. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואס ער האט שטארק מדקדק געווען אין יעדער זילבע און אין יעדן אות, האט ער ניט געוואוסט פון דקדוקי עניות אין זיין לעבנס־פילאזאפיע. טראץ זיין ארעמקייט און לעבנס־נויט איז ער געווען אן אפטימיסט אין דעם זין פון אד״ם הכהנס „דל מבין״.

רייכערסאן האט געקענט רעדן א פאר שעה נאכאנאנד וועגן א „שוא נע״ אדער א „שוא נח״, וועגן א „דגש חזק״ און א „דגש קל״, — רעדן

מיט גרויס באַגייסטערונג און ליידענשאַפטלעך. אַ פֿאַלשער נקוד, פּונק־טואַציע, אין אַ שיר האָט אים געקענט אויפֿרעגן אין דער העכסטער מדרגה: האָט ער געפֿונען ביי אַ שרייבער, וואָס האָט אַ נאָמען, אַ גראָבן גראַמאַטישן פֿעלער, איז דאָס געווען אין זיינע אויגן, ווי ער וואָלט גע־כאַפּט דעם שרייבער ביי אַ קרימינעלן פֿאַרברעכן, וואָס מען קען ניט און מען טאָר ניט מוחל זיין אַפֿילו דעם בעסטן פֿריינט, ווי ער וואָלט געווען חלילה אַ מערדער. דער אָריגינעלסטער און טיפֿסטער אינהאַלט פֿון אַ זאַץ האָט ניט געקענט פֿאַרגיבן דעם פֿאַרברעכן פֿונם שרייבער, ווען ער האָט אינם זאַץ געברויכט אַ „פּועל עומד“ אַנשטאָט אַ „פּועל יוצא“.

די העברעאישע אותיות און ווערטער זיינען געווען אין די אויגן פֿון רייכערסאָנען ווי לעבעדיקע נפֿשות, וועלכע ליידן און קענען גיין צו גרונט, ווען מען געברויכט זיי ניט אויף זייער ריכטיקן פּלאַץ, אָדער ווען מען פֿאַרווענדט זיי נאַכלעסיק, אָן דער געהעריקער קאָנצענטריר־טער אויפֿמערקזאַמקייט. נאַכלעסיקייטן אין דעם סינטאַקסישן בוי פֿון אַ זאַץ זאָגט עדות אויף אַן אומלאָגישן דענקונגס־פֿאַרמעגן. די גראַמאַטיקאַ־לישע אומוויסנקייט, אָדער נאַכלעסיקייטן פֿון אַ שרייבער, זיינען דער בעסטער באַווייז אויף אינערלעכער הפֿקרות, אויף גייסטיקער אַנאַרכיע.

די כּללים אָדער די דינים פֿון ניקוד (ווי פּונקטירן די אותיות) זיינען געווען אין די אויגן פֿון רייכערסאָנען אַזוי פֿעסט, אייביק און אומפֿאַר־ענדערלעך ווי די געזעצן פֿון דער הימלס־מעכאַניק אין די אויגן פֿון קעפּ־לער. די קלענסטע ענדערונג קען, חלילה, וועלטן חרוב מאַכן.

רייכערסאָן איז געווען אַ פֿריידענקער אין רעליגיעזע זאַכן. אין אים איז געווען שטאַרק אַנטוויקלט אויך דער זין פֿון גוטמוטיקן הומאָר. אָבער ווען עס איז געקומען צו די פֿראַגן פֿון ניקוד איז ביי אים די גרויסע, וויי־טע וועלט איינגעשרומפּן געוואָרן אין אַ קליינעם חיריק, אין אַ קוצו של יוד.

רייכערסאָן איז געווען זייער באַלעזן, זיין אינטערעסן־קרייז און זיין פֿאַרנעם אין לעבן זיינען געווען פֿיל ברייטער ווי פֿון שולמאַן. דאָך איז רער לעצטער, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז געווען קאָנסער־וואַטיוו און באַשרענקט אין זיין רעליגיעזן דענקען, — דאָך איז שולמאַן געווען אַ פֿיל פֿרייערער, באַוועגלעכערער גייסט בנוגע ליטעראַרישע פֿראַגן.

מיט אַ שאַרף אַנטוויקלטן חוש פֿון אַ דעטעקטיוו פֿלעגט רייכערסאָן אַרויסזוכן און אַרויסגעפֿינען ביי יעדן שרייבער זיינע גראַמאַטישע פֿע־לערן אָדער שוואַכקייטן.

אין אַ געשפּרעך מיט אים אין דער געגנוואַרט פֿון שולמאַנען, האָב איך איין מאָל געוואָגט אַרויסצוזאָגן מיין מיינונג, אַז די העברעאישע גראַמאַטיק ווי ער, רייכערסאָן האָט זי אָנגענומען, איז ניט קיין תּורת־משה

וואָס קיינע נאַטור־געזעצן קענען זי ניט ענדערן. די אַנטוויקלונג פֿון דער העברעאישער שפּראַך און איר צופּאַסונג צו מאָדערנע באַגריפֿן מוזן נויט־ווענדיקערהייט ברענגען אַן ענדערונג אויך אין איר גראַמאַטיק. ניט די גראַמאַטיק שאַפֿט די שפּראַך, נאָר די שפּראַך — איר גראַמאַטיק. פֿאַקטיש האָב איך געזאָגט, איז שטענדיק פֿאָרגעקומען ענדערונגען אין אונדזער דקדוק. ווייל אַ שפּראַך זיין פֿליסיק און לעבעדיק, קען זי זיך ניט איינ־שליסן, איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל, אין די אייזערנע קייטן פֿון אַלטע מדקדקים, וואָס האָבן ניט קיין זין פֿאַר דער דינאַמיק פֿון דער שפּראַך. די גראַמאַטי־שע חומרות, וואָס אד״ם הכהן און ער, רייכערסאָן, האָבן ארויפֿגעלייגט אויף דער שפּראַך, קענען נאָר פֿאַרהאַלטן איר אַנטוויקלונג און דערשטיקן איר לעבעדיקן אָטעם.

אין דעם זין און אין דער ריכטונג האָב איך אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג בנוגע דער פֿאַרעלטערטער העברעאישער גראַמאַטיק. איך האָב דאָן נאָך מער געוואָגט — איך האָב אַרויסגעזאָגט מיינע ספֿקות און ווי־דערשפּרעכונגען בנוגע זיין, רייכערסאָנס, תורת הנקוד. נו, מער האָב איך ניט געדאַרפֿט.

דער זייער באַשיידענער און גוטמוטיקער מדקדק איז אויפֿגעשפּרונגען און איז אַרויס פֿון די כּלים. איך האָב אים, ווי עס שיינט, געטראָפֿן אין שוואַרצאַפּל פֿון זיין גראַמאַטיש אויג.

רייכערסאָן האָט זיך געקאָכט און געפֿילדערט, ווי איך וואָלט געוועזן געמאַכט אַ פּרוואו אונטערצוגראָבן זיין גייסטיקע עקזיסטענץ. שולמאַן האָט פֿאַרזיכטיק און געלאַסן פּרובירט אים צו באַרואיקן, מיינענדיק, אַז איך בין ניט אין גאַנצן אומגערעכט — נו, האָט שולמאַן אויך באַקומען אַ פּאַרציע. סטייטש, ווי קאָן מען גאָר שטיצן אַזעלכע געפֿערלעכע „רע־וואָלוציאָנערע" מיינונגען, וואָס קאָנען דאָך מאַכן אַ תּל פֿון דער העברע־אישער שפּראַך.

רואיק און נייגעריק האָב איך זיך צוגעהערט צו דער היציקער פֿאַר־טיידיקונג פֿון זיין, רייכערסאָנס, שטאַנדפּונקט. אין האַרצן האָב איך גע־וואוסט, אַז ער פֿאַרטיידיקט אַן אַנגעוויטיקטן שטאַנדפּונקט, דאָך האָט זיין נאַאיווע קאָמפּלוסטיקייט צו פֿאַרטיידיקן יעדעס פּינטעלע אין זיין אָנגענומענער גראַמאַטיק, מיר באַוויזן די אומבאַגרענעצטע ליבע, וואָס דער אַלטער „בעל־מדקדק" האָט געפֿילט צו דער ביבל־שפּראַך.

ווען רייכערסאָן האָט אויסגעשאָסן זיין גאַנצן פֿולווער קעגן דער „רעוואָלוציע" אויף דער פֿאַרעלטערטער העברעאישער גראַמאַטיק, קעגן דער רבנישער ליטעראַטור, וואָס האָט פֿאַרדאַרבן די שיינקייט פֿון דער הייליקער שפּראַך, פֿאַרמישנדיק זי מיט דער אַראַמייאישער שפּראַך, וואָס

דורך דעם איז געשאַפֿן געוואָרן אַ מין „קוידער־וועלטש", אַ העברעאי־שער זשאַרגאָן, וואָס איגנאָרירט פֿולשטענדיק די פֿעסטע רעגעלן און געזעצן פֿון אונדזער קלאַסישער שפּראַך און קעגן געוויסע שרייבער פֿון דער השכּלה־ליטעראַטור, צווישן זיי אויך באַדייטנדיקע און באַרימטע וועלכע האָבן זיך ניט געגומען די מי גרינטלעך אויסצושטודירן די גראַ־מאַטיק פֿון דער שפּראַך, אָדער זיי קאָנען דקדוק, נאָר זיי פֿאַרגוואַלטיגן אים און טרעטן אַלע רעגעלן מיט די פֿיס, ווי די שפּראַך וואָלט געווען אַ הפקר זאַך, — ווען רייכערסאָן איז פֿאַרטיק געוואָרן מיטן אַרסענאַל פֿון זיינע אַרגומענטן, באַוויזן, געברויכנדיק די שפּיציקסטע און די שאַרפֿ־סטע וואָפֿן קעגן מיר און קעגן שולמאַן, האָט ער זיך באַרואיקט און אָפּ־געכאַפּט דעם אָטעם. אַ ווײַלע נאָך דעם האָט ער זיך לוסטיק פֿאַנאַנדער־געלאַכט. מיט אַ פֿרײלעכער ביטערקייט האָט ער זיך אויסגעלאַכט. גוט־מוטיק און מיט לאַכנדיקע אויגן, האָט ער זיך געווענדט צו מיר:

— פֿרעגט מיך, וואָס האָב איך זיך אַזוי געהיצט און געשטורעמט — ווייס איך דען ניט, אַז איך מאַך זיך נאַריש, ווייס איך דען ניט, אַז העב־רעאיש איז טויט סיי מיט דקדוק, סיי אָן דקדוק. ווער דאַרף עס אין אונדזע־רע טעג — קוקט אָן אונדזער פֿרײַנט שולמאַן! זיין גאַנצן לעבן, זיין קראַפֿט און זאַפֿט האָט ער אוועקגעגעבן דער זקנה, דער אַלטעטשקער, דער שפּראַך פֿון אונדזערע טויטע אָבות, דער שפּראַך פֿון די מלאכים, מיט דער האָפֿנונג און גלויבן, אַז אים וועט געלינגען אויפֿצוטאָן אַ וואונ־דער, אַ נס, צו פֿאַרוואַנדלען די זקנה מיט אירע אַלטע ביינער אין אַ יונגעטשקע, זי זאָל קאָנען נאָכטאַנצן, נאָכהאָפּקען דער „כוואַטסקער" פֿראַנצויזקע (די פֿראַנצויזישע שפּראַך). דער חכם שולמאַן האָט געגלויבט נאָך מער: ער איז געווען איבערצייגט, אַז זיין „מסתרי פאַריז", (פֿון סיו, וואָס קלמן שולמאַן האָט איבערגעזעצט פֿון פֿראַנצויזיש אויף העברע־איש. — ר. ב.), וועט צוריקקערן אונדזער יוגנט צו דער נביאים־שפּראַך. אונדזער יוגנט וויל אָבער פֿון העברעאיש ניט וויסן און ניט הערן. קוקט אָן אונדזער ווילנע, די „ירושלים דליטא", וואו דער עלטערער דור, זעכציק פּראָצענט געוויס, פֿאַרשטייען נאָך לשון־קודש, נאָר דער גרעסטער טייל פֿון זיי לייענען ניט די השכּלה־ליטעראַטור, ווייל זי איז אין זייערע אויגן טריף און פּסול, אָדער זיי באַטראַכטן זי אַלס אַ זאַמלונג פֿון פּוסטע מליצות, פֿון נאַרישקייטן און הבלים, וואָס מען קען ניט דערוואַרטן פֿון זיי ניט קיין עולם־הזה און ניט קיין עולם־הבא. וואָס איז נוגע דער יידישער יוגנט אין ווילנע, איז ניט זי פֿאַרשטייט העברעאיש און ניט זי וויל וויסן וואָס מען שרייבט אין די פּיר־עקיקע אותיות. אונדזער פֿרײַנט שולמאַן שרייבט און איז שוין האַלב־בלינד געוואָרן שרייבנדיק, פֿאַר קלויזניקעס, פֿאַר

ישיבה־בחורים און פאַר אַ קליינער צאָל אַלטע משכילים־בטלנים, וועלכע לייענען זיינע ביכלעך, וואָס זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט צאַצקעדיקע און אויסגעדרעקסלטע מליצות, פאַרשטעלטערהייט, בגנבה. און די זעלבע קלויזניקעס, ווען זיי לערנען זיך אויס רוסיש אָדער דייטש, דאַן פאַרוואַרפן זיי אין אַ ווינקל די אַלטע שמאָטעס, אויף ניט ווידערזען, אַלץ וואָס איז געשריבן אין דער הייליקער שפּראַך. איצט באַטראַכט, וואָס פאַר אַ לעבן עס לעבט דער גרויסער מליץ, וואָס די „פּאַטערס פון דער השכלה" האָבן אים באַשיינט און באַקרוינט מיט זייערע הסכמות. ווען ער וואָלט געווען אַן אַלטער געניטער שניידער אָדער שוסטער, וואָלט ער דאָך פיל בעסער געלעבט, און זיין עקזיסטענץ אויף די עלטערע יאָרן וואָלט געווען אַ פיל זיכערע. אמת, ער קלאָגט זיך קיין מאָל ניט אויף זיין שיקזאַל. ער טרייסט זיך און קוויקט זיך מיטן געדאַנק, אַז ער איז דער גואל השפה העברית (דער דערלייזער פון דער העברעאישער שפּראַך), אַז ער האָט פאַרשפּרייט וויסן און ליכט אין די פינסטערע ווינקעלעך פון דער יידישער גאַס, אָבער דאָס איז אַן איינרעדעניש, אַן אידייע־פיקס. אַ משוגעת. ער קוויקט זיך מיט חלשות־טראָפּן. ניט נאָר ער האָט ניט אויסגעלייזט די „שפּראַך פון די אָבות", נאָר פאַרקערט, זי האָט אים פאַרשקלאַפט לעבנסלאַנג. אַנשטאָט צו באַקלאָגן זיין גורל, איז ער נאָך אַ בעל־גאווה און באַרימט זיך מיט דעם, וואָס ער איז אַן עבד־נאמן (אַ טרייער שקלאַף) צו דער זקנה־שפּראַך. וואָס זאָגט איר, מאַדאַם שולמאַן, דערצו?

די פרוי שולמאַן איז געזעסן אין אַ ווינקל מיט גרויסע שפּאָקולן איבער די אויגן און האָט פאַרצירעוועט זאָקן. זי האָט זיך אָבער צוגעהערט צו רייכערסאָנס ווערטער.

אַלס ענטפער אויף דער פראַגע האָט פרוי שולמאַן געזאָגט אין א ערנסטן נאַאיוון טאָן:

— וואָס רעדט איר, רבי משה, מיין מאַן אַ שניידער, אַ שוסטער, ניט דערלעבן זאָלן דאָס די שונאי־ציון! וואָס ווילט איר, נאָך עשירות האָבן מיר זיך קיינמאָל ניט נאָכגעיאָגט, און קיין הונגער, ניט צו פאַרזינדיקן, ליידן מיר אויך ניט. עפּעס אַ סך שולמאַנס האָט דאָס יידישע פאָלק? און דער, נאָך אייער מיינונג, האָט אויך געזאָלט בעסער ווערן אַ שניידער; וויניק שניידער האָבן יידן. פאַר אונדזער בן־יחיד, דעם דאָקטאָר, וואָלט געווען אַ שיינדל צו האָבן אַ פאָטער אַ שניידער; ווען אונדזער זון איז געווען געקומען קיין פּעטערבורג צו שטודירן אויף דאָקטאָר, האָט מען אים דאָרט דאָך אויפגענומען ניט אַלס אַבי ווער, נאָר אַלס קלמן שולמאַנס אַ קינד. ר' משה, רעדט ניט קיין נאַרישקייטן.

— אַז וואויל און גוט איז צו אייך, אַז איר דענקט אַזוי; אַנדערע יידישע פּרויען דענקען און זאָגן גאַנץ אַנדערש! — האָט רייכערסאָן צוריק געענטפערט.

— וואָס גייט מיר אָן, וואָס אַנדערע פּרויען דענקען און זאָגן. איך בין צופרידן, גאָט זאָל נאָר מאריך ימים זיין מיין אַלטן, און זיינע אויגן זאָלן אים נאָר דינען. דער עולם איז ניט קיין גולם, מען ווייסט גאָט צו דאַנקען, ווער קלמן שולמאַן איז.

זי האָט אָפּגעזאָגט אירס, אָפּגעווישט די שפּאַקולן, מיט די צעשפּאָל־טענע גלעזלעך, און האָט זיך ווידער שטילשווייגנדיק גענומען פאַר איר אַרבעט, צו פאַרצירעווען די לעכער אין די זאָקן.

שולמאַן, וואָס איז געווען אומצופרידן מיט דעם, וואָס זיין פרוי האָט זיך אַזוי באַרימט מיט אים און מיט זייער בן־יחיד, האָט זיך דערווייל שווייגנדיק, מיט אַ פאַרכמורעטן פנים, אַרומגעפּאַרקעט צווישן זיינע ספרים, זוכנדיק אַ ספר. ווען ער האָט אים אויסגעפונען, האָט ער אויפ־מישט אַ שטעלע, וואָס האָט געזאָלט באַווייזן, אַז רייכערסאָן האָט אומרעכט מיט דעם, וואָס ער זוכט מבטל צו זיין די שקלאַפעריי צו דעם לשון פון די נביאים.

מיט אַ מינע פון נצחון און מיט טרייסלענדיקע הענט האָט ער צוגעע־טראָגן רייכערסאָנען דעם אַלטן, פאַרשימלטן ספר, מיט אויסגעריסענע טאָוו־לען און מיט פאַרקנייטשטע ברעגן.

— וואָס זאָגט איר איצט, פאַני רייכערסאָן?

רייכערסאָן האָט געענטפערט מיט אַ שפּאָטיקן בליק און מיט אַ ניגון ווי ער וואָלט מעביר די סדרה געווען, זעצנדיק דעם פּאַסנדיקן טראָפּ אויף יעדן וואָרט.

— וואָס איז דאָ פיל צו זאָגן, וואויל איז צו אייך, אַז איר קענט זיך טרייסטן מיט אַלטע שמות, מיט פּאַפּוסעס. רבי קלמן, איר זייט ניט דער איינציקער נאַר. טפּשים האָבן זיך אַמאָל אויך ניט ווייניק געפונען, איר האָט זיך ניט וואָס איבערצונעמען.

דער באַשיידענער שולמאַן האָט זיך דאָס מאָל ניט געקענט איינהאַלטן, ווי זיין שטייגער איז שטענדיק געווען. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, און מיט אַ הייזעריקער שטימע אַ פרעג געטאָן:

— און איר, רבי משה, איך בעט איבער אייער כבוד, זייט ניט קיין שוטה? פיליכט, זייט מיר מוחל, זייט איר נאָך אַ גרעסערער טפּש פון מיר. מיינע ווערק פאַרקויפן זיך דאָך אין די טויזנטער, און מיינע דרוקער לייגן צו מיר, חלילה, ניט צו. מיין פען איז דאָך מיך מפרנס, ווען אפילו נאָר בצמצום. פאַראַן אויף דער וועלט גרעסערע חכמים, גרעסערע מענטשן

פֿון מיר, און זיי זיינען נאָך גרעסערע קבצנים פֿון מיר. אַברהם מאַפּו, וואָס האָט מיך שטענדיק געשטאָכן און ניט געקאָנט מיר פֿאַרצייען מיין פֿאַרברעכן, וואָס איך האָב געוואָגט איבערצוזעצן אין העברעאיש אַ פֿראַנ־צויזישן ראָמאַן, — האָט ער, מאַפּו, מער פֿאַרדינט פֿון מיר? איז דער רו־סישער מענדלסאָן, אונדזער ריב״ל (יצחק בער לעווינסאָן), וואָס איך בין ניט ווערט די שטויב פֿון זיינע פֿיס, ניט געווען קיין גרעסערער קבצן פֿון מיר? וואָס באַקלאָגט איר מיך לעבעדיקערהייט! עס פֿאַלט מיך גאָר ניט איין חרטה צו האָבן אויף דעם, וואָס איך האָב זיך פֿאַרשקלאַפּט צו דער שפּראַך פֿון אונדזערע נביאים. איך ווייס אַליין ווי ווייניק איך האָב אויפֿ־געטאָן אין מיין לעבן. אָבער ווען מען וועט אַמאָל שרייבן די געשיכטע פֿון דער נייער העברעאישער ליטעראַטור, און מען וועט מיר אין אַ ווינקל ווידמען אַ פּאָר שורות, האָב איך שוין ניט אומזיסט געלעבט. ביזטו, רבי משה קליגער פֿון מיר, ווען בייטאָג לויפֿסטו אַרום צו געבן שטונדן, און די נעכט גיסטו אַוועק דיינע גרויסע אויפֿטואונגען אויפֿן געביט פֿון דער העברעאישער גראַמאַטיק — קנאַפּ ספֿרי דקדוק האָבן מיר, וואָס קיינער רירט זיי ניט אָן. דו, דער פּקח, מוזט נאָך אויסגעבן דיינע שווער פֿאַרדינטע גראָשנס אויף דעם דרוק פֿון דיינע אומשטערבלעכע חידושים און המצאות, וואָס קיינער דאַרף זיי ניט, אויסער דיינע הונגעריקע מייז.

רייכערסאָן האָט די גאַנצע צייט וואָס שולמאַן האָט גערעדט, גע־פֿינטלט מיט זיינע לאַכנדיקע אויגן. ווען דער לעצטער האָט געענדיקט, האָט דער מדקדק, דער גראַמאַטיקער, צוזאַמענגעוויקלט אַ ביסל טאַבאַק אין אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס ער האָט אָפּגעריסן פֿון אַן אַלטער צייטונג, און פֿאַררויכערט מיט פֿילאָזאָפֿישער רואיקייט, און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן האָט ער צוריקגעשליידערט זיין ענטפֿער.

— געוויס בין איך א שוטה, נאָך אַ גרעסערער פֿון דיר, רבי קלמן, ווען מען קען איבערהויפּט זיין אַ גרעסערער. אָבער איך ווייס לכל הפּחות, איך בין א טפּש, אַז דער דקדוק איז מיין שגעון, מיין ערגסטע קראַנקהייט, פֿון וועלכער עס איז מיר אוממעגלעך זיך צו באַפֿרייען; איך, מינדעסטנס, ווייס אַז עס איז דאָ אַ גרויסע וועלט מיט פֿיל וויכטיקערע ענינים, מיט פֿיל אינטערעסאַנטערע און לעבעדיקערע פּראָבלעמען, ווי די גריבלערייען און קאָפּברעכעניש וועגן אַ פּינטעלע אונטער אַ טויטן אות אין אַ טויטער שפּראַך; איך ווייס זייער גוט, אַז יידן דאַרפֿן ניט קיין דקדוק. אונדזער לעבן אין רוסלאַנד איז אַ מין כאַאָס, אָן רעגעלן, אָן יסודות און אָן פֿעסטע געזעצן; עס הערשט אין אונדזער לעבן ניט דער כלל, נאָר דער יוצא מן הכלל. איז דען אַ וואונדער, אַז אויך אין אונדזער שפּראַך הערשט אַ כאַאָס, אַן אַנאַרכיע, און דקדוק איז אַן איבעריקע זאַך. דאָרט, וואו עס

פֿעלט גראַמאַטיק אין לעבן, האָט די גראַמאַטיק ניט קײן פּלאַץ אין דער שפּראַך. איך װײס דאָס אַלץ, אָבער דער דקדוק איז מײן לײדנשאַפֿט. ער זיצט אין מיר װי אַ דיבוק, ניט אַרױסצוטרײבן. דו, אָבער, גאַספּאַדין קלמן, ביזט אַ טפּש און גלױבסט, אַז דו ביסט אַ חכם. דו ביזט אַ שקלאַף און דו ביזט שטאָלץ אויף דײנע קײטן.

צוריקציענדיק זיך אין מײן צימערל, האָב איך געמאַכט נאָטיצן פֿון דעם דאָזיקן זײער כאַראַקטעריסטישן געשפּרעך.

*

דער װיכּוח, די דעבאַטע צװישן רײכערסאָנען און שולמאַנען, האָט מיר געגעבן פֿיל צו דענקען. פֿאַרנדיק קײן װילנע, װאָס איז מיר ניט אַזױ לײכט אָנגעקומען, איז געװען מײן האָפֿנונג, אָנצונעמען זיך מיט גײסט און מיט מוט פֿאַר מײן זעלבסטבאַשטימונג — צו װידמען מײן לעבן דער העבּרעאישער ליטעראַטור און װיסנשאַפֿט.

מײן גרעסטער װאונטש איז דאַן געװען זיך צו באַקענען פֿון דער נאָענט מיט די װילנער ליטעראַטן און געלערנטע, װעלכע איך האָב פֿון דערװײטן אַזױ שטאַרק אידעאַליזירט. בײ שולמאַנען אין הױז האָב איך זיך אָבער געטראָפֿן נאָר מיט זקנים, מיט משׂכּילים פֿונם אַלטן דור. די גײסטיקע אַטמאָספֿערע אין דער דאָזיקער הױז איז געװען אָנגעזאַפּט מיט קרעכצעניש, זיפֿצעניש און טוכלעקײט. עס זײנען געװען שטונדן, אין װעלכע איך האָב זיך געפֿילט, װי דערשטיקט, אין אָט דער אַטמאָספֿערע. איך האָב געזוכט קעמפֿער, דענקער, קעגנװאַרט־מענטשן, װעלכע שטרעבן אַפּצופֿרישן, צו באַנײען דאָס יידישע לעבן. איך האָב געזוכט לערער, װעג־װײזער אין לעבן און אין דער ליטעראַטור — געפֿונען אָבער האָב איך משׂכּילים, װאָס זײער גײסטיקע װעלט איז געװען ענג און שמאָל. װען זײ פֿלעגן זיך צוזאַמענקומען, איז געװען זײער הױפּט־געשפּרעך װידער אַמאָל און אָבער אַמאָל װעגן מענדעלסאָנס ביאור, װעגן יצחק אײכל, שלום הכּהן, אד״ם הכּהן, ריב״ל, רבי נחמן קראָכמאַל און יצחק ערטער (בײ די נעמען פֿון די לעצטע צװײ בין איך געװען זיכער, אַז די גײסטיקע אַט־מאָספֿערע װאָס האָט זײ אַרױסגעגעבן, איז דאָך געװען אַ גײסטרײכערע, אַ לעבעדיקערע און אַ װײט־שפּאַנענדיקע), אָדער װעגן די גרױסע פֿאַר־ברעכנס, װאָס געװיסע שרײבער מאַכן בנוגע דער עטימאָלאָגיע אָדער פּונקטואַציע פֿון דער העבּרעאישער שפּראַך. װען איך פֿלעג דערמאָנען די פֿלאַם־פֿײערדיקע אַרטיקלען פֿון פּרץ סמאָלענסקין אין זײן „השחר“, װעגן לעבנס־פֿראַגן און װעגן אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, פֿלעגט

דער „מושב זקנים״ קריטיקירן ניט די אַנזיכטן, ניט די אידייען פון סמאָלענסקין, נאָר זיין שפּראַך־געברויך און זיין העזה קעגן מענדלסאָנען.

אין אָט דעם קרייז האָט נפתלי הערץ וויזל געגאָלטן אַלס דער גרעסטער אויטאָריטעט, און זיין „שירי תפארת״, אַלס דער מוסטער פון עכטער קלאַסישער פּאָעזיע און שפּראַך. אַלס אַ קונסטווערק פון דער ערש־טער מדרגה. זייער אַלגעמיינע בילדונג איז ווייטער פון שילער אָדער זשוקאָווסקי ניט געגאַנגען.

ווען אָט די משכילים האָבן זיך דערוואוסט, אַז איך וויל זיךווידמען דער העברעאישער ליטעראַטור, האָבן זיי געקוועטשט מיט די פּלייצעס. מילא אַמאָל „אָריינשרייבן״ אין אַ העברעאישן בלאַט — מהיכא־תיתי, ווען מען האָט דערביי די חיונה פון אַן אַנדער קוואַל. אָבער די ליטעראַ־טור אַלס פּראָפעסיע, אַלס אַ לעבנס־צוועק פאַר אַ יונגן מענטשן מיט פּע־איקייטן, פאַר וועלכן עס שטייען אָפן פאַרשיידענע וועגן אין לעבן — ווער האָט דאָס גאָר געהערט פון אַזאַ שגעון? וואָס, מיט אַ געזונטן קאָפּ צו קריכן אין אַ קראַנקער בעט? וואָס קען מען דערוואַרטן פון אַזאַ פאַרריקט־קייט, וויל איך דען זיין אַ זעלבסטמערדער?

צו רעדן מיט די אַלטע משכילים וועגן מיינע אינערלעכע שטרעבונ־גען און פאַנטאַסטישע ליטעראַרישע טרוימערייען, איז מיר געווען אומ־מעגלעך. נאָר די ליבע און די איבערגעגעבנקייט צו דער העברעאישער שפּראַך האָט מיך פאַראייניקט מיט דעם קרייז פון די אַלטע משכילים.

איך מוז מודה זיין, אַז איך האָב פיל געלערנט פון אָט די זקנים, וואָס האָבן אין זיך אַריינגעזאַפּט דאַרשטיק די אַלטע אוצרות פון אונדזער קולטור און די באַהאַלטנסטע געהיימנישן פון דער ביבל־שפּראַך, מיט איר ווייטערע, פיל־פאַרצווייגטער אַנטוויקלונג. זיי זיינען געווען באַענט צו די ערשטע קוואַלן. עס האָט זיי נאָר געפעלט דער דינער סטיליסטי־שער חוש און דער עסטעטישער געשמאַק, אויף ריכטיק צו פאַרוואַלטן און צו באַנוצן זיך מיט די רייכע אוצרות פון דער שפּראַך און מיט דער קענטעניש פון די מקורים, די קוואַלן.

אמת, די געזעלשאַפט פון אָט די כהנים פון דער העברעאישער שפּראַך („כהני השפה העברית״ ווי זיי האָבן זיך ליב געהאַט צו טיטולירן איינער דעם אַנדערן) איז געווען צו לאַנגווייליק, צו מאָנאָטאָן, און דער שטאָף פאַר אונטערהאַלטונג אין אָט דעם קרייז איז געווען זייער אַ מאָגערער און אַ באַשרענקטער.

אין אָט דעם קרייז האָט אָבער געלעבט די טראַדיציע פון צוויי־דריי דורות איידער איך האָב דערזען די ליכט פון דער וועלט, די טראַדיציע

פון אַמאָליקע תּלמידי חכמים, פון אַמאָליקע אייזערנע כאַראַקטערן, וואָס האָבן זיך געקענט מוסר נפש זיין פאַר אַן אידייע.

אויסער דער אַלטער שפּראַך און די טראַדיציע פון די אָפּגעשטאָרבענע דורות האָט מיך קיין זאַך אינערלעך ניט פאַרבונדן מיט אָט דעם קרייז. צוויי וועלטן זיינען מיר געווען. זייער וועלט איז מיר געווען פאַרשטענדלעך, איך האָב איר געזוכט צו פאַרשטיין און דורכצודרינגען און באַגרייפן; מיין אינערלעכע וועלט אָבער איז זיי געווען גאַנץ פרעמד. זיי האָבן קיין באַציאונגען, ניט אינערע און ניט אויסערע, צום יונגן דור צו וועלכן איך האָב דאַן געהערט, ניט געהאַט. דער יונגער דור איז פון זיי גאַנץ ווייט אָוועק, האָט געמאַכט אַ ווייט־גרייפנדיקן שפּרונג אין שיקזאַל פון דער דערוואַרטונגספולער צוקונפט. אַזאַ דערווייטערונג און אַזאַ פרעמדקייט צווישן צוויי דורות, צווישן עלטערן און קינדער (און ווער רעדט נאָך צווישן זיידעס און אייניקלעך!) האָט דאָס רוסישע יידנטום נאָך ניט געקענט.

מוטער און טאָכטער זיצן ביי איין טיש, זייט ביי זייט, און דאָך שיידט זיי פונאַנדער אַ טיפער אָפּגרונט. די מוטער אין אַ פאַרוק, זיצט מיט אַ פרומער מינע און לייענט דעם „צאינה וראינה", אָדער זי זאָגט וואָרט ביי וואָרט א תחינה מיט אַ טרויעריקן קול, אָנגעזאָפּט מיט טרערן; און די טאָכטער מיט אַ געשאָרענעם קאָפּ און מיט אַ דרייסטער אַרויסרופנדיקער מינע, לייענט אַן אונטערערדישן, רעוואָלוציאָנערן ביכל. די מוטער גלויבט אין אַלץ, די טאָכטער — אין גאָרנישט, און ביי דער גרינגסטער באַרירונג צווישן אָט די צוויי וועלטן ברעכט אויס אַן עקספּלאָזיע — אַן אויפרייס, אַ צעשפּאַלטונג.

פאָטער און זון רעדן אויף צוויי לשונות, ווען זיי רעדן אַפילו אין איין און דער זעלבער שפּראַך. זיי פאַרשטייען זיך ניט. ביים פאָטער איז יידישקייט אַ היילקטום, ביים זון — אַ לאַסט, אַ טויטע ירושה. דער פאָטער איז אַן איינגעוואָרצלטער אין זיין סביבה, דער זון — אַן אויסגעוואָרצלטער, אַן אַרויסגעריסענער פון דער סביבה. דער פאָטער זוכט זיין שטיצפּונקט אין די יסודות פון דער לאַנג־אָפּגעשטאָרבענער וועלט, ער זוכט זיין טרייסט אין אַלטע ספרים; דער זון — אין אַ וועלט, וואָס מוז ערשט געבוירן ווערן, נאָך דעם, ווי עס וועט פאַרקומען אַ ראַדיקאַלע, פּאָליטישע און סאָציאַלע איבערקערעניש, אין רוסישע רעוואָלוציאָנערע בראָשורן און פלוגבלעטער.

איך בין דאַן אין מיין פרישטער יוגנט, געשטאַנען בין החיים והמתים, צווישן די לעבעדיקע און די טויטע. איך האָב געהאַט טיפע באַציאונגען אי צו אונדזער אַלטער וועלט מיט אירע קולטור־אוצרות, אי צו דער

נייער וועלט מיט אירע קולטור־שאַפונגען, מיט איר אימפעט און מיט אירע גרויסע האָפענונגען און פּראָבלעמען.

מיינע נאַציאָנאַלע געפילן און מיינע רענעסאַנס־טרוימערייען האָבן אָבער ניט געפונען קיין פאַרשטענדעניש, קיין מאָראַליש־גייסטיקע שטיצע, און ניט דעם שוואַכסטן אָפּקלאַנג, ניט אין דעם קרייז פון די אַלטע משכּילים און שרייבער, ניט אין דעם קרייז פון דער שטודירנדיקער יוגנט. פון איין זייט מוטלאָזיקייט, און קיין סימן פון ווילן צום לעבן, צום אויפלעבן. פון דער אַנדערער זייט, צווישן דער יוגנט, אָדער אַ צייכן פון גראָבן מאַטעריאַליזם, פון קאַריעריזם, אָדער פון זעלבסטשטענדיקייט, פון אַ שטאַרקן אידעאַלן ווילן צו באַפרייען רוסלאַנד און שאַפן אַ סאָציאַלע געזעלשאַפט, אָדער אַ פאַראַכטונג צו אַלץ וואָס איז יידיש, אַ פולשטענדיקע גלייכגילטיקייט צו די ספּעציעלע נויטן און אונטערדריקונגען פון די גרויסע יידישע מאַסן. מיין יידישע נשמה האָט ניט געפונען קיין מנוחה, קיין ריכטיקן אָנהאַנג, ניט צווישן די זקנים, און ניט צווישן דער יידישער יוגנט.

קיין איין־איינציקן העברעאישן אָדער יידישן שרייבער האָב איך דאָן צווישן דער ווילנער יידישער יוגנט ניט געפונען. מיט ליכט האָב איך זיי געזוכט, אָבער ניט אַ סימן אויף אַ רפואה. פון יידישער קונסט האָט דאָן אין „ירושלים דליטא", נאָך קיינער ניט געחלומט. איך האָב אָבער שוין דאָן וועגן דעם געטרוימט.

שמואל יוסף פין

אַ שבת נאָכמיטאָג. איך בין געקומען צו שולמאַנען אויף באַזוך. ביי אים איז געזעסן משה רייכערסאָן.ביידע זיינען געווען פריי. שבת האָבן זיי ניט געאַרבעט, קיין פען אין האַנט ניט גענומען. ביידע האָבן געהאָט געדאַוונט אין „טהרת הקודש", די שול פון די אַלטע משכּילים.

אין שטוב ביי שולמאַנען האָט אויסגעזען שבתדיק נאָכמיטאָג, נאָך דעם טשאָלנט, זויערלעך־לאַנגווייליק, שלאָפנדיק. פרוי שולמאַן האָט איינגעדרימלט ביים עס־טיש, אויף וועלכן עס האָבן זיך געוואַלגערט ברעקלעך פונם עסן, אויף אַן אַלטן פרומען עברי־טייטש ספר. די צוויי זקנים האָבן זיך געאַמפּערט איבער דעם פּשט פון אַ פּסוק, אויף וועלכן אַלע מפרשים האָבן זיך יאָרן געמאַטערט און פאַרפּלאָנטערט. קיינער פון זיי האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן. עס איז געווען אַ סכּנה זיך אַריינצומישן.

שוין דרײסיק יאָר האָט זיך דער קריג געצויגן צווישן די צווײ אינטימע פֿרײנט וועגן דעם שווערן פּסוק.

בײדע זקנים זײַנען געווען שטאַרקע קעגנער פֿון דער ביבל־קריטיק (בקרת המקרא). בײדע האָבן ניט געקענט צולאָזן, אַז דער פּסוק איז פֿאַר־גרײַזט, די ווערטער אין אים זײַנען פֿאַרדרײט, און די אותיות פֿאַרביטן.

מיר איז געוואָרן לאַנגווײליק בײַצעוואוינען, אַלס אַ שטומער צו־הערער, די פֿאַרשימלטע הײזעריקע מחלוקת וועגן דעם זין פֿון דעם אומ־דערקלערלעכן פּסוק. עס איז געווען אַ זײער שײנער טאָג, און די פֿרײַע לופֿט האָט מיך געצויגן אין דרויסן. איך האָב זיך אױפֿגעהויבן און גע־וואָלט אַוועקגײן. בײדע זקנים האָבן מיך ניט אָפּגעלאָזן. זײ האָבן זיך בײדע געגוטיקט אין מײַן יוגנטלעכער דערפֿרישונג און אױפֿלעבונג.

— ווײסט איר וואָס? — האָט זיך אָפּגערופֿן רײכערסאָן, — לאָמיר אַלע דרײַ גײן באַזוכן שמואל יוסף פֿין. ביז איצט האָט זיך אונדזער יוגנט־פֿרײנט באַגעגנט מיט שרײַבער, מיט געלערנטע, וואָס זײַנען פֿאַר קײן אידן געדאַכט, קבצנים און דלפֿנים. נו, לאָמיר אים באַקאַנט מאַכן מיט אַ העברעאישן שרײַבער און געלערנטן, וואָס איז אַ גביר אַדיר, אַ קצין, מיט אַ גרויסער רײַכער ביבליאָטעק אויף אַלע אונדזערע געזאַגט.

שולמאַן האָט אײַנגעוויליקט צו מאַכן דעם באַזוך. ער האָט עס אַפֿילו געפֿונען פֿאַר נויטווענדיק, ווײַל ער האָט שוין עטלעכע מאָל גערעדט מיט פֿינען וועגן מיר.

איך האָב שוין פֿריער געגאַרט זיך צו באַקענען מיט שמואל יוסף פֿין, דעם „ארי שבחבורה" (דער לײב אין דער געזעלשאַפֿט). איך האָב אָבער קײן מוט געהאַט אַלײן צו גײן צו אים און זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אים.

עפּעס אַ קלײניקײט װער שמואל יוסף פֿין איז דאָן געווען! ער איז געווען באַרימט אַלס אַ גרויסער געלערנטער אויף פֿאַרשײדענע געביטן און אַלס אַ כּלל־טוער.

די מערסטע פֿון זײַנע ספֿרים האָב איך שוין דאָן געקענט. אמת, זײַנע חבורים, ווערק, האָבן אויף מיר קײן מאָל קײן אײַנדרוק ניט געמאַכט, און מיך ניט באַאײַנפֿלוסט. איך האָב זיך ניט געקענט באַגײַסטערן מיט קײן אײן שורה פֿון זײַנע ווערק, מיט די אַנגעפּיקעוועטע באַמערקונגען, הערות, און מיט דעם מיש־מאַש, מיט דער סיסטעמלאָזיקײט וואָס הערשט אין זײ. זײַן גרויסע בקיאות, זײַן באַלעזנקײט איז אָבער געווען קענטיק אין אַלץ וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט.

זײַן „קריה נאמנה", די געשיכטע פֿון דער יידישער קהלה אין ווילנע, פֿון אירע גאונים, חכמים, שרײַבער און פֿילאַנטראָפּן (וואָס האָט אים באַקאַנט געמאַכט איבער די גרענעצן פֿון רוסלאַנד), האָט מיך פֿאַראינ־

טערעסירט נאָך אײדער איך האָב געהאַט אַן אָנונג פֿון דער העברעאישער בעלעטריסטיק. מײַן נײַגונג, שוין יוגענטלעך, צו דער ביאָגראַפֿישער קונסט און װיסנשאַפֿט, האָט געזוכט דאָרשטיק און נײַגעריק איר נאָרונג אין פֿינס װערק. נאָך כּמעט אַ ײנגל, האָב איך באַקומען אין מײַנע הענט פֿינס „קריה נאמנה" און האָב עס אין צװײ טעג איבערגעלײענט פֿון אָנהײב ביזן סוף. באַגײַסטערט פֿונם בוך האָב איך ניט געקענט זײַן, װײַל עס איז אַ טרוקענע זאַמלונג פֿון מצבֿות, פֿון דאָקומענטן, פֿון ביבליאָגראַפֿישע און ביאָגראַפֿישע נאָטיצן אָן אָרדנונג. דער מאַטעריאַל איז אָנגעװאָרפֿן פֿאָרמלאָז, ניט דורכגעזיפּט און אָן אַ קריטישן גײַסט. װען איך האָב אָבער געלײענט זײַן „דברי הימים לבני ישראל", די ײדישע געשיכטע פֿון גלות בבל ביז די מלכי בית החשמונאים, און זײַנע מאַמרים אין „הכּרמל" װעגן די חכמי ישראל אין קרים און אין טערקײַ, װי אויך זײַן אָפּהאַנדלונג װעגן דער מסורה, איז פֿין געשטיגן אין מײַנע אויגן צו דער מדרגה פֿון אַ היסטאָרישן פֿאָרשער. איך בין געװען צו יונג, קריטיש אָפּצושאַצן זײַן װיסנשאַפֿטלעכן װערט. איך האָב אויף אים געקוקט פֿון װײַטן װי אויף אײנעם פֿון די גרויסע חכמי ישראל אין זײַן דור.*)

פֿין האָט דאַן פֿאַרנומען אײנע פֿון די העכסטע פּלעצער אין דער קהילה פֿון װילנע. ער איז געװען אײנער פֿון די װיכטיקסטע גבאים אין דער „צדקה גדולה", אַ מיטגליד אין דער שטאָטישער "דומע", און נאָך דעם טויט פֿון מתתיהו שטראַשון איז פֿין געװען דער רעפּרעזענטאַטיװער ײד אין װילנע פֿאַר דער ײדישער, װי פֿאַר דער ניט־ײדישער װעלט. ער איז געשטאַנען אין גרויסע באַציאונגען מיט דער ײדישער װעלט אין כּלל־זאַכן, װי אין דער ײדישער װיסנשאַפֿט, אויך אין מערבֿ־אײראָפּע. אויסער תּורה און חכמה האָט ער פֿאַרמאָגט אַ גרויסע הויז און עשירות.

װיסנדיק, אַז שמואל יוסף פֿין איז שטאַרק פֿאַרנומען מיט זײַן פֿלײסיקער אַרבעט אויף פֿאַרשידענע געביטן אין דער העברעאישער ליטעראַטור און װיסנשאַפֿט, און אויסער דעם איז ער נאָך באַלעסטיקט מיט אַלערלײ גבאות און פֿאַראַנטװאָרטלעכקײטן, האָב איך דאַן, נאָך אַ גאַנץ יונגער בחורל, נישט געװאַגט קומען סתּם אין דער װעלט אַרײַן צו אַזאַ פֿיל־באַשעפֿטיקטן מאַן װי פֿין. אויסער דעם האָב איך מיר פֿאַרגעשטעלט פֿינען אין מײַן פֿאַנטאַזיע, אַלס אַ שטרענגן „טשינאָװניק",

*) איך װיל דאָ באַמערקן, אַז איך האָב גראָד אין די שפּעטערדיקע יאָרן פֿיל געלערנט פֿון זײַן העברעאישן לעקסיקאָן „אוצר המקרא והתּלמוד", װאָס איז דערשינען נאָך פֿינס טויט, אין פֿיר דיקע בענדער. עס איז אַ װירקלעכער אוצר פֿון אונדזער שפּראַך װען אַפֿילו דער ריזיקער שפּראַך־זאַץ איז נישט שטרענג װיסנשאַפֿטלעך באַאַרבעט געװאָרן. — ר. ב.

ווייל מיר איז געווען באַקאַנט דער פֿאַקט, אַז די רוסישע רעגירונג האָט אים „באַערט" מיט צוויי זילבערנע און איין גאָלדענעם מעדאַל און האָט אים געשענקט דעם טיטל „פּאָטשאָטני גראַזשדאַנין" (ערן בירגער) פֿאַר זיינע פּאַטריאָטישע פֿאַרדינסטן אויף דעם געביט פֿון דער יידישער דער־ציאונג.

פּינס „ראשית יסודי אמונת ישראל", אַ לער־בוך אין דער רוסישער שפּראַך פֿון דער יידישער רעליגיע, פֿאַר די שולן, האָט געטראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פֿון „קאַזיאָנשטשינע". זייט איך געדענק זיך, האָב איך געפֿילט אַ טיפֿע אָפּנייגונג צו טשינאָווניקעס, סיי אין דער ליטעראַטור, און סיי אין לעבן.

מיך האָט שטאַרק געצויגן צו זען און צו הערן פֿון דער נאָענט דעם גרויסן יידישן געלערנטן, דעם אָנגעזעענעם כּלל־טוער, רבי שמואל יוסף פֿין, אָבער צו דער זעלבער צייט האָט מיך אָט דער נאָמען ווי אָפּגע־שראָקן און אָפּגעשטויסן.

און מיט אָט דעם געמישטן געפֿיל בין איך יענעם שבת געגאַנגען אין דער באַגלייטונג פֿון די צוויי זקנים, שולמאַן און רייכערסאָן, צו באַ־זוכן פֿינען.

אויפֿן וועג האָבן מיר מיינע באַגלייטער דערציילט וועגן פֿינס תּורה און גדולה, וועגן זיינע אויפֿטואונגען אין דער ליטעראַטור און אין לעבן. די אָרעמע זקנים האָבן זיך געטרייסט מיט דעם, וואָס כאָטש איינער פֿון זייערע פּען־חברים לעבט אין עשירות און פֿאַרנעמט אַזאַ בכּבודיקן פּלאַץ אין דער געזעלשאַפֿט.

האָב איך אַ פֿרעג געטאָן מיינע באַגלייטער:

— טראָגט אים דען אַריין זיין ליטעראַרישע און וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט אַזאַ הכנסה, אַז ער קאָן לעבן, ווי איר זאָגט, מעשה גביר?

האָט זיך רייכערסאָן אַ קער געטאָן צו מיר:

— יונגערמאַן, פֿון וואַנען זענט איר, פֿון וואָס פֿאַר אַ עולמות קומט איר, זייט־זשע מוחל? וואו אָקאָרשט האָט איר געהערט אָדער געזען, אַז די טויטע אותיות זאָלן געבן גענוג צו לעבן און דערצו נאָך אין עשירות?

— פֿון וואָס דען? — האָב איך נאַאיוו געפֿרעגט. — איז פֿין רייך?

אַלס אַן ענטפֿער אויף מיין פֿראַגע האָט מיר רייכערסאָן דערציילט באַריכות און אין אַ האַלב־ שפּאַטישן טאָן (איבעריגנס טריי צום אמת, ווי דער ערנסטער און שטילער קלמן שולמאַן האָט עס באַשטעטיקט), אַז אין די יינגערע יאָרן איז פֿין געווען לא עליכם, אַ קבצן גדול ונורא. אָבער גאָט האָט זיך אויף אים מרחם געווען און האָט ביי אים זיינע ערשטע צוויי אָרעמע ווייבער אַוועקגענומען און האָט נאָך פֿאַרגרעסערט

זיין גנאָד: ער האָט אים שכל געגעבן חתונה צו האָבן מיט אַ רייכער אַלמנה, וואָס איז פּעאיק צו געשעפֿט, און פֿון דאַן אָן גייט עס אים זייער גוט, ניט צו פֿאַרזינדיקן: ער זיצט על התורה והעבודה, לערנט פֿיל, שרייבט פֿיל, עסט פֿיל, און איז זיך דערביי עוסק בצרכי צבור, און זיינע געשעפֿטן וואַקסן ווי אויף הייזון. ווען אונדזערע שרייבער און געלערנטע וואָלטן שכל געהאַט, וואָלטן זיי אַלע חתונה געהאַט מיט רייכע אַלמנות און טיכטיקע געשעפֿטס־פֿרויען, וואָלטן מיר דאַן געהאַט אויך אַ רייכע ליטעראַטור. האָבן אָבער אונדזערע שרייבער קיין שכל ניט געהאַט צו דאָס זעלבע וואָס פּין, האָבן מיר טאַקע אַן אָרעמע קבצנישע ליטעראַטור.

מיר זיצן דרייען אין דעם גרויסן באַקוועמן אַרבעטס־ און שטודיר־צימער פֿון פּין. די ווענט זיינען באַדעקט מיט ספֿרים — אַ ווערטפֿולע ביבליאָטעק.

עס קומט אַריין אין אַ זיידענעם שלאַפֿראָק, אַ מאַן אין די אַנהויב זעכציקער, פֿעסט געבויט מיט האַרטע, ניט זייער אָנגענעמע שטריכן אַרום מויל, אַ ווייס־זילבערנע געדיכטע, און ניט אַרומגעשוירענע באָרד. אויפֿן קאָפּ אַ זיידענע יאַרמעלקע — דער אויסדרוק פֿון זיין פּנים און פֿון זיין בליק איז אַ זיכערער, אַ באַשטימטער, פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט צו זיך צוטרוי און אַ פֿעסטן באָדן אונטער די פֿיס. אַזוי איז ער פֿאַר־בליבן אין מיין געדעכעניש.

שולמאַן האָט מיך פֿאָרגעשטעלט, און עס איז קאָנטיק געווען, אַז ער האָט ניט איין מאָל גערעדט מיט פּינען וועגן מיר, איבערטרייבענ־דיק מיין ווערט, און דערוואַרטנדיק פֿון מיר אין דער צוקונפֿט גאָט ווייסט וואָס.

פּין האָט אונדז אַלעמען זייער פֿריינטלעך און ליבנסווירדיק באַ־גריסט. זיין זיסקייט און די איבערגעטריבענע העפֿלעכקייט זיינען גע־ווען אין פֿולן ווידערשפּרוך מיט די האַרטע פֿאַרביסענע שטריכן ארום זיין מויל.

איבער ווילנער געסלעך

שפּאַצירנדיק איין מאָל מיט רייכערסאָנען איבער די עכטע און די רעכטע יידישע גאַסן און געסלעך פֿון ווילנע, רוף איך זיך אָפּ צום לעצטן: אַך, וויפֿיל צאַפּלדיק-לעבעדיקער מאַטעריאַל פֿון דער יידישערווירקלעכקייט עס וואַלגערט זיך דאָ אַרום ביי איך פֿאַר אַ בעלעטריסט, פֿאַר אַ דיכטער! וואָס פֿאַר אַ ביטערער, עקשנותדיקער קאַמף פֿאַר דער נאַקעטער עקזיסטענץ, פֿאַרן מינימום פֿון לעבן! וויפֿיל שטילע טראַגעדיעס שפּילן זיך דאָ אָפּ טעגלעך! וויפֿיל קראַפֿט און גייסט ווערן דאָ טעגלעך פֿאַרווענדט אויף קלייניקייטן, אויף גאָרנישט, ביז זיי ווערן אין גאַנצן דערשטיקט, אָדער פֿאַרוואַנדלט אין מאַכטלאָזיקייט, אין הילפֿלאָזיקייט, אין שפּיצפּינדיקייט, אין „גאַלגאַן-הומאָר". און טראָץ דעם, טראָץ אַלע אוממעגלעכקייטן, וויפֿיל גייסט און טאַלאַנט שפּריצן-בליצן דאָך אויף טעגלעך אין די דאָזיקע ענגע יידישע געסלעך אָן לופֿט, אָן ליכט! מיכה יוסף לעבנזאָן און מאַרק אַנטאָקאָלסקי זיינען דאָך אַ פּראָדוקט פֿון דער יידישער גאַס אין ווילנע — אָבער וויפֿיל דיכטערישע און קינסטלערישע טאַלאַנטן אַזעלכע, אָדער פֿילייכט נאָך גרעסערע, ווערן דאָ שפּורלאָז דערשטיקט, בוצלאָז פֿאַר אונדזער פֿאָלק און פֿאַר דער מענטשהייט!

— אייער, אָדער אונדזער, פֿין האָט יאָרן לאַנג געזאַמלט די מצבות פֿון אַלטן ווילנער בית-עולם. ער האָט געזוכט דעם ווילנער יחוס נאָר אויפֿן בית הקברות. זיין „קריה נאמנה" איז אַ ליטעראַרישער בית-עלמין פֿון דער „ירושלים דליטאָ": מצבות און נאָך אַמאָל מצבות, טויטע נעמען און לאַנגע טויטע מליצות. עס איז געווען אַ ווערטפֿולע זאַמלונג פֿון מאַטעריאַל פֿאַר דעם געשיכטע-שרייבער פֿון די יידן אין ליטע. קאָנט איר מיך אָבער באַקאַנט מאַכן מיט אַ יונגן טאַלאַנט, וואָס שילדערט אין וועלכן עס איז לשון דאָס קעגנוואַרטיקע לעבן פֿון דער יידישער גאַס אין ווילנע, וואו עס איז אַזוי פֿיל וואַכעדיקייט אין דער קדושה און דאָך נאָך אַזוי פֿיל קדושה אין דער וואַכעדיקסטער וואַכעדיקייט?

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז איך גיב דאָ ניט איבער די ווערטער פּונקט ווי איך האָב גערעדט צו משה רייכערסאָן, אָבער דאָס איז געווען דער זין, דער אינהאַלט פֿון דעם וואָס איך האָב דאַן גערעדט מיט יוגנטלעכער ביינעריקייט.

רייכערסאָן האָט מיך ערנסט אויסגעהערט, אַ שאָקל געטאָן מיט זיין האַלב גרויען, מעכטיקן שיידל, און ווענדנדיק זיך צו מיר, האָט ער געזאָגט:

— גוט, איך וועל אייך באַקאַנט מאַכן מיט דעם יינגסטן פון אונדזע־רע שרייבער, וואָס איז, לויט מיין מיינונג, דער בעסטער און גרינטלעכ־סטער קענער פון דער נעכטיקער, און ניט ווייניקער אויך דער היינטי־קער, יידישער גאַס און געסל אין ווילנע. ער האָט עס פאַראייביקט אין אומצאָליקע מעשיות און געשיכטעס.

איך בין געוואָרן זייער נייגעריק ווייל איך האָב פון אַזאַ יונגן און פראָ־דוקטיוון טאַלאַנט ניט געוואוסט און פון קיינעם ניט געהערט.

— ווער איז דאָס? ווי איז זיין נאָמען? — האָב איך אַ פרעג געטאָן.

— זיין נאָמען איז: אייזיק מאיר דיק, — האָט רייכערסאָן שטאַרק באַטאָנט „מלרע״ די ערשטע צוויי פאָרנעמען, על־פי דקדוק, — אָדער אמ״ד. ער האָט אויך פיל אויסגעטראַכטע נעמען. מיט די געדרוקטע בויגנס פון זיינע מעשיות האָט מען געקאָנט צודעקן גאַנץ ווילנע, און עס וואָלט נאָך איבערגעבליבן.

כאָטש איך האָב נאָך דאַן ניט געהאַט געלייענט קיין שורה פון דיק, דאָך זיין נאָמען איז מיר שוין געווען באַקאַנט, און איך האָב אויף אַזוי פיל געוואוסט פון אים, אַז ער מוז שוין זיין אַן עלטערער מאַן.

— דיק, דאָס איז אייער יינגסטער שרייבער? — האָב איך געפרעגט מיין באַגלייטער, — ווילט איר זיך וויצלען?

איך בין געווען שטאַרק אַנטוישט פון רייכערסאָנס ענטפער. איך זוך יונגע גייסטער, יונגע לעבעדיקע טאַלאַנטן, נאָך וועלכע איך האָב געגאַרט, — און דאָ וויל מען מיך פירן ווידער צו אַ זקן. נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל אַ זקן. און דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך דאַן קיין לוסט ניט געהאַט צו באַקענען זיך מיט אַ „זשאַרגאָנישן״ שרייבער, וועלכער שרייבט פאַר דינסטן, פאַר בעלי־עגלות, פאַר דעם פראָסטאַק. ניט לייע־נענדיק דיקן האָב איך פון אים געהאַט אַ פאַלשע פאָרשטעלונג. איך האָב געגלויבט, אַז ער שרייבט נאַרישע באָבע־מעשיות, וועלכע איך האָב ניט געוואָלט אָנקוקן. אַ לובאָוויטש בחורל, ווען איך האָב פערזענלעך געקענט אַלס קיילעכדיקן עם־הארץ, אַלס אַ שלומיאל, אַ טויגעניטכס, האָט געאַרבעט פאַר דעם פאַרלאַג פון דער אַלמנה ראָם. ער האָט גע־שריבן זשאַרגאָנישע מעשיות, וועלכע ער האָט געשאָטן פון אַרבל. זיין האָנאָראַר איז געווען אַ רובל פער דרוק־בויגן. אין מיין אומוויסנקייט האָב איך געגלויבט, אַז דיק איז פון דעם זעלבן סאָרט טינט־שמירער, נאָר אַ ביסל געניטערער. נאָך איידער איך בין געקומען קיין ווילנע, האָבן

מיך אַ פּאָר באַקאַנטע לומדים און משכּילים, אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דיקס דערציילונג „שמעיה גוט יום־טוב ביטער", פון וועלכער זיי האָבן שטאַרק הנאה געהאַט און זיך ניט געקאָנט אָפּלויבן; אָבער זייער התפּעלות האָט אויף מיר ניט געווירקט. מיך האָט קיין חשק ניט גענומען איבער־צולייענען אַ ביכל אין זשאַרגאָן.

עס איז געווען דער אומגליקלעכער טעות, און אפשר דער פאַר־ברעכן, פון יענעם דור משכּילים און פון דער דאַמאָלדיקער שטודיר־טער יידישער אינטעליגענץ, וואָס זיי האָבן טיף פאַראַכטעט די יידישע שפּראַך און די יעניקע, וועלכע שרייבן אין איר פאַר דעם המון־עם. איך אַליין בין געווען אַ געוויסע צייט פאַרפירט פון דעם זעלבן טעות און באַלעסטיקט פון דעם זעלבן פאַרברעכן, ווען איך דאַרף אַזוי זאָגן. זייענ־דיק שוין אַ העברעאישער שריפטשטעלער, איז אין מיר פאַרגעקומען אַ טיפער אינערלעכער קאַמף, ביז איך האָב זיך אַנטשלאָסן צו שרייבן אויך יידיש*).

רייכערסאָן האָט מיר דערקלערט, אַז איך מאַך אַ טעות בנוגע דיקן. ער איז טאַקע אַלט אין יאָרן, אָבער ווירקלעך דער יינגסטער, צווישן דער חברה זקנים פון די ווילנער משכּילים, אין גייסט. דיק איז שוין עטלעכע־און זיבעציק, אָבער נאָך גייסטיק, אַפילו קערפּערלעך פריש, און לעבעדיק. איצט נאָך שרייבט ער אויך זייער לייכט און זייער פיל, אַ „מעין הנובע". אַ פליסנדיקער קוואַל. ווען עס קומט צו פאַרטיידיקן זיינע אויפקלערערישע אנשויאונגען, ווי צו פאַרבעסערן און ווי צו פאַרשענערן דאָס לעבן אין דער יידישער גאַס, אין דעם קהלה־שטיבל, אינם אַלטן בית־המדרש, אינם חדר און אַ. וו.; ווען עס קומט צו באַקעמפן דעם ווילדן פאַנאַטיזם און אָפּגעלעבטע זינלאָזע מנהגים, איז דיק נאָך אַזוי קאַמפּסלוסטיק, אַזוי מוטיק און אַזוי אומאָפּהענגיק, ווי אין זיינע בעסטע יאָרן. דיק איז אַ זעלטענער עקזעמפּלאַר מענטש.

רייכערסאָן האָט מיר פאַרזיכערט, אַז איך וועל זייער צופרידן זיין מיט דער באַקאַנטשאַפט, וואָס איך וועל מאַכן מיט דעם אַלט־יונגן יידישן שריפטשטעלער.

רייכערסאָן האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער פּערזענ־לעכקייט פון אייזיק מאיר דיק, אַז איך האָב זיך ביי אים געבעטן, ער זאָל מיך גלייך פירן צום „זשאַרגאָנישן" שרייבער.

---

*) מיין ערשטער יידישער אַרטיקל איז געווען געדרוקט אין יאָר 1891, אין דעם זאַמלבוך „דאָס הייליקע לאַנד", אַרויסגעגעבן פון נאַראָדיצקי און בערטאַ פלעקסנער, אין זשיטאָמיר, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט פרוג און דער באַקאַנטער רוסיש־יידישער קריטיקער וואָלינסקי, דער ברודער פון דער אַרויסגעבערין. — ר. ב.

רייכערסאָן האָט זיך צו מיר פֿאָטערלעך געווענדט:

— מיין זון, זיי נאָר ניט אומגעדולדיק. פֿריער האָסטו גאָר ניט געוואָלט הערן פֿון דיקן און איצט איילסטו גלייך צו אים. עס גייט ניט. דיק איז אַן אויסנאַם, און דערצו נאָך איז ער אַ זייער פֿלייסיקער און פּינקטלעכער אַרבעטער. ניט צו יעדער צייט איז ער רעדעוודיק. ער האָט פֿיינט געשטערט צו ווערן; און נאָך עטוואָס: ער שעמט זיך אויפֿ־צונעמען אומבאַקאַנטע געסט. ווען אין זיין הויז ביי אים איז אַלץ קאַפּויר: אַנגעוואָרפֿן, אַנגעשליידערט, אַז ניט אַ קער צו טאָן זיך, ווי נאָך אַ שרפֿה. זיין פּלוניתטע האָט איר געשעפֿט אין הויז און זי קימערט זיך זייער ווייניק וועגן אים. איך מוז אים פֿאַרברייטן.

נייגעריק האָב איך געפֿרעגט מיין באַגלייטער:

— וואָס פֿאַר אַ געשעפֿט האָט די פֿרוי דיק אין דעם זעלבן הויז, וואו איר מאַן זיצט ביים שרייב־טיש?

— זיין פֿרוי האָט אַ זייער פֿיינעם, אַ זייער נאָבעלן געשעפֿט — איז געוועזן דער סאַרקאַסטישער ענטפֿער.

— דהיינו?

— דהיינו, זי גיט געלט אויף פּראָצענט צו אָרעמע־לייט; זי באָרגט אָבער ניט קיין פּיאַטאַק, ווען מען ברענגט איר ניט קיין משכּנות. — אַלטע קליידער, בעטגעוואַנט, מעשענע לייכטער און אַנדערע שמאַטעס. דאָס אַלץ וואַלגערט זיך אַרום אויף טיש און אויף בענק. עס איז דאָרט אין הויז אַ יאַריד: ווייבער ברענגען משכּנות, ווייבער לייזן־אויס משכּנות; און עס שטייט דאָרט אַ שטענדיקער געפּילדער, קללות, חרמות, זידלעריי און אַ געוויין. איצט שטעלט זיך פֿאָר, אַז מיר פֿאַלן אַריין צו דיקן אין הויז אין אַזאַ אומגליקלעכער שעה, — ווי וועט ער זיך פֿילן, דער אָרע־מער, מיט זיין צאַרטער נשמה.

—וואָס רעדט איר פֿון אַ „צאַרטער נשמה"? — האָב איך פֿאַרוואונ־דערט געפֿרעגט מיין באַגלייטער, — ווי קאָן גאָר דיק צולאָזן, אַז זיין פֿרוי זאָל זיין אַ פּראָצענטניצע און זאָל אויסצאַפּן דאָס בלוט ביי די אָרעמע פֿרויען?

דאָ האָט מיר רייכערסאָן געשילדערט די טראַגישע זייט פֿון דיקס לעבען.

— ער איז דורך־און־דורך אַ מאָראַלישער מענטש, מיט אַ פֿיינפֿילנ־דיקער איידעלער נשמה. זיינע אייגענע לעבנס־באַדערפֿעגישן זיינען מינימאַלע, פֿון אַן אַסקעט. ער איז איבערהויפּט אין אַלץ דער באַשיידנ־סטער מענטש. איז אָבער זיין פֿרוי דער קעגנזאַץ פֿון אים, דער קעגנ־זאַץ אין אַלץ. ער האָט ניט אויף איר קיין שליטה. ער דאַרף ניט און

װיל ניט איר געלט, האָט דערפֿון קײן הנאה ניט, אַפֿילו באצבע קטנה; ער לײדט געװנוג, װען ער זעט־צו זײן װײבס געשעפֿטן, אָבער ער קאָן זיך ניט העלפֿן. ער איז גערן, װען זײן אַרורה לאָזט אים צורו און ער קאָן זיך זיצען אין אַ װינקל און אַרבעטן. בײ דער אַרבעט פֿאַרגעסט ער אַלץ. איך מאַך אײך פֿריער אױפֿמערקזאַם, כּדי איר זאָלט ניט אורטײלן דיקן לױט זײן פֿרױ. ער איז, אמת, אַ קאָמפּאָס־נאַטור, זײן פּלוניתטע, — דאָס איז זי בײ אים די צװײטע, — איז אָבער שטאַרקער פֿון אים. זי האָט אים גובר געװען. האָט אַ באַזוכער בײ סאָקראַטעסן אין הױז געדאַרפֿט אורטײלן דעם פֿילאָזאָף לױט זײן פֿרױ קסאַנטיפּע?

אייזיק מאיר דיק

אין אַ פּאָר טעג נאָך מיין שמועס מיט רייכערסאָנען האָבן מיר באַקומען אַן אײַנלאַדונג פֿון אײַזיק מאיר דיק. אין אַ וואָכעדיקן אָוונט זיינען מיר צו אים געקומען אויף אַ באַזוך. דער אַלטער דיק האָט אונדז זייער פֿריינטלעך באַגעגנט. רייכערסאָנען האָט ער אויפֿגענומען ווי אַן אַלטן פֿריינט, ווי אַן אייגענעם מענטשן. מיך האָט ער אויפֿגענומען כמעט מיט אַ צערעמאָניעלער העפֿלעכקייט פֿון אַ גאַסטפֿריינטלעכן מענטשן. ווי עס שיינט האָט אים רייכערסאָן דערציילט וועגן מיר נסים ונפֿלאות, און האָט אים פֿאַרבערייט פֿאַר דעם דאָזיקן באַזוך.

אין צימער, וואו דיק האָט אונדז אַריינגעפֿירט און אונדז אַוועקגעזעצט אויף אַ ניט איבעריקס באַקוועמער סאָפֿע, האָט אויסגעזען פֿייערלעך יום־טובדיק. אויפֿן געדעקטן טיש, מיט אַ פֿאַרביקער טישטוך, האָבן געברענט צוויי סטעאַרינאָווע ליכט אין געפּוצטע מעשענע לייכטער. דער צימער, וואו מיר זיינען געזעסן איז געווען אָנגעפּאַקט, איבערגעפֿילט מיט אָפּגענוצטן, אַלט־מאָדישן מעבל, וואָס איין שטיק האָט זיך ניט געפּאַסט צום צווייטן. אין אַלע ווינקעלעך זיינען געווען אָנגעשטעלט צופֿעליקע זאַכן. עס איז קענטיק געווען , אַז די עקרת־הבית האָט זיך מי געגעבן צו ברענגען אַ געוויסע אָרדנונג אין די כאַאָטיש אָנגעוואָרפֿענע זאַכן, עס זאָל אויסזען ווי ביי אַ יוסטן בעל־הבית. אַלץ אין צימער האָט עדות געזאָגט, אַז מען האָט דאָ דערוואַרט געסט, וואָס זיינען געווען ווי עס שיינט, אַ זעלטענער צופֿאַל אין דעם דאָזיקן הויז.

עס איז געווען מיין ערשטער באַזוך ביי אַ „זשאַרגאָנישן" שרייבער אין הויז.

זייער אויפֿמערקזאַם און קאָנצענטרירט האָב איך באַטראַכט דאָס געזיכט, דעם פּרצוף־פּנים, פֿון אייזיק מאיר דיק. איך זע אים נאָך היינט לעבעדיק פֿאַר מיינע גייסטיקע אויגן. עס איז געווען אַ פּנים, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַן אײַנדרוק. די באַקאַנטע און פֿאַרשפּרייטע פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דיקן איז גאָר ניט ענלעך צו זייןווירקלעכן פּנים, ווי איך האָב אים געזען און ווי ער איז פֿאַרבליבן לעבן אין מיין זכרון. זיין ווירקלעכער פּנים איז געווען פֿיל פֿייַנער, די שטריכן פֿיל דינער און איידע־

לער, דער אויסדרוק פֿון זיין בליק — פֿיל גייסטיקער, פֿיל פֿריינטלעכער און ניט אַזוי טרויעריק ווי עס ווייזט זיין פֿאָטאָגראַפֿיע.

אין דער צייט, ווען איך האָב באַגעגנט דיקן, האָט ער געטראָגן אַ קירצערע און קיילעכדיקערע באָרד ווי די וואָס מ׳זעט אויף זיין בילד.

כאָטש דיק איז שוין דאַן געווען אין די זיבעציקער, איז דאָך זיין געשטאַלט געווען גראַדיק, אַ האָר ניט געבויגן, אַ האָר ניט געקרימט. זיינע קערפּערלעכע באַוועגונגען — לייכט און מאָספּול.

שוין ביים ערשטן בליק און ביי דער ערשטער אונטערהאַלטונג מיט דיקן זיינען מיר אויפֿגעפֿאַלן אייניקע כאַראַקטער־שטריכן אין זיין פּערזאָן און אין זיין באַנעמען זיך, וואָס האָבן אים אָפּגעשיידט שוין אויסערלעך פֿון די איבעריקע זקני תּלמידי חכמים, פֿון די עלטערע העברעאישע שרייבער און געלערנטע אין ווילנע.

דיק האָט געהאַלטן זיין זילבער־ווייסע באָרד און זיין קאָפּ האָר אין פֿולער אָרדנונג; צוגעשאָרן, זייער ריין געוואַשן און גוט צוגעקעמט.

איך האָב גלייך באַמערקט, אַז דיק קען נאַטירלעך און אַנגענעם שמייכלען, ניט מאַכנדיק דערביי קיינע גרימאַסן.

אין דער געזעלשאַפֿט פֿון די ווילנער אַלטע תּלמידי חכמים, שרייבער און געלערנטע, האָב איך נאָר געהערט זיפֿצעניש און קרעכצעניש, אָבער קיין מאָל ניט געזען אויף זיין געזיכט אַ גוטמוטיקן, ניט קיין פֿאַרביסענעם שמייכל, ווי איך האָב דאָס געזען אויף די ליפּן פֿונם אַלטן דיק. לויט דער נאַטור און דעם אופֿן פֿון זיין לאַכן אָדער שמייכלען. איך פֿיל זיך ניט גאַנץ באַקוועם און גוט אויפֿגעלייגט, ווען איך זיץ אין אַ געזעלשאַפֿט וואו מען הערט קיינעם ניט, ביי קיין געלעגנהייט, האַרציק און הילכיק אויפֿלאַכן, אָדער וואו מען זעט קיינעם ניט גוטהאַרציק שמייכלען. עס ווערט קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן. לאַכן, שמייכלען, דאָס איז די געטלעכסטע מתּנה געגעבן נאָר צו מענטשן, ניט צו חיות.

גוטע האַרציקע געשמאַקע לאַכער צווישן די יידישע דיכטער האָב איך געקענט נאָר דריי: פּרץ, ביאַליק און טשערניכאָווסקי. אַ קלוגן, גוטמוטיקן און מענטשלעך פֿריינטלעכן שמייכל פֿלעג איך באַגעגענען שטענדיק אויף די ליידנשאַפֿטלעכע ליפּן פֿונם פֿאַרשטאָרבענעם פֿעליעטאָניסט א. ל. לעווינסקי.

דיק האָט אויך ניט געקענט שטאַרק לאַכן, איז שוין געווען צו אַלט דערצו, אָבער זיין גוטהאַרציקער און פֿאַרנונפֿטיקער שמייכל, ביי געוויסע ביי־ווערטער און ווענדונגען, האָט צוגעגעבן אַן אויסדרוק פֿון העללויכטנדיקער הייטערקייט צו זיינע ערנסטע און שטרענגע אורטיילן און צו זיינע שוואַרץ־געמאָלטע בילדער פֿון דער יידישער גאַס.

און דיק האט אין יענעם אונגט גערעדט, דערציילט און מייסטער־האפט סקיצירט לעבנסבילדער מיט גרויס ליידנשאפט. אין די ווינקלען פון זיינע אויגן האט אפט אויפגעבליצט א יוגנטלעך פייערל, וואס האט שטארק אפגעשטאכן פון זיין ווייס־זילבערנעם קאפ.

און ווען דער גרוי־אלטער דיק האט אזוי יוגנטלעך גערעדט און זיך געקאכט, האט אין מיר אויפגעשפראצט א פראגע: ווי קומט עס, אז וועגן די וואונדער־קינדער איז אין דעם פארלויף פון די דורות אנט־שטאנען א גאנצע ליטעראטור. די וואונדער־קינדער זיינען שטענדיק געווען א פראבלעם פאר דיכטער און דענקער, און וועגן די וואונדער־זקנים (און דיק איז געווען איינער פון זיי) איז אזוי ווייניק געשריבן גע־ווארן, אזוי ווייניק באהאנדלט געווארן אלס פראבלעם? איך האב זיך פאר־גענומען, אז גאט וועט מיר העלפן, און איך וועל זיך פארפעסטיקן אין דער העברעאישער ליטעראטור, וועל איך ווידמען א טייל פון מיין ארבעט צו שטודירן און צו שילדערן די וואונדער־זקנים.

און עס באשטעטיקן זיך די ווערטער פון געטע בנוגע די שריפט־שטעלער: „וואס אין דער פריסטער יוגנט ווערט פארטראכט, ווערט עס אין די עלטערע יארן געוויסערמאסן אויסגעפירט”.

אין מיין לאנג־יאריקער ליטעראַרישער טעטיקייט, האבן מיך צוויי פראבלעמען אממערסטן אינטערעסירט: דאס פראבלעם פון דער וואקסנ־דיקער, אינטעלעקטועלער און גייסטיק־שאפנדיקער יוגנט, און דאס פראב־לעם פון די וואונדער־זקנים.

דיק, כאטש ער איז שוין געווען אריבערגעשפאנט דעם „תהילים־עלטער”, האט דאך ניט שלום געמאכט מיט דער וועלט. אמת, די על־טער האט אים געמאכט מילדער, אביעקטיווער, דאך איז ער נאך געווען קאמפסלוסטיק. שארף און אן רחמנות האט ער קריטיקירט די רבנים וואס פארדרייען און פארפלפולן דעם קלארן און ריכטיקן זין פון דער תורה, און די מנהיגים וואס פירן דאס יידישע פאלק צוריק און ניט פאר־ווערטס, צום עמוד־הענן און ניט צום עמוד־האש.

רעדנדיק האט דיק געשאטן און זיך ארומגעווארפן מיט לאנגע העב־רעאישע און אראמישע ציטאטן, ניט מאכנדיק קיין איין פעלער. ער האט ארויסגעוויזן גרויס לומדות און בקיאות אין אלטע מדרשים און אגדות. ער האט זיך באמיט צו באווייזן, אז די היינטיקע רבנים האבן פארוואנדלט די תורה, וואס איז א סם־החיים, א לעבנס־עלעקסיר, אין א סם־המות פאר די יידישע מאסן. דיק איז געווען דער טיפישער משכיל פון יענעם דור (אויך דער מאדערנער דיכטער יהודה ליב גארדאן, איז ניט געווען אנדערש), וואס האט געגלויבט, אז די רבנים און די מנהיגים זיינען

שולדיק אין דער אָרעמקייט און אין דער פֿאַרפֿינסטערטקייט פֿון די ייִדי־שע מאַסן, אַז זיי, די רבנים און די מנהיגים, זײַנען די הויפּט־אורזאַך פֿון דעם, און ניט דער רעזולטאַט פֿון די באַזונדערע פּאָליטישע און עקאָנאָ־מישע באַדינגונגען, אין וועלכע די ייִדישע מאַסן זײַנען געצוואונגען דורך אויסערע סיבות, צו לעבן, אָדער ריכטיקער: צו גוססן, אין זייער רעכט־לאָזיקייט.

די שפּראַך, אין וועלכער דיק האָט צו מיר גערעדט, באַזונדערס צו מיר, איז געווען דײַטש, בוך־דײַטש, געמישט מיט פֿילע העברעאישע אויסדרוקן און מיט כאַראַקטעריסטישע סקאַרבאָווע ייִדישע ווערטלעך. נאָר ווען ער האָט זיך פֿונאַנדערגעפֿלאַמט און האָט זיך פֿאַרגעסן, אָדער ווען ער האָט געשילדערט מיט אַ דינעם קינסטלערישן חוש, סצענעס פֿון דער ייִדישער גאַס, האָט ער באַנוצט אַ זייער רײַכן און זאַפֿטיקן פֿאָלקס־ייִדיש. ער איז געווען אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע פֿון דער ייִדישער שפּראַך. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען איך האָב געהאַט געלייענט איי־ניקע פֿון דיקס הויפּט־ווערק, האָב איך זיך געמוזט איבערצייגן, אַז ער האָט אין זײַנע אייגענע שריפֿטן האַלב ניט אויסגענוצט זײַן אייגענע ענ־ציקלאָפּעדיע, אַז אַן יעדער נויטווענדיקייט האָט ער אַרײַנגעבראַקט דײַ־טשע ווערטער און גאַנצע אויסדרוקן אין דער ריין־ייִדישער שפּראַך.

דער געשפּרעך, די שמועסערײַ פֿון דיקן איז ניט געווען אַ קאָנווער־סאַציע (אָדער וואָס די פֿראַנצויזן רופֿן אַ „קאַזערי") אין אײראָפּייאישן זין. עס איז געווען פֿיל מער ווי אַ לאַנגע דרשה פֿון אַ למדן אַ ייִד; עס איז געווען אַ פֿאַרענטפֿערן זיך: פֿאַרוואָס ער שרײַבט זײַנע ווערק אויף זשאַרגאָן (אויך דיק האָט אָנגערופֿן די ייִדישע שפּראַך מיטן באַליידיקדיקן נאָמען „זשאַרגאָן") און ניט אויף העברעאיש. ער האָט געטענהט, אַז מען מוז בילדן דעם המון־עם, וואָס ווערט פֿאַרווילדעוועט, ווייל ער האָט ניט וואָס צו לייענען אין דער איינציקער שפּראַך, ד. ה. אין זשאַרגאָן, וואָס ער פֿאַרשטייט, ציטירנדיק דערבײַ דעם פּסוק: „באין חזון יפּרע עם" (אָן זעאונגען ווערט אַ פֿאָלק פֿאַרווילדעוועט).

דער דרשן, דער מוסר־זאָגער און דער פֿאָלקס־לערער האָבן דער־שטיקט אין דיקן דעם דיכטער, דעם קינסטלער און דעם כאַראַקטער־שילדערער.

עס איז גענוג געווען צוצוהערן ווי דיק שילדערט מענטשלעכע כאַ־ראַקטערן מיט קנאַפּע אײַנפֿאַכע ווערטער, ווי ער דערגרונטעוועט די אינערלעכע, די פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון פֿון מענטשלעכע האַנדלונגען, אַז מען זאָל גלייך אין אים דערקענען דעם געבאָרענעם דיכטער און קינסט־לער. אַזאַ אײַנדרוק, מינדעסטנס, האָט ער אויף מיר פּערזענלעך געמאַכט.

אינם זייער לאַנגן געשפּרעך מיט דיקן האָב איך באַרירט ריין־ליטעראַרישע און קינסטלערישע פֿראַגן. דיק אָבער האָט זיך זייער ווייניק וואָס אינטערעסירט מיט אַזעלכע פֿראַגן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿון זיין געשפּרעך, אַז ער האָט זייער פֿיל בעלעטריסטיק געלייענט אין דער דייטשער שפּראַך, אָבער כמעט גאָרנישט וועגן ליטעראַטור, אָדער וועגן קונסט. איך צווייפֿל אַפֿילו, אויב ער איז געווען אומשטאַנד, אָדער אויב ער האָט זיך בכּלל אינטערעסיר'ט, אונטערצושיידן צווישן אַ ריין־דיכטערישן אָדער קינסטלערישן ראָמאַן און צווישן אַ מאַך־ווערק, ווען נאָר אַ פֿאַבולע, די מעשׂה, איז געווען אינטערעסאַנט, ווען נאָר דער ראָמאַן האָט אַנטהאַלטן אין זיך שילדערונגען פֿון רעאַלן מענטשלעכן לעבן און מאָראַלישע טענדענצן.

דיק, ווי איך האָב דאָס געקענט באַמערקן פֿון זיין געשפּרעך, האָט געהאַט אַן אויג און אַן אויער פֿון אַ שאַפֿער. אומבאַוואוסט איז ער געווען אַ קינסטלער — באַוואוסט אָבער האָט ער באַנוצט זיינע דערציילונגען, זיינע ראָמאַנען, סקיצן און זיינע אַנדערע ווערק אין העברעאיש און אין יידיש אַלס אַ מיטל צו עפֿענען דעם המון־עם די אויגן.

איך האָב געפֿונען פּאָר זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס דיק האָט אין זיין פֿילשטונדיקן שמועס ניט איין מאָל דערמאָנט זיינע אייגענע ווערק, אַפֿילו ניט איינעם פֿון זיי.

אַ באַהאַלטענע נייגעריקייט פֿון אַן ערב־שרייבער האָט מיך געריפּעט צו דערפֿאַרן פֿון דיקס מויל אַליין וועגן דעם אינערלעכן פּראָצעס פֿון זיין ליטעראַרישן שאַפֿן אָדער פֿון זיין באַאַרבעטן פֿרעמדע ווערק. איך בין געווען זייער נייגעריק צו אַנטדעקן דעם סוד פֿון זיין אומגעוויינלעכער ליטעראַרישער פּראָדוקטיוויטעט, וואָס קוואַנטיטאַטיוו האָט מען עס געקענט פֿאַרגלייכן נאָר צו באַלזאַקס. עס האָט מיר אָבער גאָרנישט געלונגען. קענטיק געווען, אַז דיק אַליין האָט אין זיך קיין מאָל ניט געגריבלט: ער האָט זיך קיין מאָל ניט פֿאַרטראַכט וועגן זיין אייגענעם שאַפֿונגס־פּראָצעס. ער זעלבסט האָט אין דעם ניט געזען קיין וואונדער און קיין סוד.

וועגן זיין אויסערלעכער מעטאָדע צו שרייבן האָב איך דערפֿאַרן נאָר דאָס פֿאָלגנדע: ער לייגט אַוועק אויפֿן טיש אַ ווייסן בויגן פּאַפּיר, נעמט אַ גענזענע פֿעדער, טונקט זי איין אין אַ גרויסן טינטער, און שרייבט כּסדר ניט צו מעקן און צו פֿאַרבעסערן. ווען ער שדייבט אויס איין בויגן פֿון אויבן ביז גאַנץ אונטן, נעמט ער דעם צווייטן בויגן און טוט דאָס זעלבע. און אַזוי האָט ער געאַרבעט טאָג־איין טאָג־אויס.

עס איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבע נאַכט ווען מיר האָבן פאַר־לאָזן דיקס הויז. ער האָט אונדז פריער ניט געוואָלט אַפּלאָזן. דער אַלטער האָט זיך ניט געפילט אויף אַ האָר אויסגעשעפּט, ניט אַ ברעקל מיד, כאָטש ער האָט שטונדן־לאַנג גערעדט טעמפּעראַמענטפול. פאַרקערט: וואָס מער ער האָט גערעדט, אַלץ מער פולער איז ער אינערלעך געוואָרן.

אַרויסקומענדיק אין דרויסן האָט מיך רייכערסאָן אַ פרעג געטאָן:

— נו, האָב איך ניט רעכט געהאַט, ווען איך האָב אייך פאַרזיכערט, אַז איך וועל אייך פירן צו אַ יונגן שרייבער? ניין, דיק געהערט ניט צו אונדזער מושב־זקנים.

לעוו לעוואַנדע

אין דער רשימה פון די שרייבער, וועלכע איך האָב געגאַרט צו באַ־קענען זיך אין ווילנע, איז אויך געווען דער נאָמען פון לעוו אָסיפּאָ־וויטש לעוואַנדאַ.

איצט איז לעוואַנדאַ אַ נאָמען, וואָס איז כמעט פאַרגעסן געוואָרן. זיינע ווערק ווערן שוין מער ניט געלייענט, זיינע ביכער רוען אין פרידן און צוגעדעקט מיט שטויב אויף די פּאָליצעס פון די ביבליאָטעקן, און קיינער פון די היינטיקע לייענער באַאומרואיקט זיי ניט.

מיט קנאַפּע פופציק יאָר צוריק, אין דער צייט פון מיין ערשטן באַ־זוך אין ווילנע, פון וועלכער איך שרייב דאָ, איז אָבער דער נאָמען לע־וואַנדאַ געווען זייער באַרימט און פּאָפּולער אַלס דער גרעסטער און בעס־טער בעלעטריסט און פּובליציסט אין דער רוסישער שפּראַך. ער האָט פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין די רוסיש־יידישע צייטשריפטן. אַלס בע־לעטריסט האָט לעוואַנדאַ פאַרנומען צו יענער צייט אַן ערן־פּלאַץ אויך אין דער ליבעראַלער אַלגעמיינער רוסישער פּרעסע. ער איז געווען דער דריטער ייד, וועלכער האָט זיך דורכגעבראָכן אַ וועג אין דער רו־סישער ליטעראַטור, און געפינענדיק אָנערקענונג אַלס שילדערער פון טיפּן און כאַראַקטערן אויך ביי ניט־יידן. די ערשטע צוויי זיינען געווען: אליהו אָרשאַנסקי, אַלס גרויסער געלערנטער און אָריגינעלער דענקער אויף דעם געביט פון יוריספּרודענץ, און דער דערציילער באָגראָוו, וואָס זיין „זאַפּיסקי יעווריעיאַ” האָט צו יענער צייט געמאַכט אויפזען אין דער רוסישער ליטעראַטור.

לעוואַנדאַ איז דאַן געשטאַנען ביים סוף פון זיין אַסימילאַטאָרישער און רוסיפיקאַטאָרישער עפּאָכע אין דער ליטעראַטור. זיין ראָמאַן „גאָ־ריאַטשעיע ווריעמיאַ” (די קאָכיקע צייט) איז געווען דער שיר־השירים

פֿון זיין רוסיפֿיקאַטאָרישע טענדענצן, וועלכע האָבן מיך דירעקט אָפּגעשטויסן. דאָס איז געווען נאָך צוויי־דריי יאָר איידער עס איז אין אים פֿאָרגעקומען אַן אינערליכע טיף־איבערגעלעבטע רעוואָלוציע, וועלכע האָט אים געפֿירט דירעקט צום יידיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק און אַ שריט ווייטער — צו דער אידייע פֿון דער ווידערבאַלעבונג פֿון יידישן פֿאָלק אויף זיין היסטאָרישן באָדן.

זייענדיק אַן איבערצייגטער קעגנער פֿון די קלאָר אויסגעשפּראָכענע רוסיפֿיקאַטאָרישע שטרעבונגען, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין געוויסע ווערק און אַרטיקלען פֿון לעוואַנדאַ, האָבן זיי דאָך געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק און מיך צוגעצויגן מיט זייער אויפֿריכטיקער ליבע צו די אָרעמע מאַסן, מיט זיין שאַרף־קריטישער, וואָס איז געווען אָנגעזאָפּט מיט גאַל, באַציאונג צו די קאַריערניסטן און גראָבע מאַטעריאַליסטן צווישן דער דעמאָלסדיקער יידישער אינטעליגענץ.

לעוואַנדאַ דער בעלעטריסט האָט מיך אינטערעסירט. אמת, איך האָב אים קיינמאָל ניט פֿאַרגליכן, און ניט געקענט פֿאַרגלייכן, מיט די ניט־יידישע גרויסע קינסטלער און דיכטער אין דער רוסישער ליטעראַטור. אָבער אין זיינע דערציילונגען האָב איך געפֿונען פֿיל מער לעבן, פֿיל מערווירקלעכקייט פֿון דער יידישער וועלט, וואָס איך האָב געקענט און אויף וויפֿיל איך האָב עס געקענט, ווי איך האָב עס געקענט געפֿינען, אָדער פֿילן, אין דער העברעאישער בעלעטריסטיק פֿון יענער צייט.

עס האָט מיך געצויגן צו באַקענען זיך פּערזענלעך מיט דעם שאַפֿער פֿון „גאָריאַטשיע ווּרעמיאַ” (קאָכיקע צייט) און פֿון „איספּאָוויעט דיעלצאַ” (דער ווידוי פֿון אַ טוער), און איך האָב דערצו געהאַט אַ גוטע און פּאַסיקע געלעגנהייט. מיינער אַ יוגנט־פֿריינט, וואָס איז געווען פֿיל עלטער פֿון מיר, האַלפּערן, אַ שוועסטערקינד פֿון לעוואַנדאַ, האָט מיר געגעבן אַ בריוו צו אים.

נאָר אַ פּאָר ווערטער וועגן האַלפּערן זעלבסט וואָס איז געווען דער נאָענטער קרוב, דער ליבלינג פֿון לעוואַנדאַ.

האַלפּערן איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך באַגאַבטער מאַטעמאַטיקער. געבוירען אין מינסק (זיין מוטער און די מוטער פֿון לעוואַנדאַ זיינען געווען שוועסטער), וואו ער האָט געענדיקט גימנאַזיע. נאָך דעם איז ער אָנגעקומען אין פּעטערבורגער אוניווערזיטעט, אויף דעם פֿיזיק־מאַטעמאַטישן פֿאַקולטעט, וואו ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע אויסערגעוויינלעכע פֿעאיקייטן אויף פֿאַרשיידענע געביטן. אויף דעם לעצטן קורס איז ער שטאָקבלינד געוואָרן און ער האָט געמוזט פֿאַרלאָזן דעם אוניווערזיטעט. צוריקקערנדיק זיך אין מינסק, וואו ער איז געווען זייער באַליבט און פּאָפּולער

ביי אַלע קלאַסן און שיכטן פֿון דער יידישער, ווי אויך פֿון דער ניט־יידישער באַפֿעלקערונג. האָט ער זיך אַ געוויסע צייט דורכגעשלאָגן אין לעבן אַלס אַ לערער פֿון מאַטעמאַטיק. דורך אַ צופֿאַל האָט ער זיך באַקענט מיט מיכל האַלפּערן, דער אייניקל פֿון דעם באַקאַנטן גאון מלבי״ם. מיכל האַלפּערן וואָס איז געווען איינער פֿון די זעלטנסטע און מערקווירדיקסטע דער־שיינונגען אין דאַמאָלסדיקן יידישן לעבן, האָט דאָן געלעבט אין סמאָ־לענסק, וואו אויך איך מיט מיינע עלטערן האָבן דאָן געוואוינט. נאָך דעם ווי מיכל האַלפּערן האָט זיך געגט מיט זיין ערשטער פֿרוי, די טאָכ־טער פֿון דעם באַקאַנטן פֿאַפּירנעס אין וויטעבסק, האָט ער, האַלפּערן, וואָס איז דאָן געווען זייער רייך, געעפֿנט אין סמאָלענסק, וואו זיין רייכע מוטער, די טאָכטער פֿון מלבי״ם, האָט געלעבט, אויף זיינע אייגענע און איינציקע קאָסטן אַ מאָדערנע האַנטווערקער שולע פֿאַר אָרעמע יידישע קינדער. פֿאַרן פֿירער און לייטער פֿון דער שולע, האָט איר יונגער גרינ־דער (מיכל האַלפּערן איז דאָן אַלט געווען צוויי־און־צוואַנציק יאָר) גע־מאַכט דעם בלינדן מאַטעמאַטיקער און פֿיזיקער, דעם קוזין פֿון לעוואַנ־דאַ אין מינסק, וואו דיביידע האַלפּערנס (קיינע פֿאַרוואַנדטע) האָבן זיך צופֿעליק געטראָפֿן.

איך האַלט זיך דאָ אָפּ פֿון צו דערציילן זייער אינטערעסאַנטע, אין קולטור־געשיכטלעכן זין פֿאַקטן און דערפֿאַרונגען — זיי געהערן צו אַן אַנדער קאַפּיטל. איך וויל דאָ נאָר דערציילן, אַז איך בין געווען איינ־טים באַפֿריינדעט מיט דעם בלינדן מאַטעמאַטיקער, וואָס איז געווען דער־צו נאָך אַ זעלטענער קענער מיט אַ שטאַרק אַנטוויקלטן קריטישן חוש פֿון דער רוסישער ליטעראַטור. האַלפּערן פֿלעגט מיר זייער פֿיל דער־ציילן וועגן לעוואַנדאַ, זיין שוועסטערקינד, מיט וועלכן ער איז געווען גייסטיק פֿאַרבונדן יאָרן־לאַנג. האַלפּערן, דער מאַטעמאַטיקער, דענקער און ליטעראַטור־קענער, מיט אַ הייטערן און אָפּטימיסטישן גייסט, האָט מיך פֿאַראינטערעסירט, דורך זיינע שילדערונגען, מיט דער אייגנטימ־לעכער פּסיכאָלאָגישער פּערזענלעכקייט פֿון לעוואַנדאַ.

ווען איך בין געפֿאָרן פֿון סמאָלענסק קיין ווילנע, האָט מיך דער בלינדער מאַטעמאַטיקער געגעבן אַ בריוו צו זיין קוזין, דעם באַרימטן רוסיש־יידישן שריפֿטשטעלער לעוואַנדאַ. האַלפּערן האָט מיך פֿאַרזיכערט, אַז איך וועל זיין העכסט צופֿרידן פֿון דער באַקאַנטשאַפֿט מיט דעם גרויסן שריפֿטשטעלער און זעלטענעם גייסט.

אין אַ באַזונדערן בריוו צו לעוואַנדאַ, דירעקט אויף זיין אַדרעס, האָט אים דער מאַטעמאַטיקער געשריבן, אַז ער זאָל מיך גוט און פֿריינטלעך אויפֿנעמען.

דער בריוו צו לעוואַנדאַ איז וואָכן־לאַנג געלעגן ביי מיר אין קעשענע, און איך האָב פון אים קיין געברויך ניט געמאַכט. איך האָב אַלץ אָפּגעלייגט מיין באַזוך צו אים, כאָטש איך בין געווען זייער נייגעריק זיך צו באַקענען מיט דעם גרעסטן רוסיש־יידישן בעלעטריסט פון זיין צייט. וואָס האָט מיך אָפּגעהאַלטן? אינערלעכע, פּסיכאָלאָגישע אורזאַכן זיינען עס געווען, וואָס האָבן מיך צוריקגעהאַלטן פון דעם דאַזיקן באַזוך.

לעוואַנדאַ איז דאַן געווען דער "אוטשאָני יעווריי" („דער געלערנטער ייד")ביים ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר. און איך האָב שטענדיק געהאַט אַ פאַראורטייל, אַ ווידערוויליקע אָפּנייגונג קעגן טשינאָווניקעס־שריפטשטעלער, ווי אויך קעגן שריפטשטעלער־טשינאָווניקעס. עס איז מיר געווען אוממעגלעך צו פאַרבינדן אין מיין געדאַנק די פרייע מענטשלעכע אינטואיציע, די אויפריכטיקע הומאַנע אימפּולסן, דער אינערלעכער פּראָטעסט קעגן פאַרגוואַלדיקונג מיט די פליכטן און אַמטווּליקייט פון אַ טשינאָווניק ביי דער רוסישער דעספּאָטישער רעגירונג.

אויסער דעם, צו די העברעאישע געלערנטע און שריפטשטעלער האָב איך זיך געפילט אינערלעך פאַרוואַנדט. די וועלט אָבער פון א רוסיש־יידישן שרייבער, דערצו נאָך אַן אַסימילאַטאָר, אַ רוסיפיקאַטאָר, איז מיר געווען גאַנץ פרעמד.

אויף מאָרגן נאָך מיין באַזוך ביי אייזיק מאיר דיק, האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און בין געגאַנגען צו לעוואַנדאַ איבערגעבן אים דעם בריוו פון זיין קוזין. צוקומענדיק צום האָטעל, וואו לעוואַנדאַ האָט געהאַט זיין שטענדיקע וואוינונג, איז פאַרשוואונדן מיין מוט און מיט חשק צו מאַכן דעם דאַזיקן באַזוך. עפּעס האָט מיך אָפּגעשראָקן. און דער אומבאַגרייפלעכער שרעק האָט אין מיר דערוועקט די פראַגע צו זיך זעלבסט: צו וואָס זאָל איך זיך צווינגען צו מאַכן אַ באַזוך, וואָס איז מיר ניט צום האַרצן?

גריבלענדיק זיך אין מיין אייגענער נשמה, האָב איך זיך צוריקגעקערט. איך האָב זיך טיף געשעמט פאַר מיין קליינמוטיקייט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך זיך אָנגענומען מיט נייעם מוט, און ניט פיל טראַכטנדיק האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט צו לעוואַנדאַ. ניט געגאַנגען, נאָר כמעט געלאָפן, ניט אַרומקוקנדיק זיך. ביי דער טיר פון לעוואַנדאַס צימערן אין האָטעל בין איך שטיין געבליבן עטלעכע מינוט. אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, בין איך שנעל אַריינגעגאַנגען.

דער שריפטשטעלער האָט מיך באַגעגנט מיט זיין ערנסטן געזיכט און מיט זיין מעלאַנכאָלישן בליק. איך האָב אים איבערגעגעבן, שטייענדיק, דעם בריוו פון דעם בלינדן מאַטעמאַטיקער, זיין קוזין. ער האָט

ערנסט און לאַנגזאַם געלייענט דעם בריוו. שטייענדיק פאַר אים, האָב איך געטראַכט ביי זיך: אַ טשינאָווניק, ווי אַלע אַנדערע טשינאָווניקעס. איך האָב חרטה געהאַט אויפן גאַנצן עסק.

ווען לעוואַנדאַ האָט איבערגעלייענט דעם לענגערן בריוו, איז זיין מיד און טרויעריק געזיכט געוואָרן עטוואָס פרייַנטלעכער, מיך געבעטן זיצן און זיך נאָכגעפרעגט וועגן זיין קוזין. ער האָט זיך אינטערעסירט צו וויסן ווי ער לעבט, וואָס ער מאַכט, אין וואָס פאַר אַן אומגעבונג ער געפינט זיך אין סמאָלענסק, און אויב די יידישע אינטעליגענץ דאָרט ווייסט ריכטיק אָפּצושאַצן דעם איידעלן און גרויסן גייסט פון זיין קוזין, וועלכער האָט געדאַרפט און געקענט פאַרנעמען אַ זייער וויכטיקן פּלאַץ אין דער ווויסנשאַפט, ווען ניט זיין בלינדקייט.

פון די פראַגן און באַמערקונגען איז דער שריפטשטעלער איבער־געגאַנגען אין אַן ערנסטן טאָן צו אַנדערע פראַגן און האָט געמאַכט דער־ביי זייער אינטערעסאַנטע באַמערקונגען.

צווישן יידישע סטודענטן

אין די זומער־חדשים, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט אויף דער דאַטשע לעבן מאָהילעוו, האָב איך געמאַכט מיין ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיט שלמה זלמן לוריע און מיט זיין ברודער יוסף, די קינדער פֿון קלמן אַהרן לוריע. זייער באַקאַנטשאַפֿט האָט אויף מיר געמאַכט אַ לאַנג־דויערנדיקן איינדרוק.

שלמה זלמן לוריע איז דאַן געווען אַ סטודענט אויף די ערשטע קורסן אין דעם טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט אין פעטערבורג. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע גאַנץ באַזונדערע פֿעאיקייטן אַלס מאַטעמאַטיקער, אַלס דיכטער און פובליציסט. נאָך אַלס גימנאַזיסט פֿון אַכטן קלאַס, האָט ער געדרוקט זיינע שירים אינעם העברעאישן מאָנאַטשריפֿט „השחר". דער רעדאַקטאָר, פרץ סמאָלענסקין, האָט אויפֿמערקזאַם געמאַכט זיינע לייענער אויף דעם יונגן און פֿרישן טאַלאַנט פֿון דעם דיכטער, וואָס זאָגט צו פֿיל. נאָך אַלס יונגער סטודענט האָט ער זיך אויפֿגעהאַלטן אין פעטערבורג (און ער האָט געלעבט אויף אַ „ברייטערן פֿוס") אַ דאַנק זיין לייכטער פֿעדער. ער האָט געשריבן אַרטיקלען פֿאַר טעכנישע פֿאַך־צייטונגען און פֿאַר די רוסיש־יידישע וואָכנשריפֿטן „וואָסכאָד" און ראַזסוועט" (וועלכע האָבן אַי־בעריקנס געהאַט דיאַמעטראַל אַנטקעגנגעזעצטע ריכטונגען).

האָט געפֿעלט אין דער לעצטער שעה אין אָט די וואָכנשריפֿטן, אַן אַרטיקל אויף וועלכן עס איז געביט, האָט מען זיך געווענדט צו לוריען און ער האָט עס איינס און צוויי גלייך אָנגעשריבן, אונטער זיין אייגענעם נאָמען, אָדער אונטער אַן אויסגעטראַכטן נאָמען, אָדער גאָר אָן אַ נאָמען.

שלמה זלמן לוריע איז געווען פֿון די גאַנץ ערשטע נאַציאָנאַל־געזאָנטע און נאַציאָנאַל־פֿילנדיקע סטודענטן אין פעטערבורג, און ווען פרץ סמאָלענסקין איז געקומען פֿון ווין צום ערשטן מאָל אויף אַ באַזוך קיין פעטערבורג, האָט לוריע באַוואויגן (און אים איז דאָס גאָרנישט לייכט אָנגעקומען), אַ גרופע יידישע סטודענטן, אויף וועלכע ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק מיט זיינע אויסערגעוויינלעכע פֿעאיקייטן, צו אָרגאַניזירן אַ קבלת־פּנים דעם גרויסן נאַציאָנאַלן העברעאישן שריפֿטשטעלער. און לוריע איז געווען דער ראש־המדברים. דאָס איז געווען דער ערשטער פֿאַל, אַז יידישע סטודענטן זאָלן ווי אַ נאַציאָנאַליסטישע גרופע געבן אַ באַגייסטערטע אויפֿנאַמע אַ העברעאישן דיכטער.

און כאָטש די דעמאָלסדיקע העברעאישע צייטונגען אין רוסלאַנד האָבן איגנאָרירט סמאָלענסקינס באַזוך אין רוסלאַנד, נאָך אַן אָפּוועזנהייט פֿון צענדליקער יאָרן, און נישט געשענקט קיין אויפֿמערקזאַמקייט דעם קבלת־פּנים, וואָס די סטודענטן און די יידישע אינטעליגענץ האָבן אים געמאַכט אין פּעטערבורג, האָט דאָך די דאָזיקע באַגייסטערטע אויפֿנאַמע געפֿונען אַן אָפּקלאַנג אין די יוגנטלעכע נאַציאָנאַלע קרייזן פֿון דער פּראָווינץ.

*

אין דער צייט, ווען איך האָב זיך באַקענט מיט שלמה זלמן לוריע, (וועלכער איז געווען פֿון די גאַנץ ערשטע נאַציאָנאַלע אַגיטאַטאָרס צווישן דער סטודענטישער יוגנט), איז ער שוין געווען אַן אָפּגעקילטער... זיין פֿלאַם־פֿייערדיקער נאַציאָנאַליזם האָט געהאַלטן אין איין אויסלעשן זיך, נאָר צייטנווייז, באַזונדערס, ווען ער האָט דעבאַטירט מיט אַ קעגנער, האָט ער נאָך געשפּריצט מיט נאַציאָנאַלע פֿונקען. דער מאַטעמאַטיקער, דער אויס־רעכענער, דער וויסנשאַפֿטלער, האָט אין אים שטענדיק געקעמפֿט מיט דעם דיכטער, מיט דעם פֿאַנטאַזיע־מענטש אין אים.

דער יונגער ברודער, יוסף לוריע, האָט דאַן געהאַט געענדיקט גימ־נאַזיע אין מאָהילעוו און איז געווען דער לעבעדיקער קעגנזאַץ פֿון זיין עלטערן ברודער.

שלמה זלמן האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין גראַדן און עלאַסטישן וואוקס, און מיט זיינע אַנגעצויגענע אַריסטאָקראַטישע מאַנירן. ער האָט זיך געהאַלטן ווייט פֿון דעם המון־עם, אונטערגעשטראָכן זיין אַריסטאָ־קראַטישקייט.

דער יינגערער ברודער, יוסף לוריע, האָט געהאַט אַ פֿאַרקריפּלטן קערפּער, אַ הויקער, אַ מינימום פֿון קערפּער און אַ מאַקסימום פֿון גייסט. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ רייכע און מענטשן־ליבנדיקע נשמה. אַן אָפֿענער מוח און אַן אָפֿן הארץ. אויך ער איז געווען באַגאַבט מיט אויסערגעוויינט־לעכע מאַטעמאַטישע פֿעאיקייטן. נאָך אַלס גימנאַזיסט האָט ער זיך ערנסט באַשעפֿטיקט מיט פּראָבלעמען פֿון דעם יידישן קאַלענדאַר, מיט דעם חשבון פֿון מולדות, תקופֿות און מזלות.

יוסף לוריע איז געווען אַ גרויסער קענער פֿון דער רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור, דאָך האָט ער ליב געהאַט צו רעדן, ביי יעדער גע־לעגנהייט, נאָר יידיש. בעת אַלע זיינע חברים האָבן גערעדט נאָר רוסיש, אַפֿילו מיט יידן, וואָס פֿאַרשטייען נישט קיין וואָרט רוסיש.

יוסף לוריע האָט שוין דאַן געהאַט זין און אינסטינקט (ריכטיקער: אינטואיציע) פֿאַר די אוצרות פֿון דעם יידישן פֿאָלקלאָר. ער האָט געקענט

אויף אויסנווייניק אומצייליקע פאָלקס־לידלעך און פאָלקס־מעשהלעך, וועל־כע ער פלעגט קונסטפול איבערדערציילן.

דער קליינער האָרבאַטער און קרענקלעכער סטודענט איז געווען שטענ־דיק לוסטיק, האַרציק און ליבעפול אין זיין פאַרקער מיט יעדן. אין וואָס פאַר אַ קרייז ער איז נישט געקומען, האָט ער אַריינגעבראַכט נשמה־וואַרעמקייט און פאָלקסטימלעכקייט, און אַן אינערלעכן אינטערעס צו גע־זעלשאַפטלעכע פראַגן. ער איז געווען דער ליבלינג אין יעדער געזעל־שאַפט, וואוהין ער איז געקומען. די טעמפסטע וואָכעדיקייט האָט ער מיט זיין אָנוועזנהייט פאַרוואַנדלט אין פייערלעכקייט. דענקענדיק, אַז זיין צייט אויף אונדזער זינדיקער ערד איז צו קורץ, האָט ער געזוכט אינטענסיוו צו לעבן. ווייל דער עיקר איז דאָך נישט, ווי לאַנג מען לעבט, נאָר ווי מען לעבט. ער האָט פאַרזוכט צו געניסן פון אַלע גייסטיקע פרוכטן און פון אַלע געזעלשאַפטלעכע פאַרוויילונגען. ער איז געווען אַן אינטימער פריינד פון אומגליקלעכע מענטשן: קומענדיק צו זיי האָט ער זיי געבראַכט האָפענונג, טרייסט און דערמוטיקונג. פון דעם צעבראָכענעם און פאַר־קריפּלטן קערפּערל האָט געשטראַלט מיט אַ ליכטיקן, גייסטיקן לעבן.

שלמה זלמן לוריע פלעגט אַריינטראָגן מיט זיין וועזן אַ סקעפּטישן גייסט, אַ געוויסע קילקייט אין יעדן קרייז. וואוהין ער האָט אַריינגע־דרונגען. אומעטום האָט ער געהאַלטן דיסטאַנץ. ער איז ווירקלעך געשטאַ־נען העכער משכמו ומעלה פון דער אַרומיקער יידישער אינטעליגענץ אין מאָהילעוו. און ער האָט עס געזוכט צו אונטערשטרייכן.

אין פּעטערבורג האָט ער געהאַט פאַרבינדונגען פון איין זייט מיט די יידישע געלט־מאַגנאַטן. און פון דער אַנדערער זייט מיט דער העכע־רער אינטעליגענץ. קומענדיק אויף באַזוך אין זיין געבורט־שטאָט און אַריינ־פאַלנדיק אין דעם קרייז פון זיינע פריערדיקע שפּיל־ און שול־חברים, האָט ער אויף זיי געקוקט פון אויבן אַראָפּ, נישט פאַרגעסן אויף איין מינוט, ווער ער איז און ווער זיי זיינען.

שלמה זלמן לוריע איז נישט געווען באַליבט, נישט אין די סאָציאַ־ליסטישע און נישט אין די סתם אינטעליגענטע קרייזן פון זיין געבורט־שטאָט; אָבער אין אַלע קרייזן האָט מען הויך געשאַצט זיינע אויסער־געוויינטלעכע פעאיקייטן און זיין פילזייטיקן וויסן. ער איז געווען דער טיפּישער אַמאָליקער עלוי, מיט אַלע זיינע מעלות, אָבער אויך מיט אַלע זיינע חסרונות.

זיין ייִנגערן ברודער, יוסף, האָב איך ליב באַקומען פון מיין ערשטער באַגעגעניש מיט אים. איך האָב אין אים געהאַט געפונען אַ פריינד, וואָס

איז געװען אַ קװאַל פֿון גײסטיקע אָנרעגונגען. ער איז געװען אַ פֿאָלקס־מענטש און ער האָט געקאָנט דאָס לעבן פֿון די ייִדישע מאַסן. ער האָט זיך אױך אַרומגעטראָגן מיט הױכע אידעאַלן, װי צו ברענגען נוצן זײַן פֿאָלק און װי צו פֿאַרשפּרײטן בילדונג אין די פֿינצטערע װינקעלעך.

ער האָט זײער ליב געהאַט די נאַטור. מיר פֿלעגן שעה'ן לאַנג אַרומשפּאַצירן אין װאַלד און אױף פֿרײַע פֿעלדער. ער האָט געכאַפּט התפּעלות פֿון יעדן גרין גרעזל, פֿון די גאָלדענע זאַנגען, פֿון די פֿעלד־בלומען; ער האָט מיטגעצװיטשערט, מיטגעפּײַפֿט, מיט יעדן פֿאַרבײַפֿליענדיקן פֿײגעלע. שפּאַצירנדיק אין װאַלד האָבן מיר פֿאַנטאַזירט און פֿילאָזאָפֿירט װעגן לעבן און טױט. נישט נאָר אױף דעם לעבן האָבן מיר בײדע געקוקט דורך ראָזעװע ברילן, דורך אַן אָפּטישער טױשונג (װײַל װאָס װײסט די יוגנט פֿון װירקלעכן לעבן). אױך דער טױט איז פֿאַר אונדז דערשינען אין אַ פּאָעטיש־באַצױבערנדיקער פֿאָרם. דער טױט, װאָס איז אין דער װירקלעכקײט אַזױ העסלעך און עקלדיק, דערשײַנט דאָך אין פּאָעטישע װערק אַזױ שײן און עסטעטיש. מיר האָבן זיך נישט געשראָקן נישט פֿאַר דעם לעבן און נישט פֿאַר דעם טױט. דער עקלהאַפֿטער טױט איז שױן דאַן געשטאַנען נאָר אַ פּאָר שריט װײַט פֿון מײַן גוטן און לוסטיקן פֿרײַנד.

אױף אײנעם פֿון אונדזערע שפּאַצירן האָבן מיר בײדע (נאָך אַ לאַנגער דעבאַטע װעגן רבי עקיבא און דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ, װער פֿון זײ איז געשטאַנען העכער?) אין עקסטאַז אױסגערופֿן: אַך, װי שײן און װי דערהױבן עס איז צו שטאַרבן פֿרײַװיליק פֿאַר אַן אידעע! מיר האָבן בײדע געטרױמט פֿון העלדן און פֿון אַ העלדישן לעבן.

עס איז געװען אַ װאונדערלעכער טאָג, שמעטערלינגען האָבן אַרומגעשװעבט אין דער לופֿט טומלדיקע און באַרױשטע פֿון פֿיל זיסקײטן און פֿון פֿיל גליק. מיר האָבן בײדע געטראַכט: דער שמעטערלינג לעבט נאָר אײן טאָג, אָבער װי שײן און װי לײַכט ער פֿאַרלעבט דעם אײנציקן טאָג! װי װײניק און װי קורץ עס איז, דאַכט זיך, נאָר אײן טאָג צו לעבן. אָבער אין באַטראַכט צו דער אײביקײט איז ניט קײן אונטערשײד צװישן אײן טאָג לעבן און צװישן הונדערט יאָר לעבן. און װידער האָט זיך אָנגעהױבן שפּינען צװישן אונדז אַ שמועס: װאָס איז בעסער, װאָס איז װירדיקער — אַ גליקלעכער לעבן, אָדער אַ העלדישער און מאַרטירער לעבן? און בײדע האָבן מיר באַשלאָסן, אַז אַ העלדישער און אַ מאַרטירער לעבן איז אי שענער און אי װירדיקער.

אונדז האָט דאַן געשײַנט, אַז עס איז זײער לײַכט צו זײַן אַ העלד און צו פֿירן אַ מאַרטירער לעבן.

איין מאָל האָט אונדז אָנגעטראָפֿן דער עלטערער ברודער, שלמה זלמן, פֿאַרוויקלט און פֿאַרטיפֿט אין אַזאַ שמועס. ער האָט זיך צוגעהערט מיט אַן איראָנישן שמייכל אויף זײַנע דינע און פֿאַרביסענע ליפּן.

ווען איך און זיין ייִנגערער ברודער, יוסף, זייַנען אַנטשוויגן געוואָרן באַליידיקטע פֿון זיין שמייכל, וואָס האָט אויסגעדריקט פּיל ביטול, האָט ער פֿאַר אונדז געהאַלטן אַ שטראָף־רעדע.

דער זינען פֿון זיין שטראָף־רעדע איז געווען פֿאָלגנדער: קינדער, מאַכט זיך ניט נאַריש, פּלוידערט נישט וועגן דער הייליקייט און הערליכ־קייט פֿון אַ מאַרטירער־לעבן. אייך פֿאָלט גאָרנישט איין, אַז עס שמעקט מיט קריסטנטום. נאָר דאָס קריסטנטום גלאָריפֿיצירט דאָס ליידן, דאָס „דאָרן־קראַנץ". דאָס יידנטום, אונדזער תּורה אָבער באַפֿעלט: „ובחרת בחיים!" זאָלט וועלן לעבן! און לעבן הייסט: זיגן, אויסווייכן יסורים, האַסן דאָס ליידן.

טראַגט זיך נישט אַרום מיט פֿאַרריקטע פֿאַנטאַזיעס! עס איז נישט פֿאַר אונדזער צייט. אונדזער צייט פֿאָדערט פֿון אונדז פּאָזיטיווע וויסנ־שאַפֿטן, קלאָרע באַגריפֿן, אַ מאַקסימום, נישט קיין מינימום, פֿון לעבן, פֿון לעבעדיקייט, פֿון ענערגיע, כדי צו זיגן אין קאַמף פֿאַר אונדזער דאָ זיין, פֿאַר אונדזער עקזיסטענץ.

די צוקונפֿט געהערט נישט דעם דיכטער, נאָר דעם אינזשינער, דעם טעכניקער.

אין מאָסקווע

די סביבה פֿון „בני־ציון“

דער „קרוזשאָק“ (צירקל, קרייז) „בני־ציון“ איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1884.

ער איז אויפֿגעקומען אין דער גייסטיקער אַטמאָספֿערע, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן נאָך די ערשטע פּאָגראָמען אין דרום־רוסלאַנד. אין דער דאָזיקער אַטמאָספֿערע זיינען אויך אַנטשטאַנען, אין יאָר 1882, די ערשטע פּיאָנערן פֿון צווישן די סטודענטן פֿון כאַרקאָווער און קיעווער אוניווערסיטעטן פֿאַר ארץ־ישראל, די — בילו״ים (בית־יעקב לכו ונלכה).

דער איינדרוק, וואָס די ערשטע פּאָגראָמען אין דרום־רוסלאַנד האָבן דאַן געמאַכט אויף אַ געוויסן טייל פֿון דער שטודירנדיקער יוגנט, איז געווען אַ דערשיטערנדיקער, אַ טיף־דורכדרינגלעכער, אַן עפּאָכאַלער.

די ערשטע קלעפּ זיינען געקומען כמעט אומדערוואַרט פֿאַר דער שטודירנדיקער יוגנט, וועלכע איז געווען דערצויגן אינם גייסט פֿון דער דאַמאָלטדיקער ליבעראַלער רוסישער ליטעראַטור, אויף דער יוגנט, וואָס איז שוין געווען אין אַ געוויסער מאָס רוסיפֿיצירט און וואָס האָט געשטרעבט און געגלויבט אין דער באַלדיקער עמאַנסיפּאַציע, באַפֿרייאונג פֿון יידן אין רוסלאַנד. די מערסטע פֿון דער דאָזיקער יוגנט זיינען געווען גענייגט צום סאָציאַליזם, פֿון וועלכן זיי האָבן דערוואַרט איבערהויפּט די באַפֿרייאונג פֿון רוסלאַנד, פֿון אַלע אירע איינוואוינער. דאָס איז געווען דער טייל פֿון דער יידישער יוגנט, וואָס האָט נאָך ניט געהאַט קיין פֿאָרמירטע וועלט־אָנשויאונג, קיין פֿעסטע איבערצייגונגען און קיין קלאָרע, באַוואוסטזיניקע באַציאונגען צום אַרומיקן לעבן. דאָס יידיש נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין האָט זיי לגמרי געפֿעלט; דער נאַציאָנאַלער געדאַנק איבערהויפּט, וואָס האָט שוין דאַן דערוואַכט, אַרויסגעשפּראָצט אין דער אייראָפּייאישער וועלט, איז זיי געווען גאַנץ פֿרעמד. די פֿאַרפֿלוכטע „יידישע פֿראַגע“ (יעווריעסקי וואָפּראָס), וואָס די אַנטיסעמיטישע רוסישע פּרעסע האָט דאַן אַרויפֿגעשטעלט אויף דער „טאָג־־אָרדענונג“, ד״ה די פֿראַגע: ווי ווערט מען פּטור פֿון די יידן אין רוסלאַנד, האָט זיי ווייניק וואָס אינטערעסירט און גערירט.

דער גלויבן איז געווען, אַז נאָר די אויסגעשפּראָכענע אַנטיסעמיטן פון סואוואָרינס און אַקסאַקאָווס חדר, ד"ה די רעאַקציאָנערן, די „שוואַרצע מאה", ווילן פּטור ווערן פון די יידן; דאָס ליבעראַלע רוסלאַנד אָבער, די רוסישע אינטעליגענץ, די „זאַפּאַדניקעס", די „מערב"־אָנהענגער און די פּי־רנדיקע גייסטער פון דער רוסישער ליטעראַטור דענקען און פילן גאַנץ אַנדערש.

אפילו דער ניט־אויסגעשפּראָכענער סאָציאַליסטישער טייל פון דער דעמאָלסטדיקער יידישער יוגנט האָט געטרוימט פון אַ נעפּלדיקן קאָסמאָ־פּאָליטיזם, עפּעס פון אַ מין כאַאָטישער צוזאַמענמישונג פון סתם־מענטשן, אָן אַ באַזונדערער פאַרב און אָן כאַראַקטער. דער אינטערנאַציאָנאַלער גע־דאַנק איז אין אָט דער מחנה נאָך ניט אַריינגעדרונגען, איבערהויפּט געווען גאַנץ אומבאַקאַנט.

דאָס יידישע לעבן אין דעם „תחום־המושב", אין דעם יידישן שטעטל, אין דער יידישער גאַס, איז געווען אָרעם און בלאַס. עס האָט דאָרט גע־הערשט נאָר דער האַרטער, דער ביטערער קאַמף פאַר דער נאַקעטער, גראָ־שנדיקער עקזיסטענץ, פאַר אַ מינימום פון לעבן. רעכטלאָזע, הפקרדיקע, בלוטלאָזע, ווילנסלאָזע, קערפּערלעך שוואַכע באַשעפענישן האָבן זיך דאָרט געפּרוכפּערט, כּדי ווי עס איז, אָן יעדער מענטשנווירדע, לומפּן־פּראָלעטאַ־ריאַט, — און ווי עס איז אָפּצושטופּן די חושכדיקע וועלט. אָרום און אָרום „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגות". די ווענט פונם אַלטן בית־המדרש, וואָס איז געווען אַמאָל די פעסטונג פאַרן יידישן גייסט און פאַרן יידישן אידעאַליזם, האָבן זיך שוין אָנגעהויבן שאָקלען; די חדרים — אַן אָפּגעלעבטע, איבערגעלעבטע אינסטיטוציע; דער אַלטער יידישער מאַרק — מאַטעריאַליסטישער; אַלטע פּרינציפּן, אַלטע יסודות האָבן זיך אָנגע־הויבן ברעקלען. „עס האָט ניט קיין טעם געהאַט דאָס לעבן, קיין זין — דער טויט".

די מער ענערגישע, מער מוטיקע יוגנט האָט זיך געצאַפּלט, האָט זיך געריסן מיט אַלע כּוחות צו אַנטלויפן פון דער געטאָ, פון דער יידישער גאַס, פונם אָרימען לעבן, האָט זיך געריסן אַריבער די מויערן פון דער געטאָ, כּדי אַריינצודרינגען אין זייערע גימנאַזיעס, רעאַל־שולן, אוניווער־סיטעטן און אין אַנדערע הויך־שולן, מיט דער אויסזיכט צו באַקומען וואוין־רעכט אין די אינערע גובערניעס פון רוסלאַנד, מיט דער האָפענונג צו באַ־פרייען זיך פון די יידישע לופט־פּרנסות, פון דער טראַדיציאָנעלער טאַרבע און צו לעבן מיט מענטשן גלייך, אַלס דאָקטוירים, אינזשענירן, אַדוואָקאַטן און ד. ג.

נאָר אַרויסרײסן זיך פֿון דער ענגשאַפֿט, פֿון דער פֿיזישער און גײס־טיקער געטאָ! עס איז געװען אַ װיסנס־דורשט, אַ לעבנס־דורשט.

און די דאָזיקע ייִדישע יוגנט, פֿאַר װעלכער די ייִדישע גאַס האָט פֿאַר־לױרן איר אַמאָליקע צױבערקראַפֿט, האָט זיך פֿאַרגעבריט צו זײערע שולן, האָט געהונגערט, געליטן, געקעמפֿט, בײגעשטאַנען אַלע שװערע נסיונות — און די װעמען עס האָט אָפּגעגליקט אַרײנצודרינגען, נאָך אַ רײע פֿון באַלײדיקונגען, אין זײערע הױך־שולן, האָבן זיך געפֿילט גליקלעך — זײ זענען אַנטרונען געװאָרן פֿון דער פֿיזישער און גײסטיקער ענגשאַפֿט. דער טרױעריקער שיקזאַל פֿון די דאָרט איבערגעבליבענע האָט זײ װײניק־װאָס אינטערעסירט. זײ האָבן זיך גערעכנט פֿאַר בעסערע, פֿאַר העכערע מענטשן. קינדער האָבן זיך דערװײטערט פֿון זײערע עלטערן, און דער אָפּגרונט, װאָס האָט זײ פֿאַנאַנדערגעשײדט, האָט געהאַלטן אין אײן װאַקסן.

דער יונגער דור האָט שױן געהאַט פֿאַרלױרן יעדע פֿאַרשטענדעניש, יעדעס מיטגעפֿיל פֿאַר דער נאָך איבערגעבליבענער ראָמאַנטיק אין דער ייִדישער גאַס, פֿאַר די אַמאָליקע „טרױמער פֿון דער געטאָ", פֿאַר די נאָך באַהאַלטענע — צװישן די חורבות — ליכטיקע פֿונקען פֿון דער אַלטער קולטור, פֿאַר איר אײגנטימלעכער שײנקײט.

אַ טײל פֿון דער ייִדישער שטודירנדיקער יוגנט האָט זיך געװאָרפֿן אין די געהײמע רעװאָלוציאָנערע רײען, אָפּזאָגנדיק זיך אינגאַנצן פֿון די ספּעציעלע ייִדישע נױטן, מאַטעריעלע און קולטורעלע, אָפּרײסנדיק זיך פֿון אַלץ, װאָס האָט נאָך ערגעץ־װאו פֿאַרבונדן מיט דער ייִדישער פֿאַר־גאַנגענהײט, אָדער אַפֿילו מיט דער לעבעדיקער קעגנװאַרט. אַלץ אױסגע־װאָרצלט און באַמיט זיך אײנצולעבן אין דער פֿרעמדער סביבה פֿון זײערע קאַמפּס־גענאָסן.

אָט דער טײל פֿון דער ייִדישער יוגנט האָט געבראַכט די גרעסטע קרבנות דער רוסישער באַפֿרײאונג — דער רוסישער רעװאָלוציע. ניט נאָר האָבן זײ איר געאָפּפֿערט זײער לעבן, זײערע — אין געװיסע פֿאַלן — אומגעװײנלעכע פֿעאיקײטן, זײער מוט און זײער באַרײטװיליקײט פֿאַר אַלערלײ יסורים, לעבעדיק באַגראָבן צו װערן אין די קאַזעמאַטן, תּפֿיסות, אין די װײטע סטעפּעס פֿון סיביר, אָדער צו גײן צו דער תּליה. אַ טײל פֿון זײ האָבן נאָך מער געאָפּפֿערט: זײ האָבן פֿרײװיליק אַרױסגעריסן פֿון זײערע הערצער, פֿון זײער נשמה אַלץ, װאָס האָט זײ נאָך געהײם פֿאַר־בונדן מיט זײערע עלטערן, מיט זײערע ברידער, מיט זײער פֿאַרגאַנגענהײט, גלױבנדיק, אַז די רוסישע רעװאָלוציע פֿאָדערט עס פֿון זײ. די ייִדישע „נאַראָדאָװאָלצעס" האָבן מער אידעאַליזירט דעם רוסישן פּױער, װי די רוסישע רעװאָלוציאָנערן אַלײן.

די ייִדישע רעוואָלוציאָנערן פֿון יענער צײט — די סוף זיבעציקער פֿונם פֿאָריקן יאָרהונדערט — האָבן נאָך אַלײן ניט געוואוסט און ניט פֿאַרדעכטיקט וויפֿיל געהײמער רעוואָלוציע־דינאַמיט, רעוואָלוציע־פֿײער האָט זיך אומבאַוואוסט אָנגעזאַמלט אין די נפֿשות פֿון די ייִדישע מאַסן. די מער סענטימענטאַלערע צווישן די ייִדישע רעוואָלוציאָנערן האָבן געהיים, ווען קײנער זעט ניט און קײנער הערט ניט, געקאָנט פֿילן צו די גרויסע לײדנדיקע ייִדישן מאַסן רחמנות־געפֿילן. אָבער זײ האָבן בשום־אופֿן ניט געקאָנט פֿילן די נשמה פֿון דער מאַסע, ניט געקאָנט פֿילן קײן אַכטונג, אָדער גאָר באַוואונדערונג פֿאַר דעם ייִדישן המון. זײ האָבן פּשוט ניט געקענט, ניט געוואוסט און גאָר ניט פֿאַרדעכטיקט, וואָס פֿאַר אַ דינאַמישע, שאַפֿנדיקע כּוחות עס דרעמלען אין די פֿאַרהונגערטע, אויסגעמוטשעטע ייִדישע מאַסן. כּוחות, מעגלעכקײטן, באַהאַלטענע אינטעליגענץ, וואָס וואַרטן, מען זאָל זײ אויפֿוועקן און באַלעבן.

די ערשטע פּאָגראָמען, וואָס האָבן אויסגעבראָכן אין דרום־רוסלאַנד, האָבן אַרויסגערופֿן אין די מחנות פֿון די ייִדישע סטודענטן פֿאַרשײדענע געפֿילן און באַציאונגען.

אַ טײל פֿון אָט די מחנות האָבן באַגריסט די פּאָגראָמען אַלס אַ רעוואָלוציאָנערע דערשײנונג, אַלס דער אָנהויב פֿון אַ רעוואָלוציע, די דערהויבונג פֿון די אונטערדריקטע פּויערים קעגן זײערע „באַדריקער”. יעדנפֿאַלס, האָבן די מערסטע ייִדישע רעוואָלוציאָנערן געגלויבט, אַז אַדאַנק די פּאָגראָמען — וואָס זײנען געווען געריכט אויף אַ פֿאַלשן אַדרעס — וועט לײכטער זײן צו באַוועגן די אויפֿגעבראַכטע, אויפֿגעשטאַנענע בלוטדורשטיקע פּויערים קעגן די פֿאַרטרעטער פֿונם צאַריזם. און ווען עס האַנדלט זיך אין אַזאַ גרויסער זאַך, ווי די רוסישע רעוואָלוציע, וואָס דאָס מוז פֿירן סוף־כּל־סוף צו אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע אין דער גאַנצער וועלט, — פֿאַר אַזאַ גרויסער, וועלט־אַרומנעמענדיקער אידײע איז געבראַכט געוואָרן דער ערשטער גרויסער ייִדישער קרבן, און געוויסע ייִדישע רעוואָלוציאָנערן האָבן מתפּלל געווען צום גאָט פֿון דער רעוואָלוציע, אַז אים זאָל זיס זײן דאָס בלוט פֿון דעם קרבן, און יהי־רצון, אַז דאָס ייִדישע בלוט זאָל גערעכנט ווערן אַלס דער הײליקער אויל אויף די רעדער פֿון דער רעוואָלוציע...

די אַנדערע מחנות ייִדישע סטודענטן און ייִדישע אינטעליגענץ (צווישן זײ אויך געציילטע רעוואָלוציאָנערישע טוער) האָבן פֿון די אומדערוואַרטעטע קלעפּ פֿון די פּאָגראָמען דערוואַכט ווי פֿון אַ לעטאַרגישן שלאָף. זײ האָבן פֿריער געגלויבט, אַז די רוסישע אינטעליגענץ, די גרויסע רוסישע שרײַפֿטשטעלער, דענקער און קינסטלער וועלן געמײנזאַם פּראָטעסטירן,

אויסדריקן זייער טיפֿן צער אויף דעם יידישן בלוט, זיי וועלן פֿאַרטיידיקן די יידן און פֿאָדערן זייער גלייכבאַרעכטיקונג — זיי, די יידישע סטודענטן, האָבן זיך אָבער געמוזט שטאַרק אַנטוישן. די רוסישע ראַדיקאַלן, אַפֿילו די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, האָבן אויפֿגענומען דעם פֿאַקט, אַז די רוסישע פּויערים, געפֿירט פֿון רעגירונגס־אַגענטן, האָבן פּאַגראָמירט די אָרעמע, ליידנדיקע יידישע מאַסע, די אָרעמע יידן, וואָס האָבן נאָך מער געליטן פֿונם צאַריזם ווי די רוסישע פּויערים, — אַלזאָ, די רוסישע אינטעליגענץ און אַפֿילו די רעוואָלוציאָנערן האָבן גענומען די הימל־שרייענדיקע בלוט־פֿאַרגיסונג רואיק, קאַלט־בלוטיק, גלייכגילטיק, אַפֿילו „פֿילאָזאָפֿיש־סאָציאָ־לאָגיש"; דערקלערנדיק די סיבות, וואָס האָבן געפֿירט דערצו.

אַ היפּשער טייל פֿון דער יידישער יוגנט האָט אַ דאַנק די ערשטע פּאַ־גראָמען, זיך דערמאָנט אָן זייערע ליידנדיקע ברידער; די, וואָס האָבן זיך געהאַט אין גאַנצן דערווייטערט פֿון זייער פֿאָלק און זיינע אידעאַלן, פֿון זיין פֿאַרגאַנגענהייט און פֿון זיינע האָפֿענונגען אויף אַ ליכטיקערער צוקונפֿט, האָבן אָנגעהויבן זוכן וועגן אויף אַ צוריקקער. זיי האָבן אָנגעהויבן זיך אָפּגעבן דין וחשבון, זיי האָבן אָנגעהויבן פֿילן זייער אחריות, וואָס די יידי־שע נויטן לייגן אַרויף אויף זיי. זיי האָבן זיך דערשראָקן פֿאַר זייער אומ־וויסנקייט בנוגע דער יידישער געשיכטע, דער יידישער ליטעראַטור. די יידישע העלדן און די יידישע קולטורעלע שאַפֿונגען. זיי האָבן זיך געפֿונען ווי אין אַ גייסטיקן מדבר — און קיין פֿירער, קיין דערלייזנדיק וואָרט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ זוכעניש נאָך לעבעדיקע יידישע קוואַלן. —

און דאָס דערלייזונגס־וואָרט האָט זיך דערהערט: בית־יעקב לכו ונלכה!

און די רופֿער, אַ קליינע גרופּע פֿון סטודענטן, אין כאַרקאָווער און קיעווער אוניווערסיטעטן — די רופֿער אַליין, זיינען די ערשטע געגאַנגען בויען אַ יידיש לאַנד פֿאַרן יידישן פֿאָלק. דאָס זיינען די ערשטע ביל"ויים. זיי האָבן פֿאַרלוירן די אַקאַדעמישע קאַריערע, און גלייך פֿון די אוניווער־סיטעטן־בענק, אָן מיטלען, אָן יעדער דערפֿאַרונג, אָן יעדער הכשרה, אָן פֿיל נאָכדענקען, האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג, אַפֿילו אָן די ברכות פֿון די יידישע מאַסן, אָדער פֿון דער יידישער אינטעליגענץ, קיין ארץ־ישראל, וואָס איז דאַן געווען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון דער ווילדער טערקיי, כּדי צו בויען די יידישע צוקונפֿט ווייט פֿון מערב.

אין דעם איז געווען פֿיל ראָמאַנטיק, אַ שיינע לעגענדאַרישע אוטאָפּיע, וואָס האָט געוואָלט ווערן ווירקלעכקייט.

אין אָט דער אַטמאָספֿערע איז אַנטשטאַנען דער קרייז „בני־ציון" אין מאָסקווע.

*

דער „קרוזשאָק״ פֿון די „בני־ציון״ איז געווען צו יענער צייט די גייס־טיקע לאַבאָראַטאָריע, וואו עס האָט זיך אויסגעאַרבעט, אויסגעשמאָלצן די טעאָריע, די אידעאָלאָגיע פֿון דער נאַציאָנאַל־ציוניסטישער באַוועגונג. די אַטמאָספֿערע איז שטענדיק געווען אַ היציקע: אַ צוזאַמענשטויס, אַן עקס־פּלאָזיע פֿון פֿאַרשיידענע טעמפּעראַמענטן און אַנזיכטן.

צווישן די „בני־ציון״ זיינען געווען אַ סך שאַרפֿע מוחות און אַ סך פֿאַרהעלטניסמעסיק געשליפֿענע צינגער.

די „בני־ציון״, די מערסטע פֿון וועלכע האָבן זיך דערצויגן אויף באַ־טור־ווינסנשאַפֿטן, פּאַרטיקע מעדיצינער און אינזשענירן אָדער צוקינפֿטיקע אינזשענירן און מעדיצינער, ווי אויך יוריסטן מיט קלאָרע מוחות און לאָ־גישן פֿאַרשטאַנד, — די דאָזיקע „בני־ציון״ האָבן אייגנטלעך געלעבט צו יענער צייט אין אַ פֿאַנטאַסטישער, ראָמאַנטישער אַטמאָספֿערע. אמתע או־טאָפּיסטן.

איך געדענק ניט קיין איין איינציקן קאַריעריסט צווישן די „בני־ציון״. יעדער פֿון זיי האָט געשטרעבט אַזוי איינצואָרדענען זיין לעבן, אַז ער זאָל קענען פֿאַראייניקן זיין קעגנוואַרטיקע, אָדער צוקונפֿטיקע פּראָפֿעסיע, מיט דער פֿאָלקס־אַרבעט, אין איינקלאַנג מיט דער ציוניסטישער, מיט דער נאַ־ציאָנאַלער אַרבעט. יעדער פֿון זיי האָט געטרוימט, האָט געהאָפֿט, פֿריער אָדער שפּעטער, זיך צו באַזעצן אין ארץ־ישראל. אַ טייל פֿון זיי איז עס טאַקע געלונגען. קיינער פֿון זיי האָט ניט דערוואַרט, ניט געקאָנט און ניט געוואָלט דערוואַרטן, צו האָבן וועלכן עס איז, גוט אָדער שלעכט, באַצאָלטן אַמט אין דער נאַציאָנאַל־ציוניסטישער אָרעמער באַוועגונג.

דער ציוניסטישער, דער רענעסאַנס־אידעאַל האָט דאַן געפֿאָדערט טעגלעכע קרבנות און אַלערליי אָפּזאָגונגען, ניט פֿאַרשפּרעכנדיק וועלכע עס איז רעאַלע נוצן, מאַכט אָדער שטעלונג אין דער יידישער געזעלשאַפֿט. זיי זיינען אַלע געווען פּיאָנערן פֿונם ציוניסטישן געדאַנק. פֿון דעם יידישן רענעסאַנס. און זיי אַלע האָבן געטאָן, יעדער לויט זיינע כּוחות און פֿעאי־קייטן, פּיאָנערן־אַרבעט.

אַרום און אַרום איז געווען אַ רעאַלע, אַ ממשותדיקע וועלט, מיט אירע זאָרגן, קאַמפֿן, פּראָבלעמען און אויפֿגאַבן.

די רעאַלע וועלט, דאָס לאַנד און די גרויסע שטאָט, אין וועלכער מיר האָבן געלעבט און געאָטעמט, האָט צו אונז טעגלעך געשטעלט באַשטימטע פֿאָדערונגען; אַרום אונדז — אַ יוגנטלעכער קאַמף פֿאַר דער באַפֿרייאונג, פֿאַר דער דערלייזונג פֿון רוסלאַנד, אַ קאַמף פֿאַר מענטשלעכער רעכט; און אַרום אונדז — אַ כאַאָס, אַ תהו ובהו אין יידישן לעבן, אַ ביטערע קולטו־

רעלע אָרעמקייט; אַרום אונדז אומצייליקע קעגנוואַרטס־פּראָבלעמען, מיט וועלכע אונדזער אייגענע עקזיסטענץ, די גשמיותדיקע, די פֿיזישע, און די העכערע, גייסטיק־מאָראַלישע עקזיסטענץ, איז פֿאַרבונדן, פֿאַרקניפּט, פֿאַר־וועבט מיט טויזנטער פֿעדים — און מיר, די „בני־ציון", האָבן געלעבט, האָבן געאָטעמט אין אַ גאַנץ אַנדערער וועלט, אין אַ וועלט, וואָס מוז ערשט געבוירן ווערן, וואָס מיר אַליין ווילן זי געבוירן, שאַפֿן, טראַץ דער ניכטער־קייט, טרוקענער, אַלטעגלעכער לאָגיק, טראַץ דעם אַזויגערופֿענעם „געזונטן פֿאַרשטאַנד".

קיינער פֿון אונדזערע חברים דאַן איז אַליין ווען עס איז געווען אין ארץ־ישראל, קיינער פֿון אונדז האָט צו יענער צייט געהאַט, געקאָנט האָבן, פּאָזיטיווע קענטענישן, קלאָרע באַגריפֿן פֿון ארץ־ישראל, פֿון אירע נאַטירלעכע אוצרות, פֿון אירע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן, פֿון דער אַראַבי־שער באַפֿעלקערונג, פֿון אירע געזעצלעכע, אָדער אומגעזעצלעכע איינריכ־טונגען און פֿאַרוואַלטונג.

מיר זענען דאַן געצוואונגען געווען צו שטודירן דאָס וועזן, די באַשאַפֿנ־קייט פֿון ארץ־ישראל אין דער קעגנוואַרט. פֿון אַלטע, גאַנץ פֿאַרעלטערטע קוועלן, ווערק וואָס קריסטן האָבן געשריבן, טענדענציעז געשריבן (אַנדערע פֿון אונדזערע חברים זענען דאַן אַנגעוויזן געווען צו שעפּן זייערע קענטע־נישן וועגן ארץ־ישראל נאָר פֿון די ביכער, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין דער רוסישער שפּראַך, ווייל זיי האָבן ניט פֿאַרשטאַנען גענוג קיין אײ־ראָפּייאישע שפּראַכן, כּדי צו לייענען אין זיי וויסנשאַפֿטלעכע ביכער אָן מי, און די רוסישע ליטעראַטור איז געווען צו יענער צייט די אָרעמסטע בנוגע ארץ־ישראל אין דער נייער עפּאָכע), און דאָך האָבן מיר גייסטיק, אייגנטלעך, געלעבט ניט אין מאָסקווע, ניט אין רוסלאַנד, נאָר אין ארץ־ישראל.

טעאַטער, קאָנצערטן (די איינציקע דאַן געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרגעניגנס) און פֿאַרלעזונגען האָט מען טאָקע באַזוכט אין מאָסקווע, אָבער דער גייסט האָט שטענדיק געשוועבט און זיך אויסגעלעבט אויף די בערג פֿון יהודה און פֿון גליל.

מאָסקווע איז געווען אַ מין דערוויילנקע אַפּקומעניש (הגם צווישן די חברים זיינען געווען אויך אַזעלכע, וואָס זענען געווען פֿון וואוילהאָבנדיקע הייזער אין מאָסקווע און זיי האָט גאָרנישט מאַטעריעל געפֿעלט), אַ טרוים, אַ פֿאַנטאַזיע; ארץ־ישראל, דאַגעגן, איז געווען די רעאַליטעט, די ווירק־לעכקייט, די ארץ־חמדה.

נאָך די ערשטע פּאָגראָמען אין דרום־רוסלאַנד; נאָך די טעגלעכע, שמערצלעכע, שווערע באַליידיקונגען קעגן יידן אין דער פּרעסע און אויף

דער גאַס, אין די העכערע ווי אין די נידעריקערע שיכטן פונם רוסישן פאָלק; נאָך דער גלייכגילטיקייט, וואָס די רוסישע ליבעראַלן האָבן אַרויס־געוויזן צום טרויעריקן, מענטשלעך אומדערטרעגלעכן שיקזאַל פון די יידן אין רוסלאַנד, און צו די באַזונדערע יידישע נויטן, איבערהויפּט, — נאָך אַלעם דעם, האָבן מיר נאַטירלעכערוויז באַטראַכט רוסלאַנד פאַר אַ שטיף־מאַמע, פון וועלכער מען ליידט ווען עס איז קיין אַנדערע ברירה ניטאָ, אָבער פון וועלכער מען זוכט זיך ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט צו באַפרייען פון אירע גרויזאַמקייטן.

דער ביישפּיל פון די ערשטע פּיאָנערן אין אַרץ־ישראל, יידישע סטו־דענטן, וואָס האָבן פאַרלאָזט די אוניווערסיטעטן אין קיעוו און אין כאַרקאָוו, איבערגעריסן זייער שטודיום, אָפּגעזאָגט זיך פון זייער צוקינפטיקער פּראָ־פעסיע אין רוסלאַנד און געליטן, געהונגערט, געפּיבערט אין אַרץ־ישראל און דאָך באַאַרבעט דעם פעלזיקן באָדן פון די אבות, און אַלץ געדולדיק און העראָאיש איבערגעטראָגן, — דער דאָזיקער ביישפּיל האָט אונדז טעג־לעך דערמאָנט אונדזער חוב צו דעם לאַנד, וואָס האָט געלעבט אין אונדזער פאַנטאַזיע, ווי עטוואָס רעאַלעס.

די דעמאָלסטדיקע אויפוואַכונג און דער זיג פון די באַלקאַנישע פעל־קער האָט אונדז אויך געדינט אַלס ביישפּיל, אַז אויך קליינע פעלקער קאָנען זיך באַפרייען און ווערן זעלבסטשטענדיק ווען זיי זיצן אויף זייער באָדן.

יעדער פון אונדז האָט זיך געשטעלט שאַרף די פראַגע: זענען מיר ניט אַזוי קולטורעל, אַזוי געבילדעט, אַזוי פייאיק ווי די באַלקאַנער פעל־קער? האָבן מיר ניט אַ פיל רייכערע, גלענצנדיקערע פאַרגאַנגענהייט ווי די באַלקאַנישע פויערישע פעלקער? האָבן מיר ניט אַ רייכערע ליטעראַטור, אַ רייכערע שפּראַך און ד. גל? קאָנען מיר אויך ניט ווערן אַזאַ פאָלק ווי אַנדערע פעלקער און נאָך מיט פיל ווייטערע, העכערע, מענטשלעכערע אי־דעאַלן? ביז וואַנען וועלן מיר ליידן אַלס שטיפקינדער, אַלס מינדערווער־טיקערע, אַלס באַרויבטע פון די עלעמענטאַרסטע מענטשלעכע רעכט?

דער לאָזונג איז טאַקע געווען: „נהיה ככל הגוים בית־ישראל" (לאָ־מיר ווערן ווי אַלע פעלקער, דאָס הויז פון ישראל), טראָץ וואָס דער נביא יחזקאל האָט אונדז פאַרזאָגט, אַז דאָס, וואָס מיר רעדן זיך איין, אַז מיר וועלן זיין ווי אַנדערע פעלקער, וועט דאָס קיינמאָל ניט זיין (והעולה על רוחכם היה לא תהיה, אשר אתם אומרים נהיה כגוים, כמשפחות הארצות).

מיר האָבן זיך דאַן געזאָגט: מיר וועלן זיין פּאָליטיש און עקאָנאָמיש זעלבסטשטענדיק, ווי אַלע פעלקער, אָבער דאָך וועלן מיר ניט זיין ווי אַלע פעלקער, ווייל מיר וועלן קיינעם ניט אונטערדריקן, קיינעם פון זיינע רעכט

ניט באַרויבן, און דאָך וועלן מיר שאַפֿן אַ העכערע קולטור און זיין אַ ליכט, אַ ביישפּיל פֿון סאָציאַלער גערעכטיקייט.

מיר האָבן זיך דאָן ווייניק פֿאַרטראַכט אויף די פֿראַגן: ווי קאָנען מיר ווערן אַ פּאָליטיש און עקאָנאָמיש זעלבסטשטענדיק פֿאָלק אין ארץ־ישראל? ווי קאָנען מיר דערוועדבן ארץ־ישראל און אַריינברענגען אַהין מיליאָנען יידן? וואָס וועט זיין מיט די אַראַבער? ווער און וואו זענען אונדזערע פּאָליטישע פֿריינט? די פּאָליטישע וועלט האָט דאָן ניט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסן וועגן אויפֿגעלעבטער יידישער האָפֿנונג אויף ארץ־ישראל. די קריסטלעכע וועלט האָט דאָן גאַרנישט געקאָנט דענקען, ניט געקאָנט צולאָזן אַזאַ זאַך ווי די יידישע אויפֿלעבונג; פֿון טערקיי שוין איינמאָל אָפּגערעדט. רוסלאַנד האָט דאָן שטרענג פֿאַרבאָטן יעדע זאַמלונג פֿאַר ארץ־ישראל. זי האָט נאָך דאָן ניט דערלויבט צו גרינדן דעם אָדעסער קאָמיטעט פֿאַר אונטערשטיצן די יידישע ערד־אַרבעט אין ארץ־ישראל.

מיר האָבן געהאָפֿט און דערוואַרט, אַז די קריסטלעכע וועלט, באַזונדערס ענגלאַנד, מוז זיך אַמאָל, וועט זיין געצוואונגען אַמאָל, זיך צו פֿאַראינטערעסירן מיט דעם געדאַנק פֿאַר יידישער זעלבסטשטענדיקייט אין ארץ־ישראל. מיר האָבן שוין דאָן פֿאַרגעזען אַ מעגלעכן וועלט־קריג מיט דעם רעזולטאַט פֿון אַ נייער פּאָליטישער אָריענטאַציע, אַז דער „קראַנקער מענטש", טערקיי, וועט מוזן גיין צו־גרונט און דאָס וועט דערמעגלעכן די זעלבסטשטענדיקייט פֿון ארץ־ישראל אַלס אַ יידישע רעפּובליק.

אונדזער פֿאַנטאַזיע האָט געהאַט פֿליגלען — שוואונג. מיט רעאַליטעטן זיך ניט גערעכנט.

מיר האָבן געזאָגט, מען מוז באַקאַנט מאַכן די אייראָפּייאישע פֿעלקער מיט אונדזערע (ד. ה. פֿון אונדזער קליינינקער גרופּע) באַשטרעבונגען, און זיי זאָלן אונדז פֿאַרשטיין — און אויך העלפֿן צו פֿאַרווירקלעכן אונדזער אידעאַל.

מיר האָבן אָפּטימיסטיש געגלויבט אין דעם יושר פֿון די ציוויליזירטע פֿעלקער; עס זיינען דאָך אויך דאָ די חסידי־אומות־העולם, אָט איז דאָך דאָ דער סער אָליפֿאַנט, און דיזראַעלי...

מיר האָבן זיך געזאָגט: אַ גרויסע אידייע ווערט שטענדיק אַפֿריער פֿאַרשוויגן פֿון דער גרויסער וועלט, נאָכדעם — אויסגעלאַכט, און צום סוף — אָנערקענט.

שוין דאָן האָט מנחם מענדל אוסישקין געהאַט זיין אייזערנעם אויסשפּרוך: „אין לך דבר העומד בפני הרצון!" (ד"ה קיין זאַך קען ניט ביי־קומען דעם שטאַרקן ווילן). מיר דאַרפֿן נאָר שטאַרק וועלן האָבן ארץ־ישראל, שטרעבן דערצו מיט אַן אייזערנעם ווילן — וועלן מיר שוין האָבן.

אי, עס שיינט די זאך אוממעגלעך ? וואס הייסט אוממעגלעך ? אלץ איז מעג־לעך, אלץ קאן מען דורכפירן ווען מען האט נאר א שטארקן ווילן.

מיר האבן זיך אויך ווינציק געשראקן, און גארניט פארצווייפלט צור־זעענדיק, אז אויך די יידישעווירקלעכקייט איז קעגן אונדז, אז די מערסטע פון דער אינטעליגענטער יוגנט וויל אונדז ניט און קען אונדז ניט פאר־שטיין, קען אונדז ניט מיטפילן, אז זי רעכנט זיך גאר ניט מיט אונדז, זי זוכט א לאנד וואוהין צו עמיגרירן, א לאנד וואו זי קען גלייך „מאכן א לעבן", אז די מאסן ציט קיין אמעריקע, אז דער ווידער־באלעבונגס־גע־דאנק קען אבסאלוט גארניט געבן די יידישע מאסן אין דער געגנווארט. זיי זוכן ברויט, פאליטישע פרייהייט, נייע מעגלעכקייטן צו א ווירדיקערער עקזיסטענץ.

און דערצו איז נאך דאן געקומען באראן הירש מיט זיינע מיליאנען און מיט דער יידישער קאלאניזאציע אין ארגענטינע. און ניט נאר די גרויסע מאסן, אפילו דער דעמאלסטדיקער גרעסטער העברעאישער דיכ־טער, יהודה־לייב גארדאן, האט דאן געזונגען ניט פון ארץ־ישראל אלס א לאנד פאר די יידן, וואס מוזן אויסוואנדערן, נאר ער האט באזונגען אמע־ריקע און איר פרייהייט. אויך מענדעלע מוכר ספרים האט אין זיינע העב־רעאישע סקיצן, וואס ער האט געדרוקט אין דער מאנאטשריפט „בן־עמי", רעדאקטירט פון ד"ר קאנטאר, און אין זאמלבוך „הפרדס" חוזק געמאכט פון די ערשטע חובבי־ציון, וועלכע ער האט באטראכט פאר בטלנים, קאבצאנ־סקע דאן קיכאטן.

דער אלטער חיים זעליג סלאנימסקי און נחום סאקאלאוו זיינען געווען, אין זייער „הצפירה", דורכאויס פאר דער יידישער קאלאניזאציע דווקא אין ארגענטינע, און זיי האבן אבסאלוט ניט געהאלטן פון דער פראקטישקייט און מעגלעכקייט פון א גרעסערן יידישן ישוב אין דעם לאנד פון די אבות.

אונדז האט ניט געשראקן, וואס מיר קאנען אין דער קעגנווארט גאר־ניט אנבאטן ממשותדיקס די יידישע מאסן און פארענטפערן זייערע טעג־לעכע נויטן.

די אימיגראציע קיין אמעריקע איז דאן געשטאנען אין איר גאנצן פאר־מעסט.

די גרויסע און רייכע יידישע הילפס־ארגאניזאציעס אין מערב־איי־ראפע האבן זיך דאן אינטערעסירט מיט דעם יידישן עמיגראציע־פראבלעם, אלע לענדער זיינען געקומען אין באטראכט, נאר ניט ארץ־ישראל. זיי האבן פון ארץ־ישראל גארניט געוואלט הערן און וויסן.

אונדז האט ניט אפגעשראקן דער פאקט, אז די ארטאדאקסיע, די שול־יידן, די קאנסערוואטיווע יידן ווי פון דער אנדערער זייט די פריידענקער־

דיקע ייִדן, די ייִדישע אינטעליגענץ שטייט קעגנעריש צו די חלומות פֿון די חובבי־ציון, זיי באַטראַכטן נאָך די חלומות פֿאַר אוממעגלעך, פֿאַר אַ סכּנה פֿאַר דער ייִדישער עקזיסטענץ צווישן די פֿרעמדע פֿעלקער.

די ייִדישע גרויס־בורזשואַזיע, די ייִדישע מיליאָנערן, האָבן זיך פֿון אָנהויב אָן געהאַלטן קעגן די „ארץ־ישראל־חלומות״. אַפֿילו אַזעלכע עכט־ייִדישע טראַדיציאָנעלע פֿאַמיליעס, ווי די פֿון באַראָן גינזבורג אין פּעטערבורג, די בראָדסקי־פֿאַמיליע אין קיעוו, האָבן ניט געוואָלט הערן פֿון דעם ישוב אין ארץ־ישראל און פֿאַראינטערעסירן זיך מיט אים. פֿון די מיליאָנערן, ווי די פּאָליאַקאָווס אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע, ווי די פֿאַמיליע פּאָזנאַנסקי אין לאָדזש, איז שוין געווען אָפּגערעדט.

אַלזאָ, ניט דער גרויסער קאַפּיטאַל, ניט די גרויסע ייִדישע מאַסן, ניט די אינטעליגענץ און ניט די יוגנט האָבן געוואָלט וויסן און שטיצן די חובבי־ציון באַוועגונג. נאָך מער, די זקני חכמי־ישראל אין וועסט אייראָפּע, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן דער ייִדישער וויסנשאַפֿט, ווי די גרויסע און באַקאַנטע רבנים און רביים, זײַנען געווען ביטערע קעגנער פֿון אַ ייִדישער ווידעראויפֿלעבונג.

אין פּוילן זײַנען געווען פֿאַלן, און ניט זעלטענע, ווען יונגע פֿרויען האָבן זיך געגט מיט זייערע מענער, ווען זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס חובבי־ציון, אַלס טרוימער פֿון אַ ייִדישער מלוכה.

אַ יונגערמאַן אַ חובב־ציון, און דערצו נאָך אַ העברעער, אַן אָנהענגער פֿון פּרץ סמאָלענסקין, פֿון מאַפּוס „אהבת־ציון״ איז אין אַנדערע ייִדישע שטעטלעך פֿאַררעכנט געוואָרן פֿאַר אַן אַפּיקורוס, זאָל גאָט שומר ומציל זײַן!

דאָס אַלץ האָט דאָך געקענט באַווײַזן, אַז דאָס פֿאָלק ישראל האָט ניט קיין ווילן פּאָליטיש זעלבסטשטענדיק צו ווערן, זיך צוריקצוקערן אינם לאַנד פֿון די אבות; אַפֿילו די געשוואוירענע פֿלאַם־פֿייערדיקע חובבי־ציון צווישן די באַלעבאַטים און די נגידים נאָך אַלע פֿלאַם־פֿייערדיקע דרשות, וואָס זיי פֿלעגן אויסהערן פֿון די ניי־אַנטשטאַנענע „מטיפֿים לאומיים״ (נאַציאָנאַלע רעדנער), פֿלעגן געבן פֿאַרן ישוב ארץ־ישראל נאָר גראָשנס, פּשוט גראָשנס. און ווען ניט דער פֿאַריזער באַראָן עדמונד ראָטשילד, וואָס איז געווען דאָן באַקאַנט דעם ייִדישן עולם אונטערן נאָמען „הנדיב הידוע״, וואָלט ניט געקומען צו־הילף דעם דאַמאָלסטדיקן ישוב מיט זײַנע מיליאָנען, וואָלטן די ערשטע פּיאָנערן, די ביל״ויים אויסגעגאַנגען פֿון הונגער און אַלץ וואָלט זיך געענדיקט מיט אַ קראַך.

און אגב, האָט די דאַמאָלסטדיקע אַדמיניסטראַציע פֿון באַראָן ראָטשילד אין די ערשטע ייִדישע קאָלאָניעס פֿאַרשקלאַפֿט די פּיאָנערן און דער־

מאַראַליזירט די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן. די מעשים תעתועים פון דעם הויפט־ראָטשילדישן אַדמיניסטראַטאָר, שייד, איז איינע פון די טרויעריק־סטע און שענדלעכסטע קאַפּיטלעך איגם אַלטן ארץ־ישראלדיקן ישוב.

דאָך האָבן מיר טיף אין האַרצן געגלויבט, אַז דאָס יידישע פאָלק, קליין און גרויס, אָרעם און רייך, געבילדעט און אומגעבילדעט, וועט מוזן הייגט־מאָרגן, אַז ניט — איבערמאָרגן, דערפילן און באַגרייפן די וויכטיקייט פון דער אויפלעבונג פון ארץ־ישראל פאַר זיין עקזיסטענץ, פאַרן קיום־האומה, פאַר זיין צוקונפט. מיר זיינען געווען טיף איבערצייגט, און נאָך מער גע־גלויבט, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט באַלד דערוואַכן, דורך די קלעפּ, וואָס עס באַקומט פון זיינע קריסטלעכע שכנים, פון זיין לעטאַרגישן שלאָף, פון זיין טעמפקייט, ווי פון זיינע אַסימילאַטאָרישע חלומות, און זיך אַ לאָז טאָן קיין ארץ־ישראל „בנערינו ובזקנינו״. מיר זיינען געווען איבערצייגט, אַז אַלע וועגן פון דער יידישער געשיכטע פירן צוריק פון מערב קיין מזרח, פון די גלות־לענדער קיין ציון.

די פון אונדז, וועלכע האָבן דאָס באַוויזן מיט פילאָזאָפיש־היסטאָרי־שע באַטראַכטונגען, און אַברהם אידלסאָן האָט זיך דאָס באַמיט צו באַווייזן מיט דער הילף פון מאַרקסיזם, מיט דער הילף פון דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטע־אויפפאַסונג. מזא״ה האָט זיך אַרומגעוואָרפן מיט פסוקים פון די נביאים, מיט מאַמרי־חז״ל, מיט שיינע און קונציק־אויסגעטייטשטע שטעלן פון דער אגדה, פון מדרש, פון די שירי־רבי־יהודה־הלוי, און אידלסאָן און ד״ר טאָלקאָטשעווסקי — מיט פסוקים פון קאַרל מאַרקס און פון פרידריך ענגעלס. פאַרשיידענע אויסגאַנגס־פונקטן, פאַרשיידענע הנחות, אָבער דער ציל איז געווען דערזעלבער: צו באַווייזן, אַז דאָס יידישע פאָלק מוז זיך און וועט זיך צוריקקערן אינם לאַנד פון זיינע אבות, דאָרט בויען און שאַפן אַ פרייע רעפּובליק (קיין איינציקער מאַנאַרכיסט האָט זיך קיינמאָל ניט גע־פונען צווישן די „בני־ציון״) און אויפלעבן זיין אַלטע העברעאישע קולטור אויף נייע אַלמענטשלעכע יסודות.

עס איז געווען אַ געמיש פון מעטאַפיזיק און לאָגיק, פאַנטאַזיע און וויר־קלעכקייט, געשיכטע און דיכטונג, מדרש־ליטעראַטור מיט דער עקאָנאָ־מישער תורה, סאָציאַליזם און פראַפעטנטום, ראָמאַנטיק און טרוקענע סטאַטיסטיק.

דער מאָדערנער, נאַציאָנאַלער — ניט־רעליגיעזער — ציוניזם און איבערהויפט דער יידישער רענעסאַנס־געדאַנק זיינען נאָך דאַן געווען ניי־לאַנד. מ׳האָט געזוכט דורכצוטאַפן, דורכצוקריכן פון פינסטערניש צו ליכ־טיקייט, פון אומוועגן, פאַרשלענגלטע, פאַרדרייטע זייט־וועגן צום ריכטיקן

און בדייטן וועג, וועלכן מען האָט געזאָלט אַליין, מיט אייגענע גייסטיקע כּוחות, אויסטרעטן.

עס איז געווען אַ מוטיקע, אַ געוואָגטע עקספּעדיציע, אַ גייסטיקע פאָר־שונגס־רייזע אין אַ ווייטער, פרעמדער וועלט.

ניט קוקנדיק אויף דער ראָמאַנטישער, פאַנטאַסטישער בייגונג פון די מערסטע „בני־ציון", האָט דאָך דער אומברחמנותדיקער קריטישער, דער אַנאַליטישער גייסט שוין גאָר ניט געשלאָפן אין דעם קרייז פון די „בני־ציון".

איך געדענק אַ רעפעראָט, וואָס מזא"ה האָט געהאַלטן ביי די „בני־ציון". דער רעפעראָט איז געווען סטיליסטיש, אָראַטאָריש, אַ מייסטער־ווערק. געווײלטע, קלינגענדיקע, בריליאַנט־געשליפענע אויסדרוקן, אָנגע־פּיקעוועט מיט ציטאַטן פון דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור.

מזא"ה האָט פאַרגעלייענט זיין רעפעראָט מיט קראַפט, מיט שאַרפער באַטאָנונג און אונטערשטרייכונג פון געוויסע זאַכן, וועלכע ער האָט גע־האַלטן פאַר באַזונדערס וויכטיק און איבערצייגנדיק.

ווען ער האָט געענדיקט זיין רעפעראָט, האָבן זיך אָנגעהויבן דעבאַטן. ד"ר טאַלקאַטשעווסקי און אידלסאָן האָבן צעשלאָגן דעם רעפערענט אין שטויב (אין „פּוך און פּראָך") פונם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַל־עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט: פּסח מאַרעק, דער גוטער היסטאָריקער, האָט צעשלאָגן דעם רעפערענט פונם שטרענג־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, אוסישקין — פונם פּראַקטישן שטאַנדפּונקט. ער איז געווען קעגן דער צו־אַבסטראַקטער פאָרם. דער פאָרזיצער, ד"ר יחיאל טשלענאָוו, האָט רואיק צוגעלאָזן די דעבאַטאַנטן צו געברויכן די שאַרפסטע און גיפטיקסטע גייסטיקע געווער קעגן מזא"ה, און ער, טשלענאָוו אַליין, האָט פון זייט, רואיק, מיט אַן אונ־טערדריקטן איראָנישן שמייכעלע, ווי זיין דרך איז געווען, אַריינגעוואָרפן קורצע, פאַרביייגייענדיקע באַמערקונגען, גלאַטינקע, זיסינקע, דיפּלאָמאַטיש־פיינע, אָבער דאָך אין גרונט, פאַרניכטנדיקע פאַרן רעפערענט.

עס איז געווען אַ ריכטיקער געיעג אויף דער ווייכער, טרוימערישער ראָמאַנטיק פון מזא"ה.

אין זיין אָראַטאָרישן שלוס־וואָרט האָט מזא"ה זיך געווענדט צו זיינע קריטיקער: איר וועט מיך קיינמאָל ניט איבערצייגן ווי וויסנשאַפטלעך, לאָגיש, קריטיש איר זאָלט ניט זיין, וועל איך דאָך בלייבן ביי מיינע אָנ־שויאונגען און געפילן, ביי מיין ראָמאַנטיק. איך פיל אַנדערש, איך טרוים אַנדערש ווי איר. אייך פעלט דער ריכטיקער, געזונטער, נאַציאָנאַלער אינסטינקט, איר זייט ניט אַזוי פאַרבונדן און צוזאַמענגעוואַקסן מיט אונ־דזער אַלטער קולטור, מיט דער נשמה פונם פאָלק. ווען איינער פון אייך,

אָדער איר אַלע צוזאַמען, ווען איר וואָלט געווען אַפילו פיל שאַרפערע, פיל טיפזיניקערע און גייסטרייכערע דענקער ווי איר זייט אין דער ווירק־לעכקייט, און איר וואָלט אָנווענדן אייער גאַנצע וויסנשאַפט צו באַווייזן מיר, אַז מיין קאָפ אָדער מיין האַרץ מוז אָפּגעשניטן, אויסגעשניטן ווערן, ווייל דאָס איז בעסער, קליגער און לאָגישער פאַר מיר און פאַר דער וועלט, וועט דאָך מיין לעבנס־אינסטינקט, מיין גאַנצער אינערלעכער וועזן זיין קעגן אייערע קלוגע, לאָגישע באַווייזן. מיין קאָפ, מיין האַרץ — מיין ציוניזם, מיין נאַציאָנאַליזם, מיין ליבע צו אונדזער אַלטער ליטעראַטור, צו אונדזער גאַנצער קולטורעלער ירושה, זיינען ניט אָפּהענגיק פון אַ צופעליקער דע־באַטע מיט אַנדערע קעפ, מיט אַנדערע געפילן, וואָס זיינען קעגן מיר. איך וועל אייך מיין קאָפ און מיין האַרץ ניט לאָזן אָפּעריר. ביי אייך איז די דעבאַטע אַ מין פלפול, אַ שפילן זיך מיט גלאַנצנדיקע, שאַרפע, גיפטיקע וואָפן — ביי מיר זיינען די געדאַנקען און די געפילן, וואָס איך האָב, לויט מיינע כוחות אויסגעדריקט אין מיין רעפעראַט, מיין גאַנץ וועזן, מיין גאַנצער איך; איך האָב מיינע אמתן, מיינע עמפפינדונגען, מיינע אינערלעכע איבער־לעבונגען און ווערט־שאַצונגען, וואָס לעבן ניט פון אייער גנאָד. „דאָ שטיי איך און אַנדערש קען איך ניט זיין“.

די קריטיקער האָבן זיך יענעם אָוונט געכנט אין זייערע אויגן אַלס די גייסטיקע זיגער.

*

אויסער פרץ סמאָלענסקין, האָבן געהאַט אַן איינפלוס אויף די „בני־ציון“ ד״ר לעאָן פינסקער און משה לייב ליליענבלום.

דאָס ווערק „ראָם אונד יערוזאַלעם“ פון משה העס, איז צו יענער צייט גאַנץ אומבאַקאַנט געווען אין רוסלאַנד, ניט אין אָריגינאַל און ניט אין איבערזעצונגען. איבערזעצונגען פון דעם קלאַסישן ווערק האָבן דאָן איבערהויפט ניט עקזיסטירט אין קיין שפּראַך.

אַפילו אין דייטשלאַנד איז דאַן „ראָם אונד יערוזאַלעם“ געווען אַ יקר־המציאות, אַ גרויסע גלעגנהייט. נאָר די גרויסע ביבליאָטעקן אין דייטש־לאַנד האָבן געהאַט אין זייער באַזיץ דאָס ווערק (וועלכעס איז דערשינען אין יאָר 1862), ווייל די פאַמיליע פון העס, די מערסטע, געטויפטע, וועל־כע האָבן זיך געשעמט מיט די ציוניסטיש־נאַציאָנאַליסטישע אידעען פון דעם פאָטער, האָבן אָפּגעקויפט ביי די בוכהענדלער די ערשטע אויפלאַגע פון „ראָם אונד יערוזאַלעם“, וואָס די קריטיק פון די חכמי־ישראל אין מערב־אייראָפּע האָבן שטאַרק אַרונטערגעריסן, און איז געלעגן אויף די פאָליצעס, — און די פאַמיליע פון העס האָט די אָפּגעקויפטע עקזעמפּליאַרן

פֿון „ראָם אונד יערוזאַלעם“ אינגאַנצן פֿאַרניכטעט, כּדי זיי זאָלן ניט אַרייַנ־פֿאַלן אין די הענט פֿונם פּובליקום און פֿאַרשוואַרצן זייערע יאָרן.

די קליינע קלאַסישע בראָשורע פֿון ד"ר לעאָן פּינסקער: „אויטאָ־עמאַנציפּאַציאָן“ (אַ מאָן־רוף צו זיינע שטאַם־גענאָסן פֿון אַ רוסישן יידן), אויף וועלכער ער האָט זיין פֿולן נאָמען ניט געגעבן, נאָר זיך אונטערגע־שריבן: אַ רוסישער ייד, — די קליינע, קערנדיקע, בראָשורע, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1882, פּונקט צוואַנציק יאָר נאָך דער דערשיינונג פֿונם „ראָם אונד יערוזאַלעם“, — האָט געמאַכט אַ טיפֿן איינדרוק אויף די „בני־ציון“. גאַנץ באַזונדערס האָט געמאַכט אַן אַיינדרוק דער טייל פֿון דער בראָשורע, וואו די אַסימילאַציע ווערט ביטער, גייסטרייך און שאַרפֿזיניק קריטיקירט. עס האָט אויך געווירקט דער טייל, וואו פּינסקער קומט צו דער פֿעסטער איבערצייגונג, אַז די רעטונג און די דערלייזונג פֿון אונטער־גאַנג און פֿאַרניכטונג פֿונם יידישן פֿאָלק איז אַן אייגענע טעריטאָריע, אַן אייגן לאַנד, און אַן אייגענע רעגירונג, אונטער דער סאָווערעניטעט, אויי־בער־הערשאַפֿט פֿון אַ מעכטיקער מלוכה.

דער העכסטער אידעאַל פֿון דער האַלב־אַסימילירטער און רוסיפֿיציר־טער יידישער אינטעליגענץ אין רוסלאַנד, צו וועלכער פּינסקער אַליין האָט פֿריער געהערט, איז געווען די דערגרייכונג פֿון גלייכבאַרעכטיקונג, בירגערלעכע און פּאָליטישע. איז געקומען פּינסקער, דער ערשטער אין רוסלאַנד, וואָס האָט שאַרף, קלאָר און אָפֿן אַרויסגעזאָגט דעם דעמאָלסט זייער דרייסטן געדאַנק, אַז די עמאַנציפּאַציע, די באַפֿרייאונג, וואָס קומט פֿון דרויסן, פֿון די שכנים, צווישן וועלכע מיר וואוינען און מוטשען זיך, וועט ניט אויסלייזן דאָס יידישע פֿאָלק פֿון זיין נויט, כּל־זמן מיר וועלן זיך ניט אַליין באַפֿרייען און גרינדן אונדזער אייגענע מדינה*), און ווען מיר וועלן פֿאַרבלייבן אינגאַנצן אַלס איינגעבעטענע געסט, ווען אפֿילו באַגנאַ־דיקטע, צווישן די פֿעלקער, וועט זייער פֿאַראַכטונג און שנאה צו אונדז ניט אויפֿהערן.

לעאָן פּינסקער איז געווען דער ערשטער רוסישער ייד, וואָס האָט געוואַגט, אַלס זעלבסטשטענדיקער פּאָליטישער דענקער, אָפֿן, ערלעך און אומברחמנותדיק צו אַנאַליזירן די עמאַנציפּאַציע, די באַפֿרייאונג פֿון די יידן אין די מערב־אייראָפּייאישע לענדער.

*) טעאָדאָר הערצל האָט זיך איין מאָל אויסגעדריקט אין קעגנוואַרט פֿון זיינע אינ־טימע פֿריינט, אַז ווען ער וואָלט פֿריער געקענט פּינסקערס בראָשורע „אויטאָ־עמאַנצי־פּאַציאָן“ (די זעלבסט־באַפֿרייאונג), וואָלט ער ניט געשריבן זיין „יודנשטאַט“, וואָס איז אויך געווען טעריטאָריאַליסטיש ווי פּינסקערס ווערק. —ר. ב.

פינסקער האָט זיך מיט זיין בראָשורע, מיט זיין געדאַנק צו גרינדן אַן אייגענע יידישע טעריטאָריע, געווענדט ניט צו דער יידישער יוגנט, ניט איבערהויפּט צו זיינע ברידער, אַפילו ניט צו דער אינטעליגענץ אין רוס־לאַנד. ער האָט זיך געווענדט דירעקט צו די גדולים, צו די יידישע גע־לערנטע און צו די יידישע מיליאָנערן און פֿילאַנטראָפּן אין די מערב־איי־ראָפּייאישע לענדער (דעריבער האָט ער די בראָשורע געשריבן אויף דייטש).

פינסקער האָט זיך ניט באַנוגנט מיט שרייבן אַליין. ער האָט געמאַכט, אין דער שטיל, אַ נסיעה קיין בערלין, ווין, פּאַריז און לאָנדאָן צו באַוועגן די יידישע גדולים דאָרט צו גרינדן אַ דירעקטאָריום, וועלכער זאָל אויס־זוכן און אויספּאָרשן אַ פּאַסיקע טעריטאָריע, וואו מען זאָל קאָנען באַזעצן לכל־הפּחות דריי מיליאָן יידן, גלויבנדיק, אַז דורך דעם וועט געהויבן און געבעסערט ווערן די לאַגע פֿון די יידן, וואָס וועלן בלייבן לעבן צווישן די פֿעלקער.

פינסקער האָט געגלויבט, אַז די יידישע גדולים, די באַרימטע גע־לערנטע און די יידישע פֿילאַנטראָפּן אין מערב־איראָפּע, וועלן באַגרייפֿן זיין טעריטאָריאַלן געדאַנק, אַז זיי וועלן זיך לאָזן איבערצייגן, אַז זייער עמאַנציפּאַציע איז נאָר אויפֿן פּאַפּיר, אַז זייערע פֿילאַנטראָפּישע מעטאָדן צו העלפֿן די אָרעמע „רעליגיאָנס־גענאָסן" אין רוסלאַנד טויגן אויף כּפּרות און פֿירן ניט צום תּכלית; פינסקער האָט געגלויבט, אַז אים וועט געלינגען צו דערוועקן אין די הערצער פֿון די יידישע גדולים אין וועסט־איראָפּע דאָס שטאָלצע געפֿיל פֿון פֿרייע מענטשן, פֿונם יידישן כּבוד און אָנצינדן אין זייערע מוחות א פֿונק פֿום זעלבסט־באַפֿרייאונגס־געדאַנק.

געענדיקט האָט זיך זיין זעלבסט־געוויילטע מיסיע (די מיסיע פֿון אַ מענטשן, וואָס איז באַזעלט און באַגייסטערט מיט אַ גרויסן שטאַטס־גע־דאַנק) מיט אַ פֿיאַסקאָ, מיט אַ דורכפֿאַל.

אייניקע פֿון די יידיש־איראָפּייאישע גדולים האָבן פינסקערן, אויס־הערנדיק אים, באַטראַכט מיט אַ רחמנות־בליק פֿון אויבן אַראָפּ; האָבן אויף אים געקוקט, אין בעסטן פֿאַל, ווי אויף אַן אָרעמען פֿאַנטאַזיאָר, אַ בעל־חלומות, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט פּוסטע, זינלאָזע געדאַנקען עפּעס וועגן אַ יידישער מלוכה.

אַנדערע האָבן באַקעמפֿט שטילערהייט די „געפֿערלעכע" מדינה־גע־דאַנקען פֿונם רוסישן יידן. דער נאָענטער פֿריינט פֿון פינסקערן, דער אויבעררבּינער און פּרעדיקער פֿון דער ווינער קולטוס־געמיינדע, דער גרויסער יידישער געלערנטער, ד"ר אהרן יעלינעק, האָט, נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעהערט אין אַ פּערזענלעכן געשפּרעך מיט פינסקערן זיינע טע־

ריטאָריעלע געדאַנקען, באַקעמפט עפּנטלעך (אין וואָכנבלאַט די „בני־ציון") זייער סכנה פאַר די יידן אין אַלע לענדער.

דער גייסטרייכער דענקער יעלינעק האָט געזוכט צו פאַרניכטן די בייע געדאַנקען פון פינסקער מיט אויסגעגראָבענע, פאַרשוואונדענע, אַלטע מדרשים.

די „בני־ציון" אין מאָסקווע, ווי אחד־העם אין אָדעס (מיט וועלכע פינסקער האָט זיך ניט געדעכנט, און אין זינען ניט געהאַט, ווען ער האָט געשריבן זיין אויבן־דערמאָנטע בראָשורע) זיינען געווען שטאַרק באַאיינפלוסט און טיף פאַרכאַפּט פון פינסקערס געדאַנקען, און האָבן זיי ווייטער געשפּונען.

ניט וועלנדיק און ניט־זוכנדיק איז פינסקער געוואָרן דער לערער, דער גייסטיקער וועג־ווייזער פון דער נאַציאָנאַל־געשטימטער יוגנט, אָבער גאַנץ באַזונדערס פון דער יידישער אַקאַדעמישער יוגנט אין מאָסקווע, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט אינם „קרוזשאָק" „בני־ציון".

די „בני־ציון" האָבן איינפאַך איבערגעזעצט דאָס וואָרט „סתם אַ טעריטאָריע" אין אַ קאָנקרעטן באַגריף: „ארץ־ישראל".

צום זעלבן באַגריף איז פינסקער נאָכדעם לאַנגזאַם און געצוואונגענערהייט געקומען.

אָנשטאָט דאָס וואָרט „דירעקטאָריום" (פירערשאַפט פון די יידישע גדולים און מיליאָנערסקע פילאַנטראָפּן אין מערב־אייראָפּע) האָבן מיר אַריינגעשטעלט די ווערטער: דאָס יידישע פאָלק, די יידישע גרויסע מאַסן און די יידישע אינטעליגענץ.

מיר האָבן געזוכט זעלבסט־באַפרייאונג, אויך די באַפרייאונג פון אַלטע, אָפּגעריבענע און אָפּגעלעבטע באַגריפן און אַנזיכטן וועגן דער פאָלקס־דערלייזונג.

מיר האָבן קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז די גאַנץ־אַסימילירטע, אָדער אַפילו די האַלב־אַסימילירטע יידן, ווען אַפילו געלערנטע און פילאַנטראָפּן, קאָנען באַפרייען אונדזער פאָלק פון אויסערלעכער און אינעווייניקסטער שקלאַפעריי.

די „זעלבסט־באַפרייאונג" איז געוואָרן אונדזער שלאַגוואָרט, אונדזער פּראָגראַם.

די זעלבסט־באַפרייאונג אין אַלע הינזיכטן און אין ברייטסטן זין.

אויך הערצל האָט דורכגעמאַכט דעם זעלבן שיקזאַל וואָס זיין קאָנגעניאַלער פאָרגייער, לעאָן פינסקער. ער איז געשטאַנען אונטערן זעלבן שטערן.

אויך הערצל האָט אָנגעהויבן פונם סתם טעריטאָריאַלן געדאַנק, אויך פון אַ דירעקטאָריום פון די גדולים אין מערב־אייראָפּע.

אויך הערצל האָט זיך פריער געווענדט צו די יידישע מיליאָנערן און פילאַנטראָפּן, דערוואַרטנדיק פון זיי די ישועה פאַר זיין גרויסן מדינה־געדאַנק.

און אויך הערצל איז געקומען, דורך אינטואיציע און דורך דעם צוואַנג פון טאַטזאַכן, פון טעריטאָריאַליזם צו ציון, און פון די יידישע באַראָנען און פילאַנטראָפּן צו די יידישע מאַסן, צו דער יידישער יוגנט און אינטעליגענץ.

די „אויטאָ־עמאַנציפּאַציאָן" פון פינסקער האָט געדינט אַלס טעמע פאַר פאַרשיידענע רעפעראַטן, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן אויף די פאַרזאַמלונגען פון די „בני־ציון" אין מאָסקווע.

די הויפּט־רעפערענטן אויף דער טעמע זיינען געווען ד"ר יחיאל טשלענאָוו און א. אידלסאָן. די דעבאַטן, וויכוחים, וואָס האָבן זיך געשפּונען אַרום דער דאָזיקער טעמע, זיינען געווען, ווי אין די מערסטע פאַלן, פיל אינטערעסאַנטער ווי די רעפעראַטן אַליין.

געוויסע הנחות, גרונט־זאַכן, פון פינסקער, באַזונדערס, בנוגע דער אַסימילאַציע און דער עמאַנציפּאַציע פון די יידן אין די מערב־אייראָפּייאישע לענדער, זיינען געווען פאַר די מערסטע „בני־ציון" אַייזן־פעסטע אַקסיאָמען.

די קריטיק פון די דעבאַטאַנטן האָט זיך געדרייט אַרום דעם פּונקט פון אַ סתם־טעריטאָריע, וואָס מען דאַרף ערשט זוכן און אויספאָרשן סתם אין דער וועלט אַריין.

דער געדאַנק פון אַ סתם־טעריטאָריע, ערגעץ־וואו אין דער וועלט, פון וועלכער דאָס פאָלק האָט קיינמאָל ניט געהערט און מיט וועלכער עס איז ניט געווען ענג־פאַרקניפּט זיין אייגענער שיקזאַל, — דער געדאַנק פון פינסקערן איז ביי יעדער דיסקוסיע צעפּליקט געוואָרן אין שטיקער.

דער לאָגישער און פּסיכאָלאָגישער מדינה־געדאַנק פון פינסקערן האָט זיך פאַרקליידט ביי די „בני־ציון" אין אַ ראָמאַנטישן מאַנטל.

אינטערעסאַנט איז צו באַמערקן, אַז מיט מער ווי פערציק יאָר צוריק האָט זיך די יידיש־נאַציאָנאַלע יוגנט ניט געוואָלט און ניט געקאָנט זיך אָפּשטעלן אין געדאַנקען אויף האַלבן וועג. דער לאָגישער צוועק איז געווען אַ יידישע מדינה, אַ זעלבסטשטענדיקע קולטור, אַ פולשטענדיקע אויפלעבונג פון אַלע אונטערדריקטע און פאַרקריפּלטע פאָלקס־כוחות.

ד"ר לעאָן פינסקער און נאָכדעם ד"ר טעאָדאָר הערצל האָבן געלערנט די יוגנט גרויס, ווייט און קאָנסעקווענט צו דענקען. עס איז געווען שוואונג, פליגל־שוואונג.

עס איז געווען פאַר דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ די פּראַגע פון אַלע פראַגן: זיין אָדער ניט־זיין?

זיין — ד"ה זיין ווי אַלע פעלקער, באַזיצן אַן אייגענע מלוכה, אַן אייגענע שפּראַך, אַן אייגענע קולטור, שמידן דעם אייגענעם שיקזאַל, באַרייכערן די מענטשלעכע קולטור אויף אונדזער אייגענעם שטייגער, זיין אַ מיטגליד, אַ לעבעדיקער, שאַפנדיקער און באַפרייטער מיטגליד אין דעם אינטערנאַציאָנאַל.

אָדער ניט זיין — ד"ה, שענדלעך אונטערגיין, פאַרשווינדן מוטלאָז, אָן קאַמף, אַז קיין זכר זאָל ניט בלייבן.

ניט זיין — ד"ה, קושן דעם קנאַפּל וואָס טרעט אונדז פאַראַכטלעך און פול מיט שפּאָט, לעקן די האַנט וואָס שמייסט אונדז, וואָס באַרויבט הויכמוטיק אונדזער מענטשלעכע ווירדע, אונדזערע עלעמענטאַרע מענטשלעכע רעכט.

ניט זיין — דאָס האָט געהייסן: ניט זיין ווי מען איז און וואָס מען איז: פאַרמאַסקירן זיך אין אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע מאַסקעס, פאַרשטיקן און פאַרלייקענען אונדזערע ווירקלעכע און נאַטירלעכע געפילן.

דער ציוניזם איז פאַר אונדז, די דאַמאַלסטדיקע נאַציאָנאַלע יוגנט, געווען דער גרויסער געדאַנק פון ווידעראויפלעבונג, פון אויפשטייאונג, אַ רעוואָלוציאָנערער געדאַנק אין יידישן לעבן.

ווי זעט אויס היינט צו טאָג דער ציוניזם? אין וואָס האָט ער זיך פאַרוואַנדלט?

דער ענטפער אויף דעם געהערט אָבער ניט צו מיינע איצטיקע זכרונות פון יענער צייט.

*

די אומגאַנגס־שפּראַך אין דעם קרייז פון די „בני־ציון" אין מאָסקווע איז געווען די רוסישע.

יידיש האָבן אַלע געקענט. אפשר זיינען געווען צוויי אויסנאַמען. אין יידיש האָט מען נאָר אַ פּאַטמאָל אַן עכט־יידישן וויץ אָדער אַנעקדאָט דערציילט. קיינער, חס וחלילה, האָט ניט פאַראַכטעט אָדער גאָר געהאַסט די יידישע שפּראַך, אָבער פשוט קיינער פון אונדז איז דאַן ניט געווען אימשטאַנד זיך פריי, פולשטענדיק און אָן מאַטערניש זיך אויסצודריקן אין דער פאָלקס־שפּראַך. אַלע חברים האָבן באַקומען זייער וועלטלעכע בילדונג אין דער רוסישער שפּראַך. רוסיש איז געווען נאַטירלעך די אומגאַנגס־

שפּראַך אין אַלטעגלעכן לעבן, באַזונדערס אָבער דאָן די זעלבסטפֿאַרשטענ־לעכע שפּראַך פֿאַר רעפֿעראַטן, פֿאַר פֿירן דיסקוסיעס און פּראָפּאַגאַנדע, ווייל אין קיין אַנדער שפּראַך, אויסער רוסיש, האָבן די „בני־ציון" ניט געקענט פֿריי און קלאָר זיך אויסדריקן כּדי ניט צו דערשיינען לעכערלעך.

מזא"ה האָט פֿון אונדז אַלעמען אַמבעסטן געקענט רעדן יידיש (דאָן האָט עס געהייסן „זשאַרגאָן" *) מיט אַלע אירע פֿאָלקסטימלעכע און כאַ־ראַקטעריסטישע אייגנשאַפֿטן. ער האָט אויך זייער ליב געהאַט די יידישע שפּראַך, איר זאַכלעכקייט און זאַפֿטיקייט. דאָך האָט זיין אומגעווייגלעכער רעדנער טאַלאַנט זיך אַנטפּלעקט נאָר אין דער רוסישער שפּראַך. זײַן גייסטיקע דינאַמישע קראַפֿט פֿלעגט עקספּלאָדירן אין אַ פֿייערווערק פֿון די שענסטע, קרעפֿטיקסטע און בויגזאַמסטע עכט־רוסישע ווערטלעך, אויס־שפּרוכן און אויסדורקן. ער האָט געהאַט אין זיין אוצר די אויסגעקליבנסטע, דורכגעזיפּטסטע און אויספּרובירטסטע רוסישע אויסדרוקן פֿון די ווערק פֿון פּושקין, גאָנטשאַראָוו, גאָגאָל, נעקראַסאָוו און טורגעניעוו, וועלכע ער האָט אין די יינגערע יאָרן פֿלייסיק שטודירט און אין אַ באַזונדערן נאָטיץ־ביכל אַריינגעשריבן די פּראַזן, די אַפֿאָריסטישע אויסדרוקן פֿון די אויבנ־דערמאָנטע רוסישע דיכטער, וועלכע האָבן אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן רושם.

מזא"ה איז ניט געווען דער איינציקער גלענצנדיקער און קרעפֿטיקער רעדנער צווישן די „בני־ציון". וולאַדימיר טיאָמקין האָט זיך אָפֿט פֿאַר־מאָסטן מיט אים אַלס רעדנער (ביידע האָבן זיך אויסער אַלעמען אויסגע־צייכנט מיט זייערע רייך באַגאַבטע שפּראַך־אָרגאַנען, שפּראַך מיטלען און מאָדולאַציע־פֿעאיקייטן), נאָר דעם לעצטן האָבן געפֿעלט די שאַרפֿע גייסטיקע וואָפֿן, וועלכע מזא"ה האָט פֿריי גענומען פֿון דעם אַרסענאַל פֿון דער אַלטער און נייער העברעאישער ליטעראַטור, ווי אויך פֿונם יידישן פֿאָלקלאָר.

טיאָמקין פֿלעגט אין געוויסע פֿאַלן מאַכן מיט זיינע רעדעס און דע־באַטעס אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די „בני־ציון" איידער מזא"ה.

מזא"ה, הגם ער איז דאָן נאָך געווען אַ געהילפֿס־אַדוואָקאַט, און ער האָט נאָך גאָר ניט געטראַכט פֿון רבנות, דאָך זיינען זיינע רעדעס שוין דאָן געווען געזאַלבטע, געצירקלטע, איינשטודירטע ווי פֿאַר דער בימה פֿון אַ סינאַגאָגע.

---

*) אפֿילו מענדעלע מוכר־ספֿרים, און שלום־עליכם און פֿרוג, אין זייערע ערשטע שריפֿטן פֿלעגן געברויכן דאָס וואָרט „זשאַרגאָן" אָנשטאָט „יידיש". — ר. ב.

טיאַמקין האָט גערעדט ספּאָנטאַן, אוממיטלבאַר, פֿיל מאָל מיט גרויס שוואונג און מער אײַראַפּייאיש, וואָס האָט אַפּעלירט צו אַ גרויסן טייל פֿון די „בני־ציון".

מיט די ערשטע צוויי באַגאַבטע רעדנער האָבן אָפֿט קאָנקורירט ד"ר טאָלקאָטשעווסקי, ד"ר יחיאל טשלענאָוו און מנחם מענדל אוסישקין. די לעצטע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער לאָגישקייט און קלאָרקייט, ווי אויך מיט זייערע אַנאַליטישע און קריטישע פֿעאיקייטן.

צו יענער צייט, דאָס הייסט, מיט מער ווי פֿערציק יאָר צוריק, איז אין די ענגע ציוניסטישע קרייזן, ווי אין דער ציוניסטישער ליטעראַטור, וואָס איז דאַן ערשט געבוירן געוואָרן, נאָך קיין שוואַכער סימן ניט געווען פֿון דעם אַזוי־גערופֿענעם „ריב־לשונות" (שפּראַכן־צאַנקעריי). עס איז נאָך ניט אַרויפֿגעשוואומען אויפֿן אויבערשטן שטח פֿון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, וואָס איז דאַן געווען ערשט אין אַנטוויקלונג, אין אַרויספּיקן זיך פֿונם איי, די פֿראַגע, די פּראָבלעם פֿון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך.

די ציוניסטישע טעאָרעטיקער, דענקער, לערער און טוער האָבן זיך דאַן נאָך ניט פֿאַרטיפֿט, ניט געגריבלט אין דער פּראָבלעם פֿון אַ נאַציאָ־נאַלער שפּראַך און אין די פּראָבלעמען, וואָס זיינען ענג פֿאַרבונדן מיט דער יידישער קולטור.

די לעבנס־נויטן, דער אַנטיסעמיטיזם, די שרעק פֿאַר פּאָגראָמען, די עמיגראַציע־באַוועגונג, די לופֿט־פּרנסהס, די רעכטלאָזיקייט פֿון די יידן אין געוויסע לענדער, — דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופֿן אין לעבן דעם דאָ־מאָלטדיקן ציוניזם (וואָס האָט דאַן געהייסן „חיבת־ציון").

קיין ווירקלעכע לעבנס־נויטן האָבן אָבער דאַן ניט אַרויסגערופֿן, ניט דערוועקט אפֿילו, ניט אָנגערירט די עקזיסטענץ־פֿראַגע פֿון אַ נאַ־ציאָנאַלער שפּראַך.

די ברענענדיקע פֿראַגן אין די ערשטע קרייזן פֿון די „חובבי־ציון" זיי־נען געווען: ווי, מיט וועלכע וועגן, מיט וועלכע מיטלען קען מען זיך אַרייג־כאַפּן, אַריינגנבענען אין ארץ־ישראל טראָץ דעם רויטן צעטל פֿון דער טער־קישער רעגירונג? און אויף וועלכע מיטלען קען מען דערווערבן באָדן אין ארץ־ישראל? ווי זאָל מען אָנפֿירן די פּראָפּאַגאַנדע אין רוסלאַנד, ווען די צאַרישע רעגירונג האָט געהאַט פֿאַרבאָטן יעדע געלט־זאַמלונג פֿאַר אויס־לענדישע צוועקן און יעדע גרינדונג פֿון פֿאַראייגען, פֿון אגודות אד"ג? ווי זאָל מען אָרגאַניזירן די אַרבעט פֿאַר ארץ־ישראל אין אַ לאַנד, וואו יעדע פּאָליטישע אָדער סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע איז געווען פֿאַרבונדן מיט געפֿאַר אין אַ ספֿערע פֿון רעכטלאָזיקייט און געוואַלד־טעטיקייטן? ווי זאָל מען געווינען די אָרטאָדאָקסיע פֿאַר גערדאַנק פֿון ישוב־ארץ־ישראל, ווען

די אָרטאָדאָקסישע גײַסטיקע פֿירער האָבן באַטראַכט די חיבת־ציון באַ־וועגונג — אין דער שפּיץ פֿון וועלכער עס זײַנען געשטאַנען משכּילים, פֿרײַדענקער און „הײַנטיקוועלטיקע” — אַלס אַ סכּנה פֿאַרן קיום־היהדות (די עקזיסטענץ פֿונם ייִדנטום)? די אָרטאָדאָקסיע האָט אינסטינקטיוו גע־פֿילט אין דער חיבת־ציון באַוועגונג אַ פֿאַרשיבונג, פֿאַררוקונג פֿון זײַערע גײַסטיקע קרעפֿטן, פֿון זײַער גײַסטיקער מאַכט אין אַן אַנדערן צענטער, אין אַן אַנדערער ספֿערע. די אָרטאָדאָקסישע פֿירער האָבן געזען אין דער נײַ־אַנטשטייענדיקער מאַכט פֿון די „חובבי־ציון” אַ דראָאונג, געוויסער־מאָסן, אַ סכּנה, פֿאַר זײַערע מאַטעריעלע אינטערעסן. די ממונים אויף די צדקה־פּושקעס פֿון רבי מאיר בעל־הנס האָבן געזען אין די גראָשענע זאַמ־לונגען פֿון די „חובבי־ציון” אַ דירעקטע און געפֿערלעכע קאָנקורענץ.

די גבאים פֿון די כּוללים, בעלי־חלוקה אין ירושלים האָבן „געקלאַפּט אַ טרעוואָגע”, פֿאַרשפּרייט בריוו אין די ארצות הגולה (אין די גלות־לענ־דער), וועגן דער אפּיקורסישער אויפֿפֿירונג פֿון אליעזר בן־יהודה, דער אָנזאָגער פֿון דעם נײַעם ישוב, און וועגן זײַנע רעוואָלוציאָנערע אויפֿפֿירונ־גען און אידייען, וואָס זײַנען אַ סכּנה פֿאַר די ייִדן אין ארץ־ישראל מצד דער טערקישער רעגירונג, און אַ סכּנה פֿאַרן ייִדנטום אין דעם הייליקן לאַנד.

אין אַזאַ שווערן צושטאַנד, אין אַזעלכע לעבנס־נויטן, האָבן די „חובבי־ציון” ניט געקענט, און אויך ניט געדאַרפֿט פֿאַרטראַכטן זיך וועגן די פֿראַגן פֿון ייִדישן רענעסאַנס (אויפֿלעבונג) און וועגן דער נויטיקייט פֿון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך.

אַפֿילו די „בני־ציון”, וועלכע האָבן זיך פֿאַרטיפֿט אין די טעאָרעטישע פֿראַגן פֿון דעם ייִדישן רענעסאַנס, האָבן אויך ניט אָנגערירט די פּראָב־לעם פֿון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך.

די נאַטירלעכע און זעלבסטפֿאַרשטענדלעכע שפּראַך אין קרײַז איז געווען, ווי געזאָגט, די רוסישע.

וועלכע שפּראַך זאָל זײַן די הערשנדיקע אין דער צוקינפֿטיקער ייִדי־שער מדינה אין ארץ־ישראל?

אויך אָט די פֿראַגע האָט קיינעם פֿון די „בני־ציון” ניט באַאומרויִקט. אַ גרויסער טייל פֿון די „בני־ציון” האָט געקענט די העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור. אייניקע פֿון זיי, ווי מזא”ה, מ. ל. מינץ, מ. דאָליצקי, זײַ־נען געווען העברעאישע שריפֿטשטעלער און דיכטער, דאָך איז זיי ניט אײַנ־געפֿאַלן, אַז העברעאיש קען און זאָל ווערן די צוקונפֿטיקע אַלטעגלעכע אומגאַנגס־שפּראַך אין ארץ־ישראל, נאָך פֿיל ווייניקער אין די גלות־לענדער.

העברעאיש, האָבן מיינע חברים געדענקט, איז טאַקע אַ וואונדערבאַרע פּאָעטישע שפּראַך; אין העברעאיש זענען טאַקע דאָ אוצרות פון יידישן וויסן, זי איז טאַקע דער מקור, די קוועלע פון דער יידישער קולטור; עס איז טאַקע דער חוב פון יעדן נאַציאָנאַלן יידן צו לערנען און צו קענען די העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור.

אפילו יענע חברים, וועלכע האָבן ניט געקענט העברעאיש, האָבן אויך מודה געווען, אַז עס איז נויטיק צו קענען די ביבל־שפּראַך און איר ווייטערדיקע אַנטוויקלונג, כדי צו זיין אַ ריכטיקער נאַציאָנאַלער ייד, כּדי צו באַגרייפן דיווירקלעך־יידישע פּסיכיק אאַ״וו.

העברעאיש איז טאַקע שיין, פול מיט חן, רייך און נויטיק, אָבער רעדן, דעבאַטירן, האַלטן רעפעראַטן, אַגיטירן אד״ג איז דאָך לייכטער אין דער נאַטירלעכער רוסישער שפּראַך.

ביי אַ געוויסן טייל פון די „בני־ציון״ איז רעכט געווען, אַז די צו־קונפטיקע אומגאַנגס־שפּראַך אין ארץ־ישראל זאָל טאַקע זיין רוסיש.*).

דער שרייבער פון אָט די שורות איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אָנגערעגט אין דעם קרוזשאָק „בני־ציון״ די פראַגע פון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך, די נויטיקייט פון דער „תחית־השפה־הלאומית״ (די אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך), און זי באַנוצן אויך אַלס לעבעדיקע שפּראַך אין אונדזער קרייז.

ווען איך מאַך קיין טעות ניט, בין איך געווען מיט עטלעכע און פערציק יאָר צוריק דער ערשטער אין רוסלאַנד, וועלכער האָט אויפגעהויבן סיי טעאָרעטיש און סיי פּראַקטיש, די באַוועגונג אין רוסלאַנד פאַר דער אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך אַלס אומגאַנגס־שפּראַך אין נאַציאָנאַלע קרייזן.

איצט קען עס אויסזויזן ווי אַ לייכטע זאַך. דאַן אָבער, מער ווי מיט פערציק יאָר צוריק, איז עס געווען איינע פון די שווערסטע זאַכן. עס איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערער אויפטו. די אָרטאָדאָקסיע האָט געקוקט אויף אַזאַ אויפטו, ווי אויף אַ חילול־הקודש. די פאַרשוועכונג פון דער הייליקער שפּראַך, לשון־הקודש. צו רעדן דברי־חול, וואָכעדיקע זאַכן, אין לשון־קודש — איז דאָס ניט אַ חילול־השם?

אפילו די גרעסטע און בעסטע העברעאישע דיכטער און שריפטשטעלער, די אַלטע און די יונגע פון יענער צייט, ווי פּרץ סמאָלענסקין, מ. ל.

*) ביי הערצל איז די ערשטע צייט רעכט געווען, אַז די צוקינפטיקע שפּראַך אין ארץ ישראל זאָל זיין דייטש. ער איז אפילו אין דעם געווען איבערצייגט, ווי מיר זעען עס אין זיין צוקונפטס־ראָמאַן „אַלט־ניילאַנד״. — ר. ב.

ליליענבלום, מענדעלע מוכר־ספרים, ד״ר י. ל. קאַנטאָר, דוד פֿרישמאַן און דערנאָך אויך אחד־העם. האָבן אויף דעם עקספּערימענט, אויף דער ענערגישער באַשטרעבונג אויפֿצולעבן העברעאיש אַלס אַן אומגאַנגס־שפּראַך — געקוקט מיט ביטול, מיט שפּאָט, אַנדערע אויך מיט כּעס.

ווען בן־יהודה האָט באַזוכט צום ערשטן מאָל דעם נאַציאָנאַל־ציוניס־טישן שריפֿטשטעלער משה לייב ליליענבלום אין אָדעס, און האָט צו אים גערעדט, אַלס אַ זאַך וואָס ביי בן־יהודהן איז עס געווען זעלבסטפֿאַרשטענד־לעך, העברעאיש, האָט אים ליליענבלום גלייך אָפּגעהאַקט מיט די ווערטער: „איך בעט אייך, רעדט צו מיר אויף אַ מענטשלעכן לשון״. אַ „מענטש־לעך לשון״ האָט געהייסן רוסיש.

אַ סך העברעער, אַפֿילו די עקסטע נאַציאָנאַליסטן צווישן זיי, האָבן זיך געשטעלט קעגן דער באַוועגונג פֿון אויפֿלעבן העברעאיש אַלס אַן אומגאַנגס־שפּראַך, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דורך דעם טעגלעכן גע־ברויך וועט העברעאיש, די קלאַסישע שפּראַך, פֿאַרדאַרבן, פֿאַרגרייזט, פֿאַרזשאַרגאָנעוועט ווערן.

אַנדערע האָבן געגלויבט, אַז אַזאַ באַוועגונג איז נאָר אַן אומזיסטיקער פֿאַרלוסט פֿון גייסטיקער ענערגיע, ווייל עס איז איבערהויפּט אוממעגלעך אַ מאָדערנעם־דענקענדיקן מענטשן, וועלכער איז געוואוינט זיך אויסצודריקן אין אַ רייך־ניואַנסירטער לעבעדיקער אייראָפּייאישער שפּראַך — אַז אַזאַ מענטשן וועט איבערהויפּט אוממעגלעך זיין זיך געניי, עקזאַקט און ניו־אַנסירט אויסצודריקן אין העברעאיש.

קורץ גערעדט: פֿון קיין זייט, ניט פֿון רעכטס און ניט פֿון לינקס, האָב איך קיין דערמוטיקונג, קיין מאָראַלישע הילף ניט באַקומען אין מיין לעצטער אינטענסיווער אַרבעט צו שאַפֿן אַ גרויסן קרייז אין מאָסקווע, וואָס זאָל געברויכן העברעאיש אַלס אַ לעבעדיקע שפּראַך. פֿאַרקערט, אויף טריט און שריט האָב איך באַגעגנט די ערשטע צייט שוועריקייטן, שטרויכלונגען און מיספֿאַרשטענדענישן.

מיין טיפֿסטע איבערצייגונג אין דער נויטווענדיקייט און נוצלעכקייט פֿון אַזאַ באַוועגונג: אויפֿצולעבן די העברעאישע שפּראַך אויך אין די גלות־לענדער — אָט די איבערצייגונג האָט מיר געגעבן מוט צו גרינדן אין מאָסקווע דעם פֿאַראיין „שפֿה ברורה״.

*

אין יאָר 1888 האָב איך געגרינדעט אין מאָסקווע דעם פֿאַראיין „שפֿה ברורה״, און איינשטימיק בין איך דערוויילט געוואָרן אַלס דער פֿאַרזיצער. צוויי צוועקן האָב איך פֿאַרפֿאָלגט מיט דער גרינדונג פֿון דעם פֿאַר־

איין. ערשטנס, צו פֿאַרשפּרייטן דעם ציוניסטישן געדאַנק צווישן דער ניט־שטודירנדיקער יוגנט, בכלל צווישן די העברעאישע משכּילים און אויך צווישן די יידישע אינטעליגענטערע אַרבעטער, וועלכע זיינען, איבע־ריקנס, געווען זייער ווייניק אין מאָסקווע.

דער קרוזשאָק פֿון די „בני־ציון" איז געווען אַן אָפּגעשלאָסענער, אַן ענגער קרייז, אומצוגענגלעך פֿאַר דער ניט־שטודירנדיקער און ניט־אַקאַ־דעמישער יוגנט.

דער „בני־ציון־קרוזשאָק" איז געווען, מען דאַרף זיך אַזוי אויסדריקן, די לאַבאָראַטאָריע פֿאַרן ציוניסטישן געדאַנק, די עקספּערימענטאַלע סטאַנ־ציע פֿאַר פֿאַרשיידענע אָנזיכטן וועגן דער יידישער אויפֿלעבונג.

צו די גרעסערע מאַסן האָט מען געמוזט ברענגען פּאַרטיקע רעזולטאַטן, באַשטימטע און זיכערע מיינונגען וועגן דעם ישוב אין ארץ־ישראל, וועגן דער נויטיקייט און מעגלעכקייט צו בויען אַן אייגן לאַנד, צו פֿלאַנצן אַן אייגענע, אומאָפּהענגיקע העברעאישע קולטור.

איך האָב אויף זיך אַרויפֿגעלייגט די מיסיע, די שליחות.

עס איז געווען פֿון מיין זייט אַ חוצפּה — די חוצפּה פֿון דער יוגנט — צו גלויבן, אַז איך האָב שוין פּאַרטיקע אמתן און אויסגערייפֿטע אָנ־שויאונגען בנוגע דער יידישער אויפֿלעבונג און אויפֿבויאונג פֿון ארץ־ישראל.

עס זיינען געווען מיינע יאָרן פֿון שטורעם און דראַנג.

צווייטנס איז געווען דער צוועק פֿונם פֿאַראיין „שׂפה ברורה", וואָס איך האָב געגרינדעט, אַ פֿאַראיין פֿון העברעאיש־רעדנדיקע, צו באַווייזן די צווייפֿלער, אַז עס איז מעגלעך זיך אויסצודריקן אין העברעאיש פֿריי און געני וועגן אַלץ מעגלעכן אין דער וועלט און אויך צו דינען אַלס מוס־טער פֿאַר די העברעער אין דער פּראָווינץ, אין תּחום־המושב.

אליעזר בן־יהודהס עקשנותדיקע טעטיקייט אין ארץ־ישראל איינ־צופֿירן העברעאיש אַלס אַ לעבעדיקע אומגאַנגס־שפּראַך אין אַלטעגלעכן לעבן, האָט אויף מיר אין דער יוגנט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק.

איך בין דאַן געווען פֿולשטענדיק איבערצייגט, אַז דער וויכטיקסטער מיטל אויפֿצולעבן נאַציאָנאַל דאָס יידישע פֿאָלק איז די אויפֿלעבונג פֿון זיין נאַציאָנאַלער שפּראַך, ד"ה פֿון העברעאיש, אַז די יידישע פּסיכיק קען זיך אויסדריקן נאָר אין העברעאיש, אַז גרויסע נאַציאָנאַלע און אָריגינעלע ווערק קענען אַנטשטיין נאָר אין דער ביבל־שפּראַך, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג, די קולטורעלע אויפֿלעבונג אין פֿרעמדע שפּראַכן פֿאַרלירן פֿיל פֿון זייער אינהאַלט, פֿון זייער שפּאַנונגס־קראַפֿט.

דאָס איז געווען מיין פעסטע איבערצייגונג אין די יינגסטע יאָרן.

דעריבער האָב איך מיט גרויס באַגייסטערונג באַגריסט די טעטיקייט פון אליעזר בן־יהודה אויף דעם געביט פון תחית־הלשון.

איך בין נאָר געווען אַ קעגנער פון די דעמאָלט נייע ווערטער, וואָס בן־יהודה האָט געשאַפן אין העברעאיש (איבעריקנס האָט בן־יהודה אַליין דערנאָך חרטה געהאַט און זיך אָפּגעזאָגט פון זיינע ערשטע שפּראַכלעכע שאַפונגען). איך האָב מורא געהאַט פאַר דער וואולגאַריזירונג פון דער קלאַסישער שפּראַך, פאַר דער טויטונג פון איר ווירקלעכן גייסט. די ערשטע העברעאישע איבערזעצונגען פון בן־יהודה פון פראַנצויזיש האָבן אויף מיר אַ פורכטבאַרן איינדרוק געמאַכט אַלס אַ העברעאישער זשאַרגאָן, אַלס עפּעס להכעיסדיקס דעם העברעאישן גייסט, דעם העברעאישן ריטם, דעם העברעאישן סינטאַקס אאַ״וו.

איך האָב דאָן וועגן מיין באַציאונג צו די מעטאָדן פון בן־יהודה צו באַלעבן די העברעאישע שפּראַך אַלס אַן אומגאַנגס־שפּראַך אין אַלטעגלעכן לעבן געשריבן אַ פּאָר קריטישע אַרטיקלען אונטערן נאָמען „הגיונות־סופר־עברי״, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ סך באַגייסטערונג צווישן די לעזער און די שריפטשטעלער.

בן־יהודה האָט איבערגעדרוקט אין זיין דאַמאָלסטדיקער וואָכנשריפט „הצבי״, מיין אַרטיקל „הגיונות סופר עברי״, אינגאַנצן, און האָט דערנאָך געדרוקט זיין ענטפער, זיין ענטפער איז געווען פול מיט לויב צו מיין העברעאישן סטיל, צו מיין ליטעראַרישן טאַלאַנט און צו מיין ערנסטער קריטיק. ער האָט זיך פאַרטיידיקט און מיך באַרואיקט, אַז זיין מעטאָדע צו שאַפן נייע ווערטער קען ניט שאַדן דער אויפלעבונג פון העברעאיש, ווי איך האָב מורא געהאַט. (איך האָב דאָן געשריבן, אַז בן־יהודהס מעטאָדע צו באַלעבן העברעאיש דערמאָנט מיך דעם סערום, וואָס דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיקער בראון סעקואַר האָט אַריינגעשפריצט אין די אַלטע, מענטשלעכע קערפּערס, כדי צו מאַכן זיי יונג, לסוף האָט ער זיי געטויט), נאָר פאַרקערט, אַז זיין מעטאָדע איז די איינציקע אויפצולעבן די אַלטע שפּראַך און מאַכן זי יונג און בויגזאַם, לעבעדיק און קרעפטיק אַלס אַן אינסטרומענט פאַרן מאָדערנעם מענטשלעכן געדאַנק.

די פּאָלעמיק מיט בן־יהודה האָט מיך געמאַכט צו פאַראינטערעסירן זיך נאָך מער מיט זיין טעטיקייט אויף דעם געביט פון תחית הלשון העברית, די אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך.

און איך בין געוואָרן אַ גרויסער באַוואונדערער פון בן־יהודהס פערזענלעכקייט אין זיין טעטיקייט אַלס דער אויפלעבער פון העברעאיש.

די מאָסקווער „בני־ציון״

אין יאָר 1887 בין איך אויפֿגענומען געוואָרן איינשטימיק אינם מאָסק־ווער אַקאַדעמישן פֿאַראיין „בני־ציון״.

פֿאַר מיין פּערזענלעכער אַנטוויקלונג איז די דאָזיקע אויפֿנאַמע געווען אַ גרויסע איבערלעבעניש.

דאָס איז שוין גאַנץ קלאָר פֿון דעם אַלעם, וואָס איך האָב שוין דער־ציילט אין די פֿריערדיקע קאַפּיטלען. דאָס האָט געהאַט אַ שטאַרקן איינ־פֿלוס אויף מיינע וויטערדיקע גייסטיקע, אינטעלעקטועלע איבערלעבונגען, וואָס זיינען אין אַ גרויסער מאָס געווען די גייסטיק־מאָראַלישע איבער־לעבונגען פֿון דער יידישער יוגנט בכלל, אין אָנהויב פֿונם פֿאַריקן יאָר־הונדערט *).

די ערשטע פֿאַרזאַמלונג פֿון די „בני־ציון״, וועלכע כ׳האָב בייגעוואוינט, אַלס אַ חבר, איז געווען אין דער וואוינונג פֿונם דאַן יונגן אינזשינער־טעכנאָלאָג יחיאל לעוואַנטין (אַ ברודער פֿון זלמן־דוד לעוואַנטין, וועל־כער איז געווען פֿון די ערשטע גרינדער פֿון „ראשון לציון״ און נאָכ־דעם דער הויפּט־דירעקטאָר פֿון דער נאַציאָנאַלער באַנק).

יחיאל לעוואַנטין (נאָכדעם באַקאַנט געוואָרן אַלס אַ פּראָדוקטיווער העברעאישער דערציילער אונטערן נאָמען חושי הארכי) איז געווען מיי־נער אַ נאָענטער יוגנט־פֿריינט, ער האָט מיך פֿאָרגעשלאָגן אַלס אַ מיט־גליד אין די „בני־ציון״, וועלכע זיינען געווען זייער אויסקלייבעריש און פֿאָרזיכטיק **).

לעוואַנטין האָט דאַן געלעבט צוזאַמען אין איין וואוינונג מיטן סטו־דענט אברהם אידלסאָן (ער האָט שטודירט יוריספּרודענץ), דער שפּע־טערדיקער רעדאַקטאָר פֿון דעם „ראַזסוועט״ אין פּעטערבורג און נאָכדעם פֿונם „העולם״ אין לאָנדאָן. זיי ביידע האָבן דאַן געוואוינט ביי דער פֿאַמי־

---

*) מערקווירדיק: שמעון דובנאָוו האָט די דאָזיקע זייער וויכטיקע קאַפּיטלען, ווי דאָס קאַפּיטל פֿון די „בני־ציון״ אין מאָסקווע און דאָס קאַפּיטל פֿון די יידישע רעוואָלוציאָ־נערן, אינגאַנצן פֿאַרשוויגן. — ר. ב.

**) יחיאל לעוואַנטין, וועלכער איז צענדליקער יאָרן געווען אַ דערפֿאָלגרייכער אינזשעניר אויף דער אייזנבאַן אין די אינערע רוסישע גובערניעס, איז אַריבערגעפֿאָרן קיין ארץ־ישראל וואוהין ער האָט לעבנסלאַנג געשטרעבט. — ר. ב.

ליע ליפּשיץ, װעלכע האָט געהאַט צװײ טעכטער, בײדע סטודענטקעס, נאַציאָנאַליסטקעס און זײער באַגאַבטע, װעלכע האָבן געלערנט, און אױך אױסגעלערנט, העברעאיש.

אַגב, אידלסאָן איז געװען אַ גוטער קענער פֿון דער העברעאישער גראַמאַטיק און אַ זײער פֿײאיקער און טיכטיקער לערער. די מערסטע חברות פֿונם „קרוזשאָק" „בני־ציון", אַלע סטודענטקעס זײנען געװען אידלסאָנס שילערינס אין העברעאיש. צו יענער צײט זײנען נאָך ניט געװען קײן העברעאישע לערנביכער, באַזונדערס נאָך אין דער רוסישער שפּראַך, װאָס אַ לערער זאָל באַנוצן מיט דערװאַקסענע, שפּראַכלעך־געבילדעטע תּלמידות.

אידלסאָן אָבער האָט אַלײן באַשאַפֿן אַ פּראַקטישע און מײַסטערהאַפֿטע העברעאישע מעטאָדע פֿאַר זײַנע חברות און די „בני־ציון", װעלכע ער האָט איבעריקנס קײנמאָל ניט פֿאַרעפֿנטלעכט אין דרוק.

ניט קוקנדיק אױף דעם, װאָס אידלסאָן, אַ געבױרענער קורלענדער, איז געװען פֿון אַן אָרעמען הױז און אַלס סטודענט איז ער געװען געצװאונגען צו געבן „אוראָקן", כּדי אױפֿצוהאַלטן זײַן לעבן, האָט ער דאָך געװידמעט פֿיל צײַט, אָן געלט (עס האָט גאָר קײן רײד דערפֿון ניט געקאָנט זײַן) דעם העברעאישן אונטעררריכט פֿאַר די חברות, זײַנע תּלמידות.

די דאָזיקע צװײ „בני־ציון", לעװאַנטין און אידלסאָן, האָבן נאָכדעם געהײראַט די צװײ „בנות־ציון", די צװײ שװעסטער ליפּשיץ.

און היות לעװאָנטין און אידלסאָן האָבן זיך געפֿילט אין דער פֿאַמיליע ליפּשיץ װי אײגענע מענטשן און אױך דער פֿאַקט, אַז די צװײ שװעסטער ליפּשיץ זענען געװען באַגײסטערטע נאַציאָנאַליסטקעס און חברות פֿון די „בני־ציון", זענען דעריבער צו יענער צײַט אָפּגעהאַלטן געװאָרן די מערסטע װעכנטלעכע צוזאַמענקונפֿטן פֿון די „בני־ציון" אין דער װאױנונג פֿון דער פֿאַמיליע ליפּשיץ, װאָס האָט ריזיקירט צו דערלױבן די דאָזיקע געהײמע, און דאָך זײער שטורמישע, סטודענטישע פֿאַרזאַמלונגען. קײן אַנדער פֿאַמיליע װאָלט עס ניט געװאַגט.

די מאָסקװער געהײם־פּאָליצײ האָט געהאַט אַ שאַרף אױג אױף יעדן סטודענט. יעדער חבר פֿון די „בני־ציון" האָט ריזיקירט אױסגעשלאָסן צו װערן פֿון אוניװערסיטעט אָדער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט, פֿאַר באַטײליקן זיך אין אַ געהײמען פֿאַרײן. די פּלאַץ־פֿראַגע, װאו צו פֿאַרזאַמלען זיך, און װי צו בלײַבן אומבאַמערקט, איז געװען זײער אַ האַרבע.

בײ דער פֿאַמיליע ליפּשיץ אין דער װאױנונג (אַ פֿרומע, כּשרע און „בלאַגאָנאַדיאָזשנע" הױז) האָבן זיך די „בני־ציון" געפֿילט װי כּמעט זיכער.

און על כּל צרה שלא תבוא, װען די פּאָליצײ זאָל דאָך פּאַקן די פֿאַרזאַמלונג, איז געװען אָפּגעמאַכט פֿריער צו דערקלערן דעם צוזאַמענקונפֿט

פֿון די סטודענטן און סטודענטקעס אַלס די פֿייערונג פֿון אַ תּנאים ביי איינעם פֿון זייערע קאָלעגן.

עס פֿלעגט שוין פֿריער באַשטימט ווערן ווער פֿון די חברים און חברות זאָלן דערקלערט ווערן אַלס חתן־כּלה, אינם פֿאַל ווען פּאָליציי קומט אָן פּלוצלינג.

קיין געדרוקטע אָדער געשריבענע סטאַטוטן האָבן די „בני־ציון" ניט געהאַט, קיינע פּראָטאָקאָלן האָט מען ניט געפֿירט. אַלץ איז געווען תּורה־שבעל־פּה.

די „בני־ציון" זענען געווען אַ קרייז (קרוזשאָק) פֿון סטודענטן, סטודענט־קעס, און פֿון געענדיקטע, אויך פּראַקטיצירנדיקע דאָקטוירים, אינזשעניִרן און יונגע געהילפֿס־אַדוואָקאַטן (אָן אויסנאַם איז געווען דער דיכטער מנחם מענדל דאָליצקי, וואָס איז געווען הויך־געשעצט אַלס ציונס זינגער, משורר, אין דעם קרייז *), וועלכע זיינען געווען פֿון פֿריער באַפֿריינדעט אָדער באַ־קאַנט איינער מיטן אַנדערן. די מיטגלידער זענען געווען געציילט און אויס־געוויילט. עס איז געווען אַן אינטימער קרייז פֿון ווירקלעך־אינטעלעקטו־עלע און מאָראַליש הויך־שטייענדיקע יונגעלייט.

יעדער חבר האָט געהאַט זיין באַזונדערע באַדייטונג אַלס פּערזאָן, אַלס אינדיווידיום, און יעדער פֿון די „בני־ציון" האָט ווירקלעך נאָכדעם פּאַרנו־מען זיין באַזונדערן פּלאַץ אין יידישן לעבן בכלל און אין דער רענעסאַנס־באַוועגונג בפֿרט, זיין פּלאַץ אין דער ליטעראַטור אָדער אין דער וויסנשאַפֿט. אייניקע פֿון די חברים זענען נאָכדעם געוואָרן די פֿירנדיקע גייסטער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, אין רוסלאַנד, ווי אויך אין אַנדערע לענדער.

דער הויפּט־צוועק פֿון דעם „בני־ציון"־קרייז איז געווען אַ טעאָרע־טישער; צו שטודירן די נאַציאָנאַל־ציוניסטישע אידייע, דעם יידישן רע־נעסאַנס, די אויפֿלעבונגס־אידייע, צו שטודירן די יידישע סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען. די הויפּט־שטרעמונגען אין ריכטיקן, אינם אַלטן ווי אין נייעם יידנטום; צו שטודירן די פֿילאָזאָפֿיע פֿון אונזער געשיכטע און די מאָדערנע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען ביי אַנדערע פֿעלקער. קורץ: צו שטודירן ערנסט די אַלע פּראָבלעמען, וואָס זענען דירעקט אָדער אומדי־רעקט פֿאַרבונדן מיט דער אויפֿלעבונגס־אידייע פֿונם יידישן פֿאָלק און זיין שטרעבונג צו פּאָליטיש־קולטורעלער זעלבסטשטענדיקייט.

---

*) דאָליצקי האָט באַקומען פֿון די „בני־ציון" דעם ערשטן פּרייז פֿאַר אַ ציון־ליד. מזא"ה האָט אים דערלאַנגט אַ וואונדערבאַרן ליבּ־אַדרעס, וועלכער איז נאָכדעם גע־דרוקט געוואָרן אין „המליץ". —ר. ב.

יעדע וואָך פלעגט אײנער פון די חברים פאַרלײענען אַ רעפעראַט װעגן די אויבן־אָנגערופענע הויפּט־פּראָבלעמען. די רעפעראַטן פלעגן ערנסט און גרינטלעך אויסגעאַרבעט װערן.

נאָך די רעפעראַטן פלעגן קומען דעבאַטעס. די היציקע, שװאונגפולע דעבאַטעס זײנען געװען דער אינטערעסאַנטסטער און באַלערנדיקסטער טײל פון די פאַרזאַמלונגען. די דעבאַטעס פלעגן זיך ציען ביז שפּעט נאָך האַל־בער נאַכט. דעריבער פלעגן די מײסטע פאַרזאַמלונגען פאַרקומען מוצאי־שבת, װײל זונטיק האָט מען ניט באַדאַרפט גײן אין די הויכשולן, און די חברים האָבן זיך געקאָנט דערלויבן שפּעט צו פאַרבלײבן און ניט קוקן אויף די זײגערס.

די מײסטע „בני־ציון" זענען באַשטאַנען פון סטודענטן אָדער „געענ־דיקטע", װעלכע זײנען דערצויגן געװאָרן אין זײער פריסטער יוגנט אין אַ יידישער, אין אַ העברעאישער אטמאָספערע, װעלכע האָבן אין דער יוגנט זיך מער אָדער װײניקער באַקענט מיט די ערשטע קװאַלן פון דער העב־רעאישער קולטור.

עס זענען אויך געװען חברים און חברות (די צאָל פון די חברות, די בנות ציון, זענען איבערהויפּט געװען זײער װײניק), װעלכע האָבן קײן װאָרט העברעאיש ניט געקענט. חברים, װאָס זײנען פריער געװען פאַרבונדן מיט פאַרשײדענע רוסישע רעװאָלוציאָנערע גרופּעס, אַלס טעאָרעטיקער אָדער פּראַקטישע טוער, און צוריקקערנדיק זיך, נאָך שװערע פּסיכישע איבער־לעבונגען, צום נאַציאָנאַלן יידנטום, האָבן זײ געמוזט שטודירן דאָס יידנטום, און זײן גײסט אין פרעמדע שפּראַכן. זײ זענען געװען די מינאָריטעט אין דעם קרײז.

ניט קוקנדיק אויף דעם, װאָס די מײסטע חברים האָבן געהערט כּמעט צו אײן גײסטיקער משפּחה, צו אײן קאַליבער און זײענדיק אײנשטימיק אין די יסודות פון דער יידישער אויפלעבונגס־אידײע, האָבן זײ דאָך, כּמעט יעדער פון זײ, געהאַט זײער אײגענעם פּערזענלעכן צוגאַנג צו די דאָזיקע יסודות, זײערע באַזונדערע באַציאונגען צו די לעבעדיקסטע יידישע פּראָ־בלעמען, זײער אײגענעם שטײגער צו דענקען און צו פילן, װי זײער אײגע־נע אויפפאַסונג פון די פּראָבלעמען.

בײ יעדער פאַרזאַמלונג איז געװען דער צוזאַמענשטויס צװישן די שטאַרקערע אויסקריסטאַליזירטסטע פּערזענלעכקײט, זײער העפטיק. די אינטימסטע פרײנט האָבן אין די גליענדיקע דעבאַטן גאַרנישט געשױנט אײ־נער דעם אַנדערן, װי זײ װאָלטן געװען די ביטערסטע פײנט פון אַנטקעגנ־געזעצטע פּאַרטײען. די חברים האָבן דעבאַטירט ביז הײזעריק װערן, ביז דער אויסשעפּונג פון אַלע כּוחות און פון אַלע שאַרפע שטעכװערטער.

די שטאַרקסטע, גייסטרייכסטע אומברחמנותדיקסטע דעבאַטאַנטן זע־נען געווען יעקב מזא״ה, מנחם מענדל אוסישקין, אברהם אידעלסאָן, פּסח מאַרעק, גיסין און ד״ר טאַלקאַטשעווסקי. עס איז געווען אַן אויסברוך פֿון אָנגעזאַמלטע, יוגנטלעכע, נאָך ניט־פֿאַרברויכטע ענערגיע, אַ צוזאַמענשטויס פֿון אמת־זוכנדיקע, פֿון צו פֿרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט־שטרעבנדיקע.

אינם פֿייער פֿון די שטענדיקע און אומאויפֿהערלעכע דעבאַטעס האָבן זיך געלייטערט, גערייניקט, אָדער זיך איבערגעשמאָלצן אַנשויאונגען פֿאַר־גרייזטע און פֿאַרקריפּלטע וועלט־אידייעס. עס איז געווען אַן אומווערטונג, אַ נייע איבערשאַצונג פֿון אַלטע, איבערגעקומענע בירושה, מיינונגען און הנחות.

דער פּרעזידענט פֿון די „בני־ציון" איז צו יענער צייט געווען ד״ר יחיאל טשלענאָוו, פֿאַר אים איז געווען יעקב מזא״ה דער ערשטער פּרע־זידענט. צוויי דיאַמעטראַל־אַנטקעגנגעזעצטע כאַראַקטערן און טעמפּעראַ־מענטן, צוויי גאַנץ פֿאַרשיידענע גייסטיקע טיפּן.

ד״ר טשלענאָוו איז געווען דער געבוירענער גייסטיקער פֿירער. ער איז געווען דער איינציקער אין דעם קרייז, וועלכער האָט זיך געקענט צו יעדער צייט קאָנטראָלירן און זיך באַהערשן. ער האָט ניט נאָר געקאָנט רעדן שיין, גייסטרייך, אינהאַלטספֿול און שטענדיק צום ריכטיקן פּונקט, ער האָט אויך געקאָנט גוט און געדולדיק אויסהערן אַלע זיינע חברים, און ניט נאָר שווייגנדיק אויסהערן, נאָר אויך טיף אַריינדרינגען אין זייערע אי־נערלעכע וועלטן, באַגרייפֿן זייערע אייגנטימלעכקייטן, ריכטיק אָפּשאַצן זייערע שטאַרקע, ווי זייערע שוואַכע זייטן.

ער איז געווען כּמעט דער איינציקער צווישן די „בני־ציון", וועלכער האָט געהאַט איינגעבוירענע דיפּלאָמאַטישע פֿעאיקייטן, פֿון העכערן און ריינעם סאָרט, כאָטש ער האָט ניט דורכגעמאַכט קיין דיפּלאָמאַטישע שול. זיינע ערשטע דיפּלאָמאַטישע פֿעאיקייטן, וועלכע זענען נויטיק געווען כּדי צו פֿירן די אינטעלעקטועלע יוגנט פֿון אַזאַ פֿאַרשיידנאַרטיקייט, ווי די „בני־ציון" זענען געווען, — די דאָזיקע פֿעאיקייטן זיינע האָבן זיך אַנט־פּלעקט ביי אים אין דעם דאָזיקן קרייז אַליין.

ד״ר טשלענאָוו האָט געוואוסט צו היטן און באַהאַלטן אין יעדער סי־טואַציע טאַקט און מאָס. ער איז קיינמאָל ניט געווען איינזייטיק, שטענדיק — בויגזאַם, עלאַסטיש, שלאַגפֿערטיק. זייענדיק פֿעסט איבערצייגט אין זיינע אַנשויאונגען, האָט ער דאָך שטענדיק געזוכט נייעס צו לערנען, ניי־עס צו באַגרייפֿן, כּדי דעם קעגנער ריכטיק צו פֿאַרשטיין. ער האָט קיינמאָל ניט געזוכט אַרויפֿצוצווינגען זיינע מיינונגען אויף אַנדערע, קיינמאָל ניט געברויכט, אויף אַן אומדיפּלאָמאַטישן אופֿן, זיין אויטאָריטעט אַלס פּרעזי־דענט און אַלס עלטערער און מער־דערפֿאַרענער און וויסנדערער.

ער האָט געקאָנט זײַן אין זײַנע ענטפֿערס צו קעגנער זײער איראָניש און זײער בײסיק, דאָך האָט ער מיט זײַן קלוגער איראָניע, מיט זײַן בײסיקן וואָרט קײנמאָל ניט באַלײדיקט די פּערזאָן, וואָס האָט אים ביטער באַקעמפֿט. ער האָט געהאַט די פֿעאיקײט צו פֿאַרזיכערן, מיט אַ פּאָר צוטרעפֿנדיקע קורצע באַמערקונגען, פֿאַלשע אַנשויאונגען, אָבער דערבײַ האָט ער אָפּגעהיט דעם פּערזענלעכן כּבוד און מענטשנווירדע פֿון יעדן.

די גײַסטיקע ענערגיע און די דיפּלאָמאַטישע פֿעאיקײטן, וועלכע ד״ר טשלענאָוו האָט אויסגענוצט אויפֿצוהאַלטן דעם גײַסטיקן גלײַכגעוויכט, דעם פּרעסטיזש און די טעטיקײט פֿון דעם קלײנעם קרײַז „בני־ציון“, וואָלט גענוג געווען צו קענען פֿירן גרויסע מאַסן צו אַ העכערן צוועק, אָדער דורכצופֿירן שווערע פּאָליטישע אויפֿגאַבן פֿון אַ גרויסן לעבעדיקן פֿאָלק.

די אײַנזײַטיקײט, ווי דער קאָנסערוואַטיזם פֿון מזא״ה, די אָפּנקײט, דער אײַזערנער ווילן, די גראַדליניקײט און די אײַנגעשפּאַרטקײט פֿון אוסישקינען האָבן אינערלעך ניט געקענט פֿאַרטראָגן די בויגזאַמע דיפּלאָמאַטישע טאַקטיק פֿון טשלענאָוון, וועלכער האָט געקאָנט קונציק באַלאַנסירן צווישן צוויי פּאָליוסן פֿון אידייען, דאָרט וואו עס האָט זיך געפֿאָדערט צו דערקלערן זיך פֿאַר אײנס אָדער פֿאַר דעם צווייטן.

טשלענאָוו האָט געהאַט אַ קלאָרן, געזונטן קאָפּ און אַ קלאָרע שפּראַך. ער האָט זיך אויסגעהיט פֿון די צו־־פֿיל, צו־הויך קלינגענדיקע פֿראַזן, פֿון איבערטרײַבונגען און עקיקײטן. אונטער זײַן צונג איז אַלץ געוואָרן גלאַט, קײלעכדיק און גענוסבאַר.

ד״ר טשלענאָוו האָט געקענט העברעאיש, פֿלעגט לײענען די נײַ־העברעאישע ליטעראַטור, אָבער זײַנע קענטעניש אין דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור זײַנען געווען זײער ווינציק און אָרעם. דאָך האָט ער שטענדיק געזוכט צו דערגאַנצן זײַן העברעאישע בילדונג, ווי ער האָט שטענדיק געזוכט צו דערגאַנצן זײַן אַלגעמײנע בילדונג. ער איז געווען אַ פֿלײסיקער און זײער מעטאָדישער גײַסטיקער אַרבעטער. ער איז געווען אַן אָנהענגער פֿון לעבעדיקע פֿאַקטן, אַ ליבהאָבער פֿון פּרטים, אײנצלהײטן, ווען ער האָט שטודירט אַ פּראָבלעם, אָבער ניט קײן גרויסער פֿרײַנט פֿון אַלגעמײנקײטן און אַבסטראַקציעס.

זײַן קערפּערלעכער אָרגאַניזם איז געווען פֿון דער נאַטור אַ שוואַכער, אַ קרענקלעכער. דאָך האָט ער געאַרבעט אויך פּראַקטיש פֿאַר דער חיבת־ציון־באַוועגונג אין רוסלאַנד מיט מסירת־נפֿש; האָט ער וואָס אָנגעהויבן, האָט ער שוין ניט אָפּגעלאָזן ווי שווער עס זאָל ניט זײַן, ווי שוואַך קערפּערלעך ער זאָל ניט זײַן. וועגן זײַן אײגענער אויפֿאָפּפֿערנדיקער אַרבעט האָט ער קײנמאָל ניט גערעדט, אַפֿילו ברמיזה.

די ערשטע העברעאישע רעדע אין רוסלאַנד

די ערשטע רעדע, וואָס איך האָב געהאַלטן ביי דער דערעפענונג פונם פאַראיין „שפה ברורה" האָט דעמאָנסטרירט די מעגלעכקייט צו רעדן אויף העברעאיש אַזוי נאַטירלעך, אַן קונצן און אָן מאַטערניש, ווי אויף יעדער לעבעדיקער שפּראַך.

דאָס איז געווען איבערהויפּט די ערשטע העברעאישע רעדע, וואָס איז געהערט געוואָרן, אויף אַ גרויסער אינטעליגענטער פאַרזאַמלונג, ניט נאָר אין מאָסקווע, נאָר אויך אין גאַנץ רוסלאַנד.

ביי דער דערעפענונג זיינען געווען די מערסטע חברים פונם קרייז "בני ציון", די פאַרשטייער פון די „חובבי־ציון", אָנגעזעענע געשעפטסלייט, משכילים, לומדים, סטודענטן און גימנאַזיסטן. עס האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ פּאָר בלוזעס פון יידישע אַרבעטער. אַ פּאָר הונדערט העברעער זענען געווען ביי דער דערעפענונג פון דער „שפה ברורה".

לויט די באַגריפן פון יענער צייט איז עס געווען אַ „ריזיקער עולם".

די דערעפענונג איז געווען אָן יעדער צערעמאָניע, אָן מוזיק, אָן געזאַנג און קלאַנג, אָן באַגריסונגען און אָן יעדער אויסערלעכער פייערלעכקייט, און דאָך האָט זיך געפילט אַ געהויבענע, פריילעכע שטימונג, אַ צייכן פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער דערוואַכונג.

נאָך מיין דערעפענונגס־רעדע האָבן זיך אָנגעהויבן דעבאַטן, פאָרשלאָגן, צווישנרופן און באַמערקונגען — אַלץ אין העברעאיש.

די באַטייליקטע אין דער דעמאָלסטדיקער זייער אינטערעסאַנטער דיסקוסיע האָבן, אמת, אַביסל אונטערגעשטאַמלט, אַביסל זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ קנויל פון ביבלישע מליצות. די מערסטע האָבן געשוויצט, גענייטשט דעם שטערן און זיך נעבעך געמאַטערט צו געפינען דעם ריכטיקן אויסדרוק, דאָס פּאַסיקסטע וואָרט, — אָבער עס איז געגאַנגען אויף אַ דרך. דערוואַקסענע מענטשן האָבן זיך געאיבט אין רעדן העברעאיש (צווישן זיי מייסטער פונם רוסישן וואָרט), און האָבן זיך געפרייט אויף יעדן, מער אָדער ווייניקער, געלונגענעם אויסדרוק, וואָס איז זיי אַריינגעפאַלן אין מויל. זיי האָבן זיך אַליין באַוואונדערט, ווי שטומע, וואָס הויבן אָן פּלוצלינג רעדן, עפּעס ווי אַ מאַגישער נס וואָלט געשען מיט זיי.

עס זענען געווען די ערשטע חבלי־יצירה (געבורט־שמערצן) פון א שפראך, וואס האט געדארפט נאכאמאל געבוירן ווערן דורך א צויבער.

איך האב זיך דאן דערמאנט אויף דעם וואונדערבארן אויסשפרוך פון איינעם פון די גרעסטע פילאלאגן, אז „אויך א שפראך מוז קאנען שטארבן, ווען זי וויל נאך איין מאל לעבעדיק ווערן".

א פיזיאלאג, וואס איז צוגלייך א פסיכאלאג און א שארפער באא־באכטער, וואלט אויף יענער ערשטער פארזאמלונג פון די „שפה־ברורהני־קעס" געקאנט מאכן זייער אינטערעסאנטע און ווערטפולע באאבאכטונגען.

עס איז צו באמערקן: אז טראץ דעם, וואס די מערסטע פון די דעבא־טאנטן האבן געבראכן זייער צונג צו געפינען די גויטיקע און ריכטיקע העברעאישע אויסדרוקן, איז דאך די דיסקוסיע געשטאנען אויף דער גע־העריקער הויך. נייע יידן האבן גערעדט אין זייער אלטער שפראך און אויס־געדריקט אין איר דעם רענעסאנס־געדאנק.

די געסט, וואס האבן בייגעוואוינט די דערעפענונג פונם פאראיין „שפה ברורה", צווישן זיי אויך דער אלטער קלמן זאב וויסאצקי, האבן זיך פאר־שריבן אלס מיטגלידער, און זייער צאל האט שפעטער געהאלטן אין איין וואקסן. פון די מיטגלידער האט מען פארלאנגט נאר איין זאך: צו באזוכן פינקטלעך די פארזאמלונגען און צו געברויכן דארט נאר העברעאיש. קיין יערלעכע ביישטייערונגען אדער איינמאליקע נדבות און ד. גל. האט מען פון די מיטגלידער ניט פארלאנגט, און אויך נישט אנגענומען. דער פאר־איין האט קיין הכנסות נישט געהאט, אבער אויך קיין הוצאות.

אלע פארזאמלונגען און רעפעראטן זענען געווען זייער גוט באזוכט. דאס העברעאישע לעבן פון דער אלטער רוסישער הויפטשטאט האט זיך פאנאנדערגעוויקלט און באקומען א נייעם אימפעט אין דעם קרייז פון דער „שפה ברורה".

דער פאראיין פלעגט אפהאלטן אלע זיינע פארזאמלונגען אין דעם „מנין" פון די „חובבי־ציון", וואס האט זיך געפונען אויף דעם „סטאראיא פלאשטשאד", וויט פאררוקט אין א הויף, וואס האט געהערט צו א גע־שמדטן יידן, מיטשינער. דארט האט זיך אויך געפונען א קליינע העברע־אישע ביבליאטעק, וואס איז געווען אפן טאג און אונט פאר יעדן. צו יעדער צייט האט מען דארט אנגעטראפן באזוכער. די דאזיקע קליינע ביבליאטעק איז געגרינדעט געווען מיט דער הילף פון אוסישקין און פון מיר. קיין באצאלטער ביבליאטעקאר אדער אויפזעער איז ניט געווען. די יונגע חברים פון דער „שפה ברורה" האבן פארוואלטעט מיט דער ביבליאטעק פרייוויליק. יעדן טאג אן אנדערער. די ערשטע צייט פלעג איך אליין אפט באזוכן די ביבליאטעק צו ברענגען אין ארדענונג און צו באקענען זיך מיט די באזוכער

און זייערע גייסטיקע באַדערפֿעניש. צווישן די אַנאָנימע באַזוכער האָב איך דאָן געטראָפֿן אייניקע יונגעלייט, וואָס האָבן מיך פֿאַראינטערעסירט. זיי איז נאָכדעם באַשערט געווען צו שפּילן אַ ראָל אין דער ליטעראַטור, אָדער אין דעם עפֿנטלעכן לעבן. איינער פֿון זיי איז געווען דוד פּינסקי. ער איז דאָן אַלט געווען זיבעצן יאָר, ער איז געווען אַ זייער לעבעדיקער און אינטערעסאַנטער בחור׳ל. ער האָט געקענט גאַנץ גוט העברעאיש, און האָט פֿלייסיק שטודירט די העברעאישע גראַמאַטיק, דקדוק. זיין יוגנטלעכער טרוים איז געווען צו ווערן אַ העברעאישער שריפֿטשטעלער. ער האָט פֿיל געלייענט, איז געווען רייך אין פֿאַנטאַזיעס, אין וויזיעס, טעמפּעראַמענטפֿול, באַוועגלעך און מענטשנפֿריינטלעך. דוד פּינסקי און זיין חבר און פֿריינט אברהם אַמסטערדאַם (מיין שפּעטערדיקער שוואָגער) האָבן מיר פֿרייוויליק אַרויסגעהאָלפֿן אין דער טעכנישער אָרגאַניזאַציע־אַרבעט פֿון דער „שפֿה ברורה“ און אינם לייען־זאַל.

ביידע, אַמסטערדאַם און פּינסקי, זענען דאָן געווען פֿאַרליבט אין ציון און אין דער העברעאישער שפּראַך. ביידע באַגייסטערטע טרוימער און אָפּפֿערוויליק.

דורך זיי ביידן בין איך געקומען אין באַרירונג מיט דער יידישער יוגנט פֿון צווישן די יידישע מאַסן.

ביידע האָבן זיי געוואָרבן נפֿשות פֿאַרן ציוניזם און פֿאַר דער העברעאישער ליטעראַטור צווישן זייערע יוגנטלעכע פֿריינט און באַקאַנטע.

דוד פּינסקי איז געווען אַ קינסטלער־נאַטור, אַ צאַרטע נאַטור און פֿלעגט זיך באַרישן מיט שיינע ווערטער, מיט קלינגענדיקע פֿראַזן און געשוועבט, געפֿלאַטערט אין אַ צויבער־וועלט. דאָס שיינע, בויגזאַמע, זינגענדיקע און קלינגענדיקע וואָרט איז געווען זיין עבודה, זיין קולט. אַמסטערדאַם איז געווען אַ פֿלאַם־פֿייערדיקע רעוואָלוציאָנערע נאַטור. מעשים, טאַטזאַכן האָט ער געוואָלט און זיך טעגלעך פֿאַר עטוואָס אויפֿאָפּפֿערן.

אָט די ביידע יוגנטלעכע חברים האָבן אַריינגעבלאָזן אַ פֿרישן, דעמאָקראַטישן און פֿאָלקסטימלעכן גייסט אינם ציוניסטיש־העברעאישן קרייז.

צווישן די שטענדיקע באַזוכער פֿון דער העברעאישער „לעזעהאַלע“ פֿלעג איך שטענדיק באַגעגענען מיין יוגנט־פֿריינט, וועלכער איז געווען עלטער פֿון מיר, דעם גרויסן מאַטעמאַטיקער, דעם ניט לאַנג פֿאַרשטאָרבענעם צבי הירש יפֿה, וועלכער איז אויך געווען אַ מיטגליד פֿון דער „שפֿה ברורה“.

צבי הירש יפֿה, איז געווען אַן אויטאָדידאַקט. אין ערגעץ ניט שטודירט און אָן לערער, אָן גענײטע וועגווייזער, האָט ער דערגרייכט אַ הויכע מדרגה אין דער אַנאַליטישער מאַטעמאַטיק. ער איז געווען דער מחבר פֿונם „לוח־

נצחי" (אייביקער קאַלענדאַר) און איז געווען אַ גרויסער און גרינטלעכער בקי אין דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור. ער איז געווען דער באַשיינדסטער מענטש, אַן עכטער פֿאָלקס־מענטש און דער אויפֿריכטיקסטער חבר. אין אַלץ איז ער געווען זייער פּרעציז, גענוי און עקזאַקט. סיי אין דער ליטעראַטור און סיי אין אַלטעגלעכן לעבן. אויך ער איז געווען אַ טרוימער, אַ לירִיקער, נאָר אין מאַטעמאַטישע פֿאָרמולעס. ער איז געווען נאַאיוו ווי אַ קינד און שאַרפֿזיניק צוגלייך ווי אַ גאון. אין זיין רעדן העברעאיש האָט זיך יפֿה ווייניק אויסגעצייכנט מיט סטיל און שוואונג, מיט עלעגאַנץ און ראַפֿינירטקייט. דערפֿאַר אָבער האָט ער געזוכט אין זיין לעבעדיקן העברעאישן אויסדרוק צו זיין פּרעציז און עקזאַקט, כּמעט מאַטעמאַטיש, ניט זאָגן מער ווי ער האָט געדענקט און געוואָלט, און ניט ווייניקער אויף אַ האָר פֿון דעם.

אין דעם זין און גייסט האָט יפֿה אויך געווירקט אויף די אַרומיקע העברעאיש־רעדנדיקע. ער איז קיינמאָל ניט אַרויסגעטראָטן עפֿנטלעך מיט אַ רעפֿעראַט, זיין אָנטייל אָבער אין די דיסקוסיעס אויף די פֿאַרזאַמלונגען פֿון דער „שפה ברורה", ווי אויך זיינע שפּראַכלעכע באַמערקונגען אין פּריוואַטע שמועסן האָבן תּמיד געבראַכט נוצן. ער האָט געלערנט צו וועגן און מעסטן גאַנץ גענוי יעדעס העברעאישע וואָרט, יעדן אויסדרוק. ער האָט געוואָרנט פֿון פֿאַלשער וואָג און פֿאַלשער מאָס אויך אין דער שפּראַך.

ניט אַלס לערער, ניט אַלס עלטערער און געניטערער האָט ער דאָס געטאָן, נאָר ווי אַ ליבער חבר.

די ערשטע צייט פֿון דער עקזיסטענץ פֿון דער „שפה ברורה" איז מיר אויסגעקומען, קעגן מיין אייגענעם ווילן, צו האַלטן רעפֿעראַטן אויף אַלע עפֿנטלעכע פֿאַרזאַמלונגען פֿונם פֿאַראיין.

איך פֿלעג איינלאַדן יעדן פֿון די חברים פֿון די „בני־ציון", וואָס האָבן געקענט די העברעאישע שפּראַך אין אַ פֿולער מאָס, און האָבן געהאַט איבער וואָס צו רעפֿערירן, זיי זאָלן קומען און רעדן איבער אַ באַשטימטן ענין. די מערסטע חברים האָבן אָדער קיין צייט, אָדער קיין חשק, אָדער קיין מוט ניט געהאַט צו קומען און רעפֿערירן אַ שטונדע בעל־פה, ניט פֿון כּתב.

כּדי צו־צוציִען די חברים צו די וועכנטלעכע פֿאַרזאַמלונגען, פֿלעג איך אויסקלייבן פֿאַר מיינע רעפֿעראַטן יעדעס מאָל אַן אַנדערע טעמע, אַ וויסנשאַפֿטלעכע אָדער אַ ריין־ליטעראַרישע.

דערפֿאַר אָבער האָט אַ גרויסער טייל פֿון די חברים זיך באַטייליקט אין די דיסקוסיעס, אין דער קריטיק, פֿון וועלכער איך האָב פֿיל געלערנט, באַזונדערס ניט צו זיין איינזייטיק. איך האָב געלערנט פֿון די דיסקוסיעס די

גײַסטיקע נויטן, ווי דער רענעסאַנס־ווילן פֿון דער אינטעליגענטער און באַגאַבטער יוגנט.

אַזוי ווי עס האָבן זיך געפֿונען יונגע חברים, וועלכע האָבן זיך געוואָלט באַקענען מיטן תּלמוד און זײַנע מעטאָדן, האָב איך דאַן אויף זיך גענומען די אויפֿגאַבע און די פֿליכט צו לייענען פֿאַר יענע וויסנס־דורשטיקע חברים צוויי מאָל וועכנטלעך אַ שיעור אין תּלמוד (די מסכתּא שבת) און צו דערקלערן די סוגיות אין העברעאיש.

די צאָל פֿון מײַנע שטענדיקע תּלמידים אין תּלמוד איז געווען ניט גרויס, אָבער יעדעס מאָל פֿלעגן קומען צום שיעור צופֿעליקע צוהערער. צווישן זיי אויך אַ סך עלטערע פֿון מיר און אמתע לומדים און בקיאים. עס האָבן ניט געפֿעלט אויך חריפֿים, שאַרף־ און שפּיץ־קעפּיקע תּלמודיסטן. אויך אין דעם פֿאַל האָב איך פֿיל געלערנט פֿון מײַנע תּלמידים און צופֿעליקע צוהערער. מײַנע שיעורים האָבן מיך געבראַכט, נאַטירלעכערווײַז, צו שטודירן און נעענטער זיך צו באַקענען מיט די קריטיש־וויסנשאַפֿטלעכע ווערק איבערן תּלמוד.

מײַן גײַסט איז געווען אָנגעצויגן און פֿעסטגעהאַלטן פֿון צוויי קעגנגעזעצטע מאַגנעטן: פֿון איין זײַט די אַלטע, די גאַנץ אַלטע, העברעאישע ליטעראַטור, און פֿון דער אַנדערער זײַט די מאָדערנסטע אייראָפּייִשע ליטעראַטור. די נײַעסטע שאַפֿונגען. דער ייִד און דער מענטש אין מיר האָבן גלײַך געזוכט גײַסטיקע באַפֿרידיקונג.

דער ערשטער פֿון די „בני־ציון", וואָס האָט זיך אָפּגערופֿן אויף מײַן אײַנלאַדונג צו האַלטן אַ רעפֿעראַט אויף אײנער פֿון די וועכנטלעכע פֿאַרזאַמלונגען פֿון דער „שפה ברורה", איז געווען מנחם מענדל אוסישקין.

„אויף וועלכער שפּראַך זאָל איך רעדן?" האָט מיך אוסישקין געפֿרעגט. „זעלבסטפֿאַרשטענדלעך אויף העברעאיש!" איז געווען מײַן ענטפֿער. „איך בין אָבער נאָך ניט געאיבט אין רעדן העברעאיש און איך בין זיכער, אַז מיר וועט דאָס ניט געלינגען עפֿנטלעך, הײַנט צו וואָס זאָל איך זיך לעכערלעך מאַכן?" האָט אוסישקין געטענהט. און איך האָב אים געשריבן אַ בריוו אין וועלכן איך האָב אים געזאָגט: „בעסער צו שטאַמלען אין העברעאיש, איידער צו רעדן פֿליסנדיק און גלענצנדיק אין רוסיש" *).

און מ. מ. אוסישקין האָט מיך געפֿאָלגט. זײַן רעפֿעראַט האָט דאַן אַרויסגערופֿן גרויס אינטערעס. ער האָט שטאַרק פֿאַראינטערעסירט זײַנע

---

*) אוסישקין האָט אָפּגעדרוקט, אין דער געשיכטע פֿון „חיבת־ציון" פֿון אַ. דרויאַנאָוו דעם בריוו מײַנעם. אוסישקין באַהויפּט דאָרט, אַז איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָט אים געצוואונגען, נאָך אין זײַנע סטודענטישע יאָרן, צו רײדן העברעאיש.

צוהערער, צווישן זיי אויך פּראַקטישע און פאַרמעגלעכע מענטשן, מיט די אויפגאַבן און ווייטערדיקע פּערספּעקטיוון פונם ישוב־ארץ־ישראל און זיי־נע פּראָבלעמען.

נאָכדעם האָבן געהאַלטן רעפעראַטן די פאָלגנדיקע חברים: יעקב מזא״ה, אין אַ קערנדיקער שפּראַך, אין אליעזר הכהן צווייפעלס סטיל (ער האָט עפּנטלעך גערעדט העברעאיש, ווי דאָס וואָלט געווען זיין מוטער־שפּראַך), יחיאל לעוואַנטין (חושי הארכי), אברהם אידלסאָן, לעאָן ראַבי־נאָוויטש, דער שפּעטערדיקער אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פונם „המליץ״ אין פּעטערבורג און ד״ר א. קאַמינקאַ, וועלכער איז געקומען פון פּאַריז אַלס גאַסט אויף אַ קורצער צייט קיין מאָסקווע.

די לעצטע צוויי, לעאָן ראַבינאָוויטש און ד״ר א. קאַמינקאַ, האָבן ביי־דע שטודירט אין פּאַריז און האָבן שוין דאָרט גערעדט פליסיק אַ לעבעדיקן העברעאיש און געמאַכט פון דעם אַ געברויך אין געוויסע אַקאַדעמישע קרייזן.

ביי זייער אָנקומען אין מאָסקווע, אין יאָר 1889, האָבן זיי מיט מיר, אַלס אַ זאַך, וואָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, גערעדט נאָר העברעאיש, איידער זיי האָבן נאָך געהערט פון דער עקזיסטענץ פון דער „שפה ברורה״. לעאָן ראַבינאָוויטש האָט זיך פריי, און אָן מאַטערניש, אויסגעדריקט אין העברעאיש אויך דאַן, ווען ער האָט גערעדט איבער ריין־טעכנישע און מעכאַנישע פּראָבלעמען, מיט וועלכע ער האָט זיך דאַן באַשעפטיקט אַלס דער דערפינדער פון אַן אַפּאַראַט צו פאַרהיטן פון שריפות.

ד״ר קאַמינקאַ האָט זיך זייער פלייסיק אויסגעדריקט אין העברעאיש, רעדנדיק וועגן וועלט־פּאָליטיק און וועגן אַרכעאָלאָגישע ענינים.

דאָס איז געווען דאַן דער ייִנגערער דור פון ייִדישע געלערנטע, וועל־כע זענען געווען נאַציאָנאַל־ציוניסטיש; די תחית־השפה, די אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך, איז ביי זיי געוואָרן אַ פּרינציפּ, אַ הויפּט־פּרינציפּ.

די עלטערע חכמי־ישראל, ייִדישע געלערנטע, האָבן באַטראַכט דאָס רעדן העברעאיש ווי אַ קינדער־שפּילעריי, אָדער ווי אַ חילול־הקודש, די פאַרשוועכונג פון דער העברעאישער קדושה.

יענעם ווינטער, אין יאָר 1889, האָבן מיך באַזוכט ד״ר שלמה מאַנדל־קערן, איינער פון די גרינדלעכסטע קענער און פאָרשער פון דער ביבלי־שער שפּראַך, וועלכער ער האָט באַהערשט מייסטערהאַפט אין שריפט און בערנאַרד נאַטאַנזאָן, דער ביאָגראַף פון רבי יצחק בער לעווינזאָן (ריב״ל) און דער אַרויסגעבער פון זיינע וויסנשאַפטלעכע ווערק.

ד"ר מאַנדלקערן איז דאַן געקומען פֿון דייטשלאַנד קיין מאָסקווע צו זאַמלען אַבאָנענטן, חותמים, אויף דער גרויסער קאָנקורדאַנציע, „היכל־הקודש", און נאַטאַנזאָן, איינער פֿון די זקני־תּלמידי־חכמים, איז געקומען פֿון וואַרשע צו פֿאַרשפּרייטן זיינע און ריב"לס ווערק. זיי בײדע פֿלעגן מיך אָפּט באַזוכן. ווען איך האָב פּרובירט מיט זיי צו רעדן העברעאיש, האָבן זיי מיך פֿאַרוואונדערט אָנגעקוקט, ווי איך וואָלט וועלן פֿון זיי חוזק מאַכן. זיי האָבן בײדע געגלויבט, אַז איך וויל מיט דעם, וואָס איך האָב אָנגעהויבן רעדן העברעאיש, אַנדייטן, אַז איך האַלט זיי פֿאַר שנאָרער, ווי די ירושלימער משולחים, וואָס האַנדלען מיט ארץ־ישׂראל־ערד פֿאַר די מתים אין די גלות־לענדער, אָדער איך האַלט זיי ניט פֿאַר משׂכּילים. ווען איך האָב דאָס באַגריפֿן האָב איך שוין מער ניט פֿאַרזוכט צו רעדן צו זיי אַ וואָרט העברעאיש, איך זאָל זיי דערמיט ניט באַליידיקן.

דער גאַנצער ענין פֿון דער יידישער אויפֿלעבונג און פֿון ישוב־ארץ־ישׂראל האָט זיך זיי ניט געקאָנט לייגן אויפֿן שׂכל און „פּאַטופּען" זיך ביי זיי אין מוח.

זיי האָבן ניט געקאָנט באַגרייפֿן, ווי קאָנען משׂכּילים, היינטוועלטיקע מענטשן, מאָדערנע שריפֿטשטעלער, — ווי קאָנען זיי נעמען ערנסט די פֿלוצלונגע חיבת־ציון. בענקען זיי נאָך רחלס קבר, נאָך דעם כּותל־מערבי, ווילן זיי צוריק אויפֿבויען דעם בית־המקדש און ברענגען קרבנות?

דאָס זיינען דאַן געווען די באַגריפֿן פֿון פֿיל יידישע געלערנטע וועגן דער חיבת־ציון באַוועגונג.

און אַז מען קאָן רעדן רוסיש, אָדער דייטש, אָדער פֿראַנצויזיש, — היינט צו וואָס זיך נאַריש מאַכן און רעדן אין אַן אָפּגעשטאָרבענער שפּראַך ווי לשון־קודש, אין וועלכער מען קאָן און מען דאַרף שרייבן ביכער פֿאַר די, וואָס פֿאַרשטייען נישט קיין אַנדערע שפּראַך אויסער העברעאיש? גלויבן מיר טאַקע, אַז די יידן אין מאָסקווע וועלן אויפֿהערן רעדן רוסיש און וועלן געברויכן לשון־קודש אויפֿן „טאָלקוטשי רינאָק" (אויפֿן מאַרק), און די יידן אין ווילנע וועלן רעדן אין דער ביבל־שפּראַך, אין ישעיה הנביאס שפּראַך, אויפֿן חזיר־מאַרק? און נאָך אַזעלכע קלוגע פֿראַגן — דאָס איז געווען זייער באַגריף וועגן תּחית־השׂפה.

ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן אויף דער פּראָווינץ, אין תּחום־המושב, די אויפֿטואונגען פֿון דער „שׂפה ברורה" אין מאָסקווע און די שוועריקייטן, וואָס איך האָב אַלס גרינדער און פֿאָרזיצער בייגעקומען, האָט מען מיך טעג־לעך פֿאַרשאָטן מיט בריוו. משׂכּילים, „חובבים" און סתּם אינטעליגענטע בטלנים מיט שרייבערישע אַמביציעס, האָבן זיך געווענדט צו מיר נאָך אינ־פֿאָרמאַציעס, ווי אויך מיט פֿאַרשיידענע פֿראַגן בנוגע דער גרינדונג פֿון

העברעאיש־רעדנדיקע פאַראיינען. אַנדערע האָבן זיך צו מיר געווענדט מיט אויסגעקליגלטע פאָרשלאָגן און עצות, ווי אויפצולעבן די העברעאישע שפּראַך אין אַלע יידישע הייזער, און ווי צו פאַרווענדן זי אין טאָג־טעגלעכן געברויך.

אַ סך פון די דאָזיקע בריוו זענען געווען אָנגעפּיקעוועט מיט לומדות, מיט ציטאַטן פון תלמוד, מדרש און זוהר, ווי אויך פון דער פילאָזאָפישער ליטעראַטור, כּדי צו באַווייזן מיר ווי וויכטיק און הייליק מיין אַרבעט איז פאַר דער אויפלעבונג און פאַרשפּרייטונג פון אונדזער נאַציאָנאַלן לשון. אַלע מיינע קאָרעספּאָנדענטן זיינען געווען איינפאַרשטאַנען מיט מיין גרונט־זאָץ: „אין תחית־האומה בלי תחית־הלשון ואין תחית־הארץ בלי תחית־האומה״ — ד״ה עס קאָן אַ פאָלק ניט אויפלעבן אָן דער אויפלעבונג פון זיין שפּראַך, און עס קאָן זיין לאַנד ניט אויפלעבן איידער דאָס פאָלק האָט ניט אויפגעלעבט.

צווישן אַ צאָל בריוו פון יענער צייט, וואָס איך האָב אויפגעהיט אין מיין אַרכיוו, געפינט זיך אַ פּעקל בריוו פון דעם העברעאישן — פריער רוסישן — זשורנאַליסט י. ל. בן־דוד (דער העברעאישער איבערזעצער פון ספּענסערס בוך איבער דערציאונג). אין איינעם פון זיינע בריוו שרייבט ער מיר: „איר האָט זיך אַריינגעלאָזן אין אַ בריוו־וועקסל מיט אַ געשוואוירע־נעם און פליסיקן קאָרעספּאָנדענט, און איצט מוזט איר ליידן פון מיינע אָפטע און לאַנגע שרייבעכצן. איר האָט דאָס געדאַרפט פריער וויסן. איר האָט ביי מיר אָנגעפרעגט: ווי שטייט מיט דעם העברעאיש־רעדן אין אָדעס? דעם אמת זאָגנדיק, ניט אַזוי פריילעך. מיר האָבן אַ קליינע גרופּע שרייבער פון דער יונגוואַרג, ניט קיין קלינגעדיקע נעמען, און אַ פּאָר פּראָווינציעלע משכּילים, וועלכע רעדן צווישן זיך — אַמאָל אויך רכילות און לשון־הרע — אויף העברעאיש. מיר אַמפּערן זיך אפילו אין העברעאיש... עס פרייט אונדז צו הערן די גוטע בשורות פון אייער „שפה ברורה״, מיר זיינען אייך שטאַרק מקנא. איך לייען פאַר אייערע בריוו פאַר מיינע חברים, איר צינדט אונדז אָן מיט אייערע פלאַם־פייערדיקע ווערטער, מיר ברענען און ווערן פאַרברענט פון אינערלעכער התלהבות, אָבער אָן נוצן. קיין טאָלק קומט ניט אַרויס. איר האַלט אין איין וועקן אונדז, איר רופט אונדז צו פאַרברייטערן אונדזער טעטיקייט און געווינען נייע קרייזן; אוודאי האָט איר רעכט, זאָל אייך גאָט אַזוי העלפן, אָבער עס גייט ניט אויף אַ לאַד. אונדזער העברעאישער קרייז וויל ניט, קאָן ניט וואַקסן. עס לאָזט ניט רעכט אָרגאַניזירן. זייער פיל קרעפטן האָב איך פאַרווענדט כּדי רעכטס צו שאַפן — ניט געלונגען. אַ, טייערינקער! עס פעלן קרעפטן, עס פעלט די ריכטיקע אַטמאָספערע. דאָס לשון צווישן אונדזערע באַקאַנטע קרייזן איז דאָס בערזע־

לשון. דאָס לשון פֿון תּבֿואה־האַנדל אָדער פֿון פּראַצענטניקעס — אַלע לשונות, וואָס זענען קנאַפּע מחותּנים מיט דעם לשון פֿון אונדזערע נבֿיאים. עס איז, זאָל מיך גאָט ניט שטראָפֿן פֿאַר די רייד, אַן עם טמא־שׂפֿתים.

„און ניט געקוקט אויף דעם אַלעם וואָלט אונדזער קלײנער קרײז גע־קאָנט פֿיל מער אויפֿטאָן, ווײל אונדזערע געצײלטע חבֿרים זײַנען לעבע־דיקע און ביטערע יונגען, גרויסע עקשנים און פֿאַרקאָכטע, הונדערט־פּראָ־צענטיקע נאַציאָנאַליסטן, האָבן אָבער ײדן קײן מזל ניט, און די העברעאישע שפּראַך אַוודאי ניט. ניט אַ ברעקל. וואָס טוט דער רבונו־של־עולם — גאָר אַ קלײניקײט, ער האָט אָנגעשיקט אויף אונדזערע קעפּ ניט פֿאַר אײך גע־דאַכט, אַ כאָפּטע מיט פֿרײנט, און דווקא פֿון דער אײגענער מחנה, דווקא פֿון די, וואָס מיר ערן און ליבן.

„און ווי אויף צו־להכעיס פֿון די, וועמעס חובֿ איז געווען אונדז צו שטיצן און צו פֿירן. און וועמען מײנט איר איז אײנער פֿון אונדזערע ערגסטע באַקעמפֿער? טאָקע ר׳ מענדעלע בכבֿודו ובעצמו. און ער באַקעמפֿט אונדז מיט דעם געפֿערלעכסטן וואָפֿן: מיט זײַן גאַליקן שפּאָט. ער האַלט אונדז פֿאַר לצים, און מאַכן פֿון אונדז חוכא־וטלולא. ווען מיר רעדן צו אים העב־רעאיש, ענטפֿערט ער אונדז דווקא אין אַן עכט־גלופּסקער רוסיש מיט דעם ניגון פֿון „אנקת מסלדיך״. אָבער דער טײַערער רבי מענדעלע מיט אַלע זײַנע צונעמענישן, מיט וועלכע ער האָט אונדז געקרױנט, וואָלט אונדז ניט באַזונדערס געשאַדט. ער איז בײ אונדז ניט גאַנץ באַזונדערס באַליבט. דערצו ווײסן אַלע העברעער, אַז ער איז צופֿיל מחותּן מיט דער שׂפֿחה, מיטן הײליקן זשאַרגאָן — ווי געפֿעלט אײך די מעשׂה?

„אַ סך אַ גרעסערע געפֿאַר דערוואַרט אונדז, די טרומײַער פֿון דעם העברעאישן רענעסאַנס, פֿון אַן אַנדער ווינקל.

„נאָט אײַך די מעשׂה בקיצור. מיט אַ קורצער צײַט צוריק האָט זיך בײַ אונדז, אין דער גאָט־געבענטשטער אָדעס, באַזעצט אַ גאָר פֿײַנער יונ־גערמאַן מיטן נאָמען אשר גינזבורג. ער און זײַן פֿאָטער האָבן דאָ געעפֿנט אַ פֿאַבריק פֿון „שמן זית״. די פֿאַבריקאַנטן אַלײן, זײַנען אויך רײנער „שמן זית״. דערצו האָבן זײ טאָקע די ממתּקים אויך. דער פֿאָטער איז אַ חסי־דישער ייד און דער בן־יחיד זײַנער איז אַ גוטן־יידנס אַן אײדעם. דער אײ־דעם אַלײן, הײסט עס, איז אויך אַ מין גוטער ייד, אַ רבילע פֿון אַן אַנדער נוסח, פֿון אַן אײראָפּאַאישן שניט, אַ רבי פֿון דער „לינקער זײט״, אויף חסידיש לשון: פֿון דער „סטרא אחרא״. קומען, קומען זײ פֿון עפּעס אַ דאָרף. דער זון האָט אין דאָרף, אין גרויס התבודדות, מכין געווען צו דער גאולה, וואָס, ער זאָל לעבן, דאַרף ברענגען דעם פֿאָלק ישׂראל, אַלץ אויפֿן שטײגער פֿון בעל־שם־טובֿ ז״ל. דאָס ליכט פֿון נײַעם רבין איז פּלוצ־

לינג נתגלה געוואָרן ביי אונדז אין דער זינדיקער אָדעס. דער נייער סאָרט חסידים צווישן די שרייבער און די קאָמי־וואָיאַזשאָרן האָבן אים, דעם דאָזיקן שפּאָגל־נייעם רבין, הייסט עס, מגלה געווען פֿאַר דער וועלט (ממש משיחס־צייטן) און האָבן אים שליט״א אַרומגערינגלט מיט לעגענדעס. זיי דערציילן וועגן אים נסים ונפֿלאות, גאָר גרויסע גבורות. היינו, אַז ער, שליט״א, איז אַ בקי אין אַלע שבע חכמות און אין אַלע שבעים לשונות, און דערצו איז ער אַ גרויסער תּקיף אין דער דעה (ער האָט טאַקע אויך די מאה) און איז אַ בעל מדות־טובות.

און דער דאָזיקער רבי ר׳ אשרל גינזבורג, פּראַוועט טאַקע אַ טיש, מעשה גוטער ייד. אַלע פֿרייטיק־צו־נאַכטס קומען זיך צונויף ביי אים אין הויז זיינע מקורבים, די נאָענטע חסידים, העברעאישע שרייבער און סתּם־משׂכּילים, די יחידי־סגולה.

„איך האָב זוכה געווען (לאו כּל אדם זוכה, מיינע איבעריקע חברים, למשל, ווערן ניט אויפֿגענומען), פֿאַר וועלכע מעשׂים טובים, ווייס איך ניט, בייצוואוווינען אַ פּאָר מאָל רבי אשרלס טיש פֿרייטיק־צו־נאַכטס. דער רבי זיצט אַרומגערינגלט פֿון זיינע חסידים. דער עולם טרינקט טיי פֿון אַ קאָכעדיקן סאַמאָוואַר מיט גרויס דביקות און דרך־ארץ. דער רבי פֿאַררויכערט אַ שבתדיקן פּאַפּיראָסל, און די חסידים נאָך אים. אַז דער רבי מעג, מעגן דאָך די חסידים אַוודאי. דער עולם שווייגט, וויל הערן, כאַפּן אַ וואָרט פֿון רבינס מויל. דער רבי זאָל לעבן איז אַ גרויסער שווייגער — אַ וואָרט, אַ רענדל. דער רבי, גאָספּאָדין גינזבורג, אַ רויט, אַ קליין, אויסגעדאַרט יידל, מיט אַ פֿיל־קאַנטיקן שפּיציקן קאָפּ־שיידל, גיט אַ רייב מיט די ביינערדיקע, אַביסל פֿאַרגעלטע פֿינגער דעם הויכן תּלמיד־חכם־שטערן און גיט אַ ברום, אַ זאָג אַ וואָרט — די חסידים כאַפּן אונטער, מאַכן פּירושים, זוכן רמזים, טיפֿע כּוונות. ער, דער רבי, איז זייער קאַרג און פֿאַרזיכטיק אין ווערטער... זיינע חסידים ניט אַזוי. דער עולם זופּט טיי, רויכערט פּאַפּיראָסלעך. ווערט לעבעדיקער, רעדעוודיקער — מען קריטיקירט און מען רייסט־אַרונטער געוויסע אויטאָריטעטן. דער רבי האַלט דיסטאַנץ, איז קאַלט, כּמעט געפֿרוירן, ווי אַן עכטער מתנגד, רעדט אויף קיינעם קיין שלעכט וואָרט ניט אַרויס. פֿון צייט צו צייט שוועבט אויף זיינע דינע, בלוטלאָזע ליפּן אַ פֿיינער, איראָנישער און צווידייטיקער שמייכל. די חסידים טייטשן עס אויס: דער רבי איז מסכּים צו דער שאַרפֿער קריטיק, וואָס ער האָט אויסגעהערט וועגן אַ געוויסער פּערזאָן, אָדער ווערק. מ׳קאָן אָבער אויסטייטשן זיין דינעם איראָנישן שמייכל גאַנץ אַנדערש. ווי מיר שיינט אָבער, איז ער מבטל אין האַרצן אויך זיינע אייגענע חסידים, ווייל ער שטייט הימל־הויך איבער זיי. רירט מען אָבער אָן אין געשפּרעך אַ וויכטיקן ענין, אַ דבר־תּורה אָדער

חכמה, דאָן ווערט דער דאָזיקער גינזבורג זייער ערנסט, אויס רבי. ער פאַרוואַנדלט זיך אין אַ שאַרפזיניקן ראַציאָנאַליסט, אין אַ שטרענגן לאָגי־קער. איר מוזט דאָן באַוואונדערן זיין גרויס בקיאות און חריפות, סיי אין דברי־תורה און סיי אין דברי־חכמה.

„און דער דאָזיקער „שמן־זית־פאַבריקאַנט" שניידט זיך אויף אַ גאַר גרויסן העברעאישן שריפטשטעלער, ער וועט נאָך די יידישע וועלט איבעראַשן מיט גיגאַנטישע ליטעראַרישע ווערק און מיט זיינע אויפטו־אונגען אין אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן. טראָץ געוויסע אומאָנגענעמע שטריכן, אין זיין וועזן, מוזט איר אָנערקענען, אַז איר האָט דאָ צו טאָן מיט אַ שטאַר־קער, קאָנצענטרירטער פערזענלעכקייט. ער האָט באַזונדערס ניט ליב אונדזער רבי מענדעלען. מענדעלע, צוריק, איז אַ גרויסער מתנגיד פון דעם נייעם רבין. ער האַסט אים דירעקט. צוויי גאַנץ פאַרשיידענע כאַראַקטערן. גינזבורג אָבער איז אַ ווירקלעכער דזשענטעלמאַן. ער באַזוכט פון צייט צו צייט דעם בעל־ה„קליאַטשע" און צייגט נישט אַרויס זיין אינערלעכע אָפּנייגונג.

„און איצט קום איך צום פונקט. ווי פאַרשיידן און קעגנגעזעצט עס זיי־נען די דאָזיקע פערזענלעכקייטן — אין איין זאַך אָבער שטימען זיי ביידע איין, און דאָס איז, אין געמיינזאַמען ביטול. אין דער פאַרניכטנדיקער קרי־טיק בנוגע צו אונדזער היגער חברה דוברי־עברית.

„אויף די פרייטיקדיקע אָוונטן ביי גינזבורגן קריטיקירט מען אונדז אָן רחמנות. ער, זאָל לעבן, הערט אויס די גלות־וויצן אויף אונדזער אָרעמען חשבון און שמייכלט שווייגנדיקערהייט. זיינע חסידים זיצן אַרום רבינס טיש און ברעכן זייער צונג צוריידן רוסיש (איין גאָט זאָל שומר ומציל זיין, וואָס פאַר אַ רוסיש!), אין יידיש דערציילן זיי זיך נאָר גלות־וויצן, אָבער העברעאיש איז אַ זינד צו רעדן — וואָס זאָגט איר צו דעם?

„די אינטימע חסידים פון גינזבורגן שושקען זיך, פון מויל אין אויער, אַז עס איז אַ סברא, דער רבי שליט"א שרייבט בחדרי־חדרים אַ פילאָזאָפיש סאָציאָלאָגישן אַרטיקל קעגן בן־יהודהן און זיין אויסגעטראַכטער שפה חיה וברורה, וואָס איז ניט חיה און ניט ברורה. וועט איר דאָס חלילה צוקוקן פון דער ווייטנס און שווייגן? אונדזער קליינער קרייז פון דוברי־עברית פאַרלאַנגט פון אייך, אַז איר זאָלט אַרויסקומען אין דער פרעסע און פאַר־טיידיקן אונדזער פאָזיציע. איר זייט אונדזער האָפענונג. דער רבי אַליין האַלט זייער פון אייך. ער האָט שטאַרק געגלויבט אייער „גסיסת־הסופר", און זיינע חסידים האָבן עס צוטראָגן אויף טעלערלעך. מיט אייך וועט מען זיך אויך ביי אונדז רעכענען. שוין דאָס אַליין, וואָס אייך איז געלונגען

אַרײַנצוציען אין אײער „שׂפה ברורה" אַזוי פֿיל נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ, זאָגט שוין פֿאַר אײַך די בעסטע עדות.

„נאַ, איך האָב זיך שוין צופֿיל צעשריבן. איך האָב אײַך אָבער פֿריער מתרה געווען: פֿאַרטשעפּעט זיך ניט מיט אַ צוויי־שפּראַכיקן קאָרעספּאָנדענט!

„יאָ, מחשבֿותן, איך האָב שיִער ניט פֿאַרגעסן אײַך מיטצוטײלן, אַז אונדזער קרײַז פֿון דוברי־עבֿרית האָט זיך די טעג באַרײַכערט מיט אַ נײַעם חבֿר, און אַ זײער ווערטפֿולן חבֿר, און דאָס איז אײער אויפֿריכטיקער פֿרײַנט און באַוואונדערער מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, אַ קלײנער, שוואַכינקער און קורצזיכטיקער, אויך אַ שווער־העריקער יונגערמאַנטשיק, אָבער פֿול מיט גײַסטיקן דינאַמיט און אַ גרויסער פֿאַנטאַסט — אַזעלכע דאַרפֿן מיר.

„אויך בערדיטשעווסקי שנײַדט זיך אויף אַ ליטעראַרישן רבין. דער מיסטיציזם ליגט אין זײַן גאַנצן וועזן. ער איז אין אַלץ דער לעבעדיקער קעגנזאַץ פֿון אשר גינזבורג (דער שפּעטערדיקער אחד־העם). בערדיטשעווסקי האָט ניט ליב קײן חסידים, בלינדע אָנהענגער. ער האָט ליב ווידערשפּרוך, קאַמף. האָפֿנטלעך וועט ער אונדז העלפֿן פֿירן דעם קאַמף פֿאַר דער אויפֿלעבונג פֿון דער העברעאישער שפּראַך אויך אין די גלות־לענדער. בערדיטשעווסקי האָט אויך אויפֿגעשריבן אַ מגילה אויף פֿערציק זײַטן וועגן דעם גאַנצן ענין, — איר וועט עס די טעג דערהאַלטן. גיט אים צו מוט. קלײן איז אונדזער מחנה, אָבער קאַמפּסלוסטיק. ווײסט, אַז איר האָט זיך אויף וועמען צו שטיצן".

איך האָב זיך דערלויבט צו ציטירן פֿון בן־דודס בריוו, ווײַל עס איז אַ דאָקומענט, וואָס באַלײַכט דעם געמיט־צושטאַנד פֿון די ערשטע קעמפֿער פֿאַר דער אויפֿלעבונג פֿון אונדזער נאַציאָנאַלער שפּראַך. איצט געהערט עס צו דער געשיכטע.

הײַנט זע איך אַלץ, אויך די העברעאישע באַוועגונג, אין אַ גאַנץ אַנדער באַלײַכטונג און פֿון אַ גאַנץ אַנדער געזיכטס־ווינקל — נאָר ניט דאָ איז דער פּלאַץ וועגן דעם צו רעדן.

די פֿיל באַגײַסטערטע בריוו פֿון די חובֿבֿי־השׂפה העבֿרית, די ליבהאָבער פֿון דער העברעאישער שפּראַך, צווישן זײ אויך זײער אינטערעסאַנטע פֿילאָלאָגישע און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע דאָקומענטן, וואָס איך פֿלעג באַקומען פֿון די פֿאַרשײדנסטע טרוימער און אויך פֿון געלערנטע, האָבן מיך דאַן שטאַרק באַרוישט און איך האָב גענומען די העברעאישע באַוועגונג אין רוסלאַנד פֿיל ערנסטער און אינטענסיווער, ווי זי האָט עס דאַן פֿאַרדינט אין דערווירקלעכקײט.

אין מיינע אויספירלעכע ענטפערס אויף די אומציילערע בריוו (איך בין אמאל געווען א ליידנשאפטלעכער בריוו־שרייבער) פון די חובבי־הדיבור העברי אין דער פראווינץ, פלעג איך שוין דאן שארף ארויסזאגן די מיינונג, אז ניט דער העברעאישער דיבור „אן און פאר זיך״ איז דער עיקר, נאר דאס וואס מען דברט, דאס הייסט דער אינהאלט פון דעם דיבור. א נאריש־קייט אדער א פלאכקייט, א פוסטע פראזע, אין דעם ריינסטן העברעאיש, איז ניט מער ווערט ווי אין אן אנדער שפראך. איך האב שוין דאן גע־ווארנט די חובבי־הדיבור העברי, די פעטישיסטן פון דעם העברעאישן קלאנג, אז פאראייניען געגרינדעט אויף סתם ריידערייען, אויף סתם צונג־ברעכערייען, קאנען קיין קיום ניט האבן.

די יידישע מאָסקווע

דער פונדאַמענט פון דער יידישער געמיינדע אין מאָסקווע, אירע ערשטע געזעצלעכע גרינדער, זיינען געווען די ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַטן, ד. ה., די וועלכע האָבן צענדליקער יאָרן געדינט דעם קייזער ניקאָלאַי דעם ערשטן. דאָס זיינען געווען אייזערנע יידן, די וואָס האָבן פיל געליטן אַלס יידישע סאָלדאַטן אין די סיבירישע גובערניעס, דורכגעגאַנגען די שבעה מדורי גיהנום. ניט ווייניק פון זיי זיינען געווען פון די אַמאָליקע קאַנטאָניסטן, ד. ה., אַזעלכע, וואָס די „כאַפּערס״ האָבן זיי אַלס מינדער־יאָריקע קינדער אַרויסגעריסן מיט גוואַלד פון די פאַרצווייפלטע עלטערן, אָדער קינדער, וועלכע זיינען געווען הפקר אַלס יתומים, און מ׳האָט זיי אָפּגעגעבן פאַר סאָלדאַטן. אין די ווייטע, קאַלטע, רוסישע גובערניעס, וואו עס האָט זיך ניט געפונען אַ ייד אויף אַ רפואה, האָט מען די אַרויסגעכאַפּטע יידישע קינדער געגויט און געצוואונגען, אָנווענדנדיק אינקוויזיציע־מיטלען, זיי זאָלן זיך שמדן. נאָר די שטאַרקסטע, די איינגעעקשנטע קינדער האָבן אַלע עינויים אַריבערגעטראָגן, אַלע צרות אויסגעשטאַנען און געבליבן יידן.

איך האָב געקענט אין מאָסקווע פיל פון די אַלטע ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן, וואָס האָבן פאַרנומען אַ פּלאַץ אין דער יידישער קהלה. דאָס זיינען געווען שטאַרקע, פעסטע יידן, עמי־הארצים, זייער ווייניק געוואוסט פון יידישקייט, קוים עברי, קוים דאַוונען געקענט, אָבער דאָס וואָס זיי האָבן געוואוסט און געדענקט פון יידישקייט אין זייערע קינדערשע יאָרן, דאָס וואָס זיי האָבן אַמאָל געזען ביי זייערע עלטערן אין הויז — אין דעם אַלעם האָבן זיי זיך געקלאַמערט מיט אַן אייזערנעם ווילן און שטאַרק אָפּגעהיט. זיי האָבן שטרענג אָפּגעהיט שבת, ווי אין די אַמאָליקע יידישע שטעטלעך, כמעט ניט איינער פון זיי האָט געהאַלטן אָפן אום שבת זיין קראָם אָדער געשעפט; אפילו די אָרעמסטע פון זיי האָבן ניט געהאַנדלט אויפן „טאָלקוטשי רינאָק״ (אויפן אַלטוואַרג מאַרק) ניט שבת און ניט יום־טוב. זיי האָבן שטרענג אָפּגעהיט כשרות און טרייע אָנהענגער געווען פון זייערע געדונגענע שולן און מנינים. זייערע קינדער האָבן זיי געגעבן אין אַלטמאָדישע חדרים, צו לערנען יידישקייט אויפן אַלטן שטייגער. נאָך אין מיין צייט האָב איך געפונען אין מאָסקווע פיל אַלטמאָדישע חדרים, ווי זיי ווערן נאָך געשילדערט ביי פּרץ סמאָלענסקין און מענדעלע מוכר־ספרים.

די ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן האָבן געהאַט זייערע אייגענע שולן, שטרענג „אָרטאָדאָקסישע״; זיי פֿלעגן קומען אויך אין די וואָכנדיקע טעג צו דאַוונען וותיקין אײדער זיי גייען עפֿענען די קראָמען און האַנדלען אויפֿן „טאָלקוטשי רינאָק״. צו זיי פֿלעגן קומען מגידים פֿון די יידישע פּראָווינצן, און שבת נאָכמיטאָג זיינען געווען זייערע שולן געפּאַקט. זיי האָבן געהאַט אויך רביים, וואָס פֿלעגן פֿאַר זיי זאָגן שבת פֿאַרנאַכט עין יעקב אָדער מדרש.

די ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן האָבן גערעדט אַ האַרטן יידיש, מיט אַן עכט־רוסישן אַקצענט, יידיש געמישט מיט עכט־רוסישע ווערטער און אויסדרוקן. זיי האָבן צענדליקער יאָרן פֿון זייער דינסט אַלס סאָלדאַטן אין די אינערלעכע רוסישע גובערניעס קיינמאָל ניט געהערט אַ יידיש וואָרט. דאָך איז ביי זיי יידיש געווען טייער, כּמעט הייליק. וואו זיי האָבן נאָר געקענט, האָבן זיי גערעדט דווקא יידיש. עס איז זיי שווער אָנגעקומען צו רעדן יידיש, אָבער דאָך האָבן זיי זיך געהיט נישט צו רעדן גויאיש.

דער גרעסטער טייל פֿון זיי איז באַשטאַנען פֿון פּראָסטע, ערלעכע מענטשן, ערלעכע סוחרים, ערלעכע קרעמער און איבערגעגעבענע יידן. זיי פֿלעגן העלפֿן זייערע אָרעמע קרובים אין די יידישע שטעט און געבן פֿיינע נדבות, נאָך די באַגריפֿן פֿון יענער צייט, צו די, וואָס זיינען דאָס געקומען בעטן. אַ יידן אַ טובה טאָן, אַ גמילות חסד, אַרויסראַטעווען אַ יידן פֿון פּאָליצייסקע הענט, ווען ער האָט קיין וואוינונגס־רעכט ניט געהאַט, אָדער פּדיון שבוים, באַפֿרייען אַ יידן פֿון תּפֿיסה, ווען ער איז אומשולדיק געזעסן (פֿאַלן, וואָס האָט ניט זעלטן פּאַסירט אין מאָסקווע) — דאָס אַלץ האָבן זיי פֿאַררעכנט פֿאַר אַ גרויסער מצווה און שטאַרק אָפּ־געהיט אַזעלכע מצוות, ווען אַפֿילו דאָס האָט זיי געקאָסט ניט ווייניק געלט און פֿיל מי.

זיי האָבן געהאַט גרויס דרך־ארץ פֿאַר אַ תּלמיד־חכם. זייענדיק אַליין עמי־הארצים, האָבן זיי, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, ניט געקאָנט אונטער־שיידן אַן אמתן תּלמיד־חכם פֿון אַ שווינדלער, וואָס האָט זיך פֿאַרמאַס־קירט אַלס כּלי־קודש. ניט זעלטן האָט מען זיי טאָקע גראָב אָפּגענאַרט.

די קינדער פֿון די ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן (זייער צאָל איז אין מיין צייט געווען איבערוועגנד אין מאָסקווע) האָבן שוין שטודירט, באַזוכט מיטל־שולן און הויך־שולן. אַנדערע האָבן געשיקט זייערע קינדער אין די ישיבות פֿון תּחום המושב.

איך האָב געקענט געוויסע זין פֿון ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געקענט גוט לערנען, געווען גוטע תּלמודיסטן; אויך אַזעלכע, וואָס האָבן דערוואָרבן זייער תּלמודישן וויסן אין מאָסקווע זעלבסט, ביי זייערע

עלטערן אין הויז, וואו מ׳האָט פאַר זיי געהאַלטן מלמדים פון אַלטן שניט גוטע תלמודיסטן און יראי שמים.

די ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן זיינען געווען אין הויז זייער שטרענגע פּאַטערס און מענער; זיי האָבן געפאָדערט אַן אייזערנע דיסציפּלין פון זייערע קינדער און פרויען.

איך האָב געקענט אַזעלכע הייזער, וואו די פּאַטערס האָבן געפאָדערט פון זייערע זין, סטודענטן, דאָקטוירים אד״ג, זיי זאָלן ערב יום־כפור שלאָגן כפרות, דרייען דעם האָן אַרום קאָפּ און זאָגן „זה חליפתי... זה כפרתי...״ און די קינדער, פאַרשטייענדיק די נאַרישקייט דערפון, ווויסנדיק, אַז כפרות איז ניט יידיש, אַז עס איז פאַראַן אין דעם געצנדי־נעריי, דאָך האָבן זיי געמוזט קעגן זייער ווילן דרייען די כפרות אַרום דעם קאָפּ גלייך מיט די עלטערן. זיי האָבן געמוזט אָפּהיטן ביי די עלטערן אין הויז אויך אַנדערע נאַרישע מנהגים, וואָס די פּאַטערס, די ניקאָ־לאַיעווסקי סאָלדאַטן, האָבן פון דעם שטאַרק געהאַלטן, ווי דאָס וואָלט געווען דער יסוד, דער עיקר פון יידישקייט.

ווי וואָלט געווען די קינדער, ווען זיי וואָלטן ניט געפאָלגט די שטרענ־גע פּאַטערס, וואָס זיינען אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אונטער דער אייזערנער דיסציפּלין, אונטער דעם אוממענטשלעכן קנוט פון דעם סאָלדאַטסקן רעזשים אין ניקאָלאַי דעם ערשטנס צייטן.

ווען מען האָט געוואָגט אין דער קעגנוואַרט פון אַזעלכע פּאַטערס קריטיקירן, ווער רעדט נאָך, חלילה, אויסלאָכן איינעם פון די מנהגים פון וועלכע זיי האָבן פעסט געהאַלטן, האָבן די אַלטע ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן געשריען, געגוואַלדעוועט אין צאָרן, אַרויסגייענדיק פון די כלים, אַז זיי, די פּאַטערס, האָבן אַלץ אַריבערגעטראָגן אונטער זייערע דיאַדקעס אַלס קאַנטאָניסטן, און האָבן צווישן די ערלים אָפּגעהיט יידישקייט, ווי גאָט אַליין האָט געבאָטן. אַלס שטראָף דערפאַר האָט מען זיי געבראַטן אויף הייסע סקאָווראָדעס, געלאָזט זיי שלאָפן אין ווינטער־נעכט אין שטאַלן מיט די חזירים — דאָך האָבן זיי זיך ניט אונטערגעגעבן. היינט ווי סמייען דאָס קינדער, וואָס עס גייט זיי אַזוי וואויל, אַזוי גוט, ביי די רייכע עלטערן, וואו עס פעלט זיי ניט פון פויגל־מילך, ווי וואָגן דאָס די „צעפּיעשטשעטע״ קינדער צו קריטיקירן יידישע מנהגים, וואָס זייערע עלטערן, עלטערנס־עלטערן און אַלע אבות האָבן דאָס אַזוי הייליק אָפּ־געהיט.

איך האָב געוואוסט פון פאַלן, וואו די פּאַטערס, געוועזענע ניקאָ־לאַיעווסקע סאָלדאַטן, האָבן זייערע זין, סטודענטן, געשלאָגן אָן רחמנות,

האַלב טויט, פֿאַר ניט אָפּהיטן ווי ס'דאַרף צו זיין דעם קלענסטן יידישן מנהג.

אין דער צייט פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, באַזונדערס אין די זעכציקער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט, האָבן אָנגעהויבן קומען קיין מאָסקווע יידן מיט באַזונדערע פּריווילעגיעס צו וואוינען אויסער דעם תחום: סוחרים פֿון ערשטער גילדיע, פּראָפֿעסיאָנאַלן, וואָס האָבן געענדיקט אַ רוסישן אוניווערזיטעט, בעלי־מלאכות, סטודענטן וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אין מאָסקווע אין אַ הויך־שול.

שפּעטער אַ ביסל האָבן זיך באַזעצט אין מאָסקווע, אָדער זיך צייטלעך אויפֿגעהאַלטן, אויך אַנדערע יידן, וואָס זיינען געקומען פֿון תחום המושב אין דער אַלטער הויפּט־שטאָט פֿון דער „מאַטושקאַ ראָסיאַ" זוכן פּרנסה, יידן וואָס האָבן קיין פּריווילעגיעס ניט געהאַט. אין דער צייט ווען פֿירשט דאָלגאָרוקאָוו איז געווען דער גענעראַל גובערנאַטאָר האָט מען ניט אַזוי געשטיקט, ניט אַזוי פֿאַרפֿאָלגט די יידן אין מאָסקווע, ווי נאָכדעם, אין דער צייט ווען עס האָט געהערשט דער פֿעטער פֿון ניקאָלאַי דעם צווייטן און דער ברודער פֿון אַלעקסאַנדער דעם דריטן, סערגעי דער צורר ישראל, דער אידיאָטישער טיראַן און פּערווערזער פֿאַרברעכער (וועלכער איז נאָכדעם צעריסן געוואָרן פֿון אַ באָמבע אין קרעמל).

די יידן האָבן זיך שוין אַן עצה געגעבן ווי צו באַזעצן זיך אין מאָסקווע, אָדער דאָרט צייטווייליק זיך אויפֿצוהאַלטן, ניט האָבנדיק קיין „רעכט" דערצו. אַ געוויסער טייל האָט מיטגעבראַכט פֿון זייערע שטעטלעך רעמעסלענע סווידעטעלסטוועס (צייגענישן, אַז זיי זיינען בעלי־מלאכות), ניט־קענענדיק באמת קיין מלאכה. פּאָליציי האָט געוואוסט, אַז זיי זיינען ניט קיין בעלי־מלאכות, און זי האָט באַקומען מאַנאַטלעכן כאַבאַר. אַנדערע האָבן קיין צייגענישן איבערהויפּט ניט געהאַט, און זיי האָבן געצאָלט גרעסערע סומען דער פּאָליציי און געווען אָפּהענגיק פֿון אירע קאַפּריזן פֿון איר אַכזריות און געלט־דורשט.

אַ גרויסע צאָל פֿון די „זיך־אַריינגעגנבעטע" יידן, אָן דאָס רעכט, איבערצונעכטיקן אין מאָסקווע, וואָס האָבן זיך די ערשטע צייט דאָרט אויפֿגעהאַלטן נאָר מיט נסים — אין יעדן מאָמענט האָט מען זיי געקאָנט אַרעסטירן און אָפּשיקן אין תחום המושב, אין יידישן ראַיאָן, מיט עטאַפּ — פֿיל פֿון אַזעלכע יידן האָבן זיך נאָכדעם דערוואָרבן וואוין־רעכט און האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם האַנדל אָדער אינדוסטריע פֿון רוסלאַנד, און זאָגאַר אין דער וויסנשאַפֿט און ליטעראַטור.

די וואָס האָבן ניט געהאַט קיין געלט צו צאָלן, זיך אויסצוקויפֿן פֿון דער פּאָליציי, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פֿון אירע אויגן און אייזערנע לאַפּעס,

זיך אויסבאהאלטן אין לעכער, אין די אוממעגלעכסטע וואוינונגען, פיל אין ענגע, שטיקנדע קעמערלעך.

די פאליציי פלעגט אפט מאכן אבלאוועס שפעט אין דער נאכט און איבערגעפאלן אזעלכע פארדעכטיקע וואוינונגען, זוכן אין די בעטן, אונטער די בעטן, אין אלע שפאלטן, און ארויסשלעפן יידן פון די בתי־כסאות. די יידן פלעגן זיך אפקויפן אין אזעלכע פאלן פון דער פאליציי מיט די לעצטע מיטלען, אדער אנדערע פלעגן זיי אויסקויפן.

עס איז געווען א טרויעריקע, שענדלעכע צייט. יידן פלעגן נאך מאכן לוסטיקע וויצן, דערציילן שארפע, געפעפערטע אנעקדאטן איבער דעם, ווי פאליציי האט אויף זיי געמאכט אבלאוועס, ווי אויף ווילדע חיות.

איך האב געקענט יונגע אינטעליגענטע יידן, וואס פלעגן זיך ארומ־בלאנקען נעכט, ווינטער־נעכט, איבער די גאסן, ווייל זיי האבן מורא גע־האט, אז מען וועט אויף זיי מאכן אן אבלאווע אין זייערע קאנורעס, און ניט האבנדיק קיין פרוטה ביי זיך, וועט מען זיי ארויסשיקן פון מאסקווע מיטן עטאפ, ווי פארברעכער.

עס זיינען אויך געווען אזעלכע יידן — אמת זייער צאל איז געווען זייער קליין — אין מאסקווע, און דווקא פון דער אזוי־גערופענער אינטע־ליגענץ, וואס האבן דערווארבן זייער רעכט צו וואוינען אויף דעם שענד־לעכסטן אופן. זיי פלעגן קויפן א טויף־צעטל ביי א געוויסן פראטעסטאנ־טישן גלח, וועלכער האט געהאנדלט מיט דעם. האבנדיק דעם טויף־צעטל אין קעשענע, האבן זיי פאר דער פאליציי קיין מורא ניט געהאט, אבער זיי האבן דאס באהאלטן פון די יידן. זיי זיינען געבליבן אין דער יידישער געזעלשאפט, ווייל קיינער האט ניט געוואוסט, אז זיי טראגן זיך ארום געהיים מיט א טויף־צעטל. נאר ווען איינער פון זיי פלעגט שטארבן, און די פאליציי פלעגט צווינגען אים מקבר צו זיין אויפן קריסטלעכן בית־עלמין, דאן פלעגט ארויסקומען דער שענדלעכער סוד.

אזוי איז עס געווען מיט דעם איינציקן זון פון דעם גאון רבי מלבי״ם, וועלכער האט געוואוינט אין מאסקווע אויף א טויף־צעטל אלס פראטעסטאנט, און ערשט נאך זיין טויט האט מען זיך דאס דערוואוסט.

*

דאס יידישע מאסקווע איז געווען, אין מיין צייט, ארעם אין גייסטיקע, אנערקענטע פירער. עס איז קיין סימן ניט געווען פון א קהילה־וועזן. די רעגירונג האט ניט צוגעלאזן קיין פארזוך צו ארגאניזירן דאס יידישע לעבן אויף וועלכן עס איז אופן אין דער אלטער הויפט־שטאט, האט ניט דערלויבט אפילו צו בויען שולן אדער צו גרינדן באזונדערע יידישע אינסטיטוציעס.

דאָס מאָסקווער יידנטום האָט דאָך געפירט אַן אינטענסיוון לעבן, אַן עכט־יידישלעכן לעבן, נאָר „אומלעגאַל", ד. ה. „געזעצלעך", לעגאַל, האָבן יידן אַלס אַ קיבוץ, אַ „געמיינשאַפט" קיין זאַך ניט געטאָרט, נאָר פּאָליציי האָט פאַרקוקט זאַכן, ווען מ'האָט „געשמירט". און מ'האָט טאַקע „געשמירט" די העכערע ווי די נידעריקערע רעגירונגס־באַאַמטע, פאַר יעדער קליי־ניקייט.

דער אָפיציעלער פאַרשטייער פון די יידן אין מאָסקווע פאַר דער רעגירונג איז טאַקע געווען דער רעגירונגס־ראַבינער זאַלקינד מינאָר, וועל־כער האָט צענדליקער יאָרן אָנגעהאַלטן זיין אַמט. אַלע שבת פלעגט ער דרשענען אין רוסיש אין דער כאָר־שול, וואָס זיינע מיטגלידער זיינען געווען די רייכסטע יידן און אַ צאָל פראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ, די וואָס האָבן נאָך פון צייט צו צייט באַזוכט די שול, באַזונדערס אין די „טאַבלנע" טעג, ד. ה., די פייערלעכע טעג פון דער רעגירונג, ווען די יידן האָבן ג ע מ ו ז ט דעמאָנסטרירן זייער פאַטריאָטיזם.

אמתע רוסיפיצירטע, אַסימילירטע יידן זיינען פאַרהעלטניסמעסיק זייער ווייניק געווען אין מאָסקווע, און זיי האָבן קיין איינפלוס ניט געהאַט אויף די יידישע קרייזן. זיי האָבן דאָס אויך ניט געזוכט. זיי זיינען גע־שטאַנען אַן דער זייט פונעם יידישן לעבן.

מיט דעם נאָמען ז. מינאָר איז פאַרבונדן אַ שטיק געשיכטע פונעם מאָסקווער יידישן לעבן אין דער צווייטער העלפט פון נייַנצנטן יאָרהונ־דערט ביז די ניינציקער יאָרן, ווען אויף זיין שטעלע איז געקומען זיין גייסטיקער „אַנטיפּאָד" — יעקב מזא"ה.

אַ לענגערע צייט האָט מינאָר געדינט אַלס מוסטער, אַלס ביישפּיל פאַר די „קאַזיאָנע ראַבינער" אין גאַנץ רוסלאַנד. ער איז געווען דער גע־בילדעסטער און דער גרעסטער ווירקלעכער געלערנטער אויף דעם געביט פון יידישן וויסן (אויסער ד"ר שלמה מאַנדעלקערן, וואָס איז געווען נאָר אַ קורצע צייט דער געהילפס־ראַבינער אין אָדעס, און וועלכער האָט טראָץ זיין פּילזייטיקער געלערנזאַמקייט אָפּגעשטויסן פון זיך זיין געמיינדע דורך זיינע מעשים).* די קאַזיאָנע (רעגירונגס) ראַבינער אין דער פּראָווינץ האָבן געלערנט די דרשות פון מינאָרן אויף אויסווייניק. קיין אַנדערע מוסטערן האָבן זיי ניט געהאַט. די רוסישע דרשה אין שול איז געווען אַ נייער געביט, און דער גרעסטער טייל פון די רעגירונגס־ראַבינער אין רוסלאַנד (אַ חוץ

*) די כאַראַקטעריסטיק פון ד"ר שלמה מאַנדעלקערן האָט געגעבן דער העבראַישער דיכטער י. ל. גאָרדאָן אין זיין בייסיקן, גאַליקן שיר: „אם פגש בך מנוול זה". הגם דער נאָמען מאַנדעלקערן ווערט ניט דערמאָנט אין שיר, האָבן דאָך די לייענער געוואוסט, ווער דער „מנוול" איז.

פּעטערבורג, אָדעס, קיעוו און פּינסק) זיינען געווען, ווי באַקאַנט, גרויסע עמי הארצים אין יידישע ענינים, און פֿאַרמאָגט זייער ווייניק אַלגעמיינע בילדונג. פֿון האָמילעטיק, די וויסנשאַפֿט און די קונסט פֿון דער בימה־דרשה, האָט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין.

אויך בנוגע דער פֿאַרטרעטונג פֿון יידישע ענינים פֿאַר דער רוסישער רעגירונג, אין געוויסע שווערע אָדער אומאנגנעמע פֿאַלן, פֿלעגן זיך די רעגירונגס־ראַבינער פֿון דער פּראָווינץ, אָדער זייערע קהלות, ווענדן נאָך אַן עצה, נאָך אַ וועג־ווייזונג, צו מינאָרן, וועלכער האָט געהאַט אַ צוטריט צו זייער „גרויסע האַרן" און צו יידישע מיליאָנערן און תקיפֿים.

מינאָר איז געווען איינער פֿון די בעסטע תּלמידים פֿון דער ווילנער ראַבינער־שול, און איז געשטאַנען נאָענט צו די ערשטע משׂכּילים פֿון ירושלים דליטא. פֿון זיי האָט ער איבערגענומען דעם גרויסן דרך־ארץ פֿאַר די חכמי־ישׂראל פֿון דייטשלאַנד און די ליבע צו דער ביבלישער שפּראַך, וועלכע ער האָט באַהערשט. ער איז פֿון דער נאַטור געווען אַ פֿאָרשער און האָט זיך געגריבלט אין דער יידישער וויסנשאַפֿט. ער אַליין האָט אין איר גאָרניט אויפֿגעטאָן, טראָץ זיין וויסן און זיינע גוטע פֿייאיקייטן. זיין אַמט האָט ביי אים צוגערויבט די צייט און די קראַפֿט. ער איז געווען אַ פּינקטלעכער ביוראָקראַט, אָבער נישט קיין גייסטיקער פֿירער. ער האָט ניט ליב געהאַט די יוגנט, ווי די יוגנט האָט אים ניט פֿאַרטראָגן. פֿון וועלכן ס׳איז איינפֿלוס אויף דעם וואַקסנדיקן דור האָט קיין רייד ניט גע־קאָנט זיין.

אין די צוואַנציקער יאָרן פֿון זיין אַמט אַלס ראַבינער און פּריידיקער אין דער רייכסטער יידישער געמיינדע האָט מינאָר ניט געשאַפֿן קיין יידישע אינסטיטוציע, און קיין זאַך ניט געטאָן פֿאַר דער יידישער דער־ציאונג. די חיבת ציון באַוועגונג, ווי דעם סטודענטישן פֿאַראיין „בני ציון" האָט ער באַטראַכט אַלס אומלעגאַל און אַלס זינלאָז. די יוגנט, איז געווען זיין מיינונג, מוז זיך און זאָל זיך אַסימילירן, ד. ה., רוסיפֿיצירן, נאָר אָנשטאָט אַ דרייפֿאַכן גאָט, די „דריי איינהייט", זאָל זי גלויבן אין איין גאָט און אין איין צאַר דעם זעלבסטהערשער. זיין שלאָגוואָרט צו דער יוגנט איז געווען: „ירא את אלהים ומלך", ד. ה., מורא האָבן פֿאַר גאָט און פֿאַרן קייזער!

איך ווייס ניט ווי וויט מינאָר אַליין האָט מורא געהאַט פֿאַר גאָט. פֿאַרן צאַר און זיינע קנעכט האָט ער געוויס מורא געהאַט און האָט זיי טריי געדינט. די ציוניסטן ווי די סאָציאַליסטן האָט ער געהאַסט, און קיינמאָל ניט געקענט באַגרייפֿן זייער חוצפּה. זיין שטראָף איז געווען: זיין יינגערער זון איז נאָך אַלס סטודענט אַריינגעטראָטן אין דער סאָציאַל

רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, איז פֿאַרשיקט געוואָרן אין סיביר און איז מיט דער צייט געוואָרן איינער פֿון די זיילן אין דער פּאַרטיי. צווישן אים און זיין פֿאָטער זיינען איבערגעריסן געוואָרן אַלע גייסטיקע באַציאונגען.

דער עלטערער זון פֿון מינאָר איז שוין אין מיין צייט געוועזן פּראָ־פֿעסאָר פֿון פּסיכאָלאָגיע אין דעם מאָסקווער אוניווערזיטעט. ער איז דאָן געווען ווייט פֿון אַלע יידישע אינטערעסן און פֿרעמד פֿון יידישן לעבן. ער האָט זיך געהאַט אין גאַנצן געווידמעט דער ריינער וויסנשאַפֿט. זיין איינציקע באַציאונג צו יידן איז געווען זיינע פֿאָרשונגען וועגן די נערוון־קראַנקהייטן צווישן זיי, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין אַ בראָשור.

*

מינאָר האָט גערעדט רוסיש מיט אַן עכט יידישן ווילנער אַקצענט. אים האָט געפֿעלט דער רעדנער־טאַלאַנט. אים האָט אויך געפֿעלט דער פּאַטאָס פֿון דער בימה־דרשה, דאָך האָבן זיינע רעדעס געהאַט אינהאַלט, ווען ער האָט גערעדט וועגן דער עטיק, מאָראַל פֿונם יידנטום, אָדער וועגן תנ״ך. האָט ער אָבער געדרשנט פֿון דער בימה וועגן די חסדים פֿון מלוכות, פֿון רוסישן צאַריזם, פֿון דעם „מלך חסד״ אַלעקסאַנדער דער דריטער און זיינע שרים, אָדער ער האָט מספּיד געווען אַ יידישן מי־ליאָנער, ווי דער טויט פֿונם אייזנבאַן־מאַגנאַט שמואל פּאָליאַקאָוו, אָדער האָט ער געדרשנט וועגן מער אָדער ווייניקער וועלטלעכע ענינים, וועגן געזעלשאַפֿטלעכע פֿליכטן — האָבן זיינע דרשות אָפּגעשטויסן מיט זייער לעכערלעכקייט און קריכעריי, דער אַלטער מה־יפֿית טאָן. עס האָט דעם רעדנער געפֿעלט דער נאַציאָנאַלער ערן־געפֿיל. דאָס האָט זייער דער־ווייטערט פֿון אים די נאַציאָנאַל־געשטימטע אַקאַדעמישע יוגנט.

ווען גראַף לעוו טאָלסטאָי איז אַריינגעטראָטן אין די זיבעציקער יאָרן האָט ער גענומען אונטערריכט אין דער העברעאישער שפּראַך ביי מינאָרן, אום צו לייענען די ביבל אין איר אָריגינעלער שפּראַך. טאָלסטאָי פֿלעגט קומען צו מינאָרן ווי אַ תּלמיד צו אַ רבין.

מינאָר האָט געהאַט גענוג וויסן און קענטעניש אין העברעאיש און אין דעם תנ״ך, אום צו זיין אין דעם געביט אַ רבי פֿאַר אַזאַ גרויסן תּלמיד. אָבער דער רבי האָט געהאַט ווייניק אינטערעס און אויך ווייניק קענטעענישן בנוגע דעם יידישן לעבן אין דער קעגנוואַרט, צו קאָנען פֿאַראינטערעסירן דעם גרויסן שריפֿטשטעלער מיט דער יידישער לאַגע אין רוסלאַנד, אום אָפּצושוואַכן געוויסע פֿאָראורטיילן, וואָס טאָלסטאָי האָט געהאַט קעגן די יידן.

איך האָב געלעבט אַ פּאָר יאָר אין מאָסקווע, איידער איך בין געפֿאָרן קיין פּעטערבורג. איך האָב זיך קיינמאָל פּערזענלעך ניט געטראָפֿן מיטן ראַבינער זאַלקינד מינאָר, קיינמאָל אים ניט באַזוכט. ער האָט מיך ניט אינטערעסירט. איך האָב געגלויבט, אַז ער ווייס ניט פֿון מיין עקזיסטענץ.

קומענדיק פֿון פּעטערבורג צוריק קיין מאָסקווע, האָב איך געדאַרפֿט באַקומען אַ געוויסן דאָקומענט אין דער קאַנצעלאַריע פֿון ראַבינער מינאָר. ווען איך בין געקומען אין זיין קאַנצעלאַריע, אין זיין וואוינונג, און אָנגע־רופֿן מיין פֿאַמיליע־נאָמען, האָט ער אַן אויפֿגעקאָכטער מיך געפֿרעגט: זייט איר דאָס דער זעלבער בריינין, וואָס האָט מיך אַזוי שאַרף קריטיקירט אין „המליץ" מיט אַ יאָר צוריק? „איך בין דאָס דער זעלבער בריינין, וואָס האָט אייך קריטיקירט אין 'המליץ'!"

„וואָס האָט איר קעגן מיר, וואָס איר האָט מיך אַזוי מבטל געווען, וואָס, האָב איך אייך שלעכטס געטאָן?"

„איך האָב קעגן אייך אַליין גאָרנישט. ניט איר קענט מיך, ניט איך קען אייך פּערזענלעך, און אייך פּערזענלעך האָב איך ניט קריטיקירט און אייער פּערזענלעכן כבוד ניט פּוגע געווען. איך בין אָבער קעגן אייערע אַנזיכטן, וועלכע איר האָט אויסגעדריקט אין אייערע דרשות, און זיי, די דרשות אייערע, האָב איך קריטיקירט".

„נאָך אַזאַ אַרטיקל קעגן מיר, ווי קענט איר קומען צו מיר און פֿאַר־לאַנגען פֿון מיר דעם דאָקומענט, וואָס איר דאַרפֿט?" האָט מיך מינאָר בייז געפֿרעגט.

איך האָב אים רואיק געענטפֿערט: „אייער פֿליכט אַלס רעגירונגס־רבֿ איז מיר אַרויסצוגעבן דעם דאָקומענט, וואָס איך פֿאַרלאַנג פֿון אייך ניט פֿאַר זיך און ניט פֿון מיינט וועגן, ניט קוקנדיק אויף דעם צי אייערע דרשות געפֿעלן מיר, אָדער געפֿעלן מיר ניט. וואָס דאַרף איך באַצאָלן אום צו באַקומען אַזאַ דאָקומענט?"

„איר זייט אַ חובב ציון, אַ לאומי ווי מ'רופֿט דאָס אַן היינט?" האָט מיך מינאָר נאָך אַלץ בייז געפֿרעגט.

„איך בין דאָס".

„וואָס האָבן קעגן מיר די בני ציון?"

„קעגן אייך פּערזענלעך האָבן זיי גאָרנישט, אָבער זיי זיינען קעגן אייערע מיינונגען".

מינאָר איז פּלוצלונג ווייכער געוואָרן, געבעטן מיך אין זיין פּריוואַטן קאַבינעט, און אַריינגעלאָזן זיך מיט מיר אין אַ דעבאַטע וועגן די „חיבת־ציון חלומות" און וועגן יידישע נאַציאָנאַלע געפֿילן. ביידע זאַכן, האָט ער געטענהט, זיינען געפֿערלעכע חלומות פֿאַר די יידן אין רוסלאַנד. די

חיבת־ציון באַוועגונג, ווי דער סאָציאַליזם,ביידע באַוועגונגען צווישן דער יידישער יוגנט, ברענגען נאָר אומגליק דעם רוסישן יידנטום. מיר מוזן זיך גליקלעך פילן, ווען מען לאָזט אונדז אָטעמען, ווען מען שלאָכטעט אונדז ניט אויס ווי אין כמעלניצקיס צייטן, ווי אין די אינקוויזיציע־צייטן. ווען ניט אונדזער ווידערשפעניקע יוגנט, וואָס איז גאָר ניט פּאַטריאָטיש, וואָלט אונדזער לאַגע נאָך פיל בעסער געווען, דען מיר האָבן אַ מלך של חסד.

„און די פּאָגראָמען אויף אונדז, און די אַבלאַוועס אויף אונדז, און אונדזער רעכטלאָזיקייט...״ אאַז״וו. האָב איך זיך געקאָכט מיט יוגנטלעכן פייער און מיט דער נאַאיוויטעט צו איבערצייגן דעם ביוראָקראַטישן ראַבינער.

צום סוף האָט זיך מינאָר צו מיר געווענדט:

„אמת, איר זייט ניט ווערט, איך זאָל אייך אַרויסגעבן דעם דאָקו־מענט אין דער פרעמדער אָנגעלעגנהייט, וואָס איר פאַרלאַנגט פון מיר. אָבער מיר געפעלט אייער לשון קודש, אין וועלכן איר שרייבט אין „המליץ״. ווי עס שיינט מיר, זענט איר קלאָר אין תנ״ך — און דאָס גראָד געפעלט מיר. נאָר ליידער פאַרווענדט איר אייער לשון קודש אויף אַ ניט פּאַסיקן דרך. וואָס הייסט איר קריטיקירט מיינע דרשות? ווי קומט אַזאַ יונגער מענטש, ווי איר, וואָגן אויסצולאַכן מיינע רעדעס, וועלכע האָבן חן געפונען אין די אויגן פון קניאַז דאָלגאָרוקאָוו?״

„אָט טאָקע דערפאַר געפעלן זיי מיר ניט״,*) האָב איך אים אָפּגע־ענטפערט.

מינאָר האָט ניט געוואָלט בשום אופן נעמען קיין געלט פאַר דעם דאָקומענט, וואָס ער האָט מיר אַרויסגעגעבן, ווי איך האָב פון אים פאַר־לאַנגט.

דער זכות פון מיין לשון קודש איז מיר בייגעשטאַנען.

*) דעם דאָזיקן געשפּרעך מיט מינאָרן האָב איך אין זיין צייט פאַרצייכנט וואָרט ביי וואָרט אין מיין טאָגבוך.

דער קאַמעניצער מגיד

בעת דער דעמאָלסטדיקער לײדנשאַפֿטלעכער אַגיטאַציע פֿאַר דער אויפֿלעבונג פֿון העברעאיש, גאַרניט נעמענדיק אין באַטראַכט די ייִדישע שפּראַך אַלס די פֿאָלקס־שפּראַך, האָט מיך דער צופֿאַל צוזאַמענגעפֿירט מיט אַ מערקווירדיקער פּערזענליכקייט, וואָס איז געווען דער ערשטער מיך צו באַקענען מיט אַ גאַנץ אַנדער שטאַנדפּונקט.

דאָס איז געווען רבי חיים זונדל מכבי, באַקאַנט אונטערן נאָמען „דער קאַמעניצער מגיד". ער איז געקומען קיין מאָסקווע פֿרילינג, 1888, צו האַלטן זײַנע דרשות. צו יענער צײַט איז מ. אוסישקין געשטאַנען מיט אים אין אונטערהאַנדלונגען אים אַנצושטעלן אַלס אַ „מטיף לאומי וציוני", גע־שיקט פֿון די מאָסקווער חובבי ציון אין דער ייִדישער פּראָווינץ. אַ שבת נאָכמיטאָג בין איך, אוסישקין און טשלענאָוו, אַלס די מיטגלידער פֿונם חובבי־ציון קאָמיטעט, געגאַנגען הערן, אַלס מבינים, די ערשטע דרשה פֿון מכבי. דאָס איז געווען אין אַ קליין שולכל פֿון די אויסגעדינטע ניקאָ־לאַיעווסקער סאָלדאַטן. דער ערשטער אײַנדרוק פֿון יענער דרשה און פֿונם דרשן איז נאָך פֿריש און לעבעדיק אין מײַן זכרון. מכבי איז געשטאַנען לעבן אָרון־קודש, מיטן פּנים צום עולם. אַ געלבלעך־בלייך פּנים, אַ געדיכ־טע, פֿולע בלאָנדע באָרד, אַ הויכער דענקער־שטערן, רעדעוודיקע שטראַפֿנדיקע אויגן, קליין־געוואַקסן און נערוועז־באַוועגלעך. דאָס שולכל איז געווען אָנגעפּאַקט מיט געוועזענע ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן — אַן עלטערער עולם, זקנים, פֿעסט־געבויטע, ווי פֿון שטאָל אויסגעגאָסן. לעבן מגיד איז געשטאַנען אַ פֿולער עמער מיט קאַלט וואַסער. ווען ער האָט אָנגעהויבן „זאָגן" מיטן סקאַרבאָוון מגידישן ניגון, האָט ער גלייך געוואונען און באַצויבערט די צוהערער, וואָס זײַנען געשטאַנען קאָפּ־אויף־קאָפּ.

די שטים פֿון מכבי איז געווען ווירקלעך וואונדערבאַר, אַ זעלטנהייט. אַ זייער רײַכער רעגיסטער פֿון טענער און ניואַנסן, בויגזאַם און מאָדו־לאַציע־פֿעאיק. די פֿאַרב פֿון דער שטים אַ וואַרעמע, אָפּטמאָל אויך גלוטיק־הייס. אָט האָט די שטים געדונערט מעכטיק, צאַרנדיק געריפֿן, געמאָנט און געוועקט, אָט איז זי געווען צאַרט, ווייך און אַרײַנדרינגענדיק טיף אין דער נשמה. אָט איז די שטים געווען קלאָר, העל, ווי אַ געשליפֿענער קרישטאָל,

און אָט איז זי געווען ווייגעגדיק און אָנגעזאָפּט מיט טונקעלן שמאַרץ. אינם זיפּץ פון מכבי האָט זיך געהערט דער זיפּץ פון דורות, דער זיפּץ פון א פאָלק, וואָס ווערט געפּייניקט, געמאַטערט און אינקוויזיטאַריש געשענדט. אין געוויסע שטעלן האָט די שטים אויסגעדריקט עקשנות, האַרטנעקיקייט, שטאָלץ, שפּאָט און נצחון איבערן שונא, וואָס ער האָט געזען מיט זיינע גייסטיקע אויגן.

מיר איז נאָך דעם אויסגעקומען צו הערן די בעסטע רעדנער אין אייראָפּע און אין אַמעריקע. קיינער פון זיי, אַפילו ניט זשאַרעס, דער בעס־טער רעדנער פון זיין צייט אין פראַנקרייך (וועלכן איך האָב געהערט אין פּאַלעי בורבאָן אין דער באַרימט־געוואָרענער דעבאַטע מיט קלעמאַנסאָ וועגן דעם צוקונפט־שטאַט) — קיינער פון זיי האָט ניט געהאַט אַזאַ מערק־ווירדיקע שטימע. עס איז געווען א וואונדער פון דער נאַטור.

דער קאַמעניצער מגיד האָט גערעדט אַ פּיר שעה (זיינע דרשות פלעגן אין געוויסע פאַלן דויערן אויך זעקס שעה אָן איבעררייס). ניין, ער האָט ניט גערעדט, ניט „געזאָגט" נאָר געשטורעמט, געקעמפט היציק מיט אומ־זיכטבאַרע, בייזע גייסטער, געשטראָפט אָן רחמנות, ווילד געדראָעט און אויך געטרייסט, געלאַשטשעט און רחמים זיך געבעטן ביי זיינע צוהע־רער, זיי זאָלן גיין אויפן וועג, וואָס אונזערע נביאים האָבן אָנגעצייגט.

דער ברויזנדיקער טעמפּעראַמענט פון דעם מכבי איז געווען אַ שטורם־ווינט, אַן אומאויפהאַלטזאַמער וואַסערפאַל. איך האָב באַוואונדערט דעם דרשן און זיין דרשה, ווי נאָר יוגנט קען באַוואונדערן; כ'בין געווען שטאַרק דערשטוינט פון דער אומגעוויינלעכער גייסטיקער שפּאַנונג, פונעם עקסטאַז, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שטייגן און פון דער גוואַלדיקער אויטאָ־סוגעסטיע, וואָס האָט באַהערשט דעם רעדנער. זיין אינערלעך פייער האָט זיך אויף איין רגע ניט אויסגעלאָשן — און קיין סימן פון מידקייט.

וויפיל גייסטיקן דינאַמיט האָט אַנטהאַלטן אָט דאָס שוואַכע, קליינע קערפּערל! וויפל אינערלעכע עקספּלאָזיעס זיינען אין אים פאָרגעקומען אין די פיר שטונדן! ווי האָט ער עס אויסגעהאַלטן? עס איז ניט געווען צו באַגרייפן.

אין מיטן דער דרשה, ווען ער האָט זיך שטאַרק צעקאָכט און צע־פלאַקערט, האָט ער אויפגעקנעפּלט זיין וועסט, פונאַנדערגעשפּילעט ביים האַלדז און טראַציק אַרויסגעשטעלט זיין נאַקעטע, האַריקע ברוסט. ער האָט זיך געבאָדן אין שוויס. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער צינדט זיך אָן מיט זיינע אייגענע ווערטער, כדי צו דערוואָרעמען, כדי אָנצוצינדן זיינע צוהערער.

די דרשה זעלבסט איז געווען צוזאַמענגעשטוקעוועט פֿון דרוש, פּלפּול, מיטלאַלטערלעכע פֿילאָזאָפֿיע און פֿאָלקלאָר. דער צוועק פֿון דער דרשה איז געווען צו שילדערן דעם גלות אין די שוואַרצסטע פֿאַרבן, און צו באַווייזן, אַז דער ישוב ארץ־ישראל וועט ברענגען די אמתע גאולה. דער בוי פֿון דער דרשה, דער גאַנצער מאַניר, דער נוסח און דער ניגון זײַנען געווען סקאָרבאָווע, אַלטמאָדישע, עכט־מגידישע. דאָך איז די דרשה געווען דורכגעוועבט מיט נײַע, אָפּט אויך אָריגינעלע, כּמעט רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען.

דער שטײַגער פֿון זײַן „זאָגן" האָט אויף מיר געמאַכט דעם אײַנדרוק ווי אײַנער וואָס וויל דורכשמוגלען אין אַן אַלטן, צעפֿליקטן טלית, פֿאַרבאָטענע סחורה. די דרשה איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט לומדות, מיט גרויסע בקיאות, מיט ווירקלעכער שאַרפֿער חריפֿות, מיט שאַרפֿע תּלמודישע המצאות, וואָס האָבן דעראינערט אָן דעם משונהדיקן פּלפּול פֿון א רבי יעקב פּאָלאַק, מיט משלים אויפֿן אופֿן פֿון דעם באַקאַנטן מגיד פֿון דובנאָ; מיט תּוכחות וואָס האָבן אַרויסגערופֿן אין אונדזער פֿאַנטאַזיע די געשטאַלט פֿונם פֿאָלקסטימלעכן און גרימצאָרנדיקן מגיד פֿון קעלם. און צווישן די דאָזיקע אַלע חורבות פֿון אַמאָליקע גיגאַנטישע בנינים, האָבן זיך דורכגעוואָרפֿן פֿרישע, גרינגע שפּראָצונגען פֿון מאָדערנע געדאַנקען און געפֿילן. עס איז געווען אַ מיש־מאַש פֿון אַן אומאָרגאַניזירטן גײַסט.

מכּבי איז געווען ניט נאָר אַ גרויסער למדן און בעל־דרשן, אָבער אויך אַ וואָרט־קינסטלער. טעמפּעראַמענטפֿול און מייסטערהאַפֿט האָט ער געשילדערט אין זײַן דרשה מאָנומענטאַלע בילדער פֿון יידישן לעבן אין די גלות־לענדער, בילדער פֿון יידישע לופֿט־מענטשן. שילדערנדיק אַזעלכע שוואַרצע און גרויזאַמע בילדער, האָט ער אין עקסטאַז האַסטיק אויפֿגעריסן דעם אָרון־קודש און אויסגעשריגן אויף דער העכסטער אָקטאַווע: „דער גלות האָט אונדז פֿאַרוואַנדלט אין שווינדלער, האָט אונדז געצוואונגען צו פֿאַרנעמען זיך מיט נידעריקע און טריפֿה פּרנסות!" ער האָט אויסגערעכנט לויט דעם אלף־בית, אַלע יידישע פֿעלערן אין די גלות־לענדער, און פֿאַרענדיקט דעם צעטל פֿון יידישע חטאים מיטן אויסרוף: „באו מים עד נפֿש! אונדזער נפֿש טרינקט זיך, ער זינקט שוין אין תּהום! נאָר ארץ־ישראל קאָן אונדז ראַטעווען! נאָר ארץ־ישראל קאָן אונדז ברענגען די גאולה שלימה!" דרשנדיק וועגן דער הײליקראַפֿט פֿון ארץ־ישראל פֿאַר דער יידישער פֿאָלקס־נשמה, האָט ער געבליצט מיט שאַרפֿזיניקע געדאַנקען, מיט ווילדע פּאַראַדאָקסן, געהאָגלט און געדונערט מיט מאמרי חז"ל.

אַן אויסגעשעפּטער און אַ טויט־מידער האָט ער פֿאַרענדיקט זײַן פֿיר־שעהדיקע דרשה.

מכּבי, אַלס מענטש, האָט מיך גלײַך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט. איך האָב אים אײַנגעלאַדן צו וואוינען בײַ מיר אַ פּאָר טעג. זײַער גערן האָט ער אָנגענומען מײַן אײַנלאַדונג. איך האָב געטיילט מיט אים מײַן קליינעם אָרעמען צימער.

אויסגעזען האָט דאַן מכּבי פֿיל עלטער פֿון מיר. באמת איז ער געווען נאָר מיט אַ פּאָר יאָר עלטער. מײַן גרעסטע גײַסטיקע ליידנשאַפֿט איז שטענדיק געווען נעענטער זיך צו באַקענען ווי ווײַט עס איז מעגלעך, מיט דער נשמה פֿון אויסנאַם־מענטשן, די גאַנץ באַזונדערע, די מערקוויר־דיקע מענטשלעכע עקזעמפּלאַרן. מכּבי איז אויך געווען איינער פֿון די דאָזיקע.

אַ פּאָר טעג האָב איך געהאַט די פֿולע מעגלעכקייט נאָענט צו באָאַ־באַכטן דעם מענטשן מכּבי. ער איז געווען און איז פֿאַרבליבן אין מײַנע אויגן אַ פּראָבלעמאַטישע נאַטור, פֿול מיט ווידערשפּרוכן און אינער־לעכע שפּאַנונגען. ער איז דאַן געווען (איך ווייס ניט וואָס איז פֿון אים נאָך דעם געוואָרן) אַן אַסקעט, אַ שטרענגער וועגעטאַריער. זומער און ווינטער איז ער אומגעגאַנגען אין גומי־שיך. ער האָט ניט געטראָגן אויף זײַנע פֿיס און אויף זײַן קערפּער קיין זאַך פֿון לעדער, וואָס ווערט אויסגעאַרבעט פֿון אַ פֿעל פֿון אַ בעל־חי. צוליב דעם האָט ער אויך אין ווינטער קיין פֿוטער ניט געטראָגן.

די נעכט, וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט אין מײַן צימער, האָט ער כּמעט מיט אַן אויג ניט צוגעמאַכט. מיך האָט ער אויך ניט געלאָזן שלאָפֿן. ער האָט געהאַלטן אין איין דעבאַטירן מיט מיר וועגן מעטאַפֿיזישע פֿראַגן. און ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען פֿון די היציקע דעבאַטן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער, דער קאַמעניצער מגיד, דער פֿאַנאַטישער מוכיח, איז גאָר אַ כּופֿר בעיקר, אַ פֿאַנאַטישער אַטעאיסט. די באַגרינדונג פֿון זײַן אַטעאיזם איז געווען אַ פּרימיטיווע: ווען עס איז דאָ אַ גאָט, היינט ווי קאָן ער צוזען אַזוי פֿיל אומרעכט אויף דער וועלט און שווײַגן... ער האָט געהאַלטן אין איין טענהן, אַז די וועלט איז אַ קדמון, שטיצנדיק זיך אויף געוויסע גריכישע פֿילאָזאָפֿן, וואָס ער האָט געוואוסט פֿון דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור. זײַן צוגאַנג צום אייביקן פּראָבלעם איז געווען ניט קיין וויסנשאַפֿטלעכער און ניט קיין פֿילאָזאָפֿישער. זײַן פֿאַנאַטישע כּפֿירה האָט מיך שטאַרק אויפֿגעבראַכט. מיר איז שווער געווען צו באַ־גרײַפֿן, ווי קאָן מען מיט זיכערקייט און באַשטימטקייט לייקענען די סיבה־ראשונה? איך האָב אַלץ אָנגעווענדעט, כּדי אויפֿצוטרייסלען זײַן פֿעסטע

אמונה אינם קינדישן אַטעאיזם. עס איז געווען אומזיסט. ער איז געבליבן ביי זיינס: לית דין ולית דיין.

דאַן האָב איך זיך שטרענג געווענדט צום מגיד: „אויב אַזוי, זייט איר אַ צבועק, אַ היפּאָקריט! ווען איר זייט אַ כּופר בעיקר, היינט ווי קאָנט איר האַלטן אייערע פרומע דרשות, ווי קאָנט איר שטראָפן דעם עולם? איר האָט ניט קיין גאָט אין הארצן, און דאָך רעדט איר פון דער בימה ווי אַ פלאַם־פייערדיקער מאַמין”.

אויף צו פאַרטיידיקן זיך, האָט מיר מכּבי אַנטפּלעקט זיין נשמה (און איך וויל גלויבן, אַז ער איז דאַן געווען אויפריכטיק): ער ליידט פון אַ גייסטיקער קדחת; אַמאָל פיבערט ער פון אמונה און דאַן פאַרטראַגט ער ניט קיין אַפּיקורס, ער קאָן אים אויף שטיקער צערייסן; אַמאָל ברענט ער פון כּפירה און ער דולדעט ניט קיין בלינדן מאַמין — דאָס איז די אינער־לעכע טראַגעדיע. זיין עטישער גייסט אָבער איז ניט אָפּהענגיק פון זיין רעליגיעזער שטימונג. פעסט און קיינמאָל ניט וואַקלדיק איז זיין אמונה אין דער עטישער אויפגאַבע פונם יידישן פאָלק. די תורה איז הייליק, ווען זי איז אַפילו ניט מן השמים, נאָר אַ פּראָדוקט פון דער פאָלקס־שאַפונג. און אין מיטן געשפּרעך האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אַן עכטער פאָלקס־מענטש. זיין ליבע צום פאָלק, צו די גרויסע אידישע מאַסן, איז געווען אַ מיסטישע, אַ רעליגיעזע.

און דאָ קום איך צום אויסגאַנג־פּונקט.

אין לויף פון אונדזערע שטורעמדיקע דעבאַטן איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן די פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט און דער נויטיקייט צו פאַר־וואַנדלען די העברעאישע שפּראַך אין אַ לעבעדיקער פאָלקס־שפּראַך. און דאַן איז מיר צום ערשטן מאָל אויסגעקומען צו הערן אַ הונדערט־פּראָצענטיקן נאַציאָנאַליסט, און דערצו נאָך אַ גרויסן למדן, אַזוי פיל לויב־ווערטער פאַר דער יידישער שפּראַך. מכּבי האָט געזוכט מיך צו איבערצייגן, אַז דער פּרואוו אויפצולעבן די העברעאישע שפּראַך אין די גלות־לענדער, קאָן העכסטנס שאַפן אַ קליינע גרופּע פון העברעאישער אַריסטאָקראַטיע, אָדער בעלי־ גאַווהס, וואָס וועלן זיך דערוויטערן פונם לעבעדיקן פאָלק. יידיש איז איצט אַזוי הייליק, ווי עס איז געווען אַמאָל העברעאיש. דאָס פאָלק איז פאַרשקלאַפט, ליידט נויט, פאַרהאָוועט, פאַרשמאַיעט אין זיינע לופט־פּרנסות, און איר קומט צו אים און ווילט אים לערנען רעדן לשון־קודש!... דאָס פאָלק איז פאַרזונקען אין די מ״ט שערי טומאה, און איר, ווי איר וואָלט וועלן מאַכן פון אים חוזק, רופט אים מיט אַן ערנסטער מינע: „רייד אויף דער הייליקער שפּראַך!” איר

פאַרוועלדט אייער יוגנט, אייער ענערגיע אומזיסט, אויף פוסטע זאַכן. דאָס פאָלק הערט אייך ניט און וועט אייך ניט הערן.

שטונדנלאַנג האָט ער באַמבאַרדירט מיין העברעאישע פעסטונג. ער האָט געשאָסן מיט שפּיציקע און גיפטיקע פאָלקס־ווערטלעך. זיין יידיש איז געווען רייך, בויגיק, פאַרביק און זאַפטיק.

מכבי האָט דאַן אויף מיר קיין איינדרוק ניט געמאַכט מיט זיין העפטיקער קעגנערשאַפט צו דער באַוועגונג פון דער תחית־השפה, דער אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך, אין וועלכער איך בין געווען פאַרליבט, ווי ער אין יידיש. איך האָב אים ניט געקאָנט איבערציינגן, אַז ער האָט זיך דאַן נאָר לעכערלעך געמאַכט אין מיינע אויגן מיט זיינע הינקענדיקע באַווייזן און פאַרגלייכן.

מכבי האָט געשעפּט זיין בילדונג און וויסן נאָר פון די העברעאישע קוואַלן. קיין פרעמדע שפּראַכן האָט ער ניט געקענט. אָבער גייסטיק פריי האָט ער זיך באַוועגט נאָר אין די גרענעצן פון דער יידישער שפּראַך. זיין העברעאישער געדאַנק האָט געפונען זיין ריכטיקן אויסדרוק, זיין תיקון, נאָר אין יידיש. אים האָט קיין מאָל ניט געפעלט קיין ווערטער פאַר זיינע גייסטיקע באַדערפענישן, וועלכע זיינען געווען ניט ווייניק. ער האָט גאָר ניט געקענט פאַרשטיין, ווי קאָן מען אונטערשאַצן דעם וואונדערבאַרן אוצר פון דער פאָלקס־שפּראַך, און ווי קען מען ריידן צום פאָלק ניט אין זיין שפּראַך.

מכבי איז געווען דער ערשטער יידישיסט, איידער דאָס וואָרט איז נאָך געשאַפן געוואָרן.

מכבי איז אַ פאַר יאָר אַרומגעפאָרן פון די מאָסקווער „חובבי־ציון" אין די יידישע שטעט צו האַלטן דאָרט זיינע פלאַם־פייערדיקע ציוניסטישע דרשות. קורץ נאָך דעם האָט אים דער לאָרד סווייטלינג געבראַכט קיין לאָנדאָן, וואו ער האָט אים אָנגעשטעלט אַלס מגיד פאַר די „מזרח־אייראָפּעאישע יידן אין לאָנדאָן. איך האָב אים זינט מאָסקווע קיינמאָל מער שוין ניט באַגעגנט, נאָר איך האָב געלייענט און געהערט, אַז מכבי איז געוואָרן, גלייך ווי לאָרד סווייטלינג האָט אים אָנגעשטעלט, אַ פאַרברענטער קעגנער פון דעם ציוניזם, און אַזוי, אַלס קעגנער, האָט ער עפנטלעך געדרשנט. ער האָט זיך אין לאָנדאָן אויפגעפירט שטרענג רעליגיעז און זייער פאַנאַטיש.

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז ער נפטר געוואָרן. זיין אמתן ווערן און מערקווירדיקייט האָט נאָך קיינער ניט געשילדערט.

מײַנע ערשטע ליטעראַרישע שריט

מײַן ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיט די העברעאישע שריפֿטשטעלער און געלערנטע, װעלכע איך האָב געשילדערט אין די פֿריערדיקע קאַפּיטלעך, האָט זײער װײניק באַאײנפֿלוסט מײַן ײדישע װעלט־אַנשױאונג און װעלט־פֿאַרנעם, און נאָך װײניקער מײַן ליטעראַרישן גײסט.

אײן זאַך, מוז איך אָבער צוגעבן, האָב איך װירקלעך געלערנט פֿון דעם פֿריערדיקן דור, אײגנטלעך: דורות — און דאָס איז: דער ערנסט און די פֿאַראַנטװאָרטלעכקײט בנוגע דעם געברױך פֿון דער שפּראַך און דער אָפּהיטונג פֿונם ביבלישן גײסט.

אונטער זײער אײנפֿלוס בין איך אױך געשטאַנען בנוגע אונדזער פֿאַרגאַנגענהײט. איך האָב פֿון זײ געלערנט ליב צו האָבן און אױך צו שעצן אונדזערע אַלטע קולטור־אוצרות.

װאָס עס געהערט אָבער דער קעגנװאַרט און די פּראָבלעמען פֿון דער צײט, אין װעלכער איך האָב געלעבט, האָב איך געפֿילט אַ טיפֿן תהום צװישן מיר און די זקני־הדור. זײער ליטעראַרישע טעכניק, פֿאָרמען, „אַרט־און־װײזע”, װי אױך זײער געדאַנקען־גאַנג און געדאַנקען־אינהאַלט האָבן מיך, דעם אמת־זאָגנדיק, שטאַרק אָפּגעשטױסן. אין דער הינזיכט איז געװען אוממעגלעך אַריבערצװוואַרפֿן אַ בריק צװישן מיר און זײ.

דער אימפּעט פֿון דער לעבעדיקער צײט און די נײע װינטן האָבן מיר געװיזן אַן אַנדער ריכטונג און װענדונג.

איך בין געשטאַנען אין אַ געװיסער מאָס אונטער דעם אײנפֿלוס פֿון עמיל זאָלאַ און איפּאָליט טען. איך האָב אין מײַנע יונגע יאָרן בײגע־געריק געשלונגען אַלץ, װאָס ס׳איז אַרױסגעקומען פֿון זאָלאַס פּעדער. ניט נאָר זײַנע ראָמאַנען, נאָר אױך זײַנע קריטישע אַרטיקלען און עסײען, װאָס האָבן זיך צו יענער צײט געדרוקט אין דעם אָנגעזעענסטן רוסישן זשורנאַל „װעסטניק יעװראָפּי”.

אין יענער צײט איז עמיל זאָלאַ געװען פֿאַררעכנט אַלס דער קעניג צװישן די אײראָפּעאישע ראָמאַניסטן.

איפּאָליט טען האָט מיך אין דער יוגנט שטאַרק באַגײסטערט מיט זײַן שטרענג־ װיסנשאַפֿטלעכן צוגאַנג צו דער ליטעראַרישער קריטיק, און איך האָב שטענדיק באַװוּנדערט די גענױיקײט, די עקזאַקטקײט און באַ־

זונדערס די קרישטאַלענע קלאַרקייט פון יעדן אויסדרוק זיינעם. זיין „געשיכטע פון דער ענגלישער ליטעראַטור", איז געווען אַ גרויסע געשעעניש אין מיין גייסטיקער און ליטעראַרישער אַנטוויקלונג אין יענער צייט.

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך בין נאָך דאַן געווען אויך אַ גרויסער אַנהענגער פונם רוסישן קריטיקער בעלינסקי, האָב איך דאָך ניט געקאָנט אַזוי לייכט פאַרדייען זיין סלאַווישן מיסטיציזם און זיין פאַרטונקלטן העגעליאַניזם.

טען, דער ליטעראַרישער קריטיקער, איז מיר געווען מענטשלעך פיל נעענטער און באַגרייפלעכער.

איך דערלויב מיר צו מאַכן די פאָלגנדע באַמערקונג: דער באַזונדערער שטריך פון מיין ליטעראַרישן לעבן, וואָס איז טיף פאַרבליבן אין מיר ביז היינטיקן טאָג, איז די ליבע און די שטאַרקע נייגונג צו קלאַרקייט, איינפאַכקייט און גענויקייט.

איך דענק, אַז יעדער מענטשלעכער געדאַנק, אָדער קאָמפּלעקס פון געדאַנקען, ווי טיף און פאַרצווייגט זיי זאָלן ניט זיין, קענען קלאָר און איינפאַך אויסגעדריקט ווערן. מען קאָן גאַנץ קלאָר שרייבן וועגן מיסטישע און מעטאַפיזישע ענינים (צום ביישפּיל: אַנרי בערגסאָן), ווי געוויסע שרייבער קאָנען שרייבן אין אַ טונקל־מיסטישן סטיל וועגן גאַנץ קלאָרע און פשוטע ענינים.

אַרטור שאָפּענהויער זאָגט: דער בעסטער סטיל איז דער, וואָס דריקט אויס אין גאַנץ געוויינלעכע ווערטער אומגעוויינלעכע זאַכן; דער אוממעגלעכער סטיל איז יענער, וואָס באַנוצט אומגעוויינלעכע ווערטער, כדי אַרויסצוזאָגן גאַנץ געוויינלעכע געדאַנקען.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אויך בנוגע דעם דאָזיקן פונקט, אין דער סטיליסטיק, קאָן מען היינט־צו־טאָג האָבן אַ גאַנץ אַנדער צוגאַנג, אָבער ניט דאָ איז דער פּלאַץ פאַר דעם.

איינע פון מיינע גאַנץ ערשטע ליטעראַרישע אַרבעטן איז געווען אַ גרויסע דערציילונג, אין וועלכער איך האָב געשילדערט די נאַקעטע ווירקלעכקייט פון די ברייטע יידישע מאַסן. די דאָזיקע דערציילונג, וועלכע איז געשריבן געוואָרן אונטערן איינפלוס פון דער ריאַליסטישער שול (ריאַליסטיש — אָבער ניט נאַטוראַליסטיש), איז קיין מאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

נאָך דעם ווי איך האָב אויפמערקזאַם איבערגעלייענט טאָלסטאָיס „וואָינאַ אי מיר" (מלחמה און פרידן) און דאָסטאָיעווסקיס „בראַטיאַ קאַראַמאַזאָווי", (ברידער קאַראַמאַזאָוו), האָב איך ניט געהאַט קיין מוט צו

קומען אין דער עפנטלעכקייט, ווען אויך אפילו נאר פאר די העברעאישע לייענער, מיט וואסער ס׳איז גרעסערער דערציילונג.

איך האב איבערהויפט דאן ניט געקאנט באגרייפן, וואו נעמען געוויסע בעלעטריסטן דעם מוט און דרייסטקייט צו פארעפנטלעכן זייערע אזוי גערופענע „שאפונגען" נאך דעם, ווי מיר האבן שוין אזעלכע ווערק ווי די אויבן־אנגעוויזענע און "זשערמינאל" פון עמיל זאלא.

געטע זאגט ערגעץ־וואו, אז יעדער אנפאנגער וויל נאכמאכן שעקספירן. די העברעאישע שרייבער פון יענער צייט האבן געוואלט נאכמאכן סמאלענסקינען, וואס האט געשטרעבט אין זיין ראמאן „התועה בדרכי החיים", נאכצומאכן טשארלס דיקענסן, אדער בראנדשטעטערן. מיך האט אבער די העברעאישע בעלעטריסטיק פון יענער צייט, אויסער דער „אהבת ציון" אפגעשטויסן. זי איז געווען אין מיינע אויגן נאר א ווארנונג, ווי מען דארף ניט שרייבן.

טאלסטאי, דאסטאיעווסקי און זאלא זיינען געווען ביי מיר פארעכנט פאר שעפער פון אומדערגרייכבארער הויכקייט.

איך האב געהאלטן פאר דער גרעסטער חוצפה פון מיין זייט צו קריכן מיט מיין גרויסער דערציילונג אין דער עפנטלעכקייט. איך האב זי אפילו ניט פארגעלייענט פאר קיינעם פון מיינע אינטימסטע פריינט. ווען איך האב געשריבן מיין ערשטע גרויסע דערציילונג, האט מיך אינטערעסירט דער פראצעס פון שרייבן „אן־און־פאר זיך", אבער ניט דער פארלאנג צו ווערן געדרוקט.

די דאזיקע דערציילונג איז אין גאנצן, קיין מאל ניט פארעפנטלעכט געווארן, אבער איינצלנע פרקים פון איר האב איך מיט א פאר יאר שפעטער געדרוקט אלס באזונדערע סקיצן. מיינע סקיצן „בר־מינן קטן" (אין „המליץ" און נאך דעם אין א פארבעסערטער פארם אין י. ח. ראווניצקיס „הפרדס" אונטער דעם נאמען „שתי מיתות") „אבי זקני",* „תנועה נצחית" (פערפעטום מאביל) און „מגבורי ישראל" (די לעצטע איז געווען געדרוקט אלס באזונדערע דערציילונג אין בן־אביגדורס ערשטע אויסגאבן) זיינען באזונדערע קאפיטלעך ארויסגענומען פון מיין ערשטער ניט־געדרוקטער דערציילונג.

מיין ערשטער בריוו אין „המליץ" איז געווען געדרוקט אין חודש מערץ, 1880. אין יאר 1884 האב איך געדרוקט אין „הצפירה" א פאר

---

*) די דייטשע איבערזעצונג וואס הערצל האט מיט באגייסטערונג געדרוקט אין זיין „וועלט" האט געבראכט מאקס נארדוין צו שרייבן וועגן דער דאזיקער סקיצע, אז געוויסע שטעלן אין איר, וועלכע ער האט באצייכנט, שטייגן איבער די שילדערונגען פון דער ארט ביי דיקענסן און אלפאנס דאדע.

סקיצן, אין װעלכע איך האָב געשילדערט דאָס דאָרפֿישע לעבן פֿון אַ שענקער — אַ תּלמיד־חכם. ביז 1887 איז געװען מײַן ליטעראַרישע אַר־בעט נאָר אַ צופֿעליקע, ניט קײן ערנסטע. װען דער „היום" האָט אָנגעהויבן צו דערשײַנען אין יאָר 1885, אין פּעטערבורג, אונטער דער רעדאַקציע פֿון ד"ר י. ל. קאַנטאָר, האָט מיך דער דאַמאָלסדיקער הויפּט־מיטאַרבע־טער פֿון „היום", דוד פֿרישמאַן, אײַנגעלאַדן דורך אַ פּרײַנטלעכן בריוו צו שיקן קלײנע סקיצן אין דער אויבנדערמאָנטער ערשטער טעגלעכער העברעאישער צײַטונג.

פֿרישמאַן האָט מיך געשטעלט אַלס מוסטער פֿאַר די דאָזיקע סקיצן דעם דיכטער ש. פֿרוג, װעלכער האָט צו יענער צײַט געדרוקט אין „װאָסכאָד" האַלב־פֿעליעטאָניסטישע און האַלב־זשאַנר סקיצן.

איך האָב אָבער גאָרניט געשיקט פֿאַר דעם „היום", הגם איך האָב אים געלײענט טעגלעך מיט גרויס אינטערעס.

איך האָב ניט אָנגענומען די אײַנלאַדונג פֿון פֿרישמאַנען, װײַל איך האָב דאַן געהאַט באַשלאָסן זיך ריכטיק און ערנסט צוצוגרײטן צו מײַן קינפֿטיקער ליטעראַרישער אַרבעט.

מײַן רעגלמעסיקע ליטעראַרישע אַרבעט הויבט זיך אָן אין יאָר 1887, אַפּריער נאָר אין „המליץ", װאָס איז דאַן רעדאַקטירט געװאָרן פֿון דעם דיכ־טער און פּובליציסט (װעלכער איז דאַן געװען פֿאַררעכנט פֿאַר דעם גרעסטן ייִדישן שריפֿטשטעלער) יהודה־ליב גאָרדאָן.

דאָס איז געװען אין דער צײַט, װען איך האָב שוין געלעבט אין מאָסקװע און געװען אַ מיטגליד פֿון דעם סטודענטן־קרײַז „בני־ציון".

די חברשאַפֿט פֿון די „בני־ציון", באַזונדערס פֿון יעקב בן ישעיהו מזא"ה, אַבֿרהם אידלסאָן, יחיאל לעװאָנטין און פּסח מאַרעק (װעלכע האָבן נאָך דעם אַלײן פֿאַרנומען אַ חשובן פּלאַץ — די ערשטע דרײַ אין דער העברעאישער ליטעראַטור און מאַרעק אין דער רוסיש־ייִדישער אויף דעם געביט פֿון היסטאָרישע פֿאָרשונגען און ייִדישן פֿאָלקלאָר) איז געװען זײער אָנרעגנדיק און דערמוטיקנדיק.

אין דעם קרײַז פֿון די „בני ציון", װעלכע איך האָב געשילדערט אין די פֿריערדיקע קאַפּיטלעך, האָב איך זיך דאַן געקאָנט גײַסטיק אויסלעבן.

גלײַך נאָך פּרץ סמאָלענסקינס טויט אין יאָר 1885, האָב איך געהאַט אויפֿגעשריבן מײַן „גסיסת הסופֿר", װאו איך האָב געשילדערט אין אַ האַלב־בעלעטריסטישער פֿאָרם און אין אַ האַלב־ביאָגראַפֿיש־עסײַאיסטי־שער פֿאָרם סמאָלענסקינס קינדערישע יאָרן, װי אויך זײַן גסיסה. דער „גסיסת הסופֿר" איז געלעגן בײַ מיר אַ צװײ יאָר אין מאַנוסקריפּט. װען דאָס יאָרבוך פֿון „כנסת ישראל" פֿון שפ"ר (שלום פּנחס ראַבינאָװיטש)

האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען, האָב איך אים צוגעשיקט דעם דאָזיקן כּתב־יד. דער „כּנסת" איז דערשינען, מיין „גסיסת הסופֿר" איז אָבער ניט געווען געדרוקט דאָרטן. דער רעדאַקטאָר האָט מיין מאַנוסקריפּט געוואָרפֿן אין קאָרב, מיך ניט באַערט מיט קיין ענטפֿער אויף מיין בריוו צו אים און פֿולשטענדיק איגנאָרירט מיין „שרייבעכץ".

איך בין געווען איבערצייגט, אַז מיין ליטעראַרישע אַרבעט טויג טאָקע ניט, און איך האָב צו שפּ"רן קיין טענות ניט געהאַט, פֿאַרוואָס ער האָט זי ניט געדרוקט. איך האָב געגלויבט, אַז ער האָט געלייענט מיין מאַנוסקריפּט און אים פֿאַרבראַקירט. מיר האָט גאָרניט געקאָנט איינפֿאַלן, אַז דער רעדאַקטאָר זאָל האָבן אַריינגעוואָרפֿן מיין כּתב־יד אין קאָרב, ניט אַריינשמעקנדיק אין אים, נאָר דערפֿאַר, ווייל דער אונטערשריפֿט איז אים געווען אומבאַקאַנט, ד. ה. פֿון אַן אָנפֿאַנגער. איך האָב אויך ניט געקאָנט אַרויפֿלאָזן אויפֿן געדאַנק, אַז דער רעדאַקטאָר, ד. ה. שפּ"ר, זאָל ניט האָבן קיין חוש און קיין פֿאַרשטענדעניש פֿאַר בעלעטריסטיק, פֿאַר דעם פֿאָרם, אין וועלכער איך האָב געשילדערט דאָס אָפּשטאַרבן, די גסיסה פֿונם שרייבער.

ווען אויף איינעם פֿון די אָוונטן פֿון די „בני־ציון" האָט אידלסאָן געלייענט אַ רעפֿעראַט וועגן פּרץ סמאָלענסקין, האָב איך זיך דערמאָנט פֿון מיין „גסיסת הסופֿר", וואָס וואַלגערט זיך ביי מיר צווישן די פּאַפּירן, און איך האָב באַשלאָסן צו בעטן מיין פֿריינט דעם אינזשינער יחיאל לעוואָנטען (דעם שפּעטערדיקן העברעאישן בעלעטריסט אונטער דעם ליטעראַרישן נאָמען חושי הארכי), וואָס איך האָב געגלויבט אין זיין ליטעראַרישן געשמאַק, ער זאָל איבערלייענען מיין כּתב־יד. ווען ער האָט אויפֿמערקזאָם איבערגעלייענט, איז געווען זיין גזר־דין: „דו האָסט אָנגעשריבן אַן אומזין! עס טויג ניט!" איך האָב אָנגענומען זיין אורטייל ווי אַ גערעכטן משפּט.

אין יאָר 1887 האָט גאָרדאָן געדרוקט מיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען אויפֿן ערשטן פּלאַץ אין „המליץ". אייניקע זיינען געווען געדרוקט אַלס לייט־אַרטיקלען. שוין מיינע ערשטע פּובליציסטישע אַרטיקלען האָבן געצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער דאַמאָלסדיקער העברעאישער אינטעליגענץ, צעדערבוים און גאָרדאָן האָבן מיר נאָך יעדן אַרטיקל געשיקט בריוו מיט לויב־געזאַנגען.

דאָס האָט מיך דערמוטיקט צוצושיקן גאָרדאָנען מיין פֿאַרוואַלגערטן „גסיסת הסופֿר", די ערשטע צוויי גרעסערע קאַפּיטלעך. גאָרדאָן האָט זיי אויפֿגענומען מיט באַגייסטערונג, אָבער ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן פֿון דרוקן זיי גלייך. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע קאָרעספּאָנדענץ צווישן מיר

און גאַרדאַנען וועגן סמאָלענסקינען*). גאַרדאָן האָט זייער געלויבט דעם אופן פון מיין שרייבן און האָט מיר פאָראויסגעזאָגט אַ גוטע צוקונפט אין דער העברעאישער ליטעראַטור. ער האָט מיר אָבער אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז איך אידעאַליזיר צופיל די פּערזאָן פון סמאָלענסקינען, הגם איך האָב אין גאַנצן אַרטיקל קיין איין מאָל ניט דערמאָנט בפירוש דעם נאָמען פון סמאָלענסקינען, ווי „ס׳ווערט ניט דערמאָנט דער שם־הויה אין דער מגלת אסתר" (גאָרדאָנס אויסדרוק אין זיינע בריוו).

גאָרדאָן האָט שווער געקאָנט פאַרטראָגן מיין באַגייסטערונג, די אַפּאָ־טעאָזע, בנוגע סמאָלענסקינען אַלס שריפטשטעלער. ער האָט געהערט אין דער דאָזיקער באַגייסטערונג דעם אָפּקלאַנג פון די געפילן, מיט וועלכע עס איז געווען דורכגעדרונגען די נאַציאָנאַלע יוגנט, אין דער צייט, ווען די זעלבע יוגנט האָט זיך צו אים, גאָרדאָנען, פאַרהאַלטן קאַלט, אויב ניט אַנטי־פּאַטיש. פון גאָרדאָנס בריוו צו מיר האָב איך אַרויסגעלייענט, אַז ער האָט געטראָגן אין האַרץ אַ באַהאַלטענעם כעס אויפן פאַרשטאָרבענעם שרייבער און אַ געוויסע גרינגשעצונג צו זיין פּערזאָן.

נאָך דעם ווי גאָרדאָן האָט אָפּגעדרוקט די ערשטע צוויי קאַפּיטלעך פון „גסיסת הסופר", האָט ער מיך געבעטן צושיקן דעם סוף. איך האָב אים געענטפערט, אַז ס׳זיינען נאָך פאַראַן דריי קאַפּיטלעך, גאָרדאָן האָט מיך דרינגענדיק געבעטן, איך זאָל פאַרענדיקן מיין אַרטיקל, נאָר אין איין אָפּגעקירצטן קאַפּיטל. איך האָב אויך דעם געענטפערט, אַז איך וויל ניט לייגן מיין כתב־יד אין זיין סדום־בעטל. איך האָב אויך גאָרדאָנען ניט דערלויבט צו מאַכן די קלענסטע ענדערונג אין מיין מאַנוסקריפּט. ווען ער האָט מיר געהאַט צוגעשיקט פון פּעטערבורג קיין מאָסקווע די קאָרעק־טורן פון מיין „גסיסת הסופר" און איך האָב דאָרטן געפונען, אַז ער האָט אַריינגעשטעלט אַ ציטאַטע פון זיינעם אַ שיר, האָב איך דאָס אָן רחמנות אויסגעשטראָכן. דאָס זיינען געווען מיינע ערשטע דערפאַרונגען אויף דעם געביט פון ליטעראַרישער עטיק.

*) אַ גרויסער טייל פון די דאָזיקע גאָרדאָנס בריוו איז אָפּגעדרוקט אין „מכתבי יל״ג", אַרויסגעגעבן דורך י. י. וויסבערג.

אין פּעטערבורג

אַלעקסאַנדער צעדערבוים

1

זומער 1888 האָט מיר אַלעקסאַנדער צעדערבוים, דער אַרויסגעבער פֿון דעם טעגלעכן „המליץ”, צוגעשיקט קיין מאָסקווע, וואו כ׳האָב דאַן געלעבט, אַ שריפֿטלעכן פֿאָרשלאַג, צו קומען קיין פּעטערבורג און צו רעדאַקטירן אינם „המליץ” די ליטעראַרישע אָפּטיילונג. דאָס איז געווען אַ קורצע צייט נאָך דעם ווי יהודה לייב גאָרדאָן (דער גרעסטער און באַרימטסטער דיכטער און שריפֿטשטעלער אין זיין צייט) האָט פֿאַרלאָזן דעם „המליץ”, וועלכן ער האָט עטלעכע יאָר רעדאַקטירט און אויפֿגעהויבן ליטעראַריש צו אַ געוויסער הויך.

צעדערבוים האָט מיר צוגעזאָגט הרים וגבעות, גאָלדענע בערג, איך זאָל נאָר קומען און איבערנעמען די אַרבעט.

איך האָב זיך פֿריער געהאַט קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פֿון צעדערבוימס פֿאָרשלאַג.

אמת, פֿון איין זייט האָט עס מיך, אַלס יונגער שריפֿטשטעלער, געצויגן צו ווערן דער פֿאַקטישער רעדאַקטאָר פֿון דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג אינם „המליץ”, וואו עס האָבן דאַן מיטגעאַרבעט די בעסטע און גרעסטע העברעאישע שריפֿטשטעלער און געלערנטע. די גאַנצע שיינע, פּובליציסטישע און וויסנשאַפֿטלעכע ליטעראַטור פֿון יענער צייט האָט זיך געהאַט קאָנצענטרירט אינם „המליץ”. דער גוט־קלינגענדיקער נאָמען פֿון י. ל. גאָרדאָן האָט צוגעצויגן צום „המליץ” די בעסטע ליטעראַרישע טאַלאַנטן. אויסער דעם, איז דאַן דער „המליץ” געווען דער איינציקער פּלאַץ, וואו מ׳האָט געקאָנט עטוואָס בעסערס און ערנסטערס פֿאַרעפֿנטלעכן. העברעאישע וואָכנשריפֿטן, מאָנאַטשריפֿטן און ביכער־פֿאַרלאַגן האָבן דאַן נישט עקזיסטירט אין רוסלאַנד.

די גאַנצע העברעאישע וועלט־פּרעסע איז דאַן באַשטאַנען, אויסער׳ן „המליץ”, פֿון דער טעגלעכער „הצפירה” אין וואַרשע (דער גלאַנץ און די צוציאונגס־קראַפֿט פֿון דער טעגלעכער „הצפירה” זיינען דאַן געווען דער יונגער נחום סאָקאָלאָוו, מיט אַ סטיל און אַ שטייגער פֿון אַן אַלטן תּלמיד־חכם, און דער גרויער זקן מופלג, חיים זעליג סלאָנימסקי); פֿונם וועכנ־

טלעכן „המגיד“ אין ליק, אין פּרייסן, אונטער דער רעדאַקציע פֿון דוד גאָרדאָן; פֿון דעם וועכנטלעכן „הצבי“ אין ירושלים, רעדאַקטירט פֿון אליעזר בן־יהודה, און פֿונם וועכנטלעכן „חבצלת“, אויך אין ירושלים, רעדאַקטירט פֿון פֿרומקין.

די פּראָגרעסיוועסטע, ליטעראַרישסטע און די לעבעדיקסטע לויט די באַגריפֿן פֿון יענער צייט, איז געווען דער טעגלעכער „המליץ“. אויך קאָמפּסלוסטיקע שריפֿטשטעלער און „פֿריידענקער“ (לויט די אַמאָליקע באַגריפֿן) האָבן געקאָנט געפֿינען פּלאַץ אין „המליץ“. אין אַנדערע העברעאישע צייטשריפֿטן (נאָך דעם ווי דער „השחר“ איז געשטאָרבן, מיטן טויט פֿון זיין רעדאַקטאָר סמאָלענסקין), איז דאָס געווען אַבסאָלוט אוממעגלעך.

דער אָפיציעלער רעדאַקטאָר פֿונם „המליץ“ איז געווען צעדערבוים, ווייל נאָר אים האָט די רוסישע רעגירונג געגעבן די דערלויבעניש צו רעדאַקטירן אַ העברעאישע צייטונג אין פּעטערבורג. צעדערבוים האָט אָבער שטענדיק אויסגעזוכט ווירקלעכע שריפֿטשטעלער, וואָס האָבן אַ נאָמען, אַלס די פּאַקטישע רעדאַקטאָרן פֿון זיין „המליץ“, וואָס פֿלעגן אויסבעסערן אויך זיינע אייגענע אַרטיקלען.

אַלזאָ, ווי געזאָגט, פֿון איין זייט האָט מיך געצויגן צו דער אַרבעט אין דער רעדאַקציע פֿון „המליץ“. גראָד די פֿאַראַנטוואָרטונג פֿון דער אַרבעט און די פֿאָדערונג פֿון מיר יעדן טאָג צו שרייבן צוויי זאַכן: אַ פּובליציסטישן אַרטיקל און אויך עטוואָס ריין־ליטעראַרישעס: אַ סקיצע אָדער אַ פֿעליטאָן, אָדער נאָטיצן וועגן ביכער אין אַנדערע שפּראַכן, א.ד.גל. — גראָד אָט די פֿאָדערונג האָט מיך באַזונדערס געצויגן צום „המליץ“. יונג בין איך געווען, דער חשק צו שרייבן און פֿיל צו דרוקן איז געווען שטאַרק. בין געשטאַנען אין רעכטן שרייבערישן פֿיבער, אין רעכטן ברען.

דערצו נאָך, די ווינקענדיקע פּערספּעקטיווע נייעס צו שאַפֿן, נייע אָפּטיילונגען איינצופֿירן אין דער צייטונג, וואו מען גיט מיר פֿולע זעלבסט־שטענדיקייט אין דעם ליטעראַרישן ווינקל. און ועל־כולם: די האָפֿנונג, אַז מיר וועט געלינגען צוצוציען יונגע, פֿרישע ליטעראַרישע קרעפֿטן און פֿאַרוואַנדלען דעם „המליץ“ אין אַ טריבונע פֿאַרן נייעם געדאַנק פֿון דעם העברעאישן רענעסאַנס, פֿון דער יידישער אויפֿלעבונג, א. ד. גל.

עס איז געווען אַ צייט, רייך אין אויסזיכטן, אין האָפֿנונגען, אין טרוימערייען.

פֿון דער אַנדערער זייט, האָט מיך דער אָנבאָט פֿון צעדערבוימען און אַלע זיינע שריפֿטלעכע פֿאַרשפּרעכונגען געשראָקן און צוריקגעשטויסן.

מיט מיין אַריינטריט אין דער העברעאישער ליטעראַטור, האָב איך געהאַט גאַנץ אַנדערע אויסזיכטן, ווי צו אַרבעטן אין אַ טעגלעכער צייטונג.

איך האָב זיך שוין דאַן אָרומגעטראָגן מיטן געדאַנק פֿאַרצוזעצן מיין שטודירן אין מערב־איראָפּע, אין פּאַריז, אָדער אין בערלין, און דאָרט צו שאַפֿן אַן אייגענע ליטעראַריש־וויסנשאַפֿטלעכע מאָנאַטשריפֿט, אַן אומ־אָפּהענגיקע, וואָס זאָל זיין אַ סינטעז פֿון מזרח און מערב.

איך האָב באַשלאָסן צוריקצואווייזן דעם פֿאָרשלאָג פֿון צעדערבוימען. אַ געזונטער אינסטינקט האָט מיך צוריקגעהאַלטן. איך בין פֿאַרבליבן דער מיטאַרבעטער פֿונם „המליץ" פֿון אויסן, פֿון מאָסקווע.

צעדערבוים האָט אָבער מיך פֿאַרוואָרפֿן מיט בריוו. זעקס חדשים האָט זיך געצויגן די קאָרעספּאָנדענץ צווישן אונדז וועגן דעם ענין.

יעקב מזא"ה, וואָס איז געווען אין מאָסקווע מיין נאָענטסטער פּריינט און חבר, האָט מיך צוגערעדט אָנצונעמען דעם פֿאָרשלאָג פֿון צעדערבוי־מען. מזא"הס כוונה איז געווען: דורך מיר אָפּצושוואַכן דעם „שעדלעכן" איינפֿלוס, וואָס ד"ר י. ל. קאַנטאָר האָט צו יענער צייט געהאַט אויפֿן „המליץ". נאָך דעם ווי דער „היום", די ערשטע העברעאישע טעגלעכע צייטונג, וואָס קאַנטאָר האָט אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט, איז אונטער־געגאַנגען, איז ד"ר קאַנטאָר געווען געצוואונגען צוליב זיין עקאָנאָמישער נויט אָנצונעמען צעדערבוימס פֿאָרשלאָג צו ווערן אַ שטענדיקער מיט־אַרבעטער אין „המליץ", גלייך נאָך דעם, ווי גאָרדאָן איז אַרויסגעטראָטן פֿון דער רעדאַקציע.

אין דער צייט, ווען ד"ר קאַנטאָר האָט רעדאַקטירט זיין „היום", האָט ער און זיין מיטאַרבעטער, דוד פֿרישמאַן, כמעט טעגלעך באַפֿאַלן צעדער־בוימען, גאָרדאָנען און דעם „המליץ". די שנאה האָט געפֿלאַקערט פֿון ביידע זייטן. די נויט און די כאַראַקטער־שוואַכקייט האָבן געבראַכט דעם ד"ר קאַנטאָר צו מכניע זיין זיך פֿאַר צעדערבוימען, וועלכן ער האָט ביט אויפֿגעהערט צו פֿאַראַכטן אין האַרצן.

צעדערבוים איז אָבער שטענדיק געווען גרייט צו פֿאַרגעבן אַ קעגנער, אַ פֿיינט, און אָפּמעקן אַלע זלזולים קעגן אים, ווען ער האָט נאָר געקאָנט צוציען אַ ליטעראַריש־באַגאַבטן, און דערצו נאָך מיט אַ נאָמען, צו דער מיטאַרבעטערשאַפֿט אין „המליץ".

ד"ר י. ל. קאַנטאָר איז געווען אַ מאַן מיט אַ פֿילזייטיקער, איראָפּיי־אישער בילדונג, מיט אַ ברייטן און סאָלידן וויסן פֿון דער אַלטער און דער נייער העברעאישער ליטעראַטור. דערצו האָט ער געהאַט אַ לייכטע, פֿלינ־קע און געשיקטע פֿעדער אין רוסיש, דייטש און העברעאיש; איז געווען אַ פּובליציסט, סאַטירישער פֿעליעטאָניסט און אַ פּאָפּולערער, וויסנשאַפֿטלע־כער שריפֿטשטעלער. זיין העברעאישער סטיל איז געווען אַ פֿליסיקער, אַן איינפֿאַכער און אַ לייכטער.

ד״ר קאַנטאָר האָט זיך אָבער באַצויגן צום ישוב אין ארץ־ישראל און צו דער יידישער רענעסאַנס־אידייע שפּאַטיש און אויבערפלעכלעך. די בני־ציון אין מאָסקווע, און באַזונדערס מזא״ה, האָבן דאָס ניט געקאָנט פאַרגעבן קאַנטאָרן.

דער „המליץ״ איז דאַן געווען דער איינציקער „חובבי־ציון״־אָרגאַן, דער איינציקער קעמפער פאַר דעם העברעאישן רענעסאַנס. צעדערבוים איז געווען זייער טעטיק אויפן פעלד פון חיבת־ציון (די דעמאָלסטדיקע אויסערלעכע פאָרם פאַר דעם געדאַנק פון יידישער אויפלעבונג אין דעם אייגענעם לאַנד) און געשריבן אין „המליץ״ אַרטיקלען פאַר חיבת־ציון. אויך אַנדערע פירער און קעמפער פון צווישן די „חובבי־ציון״, ווי מ. ל. ליליענבלום, שפ״ר און א. י. סלוצקי, האָבן מיטגעאַרבעט אין „המליץ״.

די אַרטיקלען פון ד״ר קאַנטאָר זיינען געווען דער שעטנז אין „המליץ״. אין „היום״ פלעגט ד״ר קאַנטאָר און זיינע מיטאַרבעטער, דוד פרישמאַן און ד״ר י. ל. קאַצענעלענסאָן (בוקי בן־יגלי), גראַב, סאַרקאַסטיש אויס־לאַכן די אַרבעט און די אידייען פון די חובבי־ציון, אַלץ געמאַכט צו קליינ־געלט, צו בלאָטע.

אין „המליץ״ האָט קאַנטאָר, אמת, ניט געהאַט דעם מוט און ניט די מעגלעכקייט אָפּצושפּאָטן פון די „חובבי־ציון״ און די „בני־ציון״. דאָך פלעגט ער זיי, אין אַ באַהאַלטענער און פאַרשטעלטער פאָרם, אַנגרייפן און אָוועקמאַכן כּלאחר־יד.

אויסער דעם, האָט מזא״ה און די ערשטע רענעסאַנס־שרייבער בכלל, די וואָס האָבן געהאַט ערנסטע באַציאונגען צו ליטעראַטור בכלל און צו דער העברעאישער בפרט, ניט געקאָנט פאַרטראָגן דעם אופן, ווי קאַנטאָר פאַרהאַלט זיך צו דער העברעאישער ליטעראַטור, זיין ביטולדיקע און שפּאָטישע באַציאונג צו יונגע טאַלאַנטן. מזא״ה איז געווען איבערצייגט, אַז מיר וועט געלינגען צו פאַרוואַנדלען דעם „המליץ״ אין אַן אויסגעהאַל־טענער, רייך־ציוניסטישער צייטונג, און אַז איך האָב די פייאיקייט אונ־טערצושיידן צווישן עכטן און ניט־עכטן טאַלאַנט. אַז איך וועל צוציען יונגע טאַלאַנטן און אַריינברענגען יונג, פריש בלוט אין אַלטן „המליץ״.

אויך מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, אין זיינע אָפטע און לאַנגע בריוו צו מיר, האָט מיך שטאַרק צוגערעדט אַריינצוטרעטן אין „המליץ״ און אויפ־צולעבן די ליטעראַרישע אָפּטיילונג. זיין שטורמישער גייסט האָט פיל דערוואָרט פון מיר פאַר דער ליטעראַרישער און מוטיקער יוגנט, וועלכע איז דאַן געווען צוריקגעשטויסן און אויסגעלאַכט.

און נאָך עטוואָס: מיך האָט געצויגן צו פּעטערבורג, וואָס איז דע־מאָלט געווען דער צענטער פון דער העכסטער יידישער אינטעליגענץ און נעענטער צום אייראָפּייאישן גייסט ווי מאָסקווע.

דאָס אַלץ האָט מיך באַוואויגן צו ענדערן מיין ערשטן באַשלוס און איך האָב אָנגענומען צעדערבוימס פאָרשלאָג.

דעם ערשטן דעצעמבער, 1888, בין איך אָנגעקומען קיין פּעטערבורג. עס איז געווען אַ זייער קאַלטער און טומאַנער פרימאָרגן. פון באַנהויף בין איך גלייך צוגעפאָרן צו דער רעדאַקציע פון „המליץ". צעדערבוים האָט געהאַט אַ פאַרהעלטניסמעסיק גרויסע וואוינונג, וואו עס האָט זיך גע־פונען די רעדאַקציע, די אַדמיניסטראַציע פונם „המליץ" און די עקס־פּעדיציע.

צעדערבוימס וואונטש איז געווען, איך זאָל וואוינען ביי אים. ער איז געווען אַן אַלמן, ער האָט געהאַט גענוג פּלאַץ און באַקוועמלעכקייט פאַר מיר.

ביים אַריינקומען אין דער רעדאַקציע פונם „המליץ" האָט מיך פּריינט־לעך באַגעגנט אַ קליין־וויקסיקער, צוזאַמענגעשרומפּטער, באַוועגלעכער יידל, — דאָס איז געווען אַלעקסאַנדער צעדערבוים.

דאָס געזיכט פון צעדערבוימען, באַזונדערס זיין לאַנגע, געבויגענע נאָז, די פיל דיקע קנייטשן אונטער זיין רעכטן אויג, וואָס איז געווען פיל קלע־נער ווי דאָס לינקע, האָט אויף מיר געמאַכט אַן אומאָנגענעמען איינדרוק.

צעדערבוים איז דאַן אַלט געווען אַ צוויי און זיבעציק. אָבער ער איז געווען פול לעבן, אימפּולסיוו און זייער באַוועגלעך; ניט גערוט קיין מי־נוט.

מיין ערשטער געדאַנק ביים אָנקוקן דאָס קאַריקאַטוריסטישע פּרצוף־פּנים פון צעדערבוימען איז געווען אַ זייער טרויעריקער: אָט מיט דעם איינגעהויקערטן זקן, (וואָס זיינע אייניקלעך זיינען געווען עלטער פון מיר), מיט אַ מויל, וואָס מאַכט זיך ניט צו אויף אַ רגע, — אָט מיט דעם אַל־טיטשקן וועל איך דאָס דאַרפן טיילן די ממשלה אין „המליץ"?!

אמת, אין דעם קליינעם קערפּערל איז נאָך געווען אַ קוואַל פון לעבן, דאָך אַ לעבן, וואָס איז מיר געווען פרעמד און ווייט.

צעדערבוים האָט מיך ניט געלאָזט צופיל טראַכטן. ער האָט מיך פאַרשאָטן מיט ליבנסווירדיקייטן, מיט מעשהס, געשיכטעס און שילדע־רונגען פון נייע און אַלטע פּאַסירונגען, באַזונדערס, וואָס זיינען נוגע געווען זיין אייגענעם לעבן און דעם געבורט פון „המליץ", זיין וואַקסן און אַנטוויק־לען זיך, זיינע צרות און מלחמות, זיין ווירקונג און זיינע קעגנער, אאַ"וו.

מער ווי אַ שעה האָט צעדערבוים געהאַלטן אין דערציילן און זיך קלאָגן אויף זיינע שונאים און אויף דער אָפּגעלאָזנקייט און טעמפּקייט פֿון די יידישע פֿירער, מנהיגים, אין פּעטערבורג, וואָס זיינען ווייט און פֿרעמד פֿון זייערע ברידער אין דעם תּחום־המושב (טשערטאַ־אָסיעדלאָסטי). ער האָט מיר גלייך אויפֿגעקלערט די פֿעלערן פֿון סאַמואיל פּאָליאַקאָוו, פֿון באַראָן האָראַץ גינזבורג, לעאָן ראָזענטאַל, ווי מיט זיינע, צעדערבוימס, אייגענע מעלות און אויפֿטואונגען. ער האָט מיר ניט געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסצורייִדן איין וואָרט, איך האָב אין יענעם מאָמענט אויך קיין חשק ניט געהאַט אַ וואָרט צו רעדן. אַזוי אומאָנגענעם בין איך געווען איבערראַשט מיט דער דערשיינונג פֿון דעם אַרויסגעבער פֿון „המליץ“, וואָס האָט געטראָגן אויף זיינע דאַרע, שפּיציקע פּלייצעס אַ שווערע משא, אַ ירושה פֿון כּמעט צוויי דורות עפּעטלעכער טעטיקייט, וואָס אונטער זיין רעדאַקציע זיינען דורכגעגאַנגען די ערשטע שריפֿטן פֿון כּמעט אַלע העברעאישע שריפֿטשטעלער, אָנהויבנדיק מיט פּרץ סמאָלענסקין און ענדיקנדיק מיט אחד־העם, ח. נ. ביאַליק (וועלכער האָט צוגעשיקט פֿון דער וואָלאָזשינער ישיבה קאָרעספּאָנדענצן און מאמרים, די ערשטע פֿאַרזוכן, צום „המליץ“), א. ל. לעווינסקי און מיכה־יוסף בערדיטשעווסקי.

אַ פֿערטל צו צען פֿאַרמיטאָג האָט צעדערבוים פּלוצלינג איבערגעריסן זיין רייד־שטראָם, איז פֿאַרשוואונדן אויף אַ מאָמענט און איז אַרויסגעקומען פֿון זיין צימער אין אַ טאַדללאָזן פֿראַק מיט אַ ווייסן, זיידענעם האַלז־טוך. ער האָט מיר דערקלערט, אַז ער מוז גלייך באַזוכן דעם בילדונגס־מיניסטער, דעליאַנאָוו און פֿון אים מוז ער גלייך צופֿאָרן צו פֿאַרשיידענע רעגירונגס־דעפּאַרטמענטן, — אַלץ אין די אינטערעסן פֿון וויכטיקע יידישע ענינים, וואָס ער האָט זיי מיר איינציקווייז אויסגערעכנט, פֿאַר וועלכע ער מוז זיך משתדל זיין. וואָס זאָל ער טאָן, אַז קיין אַנדער פֿאָלקס־שתדלן איז אין פּעטערבורג ניטאָ, מוז ער נעבעך טראָגן אויף זיינע אַלטע איינגעהויקערטע פּלייצעס די משא, די זאָרג פֿונם גאַנצן רוסישן יידנטום.

איידער זיין פֿאַרלאָזן דאָס הויז האָט צעדערבוים צוגערופֿן זיין טרייען דינער און אים באַפֿוילן צו דערלאַנגען מיר פֿרישטיק, אַ לאַנגע רשימה פֿון פֿיש, געקאָכטע פֿרוכטן און אַנדערע שפּייזן. ער אַליין, האָט מיר דער אַלטער דערקלערט, עסט נאָר איין מאָלצייט אין מעת־לעת, דריי אַזייגער, ווען מיר וועלן צוזאַמען שפּייזן. ער האָט מיר איבערגעגעבן דעם שליסל פֿון די פֿאַרשלאָסענע מאַנוסקריפּטן, אָנגעוויזן מיר מיין פּלאַץ ביי די צוויי ריזיקע צוזאַמענגערוקטע טישן אין רעדאַקציע־זאַל, מיט דער ביטע פֿאַרטיק צו מאַכן דעם בלאַט „המליץ“ פֿאַר מאָרגן. אַ שיק־ייִנגל פֿון דער דרו־

קעריי וועט קומען אָפּנעמען די מאַנוסקריפּטן. ביז דריי אַזייגער האָט אַלץ געמוזט פאַרטיק זיין.

און גלייך איז צעדערבוים מיט זיינע שנעלע טריט פאַרשוואונדן.

2

אין דער צייט, ווען איך בין אָנגעקומען אין „המליץ", איז קוים אַ יאָר פאַרבייגעגאַנגען זינט ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טעגלעכער צייטונג.

די מיטאַרבעטער, וואָס איך האָב אָנגעטראָפן אין רעדאַקציע פון „המליץ" זיינען געווען אינגאַנצן צוויי און אַ האַלב, אויסער צעדערבוימען.

דער הויפּט־מיטאַרבעטער איז דאַן געווען ד"ר קאַנטאָר. ער פלעגט שרייבן זיינע אַרטיקלען ביי זיך אין דער היים און צושיקן זיי אין דער רעדאַקציע. מיט דער צוזאַמענשטעלונג פון דער צייטונג און איר ריכטונג, ווי מיט דער מיטאַרבעטערשאַפט פון אַנדערע, האָט ער זיך ניט געזאָרגט. עס איז אים וויניק וואָס אָנגעגאַנגען. זיין מיטאַרבעטערשאַפט אין „המליץ" איז געווען אַ צופעליקע, אַ צייטווייליקע, ביז ער וועט געפינען עטוואָס אַנדערעס, בעסערס פאַר אים: אַ ראַבינער־שטעלע אין אַ גרויסער שטאָט, אָדער מעדיצינישע אַרבעט (קאַנטאָר איז געווען אַ דאָקטאָר), אָדער אַ רעדאַקטאָר־שטעלע אין אַ רוסיש־יידישער וואָכנשריפט.

דער צווייטער שטענדיקער מיטאַרבעטער איז געווען משה הכהן פראַזער, ער איז געשטאַנען מיטן „המליץ" די גאַנצע צייט פון זיין עקזיס־טענץ אין פעטערבורג ביז צעדערבוים איז געשטאָרבן.

פראַזערס אויפגאַבע איז געווען צו באַאַרבעטן די קאָרעספּאָנדענציעס. די, וואָס קומען פון דער פּראָווינץ. די קאָרעספּאָנדענטן זיינען געווען צו־פעליקע, פרייוויליקע, און די מערסטע פון זיי האָבן שלעכט באַהערשט די העברעאישע שפּראַך. פראַזער האָט יעדע פּראָווינץ־קאָרעספּאָנדענץ באַ־אַרבעט (נאָר ניט די בריוו פון אויסלאַנד), געקירצט, סטיליזירט און טעם זיי צוגעגעבן. ער האָט שוין געקענט יעדעס בחורל, יעדן יונגנמאַנטשיק אין דער פּראָווינץ, וואָס האָט געהאַט חשק צו שרייבן בריוו פון זיין שטאָט אָדער שטעטל. ער האָט שוין געוואוסט, ווער פון זיינע קאָרעספּאָנדענטן זאָגט אמת, און אויף וועמען מען זיך פאַרלאָזן.

פראַזער איז געווען געאיבט און געניט אין זיין פאַך, אַז פון די אַד־רעסן אויף די קאָנווערטן פון די קאָרעספּאָנדענטן, ד"ה, פון דעם ווי די אַדרעסן זיינען געשריבן געוואָרן ווי די אויסלייגעכץ פון די נעמען, ווי די קאָנווערטן האָבן אויסגעזען, ווי זיי זיינען צוגעקלעפּט געווען, — שוין פון דעם אַליין, נאָך איידער ער פלעגט זיי אויפעפענען, פלעגט ער, פראַ־

זער טרעפֿן, וואָס פֿאַר אַ סאָרט קאָרעספּאָנדענץ עס אַנטהאַלט און וואָס פֿאַר אַ מין פֿאַרשוין עס איז דער שרייבער.

און פֿראָזער האָט קיינמאָל קיין טעות ניט געמאַכט.

פֿראָזער איז געווען אַ יוגנט־פֿריינט פֿונם דיכטער, י. ל. גאָרדאָן, אַליין אַ משׂכּיל, אַ גוטער קענער פֿון דער ביבלישער שפּראַך, אַ מענטש מיט אַ געזונטן און קלאָרן קאָפּ. אין די יינגערע יאָרן האָט ער געהאַט די אַמביציע צו ווערן אַ פּובליציסט און ער האָט פֿון צייט צו צייט געדרוקט אַרטיקלען אין דעם „המליץ".

אַרבעטנדיק אין „המליץ", האָט ער אָנגעוואוירן דעם חשק אַליין צו שרייבן; ער האָט זיך באַנוגנט מיט דער אַרבעט פֿון אויסבעסערן די צו־געשיקטע בריוו פֿון אַלע טיילן פֿון רוסלאַנד. ער האָט איבערהויפּט גע־האַט אַ ציניִשע, אַ שפּאָטישע באַציאונג צו ליטעראַטור, צו אַלערליי שרייבעכצן, אַן אַפּלאַכער פֿון אַלע יוגנטלעכע פֿאַנטאַזיעס און אידעאַ־לערע שטרעבונגען.

און נאָך אַ האַלבער מיטאַרבעטער, גראַס, איז געווען אין דער רעדאַק־ציע. גראַס איז געווען דער בעל־מגיה (קאָרעקטאָר) און אין די פֿרייע שטונדן האָט ער איבערזעצט פֿון די רוסישע צייטונגען פֿאַרן „המליץ". גראַס איז געווען אַן אידעאַליסט, אַ מענטש מיט וויסן און קענטעניש, אַ מענטש מיט ידיעות, נאָר אַ בטלן, אַן וועלכע ס'איז נייגונגען אָדער באַצי־אונגען צו צייטונגס־אַרבעט, אָדער צו שרייבעריי בפֿרט.

נאָך דעם, ווי י. ל. גאָרדאָן האָט פֿאַרלאָזט די רעדאַקציע פֿון „המליץ", איז דער אַלטער צעדערבוים געווען דער פּאַקטישער רעדאַקטאָר פֿון זיין צייטונג.

דאָס איז געווען דער גאַנצער אינעווייניקסטער אָרעמער מעכאַניזם פֿונם „המליץ". פֿון אַ טעגלעכער העברעאישער צייטונג מיט פֿערציק יאָר צוריק.

דער „המליץ" האָט שוין אָבער דאַן געהאַט אַ גרויסע צאָל אויסשטיי־ענדיקע מיטאַרבעטער, שטענדיקע און צופֿעליקע, און צווישן זיי שריפֿט־שטעלער און געלערנטע פֿון ראַנג, פֿון נאָמען און פֿון אָנזען. דער גורל פֿון זייערע אַרטיקלען איז געלעגן אין די הענט פֿון צעדערבוי׳מען.

ווען צעדערבוים האָט מיר איבערגעגעבן דעם שליסל פֿון די מאַנוס־קריפּטן, בין איך געווען דערשטוינט צו זען, אַז עס ליגן באַגראָבן אַקטיווע אַרטיקלען, וואָס באַהאַנדלען טאָג־פֿראַגן, וויכטיקע פּאָסירונגען, אַרטיקלען פֿון באַקאַנטע פּובליציסטן, וועלכע זיינען דערהאַלטן געוואָרן מיט אַ סך חדשים צוריק, אַז עס וואַלגערן זיך סקיצעס און פֿעליעטאָנען פֿון זייער באַגאַבטע אָנפֿאַנגער. דאָס אַלץ איז געווען פֿאַריתומט, און צעדערבוים

האָט אַליין ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ דרוק־מאַטעריאַל ער האָט אין זיין אוצר.

צעדערבוים האָט מיר געוואָלט איבערגעבן די „אַלמאַכט" צו רעפאָר־מירן דעם „המליץ", צו מאַכן מיט די מאַנוסקריפּטן וואָס איך געפין פאַר נויטיק פון מיין שטאַנדפּונקט. ער האָט זיך געוואָלט פולשטענדיק באַ־פרייען פון דעם רעדאַקציע־יאָך. אַלץ מיר איבערגעגעבן אין די הענט, ניט נאָר זיינע אַרטיקלען צו דרוקן, אָבער אויך זיינע אַרטיקלען דאַרף איך אויסבעסערן און איך האָב דאָס רעכט צו מעקן אין זיי, וואָס מיר געפעלט ניט.

איך האָב אָבער געזאָגט צעדערבוימען, אַז איידער איך וועל איבער־נעמען מיינע פליכטן און אויפגאָבן אין „המליץ" צו רעפאָרמירן אים, ד"ה, גאַנץ ניי איבערבויען אים, מוז איך מיט אים גרינטלעך זיך דורכשמועסן, פאָרלייגן פאַר אים מיין גאַנצן פּלאַן און שטעלן אים געוויסע באַדינגונגען בנוגע מיטאַרבעטערשאַפט אא"וו.

אָבער איידער איך וועל דערציילן פון מיינע דערפאַרונגען אין „המליץ" און אין דער געזעלשאַפט פון פעטערבורג, ווי אויך פון מיינע ערשטע דער־פאַרונגען אין דער שריפטשטעלערישער וועלט, וויל איך שילדערן די פּער־זאָן פון אַלעקסאַנדער צעדערבוים, וועלכער האָט פאַרנומען (אַנדערע וועלן זאָגן: „פאַרכאַפּט") אַזאַ פּלאַץ אין דער קולטור־געשיכטע און בכלל אינם עפנטלעכן לעבן פונם רוסישן יידנטום, אין דער צווייטער העלפט פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

פּופּציק יאָר איז אַלעקסאַנדער צעדערבוים (זיין ליטעראַרישער נאָמען איז געווען ארז) געווען איינער פון די רירעוודיקסטע און ענערגישסטע כלל־טוער, פול איניציאַטיווע אין רוסישן יידנטום. איך רעד נאָך ניט פונם כאַראַקטער, פונם מהות, פונם וועזן, פון זיין כלל־טועריי.

צעדערבוים איז געווען פיר־און־דרייסיק יאָר דער אַרויסגעבער פונם „המליץ". ער איז געווען דער ערשטער אין רוסלאַנד, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין אַדעס אַ יידישע וואָכנשריפט, „קול־מבשר" (אין יאָר 1862), אַלס ביילאַגע צום „המליץ". אין יאָר 1881, ווען צעדערבוים האָט אַריבערגעטראָגן דעם „המליץ" קיין פעטערבורג, האָט ער דאָרט אָנגעה־הויבן אַרויסגעבן אויך אַ יידישע וואָכנשריפט „אידישעס פאָלקסבלאַט" (דאָן די איינציקע צייטשריפט אין יידיש אין גאַנץ רוסלאַנד). אין דער דאָזיקער יידישער צייטשריפט פון צעדערבוים, האָבן אָנגעהויבן זייער לי־טעראַרישע טעטיקייט שלום־עליכם, דוד פרישמאַן, פרוג, מרדכי ספּעק־טאָר און אַנדערע, וועלכע האָבן נאָך דעם פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער יידישער ליטעראַטור. אין „קול־מבשר" פון צעדערבוים, האָבן אָנגעה־

הויבן זייער טעטיקייט אין דער יידישער שפראך שלום־יעקב אבראמאָוויטש (מענדעלע מוכר־ספרים), אברהם גאָלדפאַדען און יצחק יואל לינעצקי.

צעדערבוים האָט אַרויסגעגעבן די ערשטע צייט אין פּעטערבורג אויך צוויי וואָכנשריפטן אין דער רוסישער שפּראַך: „וויעסטניק רוסקיך יעוו־רעיעוו" און דעם „ראַזסוועט".

ווען איך בין אָנגעקומען אין פּעטערבורג איז איבערגעבליבן אין צע־דערבוימס הענט און רשות נאָר דער טעגלעכער „המליץ", וועלכן ער פּלעגט אָנרופן „מיין בן־יחידל".

צעדערבוים איז געווען דער ערשטער זשורנאַליסט אין דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור, דער ערשטער וואָס האָט אָנגעהויבן שרייבן אַר־טיקלען וועגן לעבעדיקע, צאַפּלדיקע טאָג־פראַגן און טאָג־געשעעניש. ביז אים האָט עס קיינער פון די העברעאישע משכילים ניט פאַרזוכט. און ביי אַלע פעלערן, און ניט קיין קליינע פעלערן, וואָס צעדערבוים האָט גע־האַט אַלס שרייבער, סיי שפּראַכלעכע, סטיליסטישע און סיי וואָס איז נוגע צו טאַקט און מאָס אא"וו., ביי דעם אַלעמען, האָט ער געהאַט אַ ווירק־לעכן זשורנאַליסטישן אָדער און אַ שאַרפן חוש פאַר קהלישע פּאַסירונגען. ער איז אויך געווען אַ קעמפער אין נאַטור, און האָט קיינמאָל זיך ניט געשראָקן העפטיק אָנצוגרייפן די רעליגיעזע פאַנאַטיקער, די רביים און די חסידים, ווען זיי האָבן זיך פאַרזינדיקט, ווי אויך געוויסע תקיפים פון יידישע געמיינדעס, ווען זיי האָבן באַנוצט זייער תקיפות אונטערצודריקן די אינטערעסן פונם ציבור.

אין דער צייט פון זיין זשורנאַליסטישער און עפנטלעכער טעטיקייט האָט צעדערבוים פאַרטשעפעט מיט זיין פעדער פאַרשיידענע כלל־טוער און שריפטשטעלער. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס אויך ער, צעדערבוים, איז ביטער און שטאַרק באַפאַלן געוואָרן פון פאַרשידענע רע־דאַקטאָרן, שרייבער און פירער.

דאָס איז געווען די גייסטיק־מאָראַלישע אַטמאָספערע, אין וועלכער ער האָט טעגלעך געאָטעמט. די קעגנזייטיקע פּאָלעמיק, די גיפטיקע פיינט־לעכע אויסלאַכונגען און אָנדייטונגען קעגן זיין פּערזאָן, האָבן אים, צעדער־בוימען, נאָר צוגעגעבן רייץ און טעם אין לעבן.

צענדליקער יאָרן זיינען אים פאַרשיידענע שרייבער (און צווישן זיי, שרייבער מיט גרויסע נעמען) באַפאַלן און געמאַכט צו אַש און בלאָטע אויף אַ גאַנץ העסלעכן אופן. פון דער אַנדערער זייט, האָבן געוויסע שרייבער און פּערזענלעכקייטן צענדליקער יאָרן געשענקט דעם אַרויסגעבער פונם „המליץ" פיל לויב, תהילות ותשבחות, איבער אַלע מאָסן. אַלס דעם רע־טער פונם פאָלק ישראל.

ניט איינער אָבער פון זיי האָט זיך גענומען די מי צו געבן אַ פּסיכאָ־לאָגישע אָפּשאַצונג פון צעדערבוימען אַלס רעדאַקטאָר און כלל־טוער, אַלס מענטש און זשורנאַליסט.

קומענדיק אין נאָענטער און טעגלעכער באַרירונג מיט צעדערבוימען, האָב איך אים געקענט באַאָבאַכטן, באַמערקן זיינע גרויסע מעלות און אויך זיינע ניט קלענערע חסרונות, די ערנסטע שטריכן אין זיין כאַראַקטער, ווי די לעכערלעכע.

איך וועל פּרובירן אָביעקטיוו איבערצוגעבן פאַרשיידענע שטריכן פון צעדערבוימס וועזן. עס וועט העלפן צו פאַרשטיין די ווייטערע פּרקים פון מיינע דעראינערונגען און שילדערונגען פון פּערזאָנען און געשעענישן.

דער ערשטער איינדרוק, וואָס צעדערבוים האָט אויף מיר געמאַכט מיט זיין פּנים און גאַנצן וועזן, איז געווען — ווי איך האָב שוין באַמערקט — אַ זייער אומאָנגענעמער. איך בין געווען שטאַרק אַנטוישט. אין פאַר־לויף אָבער פון אַ פּאָר וואָכן האָט זיך דער ערשטער איינדרוק פיל אָפּגע־שוואַכט. עס איז מיר אויפגעפאַלן ביי אַ לאַנגן שמועס מיט אים, אַז ביי דער גאַנצער העסלעכקייט האָט ער דאָך אַ שיינעם הויכן שטערן. באַזונ־דערס די שלייפן זיינען געווען שיין און אויסדרוקספול, אַ שטערן, וואָס האָט געפּאַסט אויך פאַר אַ ווירקלעכן דענקער.

דעם ערשטן טאָג פון מיין אָנקומען אין „המליץ", האָט אויף מיר גע־מאַכט אַ שווערן איינדרוק דאָס, וואָס צעדערבוים האָט מיך גלייך נאָך מיין אָנקומען, איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט, זאָגנדיק צו מיר קאַלט־בלוטיק: ביז דריי אַזייגער מוז דער מאָרגנדיקער „המליץ" זיין פאַרטיק, שרייבן אַליין צוויי אַרטיקלען און אויסבעסערן פרעמדע אַרטיקלען.

נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט אויף דער רייזע פון מאָסקווע קיין פּעטער־בורג, זיצנדיק איינער אַליין אין רעדאַקציע, און אָן יעדער הילף (ווייל פּראָזער און גראָס פלעגן געוויינלעך קומען ערשט דריי אַזייגער נאָכמי־טאָג). האָב איך געדאַרפט גיין מאַכן אין אַ פּאָר שעה אַ נומער פון אַ צייַ־טונג פאַרטיק!

איך בין געווען שטאַרק אומצופרידן מיט צעדערבוימס אויפפירונג. איך האָב זיך געפרעגט: וואָס איז דאָס פאַר אַ רעדאַקציע און וואָס איז דאָס פאַר אַ מין צייטונגס־אַרויסגעבער?

איבערהויפּט איז ביי מיר צו יענער צייט, איידער איך בין אָנגעקומען אין „המליץ", געווען דאָס שרייבן אין העברעאיש אַ הייליקע אַרבעט. אַ מין גאָטעסדינסט, כדי צו שרייבן אַן אַרטיקל אין העברעאיש, מוז מען האָבן אַ באַזונדערע איניטואיציע, רוח־הקודש, אַ באַזונדערע באַגייסטערונג

אא״ו. אויסער דעם בין איך געוואוינט געווען צו שלײפֿן, צו פֿײלן יעדן אויסדרוק, יעדעס וואָרט.

און דאָ קומט דער אַלטער צעדערבוים און זאָגט צו מיר, ווען איך בין מיד פֿון וועג: שרײב אַן אַרטיקל אַזוי און אַזוי די גרויס און מאַך פֿאַר־טיק די צײטונג ביז דער שיק־ײנגל פֿון דער דרוקערײ וועט קומען. איז דאָס ניט אַ חילול־הקודש?!

אַ ברירה האָב איך געהאַט? צו דרײ אַזײגער בין איך פֿאַרטיק גע־וואָרן מיט מײן אַרבעט.

ווען איך האָב נעענטער דערקענט צעדערבוימס וועזן, האָב איך באַ־גריפֿן, אַז ניט אויס שלעכטסקײט און האַרטקײט האָט ער מיך גלײך אין דער ערשטער שעה פֿון מײן קומען אין פּעטערבורג אײנגעשפּאַנט אין דער אַרבעט, ניט ווײל ער האָט מיר גערעכנט מײן געהאַלט פֿונם ערשטן טאָג פֿון מײן אָנקומען, ווי איך האָב אים צוערשט חושד געווען.

צעדערבוים, וואָס איז דאַן געווען כּמעט דרײ מאָל אַזוי אַלט ווי איך, און ניט קוקנדיק אויף זײן אויסגעדאַרטן קלײנעם קערפּערל, האָט ניט געוואוסט וואָס עס הײסט מידקײט. אַ רײזע פֿון מאָסקווע קײן פּעטער־בורג איז בײ אים געווען אַ לײכטער שפּאַציר־גאַנג, אַ קלײניקײט. ער איז קײנמאָל ניט געווען מיד, זײן אַרבעטס־קראַפֿט האָט אים קײנמאָל ניט פֿאַרלאָזן. ער האָט ניט געקענט באַגרײפֿן, אַז אַזאַ יונגער מענטש, ווי איך בין דאַן געווען, קען פֿילן מידקײט און באַדאַרף האָבן שטימונג. וואָס קען זײן לײכטער ווי שרײבן אַ פּאָר אַרטיקלען? מען טונקט אײן די פֿעדער און מען שרײבט, ווען מען האָט וואָס צו זאָגן!

צעדערבוים פֿלעגט אויפֿשטײן געווײנלעך פּונקט פֿיר אַזײגער אין דער פֿרי. ער פֿלעגט שלאָפֿן אויף אַ האַרטער לעדערנער קאַנאַפּע אָן װײכע בעטגעוואַנט, צוקאָפּנס נאָר אַ קלײנע לעדערנע קישעלע. גלײך ווי ער פֿלעגט אויפֿשטײן, פֿלעגט ער זיך שטעלן אויף אַ קלײנעם פֿוס־בענקל בײם שרײב־טיש און אַרבעטן ביז צען אַזײגער פֿאַרמיטאָג, אָן אַן אויפֿהער. אין אָט די אַרבעטס־שעהן פֿלעגט ער אָפּענטפֿערן פֿיל בריוו. ער האָט געפֿירט אַ רײכע און ברײטע קאָרעספּאָנדענץ; ער איז געווען אַ לײדנשאַפֿטלעכער בריוו־שרײבער. פֿאַרטיק געוואָרן מיט זײן קאָרעס־פּאָנדענץ, פֿלעגט ער אויפֿשרײבן וואָס ער האָט געהאַט צו שרײבן פֿאַרן טעגלעכן „המליץ״. ער האָט זײער שנעל געשריבן. קײנמאָל זיך ניט אָפּ־געשטעלט אויף אַ סעקונדע, אַ טראַכט צו טאָן װעגן אַן אויסדרוק, וועגן אַ וואָרט. אונטערן דרוק פֿונם מאָמענט פֿלעגט ער שנעל אָנוואַרפֿן אַ לײט־אַרטיקל. גוט, שלעכט, געלונגען, ניט געלונגען, געטראָפֿן צום פּונקט אָדער ניט געטראָפֿן — אַלץ אײנס. ער פֿלעגט איבערגעבן צום דרוק וואָס

פון פעדער איז נאָר אַרויס. ער פלעגט נאָך דערלויבן זיינע מיטאַרבעטער (פריער א. ש. פרידבערגן, נאָכדעם י. ל. גאָרדאָנען) אויסצובעסערן אים די גראָבע גראַמאַטיקאַלישע און סטיליסטישע פעלערן.

ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעמען, האָבן זיינע אַרטיקלען פאַרמאָגט צינד־שטאָף, אַגרעגונגען, קאַמף קעגן לעבנס־פאַרדאַרבער, אויפמונטערונג פון פאָלקס־כּוחות און די שטרעבונג צו אַ מער ציוויליזירטן לעבן.

פיל כּוחות האָט צעדערבוים אַוועקגעגעבן זיין אויסגעברייטערטער קאָרעספּאָנדענץ. ער איז געווען אַ גרויסער מאַריך אין זיינע בריוו. ער פלעגט זיך פאַר יעדן, פאַר נאָענטע און ווייטע, קלאָגן, אַז קיינער וויל ניט אַנערקענען זיין ניצלעכע אַרבעט פאַרן רוסישן יידנטום. ער פלעגט אויס־פירלעך באַריכטן וועגן זיין ביטערן קאַמף מיט זיינע קעגנער און וועגן זיינע נצחונות. אין איינִיקע בריוו פלעגט ער אַרעגן געוויסע פערזענ־לעכקייטן צו באַטייליקן זיך אין פאַרשיידענע קהלישע און נאַציאָנאַלע אַרבעטן. אין זיינע בריוו, ווי אין זיינע אַרטיקלען, פלעגט ער צוזאַמענ־מישן זיינע פריוואַטע אינטערעסן מיט די כּלל־אינטערעסן. אַלץ וואָס ער האָט געשריבן, סיי די בריוו און סיי די אַרטיקלען, האָבן עדות געזאָגט אויף זיין אומדערשעפּלעכן קוואַל פון ענערגיע.

ער פלעגט באַקומען בריוו פון פאַרשיידענע שטעט, פון יחידים און פון גאַנצע קהילות, מיט דער ביטע ער זאָל זיך פאַר זיי משתּדל זיין און אַרויסשלעפּן זיי פון אַ צרה, פון אַ בלבול א. ד. ג. ער האָט קיינעם ניט געקענט אָפּזאָגן. די צרות פון זיינע ברידער אין דעם תּחום־המושב האָבן אים קיין רו ניט געגעבן. און ער פלעגט זיך אָננעמען צו זיין אַ שתּדלן, סיי ווען ער האָט געקענט וואָס אויפטאָן און סיי ווען עס איז גע־ווען אוממעגלעך צו העלפן.

צעדערבוים האָט פערזענלעך געקענט אַלע מיניסטאָרן און אַלע רע־גירונגס־באַאַמטע, פון קליין ביז גרויס. ער האָט געקענט דעם יחוס, די אינטריגעס, די אַלע מעגלעכע געשיכטעס פון יעדן פון זיי. ער איז געווען באַפריינדעט מיט אַלע זייערע פאַרוואַנדטע אין דער פּראָווינץ.

אויך יעדער פון די מיניסטאָרן און פון די העכערע רעגירונגס־באַאַמטע האָבן פערזענלעך געקענט צעדערבוימען. זיי האָבן אים געקענט אַלס אַ שתּדלן, אַלס אַן אַרויסגעבער פון אַ העברעאישער צייטונג, וואָס האָט פיל אינטעליגענטע לעזער. פיל פון די העכערע רעגירונגס־באַאַמטע פלעגן צוליב צעדערבוימען, פאַרקוקן געוויסע גזירות. ער האָט געוואוסט ווי זיי צו באַאיינפלוסן און דורך וועמען אויף זיי צו ווירקן און ווייך מאַכן.

צעדערבוים איז געווען דער טיפּישער שתּדלן מיט אַלע מעלות און חסרונות.

3

צעדערבוים איז געווען אַן אָפטער „אַריינגייער” ביי דעם דאַמאָלסט־דיקן מיניסטער פון פאָלקס־בילדונג, דעליאַנאָוו, אַ גאַנצער „בעשמעלקע” געווען מיט אים. דעליאַנאָוו פלעגט אים אויפנעמען צו יעדער צייט, אפילו אויסער זיינע אָפיציעלע אויפנאַמס־שטונדן.

מיר איז באַקאַנט געווען אַזאַ פאַקט: איינמאָל איז צעדערבוים גע־קומען צו דעליאַנאָוון מיט אַ בקשה, ער זאָל געבן אַ באַפעל צו דער פאַר־וואַלטונג פונם פעטערבורגער אוניווערסיטעט, זיי זאָלן אויפנעמען צוויי יידישע יונגעלייט אויסער דער פּראָצענט־נאָרמע פאַר יידישע סטודענטן.

דער מיניסטער פון פאָלקס־בילדונג האָט קורץ געענטפערט: „מער ווי איינעם קאָן איך ניט באַווילן. קלייב אויס איינעם פון די צוויי יונ־געלייט, פאַר וועמען דו ביסט זיך משתדל”.

צעדערבוים האָט דעליאַנאָוון דאַרויף געענטפערט:

„איך קאָן ניט מאַכן קיין אונטערשייד צווישן די צוויי פייאיקע יונ־געלייט. זיי ביידע האָבן גלענצנדיק געענדיקט די גימנאַזיע. מיר איז אַלץ איינס. מיין שמערץ וועט זיין גרויס, אויב מען וועט מיר אָפּשניידן דעם פינגער אָדער אַן אַנדערן. אַלע פינגער זיינען מיינע פינגער”.

צעדערבוימס ענטפער האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף דעם אַלטן ביוראָקראַט דעליאַנאָוו. ער האָט געגעבן אַ באַפעל דער אַדמיניסטראַציע פון אוניווערסיטעט זי זאָל אויפנעמען ביידע יידישע סטודענטן אויסער דער פּראָצענט־נאָרמע.

אָט דער פאַקט איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יידישער שתדלונות פון יענער צייט.

אַ דאַנק דער שתדלנות פון צעדערבוימען (ניט שטענדיק איז זי גע־ווען ווירדיק), זיינען אַ היפּשע צאָל יידישע תלמידים אַריינגענומען גע־וואָרן אין פאַרשיידענע רוסישע אוניווערסיטעטן אויסער דער „געזעצלע־כער” פּראָצענט־נאָרמע.

צעדערבוים פלעגט זיך ניט אָפּשרעקן פאַר קיין שווערקייט, פאַר קיין מי, פאַר קיין שטערונג דאָרט, וואו עס האָט זיך געהאַנדלט אַריינצוברענ־גען אין אַ הויכשולע אַ באַגאַבטן יידישן תלמיד, וואָס איז געבליבן, צוליב די באַשרענקונגס־געזעצן, מחוץ־למחנה. באַזונדערס פלעגט זיך דער אַל־טער אינטערעסירן מיט די תלמידים, וואָס זיינען געווען תלמידי־חכמים, וואָס האָבן געקענט העברעאיש. אין אַזאַ פאַל פלעגט ער נעמען אויף זיך אפילו די געוויסע הוצאות, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט זיין שתדלנות.

איינמאָל זיץ איך אין רעדאַקציע־צימער ביי דער אַרבעט. פּלוצים הער איך פון דערבייאיקן זאַל אַ געשריי, צעדערבוימס קוויטשנדיקע שטים — ער בייזערט זיך און קאָכט זיך אויף עמיצן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט צעדערבוים אַריינגעשטורעמט אַן אויפּ־געדרעגטער צו מיר און מיט אַ הייזעריקן קול מיר דערציילט: „האָט איר געהערט אַזאַ חוצפּה? איינער פון די באַקאַנטע אָדעסער יידישע גבירים איז געקומען צו מיר מיטן פאָרשלאַג איך זאָל אָנווענדן מיינע שתדלנות ביים מיניסטער, מען זאָל זיין זון אויפנעמען אינם אוניווערסיטעט, און ער איז גרייט צו באַצאָלן מיר פאַר מיין טרחה פינף הונדערט רובל. איז גע־הערט געוואָרן אַזאַ חוצפּה? די גבירים גלויבן באמת, אַז מיט געלט קאָן מען אַלץ און אַלעמען אָפּקויפן. אפילו מיין שתדלונות. איך האָב דעם מנוול אַרויסגעטריבן פון מיין צימער. האָסטו געהערט אַ מעשה — קו־מען צו מיר אין הויז און אַזוי באַליידיקן מיך?!

דריי אַזייגער פלעגן מיר עסן מיטאָג. דער איינציקער מאָלצייט, וואָס צעדערבוים פלעגט עסן אינם משך פון מעת־לעת. זייער אָפט פלעגן זיין ביים רייכן טיש איינגעלאַדענע געסט, אָרעמע סטודענטן, אָנגעזעענע אורחים, כלל־טוער און יידישע געלערנטע פון דער פּראָווינץ.

צעדערבוים איז געווען אַ גרויסע מאַריך ביים טיש. ער פלעגט מיך און, אין געוויסע פאַלן, אויך זיינע געסט ניט לאָזן אויפשטיין פונם טיש ביז ער פלעגט ניט ענדיקן צו דערציילן זיינע מעשהס און געשיכטעס. זיינע מעשהס זיינען געווען לאַנג ווי דער יידישער גלות. איך האָב קיינ־מאָל ניט דערהערט זייער סוף. עס האָט מיר געפעלט דאָס נויטיקע גע־דולד, כאָטש בכלל בין איך אַ גוטער צוהערער.

די געשיכטעס, וואָס צעדערבוים פלעגט אַזוי ליידנשאַפטלעך דער־ציילן, זיינען געווען אַ מישמאַש פון ווערטלעך און הלצות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אין די ייִנגערע יאָרן פון די שניידער־אַרבעטער, וואָס האָבן ביי אים אַמאָל געאַרבעט אין זיין שניידער־געשעפט אין אָדעס.

צעדערבוים איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1816 אין זאַמאָשץ, לובלי־נער גובערניע. אין 1840 האָט ער זיך באַזעצט אין אָדעס. די ערשטע צייט איז ער געווען אַ בוכהאַלטער אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט. נאָכדעם האָט ער אַליין געעפנט אַ געשעפט פון פאַרטיקע קליידער. פון פראַנצויזישע מאָדע־זשורנאַלן האָט ער זיך אויסגעלערנט די מלאכה צוצושניידן די מע־נער־קליידער. ער האָט אַליין געפירט דאָס שניידער־געשעפט ביז ער איז געוואָרן אַ רעדאַקטאָר.

ער פלעגט אויך דערציילן אַנעקדאָטן, ווערטלעך און שאַרפע באַמער־קונגען, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון שריפטשטעלער, פּראָפעסאָרן,

סוחרים, כּלל־טוער, רבנים און גאונים, מיניסטאָרן און פּאָליציימייסטערס. אַלץ האָט ער אויסגעמישט אין איין קאַשע.

צעדערבוים איז געווען אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע פון דער יידישער געשיכטע אין רוסלאַנד. אַלץ וואָס האָט פּאַסירט אין דער רוסיש־יידישער וועלט, האָט געלעבט אין זיין זכרון, מיט אַלע פּרטים און פּישטשעווקעס.

אין די פופציק יאָר, וואָס צעדערבוים האָט זיך באַשעפטיקט מיט כּלל־טוערײ, איז ניט געווען קיין איין פּאַסירונג אינם יידישן לעבן, אַ מער אָדער ווייניקער וויכטיקערע, וואָס ער האָט ניט געוואוסט, אָדער געגלויבט צו וויסן — די סודות, די אָפענע און געהיימע, פון דער פּאַסירונג, ווי אירע דירעקטע און אומדירעקטע פאָלגן.

צעדערבוים האָט פּערזענלעך געקענט אַלע וויכטיקע און אָנגעזעענע פּערזאָנען צווישן די רוסישע יידן, צו וואָס פאַר אַ קלאַס און שיכט זיי האָבן ניט געהערט. ער האָט געקענט זייער סדר־היחוס, זייער באַשעפטיקונג, זייערע באַציאונגען, זייערע שוואַכקייטן, זייערע מעלות און חסרונות.

ווען ער פלעגט שילדערן די אַנטוויקלונג פון דער השכּלה־עפּאָכע אינם רוסישן יידנטום און דערציילן וועגן אירע קעמפער און טרעגער, פלעגט צעדערבוים זיך שטעלן אין צענטער, אַלס די הויפּט־פיגור, פון דער השכּלה־עפּאָכע, ווי ער וואָלט געווען דער איינציקער, וואָס האָט געשאַפן אַ נייע עפּאָכע פון אויסבעסערונגען, פון רעפאָרמען און ראַדיקאַלע ענדערונגען אין עפנטלעכן לעבן פון דעם רוסישן יידנטום, אין דער דערציאונג פון דעם נייעם דור.

איז צעדערבוים געזעסן אין אַ געזעלשאַפט, סיי צווישן באַקאַנטע און סיי צווישן ווילד־פרעמדע, איז ער געווען דער הויפּט־דערציילער און רעדנער. ער פלעגט ניט צולאָזן אַנדערע צום וואָרט, אפילו די וואָס זיינען געשטאַנען פיל העכער פון אים אין דער געזעלשאַפט, העכער פון אים אין בילדונג, אין תּורה און אין מעשׂים.

צעדערבוים פלעגט זיך פרייען פון יעדער געלעגנהייט, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן אַביסל אויסצוליידיקן די פּעק מעשׂיות, וואָס ער האָט מיט זיך אַרומגעטראָגן אין זכרון. דערציילנדיק וועגן די דערלייכטערונגען וואָס די רוסישע רעגירונג האָט געמאַכט פאַר געוויסע יידן, צי וועגן גע־וויסע, ניט וויכטיקע אויסצייכענונגען, וואָס די רעגירונג האָט געגעבן די יידן (וועגן גלייכבאַרעכטיקונג האָט צו יענער צייט נאָך קיינער ניט גע־חלומט און קיינער פון די כּלל־טוער האָט קיין פּיפּס ניט געגעבן), האָט ער קיינמאָל ניט פאַרגעסן באַקלאָגן זיך אויף זיינע ברידער, וואָס זיי־נען אומדאַנקבאַר, און קיינער וויל ניט געדענקען וויפיל מי דאָס האָט אים געקאָסט. זיין שטענדיק קלאָגן זיך אויף אומדאַנקבאַרקייט מצד דעם

כלל־ישראל, פֿלעגט מאַכן אַ שלעכטן איינדרוק אויף זיינע צוהערער, אָבער פֿיל ביטערער אמת איז דאָך געווען אין זיינע ווערטער.

אויך אין די אָוונטן איז צעדערבוים אַרומגעלאָפֿן צופֿוס אָדער אַרומגעפֿאָרן אויף „איזוואָשטשיקעס”, צו טרעפֿן זיך מיט פֿאַרשיידענע פּערזאָנען, כדי צו באַוועגן זיי פֿאַר געוויסע כלל־נויטן, אָדער משתדל צו זיין זיך פֿאַר הילפֿסבאַדערפֿטיקע מענטשן אָדער אינסטיטוציעס, א. ד. גל.

ער איז שטענדיק געווען אָנגעלאָדן מיט פֿרעמדע צרות, פֿונם כלל און פֿונם פּרט.

צעדערבוים פֿלעגט ניט פֿיל באַטראַכטן צו ווען ער זאָל זיך ווענדן מיט זיין שתדלנות, אָדער איז איבערהויפּט די זאַך ווערט און ווירדיק, ער זאָל זיך פֿאַר איר אָננעמען.

איז מען צו אים געקומען מיט אַ בקשה, ער זאָל אויסנוצן זיין באַקאַנטשאַפֿט אין פֿאַרשיידענע ספֿערן, פֿלעגט ער זיך גלייך אָנכאַפּן, ניט איבערקלערנדיק, ווער איז די ריכטיקע פּערזאָן, צו וועמען ער זאָל זיך ווענדן מיט זיין שתדלנות.

פֿיל מאָל איז צעדערבוים געקראָכן מיט זיין שתדלנות אין וויכטיקע כלל־אָנגעלעגנהייטן קעגן דעם ווילן פֿון די דאַמאָלסטדיקע יידישע גדולים אין פּעטערבורג: באַראָן גינזבורג, שמואל פּאָליאַקאָוו, לעאָן ראָזענטאַל און אַנדערע.

עס איז געווען די עפּאָכע פֿון דער טרויעריקער שתדלנות. יידן אין רוסלאַנד האָבן ניט געקאָנט זוכן קיין שוץביים געזעץ, ביי דער גערעכטיקייט. יעדער גובערנאַטאָר, אפֿילו פֿיל נידעריקערע טשינאָווניקעס, האָבן געקאָנט אָנטאָן צרות יעדן יידן, ווי דעם גאַנצן כלל־ישראל. גזירות אויף גזירות, לאָקאַלע און אַלגעמיינע, האָבן זיך געשאָטן אויף זייערע קעפּ.

די יידן אין דער פּראָווינץ זיינען געווען דעמאָלט איבערצייגט, אַז די גדולים אין פּעטערבורג, ווי באַראָן גינזבורג און דער אייזנבאַן־מאַגנאַט שמואל פּאָליאַקאָוו, וואָס זיינען געווען פֿאַררעכנט פֿאַר קרובים למלכות, אַז זיי קאָנען מבטל זיין אַלע גזירות אויף יידן. נאָר ווי קומט מען צו צו אָט די גדולים? צו צעדערבוימען האָט אָבער יעדער געקאָנט צוקומען פּערזענלעך און ברייוולעך — און ער איז טאַקע געווען דער טיפּישער, דער אויסגעשפּראָכענער שתדלן.

צעדערבוים אַלס פֿאָלקס־שתדלן, אַלס מליץ־יושר פֿאַר זיינע ברידער, איז ניט געווען ווייט־זיכטיק. קיינער האָט אים ניט אויסגעוויילט אַלס יידישער פֿאָרטרעטער, פֿון זיך אַליין איז ער דאָס געוואָרן. זיין טעמפּעראַמענט, זיין וואַרעם האַרץ, זיין אַמביציע האָבן אים דערצו געבראַכט.

די העכערע יידישע אינטעליגענץ, ווי די יידישע געלט־מאַגנאַטן, מיט טיטולן און אָן טיטולן, אין פּעטערבורג האָבן אויסגעלאַכט צעדער־בוימס שתּדלנות. ווי אַ דאָרן אין אויג איז עס זיי געווען.

ניט קוקנדיק אויף דעם איז אים געלונגען דורכצופירן מיט דער הילף פון זיין שתּדלנות, אייניקע נויטיקע זאַכן פאַרן כּלל, ווי די דער־לויבעניש פאַר אַרויסגעבן העבּרעאישע, יידישע און רוסיש־יידישע צײַ־טונגען, די דערלויבעניש פונם אָדעסער קאָמיטעט פאַרן ישוב ארץ־ישראל, און נאָך אינסטיטוציעס, וואָס אַנדערע איז דאָס ניט געלונגען.

די באַזונדערע קראַפט פון זיין שתּדלנות איז געלעגן ניט אין זיין מוח, נאָר אין זיינע פיס. ער איז קיינמאָל ניט מיד געוואָרן אַרומצולויפן צו די „שרים ורוזנים" צו בעטן פאַר זיין פאָלק ישראל.

אַנשטאָט דיפּלאָמאַטיע, פּאָליטיק און רעדנער־קראַפט האָט ער זיך באַנוצט מיט תּחנונים ובקשות. האָט מען אים אָפּגעזאָגט, האָט ער זיך ניט געפוילט צו קריכן אין די הויכע פענסטער נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל.

אָט דער אַלטמאָדישער, גלותדיקער שתּדלן, צעדערבוים, מיט אַלע זיינע לעכערלעכע שוואַכקייטן, מיט זיין טאַקטלאָזיקייט, און געשמאַקלאָ־זיקייט, איז נאָך אַלץ געווען משכמו ומעלה העכער פון די מערסטע דאַ־מאָלסטדיקע כּלל־פאַרזאָרגער און שתּדלנים צווישן די געלט־ אָדער קאָפּ־יידן אין פּעטערבורג, וועלכע פלעגן שטאַרק קריטיקירן צעדערבוימען און אים זייער אָפט געשטערט אין זיין טעטיקייט לטובת־הכּלל.

צעדערבוים האָט גערעדט אַ שלעכטן רוסיש, מיט אַן עכטן יידישן אַקצענט. ער האָט געקענט אויך אַנדערע שפּראַכן, ווי פּויליש, דייטש און פראַנצויזיש; אָבער אין קיין שפּראַך האָט ער ניט געקענט זיך קאָרעקט אויסדריקן. ווען אים האָט געפעלט אַ פּאַסיקער אויסדרוק, האָט ער באַ־נוצט אַן עכט־יידישן זיפץ אָדער אַ טרער. זיינע גרעסטע מעלות זיינען געווען: אויסעראָרדנטלעכע מוטיקייט און דרייסטקייט, זיין אויסערגעע־וויינלעכער זכּרון, זיינע פילפאַרצווייגטע באַקאַנטשאַפטן און זיין אומדער־מידלעכע ענערגיע. מיט אָט די מעלות איז אים געלונגען צו ראַטעווען יידישע נפשות פון די שווערסטע שטראָפן אין דעם בלוט־בלבול פון קו־טאַאיס, ווי אויך אין אַנדערע פאַלן.

ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס צעדערבוים האָט גערעדט אַ פעלערהאַפטן רוסיש, האָט ער דאָך געהאַט די דרייסטקייט אויפצוטרעטן עפנטלעך, אין דער אַנוועזנקייט פון די גרעסטע רוסישע שריפטשטעלער, מיט אַ רוסישער רעדע.

ביי דער לוויה פון דעם רוסישן פּובליציסט קראַיעווסקי, דער רעדאַקטאָר פונם „גאָלאָס" (די דאַמאָלס אָנגעזעענטע און גרעסטע טעג־

לעכע רוסישע צײטונג), וואו די באַרימטסטע רוסישע שריפטשטעלער האָבן אים מספּיד געווען, איז צעדערבוים געווען דער אײנציקער ייד אין פּעטערבורג, וואָס האָט מספּיד געווען דעם טויטן אינם נאָמען פון דעם רוסישן יידנטום, ווײל קראַיעווסקי האָט אַמאָל פאַרוואָרפן אין זײן צײ־טונג אַ גוט וואָרט פאַר יידן.

ווען איך האָב אַמאָל געפרעגט צעדערבוימען, ווי קומט עס וואָס דווקא ער האָט מספּיד געווען קראַיעווסקין און ניט קײנער פון די באַקאַנטע רו־סיש־יידישע שריפטשטעלער אין פּעטערבורג, האָט צעדערבוים מיר דער־רויף געענטפערט: „איך האָב פריער גאָרניט געערכנט מספּיד צו זײן קראַ־יעווסקין, איך בין אָבער געגאַנגען צו זײן לוויה. דאָרט איז צו מיר צוגע־טראָטן אײנער פון די אָנגעזעענסטע רוסישע פּערזענלעכקײטן און האָט מיך געפרעגט, ווער פון דער יידישער געמײנדע וועט רעדן אויפן קבר, אים אָפּצוגעבן די לעצטע ערע? איך האָב געגלויבט, אַז פּראָפעסאָר באַקסט וועט רעדן; אַגב איז באַקסט געווען אַ שטענדיקער, באַצאָלטער מיטאַר־בעטער אינם „גאָלאָס", וואוהין איך האָב אים אין זײן צײט אַרײנגעבראַכט. פּראָפעסאָר באַקסט האָט אָבער ניט געוואָלט קײן וואָרט רעדן, האָב איך שוין געמוזט רעדן, כאָטש איך האָב זיך פריער גאָר ניט צוגעגרײט און ניט דערוואָרט, אַז מיר וועט אויסקומען צו רעדן".

די מעשהס און שמועסן פון צעדערבוימען האָבן מיך געצוואונגען אַרויסצוקלײבן זיך פון זײן וואוינונג און נעמען פאַר זיך אַ באַזונדערע וואוינונג, ניט ווײט פון דער רעדאַקציע פון „המליץ". צעדערבוים פלעגט מיך אָבער אָפט באַזוכן אין מײן וואוינונג. ער פלעגט קומען צו מיר שפּעט בײנאַכט און מיך אַרויסנעמען אויף אַ שפּאַצירגאַנג איבערן נעווסקי פּראָ־ספּעקט. ער איז געווען אַ קענער, אַ בקי פון פּעטערבורג; ער האָט גענוי געקענט אירע מיסטעריעס, אירע געהײמנישן, אירע אינטריגעס; ער האָט געקענט און געוואוסט אַלע אירע באַרימטקײטן, זײער לעבן, זײער פאַרגאַנ־גענהײט, ווי זײערע מפּלות און נצחונות. קײן סודות האָבן פאַר אים ניט עקזיסטירט.

שפּאַצירנדיק מיט אים איבער די גאַסן פון פּעטערבורג, פלעגט ער מיר דערצײלן די געשיכטע פון פּעטערבורג און פון אירע אײנוואוינער. זײן אָרט דערצײלן איז געווען פאָלגנדיקער: איר זעט דעם פּאַלאַץ, וואָס אויף דעם עק פון דער גאַס? דאָס הויז האָט פריער געהערט צו יענעם און יענעם וועלכער איז געווען אַן אײדעם פון דעם און דעם; זײן פאַמיליע האָט געהאַט די און די מעלות, די און די פעלערן. דער פריערדיקער באַ־זיצער פון אָט דעם הויז האָט עס פריער אָפּגעקויפט פון די יורשים פון נ. נ., וועלכער האָט געענדיקט זײן טומלדיקן לעבן מיט זעלבסטמאָרד.

די ריכטיקע סיבה פֿון זײַן זעלבסטמאָרד איז געװען אַזאַ און אַזאַ. דער פּאַלאַץ איז איבערגעגאַנגען צו אַ נײַעם באַזיצער, זײַן מסחר איז מיט דעם און דעם, דאָ און דאָרט, ער האָט אָבער אױך נאָר אַ גאַנץ קורצע צײַט געלעבט אין אָט דעם פּראַכטפֿולן פּאַלאַץ, װען ער איז געשטאָרבן נאָך אַזאַ און אַזאַ אָפּעראַציע, װאָס דער און דער פּראָפֿעסאָר האָט אים געמאַכט פֿאַר אַזױ פֿיל און אַזױ פֿיל געלט; האָבן זיך די יורשים צעקריגט איבער אַזאַ און אַזאַ מיאוסער מעשה, און זײ האָבן געמוזט פֿאַרקױפֿן דעם פּאַלאַץ. דער איצטיקער באַזיצער, װאָס האָט באַצאָלט פֿאַר דעם הױז אַזאַ און אַזאַ סומע, האָט אַ שװאָגער אַ גובערנאַטאָר אין דער גובערניע נ., אַ פּלימעניצע פֿונם גובערנאַטאָר איז פֿאַרהײראַט צו דעם און דעם טשינאָװניק, אַ באַקאַנטער און פֿרײַנט מײַנער נאָך פֿון אָדעס, װאו איך האָב אים געטאָן אַ טובה אין אַזאַ און אַזאַ שװערן פֿאַל; װען ניט איך, װאָלט ער שױן לאַנג צו־גרונט געגאַנגען. אַ פּלימעניק פֿונם נײַעם פּאַלאַץ־באַזיצער איז אַ פּאָליצײַמײַסטער דאָרט און דאָרט; אױך ער איז מײַנער אַ פֿרײַנט, װײַל איך האָב אַמאָל אַרױסגעראַטעװעט זײַן פֿרױס אַ טאַנטע, די אַלמנה פֿון אַ באַרימטן גענעראַל, פֿון אַ גרױסער צרה. און די געשיכטע איז געװען אַ װאונדערבאַרע (דאָ פֿלעגט זיך אַרײַנװעבן אַ שפּאָגל־נײַע געשיכטע), אָבער אױך דער איצטיקער אײגנטימער פֿונם פּאַלאַץ האַלט בײַם פֿאַרקױפֿן זײַן באַזיץ. די סיבה דערפֿון איז די און די. היות, װי ער איז פֿאַרפּלאָנטערט אין אַזאַ און אַזאַ עסק און איז אַרײַנגעפֿאַלן אינם אומגליקלעכן געשעפֿט װעגן זײַן שװעגערין, די אַלמנה פֿונם גראַף נ. נ. דער גראַף האָט מיך אַמאָל באַלײדיקט דערפֿאַר, װאָס איך האָב ניט געקאָנט פֿאַרשװײַגן זײַן סקאַנדאַליעזן טאַט מיט זײַן יידישן פּאַכטער, און אים אָנגעקלאָגט בײַם מיניסטער נ., װעלכן איך האָב נאָך געקענט אַלס יונגנמאַן, װען ער פֿלעגט באַשטעלן זײַנע קלײדער אין מײַן אַמאָליקן געשעפֿט אין אָדעס. די אײַנװאױנער פֿון אָט דעם הױז אַנטקעגן, װעלכע געהערט דעם און דעם, זײַנען די און די, װאָס באַשעפֿטיקן זיך מיט דעם און דעם.

אַזױ פֿלעגט צעדערבױם מיר שילדערן יעדעס גרעסערע הױז, ער איז געװען שטאַלץ מיט די פּרטים, װאָס ער האָט געװאוסט, אָדער געגלױבט אַז ער װײסט, װעגן יעדן הױז און הױז־באַזיצער.

װען צעדערבױם פֿלעגט דערצײלן, פֿלעג איך טראַכטן װעגן עטװאָס אַנדערש, און איך האָב געזוכט אַ װעג װי צו באַפֿרײַען זיך פֿון צעדערבױמען און פֿון זײַנע מעשהס.

װעגן עיקר, װאָס איך האָב געדאַרפֿט רעדן מיט צעדערבױמען, װעגן די רעפֿאָרמען אין „המליץ" — צו דעם פּונקט איז געװען שװער צוצוקומען מיט אים.

וואַסילי בערמאַן

שוין די ערשטע וואָך פֿון מיין אַרבעט אין „המליץ" האָב איך זיך פֿערזענלעך באַקענט מיט די באַדייטנדסטע העברעאישע און רוסיש־יידישע שריפֿטשטעלער, דיכטער און געלערנטע, וואָס האָבן דאַמאָלס געלעבט אין פּעטערבורג. מיט אייניקע פֿון זיי האָב איך זיך נאָכדעם באַפֿריינדעט אויפֿן גאַנצן לעבן. יעדע באַקאַנטשאַפֿט מיט אָט די באַרימטע מענער איז געווען אַ געשעעניש, אַ ווירטיקע פּאַסירונג, אין מיין אינערלעכן לעבן. יעדער פֿון זיי איז געווען אַ וועלט פֿאַר זיך: שטערן, זונען, אויפֿגייענדיקע און אונטערגייענדיקע. קיין פֿריינטלעכע באַציאונגען צווישן אָט די ליטעראַרישע וועלטן האָבן ניט געהערשט. געמיינזאַמע גייסטיקע אינטערעסן אויך ניט. פֿאַרקערט, עס זיינען געווען ניט זעלטענע צוזאַמענשטויסן צווישן זיי.

איך האָב זיך גלייך געשטעלט אויף יענער זייט, אויסער דער גרעניץ פֿון אַלע לאָקאַלע אינטריגעס. שוין די ערשטע וואָך פֿון מיין אָנקומען אין דער רעדאַקציע פֿון „המליץ" האָב איך געהאַט פֿעסט באַשלאָסן ניט צו פֿאַרבלייבן דאָרט. איך האָב איינגעזען, אַז מיינע פּלענער צו רעאָרגאַניזירן און מאָדערניזירן דעם „המליץ" זיינען ניט צום אויספֿירן; אַז איך און צע־דערבוים זיינען צוויי גאַנץ פֿאַרשיידענע וועלטן. מיך האָט אויך געצויגן צוריק קיין מאָסקווע, צו דער לעבעדיקער, הייליק־גייסטיקער אַטמאָספֿערע פֿון די בני־ציון. די גייסטיקע אַטמאָספֿערע פֿון דער ליטעראַרישער וועלט אין פּעטערבורג איז געווען צו קאַלט, צו פּראָסטיק פֿאַר מיר.

איך האָב צעדערבוימען אָנגעדייט, אַז איך קאָן ניט פֿאַרבלייבן קיין אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער אין „המליץ", — טראָץ די פֿאַרהעלטניס־מעסיק גוטע מאַטעריעלע באַדינגונגען וואָס ער האָט מיר געגעבן, — האָט דער אַלטער ניט געוואָלט הערן און וויסן פֿון מיין צוריקציען זיך.

איך האָב ניט געוואָלט, ניט געקאָנט פֿאַרקניפּן מיין ליטעראַרישן שיק־זאַל מיטן „המליץ". דעריבער האָב איך ביי זיך אָפּגעמאַכט צו פֿאַרבלייבן אין דער רעדאַקציע נאָר דריי־פֿיר חדשים, כּדי צו באַקענען זיך מיט דער גייסטיקער פּעטערבורג בכלל און מיט דער יידישער בפֿרט.

וויסנדיק פֿאַראויס, אַז כ'וועל לאַנג ניט פֿאַרבלייבן אין פּעטערבורג, האָב איך געזוכט אויסצונוצן די צייט אויף צו מאַכן וואָס מער באַקאַנט־שאַפֿטן, צו באַקענען זיך פֿון דער נאָענט מיט די יידישע באַרימטקייטן אויף פֿאַרשיידענע געביטן. דאָס איז מיר לייכט אָנגעקומען. גלייך נאָך

מיין אָנקומען קיין פּעטערבורג בין איך אַריינגעצויגן געוואָרן אין די קרייזן פון דעם יונגן, סימפּאַטישן, באַגאַבטן און דערפּאָלגרייכן אַדוואָקאַט, וואַסילי בערמאַן (דער זון פון דעם רעליגיע־לערער אליעזר בערמאַן, וואָס איז געווען דער אַרויסגעבער פון „רוסקי יעווריי״), וועלכער איז געווען אַ פּלאַמיקער, אַקטיווער חובב־ציון, אַ דענקענדיקער און פילנדיקער רע־נעסאַנס־ייד, נאָענט גייסטיק צו די מאָסקווער בני־ציון. ער איז געווען דער אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון די זאַמלביכער „ציון״ אין רוסיש. ער איז געווען פול מיט ענערגיע און געשטאַנען אין נאָענטער באַציאונג, דורך בריוו און דורך אָפטע באַזוכן אין פּאַריז, בערלין און דער שווייץ, מיט די דעמאָלסדיקע באַקאַנטע כלל־טוער און חובבי־ציון אין מערב־אייראָפּע, ווי ד״ר הירש הילדעסהיימער, רב צדוק כהן, דער „גראַנד־ראַבין״ פון פראַנקרייך, און מיכאל ערלאַנגער, דער פּאַרטרויטער פון באַראָן עדמאָנד ראָטשילד.

וו. בערמאַן האָט געהאַט אויך פּאַרצווייגטע באַציאונגען צו דער ליטעראַרישער וועלט, אין פּעטערבורג גופא, ווי אין אויסלאַנד. ער האָט גלענצנד גערעדט פראַנצויזיש, דייטש און אַנדערע אייראָפּייאישע שפּראַכן. ער האָט אויך געקענט העברעאיש. בערמאַן האָט גלייך אַוועקגעשטעלט די פראַגע פון ישוב ארץ־ישראל אויף אַ וויסנשאַפטלעכן באַזיס. ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן געשאַפן מאַטעריעלע הילף פאַר די בילו״יים, די סטודענטן פון די רוסישע אוניווערסיטעטן, וועלכע האָבן זיך אַלס די ערשטע פּיאָנערן באַזעצט אין ארץ־ישראל; ער האָט געגרינדעט פאַראיינען אין פאַרשיידענע שטעט, אגודות פאַר ישוב־ארץ־ישראל, האָט זיך גרינטלעך באַשעפטיקט מיט דעם עמיגראַציע־פּראָבלעם. אַ פּיל־זייטיקע, מאַגנעטישע פּערזענלעכקייט, אַן עטישער און ניט ווייניקער עס־טעטישער מענטש.*)

אויף דעם דריטן טאָג פון מיין אָנקומען בין איך געווען פאַרבעטן אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט אין דער רייכער, שיקאַרנער, קינסטלעריש־אויסגעשטאַטעטער היים פון וו. בערמאַן. דאָרט האָב איך געטראָפן די העכסטע פון דער יידישער אינטעליגענץ, שריפטשטעלער, געלערנטע, דיכטער און קינסטלער. בערמאַן האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר יעדן, מיט איבערגעטריבענעם לויב, אַלס זיין פריינט. פאַר דעם באַראָן גינזבורג האָט ער מיך פאָרגעשטעלט מיט די ווערטער: „אַ פּיל־פאַרשפּרעכנדיקער העב־רעאישער שריפטשטעלער, און דאָך אַן אָנשטענדיקער מענטש״ (יעווריים־

*) וואַסילי בערמאַן איז געשטאָרבן אין 1894 (צוויי־און־דרייסיק יאָר איז ער אַלט געווען) אין קאַאירא, פון שווינדזוכט.

קי פיסאַטיעל, אַ ווסיאַ טאַקי פּאַריאַדאַטשני טשעלאָוויעק). די הוספה — „און דאָך אַן אַנשטענדיקער מענטש" האָט מיך אומאַנגענעם איבערראַשט. משמעות, האָב איך געטראַכט, אַז אין פּעטערבורג איז דער טיטל „העברעאישער שריפטשטעלער" ווי אַ קעגנזאַץ צו דער באַצייכענונג „אַנשטענדיקער מענטש". ווי קומט דאָס? דאָס האָט מיר שוין דאַן געגעבן פיל צו דענקען. איך בין נאָך געווען אַ נייער מענטש אין דער ליטעראַרישער וועלט און איך בין נאָך געווען טיף און נאַאיוו איבערצייגט, אַז דער טיטל „העברעאישער שריפטשטעלער" נעמט אַריין אין זיך אַלע מידות טובות.

אויף דעם דאָזיקן ליטעראַרישן אָוונט האָב איך שוין באַקומען אומצייליקע איינלאַדונגען. דאָס דעמאָלסטדיקע יידישע פּעטערבורג האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט איר ברייטער גאַסטפריינטלעכקייט.

אויסער דעם האָבן מיך ד"ר קאַנטאָר און ד"ר י. ל. קאַצענעלסאָן (בוקי בן יגלי) אַריינגעצויגן אין זייער קרייז, מיט וועלכן איך האָב זיך געטראָפן אין זייערע הייזער.

דאָס איז געווען מיין ערשטער אַריינפאָר אין דער גרויסער יידישער ליטעראַרישער וועלט, צו וועלכער איך האָב ליידנשאַפטלעך געשטרעבט זיבט מיינע ייגנסטע יאָרן אָן. מיין הייסטער וואונטש איז פון תמיד אָן געווען זיך צו באַקענען פּערזענלעך מיט מחברים פון די ווערק, וואָס האָבן אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק. איך האָב שטענדיק געדענקט, אַז דער פּראָפעסאָר, דער שריפטשטעלער, דער דיכטער דאַרף זיין, מוז זיין פיל איבערטרעסאַנטער פון אַלע זיינע געשריבענע ווערק, וואָס זיינען נאָר אַ טייל פון זיין רייך אינערלעך וועזן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז נאָכדעם, דורך פיל דערפאַרונגען, איז מיר אויסגעקומען צו קאָרעגירן, אויסצובעסערן די דאָזיקע מיינונג, אָדער דעם דאָזיקן גלויבן.

מיינע זייער רייכע דערפאַרונגען אין דער ליטעראַרישער וועלט האָבן מיך געלערנט, אַז עס זיינען פאַראַן שרייבער, דיכטער, קינסטלער, וואָס שטייען אַלס מענטשן פיל נידעריקער, וואָס זיינען פיל מינדערווערטיקער ווי זייערע ווערק. זייערע ווערק, זייערע שאַפונגען קאָנען זיין חשובע, באַדייטנדיקע, אפילו אויסגעצייכנטע, אָבער די שאַפער, די שרייבער אַליין, קאָנען זיין, אַוועקגייענדיק פון שרייב־טיש, גאַנץ קליינע, אומבאַדייטנדיקע מענטשעלעך. זייערע שאַפונגען קאָנען זיין, אין געוויסע פאַלן, אומגעוויינלעכע, יום־טובדיקע. אָבער זייערע שאַפער, דאַגעגן, קאָנען זיין גאַנץ געוויינלעכע, וואָכעדיקע מענטשן.

פאַרקערט: עס זיינען דאָ שריפטשטעלער, דיכטער און קינסטלער, וואָס שטייען פיל העכער, פיל באַדייטנדיקער פון זייערע ווערק, וועלכע

זײנען נאָר אַ קלײנער טײל, נאָר אײניקע פּונקען, פֿון זײער גײסט, פֿון זײער רײכן װעזן.

אין פּעטערבורג, װי געזאָגט, האָבן זיך פֿאַר מיר געעפֿנט אַלע טירן פֿון דער ליטעראַרישער װעלט, האָבן זיך מיר אַנטגעבאָטן אַלע מעגלעכקײטן אַרײנצודרינגען טיפֿער אין די „מיסטעריעס" פֿון דער דאָזיקער צױבער־װעלט. איך בין געװען פֿול מיט באַגײסטערונג. מײַן נײַגעריקײט איז געװען גרױס, מײַן פֿאָרשונגס־גײַסט, אױפֿגעװעקט. ניט װײניקער מײַן נײַגונג צו אידעאַליזירן מענטשן. איך האָב געזוכט פּראָבלעמאַטישע נאַ־טורן, קעמפֿער, טרױמער, שטורעמדיקע גײַסטער א. ד. ג. אין דער פּע־טערבורגער קאַלטער אַטמאָספֿערע. איך פּערזענלעך האָב ניט געפֿילט די קאַלטקײט. אַלס גאַסט האָט מען אױך מיך ניט געלאָזט פֿילן די פּראָסטיקײט, דעם טרוקענעם ראַציאָנאַליזם, די אױסגערעכנטקײט און די קלײנלעכקײט פֿון די ליטעראַרישע קרײַזן. דער קאַלטער שטראָם פֿון דעם װירקלעכן לעבן האָט מיך דאַן נאָך ניט באַרירט.

מײַן ערשטע באַגעגעניש מיט װאָסילי בערמאַן האָט מיך טיף גע־רירט. ער איז געװען װירקלעך דורכאױס האַרץ, דורכאױס נשמה, דורכאױס אידעאַליזם און עקסטאַז, ניט קוקנדיק אױף דעם װאָס ער איז אױך געװען אַ מענטש פֿון גײַסט, פֿון װיסנשאַפֿט, פֿון טאַטזאַכן און ציפֿערן. איך האָב אים ליב באַקומען פֿון ערשטן בליק.

איך האָב צװערטש געגלױבט, אַז אַלע זײַנע צאַלרײַכע געסט אױפֿן ליטעראַרישן אָװנט זײַנען פֿון דעם אױסדערװײלטן סאָרט מענטשן.

און באמת, אַלע װאָס האָבן זיך געפֿונען אין דער אַנװעזנהײט פֿון זײַן געזעלשאַפֿט, אונטער דעם שטאַרקן צױבער פֿון בערמאַנס פּערזענלעכקײט, האָבן אױסגעזען — און זײַנען דאָס אין יענע שטונדן װירקלעך געװען — פֿיל װאַרימער, מענטשלעכער, העכער און אײדעלער.

װאו װאָסילי בערמאַן איז געקומען, האָט ער מיט זיך געבראַכט זײַן גײַסטיק־מאָראַלישע, זײַן עטיש־עסטעטישע אַטמאָספֿערע, און אַלעמען באַ־לעבט און אױפֿגעהױבן מיט זײַן גײַסטיקן מאָטאָר און העכערע, געדאַנק־לעכע ספֿערן. ער האָט געגרײניקט די לופֿט אַרום זיך.

פֿיל אין פּעטערבורג האָבן אים געהאַלטן פֿאַר אַ פֿאַנטאַסט. זײַן אױ־סעראָרדנטלעכע טעטיקײט פֿאַרן ישוב־ארץ־ישראל, פֿאַר דעם רענעסאַנס־געדאַנק, האָט בײַ קײנעם אין די קרײַזן פֿון דער דעמאָלסטדיקער העכערער ײדישער אינטעליגענץ, װי צ. ב. בײַ פּראָפֿעסאָר באַקסט, בײַ באַראָן דוד גינזבורג, בײַ ד"ר י. ל. קאַצענעלסאָן, בײַ ד"ר קאַנטאָר, ש. פֿרוג, שמעון דובנאָװ און אַנדערע, ניט אַרױסגערופֿן קײן באַזונדערע סימפּאַטיע, קײן אַנערקענונג, און װער רעדט נאָך באַגײסטערונג. נאָר די שטודירנדיקע

יוגנט האָט זײַן ציוניסטישע טעטיקייט און אָפּפֿערוויליקייט געקאָנט באַגייסטערן און צוציִען.

אויף די ליטעראַרישע אָוונטן בײַ וואַסילי בערמאַן איז קיין זכר, קיין שאָטן פֿון די פּעטערבורגער אינטריגעס ניט געווען. אין זײַן קעגנוואַרט האָט מען ניט געוואַגט אַרויסצורײדן אַ בייז וואָרט, אַ רכילותל אויף וועמען עס זאָל ניט זײַן. ער איז געווען אַ מליץ־יושר, אַ פֿאַרטיידיקער, ניט נאָר אין די געריכט־הײַזער, נאָר וואו ער איז געווען און וואו מען האָט אין דער געזעלשאַפֿט עמיצן פֿאַראורטיילט. אין יעדן האָט ער געפֿונען אַ זכות. אַ גוטע זײַט. זײַן שאַרפֿן, איראָנישן גייסט, זײַן פּסיכאָלאָגיש־אַנטוויקלטן חוש האָט ער קיינמאָל ניט אָנגעווענדט אין דער ניט־ריכטיקער זײַט, אַרונטערצוזעצן מענטשן, אָדער זיי צו באַשולדיקן אין עטוואָס.

איז געקומען אַ געזעלשאַפֿט אין זײַן פּראַכטפֿולן הויז, האָט ער זי גלײַך פֿאַראינטערעסירט מיט די נײַסטע און וויכטיקסטע סאָציאַלע פּראָבלעמען, מיט די לעצטע ערנסטע שטרעבונגען, אין דער וועלט־ליטעראַטור, אָדער אין דער קונסט־וועלט. בײַ זײַן פֿילזײַטיקער פּראַקטישער טעטיקייט, ווי אַן אַדוואָקאַט און כּלל־טוער, האָט ער דאָך געפֿונען צײַט צו לייענען די וויכטיקסטע ווערק, די לעצטע ווערק פֿון דער וועלט־ליטעראַטור. ער איז געווען זייער שלאָגפֿערטיק און שאַרפֿזיניק אין די אינטערעסאַנטע דיסקוסיעס, וואָס ער האָט אַראַנזשירט אויף זײַנע אָוונטן. זײַן אורטייל איז געווען ערנסט און וואָגיק, דאָך שטענדיק גייסטרײַך.

ווי די מערסטע שווינדזיכטיקע וואָס האָבן גייסט, האָט אין אים דאָס לעבן העל געפֿלאַקערט. אינסטינקטיוו האָט ער געפֿילט, אַז ער איז אַ צו קורצער גאַסט אויף דער וועלט, און ער האָט זיך געאײַלט אַלץ וואָס אין אים איז אויסצווירקן, אַלצדינג דורכצולעבן און איבערלעבן. דער בוימל פֿון זײַן לעבן האָט נאָר געגרייכט ביז צום צוויי־און־דרײַסיקסטן יאָר. העל געפֿלאַקערט און אויף איינמאָל אויסגעלאָשן.

שוין פֿערציק יאָר זײַנען אַריבער זינט איך האָב אים געזען צום לעצטן מאָל. אָבער איך קאָן אים ביז הײַנט ניט פֿאַרגעסן.

נאָך זײַן טויט האָט מיר זײַן פֿרוי צוגעשיקט קיין ווין, וואו איך האָב דעמאָלט געלעבט, אַ היבשן טייל פֿון זײַן אַרכיוו, פֿון זײַן פֿילזײַטיקער קאָרעספּאָנדענץ אין פֿאַרשיידענע שפּראַכן.

ד״ר י. ל. קאַנטאָר

מיט ד״ר יהודה לייב קאַנטאָר, ווי געזאָגט, האָב איך זיך באַקענט גלייך ביי מיין אָנקומען אין פּעטערבורג. אַרבעטנדיק מיט אים אין דעם „המליץ״, האָב איך זיך געמוזט מיט אים טרעפן כמעט טעגלעך, הגם ער איז זעלטן געקומען אין דער רעדאַקציע. צו אים אין הויז פלעג איך כמעט יעדן טאָג, פאַרבייגייענדיק פון מיין וואוינונג אין דער רעדאַקציע, מאַכן אַ באַזוך, כדי צו באַשפּרעכן מיט אים רעדאַקציאָנעלע אָנגעלעגנהייטן, וואָס האָבן אים ווייניק אינטערעסירט. ער האָט געגעבן זיינע אַרטיקלען, לויט זיין פאַרפליכטונג, און אים האָט ניט געאַרט וואָס פאַר ליטעראַרישע, אָדער פּובליציסטישע אַרטיקלען עס זאָלן אַריינקומען אין „המליץ״ און וועלכע זאָלן גיין אין פּאַפּיר־קאָרב. אַזאַ גלייכגילטיקע באַציאונג האָט ער געהאַט. ווען איך פלעג אַ טאָג דורכלאָזן און צו אים ניט אַריינקומען, איז ער אַליין, אָדער צוזאַמען מיט איינעם פון זיינע ליטעראַרישע פריינט געקומען צו מיר. די קעגנזאַצן אין אונדזער וועזן, ווי אין אונדזערע מיינונגען און אָנזיכטן, האָבן אונדז ביידע צוגעצויגן צו זיך.

ד״ר קאַנטאָר איז דאַן געווען אין זיינע בעסטע יאָרן (ער איז אַלט געווען פערציק יאָר) און קרעפטן. אַ קליין געוואַקסן יידל, מיט אַ קאָפּ און אַ באָרד פול געדיכטע שוואַרצע האָר. אַ קיילעכדיקער קערפּער און אַ בעל־בשר. שטענדיק וויציק, ליבנסווירדיק און לוסטיק, הגם מאַטעריעל איז אים דאַן שלעכט געגאַנגען. אים איז אָפט אויסגעקומען צו ליידן פון דחקות און ער איז דאָך שוין געוואוינט געווען צו אַ ברייטערן און רייכערן לעבן.

דערציילנדיק זיינע שאַרפע, פאַלקסטימלעכע מעשהלעך און וויצן, פלעגט ער זיך אַליין קאַטשען פון זיין גוטהאַרציקן געלעכטער. זיין חיתוך־הדיבור איז געווען ניט דייטלעך. ווען ער פלעגט ריידן, פלעגט ער מאַכן דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געהאַט אַ מויל מיט ביי־אַריינגעזעצטע קינסטלעכע ציין, צו וועלכע ער האָט זיך נאָך ניט צוגעוואוינט, אָדער ווי ער וואָלט געהאַט אַ פול מויל מיט הייסע בעבלעך (טראָץ דעם איז ער נאָכדעם אויפגעצויגן געוואָרן אַלס פּרעדיקער אין ווילנע און אין ליבוי, אַדאַנק זיין גרויסן יידישן וויסן). זיין רוסישע אויסשפּראַך (ער האָט מיט מיר נאָר רוסיש גע־

רעדט) איז געווען פֿון אַ ווילנער יידן, וואָס האָט געלעבט און שטודירט אַ געוויסע צייט אין בערלין, וואו ער האָט אגב אָנגעאייגנט פֿולקאָם די דייטשע שפּראַך.

שוין ביי אונדזערע ערשטע שמועסן האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזן דער טיפֿער אונטערשייד צווישן אונדזערע באַציאונגען צום נאַציאָנאַלן רענע־סאַנס־געדאַנק און צום ציוניזם איז זיין דעמאָלטיקער פֿאָרם. דעמאָלט האָט עס געהייסן חיבת־ציון, אָבער איך, ווי אַלע מיינע חברים פֿון די בני־ציון אין מאָסקווע, האָבן שוין דאַן געטרוימט פֿון אַ יידישער מדינה, מיט אַן אייגענער און זעלבסטשטענדיקער קולטור.

קאַנטאָר האָט זיך באַצויגן צום נאַציאָנאַליזם און ציוניזם, וואָס האָט זיך אָקאָרשט באַוויזן צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט, נעגאַטיוו. ער פֿלעגט מאַכן ליצנות פֿון דעם גאַנצן ענין. ער האָט אויסגעדריקט זיין צער, וואָס אַזאַ יונגער מענטש ווי איך אינטערעסיר זיך אַזוי שטאַרק מיט אַזעלכע קלייניקייטן און נאַרישקייטן, ווי ישוב־ארץ־ישראל. ער פֿלעגט אין מיר אַריינרעדן, אַז אַזאַ קינסטלער־נאַטור ווי איך, מיט מיינע שריפֿט־שטעלערישע באַגאַבונגען, דאַרף שטיין אַן אַ זייט פֿון די מאַרק־שרייער און די כּלל־טוער. מיין פּלאַץ איז אין דער ליטעראַטור, ניט ביי די חובבי־ציון.

נישט געקוקט אויף דעם תהום, וואָס האָט פֿאַנאַנדערגעשיידט אונ־דזערע געפֿילן און באַציאונגען בנוגע דעם יידישן רענעסאַנס, האָב איך דאָך געפֿונען אַ באַזונדערן אינטערעס צו דעבאַטירן מיט קאַנטאָרן וועגן רייך־ליטעראַרישע ענינים און פּראָבלעמען.

קאַנטאָר האָט ניט געהאַט קיין פֿעסטע מיינונגען און אויך ניט קיין צו־ערנסטע באַציאונגען צו דער ליטעראַטור, אָבער ער איז געווען דורך און דורך אַ ליטעראַרישער מענטש. זיינע קענטעגישן אויף דעם ליטעראַ־רישן געביט, אין אַלע פֿאַכן, זיינען געווען זייער גרויס און רייך. ער איז געווען אויסעראָרדנטלעך באַלעזן אין דער רוסישער, דייטשער און פֿראַנ־צויזישער ליטעראַטור, אויסער זיין גרויסן יידישן וויסן. ער האָט שטודירט שאָפּענהויער מיט דעם זעלביקן אינטערעס ווי דעם „יד החזקה“ אָדער דעם „מורה נבוכים“ פֿון רמב״ם, פּושקינען ווי רבי יהודה הלוי, פּיסאַ־רעוון ווי די אַלטע שאלות־ותשובות. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט דער מעדיצינישער ליטעראַטור ווי מיט היסטאָרישע ווערק, באַזונדערס מיט דער „חכמת־ישראל“ און יידישער געשיכטע.

ער האָט לייכט, אָפֿטמאָל אויך אינטערעסאַנט, געקאָנט ריידן און שרייבן וועגן די וויכטיקסטע ליטעראַרישע ענינים און פֿראַגן, אָבער קיינמאָל ניט גרינטלעך און אויסגעהאַלטן. צווישן אַלע העברעאישע שריפֿטשטעלער,

וואָס האָבן דאָן געלעבט אין פּעטערבורג, איז קאַנטאָר געווען דער מאָדערנ־סטער, דער איראָפּייאיש־געבילדעטסטער. זיין העברעאישע שפּראַך איז געווען לייכט, שיין, אָן מליצות, אָן צאַצקעס. מענטשלעך געשריבן נישט נאָר אין רוסיש (אין „רוסקי יעווריי", וואו ער איז געווען דער פאַקטישער רעדאַקטאָר), נאָר אויך אין העברעאיש. זיין העברעאישע שפּראַך איז אָבער געווען ווייניק אָריגינעל, אָן בלוט, אָן זאַפט און אָן קראַפט.

זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען זיינען שטענדיק געווען לאָגיש, קלאָר, זאַכלעך און צום פּונקט. זיי האָט אָבער געפעלט פּערזענלעכקייט, שוואונג און אַנטשיידנקייט. ער האָט זייער גלאַט געשריבן, אָבער צו־וואָסערדיק, צו־באַנאַל; טאַקטפול אָבער קראַפטלאָז.

צו פערציק יאָר איז קאַנטאָר אַלס שריפטשטעלער, אַלס דענקענדי־קער מענטש, געווען פולשטענדיק רייף, און שוין פאַרגליווערט אויף אַ געוויסן פּונקט פון זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג. קיין נייער ליטעראַרישער, קיין נייער גייסטיקער שטראָם האָט אים שוין ניט געקאָנט מיטרייסן. ער האָט אויסגעלאַכט אַלע נייע אימפּולסן און באַשטרעבונגען. ווייטער פון לודוויג בערנע, זיין אידעאַל אין דער פּובליציסטיק, קיין שריט; העכער פון דוד פרישמאַן קיין שריט; קיין שפּאַן.

ביי ד"ר י. ל. קאַנטאָר אין הויז האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַ־קענט מיט דעם דיכטער ש. פרוג און זיך אויך געטראָפן מיט דעם אינ־זשעניר־דיכטער־פּובליציסט שלמה זלמן לוריע (דער פאָטער פון לאָרין, וואָס איז איצט זייער באַקאַנט אין סאָוועט־רוסלאַנד אַלס עקאָנאָמיסט, אַלס שאַרפער קאָפּ און פּאָליטישער דענקער).

ד"ר קאַנטאָר האָט אַנטדעקט דעם דיכטערישן טאַלאַנט פון פרוגן. דאָס איז געווען אין יאָר 1888, ווען דער „רוסקי יעווריי" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אונטער דער פאַקטישער רעדאַקציע פון קאַנטאָר (אָפיציעל איז געווען דער רעדאַקטאָר צבי הכהן ראַבינאָוויץ, וועלכער האָט גאָר קיין רוסיש ניט געקאָנט שרייבן. זיינע גייסטרייכע אַרטיקלען פלעגט הירש ראַבינאָוויץ שרייבן אין דייטש און אין העברעאיש, און קאַנ־טאָר פלעגט זיי איבעראַרבעטן אין רוסיש, וואוהין פרוג האָט צוגעשיקט זיינע ערשטע ביבלישע געדיכטן פון כערסאָן. קאַנטאָר האָט אויך מיטגע־ווירקט אַז די יידישע אינטעליגענץ אין פּעטערבורג זאָל אַראָפּברענגען אַהין פרוגן אין יאָר 1881. און דער דיכטער איז פאַרבליבן טריי צו קאַנ־טאָרן, כאָטש פרוג איז געווען זייער זעלטן פעסט און טריי צו פריינט. ער איז געווען, ווען איך האָב זיך מיט אים באַקענט, שטימונגספול און קאַפּ־ריזנע אין זיינע באַציאונגען צו מענטשן.

פֿרוג, וועלכער איז עלטער געווען פֿון מיר נאָר מיט צוויי־דריי יאָר, איז דאַן געשטאַנען אויף דער הויך פֿון זיין באַרימטקייט אין דער רוסישער יידישער וועלט, ווי אויך אין דער רוסישער ליטעראַטור.

דער דעמאָלט־באַרימטער עכט־רוסישער קריטיקער א. מ. סקאַבי־טשעווסקי, ווי אַנדערע באַרימטע רוסישע שריפֿטשטעלער, האָט אָנער־קענט פֿרוגס דיכטערישן טאַלאַנט, און אַלע גרויסע רוסישע מאַגאַטשריפֿטן זיינען געווען אָפֿן פֿאַר אים. ער איז דאַן געווען דער ליבלינג פֿון דער יידישער אינטעליגענץ אין גאַנץ רוסלאַנד. דאָך האָט ער זיך געהאַלטן זייער באַשיידן און אים איז ניט פֿרעמד געווען די זעלבסט־קריטיק.

דער פֿרישער ערד־גערוך, דער געזונטער פֿעלד־דופֿט און די שטאַרקע צוגעבונדנקייט צו דער מוטער־נאַטור, אין וועמעס שויס דער פּאָעט האָט פֿאַרבראַכט זיינע יינגלישע יאָרן, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט קיין פּעטער־בורג, האָבן שוין געהאַלטן ביים אויסוועפּן. ער האָט אויף מיר דאַן גע־מאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ לייכט־לעביקן, לייכט־שוועביקן, פֿלאַטערנדיקן גרויס־שטאָטישן מענטשן.

דער פּעטערבורגער קלימאַט, דער פֿיזישער און דער גייסטיקער, האָבן אים קיין גוטס ניט געטאָן סיי פֿיזיש און סיי גייסטיק. זיין באַרימטקייט, און די טעכטער פֿון פּעטערבורג, גראָד די קריסטלעכע, האָבן אים די ערשטע צייט אַביסל פֿאַרדרייט דעם קאָפּ. דערצו האָט ער שוין דעם ביטערן טראָפּן אויך ניט פֿיינט געהאַט.

אָבער אין דער צייט וואָס איך האָב זיך מיט אים באַקענט, יאַנואַר 1889, האָט ער געהאַלטן ביים זיך אויסניכטערן און איז געווען באַשיידן. ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן שפּאַסיקע געשיכטעס און לעבנס־פּאַסי־רונגען און זיך לוסטיק מאַכן, זיך וויצלען. אָבער אין אַלעם דעם האָב איך געפֿילט זיין אינערלעכע אומצופֿרידנקייט. אים האָט אָנגעהויבן ציען צו־ריק צו דרום־רוסלאַנד און צו די זייניקע.

זיין ערשטער דיכטערישער פֿלי איז געווען שטאַרק און העכער ווי דער דורכשניט. דאָס פּעטערבורגער לעבן האָט אָפּגעשוואַכט זיינע דיכ־טערישע פֿליגלען. ער האָט נישט געהאַט קיין גענוגנדיקע קראַפֿט העכער צו פֿליען. ער האָט שוין געמוזט פֿליען אַ שטאַפּל נידעריקער.

פֿרוגס אָריגינעלע קראַפֿט איז געלעגן אין די ביבלישע טעמעס, באַ־זונדערס דאַן ווען ער האָט באַקלאָגט דעם טרויעריקן שיקזאַל פֿון זיין פֿאָלק. די פּעטערבורגער לעבנס־באַדערפֿענישן האָבן אים געצוואונגען אָנ־צוהויבן שרייבן לייכטערע, אויבערפֿלעכלעכערע פּראָזאַאישע זאַכן, אין וועלכע ער האָט, אמת, אַרויסגעצייגט טאַלאַנט, אָבער שוין ניט מער אָריגי־נעל. איניטואַיטיוו האָב איך דערשפּירט ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט

פּרוגן, אָן אַנגעװײטיקטן פּונקט אין זײן אינערלעכן װעזן. עס איז געװען דער ערשטער אָנזאָג פֿון זײן שפּעטערדיקער אינערלעכער טראַגעדיע. ער האָט זיך אָנגעהויבן פֿילן אומבאַקװעם און פֿרעמד אין דער רוסישער גע־זעלשאַפֿט. נאָך די ערשטע ליבגעזאַנגען, װאָס אים איז אויסגעקומען צו הערן פֿון רוסישע שריפֿטשטעלער, זײנען געקומען קנאה, שנאה און אַרונטערזעצונגען. קײן צו שטאַרקן רוקנבײן האָט ער אויך ניט פֿאַרמאָגט.

זיצנדיק אין קאַנטאָרס און ש. ז. לוריעס געזעלשאַפֿט פֿלעגט זיך אַנט־פּלעקן, װען אַפֿילו אין אַ שפּאַסיקער פֿאָרם, זײן ביטערלעכע אַנטױשונג. עס איז געװען אַ טריאָ פֿון אַנטױשטע.

שלמה זלמן לוריע איז געװען אַ גענִיאַלע נאַטור. אין זײן פֿריסטער יוגנט האָט ער אַרויסגעװיזן אויסערגעװײנלעכע מאַטעמאַטישע פֿיאיקײטן, און צוגלײך ליטעראַרישע באַגאַבונגען.

װען שלמה זלמן לוריע האָט געענדיקט אין פּעטערבורג אויף אינזשע־ניר, האָט מען פֿון אים פֿיל דערװאַרט אויף דעם דאָזיקן געביט. ער האָט זיך אָבער אַרײנגעװאָרפֿן אין דער ײדיש־רוסישער פּובליציסטיק. ער האָט געשריבן אונטער זײן אײגענעם נאָמען און אונטער פֿאַרשײדענע פּסעװדאָ־נימען אויף אַלע מעגלעכע טעמעס און אויך אין אַלע מעגלעכע ריכטונגען און שטימונגען. ער איז געװען זײער פֿילזײטיק אין זײן װיסן און קענען. ער האָט זיך אָבער אַלס פּובליציסט שנעל אויסגעשריבן. בײם רעדן, בײם דעבאַטירן איז לוריע נאָך געװען שלאַגפֿאַרטיק. אַלס זשורנאַליסט אָבער איז ער געװען װאַקלדיק און מיטלמעסיק.

קורץ, פֿון די פֿיל און פֿאַרשידענע פֿאַרשפּרעכונגען װאָס שלמה זלמן לוריע האָט געגעבן זײנע נעענטערע באַקאַנטע און פֿאַרװאַנדטע נאָך אַלס גימנאַזיסט און נאָכדעם אַלס סטודענט, האָט זיך כּמעט גאָרנישט אויסגע־לאָזן. אַ געװיסע צײט האָט לוריע געשפּילט אין פּעטערבורג אַ געזעלשאַפֿט־לעכע ראָלע אַלס כּלל־טוער. אָבער אויך די דאָזיקע ראָלע האָט ער שנעל אויסגעשפּילט, זײן פֿיל־װײסערײ איז געװען ניט־פּראָדוקטיװ, זײן פֿיל־טו־ערײ ניט שטאַנדהאַפֿטיק. דער אינערלעכער קאַמפּאַס, דער װעגװײזער, האָט אים געפֿעלט.*)

קײן חידוש ניט, װאָס אויך לוריע האָט זיך געפֿילט אַנטױשט פֿון לעבן, הויך געפֿלױגן אין די יונגע יאָרן, און אין די מיטעלע שױן פֿאַרבראַכט אין די פֿאַרצימערן פֿון די פּעטערבורגער ײדישע מיליאָנערן. דאָס איז אויך געװען די שולד פֿון די לעצטע.

---

*) דער אינזשעניר און דיכטער שלמה זלמן לוריע, איז אין זײנע לעצטע יאָרן געװען „קאַזיאָנע" ראַבינער אין קיעװ.

לוריע איז געווען נאָך, אין דער צייט ווען איך האָב זיך מיט אים באַקענט, אויסערלעך שטאָלץ און גרויס־רעדנעריש. אָבער אינערלעך האָט ער שוין געפילט די ירידה. ער האָט זיך פאַרהאַלטן סאַרקאַסטיש־קריטיש, איראָניש־פּעסימיסטיש צו דער רענעסאַנס־אידייע, הגם ער אַליין איז געווען פריער פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך באַגייסטערט מיט דער יידישער אויפלעבונג און פאַר דעם אַגיטירט צווישן די סטודענטן. לוריע איז געווען דער הויפּט־פאַראַנשטאַלטער פון דעם באַגייסטערטן קבלת־פּנים, וואָס די נאַציאָנאַלע יידישע סטודענטנשאַפט אין פּעטערבורג האָט געגעבן סמאָלענסקינען, אין יאָר 1882, אַלס דעם נאַציאָנאַלן שריפטשטעלער און קעמפער פאַר דער יידישער אויפלעבונג.

קאַנטאָר אַליין, אין וועמענס הויז מיר פלעגן זיך טרעפן, איז דאַן אויך געווען אין צושטאַנד פון העכסטער אַנטוישונג. ער האָט דאַן אויפגעהערט גלויבן אין דער לעבנספיאיקייט פון דער העברעאישער ליטעראַטור, אין דער אויפריכטיקייט און באַגייסטערונג פאַר דער העברעאישער קולטור, און דער יידישער רענעסאַנס האָט אים געקלונגען אַלס אַ פּוסטע פראַזע.

אין אַ קורצער צייט האָט ער באַגראָבן זיין „היום" (די ערשטע העברעאישע טעגלעכע צייטונג) און זיין מאָנאַטשריפט „בן־עמי", וואָס האָט עקזיסטירט נאָר אַ האַלב יאָר און דאַן די איינציקע העברעאישע מאָנאַטשריפט אין דער גאַנצער יידישער וועלט.

נאָכדעם איז קאַנטאָר אויפגענומען געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר פון דעם „פאָלקס־בלאַט" (דאַן די איינציקע יידישע צייטונג, אַ וואָכנשריפט אין גאַנץ רוסלאַנד), אָבער אויך דאָס „פאָלקס־בלאַט" האָט באַלד אויפגעהערט.

און ווען איך פלעג אַנטרעפן אין קאַנטאָרס הויז די דריי — קאַנטאָר, שלמה זלמן לוריע און ש. פרוג — פלעג איך פילן אַרום זיך אַ גייסטיקע אַטמאָספערע, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט יאוש, אַנטוישונג און פאַרביינונג.

עס האָט דאַן געהערשט אין דער געזעלשאַפט פון אָט דער טריאָ, אַ שטימונג פון שקיעת־החמה, פון זונענאונטערגאַנג, ביין — וועלט־אונטערגאַנג. כאַטש גיי און זאָג קדיש נאָך דער וועלט! און דער דאָזיקער קדיש האָט זיך געהערט דווקא אין די לוסטיקע, שפּאַסיקע וויצן, אין די אַנעקדאָטן און אין די ווערטלעך און ביילויפיקע גייסטיקע באַמערקונגען וועגן אַלערליי ענינים, אין וועלכע אַלע דריי זיינען געווען מייסטערס.

די אַלע דריי האָבן ניט געקאָנט באַגרייפן מיין טיפן גלויבן אין דער יידישער אויפוואַכונג און אויפלעבונג.

יהודה לייב גאָרדאָן

אויפֿן צווייטן אָדער דריטן טאָג נאָך מיין אָנקומען אין פּעטערבורג, בין איך געגאַנגען באַזוכן יהודה־לייב גאָרדאָנען, דעם גרעסטן העברעאישן דיכטער אין יענער צייט.

איך בין געווען אַ גרויסער פֿאַרערער פֿון גאָרדאָנען. די בעסטע פֿון זיינע שירים האָב איך געקאָנט אויף אויסנווייניק.

אין דער צייט וואָס איך האָב געאַרבעט אין מאָסקווע, אינם „המליץ", אונטער דער רעדאַקציע פֿון גאָרדאָנען, האָט ער מיר זייער אָפֿט געשריבן בריוו. נאָך יעדן אַרטיקל, וואָס איך האָב אים צוגעשיקט האָט ער מיר אייניקע אויספֿירלעכע בריוו געשריבן *). און יעדער בריוו איז געווען אַ מייסטערשטיק. דערצו נאָך פֿול מיט פֿריינטשאַפֿט, ליבנסווירדיקייטן און אויך מיט וויץ. שוין נאָך מיינע ערשטע אַרטיקלען האָט ער מיר געשריבן:

„איך זע פֿאַר דיר אַ גוטע צוקונפֿט (עתידות טובות) אין אונדזער ליטעראַטור".

דער טאָג אין וועלכן איך פֿלעג באַקומען אַ בריוו פֿון גאָרדאָנען, איז ביי מיר געווען אַ יום־טוב.

אויך איך האָב געשריבן גאָרדאָנען גרויסע ליטעראַרישע בריוו, אין וועלכע איך האָב פֿריי און דרייסט אַרויסגעזאָגט מיינע מיינונגען וועגן ליטעראַטור און שרייבער, ווי אויך וועגן צייט־פֿראַגן.

עס איז געווען אַ צייט פֿון בריוו־שרייבן. איך האָב דאָן געהאַט די חוצפּה אַרויסצוזאָגן אין מיינע בריוו צו גאָרדאָנען, מיינונגען וועגן ליטעראַטור, שפּראַך און סטיל, וואָס זיינען געווען געריכטעט קעגן אים, קעגן זיין געשמאַק. איך האָב אים ניט דערלויבט צו ענדערן אין מיינע אַרטיקלען אַפֿילו אַ קוצו של יוד. ער פֿלעגט מיר צושיקן די קאָרעקטור פֿון מיינע אַרטיקלען, און ווען איך האָב דאָרט געפֿונען אַ געענדערטן וואָרט אָדער אַ ציטאַט פֿון זיינעם אַ געדיכט, וואָס ער האָט צוגעשריבן מיט זיין האַנט, פֿלעג איך דאָס אין דער קאָרעקטור אויסמעקן, און בין באַשטאַנען אויף דעם, אַז עס מוז געדרוקט זיין לויט מיין אייגענער קאָרעקטור.

---

*) אַ גרויסער טייל פֿון די ליטעראַרישע בריוו וואָס י. ל. גאָרדאָן האָט מיר געשריבן קיין מאָסקווע, זיינען געדרוקט אין דער זאַמלונג פֿון זיינע בריוו (אגרות יל"ג), לויט דער קאָפּיע, וואָס ער פֿלעגט ביי זיך איבערלאָזן.

און איך האָב דאָס ביי גאָרדאָנען אויסגעפירט.

מיין גרעסטער און הייליקסטער טרוים פון לעבן איז געווען די אויפ־לעבונג פון דער העברעאישער ליטעראַטור, און גאָרדאָן איז געווען אין מיינע אויגן דער כהן־גדול אין טעמפל פון דער העברעאישער פּאָעזיע, אין טעמפל פון שיינקייט און גראַציע.

אין מיין יוגנטלעכער פאַנטאַזיע האָב איך דערוואַרט צו טרעפן אין גאָרדאָנען אַ מאַן מיט פול קראַפט, פול גייסט, פול שוואונג און פאַרנעמקייט.

עפּעס אַ קליינינקייט, דער „ארי־שבחבורה״! (דער לייב פון דער חברה).

דער גרויסער מאָמענט איז געקומען:

איך זיץ ביי יהודה לייב גאָרדאָן (אָדער ווי מ׳האָט אים אין פּעטער־בורג גערופן, אין די ליטעראַרישע קרייזן, לעוו אָסיפּאָוויטש) אין זיין אַרבעטס־צימער.

ביים אַריינקומען איז ער אויפגעשטאַנען, מיך באַגעגנט מיט זיינע שווערע טריט. ער האָט מיר אויסגעשטרעקט אַ שווערע, גראָבלעכע האַנט, באַגריסט און געבעטן זעצן זיך קעגן אים ביים שרייב־טיש.

עס איז געווען איינס אַ זייגער בייטאָג.

גאָרדאָן האָט גערויכערט אַ שווערן ציגאַר. נאָך דער באַגריסונג האָט ער זיך געווענדט צו מיר אין שפּאַס מיט דער פראַגע:

— האָפנטלעך באַליידיק איך ניט אייערע רעליגיעזע געפילן מיט דעם וואָס איך רויכער אום שבת אין אייער קעגנוואַרט.

עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער האָט געוואָלט באַטאָנען די פרייע, די מוטיקע טאַט: ער רויכערט אום שבת! ד״ה ער ווייס טאָקע, אַז עס איז שבת, און דאָך רויכערט ער זיין ציגאַר, ווי אויף צו להכעיס די רבנים.

גאָרדאָן האָט נאָך געמאַכט אַ וועזן פון דעם וואָס ער רויכערט אום שבת. ער האָט עס אונטערגעשטראָכן.

עס האָט אויך מיר געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער וויל מיך איבערצייגן מיט דעם וואָס ער רויכערט אום שבת, אַז ער איז ניט געוואָרן אויף דער עלטער רעאַקציאָנער, חס וחלילה, ווי איך האָב אים חושד געווען אין אַ בריוו, אויף וועלכן ער האָט מיר געענטפערט: „לקנאָסאָ לא אלך!״

גאָרדאָן האָט נאָך געפילט אַ באַזונדערע הנאה, ווען ער רויכערט שבת (און אפשר אויך אַ באַהאַלטענע שרעק פאַר דער עבירה). דער אַמאָליקער משכיל, דער טיף פונם געוועזענעם ווילנער אפּיקורוס. ער האָט נאָך גע־קאָנט באַווייזן מיט לומדות, מיט פּלפול, אַז לויט תורת־משה איז רויכערן אום שבת מותר, דערלויבט, נאָר די פינצטערע, שמאָלקעפּיקע רבנים האָבן דורך פאַלשן פּלפול געמאַכט אַ גזירה, אַן איסור צו רויכערן אום שבת...

גאָרדאָן האָט גערעדט און איך האָב אים דערווייל באַטראַכט. זײַן פּנים, זײַן אופן זיך אויסצודריקן אין רוסיש און זײַן וועזן, האָבן אויף מיר געמאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַ טשינאָווניק, פֿון אַן ערלעכן טשינאָווניק מיט געוויסע „פּראָווילעס”, וואָס איז פֿאַרביטערט קעגן די „קראָמאָלניקעס”. אַ שטרענגער, בייזער אויסדרוק אין פּנים. האַרטע שטריכן אין פּנים. ווען ער וואָלט טראָגן אַ פֿולבאָרד, ניט נאָר אַ באַקנבאָרד, אין מיטן אויסגעגאָלט, וואָלט זײַן שטרענגער געזיכט געקאָנט מאַכן דעם אײַנדרוק פֿון אַ רב, אַ קנאַי, אײנער פֿון די, קעגן וועלכע ער האָט אין די ייִנגערע יאָרן אַזוי ביטער געקעמפֿט.

אויף זײַן גאַנצן וועזן, קערפּערלעך ווי גײַסטיק, איז געלעגן אַ שווערפֿעליקייט. אַלץ אין אים איז געווען האַמעטנע. ער האָט געמוזט אויף ווערמען עס איז דונערן, אויסגיסן זײַן גאַל.

אַפֿילו אויף זײַן ליבנסווירדיקייט, אַפֿילו אויף זײַנע וויצן און שאַרפֿע באַמערקונגען, איז געהאָנגען אַ שווערע משא, אַ געצוואונגענקייט. געוויסע שטריכן אין גאָרדאָנס כאַראַקטער האָבן דערמאָנט אינם דעמאָלט זייער באַרימטן, עכט־רוסישן דיכטער נעקראַסאָוו. געוויסע זײַנע מעלות און געוויסע זײַנע חסרונות. איבעריקנס, גאָרדאָן איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פֿון נעקראַסאָוו.

גאָרדאָן איז געווען אַ שווערער, אַן ערנסטער ליטעראַרישער אַרבעטער, אַ גרויסער למדן און בקי אין די אוצרות פֿון אונדזער ליטעראַטור, ווי אויך אין דער קלאַסישער וועלט־ליטעראַטור. אַ תּלמיד־חכם פֿונם אַלטן בית־מדרש, און דאָך האָט ער ליב געהאַט צו געברויכן אין געשפּרעך די גראָבסטע ווערטער, וואָס קומען ניט אַריין אין קיין ווערטערבוך. ער האָט זיך ניט געקאָנט באַרויִקן, ווען ער האָט ניט אָנגערופֿן די זאַכן מיט זייער נאַטירלעכן נאָמען; ווען ער האָט ניט באַצייכנט די פֿײַנט זײַנע מיט אומדרוקבאַרע ווערטער. אין אַזעלכע ווערטער איז באַשטאַנען זײַן קראַפֿט צו שילדערן סיטואַציעס און מענטשן וואָס ער האָט פֿײַנט געהאַט. ער האָט געקאָנט האַסן און פֿאַראַכטן, אין דעם איז ער געווען גאַנץ אויסגעהאַלטן און אויפֿריכטיק.

שוין בײַ מײַן ערשטן באַזוך האָט גאָרדאָן זיך ניט געקאָנט באַהערשן — זײַנע נערוון זײַנען געווען צערײַצט — און ער האָט גלײַך אָנגערירט די טעמע: צעדערבוים־קאַנטאָר־פֿרישמאַן. ער האָט זיך געלאָזן גיין אַן אָפּהאַלט, האָט זיך געפּאַרקעט אין קלייניקייטן, אין ניט־וויכטיקע פּרטים, אין נישטיקייטן.

גאָרדאָן האָט געזוכט צו געווינען מײַן סימפּאַטיע, מײַן גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט.

איך, פֿון מיין זייט, האָב געפּרואווט אַריבערצוטראָגן די אויפֿמערקזאַמ־קייט, דעם אינטערעס פֿונם דיכטער, אויף וויכטיקערע, אויף ריין־ליטע־ראַרישע ענינים, איז עס מיר ניט געלונגען. איך בין געווען אַנטוישט.

איך האָב זיך אין מיין פֿאַנטאַזיע גאַנץ אַנדערש פֿאָרגעשטעלט דעם דיכטער. איך האָב געוואָלט זען אין אים אַ געוויסע שלימות, גרויסקייט, איידלקייט, און דאָס גלייכן.

די ווירקלעכקייט האָט מיך געערגערט. איך בין אין יענער שעה אָרע־מער געוואָרן מיט אַן אידעאַל.

איך האָב ביי מיין ערשטן באַזוך גראָד אַנגעטראָפֿן דעם דיכטער אין אַ זייער וואָכעדיקער שעה, כאָטש עס איז געווען שבת־קודש. די נשמה יתירה האָט אים דאַן, ווי מיר אויף צו להכעיס, גראָד געהאַט פֿאַרלאָזן.

איך בין געווען צו־יונג און מיין ערשטער אורטייל איבער גאָרדאָנען אַלס מענטש, לויט מיינע ערשטע איינדרוקן, וואָס איך האָב פֿון אים באַ־קומען, איז געווען, ליידער, אַן אומבאַרעכטיקטער, אַ צוגעאייַלטער. עס איז געווען די רעאַקציע פֿון מיין צופֿיל אידעאַליזירן אים איידער איך האָב אים פּערזענלעך געקענט.

אין אַזאַ מאָמענט פֿון גייסטיקער ירידה, פֿון וואָכעדיקייט, טאָר זיך דער רבי ניט ווייזן פֿאַר זיינע יונגע תּלמידים.

אין חודש יאַנואַר, 1889, אין אַ חודש אַרום נאָך מיין ערשטן באַזוך, האָב איך אַ צווייטן מאָל באַזוכט דעם דיכטער. ער האָט מיר געלאָזט וויסן דורך פֿריינט, אַז ער האָט עגמת־נפֿש פֿון דעם וואָס איך האָב יוצא געווען מיט מיין ערשטן אָפֿיציעלן באַזוך אין זיין הויז; אַז אויך איך, צו וועמען ער האָט אַרויסגעצייגט אַזוי פֿיל פֿריינטשאַפֿט — אַז אויך איך האָב אים פֿאַרלאָזן. דאָס האָט מיך שטאַרק גערירט.

עס איז געווען אָוונט־צייט. דער דיכטער איז געווען איינער אַליין אין זיין וואוינונג. אויפֿן שרייב־טיש זיינען געלעגן קאָרטן פֿאַנאַנדערגע־לייגט אין צוויי מחנות. עס איז קענטיק געווען, אַז דער דיכטער האָט אויס לאַנגווייליקייט געשפּילט מיט זיך אַליין אין קאָרטן. ווען ער האָט מיך דער־זען, האָט ער זיך פֿאַרשעמט, געכאַפּט די קאָרטן און זיי אַוועקגעלייגט אין אַ זייט.

דער דיכטער, דער כהן־גדול פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור, האָט זיך פֿאַרטיידיקט:

— איך בין מיד, עס איז אומעטיק אויפֿן האַרצן, און כדי צו צעשטרייען זיך אַביסל, האָב איך זיך נאַריש געמאַכט אַביסל און מיט זיך אַליין גע־

שפּילט אין קאָרטן. דאָס גאַנצע לעבן איז אַ נאַרישע, פּוסטע שפּיל. מען שפּילט מיט אַנדערע אין אַ שפּיל מיט זיך אַליין. אַלע פאַרשפּילן און קיי־נער אייגנטלעך געווינט ניט.

גאָרדאָן איז געווען זייער טרויעריק, מעלאַנכאָליש און פּעסימיסטיש געשטימט. זיין גייסטיקער צושטאַנד איז געווען שרעקלעך. אין געשפּרעך האָט ער שטאַרק באַדויערט וואָס ער האָט זיינע כּוחות, זיינע יאָרן, אַלץ, אַלץ אַוועקגעגעבן דער העברעאישער ליטעראַטור, דער העברעאישער פּאָעזיע. עס איז געווען נאָר אַ קינדער־שפּיל, אַ ברכה לבטלה. עס האָט זיך ניט גע־לוינט. צוליב וועמען, צוליב וואָס האָט ער אַוועקגעגעבן זיין לעבן? ווער דאַרף די העברעאישע ליטעראַטור, די העברעאישע פּאָעזיע? אַ זאַך פאַר שפּעטערע אַרכעאָלאָגן, פאַר ליטעראַרישע ווערים. ווער לעזט העברעאיש? ווער דאַרף עס, אויסער פאַר בטלנים.

מיט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן האָט דער דיכטער געזוכט מבטל צו זיין אַלץ וואָס ער האָט געשריבן, וואָס ער האָט געדיכטעט, ווען זיינע אייגענע קינדער און אייניקלעך קאָנען זיינע שריפטן אפילו ניט לייענען. אפילו זיי־נע פאַרערער אין פּעטערבורג, וואָס האָבן געפּייערט זיין ליטעראַרישן יובי־ליי, פאַרשטייען אויך ניט קיין העברעאיש און זיי האָבן ניט געקאָנט לייענען זיינע שירים.

אין אַ פאָטערלעכן טאָן האָט גאָרדאָן אין מיר אַריינגערעדט צו פאַר־לאָזן דעם „המליץ" — איבערהויפּט דערווייטערן זיך פון דער העברעאישער ליטעראַטור. ניטאָ פאַר וועמען און צוליב וואָס זיך מקריב צו זיין. פאַר מענטשן מיט טאַלאַנט, מיט גייסט, זענען דאָ אַנדערע געביטן, אַנדערע מעגלעכקייטן און טעטיקייטן.

— איר וועט נאָך אַמאָל חרטה האָבן! — האָט מיך דער דיכטער גע־וואָרנט קעגן דער העברעאישער ליטעראַטור.

איך האָב געפּרוווט רעדן אַנטקעגן, דער דיכטער איז געבליבן ביי זיינס.

אויך דער צווייטער באַזוך ביי גאָרדאָנען האָט געמאַכט אויף מיר אַ שווערן איינדרוק, און אַרויסגערופן מיטלייד מיט דעם דיכטער.

ד״ר י. ל. קאַצענעלנסאָן

אַ באַזונדערן גוטן און ליבן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט אין פּעטערבורג ד״ר יהודה־לייב קאַצענעלנסאָן (זיין ליטעראַרישער פּסעוודאָנים איז געווען בוקי בן יגלי).

קאַצענעלנסאָן איז געווען דאַן אין צווייען עלטער פון מיר, דאָך האָבן מיר זיך פון דער ערשטער באַגעגעניש שטאַרק באַפריינדעט און מיר פלעגן זיך אייניקע מאָל אין דער וואָך טרעפן. ער איז געווען אַ שטאַרק באַשעפטיקטער דאָקטאָר, איינער פון די הויפּט־דאָקטוירים אינם אַלעקסאַנדראָווסקען האָספּיטאַל; אויך זיין פּריוואַטע פּראַקטיק איז געווען גרויס. ניט קוקנדיק אויף דעם, פלעגט ערווידמען זיינע נעכט דער העברעאישער ליטעראַטור, און פון צייט צו צייט אויך דער רוסיש־יידישער ליטעראַטור. ער איז איבערהויפּט געווען זייער פלייסיק, און האָט אויסגענוצט יעדע פרייע מינוט צו לערנען. צו יענער צייט האָט ער מער געלייענט ווי געשריבן. ער פלעגט וועגן און מעסטן יעדן אויסדרוק, יעדעס וואָרט. ער האָט געשליפן און פּאָלירט, געפיילט און אויסגעגלעט יעדן זאַץ, געשריבן און געמעקט. מער געמעקט ווי געשריבן. אַגב, די קונסט צו מעקן, אויסצושטרייכן, איז אַ פיל שווערערע ווי די מלאכה פון שרייבן. דער ווירקלעכער שריפטשטעלער מוז זיך קענען אָפּזאָגן פונם שענסטן, געלונגענסטן אויסדורק, פון דעם גלענצנדסטן זאַץ ווען זיי געהערן ניט צום ענין, ווען זיי וואַקסן ניט אַרויס אָרגאַניש פון דער הויפּט־טעמע, ווען זיי זענען אַ מין „יוצא־דופן".

ווען ד״ר קאַצענעלנסאָן פלעגט פאַר מיר איבערלייענען זיינעם אַ מאַנוסקריפּט, פלעגט ער מיך פרעגן: אפשר האָט ער צופיל געזאָגט, צופיל צעקייט, מער ווי עס האָט ווירקלעך געפאָדערט דער ענין? אָדער אפשר האָט ער אין געוויסע שטעלן עטוואָס ניט דערזאָגט, אפשר איז געבליבן עטוואָס ניט קלאָר, אפשר איז אַ געוויסער זאַץ אַרויסגעקומען צווייִדייטיק, און דער לעזער וועט קענען לערנען דעם פּשט אַנדערש.

ד״ר קאַצענעלנסאָן פלעגט שטאַרק אַרבעטן אויף דער קלענסטער זאַך, וואָס ער האָט געשריבן, האָט נאָכגעזוכט, נאָכגעפאָרשט און נאָכגעגריבלט.

און האָט ער שוין עטוואָס פאַרטיק אָנגעשריבן האָט ער זיך ניט געאיילט צו דרוקן, ווען ער האָט אפילו געהאַט די מעגלעכקייט דאָס צו דרוקן,

װען אַפֿילו די רעדאַקטאָרן פֿון פֿאַרשײדענע צײַטשריפֿטן פֿלעגן צו אים צו־שטײן ער זאָל זײ מיט װאָס עס איז מהנה זײַן. דער נאָמען בוקי בן יגלי איז געװאָרן באַליבט בײַ די העברעאישע און רוסיש־ײדישע לעזער.

קאַצענעלנסאָן האָט געהאַלטן פֿון ר׳ נחמן קראָכמאַלס עצה: „פֿאַר יעדן איבעריקן טאָג װאָס דער שרײַבער האַלט זײַן מאַנוסקריפּט, כּתב־יד, אויף זײַן שרײַב־טיש, לעבט זײַן געדרוקט װערק מער מיט אַ צענדליק יאָר״.

אויך יהודה־לײב גאָרדאָן, מענדעלע מוכר־ספֿרים און אחד־העם האָבן געהערט צו דעם טיפּ שרײַבער.

עס איז געװען אַן אַנדער דור, די שרײַבער האָבן ניט געהאַלטן פֿון כאַפּ־לאַפּ־אַרבעט. זײער גרעסטער לויב פֿאַר אַ שרײַבער איז געװען זײער ליבילנג־אויסדרוק: „ער איז געזעסן שבעה נקיים על טפת דיו אחת״ (אַ פּאַ־ראַפֿראַזע, אַן איבערגעמאַכטער תּלמודישער אויסדרוק, װאָס איז געזאָגט געװאָרן בײַ אַן אַנדער ענין װעגן אַ טפּת־דם).

אויך אַנדערע לײענער זענען אַמאָל געװען. די װערטער פֿון אַן אָנגע־זעענעם און אָנערקענטן שרײַבער האָט מען געלעזן — נײַק, געלערנט — פֿאַרטיפֿט, מיט גרױסער אױפֿמערקזאַמקײט. מ׳האָט געלעזן ניט נאָר די גע־דרוקטע שורות, נאָר אויך צװישן די שורות.

איך האָב נאָך איצט באַגעגנט צװישן די זקני־הדור העברעאישע לײע־נער, װאָס געדענקען נאָך בעל־פּה, אויף אויסנװײניק, גאַנצע שטיקער פֿון בוקי בן יגליס פֿעליעטאָנען, װאָס זײַנען געװען געדרוקט מיט פֿערציק יאָר צוריק.

אַ פּאָר פֿון קאַצענעלנסאָנס הויפּט־װערק (אויפֿן געביט פֿון טומאה און טהרה, װי אויפֿן געביט פֿון דער תּלמודישער מעדיצין) זענען געדרוקט גע־װאָרן נאָך זײַן טויט.

געװיסע ליטעראַרישע און װיסנשאַפֿטלעכע אָפּהאַנדלונגען, װאָס איך האָב נאָך מיט פֿערציק יאָר צוריק געלעזן בײַ אים אין כּתב־יד, האַנט־שריפֿט, האָב איך געזען געדרוקט ערשט נאָך צענדליקער יאָרן.

די אַמאָליקע מקובלים, װי אויך די שפּעטערדיקע גרויסע אויטאָרי־טעטן צװישן די בעלי־חב״ד, פֿלעגן איבערהויפּט ניט לאָזן דרוקן זײערע שריפֿטן בײַם לעבן. ערשט נאָך זײער טויט פֿלעגן עס זײערע תּלמידים פֿאַרעפֿנטלעכן. אין דעם איז דאָ אַן אַנטװיקלטער חוש פֿאַר אומשטערב־לעכקײט.

אין אונדזער צײַט איז אַ געװײנלעכע דערשײנונג: ײנגלעך, יונגעלײַט־לעך, װעלכע האָבן פֿאַרעפֿנטלעכט ערגעץ־װאו אין אַ װעלכער עס איז העב־רעאישער צײַטונג אַ פּאָר אינהאַלטלאָזע, פֿאָרמלאָזע, נאַרישע אַרטיקלען,

איילן זיך צו דאָס גלייך אַרויסצוגעבן אין אַ באַזונדערן בוך אַלס זייערע „געזאַמלטע שריפטן".

ד"ר י. ל. קאַצענעלנסאָן האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז אין די יונגע יאָרן איז ער געווען אין זיין געבורטשטאָט באָברויסק, עטלעכע יאָר אַ סופר סת"ם. ער האָט געשריבן מזוזות, תפילין און ספרי־תורות. פון דאַן אָן איז ביי אים פאַרבליבן די באַציאונג צום שרייבן ווי צו אַ מלאכת־הקודש, היי־ליקער אַרבעט.

זיין ליבע צו דער העברעאישער שפּראַך האָט קיין גרעניצן ניט גע־קענט. דאָס שרייבן אין העברעאיש „אַן און פאַר זיך" איז ביי אים געווען אַ מין קולט, אַ „גאָטעסדינסט". ער האָט אַרויסגעפילט אין יעדן כאַראַק־טעריסטישן העברעאישן אויסדרוק די נשמה פון אונדזער פאָלק און אירע באַזונדערע אידעלע אייגנשאַפטן. איבער וואָס ער האָט ניט געזאָלט שרייבן האָט ער שטרענג אָפּגעהיט דעם אָריענטאַלישן כאַראַקטער, די מזרח־שיינ־קייט און רייץ פון דער שפּראַך.

אין זיינע בעלעטריסטישע שריפטן האָט ער געברויכט נאָר די ריין־ביבלישע שפּראַך, וועלכע ער האָט מייסטערהאַפט ניואַנסירט און עקספּלו־אַטירט. ער פלעגט זיין שטאַרק אויפגעבראַכט אויף יענע העברעאישע שרייבער, וועלכע טראָגן אַריין אין דער נאַציאָנאַלער שפּראַך פרעמדע עלע־מענטן, ווערטער און אויסדרוקן, וואָס זענען פרעמד דעם העברעאישן גייסט.

אויף אַזעלכע שרייבער פלעגט ער אין זיין צאָרן זאָגן: זיי זענען נאַ־ציאָנאַלע פאַרברעכער. זיי שענדן אונדזערע אַלטע אוצרות. דורך זייער לייכטזין און אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווי אויך אַ דאַנק זייער עם־הארצות, פאַרוואַנדלען זיי אונדזער שיינע, נאַציאָנאַלע שפּראַך, אונדזער איינציק נאַ־ציאָנאַל אייגנטום, אין אַ „קוידערוועלש", אין אַ זשאַרגאָן.

קאַצענעלנסאָן האָט זיך זייער געפרייט, ווען איך האָב אים אַמאָל אויפ־מערקזאַם געמאַכט, אַז דער פילאָזאָף אַרטור שאָפּענהויער דריקט זיך ענלעך אויס, נאָר נאָך מיט מער צאָרן און אין שאַרפערע ווענדונגען (אין זיינע אָפּהאַנדלונגען „איבער שפּראַכע אונד וואָרטע") וועגן געוויסע שפּראַכפאַר־דאַרבער אין דער דייטשער ליטעראַטור.

אין זיינע וויסנשאַפטלעכע ווערק האָט זיך ד"ר קאַצענעלנסאָן דער־לויבט צו באַרייכערן די העברעאישע שפּראַך מיט ווערטער און אויסדרוקן פון דער הלכה און אגדה, באַזונדערס אָבער פון דער משנה און די בעלי־אסופות. ער האָט דאָס אָבער געטאָן מיט מאָס און מיט פיל שפּראַכן־געשמאַק.

ד"ר קאַצענעלנסאָן איז געווען ניט נאָר אַ וויסנשאַפטלעכער שריפט־שטעלער, ניט נאָר אַן ערנסטער און טיפער פאָרשער אויף געוויסע גע־

ביטן פֿון דער ײדישער װיסנשאַפֿט, חכמת־ישראל, באַזונדערס אין דער תּלמודישער מעדיצין, — ער איז אויך געװען, און אפֿשר נאָך פֿיל מער, אַ שײן־שרײבער מיט אַ זײער אַנטװיקלטן חוש פֿאַר דער שײנקײט פֿון דער שפּראַך, פֿאַר דער פֿאָרם און דער אַרכיטעקטאָניק, דער אויפֿבוי, פֿון אַ האַנדלונג. ער האָט װאָונדערשײן און סטילפֿול געשריבן אויך װעגן אַזעלכע טרוקענע ענינים װי די יסודות פֿון טומאה און טהרה, װעגן נגעים.

ער האָט געהאַט אַ פֿיזישן עקל פֿאַר די װאָס געברויכן אין װיסנשאַפֿט־לעכע װערק אַ שװערע, טונקעלע אָדער פֿאַרדרײטע שפּראַך. דער דורכ־שניט־לעזער גלויבט, אַז דאָס איז אַ סימן פֿון טיפֿע געדאַנקען.

אין דער סביבה פֿון די פּעטערבורגער העברעאישע שריפֿטשטעלער און דיכטער, װאו איך האָב אָנגעטראָפֿן צו יענער צײט (מיט פֿערציק יאָר צוריק) אַזוי פֿיל פֿאַרביטערטקײט, אַזוי פֿיל יאוש, פֿאַרצװײפֿלונג, אָדער צי־נישן ביטול צו דער נײ־העברעאישער ליטעראַטור און בנוגע דער צוקונפֿט פֿון דער העברעאישער שפּראַך, — אין דער סביבה איז פֿאַר מיר די באַ־קאַנטשאַפֿט און פֿרײנטשאַפֿט מיט קאַצענעלנסאָנען געװען אַ דערפֿרישונג און אַ שטאַרקונג פֿאַר מײן גײסט, און איך האָב עס געװאוסט הויך צו שאַצן.

אויך ד״ר קאַצענעלנסאָן איז געװען אַ שטאַרקער קעגנער פֿון די חובבי ציון און פֿון דעם נײ־געבאַקענעם נאַציאָנאַלן שאָװיניזם, אין װעלכן ער האָט דערשפּירט די אַלטע אַסימילאַציע נאָר אין אַ נײער, מאָדערנער פֿאָרם. זײן קעגנערשאַפֿט איז אָבער געװען אַן ערנסטע, אַן אויפֿריכטיקע און ערלעכע. ער האָט קײן ליצנות ניט געמאַכט, װי דאָס האָבן דאָן אין פּעטערבורג גע־טאָן אַנדערע, פֿון דער חיבת־ציון, פֿון דער באַװעגונג צו קאָלאָניזירן ארץ־ישראל. פֿאַרקערט, די ערד־אַרבעט פֿאַר ײדן איז בײ אים געװען אַן אידעאַל. זײן דערצײלונג „שירת־הזמיר״ איז געשריבן געװאָרן מיטן צװעק צו דערװעקן אין די הערצער פֿון די לעזער די ליבע און די שטרעבונג צו דער ערד־אַרבעט. ער איז געװען נאָר אַ קעגנער צו די הויכע און פּוסטע פֿראַזן פֿון דער אַזױ גערופֿענער „רענעסאַנס־באַװעגונג״, װאָס געװיסע פֿאַרשװינען געברויכן דאָס צו פֿאַרדעקן זײער עם־הארצות, אָדער זײער אינערלעכע שנאה צו דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור, נאָר אַ קעגנערשאַפֿט צו די ליאַרם־מאַכערס, װעלכע דרעשן פּוסטע פֿראַזן און װײכן פֿון ערנסטער גײסטיקער אַרבעט.

גרויס אויפֿזען און פֿאַרביטערונג האָט אַרויסגערופֿן זײן פֿעליטאָן, װאָס איז געװען געדרוקט אין קאָנטאָרס „היום״, מיטן נאָמען „מעשה בשלש פּרוטות״ (אַ מעשה מיט דרײ קאָפּיקעס).

דער תּמצית פֿון דער מעשה קען איבערגעגעבן װערן אין קורצן: אַ פֿרומע, אַלטמאָדישע פֿרוי, האָט אָפּגעשפּאָרט דרײ קאָפּיקעס מיט גרויס

מי און אויפֿאָפּפֿערונג, און דעם דאָזיקן קאַפּיטאַל אירן האָט די גאָטספֿאַרכ־טיקע פֿרוי אָפּגעשיקט דורך ר׳ מענדל, דעם שתּדלן, קיין ארץ־ישׂראל צו די ייִדישע קאָלאָניסטן דאָרט, וואָס באַאַרבעטן דאָרט דעם הייליקן באָדן, מיט דער האַרציקער בקשה, אַז די דרײַ קאָפּיקעס זאָל מען אָפּגעבן אין די הענט פֿונם קאָלאָניסט אין לבֿנון, אים אַליין ממש, למען־השם אים, אין זײַנע הענט ממש. דער שתּדלן האָט איר געטאָן די טובֿה, צוגענומען בײַ איר די דרײַ קאָפּיקעס, איר גאַנצן אָנגעזאַמלטן אוצר.

ר׳ מענדל דער שתּדלן האָט איבערגעגעבן נאָכדעם דער פֿרוי דעם „קלאָרן חשבון" פֿון די דרײַ קאָפּיקעס. דער חשבון איז געווען שיין אָפּ־געדרוקט, און דאָס איז ער:

דער חשבון פֿון די דרײַ קאָפּיקעס:

איין קאָפּיקע איז פֿאַרלוירן געגאַנגען אין וועג — — — — —	1
די קאָסטן אָפּצושיקן די פֿאַרלוירענע קאָפּיקע — — — — —	1
די דרוק־קאָסטן פֿון די הוצאות אויף דרוקן דעם חשבון — — —	1
בסך־הכּל מאַכט דאָס אויס — — —	3 קאָפּיקעס

די דאָזיקע מעשׂה איז ניט געווען אַן אויסגעטראַכטע, פֿון דער לופֿט געגריפֿן; דאָס האָט זיך געטראָפֿן אײדער דער אָפֿיציעלער קאָמיטעט פֿאַר דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישׂראל איז דערלויבט געוואָרן פֿון דער צאַרישער רעגירונג, אײדער די חובֿבֿי־ציון אין רוסלאַנד האָבן געקענט ווײַלן עפֿנטלעכע פֿאָרשטייער, און די געלט־זאַמלונגען פֿאַר ארץ־ישׂראל איז געווען אַ זאַך ניט פֿון געקליבענע פֿאָרשטייער, נאָר פֿון זעלבסט־געקרוינטע שתּדלנים און ד. גל.

די מעשׂה מיטן חשבון איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, געווען ניט מיט דרײַ קאָפּיקעס, נאָר מיט אַלפֿים. דער אופֿן אָבער פֿונם חשבון איז טאַקע געווען אַ מעשׂה שהיה.

דאָס אינטערעסאַנטסטע דערבײַ איז, דער כּעס, די אויפֿרעגונג פֿון די חובֿבֿי־ציון איז געווען געריכטעט ניט קעגן ר׳ מענדל שתּדלן פֿאַר זײַן „קלאָרן חשבון", נאָר קעגן דעם ד"ר קאַצענעלנסאָן, וואָס האָט גאָר געוואַגט אָנצודײַטן דורך אַ רמז אויף אַזעלכע קלאָרע חשבונות. יאָרן־לאַנג האָט מען דאָס אים ניט געקאָנט פֿאַרצײַען, כאָטש אַלע האָבן געוואוסט באַשטימט, אַז די מעשׂה איז אַן אמתע.

דער סוף פֿון דער מעשׂה איז אָבער געווען: אין דער שפּיץ פֿון דער חבֿרה צו שטיצן די ייִדישע ערד־אַרבעט אין ארץ־ישׂראל האָבן זיך גע־שטעלט די אָנגעזעענסטע און באַדײַטנסטע פֿונם רוסישן ייִדנטום. גענוג צו דערמאָנען די נעמען: ד"ר לעאָן פּינסקער, משה לייב ליליענבלום, אַבֿרהם גרינבערג, מנחם מענדל אוסישקין און אַחד־העם, צו וועמען דאָס פֿאָלק האָט אַרויפֿגעקוקט מיט הויכאַכטונג.

באַראָן דוד גינזבורג

אין אַ קורצער צייט נאָך מיין אָנקומען קיין פּעטערבורג האָב איך דער־האַלטן אַן איינלאַדונג פון באַראָן דוד גינזבורג. פאַר ווען װאַסילי בערמאַן האָט מיך פאָרגעשטעלט ביי אים אין הויז.

די איינלאַדונג איז געווען געשריבן אין אַ מיטלאַרטערלעכן העברעאיש און אונטערגעשריבן הק׳ (ד״ה הקטן) דוד גינזבורג.

ער האָט זיך געוואָלט פאַראינטערעסירן אין אַ געוויסער ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכער אַרבעט און באַנוצן מיין הילף.

דער באַראָן גינזבורג האָט מיך אויפגענומען אין זיין רייכער און זייער אינטערעסאַנטער ביבליאָטעק.

איך האָב דאָן צום ערשטן מאָל געזען אַזאַ רייכע, אין כמות און אין איכות, פּריוואַטע ביבליאָטעק. צווישן די הויכע און גרויסע אַלמערס מיט ביכער, אין די גרויסע און הויכע זאַלן, זיינען געשטאַנען, אין פאַרשיידענע ריכטונגען און ווינקלען, סאָפעס, שטולן און דיוואַנען, אין אַמפּיר־סטיל, מיט זיידן און „שפּיצן" איבערגעצויגענע ווייכע קישעלעך. צווישן די מאָדערנע איז געווען צו מערקן אויך זעלטענע מעבל־שטיק, פון פריערדיקע יאָר־הונ־דערטער. אַלץ אין די גרויסע זאַלן, וואו די ביכער האָבן זיך געפונען, האָט געאָטעמט מיט רייכקייט און רחבות.

אַלץ האָט עדות געזאָגט, אַז עס איז דאָס הויז פון אַ קונסט־קענער און פון אַ קונסט־שעצער.

עס זיינען געווען די רייכע, די זאַטע יאָרן פון דער פאַמיליע גינזבורג, ווען דער שטערן זייערער האָט דערגרייכט זיין העכסטן פונקט.

אין זיין ביבליאָטעק, וואָס האָט פאַרמאָגט די אָנגעזאַמלטע קולטור־אוצרות פון די גרעסטע יידישע גייסטער פון אַלע פריערדיקע יאָר־הונדער־טער און פון אַלע לענדער, — אין דער געזעלשאַפט פון פאַרגאַנגענע שאַטנס (פאַר דוד גינזבורג זיינען זיי געווען און פאַרבליבן לעבעדיקע, ממשותדיקע וועזנס), האָט זיך דער יידישער באַראָן (ער אַליין האָט זיך קיינמאָל ניט אונ־טערגעשריבן מיטן טיטול „באַראָן" און האָט זיך פשוט געשעמט ווען מען האָט אים אין געזעלשאַפט פון געלערנטע, שריפטשטעלער אָדער קינסטלער

טיטולירט „באראָן") געפּילט אין זיין אייגענעם, אין זיין ריכטיקער און נאַ־טירלעכערע גייסטיקער אַטמאָספּערע.

גינזבורג האָט זיך קיינמאָל און מיט קיין זאַך ניט באַרימט, אָן אויס־נאָם איז געווען זיין ביבליאָטעק. מיט שטאָלץ און צופרידנקייט האָט ער מיר געוויזן די זעלטנסטע עקזעמפּלאַרן פון זיין אוצר־הספרים, ווי אויך די זעלטנסטע, איינציקסטע האַנט־שריפטן (כתבי־יד), צווישן זיי פיל אַראַבישע, וועלכע ער האָט מיט גרויס מי און פאַר אומגעהויערע געלט־סומען זיך דערוואָרבן.*)

לעבן די אַלטע מאַנוסקריפּטן און זעלטענע, פּאַרביקע, מייסטערהאַפטע דרוק־עקזעמפּלאַרן פון ווענעציאַ, וועראָנאַ, אַמסטערדאַם, ליפּסיאַ און ד. גל. אין אַלטע, געפּרעסטע לעדערנע באַנדן אָדער געבונדן אין פעסטן האָלץ, האָבן פּלאַץ געפונען די מאָדערנסטע פראַנצויזישע, דייטשע און איטאַליע־נישע ווערק אין עלעגאַנטן באַנד, אין פאַרשיידענע לוקסוס־אויסגאַבן.

נאָר ניט די מאָדערנע וועלט־ליטעראַטור, וואָס איז אים ניט פרעמד גע־ווען (באַזונדערס האָט אים אינטערעסירט די פראַנצויזישע ליטעראַטור פונם זיבעצנטן יאָרהונדערט), האָט אים אינטערעסירט. דווקאַ די מיטלאַלטער־לעכע העברעאישע און אַראַבישע ליטעראַטורן האָבן אויסגעפּילט זיין אי־נערלעכע וועלט און פאַרכאַפּט זיין וויסנשאַפטלעכן פאָרשער־גייסט.

ער האָט שטענדיק געזאַמלט מאַטעריאַל, זיך געגריבלט אין אַלטע ספרים און אין מאַנוסקריפּטן כדי צו אַנטדעקן און אויסצוגראָבן ווייניק באַ־קאַנטע, אָדער גאַנץ אומבאַקאַנטע דיכטער און פּערזענלעכקייטן, און אַרויס־צוגעפינען די קעגנזייטיקע באַאיינפלוסונגען און באַציאונגען צווישן דער אַראַבישער און העברעאישער ליטעראַטורן. אים האָט אינטערעסירט אונ־דזער אַמאָליקער גלאַנץ אין דער שפּאַניש־אַראַבישער עפּאָכע.

צו יענער צייט, ווען איך האָב זיך באַקענט מיט באַראָן דוד גינזבורג (דאָס זיינען געווען זיינע פּראָדוקטיווסטע און גליקלעכסטע יאָרן), איז ער געווען אין גאַנצן אַריינגעטאָן אין זיין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט וועגן דער אַראַבישער פּאָעטעסע אלכנסה, וועלכע האָט געלעבט אין צוועלפטן יאָרהונ־דערט. אַ טייל פון דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער שוין געהאָט פאַרעפנט־לעכט. אים האָט נאָך געפעלט מאַטעריאַל און גייסטיקע קאָנצענטראַציע צו פאַרענדיקן די דאָזיקע אַרבעט, אויף וועלכער ער האָט אַ סך געוויכט געלייגט.

*) פאַכלייט האָבן געשאַצט די ביבליאָטעק פון באַראָן גינזבורג מער ווי אין אַ מיליאָן דאָלער. דאָס איז געווען די רייכסטע און ווערטפולסטע יידישע פּריוואַטע ביבליאָטעק אין דער וועלט.

מיר איז אויסגעקומען צו אַרבעטן עטלעכע וואָכן אין דער ביבליאָטעק פֿון גינזבורג. איך האָב געדאַרפֿט אויסזוכן פֿאַר אים געוויסע מקורות, אי־בערזעצן אייניקע מאַנוסקריפּטן און ד. גל.

דאָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו באַאָבאַכטן פֿון דער נאָענט־קייט דעם באַראָן.

ער איז געווען אַ קאָמפּליצירטע צוזאַמענשטעלונג פֿון פֿאַרשיידענע, און אויך אַנטקעגנגעזעצטע כאַראַקטער־שטריכן.

אין אים איז קענטיק געווען דער איינפֿלוס פֿון פֿאַרשיידענע קולטורן און סביבות.

אַקאַדעמיש געבילדעט, וועלטמענטיש דערצויגן, אין געוויסער מאָס פּאַ־ריז־געהאַדעוועט, פֿראַנצויזיש געשליפֿן און צוגלייך די מידות, די אייגנ־טימלעכקייטן פֿון אַ יידישן געלערנטן פֿונם אַלטן סטיל, כמעט אַ צייט־גע־נאָסע פֿון רבי שמואל הנגיד.

מיר פֿלעגט זיך אָפֿט דוכטן, אַז גינזבורג איז על־פּי־טעות פֿאַר־בלאָנדזשעט פֿונם צוועלפֿטן יאָרהונדערט אין אונדזער עפּאָכע.

אַ מזרח־פֿלאַנצונג אין אַ קאַלטן, פּראָסטיקן צפֿון־קלימאַט.

פֿיל מאָל האָט זיך מיר אויסגעדוכט אַז גינזבורג געפֿינט זיך בע־סער אויס אין דער אַמאָליקער קאָרדאָוואַ, סיווילִיאַ, טאָלידאָ, קאַסטיליאַ און קאַטאַלאָניאַ איידער אין דער רייכער, אַריסטאָקראַטישער גע־זעלשאַפֿט פֿון פּעטערבורג. רבי יהודה הלוי, אַלחריזי, די סליחות און די אַלטע פּיוטים זיינען אים אַטמאָספֿעריש געווען נעענטער, ליבער און באַ־גרייפֿלעכער איידער די פּאָעזיע פֿון יהודה לייב גאָרדאָן*), קאָנסטאַנטין שאַפּיראָ און זייער גלייכן (וועלכע ער האָט איבעריקנס זייער גוט געקענט).

גינזבורג איז געווען נעענטער אין גייסט און אין זיין גאַנצן וועזן צו די יידישע געלערנטע פֿון זיין דור פֿונם טיפּ פּראָפֿעסאָר דוד קויפֿ־מאַן אין בודאַפּעסט (נאָר אָן זיין גייסטרייכקייט און קערנדיקן וויץ), פֿון אָן אַברהם עפּשטיין אין ווין, נאָר אָן זיין קאַרגשאַפֿט און בייסיקייט, וועלכע זיינען אויך געווען זייער רייך און האָבן זיך געווידמעט אין גאַנצן דער יידישער וויסנשאַפֿט.

און דאָך איז אין דעם וועזן, אין געוויסע כאַראַקטער־שטריכן, פֿון דוד גינזבורג געווען ניט ווייניק פֿון אַן עכט־רוסיש־יידישן אינטעלי־גענט: פֿאַרשוואומענקייט, ניט־פּינקטלעכקייט, אומפֿייאיקייט צו גייסטי־קער קאָנצענטראַציע, צילְלאָזיקייט און פֿול מיט ווידערשפּרוכן.

*) וועגן גאָרדאָן אַלס פּאָעט האָט גינזבורג אין זיין צייט פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער רוסישער שפּראַך אַ גרעסערע אַרבעט.

דוד גינזבורג, װעלכער איז אױפֿגעװאַקסן אין גרױס עשירות, גע־ניסנדיק דעם יחוס פֿון זײַן זײדן יוזיל גינבורג און פֿון זײַן פֿאָטער האָראַץ, געניסנדיק אַ גוטע, גרינטלעכע בילדונג און זײענדיק באַגאַבט פֿון דער נאַטור מיט גוטע גײסטיקע פֿײיִקײטן, האָט געהאַט אַ זיכערע, אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכע אױפֿטרעטונג אַלס מאַן, אױף װעמען דאָס רו־סישע ייִדנטום קוקט אַרױף װי אױף איר העכסטן אַדל, װי אױף איר זעלבסטפֿאַרשטענדלעכן פֿאַרטרעטער אין די העכערע ניט־ייִדישע ספֿערן, און אין די העכסטע רעגירונגס־קרײַזן, אױף װעמענס װאָרט מען לײגט פֿיל געװיכט (זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אין דעם תּחום־המושב, אין דער פּראָװינץ, האָט מען נאָך איבערגעטריבן, און לעגענדאַריש געמאַכט דעם אײַנפֿלוס פֿון דער פֿאַמיליע גינזבורג אין די ניט־ייִדישע קרײַזן און בײַ דער צאַרישער רעגירונג).

אָבער דאָס איז געװען נאָר אױסערלעך, אָבער אינערלעך האָט געפֿעלט גינזבורגן די זיכערע, די פֿעסטע, די קלאָר־באַװאוסטע אָפּגעװאױגענע ריכטונג און פֿירונג.

דוד גינזבורג האָט צו גלײַכער צײַט געלעבט אין פֿאַרשײדענע װעלטן און ספֿערן. ער איז אָפֿט געשלײדערט געװאָרן, אָן רחמנות, צװישן די אַנטקעגנגעזעצטע פּאָליוסן. דער אינערלעכער קאָמפּאַס, אָדער דער זיכע־רער ריכטונגס־אינסטינקט אָדער אינטואיציע, האָבן אים געפֿעלט.

זײַן רו און אָפּרו־פּונקט האָט ער געפֿונען נאָר אין זײַן ביבליאָטעק, צװישן זײַנע באַליבטע ספֿרים.

אין דער ביבליאָטעק האָב איך געקאָנט באַאָבאַכטן גינזבורגן אין זײַנע שענסטע און גליקלעכסטע שטונדן, װי אױך זײַנע מענטשלעכע שװאַכקײטן. ער פֿלעגט זיך מיט באַגײַסטערונג און התלהבות אָנכאַפּן אָן פֿאַרשײדענע װיסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן, פֿלעגט זיך װאַרפֿן אױף פֿאַרשײ־דענע פֿאַרשונגס־געביטן, אין דער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור, װאו ער האָט געגלױבט צו אַנטדעקן נאָך גאַנץ אומבאַקאַנטע און אומבאַטראָ־טענע פּראָװינצן, אָבער ער פֿלעגט אױך שנעל זיך אָפּקילן, אָנהױבן און ניט אױספֿירן. אין זײַן באַזיץ זײַנען געװען פֿיל אָנגעהױבענע װיסנשאַפֿט־לעכע אַרבעטן, װעלכע האָבן פֿיל צוגעזאָגט, װאָס ער האָט קײנמאָל ניט פֿאַרענדיקט.

די שתּדלנות, אין אַלטן סטיל, װאָס ער האָט געירשנט פֿון זײַן זײדן און טאַטן, האָבן אים צו אָפֿט אַרױסגעריסן מיט געװאַלד פֿון זײַן שטודיר־צימער פֿון זײַן רײַכער ביבליאָטעק, אָפּגעריסן, אָפּגעצױגן פֿון זײַן װיסנ־שאַפֿטלעכער אַרבעט, װאָס איז אים געװען צום ליבסטן.

דוד גינזבורג האָט פֿון נאַטור אויך געהאַט די קלענסטע נייגונג, און אַבסאָלוט קיינע פֿײַאיקייטן צו כּלל־אַרבעט, צו פֿירערשאַפֿט. אים האָט געפֿעלט דערצו טעמפּעראַמענט און שוואונג.

די יידישע נויטן אָבער אין רוסלאַנד, די צרות פֿונם כּלל און די האַפֿנונגען וואָס זיינע ברידער אין דער פֿראַווינץ האָבן אויף אים געלייגט אין דעם גלויבן, אַז דער באַראָן איז אַ כּל־יכול, ווי אויך זיין געבוירענע גוטע האַרץ און גוטער ווילן, האָבן אים געטריבן פֿון זיין שטודירצימער און אים געמאַכט פֿאַר אַ כּלל־טוער.

די יידישע כּלל־טועריי איז פֿאַר אים אויך געווען אַ שטיק מיטלאַלטער, ווען די שתדלנות, דאָס רחמים־בעטן, פֿון די מליצי־יושר, האָבן געגאָלטן.

גינזבורגן האָט געפֿעלט יעדע פּאָליטישע אָריענטאַציע, יעדע פּאָליטישע שולונג, און פֿאַרשטענדעניש, ווי דאָס האָט דאַן געפֿעלט אויך די מערסטע יידן אין רוסלאַנד.

שוין אין מיין צייט האָט זיך אָנגעהויבן פֿילן אין פּעטערבורג אַן אומצופֿרידנקייט צווישן דער העכערער יידישער אינטעליגענץ, מיט דער שתדלנות, און פֿון אירע אַלטע מעטאָדן, פֿון באַראָן גינזבורג, פֿון די גינזבורגס איבערהויפּט. דאָס יידישע נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין, ווי אויך דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ, האָבן אויך דאַן אָנגעהויבן, וואו ניט וואו, אין געוויסע קעפּ, אין געוויסע הערצער צו דערוואַכן.

דוד גינזבורג האָט אָבער ניט געמערקט — ניט געוואָלט, אָדער אפֿשר אויך ניט געקענט— די ענדערונגען, וואָס קומען פֿאַר אין לעבן, די נייע כּוחות, די נייע פּאָליטישע, ווי געזעלשאַפֿטלעכע, שטימונגען, וואָס האָלטן אין אויפֿקומען, די נייע פּערזענלעכקייטן אין יידיש־רוסישן לעבן, וואָס האַלטן אין שפּראָצן, אין וואַקסן.

דוד גינזבורג האָט נאָך געגלויבט, אַז ווען אַ געוויסער גענעראַל, אָדער אַ העכערער ציווילער רעגירונגס־באַאַמטער (וועלכע האָבן געזוכט אין אַ שווערער מאַטעריעלער לאַגע אַ טובֿה, א גמילות־חסד, אַ געפֿעליקייט ביי די גינזבורגס) האָבן אים פֿאַרשפּראָכן אַ טובֿה, אַ גנאָד פֿאַר יידן אין אַ געוויסן פֿאַל, — האָט גינזבורג געגלויבט, און אַפֿילו איבערצייגט געווען, אַז אָט, אָט וועט ער ברענגען אַ ישועה זיינע ברידער, און ער וועט עפּעס גרויסעס אויפֿטאָן.

פּאָליטישער קאַמף, פּאָליטישע פֿאָדערונג, פּאַרטיי־בילדונג זיינען געווען פֿרעמד זיין גאַנץ וועזן, וועלכער האָט נאָך געאָטעמט אין אַ ספֿערע פֿון מיטלאַלטער.

דאָס איז געווען זיין אינערלעכע טראַדיציע, ווי אויך זיין דאָן־קיכאָטעריי. אַ קאַמף מיט ווינט־מילן, אַ פֿאַנטאַסטישע ריטערלעכקייט.

ווען אַביסל שפּעטער האָבן אָנגעהויבן אַרויסטרעטן אינם עפֿנטלעכן פּאָליטישן לעבן פּערזענלעכקייטן פֿון ווינאַווער, סליאָזבערג, קולישער און גרוזנבערג — פּאָליטיש מער־געשולטע און קאַמף־נאַטורן — האָט שוין דער באַראָן גינזבורג אָנגעהויבן פֿילן, אַז זײַן שטערן הויבט אָן פֿאַר־טונקלט צו ווערן.

גאַנץ באַזונדערס האָט ער עס דערפֿילט, ווען די פֿאַמיליע גינזבורג האָט אָנגעהויבן פֿאַרלירן אירע מיליאָנען.

אין דער צײַט, ווען איך האָב געאַרבעט אין דער ביבליאָטעק פֿון באַראָן גינזבורג, און ער האָט באַמערקט מײַן גרויסע ליבע צו דער אַלטער און מיטלאַלטערלעכער העברעאישער ליטעראַטור, האָט ער מיר פֿאַטער־לעך און זייער האַרציק פֿאַרוואורפֿן געמאַכט, אַז איך באַשעפֿטיק זיך מיט קינדישע פֿאַנטאַזיעס, ווי אַ יידישע מלוכה אין ארץ־ישראל מיט אַ לעבע־דיקער העברעאישער שפּראַך.

ער האָט מיך געראָטן צו פֿאַרוואַרפֿן די דאָזיקע אַלע נאַרישע חלומות, ווי אויך די נײַע העברעאישע ליטעראַטור און זיך ווידמען דעם שטודיום פֿון אַראַביש, סיריש, עטיאָפּיש און דער סליחות־ און קינות־ליטעראַטור, וואו איך וועל קאָנען זייער פֿיל דערגרייכן.

*

ווען איך האָב אין יאָר 1894, אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם „ממזרח וממערב" אין ווין, איז באַראָן גינזבורג געווען פֿון די ערשטע, וואָס האָבן מיך באַגריסט און גליק געוואונטשן צו דער ווִיסנשאַפֿטלעך־ליטעראַריי־שער אונטערנעמונג, וואו איך האָב פֿיל פּלאַץ געגעבן צו דער יידישער וויסנשאַפֿט פֿון מיטלאַלטער און אויך צו דער סליחות־ליטעראַטור.

אין די הענט פֿון דער פּאָליציי

אין דער צייט, וואָס איך האָב געלעבט אין פּעטערבורג, האָט געהערשט די רעאַקציע אין איר גאַנצער מאַכט און ווילדקייט. עס האָט זיך שווער געאָטעמט. די געהיים־פּאָליציי האָט געהאַט אַ שאַרף אויג אויף יעדן פֿאַרדעכטיקטן יונגן מענטשן.

דריי זאַכן האָבן אויף מיר געצויגן דעם פֿאַרדאַכט פֿון דער „אָכראַנקאַ" (פּאָליטישע פּאָליציי). ערשטנס, איך האָב געטראָגן לאַנגע האָר. דאָן איז דאָס געווען גענוג צו דערוועקן פֿאַרדעכטיקטקייט ביי דער פּאָליציי. און צווייטנס, איידער איך בין געקומען קיין מאָסקווע, בין איך געווען אַרעס־טירט אַלס פּאָליטישער ניין חדשים אין נאָוואָגרודעק (אויף אַ רייזע פֿון ווילנע קיין סמאָלענסק), און אַכצן חדשים בין איך נאָכדעם געווען אונטער דער אויפֿזיכט פֿון דער פּאָליציי. איך האָב קיין מאָל ניט געהערט צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אָדער צו וועלכער עס איז געהיימער, אומלעגאַ־לער פּאַרטיי אָדער קרייז.

מיין שולד איז געווען, וואָס מען האָט ביי מיר געפֿונען פֿיל סאָציאַ־ליסטישע ביכער, מייסטנס דערלויבטע אין דער דעמאָלסטדיקער רוסלאַנד, אָבער אויך עטלעכע פֿאַרבאָטענע ביכער און בראָשורן, אַריינגעשמוגלטע פֿון אויסלאַנד.

דער פֿאַרדאַכט דאָן איז אויף מיר געפֿאַלן, ווייל מ׳האָט געפֿונען מיי־נע בריוו, אומשולדיקע, ליטעראַרישע, ביי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וועלכע מען האָט אין פֿאַרשיידענע שטעט אַרעסטירט. צווישן זיי זיינען געווען אויך מיינע נאָענטע פֿאַרוואַנדטע. פֿון פֿאַרזיכטיקייט און קאָנספּי־ראַציע, האָב איך קיינמאָל ניט געוואוסט, איך בין דאָן אינגאַנצן אַלט גע־ווען צוואַנציק יאָר.

אַלזאָ, קיין כשרער אינם פּאָליטישן זין, בין איך דעמאָלט ניט געווען*). עס איז אַ באַזונדערער אינטערעסאַנטער קאַפּיטל אין מיין לעבנס־בוך.

---

*) אין דער צייט ווען איך האָב געאַרבעט אין „המליץ", האָב איך דאָרט פֿאַר־עפֿענטלעכט אַ פּאָר קאַפּיטלעך (אונטערן נאָמען „פשעי ישראל"), דעראינערונגען פֿון נאָוואָראָדאָקער געפֿענגעניש־הויז. אויך אין מיינע יידישע שריפֿטן, וואָס דער פֿאַרלאַג „השחר" אין וואַרשע האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1908, האָב איך פֿאַרעפֿענטלעכט

איך האָב דאָן קענען געלערנט טיפן, פאַרהעלטעניש פון מענטשן און אַ באַזונדערן מין לעבן, אין דער צאַרישער תּפיסה, אין דער ערגסטער רע־אַקציאָנערער צייט. איך האָב ריכטיק באַגריפן געוויסע אינטערעסאַנטע ווינקלען פונם לעבן, ווי אויך געוויסע מענטשלעכע טיפן און כאַראַק־טערס פון מענטשן, וואָס מען קען זיי באַאָבאַכטן אין זייער נאַטירלעכקייט, כמעט נאַקעטקייט פון יעדער קאָנווענציע, נאָר צווישן די ווענט פון געפענ־געניש־הויז.

ניט דאָ איז דאָס אָרט צו דערציילן אויספירלעך וועגן מיין אַרעסט.

נאָר פאַרבייגייענדיק וויל איך באַמערקן דעם פאַקט, אַז זיצנדיק אין תּפיסה ניין חדשים, איז אין מיר רייף געוואָרן דער פעסטער אינערלעכער באַשלוס צו ווידמען מיין לעבן דער העברעאישער ליטעראַטור.

די מעשה איז געווען אַזוי:

צוויי זשאַנדאַרמסקע פאָלקאָווניקעס זענען אָראָפּגעקומען פון פעטער־בורג מיך אויסצופאָרשן. די זשאַנדאַרמען האָבן מיך אַרעסטירט, האָבן, אין זייער אומוויסנקייט, געגלויבט, אַז זיי האָבן געפאַנגען אַ שווערוואָגיקן העכט, אַ געפערלעכן רעוואָלוציאָנער.

די אַראָפּגעקומענע אינקוויזיטאָרס פון פעטערבורג, כאָטש זיי האָבן ניט געקענט אַנטדעקן אין מיר און אין מיינע בריוו קיין סימנים, אַז איך געהער צו אַ פאַרבאָטענער פּאַרטיי, און אין קיין „געפערלעכער" זאַך נישט פאַרמישט, דאָך האָבן זיי פאַרזאָגט דעם אויפזעער פונם געפענגעניש, ער זאָל מיך ווייטער האַלטן אָפּגעשלאָסן אין מיין קאַמאַרקע אונטער אַ שטרענ־גער שמירה, ביז די ווייטערדיקע אונטערזוכונג וועט זיך ציען.

דער אויפזעער, אַ פּאָליאַק, אַ רשע מרושע, וועלכער האָט זיך גע־שמדט אויף פּראַוואָסלאַווע און האָט געמוטשעט און געפּייניקט די אַרעס־טירטע, האָט פאַרבאָטן צוצולאָזן צו מיר וועלכן סאיז ניט בוך.

מיינע פריינט אין נאָוואָגראָדאָק איז באַקאַנט געוואָרן די נייע גזירה אויף מיר, ניט צוצולאָזן צו מיר קיין ביכער צום לייענען, האָבן מיט גרויס מי און דורך שוחד דורכגעפירט, אַז מ'האָט מיר דערלויבט צו באַקומען פון דרויסן מאַטעמאַטישע ביכער און נחמן געצאָוו, (דער גרויסער יידישער געלערענטער, דער מחבר פון דעם „על נהרות בבל") האָט מיר דורכגע־שמוגלט אַ קליינעם תנ"ך. אין דער מוראדיקער איינזאַמקייט האָב איך

עטלעכע קאַפּיטלעך פון מיין לעבן אין נאָוואָראָדאָקער תּפיסה, אין אַן איינצל־צימער, אַ געוועזענער רוסיש־יידישער שריפטשטעלער, הירשקאָוויטש האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1926, אין דער ווילנער טעגלעכער צייטונג „טאָג", זיינע דעראינערונגען וועגן מיין „פּאָליטישן" אַרעסט אין נאָוואָגרודאָק, וואָס האָט דאַן צוגעצויגן די סימפּאַטיע פון דער יידישער יוגנט און משכּילים אין יענע מקומות.

מאַנאַטאָן־לאַנג געלעזן, געלערנט, טאָג ווי נאַכט, דעם תנ״ך אין העברעאיש. די נביאים זענען מיר דערשינען אין מײן געפּענגעניש, אין אַ גאַנץ נײער געשטאַלט, ווי איך האָב זײ פריער געקענט, אין דער געשטאַלט פון די ערשטע און גרעסטע סאָציאַלע רעוואָלוציאָנערן.

איך האָב דעם תנ״ך אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק און אַרײנגעזאַפּט אין זיך די געהײמנישן, דעם גייסט פון דער העברעאישער שפּראַך, פון איר ערשטן מקור.

און דאַן האָב איך פעסט באַשלאָסן, אַז ווען איך וועל באַפרייט ווערן, זאָל איך זיך ווידמען דער העברעאישער ליטעראַטור און היטן דעם פרייען גייסט פון אונדזערע נביאים, די אומדערשראָקנקייט פאַרן אמת, פאַר דער גערעכטיקייט און אָפנקייט.

די קייט פון מײנע דעראינערונגען האָט מיך אַביסל אָן אַ זייט פאַרשלעפּט. אָפטמאָל איז זיך שווער אָפּצוהאַלטן שטרענג בײ יעדן רינגל באַזונדער (אין אונדזער פּסיכיק, אין זעלן־לעבן, איז אַלץ אַזוי פאַרפּלאָנטערט).

איך קער זיך אָבער צוריק צו דעם וואו איך האַלט.

דער דריטער פאַרדעכטיקטער פּונקט, וואָס האָט געצויגן אויף מיר די אויפמערקזאַמקייט פון דער געהײמס־פּאָליצײ אין פּעטערבורג, איז געווען דער, וואָס פאַרשיידענע סטודענטן און סטודענטקעס, צווישן זײ אויך אַזעלכע, וואָס זענען געשטאַנען אונטער אַ באַזונדערער אויפזיכט פון דער פּאָליצײ און מ׳איז זײ נאָכגעגאַנגען טריט בײ טריט, — פלעגן מיך כמעט טעגלעך באַזוכן און אָפט פאַרבליבן בײ מיר ביז שפּעט אין דער נאַכט, און היציק דעבאַטירט אויפן קול, ווי דער שטייגער איז צווישן יונגעלײט אין רוסלאַנד.

קורץ גערעדט, ווען כ׳האָב זיך אין אײן נאָכמיטאָג צוריקגעקערט פון דער רעדאַקציע אין מײן וואוינונג, האָב איך דערפאַרן, אַז אין מײן אָפּוועזנקייט האָט די געהײמס־פּאָליצײ געמאַכט אַ גרינטלעכע אונטערזוכונג אין מײן צימער, האָט איבערגעוואָרפן און דורכגעקוקט אַלע מײנע ביכער, מאַנוסקריפּטן, בריוו און ד. גל., האָט געעפנט אַלע מײנע פאַרשלאָסענע קופערטס און א. וו.

גאַרנישט טרייפס איז געפונען געוואָרן.

פאַרנאַכט, ווען דער באַלעבאָס פון מײן וואוינונג, — אַ רוסישער אינזשעניר, אַ ליבעראַל, בײ וועמען איך האָב שטאַרק נושא־חן געווען, — האָט זיך צוריקגעקערט פון דער פאַבריק, וואו ער האָט געאַרבעט, איז ער אַרײנגעקומען מיט אַ פאַרפינצטערטן פּנים אין מײן צימער.

איך האָב זיך אַליין געפונען ניט אין קײן געהויבענער שטימונג. זײער אַ געשמאַקע זאַך איז עס געווען צו שטיין אונטער דער השגחה פון רוסישע

שפּיצלעס. האָבן זיי שוין געוואָרפֿן אָן אויג אויף איינעם, איז ניט אַזוי לײַכט געווען פּטור צו ווערן פֿון זייער השגחה און פֿון זייערע לאַפּעס.

דער אינזשענער־ליבעראַל, דער באַלעבאָס פֿון מיין צימער, האָט אי־בערגעריסן מיינע ניט זייער פֿריילעכע געדאַנקען מיט די ווערטער, שטאַמ־לענדיק און פֿאַרלעגן:

„רואווים מאַרקאָוויטש, אַ ניט פֿריילעכע ידיעה האָט מען מיר איצט אין דער היים איבערגעגעבן, אַז די געהיים־פּאָליציי האָט געמאַכט ביי אייך אין צימער אַ שטרענגע אונטערזוכונג. עס איז מיר אומאָנגענעם אייך צו זאָגן, אָבער איך מוז, לײַדער. איר דאַרפֿט מאָרגן פֿרי, ווען מעגלעך נאָך היינט בײַנאַכט, פֿאַרלאָזן מיין וואוינונג. דעם אמת זאָגנדיק: אַרט מיך ניט, איר קענט אויפֿרייסן דעם „צאַרסקן דוואָרעץ" מיט באָמבעס און אָוועקשיקן די גאַנצע באַנדע אויף יענער וועלט, עס איז ניט מיין זאַך; איר ווייסט דאָך, ווי ליב איך האָב די צאַרסקע הינט, די בלוטזויגערס; איך בין אַליין אַ ליבעראַל, אָבער טוט דאָס ניט פֿון מיין וואוינונג. איך בין אַ פֿאָטער פֿון קינדער, אַ גרויסע פֿאַמיליע הענגט אויף מיר. ווען עס זאָל עטוואָס טרעפֿן, בין איך אויך אַ פֿאַרלוירענער; מ׳דאַרף נאָר אַריינפֿאַלן אין די הענט פֿון דער פּאָליציי... איר מוזט מיר אַנטשולדיקן, קלייבט זיך גלייך אַרויס. מיין פֿרוי איז פֿון שרעק קראַנק געוואָרן. די פּאָליציי האָט איר פֿאַרזאָגט צו מעלדן פֿון אַלעמען, וואָס קומען אייך באַזוכן און זי זאָל זיך צוהערן, וואָס מען רעדט ביי אייך, — וואָס זענען מיר, חלילה, מוסרים! פֿאַר אייך און פֿאַר אונדז וועט זיין בעסער און געזינטער ווען איר קענט נאָך היינט אָונט געפֿינען אַ וואוינונג, יעדנפֿאַלס ניט שפּעטער ווי מאָרגן פֿרי"...

איך האָב יענע נאַכט געשלאָפֿן ביי צעדערבוימען. ער האָט מיך באַ־רואיקט, אַז מיר קען גאָרנישט געשען כּל־זמן איך אַרבעט אין „המליץ". איך בין געווען געמעלדעט אין דער פּאָליציי ווי אַ מיטאַרבעטער פֿונם „המליץ", און אַזוי איז געווען איינגעשריבן אין מיין פּאַספּאָרט. ווען עס זאָל וואָס טרעפֿן מיט מיר, האָט מיר צעדערבוים פֿאַרזיכערט, וועט ער מיך גלייך באַפֿרייען. ער וועט גלייך לויפֿן צו אַלע מיניסטאָרן און וועט וועלטן איבערקערן.

דערביי האָט מיך צעדערבוים פֿאָטערלעך אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז איך מוז זיין געהיט מיט אַ וואָרט, ווייל ווענט האָבן אויערן, און מען מוז זיך באַזונדערס אָפּהיטן פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿון יונגעלייט, וואָס איך ווייס, אָדער איך פֿאַרדעכטיק, אַז זיי זענען רעוואָלוציאָנערן. איבעריקנס, זע־נען צווישן יענער חברה אַליין פֿאַראַן "שפּיצלעס".

אויף מאָרגן האָב איך אויסגעפֿונען, אַז די פּאָליציי האָט זיך וועגן מיר און וועגן מיין פּאָליטישער זיכערקייט, נאָכגעפֿרעגט אויך ביי ד״ר קאַצע־נעלנסאָן און ביי ד״ר קאַנטאָר. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז זיי האָבן מיר אויסגעשטעלט אַ כשרע צייגעניש.

ד״ר קאַצענעלנסאָן איז געווען דער הויז־דאָקטאָר ביים פּאָליציי־מייסטער און זיין וואָרט האָט געהאַט וואָג ביי דער פּאָליציי. און ד״ר קאַנטאָר, וועלכער איז געווען אין די יינגערע יאָרן אַביסל געכאַפּט אין יענער מעשה, אַביסל אָנגעשמעקט מיט סאָציאַליזם און אַביסל געטרוימט פֿון פֿרייהייט און גלייכהייט אין אַ נייער רוסלאַנד, האָט דאָך, לעבנדיק אין פּעטערבורג, ביסלעכווייז אָפּגעטרייסלט פֿון זיך די חטאות־נעורים, די יוגנט־זינד, די יוגנט־חלומות, און געוואָרן אַ כשרער, „לאָיאַלער״ אונטער־טאָן. ווי ער פֿלעגט חוזק מאַכן פֿון די יונגע סטודענטן, די חובבי־ציון, וואָס טרוימען וועגן אַ יידישער מדינה. אַזוי פֿלעגט ער אויך אויסלאַכן די יידישע סטודענטן, וואָס טרוימען וועגן אַ באַפֿרייטער רעפּובליקאַנישער רוסלאַנד און וועגן אַ סאָציאַלער געזעלשאַפֿט.

זיי אַלע האָבן געגלויבט אין דער פֿעסטקייט און דויער פֿון דער צאַ־רישער רוסלאַנד און מיט באַדויערן האָבן זיי באַטראַכט יענע יידישע יונגעלייט, צווישן זיי אויך זייער באַגאַבטע און ווירקלעכע אידעאַליסטן, אַפֿילו יענע, וואָס האָבן זיך אַליין געהאַלטן פֿאַר רעאַליסטן פֿונם טיפּ פּיסאַרעוו־באַזאַראָוו, וואָס שענקען אַוועק זייער לעבן אַ פּאָליטישן סאָ־ציאַלן חלום, וואָס קען קיינמאָל ניט פֿאַרווירקלעכט ווערן, און זיי קענען נאָר שאַדן דער יידישן לאַגע אין רוסלאַנד און מאַכן זי נאָך ערגער.

אמת, אויך קאַנטאָר און קאַצענעלנסאָן און זייער גלייכן, די אויס־געניכטערטע פֿון יוגנט־חלומות, האָבן טיף אין דער נשמה געהאַסט צום טויט די צאַרישע רעגירונג, אין האַרצן האָבן זיי אַלע געוואונטשן אַ מפּלה אַלעקסאַנדער דעם דריטן, דעם צורר־היהודים, און זיינע מיניסטאָרן מיט זייער הינטישער באַנדע; זיי האָבן אָבער ניט געזען און ניט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פּטור צו ווערן פֿון דעם הערשנדיקן און דריקנדיקן רעגירונגס־רעזשים, סיידן דורך אַ נס. אין נסים האָבן זיי אָבער ניט גע־גלויבט. יעדער אָרט טעראָר, אין וועלכן יידן האָבן זיך באַטייליקט, האָט ביי זיי אַרויסגערופֿן ווידערווילן (אַלס שטאַרקע יידן האָבן זיי געפֿילט אַן עקל צו יעדער בלוט־פֿאַרגיסונג, וואָס דער צוועק זאָל ניט זיין), און דער־צו האָבן זיי ניט געגלויבט, אַז מען קען דורך טעראָריסטישע אַקטן שאַפֿן אַ נייעם גייסט אין רוסישן פֿאָלק) און שרעק, אַז די רעאַקציע וועט נאָך שטאַרקער ווערן און די יידן אין רוסלאַנד וועלן ליידן פֿון נייע פּאָגראָמען, פֿון נייע גזירות.

דאָס זיינען געווען קאַבינעט־מענטשן, מענטשן פון וויסנשאַפט, קיין קאַמף־נאַטורן, אין פּאָליטישן זין, קיין פולווער האָט זיי ניט געשמעקט, שריפטשטעלער און געלערנטע מיט אַ דורכשניטלעכער באַלעבאַטישער פּסיכאָלאָגיע.

די פאַרגעשריטנסטע צווישן דער העכסטער יידישער אינטעליגענץ אין דער יידישער יוגנט, די וועלכע האָבן יאָ געהאַט אַ פּאָליטישן טעמ־פּעראַמענט, די וועלכע האָבן געהאַט אַן אָנזעץ אין דער יידישער געזעל־שאַפט פון דער הויפּטשטאָט, פון דעם תחום־המושב, פון דער יידישער פּראָ־ווינץ — האָבן זיך דערלויבט צו טרוימען העכסטנס פון אַ קאָנסטי־טוציע אין רוסלאַנד נאָך דעם מוסטער פון דער דאַן זייער רעאַקציאָנערער קאָנסטיטוציע אין דייטשלאַנד, און בשעת־הדחק וואָלטן זיי געווען זייער צופרידן אפילו פון אַ קאָנסטיטוציע ווי אין דער רעמאָלסטדיקער עסטרייך.

זייער העכסטער אידעאַל איז געווען יידישע גלייכבאַרעכטיקונג, אפילו אונטער אַ רעגירונגס־רעזשים, וואָס איז גאַנץ ווייט פון צו געבן פולשטענ־דיקע גערעכטיקייט און גלייכקייט צו אירע איינגעוואָרצלטע קריסטלעכע בירגער.

עס זענען געווען אַזעלכע צווישן יענער יידישער אינטעליגענץ, וואָס זענען געווען איבערצייגט, אַז מען קאָן קויפן פאַר צוויי מיליאָן (שוחד צו די מיניסטאָרן) יידישע גלייכבאַרעכטיקונג אין רוסלאַנד, און זיי זענען געווען דערפאַר. צו וואָס פירן אַ לאַנגן, שווערן און ניט־אויסזיכטספולן קאַמף פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, ווען מען קען דאָס קויפן און דערווערבן פאַר אַ פּאָר לומפּיקע מיליאָנען? די צרה איז געווען וואָס די יידישע מיליאָנערן האָבן ניט געוואָלט געבן דאָס לומפּיקע קליין־געלט.

דאָס זענען געווען די שפּעטערדיקע, אין דער צייט פון דער רוסישער דומע; קאַדעטן און „דערגרייכער", ווי מ'האָט זיי דאַן גערופן, אונטער דער פירערשאַפט פונם ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענעם משה ווינאַווער.

אייניקע פון דעם יידישן אינטעליגענטן קרייז האָבן געהאַט געוויסע פּלאַטאָנישע באַציאונגען צו די פירער פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען אין רוסלאַנד (ווען מען איז צו זיי געקומען נאָך געלט, האָבן זיי ניט אָפּ־געזאָגט) און וואָלטן זייער צופרידן געווען ווען די רעוואָלוציאָנערן וואָלטן געשטירצט דעם צאַרישן רעזשים, ווען אפילו דורך אַ ריי טעראָריסטישע אַקטן; זיי האָבן אָבער ניט גערן צוגעזען, אַז אויך יידישע יונגעלייט באַטייליקן זיך אין טעראָר, אין קאָנספּיראַציעס און שטעלן איין זייער לעבן, קריכן אין פייער.

זייער פּאָליטישע לאָגיק איז געווען אַזאַ: זאָלן די זייעריקע, די גויים, שטירצן די קריסטלעכע זעלבסטהערשער און טיראַנען. ממה־נפשך, ווען

דער פֿאַרזוך ניט געלינגען, וועלן יידן ניט לײַדן, מ׳וועט ניט קענען טייט־לען מיט די פֿינגער אויף דער יידישער „קראַמאָלאַ״, און זאָגן, אַז די גאַנצע רעוואָלוציע און די טעראָריסטישע אַקטן זענען ניט מער ווי אַ יידישע „מאַכערייקע״, אַ יידישער אויפֿשטאַנד, חרוב צו מאַכן דאָס הייליקע רוסלאַנד און נקמה צו נעמען פֿונם „צאַר באַטיושקאַ״.

וועט אָבער דער צאַרישער רעזשים יאָ פֿאַלן און מ׳וועט פּטור ווערן אַמאָל פֿון די צוררי־היהודים, פֿון די רוסישע זעלבסט־הערשער און טי־ראַנען, וועלן דאַן אויך די יידן אין רוסלאַנד געניסן די גלייכבאַרעכטי־קונג, קומען צום גרייטן פּאָליטישן טיש, וואו חלקים וועלן גלייך אויסגע־טיילט ווערן צו אַלע פֿעלקער, אָן אַן אונטערשייד. ניט דענקענדיק דערביי, אַז פֿון פּאָליטישן הפֿקר, פֿון כאַפּן מתנות אומזיסט, קאָן מען לאַנג ניט גע־ניסן; אַז אָן קאַמף, אָן ריזיקע, אָן קרבנות באַקומט מען ניט אַלס געשאַנק קיין מענטשלעכע רעכט.

איך האָב זיך אַריבערגעקליבן אין אַן אַנדער וואוינונג, מיט אַ באַזונ־דערן, פּריוואַטן אַרײַנגאַנג אין מײַן צימער. און אַ געוויסער טייל פֿון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער יוגנט האָט מיך ווייטער, ווי פֿריער, אָפֿט באַזוכט.

איך האָב ניט געהערט, אַלס מיטגליד, ווי געזאָגט, צו אַ סאָציאַליס־טישער, צי אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי אָדער קרייז. מײַן פּאַרטיי איז געווען די ציוניסטישע, די העברעאיש־קולטורעלע. דאָך זינט איך האָב אָנגעהויבן זעלבסטשטענדיק דענקען, האָב איך געדענקט און געפֿילט סאָ־ציאַליסטיש און זיך שטענדיק שטאַרק אינטערעסירט מיט דער וויסנשאַפֿט־לעכער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. מײַן ציוניזם איז געווען אַ סאָציאַ־ליסטישער. איך האָב געדענקט, אַז אַ יידישע מדינה, אַ יידישע נייע ארץ־ישראל, אין וועלכער עס הערשט דער אַלטער קאַפּיטאַליסטישער רעזשים איז אַן אומזין, אַז עס לוינט זיך ניט אַריבערצוטראָגן די פֿאַרפֿוילטע, אָפּ־שטאַרבנדיקע געזעלשאַפֿט, מיט אַלטע אָפּגעלעבטע באַגריפֿן אין ארץ־ישראל, אָנצוהויבן פֿון דעם, וואָס קולטורעלע פֿעלקער האַלטן ביים ענדיקן. עס לוינט זיך ניט די מי.

ביי מיר האָבן זיך שוין דאַן אײַנגעלעבט די העברעאיש־קולטורעלע אידעאַלן מיט די סאָציאַליסטישע אידעאַלן.

מײַנע ערשטע דערציילונגען (ווי: מײַן „מגבורי־ישראל״ און „שתי מיתות״) אין העברעאיש זײַנען געווען באַזעלט פֿון אַ סאָציאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג, וועלט־אויפֿפֿאַסונג.

אין די עטלעכע חדשים, וואָס איך האָב דאַן פֿאַרבראַכט אין פּעטער־בורג, האָב איך זיך באַקענט מיט פֿאַרשיידענע טיפּן פֿון יידישע רעוואָ־לוציאָנערן, פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע, אײַנגענעמע און אומאײַנגענעמע.

קאָנסטאַנטין שאַפּיראָ

דער שפּיץ פון דער יידישער אינטעליגענץ, די יידישע גייסטיקע אַריס־טאָקראַטיע, די יידישע גרויס־בורזשואַזיע — די אַזוי־גערופענע „געלט־אַריסטאָקראַטיע״ — האָט זיך דאָן קאָנצענטרירט אין פּעטערבורג.

און דאָך איז דאָן קיין סימן ניט געווען אַפילו אין פּעטערבורג (פון דער פּראָווינץ איז שוין אָפּגערעדט) פון קיין עפנטלעכן לעבן; קיין פאַר־זאַמלונגען, קיין עפנטלעכע פאָרטראָגן, פאַרלעזונגען אָדער דיסקוסיעס און ד. גל.

די רעאַקציע אינם פּאָליטישן לעבן פון רוסלאַנד האָט דאָן אַלץ דער־שטיקט. די פּאָליציי האָט קיין זאַך ניט דערלויבט.

אויסער דעם, איז די יידישע גייסטיקע, ליטעראַרישע, קינסטלערישע און וויסנשאַפטלעכע וועלט געווען צעשפּליטערט, צעריסן אין שטיקלעך. עס וואָלט גאָר געווען אוממעגלעך צו האָבן אין אַן עפנטלעכער פאַרזאַמ־לונג, ווען אפילו די פּאָליציי וואָלט אַזאַ דערלויבט, די באַקאַנטע און באַרימ־טע יידישע פּערזענלעכקייטן אויף איין פּלאַטפאָרם.

עס האָט דאָן, צו מיין צייט, געהערשט אַ שטאַרקער אַנטאַגאָניזם, שנאה, ביטול־געפילן, צאַנקערייען, פאַרביסנקייט און פאַרדראָסיקייט צווישן די יידישע מענער פון גייסט, צווישן יידישע נאָטאַביליטעטן, צום מערסטן איז דאָס געווען אַ פאַרשטיקטע, פאַרמאַסקירטע שנאה. אָבער אין געוויסע פאַלן פלעגט די שנאה און ביטול־געפילן אַרויסשפּרינגען, אַרויספלאַקערן אין אַן אָפענער מחלוקת, אין אַ ביטערער פּאָלעמיק אין דער ליטעראַטור, אָדער אין דער פּרעסע.

איצטער געהערט דאָס אַלץ צו דער געשיכטע. דער טויט האָט שוין אויסגעגליכט אַלע צאַנקנדיקע, פּאָלעמיזירנדיקע קעגנער און פיינט.

איצט קאָנען אונדז אויסווייזן יענע רייסערייען, יענע טיפן פון די „תלמידי־חכמים המתנגחים זה את זה בהלכה״, אַלס ניט וויכטיק, אַלס שאַטנס, אַלס שטימען פון אַן אָפּגעשטאָרבענער וועלט.

דאָך איז כדאַי אַ ווײַלע און קורץ אָפּצושטעלן זיך אויף יענע באַ־האַלטענע און אָפענע מחלוקתן צווישן די יידישע געלערנטע, שריפט־שטעלער און גייסטיקע פירער פונם רוסישן יידנטום.

ד״ר א. א. הרכּבי, דער געװעזענער ביבליאָטעקאַר פֿון דער סעמיטי־שער אָפּטײלונג אין דער קײזערלעכער ביבליאָטעק, דער באַשײדענער, פֿלײסיקער און טרוקענער פֿאָרשער און אַנטדעקער פֿון מצבות, אַלטע מאַנוסקריפּטן און ד. גל., א. הרכּבי האָט ניט ליב געהאַט דעם דיכטער י. ל. גאָרדאָן. ער האָט מבטל געװען די בעסטע און גײסטרײכסטע שירים און אַרטיקלען פֿונם דיכטער. אַן אַלטע סליחה, אַן אַלטער שטיקל פּיוט, אַן אַרויסגעגראָבענער פֿון שטויב און פֿאַרגעסנקײט, איז בײ דעם ײדישן געלערנטן, הרכּבי, טײערער געװען װי די גאַנצע פּאָעזיע פֿון גאָרדאָן. דער לעצטער האָט פֿון זײַן זײַט בטל געמאַכט אינגאַנצן דעם װיסנשאַפֿט־לעכן װערט פֿון ד״ר הרכּבי.

גאָרדאָן האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ שיר „הרקב לבית יהודה״ קעגן ד״ר הרכּבין. אין דער פּראָװינץ האָבן די פֿאַרערער פֿון גאָרדאָנען ניט פֿאַר־שטאַנען און ניט באַמערקט די כּװנה פֿון דעם שיר. אין פּעטערבורג האָבן אָבער אַלע העברעאישע לעזער (און זײער צאָל איז געװען צװישן דער אינטעליגענץ גאַנץ גרױס) גלײך באַמערקט און אױפֿגעכאַפּט די גײסטרײכע סאַטירע קעגן הרכּבין, װעלכן דער דיכטער האָט געשילדערט אַלס שמאַטע־זאַמלער, אַלס אַ מענטשן אָן גײסט. דאָס האָט פֿאַרשטאַרקט די שנאה צװישן זײ.

צװישן פּראָפֿעסאָר דניאל כװאָלסאָן און ד״ר א. הרכּבי האָט געהערשט אַן אײביקע שנאה. אױף דעם װיסנשאַפֿטלעכן געביט זענען זײ געװען שטענדיקע קעגנער. א. צעדערבױם און לאַנדױ, דער אַרױסגעבער פֿונם „װאָסכאָד״ זענען געװען פֿײער און װאַסער. און אַזױ איז געװען צװישן די אַנדערע ײדישע געלערנטע און שריפֿטשטעלער. קײן ברעקל טאָלעראַנץ, קײן צײכן פֿון קעגנזײַטיקער אָנערקענונג.

יעדער ײדישער געלערנטער און שריפֿטשטעלער אין פּעטערבורג איז בײ זיך געװען אַ „חד בדרא״ (דער אײנציקער פֿון זײַן דור), די אַנדערע — נול, גאָרנישט שבגאָרנישט.

און יעדער אײנציקער פֿון די דאָזיקע גדולים האָט געהאַט גײסט, גאַל און די מערסטע אױך שאַרפֿן װיץ.

אין אַזאַ אַטמאָספֿערע פֿון ײדישן גײסט, פֿון אָריענטאַלישער אײ־בערטרײַבונג, גוזמאות, פֿון ײדישער ביטערקײט, װיציקײט און גיפֿטיקײט אײנער קעגן דעם אַנדערן — אין אַזאַ אַטמאָספֿערע, װאָס איז געװען אָנ־געזאָפּט מיט אָנשטעקנדיקע גײזעלשאַפֿט־קראַנקײט־באַצילן, האָט קײן קול־טור ניט געקאָנט בליען. קײן װיכטיקע ליטעראַרישע אָדער װיסנ־שאַפֿטלעכע אױפֿטואונגען האָבן ניט געקענט אַנטשטײן, נישט געקוקט אױף דער גרױסער צאָל גײסטיקע קרעפֿטן אױף אַלע געביטן.

און ווײַל די ייִדישע מענער פֿון גײַסט, פֿון טאַלאַנט און וויסן אין פּעטערבורג זענען געווען צעריסן צווישן זיך, און וואָס אײנער פֿון זײ האָט געפֿונען פֿאַר רעכט און גוט, האָבן די אַנדערע געפֿונען פֿאַר אומרעכט און שלעכט, דערפֿאַר האָבן געהאַט די ייִדישע גבֿירים, די מיליאָנערן, די אַנטשײדנדיקע דעה און די מאַכט אין אַלע ענינים, וואָס זײַנען נוגע געווען צו די רוסישע ייִדן.

באַראָן האָראַץ גינזבורג, שמואל פּאָליאַקאָוו, דער ייִדישער אײַזנבאַן־מאַגנאַט, לעאָן ראָזנטאַל, דער באַנק־דירעקטאָר זאַקס און נאָך אַ פּאָר ייִדישע גבֿירים פֿון פּעטערבורג האָבן דאַן געהאַט די אויבערמאַכט אין אַלע וויכטיקע ייִדישע אינטערעסן פֿון גאַנץ רוסלאַנד.

די ייִדישע געלערנטע, די דענקער און דיכטער האָבן שטילערהײט, בײַ זיך אין קאַבינעט, אָדער אין גאַנץ ענגע קרײַזן, שטאַרק קריטיקירט די פּירערשאַפֿט, דעם דעספּאָטיזם און די משונהדיקע קאַפּריזן פֿון דער ייִדישער פּלוטאָקראַטיע, געלט־אַריסטאָקראַטיע. גײַסטרײַכע אַנעקדאָטן, שאַרפֿע, טרעפֿלעכע ווערטלעך האָבן זיך וועגן דער פּירערשאַפֿט אַרומגע־טראָגן אין געוויסע קרײַזן, אָבער אין דער ווירקלעכקײט האָבן זיך די מענער פֿון גײַסט אונטערגעגעבן, אַפֿילו אָן אַ פֿאַרזוך פֿון קאַמף אָדער פֿון פּראָטעסט, צו די מענער פֿון געלט.

אײנער פֿון די פֿלעצער, וואו געוויסע העברעאישע און רוסיש־ייִדישע שרײַפֿטשטעלער פֿלעגן זיך, אין מײַן צײַט, צוזאַמענטרעפֿן און וועגן אַלץ פֿרײַ דעבאַטירן, איז געווען דאָס אַטעליע (סטודיאָ) און די פּריוואַטע וואוינונג פֿון דעם העברעאישן דיכטער קאָנסטאַנטין שאַפּיראָ (אין די לעצטע יאָרן פֿלעגט ער זיך אונטערשרײַבן ניט קאָנסטאַנטין, נאָר מיט זײַן ייִדישן נאָמען אבא).

די ערשטע צײַט האָב איך אויסגעווייכט דאָס הויז פֿון שאַפּיראָ, וועל־כער איז געווען אַ געטויפֿטער. איך בין פֿולשטענדיק פֿרײַ געווען פֿון אַלע לאָקאַלע אינטריגעס, געשיכטעס און פֿאָראורטײלן, און האָב פֿרײַ פֿאַר־קערט מיט וועמען איך האָב געוואָלט. דאָך איז מיר שווער געווען מנצח צו זײַן אין מיר די אָפּנײגונג, דעם ווידערווילן, וואָס איך האָב פֿון שטענ־דיק — און ביז אויף הײַנטיקן טאָג — געפֿילט צו אַ משומד, ווער און וואָס ער זאָל ניט זײַן.

מײַן נײַגעריקײט צו שטודירן מענטשן, צו באַקענען זיך מיט אַלע מינים שרײַפֿטשטעלער און קינסטלער, — די דאָזיקע נײַגעריקײט האָט מיך אַרײַנגעצויגן אינעם קרײַז, וואָס האָט מיך אַמאָל „פֿאַרשלעפּט" צו שאַפּיראָן.

צו שאַפּיראָן אין סטודיאָ פֿלעגן קומען די באַרימטסטע רוסישע שריפֿטשטעלער, קינסטלער און אויך מענער און דאַמען פֿון צאַרישן הויף. די גרעסטע רוסישע שריפֿטשטעלער פֿלעגן אים שענקען זייערע ווערק מיט זייערע אייגנהענטיקע ווידמונגען.

שאַפּיראָ איז געווען אין זיין צייט דער גרעסטער און אָנערקענסטער קינסטלער פֿאָטאָגראַף אין פּעטערבורג. ער איז געווען אויך רייך און זייער גאַסטפֿריינטלעך.

צום בעסטן האָט ער זיך געפֿילט אין קרייז פֿון אינטעליגענטע יידן, און גאַנץ באַזונדערס אינם קרייז פֿון העברעאישע שריפֿטשטעלער און דיכטער. אין דעם קרייז פֿלעגט ער אָפּלעבן. אַליין אַ משומד, — זיין פֿרוי און קינדער, עכטע, רעכטע גויים, קריסטן, פּראַוואָסלאַווגע, — האָט שאַפּיראָ, דער העברעאישער לירקער, זייער ניט ליב געהאַט די ניט־יידישע געזעלשאַפֿט, אין געוויסע פֿאַלן, דירעקט געהאַסט, און שטאַרק געליטן, ווען אים איז אויסגעקומען צו נעמען אַנטייל אין אַן עכט־רוסישער געזעלשאַפֿט, באַזונדערס ווען מען האָט דאָרט גערעדט וועגן רעליגיעזע ענינים.

ד״ר קאַנטאָר, שמואל פֿרוג, דער דיכטער, און ש. ז. לוריע, דער מאַטע־מאַטיקער, פּובליציסט און העברעאישער דיכטער, זענען געווען פֿון די אָפֿטע באַזוכער ביי שאַפּיראָן.

ביי מיין ערשטן באַזוך ביים העברעאישן לירקער קאָנסטאַנטין שאַפּיראָ, האָט ער מיך איבערראַשט מיט זיין השתפכות־הנפש, מיט זיין הייסן געפֿיל צו אַלץ, וואָס איז יידיש, מיט זיין גרענעצלאָזער ליבע צו העברעאיש, צו די יידיש־געשיכטלעכע העלדן, מיט זיינע דורך־און־דורך יידישע נאַציאָנאַלע געפֿילן. ער האָט געשאָטן פּעך און שוועבל, געשפּריצט מיט גייסטיק־גיפֿטיקע באַמערקונגען, אויף דעם קריסטנטום, זיין לערע און אויף דער קירך מיט די גלחים. עס האָט געקלונגען אין מיינע אויערן די פֿאַרזעצונג פֿון זיין באַקאַנטן ליד: „לשוא במי הירדן טבלתי״ (אומזיסט האָב איך זיך געטויפֿט).

ווען איך האָב נעענטער זיך באַקענט מיט שאַפּיראָן, האָב איך געפֿו־נען זיין פּסיכאָלאָגיע זייער קאָמפּליצירט, פֿאַרוויקלט און רעטענישפֿול.

ער איז געווען, טראָץ זיין שטאַרקער קערפּערלעכער קאָנסטיטוציע, זייער נערוועז, שטאַרק פֿילבאַר און אויפֿגערעגט. זיין אינערלעך וועזן איז געווען מיט סתירות, מיט ווידערשפּרוכן. ער איז געווען אַ שטימונגס־מענטש, אַ פֿלאַם־פֿייערדיקער טעמפּעראַמענט. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט באַהערשן. יעדע קליינקייט, יעדע ניט וויכטיקע באַמערקונג, וואָס האָט ניט געשטימט מיט זיין מיינונג, מיט זיינע נייגונגען, האָבן אים שטאַרק

אויפֿגערעגט, און ער האָט עקספּלאָדירט, געדונערט און געבליצט, און גלייך איבערגעגאַנגען אין אַ צאַרטער, לירישער שטימונג, אין גוטמוטיקייט, אין — איבערגעטריבענער פֿריינטלעכקייט.

איך האָב אים איינמאָל באַמערקט, אַז דיזראַעלי האָט זיך אויסגעדריקט: „דאָס לעבן איז צו קורץ ער אויסצוגעבן, צעטרענצלען אויף קלייניקייטן".

איך האָב דאָס נאָר אַרויסגעזאָגט, און קאָנסטאַנטין שאַפּיראָ איז אויפֿגעשפּרונגען, ברויזנדיק, זידנדיק, און אויסגעשריגן: „וואָס הייסט ביי איך קלייניקייטן, אַלץ איז וויכטיק אין לעבן. די קלענסטע קלייניקייט קאָן פֿירן צו די גרעסטע און וויכטיקסטע פֿאָלגן אין לעבן". ער האָט זיך באַרואיקט נאָך דעם ערשטן וואָרט־שטורעם. און אין אַן אינטימען ערנסטן טאָן פֿון אַ בעל־תשובה, האָט ער מיר דערציילט די געשיכטע פֿון זיין שמד, אין אַ צושטאַנד ווען ער איז געווען באַוואוסטלאָז און געהאַלטן ביים שטאַרבן.

פֿאַר אַ נייעם מענטשן, מיט וועמען ער האָט זיך גערעכנט און געזוכט צו געפֿינען חן אין זיינע אויגן און סימפּאַטיע אין זיין האַרץ, האָט שאַפּיראָ שטענדיק געפֿילט אַ באַדערפֿעניש זיך צו פֿאַרטיידיקן, צו דערקלערן, ווי אַזוי קומט עס, אַז ער, דער יידישער נאַציאָנאַליסט, דער העברעאישער דיכטער, דער וואָס האָט אַזוי אידעאַליזירט אין זיינע שירים די ביבלישע העלדן, דאָס יידישע לעבן, יידישע זיטן, יידישע געפֿילן, ער, וואָס טראָגט אין זיין האַרצן אַזאַ שנאה צום קריסטנטום און זוכט נאָר די געזעלשאַפֿט פֿון תּלמידי־חכמים, און קאָן גלייכגילטיק ניט צוהערן ווי מען קריטיקירט אַ יידישן מנהג, ווען מ'געפֿינט אין זיין קעגנוואַרט פּגימות, פֿעלערן, אין אַמאָליקן יידישן טראַדיציאָנעלן לעבן, — ווי קומט דאָס, אַז ער איז פֿאָרמעל אַ געטויפֿטער, אַ משומד, און וואָס זיין פֿרוי און קינדער זענען עכטע פּראַוואָסלאַוונע.

אין זיינע דערציילונגען וועגן דעם ווי מען האָט אים געטויפֿט אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד, ליגנדיק טויט־קראַנק אין אַ פּעטערבורגער שפּיטאָל, — אין די דאָזיקע דערציילונגען זענען געווען פֿיל אמת און פֿיל פּאַטעטישע דיכטונג. עס איז אָבער שווער געווען אויסצוגעפֿינען, וואו עס ענדיקט זיך דער אמת, און וואו עס הויבט זיך אָן די דיכטונג.

איין מאָל האָט ער מיר דערציילט, אַז ער איז אָנגעקומען אַלס יונגערמאַן פֿון זיין שטעטל, וואו ער האָט געגעסן אַן עכטע פֿרומע דערציאונג און איז געווען אַ למדן, און נאָכדעם געוואָרן אַ משכּיל. ער איז געקומען קיין פּעטערבורג, צו לערנען און צו פֿאַרפֿולקאָמען זיינע קינסטלערישע פֿעאיקייטן. ער האָט זיך איינגעקוואַרטירט אין אַן עכט־רוסישער

פֿאַמיליע. ער איז שטאַרק קראַנק געוואָרן. די טאָכטער פֿון דער קריסטלעכער פֿאַמיליע, וואו ער האָט געוואוינט, האָט אים אַלס שוועסטער געפֿלעגט אויף זײַן קראַנקן־בעט. ער האָט שוין געהאַלטן בײַ גסיסה. די פֿאַמיליע, וואָס איז געווען זייער פֿרום און שטאַרק גלויביק, האָט גערופֿן אַ גלח און ער האָט אים געטויפֿט אין אַ באַוואוסט־ און ווילנסלאָזן צושטאַנד, קעגן זײַן ווילן און וויסן. זײַן פֿלעגערין האָט אים געוואָלט, אויס רחמנות, זײַן נשמה ראַטעווען, ער זאָל נישט אָנקומען אויף יענער וועלט אַלס זינדיקער, אומגליקלעכער ייד.

ער, שאַפּיראָ, האָט אָבער, קעגן אַלע דערוואַרטונגען אָפּגעטאָן אַ מעשה און איז געבליבן דווקא אויף דער וועלט, און זיך ניט געוואָלט אַריבערפּעקלען אויף יענער וועלט, אויף דעם עולם־האמת.

אויס דאַנקבאַרקייט צו זײַן פֿלעגערין, וואָס האָט זיך אים אויפֿגעאָפּפֿערט אין דער צײַט פֿון זײַן לאַנגער קראַנקייט, און וואָס אַ דאַנק איר השגחה, איז ער רעכט געזונט געוואָרן, — אויס דאַנקבאַרקייט האָט ער זי געהייראַט און, ווי ער האָט זיך אַליין אויסגעדריקט, „פֿאַרמערט די צאָל פֿון קאַצאַפּעס אויף גאָטס וועלט".

דאָס איז דער קורצער זין פֿון דער לאַנגער געשיכטע, וואָס שאַפּיראָ האָט מיר דערציילט וועגן זײַן שמד.

שטענדיק האָט ער זיך געטראָגן מיט דעם געדאַנק און מיטן וואונטש, אָוועקצוואַרפֿן זײַן רײַך הויז און אַטעליע (סטודיאָ) אין פּעטערבורג, זײַן קריסטלעכע פֿרוי און קינדער, און באַזעצן זיך אין ירושלים און ווערן צוריק אַ ייד.

אַ יאָר פֿאַר זײַן טויט האָט מיך דער דיכטער באַזוכט אין מײַן וואוינונג אין בערלין, און מיר געהיימנישפֿול אָנפֿאַרטרויט, אַז דאָס מאָל האָט ער פֿעסט באַשלאָסן צו פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל און שטאַרבן דאָרט אַלס ייד.

איינמאָל, אין אַ ניכטערן מאָמענט, האָט שאַפּיראָ מיר דערציילט די סיבה פֿון זײַן שמד, שוין ניט מיט אַ פּאַטעטישער, ראָמאַנטישער מעשה, נאָר גאַנץ אײנפֿאַך: „אָנקומענדיק אין פּעטערבורג אַלס משׂכּיל, אַלס אַפּיקורוס, וואָס האָט אין קיין זאַך נישט געגלויבט, ווי אַלע משׂכּילים אין יענער צײַט, איך האָב ניט געהאַלטן ניט פֿון דער יידישער אמונה און נאָך פֿיל ווייניקער פֿון דער קריסטלעכער אמונה. אַלס אַמאָליקער משׂכּיל בין איך אויך ווייט געווען פֿון נאַציאָנאַלע געפֿילן. איבערהויפּט איז עס דאַן קיין סימן ניט געווען אין דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור פֿון אַ נאַציאָנאַלער וועלט־אַנשויאונג. און היות ווי אין פּעטערבורג האָב איך ניט געקענט זיך אויפֿהאַלטן אַלס ייד, צוריק אין שטעטל, דערשטיקט צו

ווערן גייסטיק, איז קיין לוסט ניט געווען, האָב איך זיך לייכטזיניק געַ־טויפט, ווי דאָס האָט אין זיין צייט געטאָן אויך היינריך היינע, און מיר ביידע האָבן די דאָזיקע פאַרברעכערישע לייכטזיניקייט באַדויערט, חרטה געהאַט, לעבנסלאַנג.

דער געטויפטער שאַפּיראָ פלעגט געבן פאַרהעלטניסמעסיק פיל צדקה אויף יידישע זאַכן, צאָלן אין אַלע יידישע חברות. צו אים אין סטודיאָ פלעגן קומען יידישע מחברים, רבנים מיט זייערע תּלמודישע חיבורים וואָס פלעגן זיך אַראָפּכאַפּן קיין פּעטערבורג, און ער האָט פאַר זיי אַלעמען ברייט געעפנט זיין האַנט.

ד״ר קאַנטאָרס „היום״ האָט אים זייער פיל געלט געקאָסט, ווייל שאַ־פּיראָ האָט געוואָלט, אַז עס זאָל עקזיסטירן אין פּעטערבורג אַ העברעאישע טעגלעכע צייטונג. דעם באַקאַנטן העברעאישן שריפטשטעלער א. ש. פרידבערג (דער מחבר פון „עמק הארזים״ און פון „זכרונות לבית דוד״), זיין יוגנט־פריינד, פלעגט שאַפּיראָ שיקן יערלעך אַ גרעסערע סומע.

און דאָך זענען געווען מאָמענטן אין שאַפּיראָס לעבן, אַלס משומד, וואָס די סטרא אחרא, דער משומד אין אים איז בוילעט געווען, ווען אויף נאָר אַ קורצן פאַרריקטן מאָמענט. אין אַזאַ אומגליקלעכן מאָמענט איז ער אָבער ניט צו דערקענען געווען.

דאָס לעבן פון שאַפּיראָ איז געווען פול מיט קאָנפליקטן און קאָנ־טראַסטן. די פורכטבאַרסטע טראַגיק פון אַ פאַרלוירענער נשמה.

שאַפּיראָ האָט אין האַרצן ניט באַזונדערס ליב געהאַט גאָרדאָנען. אָפטמאָל איז ער אַפילו שטאַרק פאַרביטערט געווען אויף אים. אָבער ווען די קריטיק האָט אָנגערירט דעם דיכטער יהודה לייב גאָרדאָן, איז שאַפּיראָ געווען דער ערשטער העפטיק אַרויסצושפּרינגען און צו באַפאַלן דעם קרי־טיקער ווער עס זאָל ניט זיין, ווען אַפילו זיין נאָענטסטער פריינט.

ווען מרדכי בן הלל הכהן, אַלס יונגערמאַנטשיק, האָט אַמאָל פוגע בכבוד געווען גאָרדאָנען אַלס מענטש, אים אָנערקענענדיק אַלס דעם גרעסטן העברעאישן דיכטער, איז שאַפּיראָ אַרויס קעגן כּהנען מיט אַ באַזונדערער בראָשורע „שבט לגו כסילים״.

ווען איך האָב שאַרף קריטיקירט אין „השלוח״ גאָרדאָנען אַלס דיכטער און קריטיקער, איז שאַפּיראָ, וועלכער האָט שטענדיק געזוכט אויך פון וויטנס מיין פריינדשאַפט, אַרויסגעשפּרונגען קעגן מיר מיט אַ לאַנגן אַר־טיקל, מיט אַ גיפטיקער פּאָלעמיק. אַזוי ווי לעאָן ראַבינאָוויטש, דער דעמאָלסטיקער רעדאַקטאָר פון „המליץ״, האָט ניט געוואָלט דרוקן שאַ־פּיראָס אַרטיקל קעגן מיר, האָט שאַפּיראָ אָפּגעדרוקט זיין פּאָלעמישן

אַרטיקל קעגן מיר אויף זײַנע קאָסטן און געצוואונגען ראַבינאָוויטשן צו געבן זײַן אַרטיקל אַלס בײַלאַגע צום „המליץ".

שאַפּיראָ איז געווען זײער באַפרײַנדעט אויך מיט נחום סאָקאָלאָוו און האָט דער „הצפירה" ניט אײנמאָל אַ טובה געטאָן בײַ דער צענזור.

און פּלוצלינג איז אײנמאָל שאַפּיראָ אַרויס מיט אַ זײער שאַרפן, „פאַר־ניכטנדיקן" לאַנגן אַרטיקל קעגן סאָקאָלאָוון, עפּעס וועגן סאָקאָלאָווס אַ מודעה אין „הצפירה" וועגן אַ פּרעמיע. ער האָט געמאַכט סאָקאָלאָוון און זײַן שרײַבן צו אַש און צו בלאָטע.

שאַפּיראָ האָט אין אַזעלכע פאַלן, ווען ער האָט עמיצן פון די שרײַבער באַפאַלן, קײן גרענעצן ניט געוואוסט. ווילד און עכט־בטלנותדיק האָט ער געשריבן, וואָס עס איז אים צופעליק אין דער פעדער געקומען.

קײנער פון אונדז האָט שאַפּיראָן ווען אַ וואָרט געענטפערט. עס איז געווען אַבסאָלוט אוממעגלעך צו פּאָלעמיזירן מיט שאַפּיראָן. האָט ער זײַנע נאַרישע זידלערײַען אָפּגעדרוקט, האָט ער גלײַך חרטה געהאַט און געזוכט ווידער די פרײַנדשאַפט פון דעם באַפאַלענעם.

אין אַ קורצער צײַט נאָכדעם ווי שאַפּיראָ האָט פאַרעפנטלעכט זײַן זידל־אַרטיקל קעגן מיר, פאַר דעם וואָס איך האָב געוואַגט צו קריטיקירן, רײַן ליטעראַריש, גאָרדאָנען, איז שאַפּיראָ געקומען קײן בערלין, וואו איך האָב דעמאָלסט געלעבט, כּדי צו דרוקן בײַ איצקאָוויסקין (וואו דער „השלוח" האָט זיך געדרוקט) אַ זאַמלונג פון זײַנע שירים. שאַפּיראָ האָט גלײַך בײַם אָנקומען אין בערלין געמאַכט מיר אַ באַזוך. קײן אײן אײנ־ציק וואָרט איז צווישן אונדז ניט געפאַלן וועגן זײַן אָנפאַל אויף מיר. איך האָב אים זײער פרײַנטלעך אויפגענומען.

אין אַ שמועס מיט מיר האָט דער דיכטער אויסגעשפּראָכן זײַן הײסטן וואונטש און בקשה איך זאָל שרײַבן אַן אײַנלײטונג צו דער געפּלאַנטער זאַמלונג פון זײַנע שירים, וואָס ער האָט געוואָלט דרוקן אין בערלין. געלט האָט בײַ אים קײן ראָלע ניט געשפּילט.

אויף אַ זײער דיפּלאָמאַטישן אופן האָב איך אים דערקלערט, אַז איך וועל אים ניט געבן קײן אײַנלײטונג צו זײַנע געזאַמלטע שירים.

איך בין געווען און פאַרבליבן אַ גרויסער פאַרערער פון שאַפּיראָס דיכ־טער־טאַלאַנט, פון זײַן ליריזם, פון זײַן וואונדערשײנער, צאַרטער, מוזי־קאַלישער שפּראַך, פון זײַנע בילדער און פון דעם גײַסט, אין וועלכן ער האָט געשילדערט ײדישע העלדן.

דאָך האָב איך ניט געקענט פועלן בײַ זיך צו שרײַבן אַן אײַנלײטונג צו זײַנע שירים, ווײַל ער איז דאָך געווען געטויפט, און געלעבט ווי

אַ קריסט, ווען ער האָט אַפֿילו געהאַסט דאָס קריסטנטום. דער ווידערשפּרוך פֿון זיין דיכטונג, פֿון זיין פּערזענלעכקייט איז דאָך געווען צו שטאַרק.

שאַפּיראָ האָט מיך ריכטיק באַגריפֿן, אַז די סיבה פֿון מיין אָפּזאָג צו שרייבן אַן אַריינפֿיר צו זיינע שירים ליגט אין דעם, וואָס ער איז אַ משומד און נאָך דערצו רייך, וואָס קען מאַכן גלויבן, אַז צוליב אַ גוטן האָנאָראַר איז געקומען דער אַריינפֿיר פֿון מיין פּעדער.

דאָס האָט זייער ווײ געטאָן דעם דיכטער. טרויעריק און געבראָכן איז ער אַרויס פֿון מיין הויז.

מער האָב איך אים ניט געזען.

אַרום דעם „וואָסכאָד״

אין דער צייט, וואָס איך האָב געאַרבעט אין „המליץ״, איז געווען דער „וואָסכאָד״ (אַ וואָכנבלאַט און אַ מאָנאַטשריפֿט מיטן זעלבן נאָמען), דער איינציקער רוסיש־יידישער אָרגאַן אין גאַנץ רוסלאַנד. זיין אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר, אַדאָלף לאַנדוי, איז דאַן געווען דער אָנפֿירער, אין געוויסער מאָס, פֿונם קאַמף פֿאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג.

איך האָב זיך אַ פּאָר מאָל געטראָפֿן מיט לאַנדוין אין אייניקע הייזער, אָבער אונדזער באַקאַנטשאַפֿט איז ווייטער פֿון קעגנזייטיקער באַגריסונג נישט געגאַנגען. ער איז נישט געווען מיין סימפּאַטיע. איך האָב אויך נישט געפֿונען קיין באַזונדערן חן אין זיינע אויגן.

איך האָב נישט ליב באַקומען דעם אַרויסגעבער פֿונם „וואָסכאָד״, פֿון דער ערשטער באַגעגעניש, נישט ווייל ער איז געווען אַ שאַרפֿער און ביטערער קעגנער, און אין געוויסע פֿאַלן אויך אַ באַקעמפֿער פֿון דער חיבת־ציון־באַוועגונג, אַ קעגנער פֿון דער אויסגעשפּראָכענער נאַציאָנאַלער יידישער יוגנט. איך האָב זיך שטענדיק, און אויך היינט, באַקענט און קאָן זיך באַפֿריינדן אויך מיט די עקסטע קעגנער פֿון מיינע אָנזיכטן, פֿון מיין אינערלעכן „אני מאמין״, ווען זיי זענען איבערצייגטע און ערלעכע קעגנער, ווען זייערע וואָפֿן אין קאַמף זענען ריין, איבערהויפּט, ווען זייער פּערזענלעכקייט, ווען זייער אינערלעכער מהות, איז מיר סימפּאַטיש און אָנציענד. איך רעספּעקטיר יעדע ערלעכע און טיפֿע איבערצייגונג, ווי ווייט, ווי קעגנגעזעצט זי זאָל נישט זיין פֿון מיין אייגענער איבערצייגונג. איך האָב פֿיל געלערנט אין לעבן פֿון מיינע פֿריינט, פֿון מיינע מיינונגס־גענאָסן, אָבער נאָך מער פֿון ערלעכע און איבערצייגטע קעגנער, וועלכע זענען געווען גרויס און טיכטיק אין זייער ווירקונגס־קרייז, און אין זייער אידעען־וועלט.

איין מאָל האָב איך נאָר באַזוכט די רעדאַקציע פֿונם „וואָסכאָד״, און דאָס איז געווען צוליב אונדזער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו, וועלכער איז דאַן געווען אַן אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פֿון „וואָסכאָד״. איך האָב דובנאָוון פּערזענלעך נישט געקענט. איך האָב אים די גאַנצע צייט פֿון מיין לעבן אין פּעטערבורג אין ערגעץ נישט געטראָפֿן. זיין קרייז איז דאַן געווען אַן אַנדערער. איבערהויפּט איז ער נישט געווען קיין געזעלשאַפֿטלעכער

מענטש, און האָט ניט געהערט צו קיין באַזונדערער פּאַרטיי. פֿלייסיק האָט ער זיך געגראָבן אין היסטאָרישע דאָקומענטן, און איז דאָן געווען ווייט פֿון די לעבעדיקע, באַוועגנדיקע פּראָבלעמען פֿון דער יידישער קעגנוואַרט.

פֿאַר מיין אָפּפאָרן פֿון פעטערבורג האָב איך געשיקט אַ בריוו צו דובנאָוון אין „וואָסכאָד" און אויסגעדריקט מיין וואונטש צו טרעפֿן זיך מיט אים. זיינע ערשטע גרינטלעכע היסטאָרישע אַרטיקלען האָבן מיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט, אין דערזעלביקער מאָס ווי זיינע גאָר ערשטע אַרטיקלען וועגן תלמוד האָבן מיך אָפּגעשטויסן.

איך האָב גלייך באַקומען אַן ענטפֿער פֿון דובנאָוון, ער האָט מיך געבעטן צו באַזוכן אים אין אַ געוויסן טאָג און אין אַ געוויסער שעה אין דער רעדאַקציע פֿונם „וואָסכאָד".

דובנאָוו האָט ניט געקענט קומען אין דער רעדאַקציע פֿונם „המליץ", וואו עס פֿלעגן אַריינקומען שריפֿטשטעלער פֿון פֿאַרשיידענע ריכטונגען. ער האָט ניט ליב געהאַט צעדערבוימען, ניט נאָר ווייל ער איז אים גראָב באַפֿאַלן אין אַ ריי אַרטיקלען, אינם „המליץ" פֿאַר זיינע אַרטיקלען אין „וואָסכאָד" קעגן תלמוד, און האָט אים, דובנאָוון, אָנגערופֿן שונא ישראל, אַנטיסעמיט — נאָר ווייל ער האָט איבערהויפּט געהאַסט די מעטאָדן פֿון צעדערבוימס כּלל־טועריי.

קומענדיק צו דער באַשטימטער שעה אין דער רעדאַקציע פֿונם „וואָסכאָד" און האָבנדיק געפֿרעגט אויף דובנאָוון, האָט מען מיר איבערגעגעבן אַ בריוו פֿון אים, אין וועלכן ער בעט מיין אַנטשולדיקונג: ער האָט געמוזט אָפּפאָרן אין זיין געבורטסשטאָט, מסטיסלאַוועל, אָדער ווי יידן רופֿן עס אַמציסלעוו, — פֿאַר דער באַשטימטער צייט.

עס האָט מיר זייער באַנג געטאָן, וואָס מיר האָט זיך ניט איינגעגעבן פערזענלעך זיך צו באַקענען מיטן רוסיש־יידישן פּובליציסט, קריטיקער און היסטאָריקער *), פֿון וועלכן איך האָב שוין דאָן פֿיל דערוואַרט פֿאַר דער יידישער וויסנשאַפֿט.

ווען איך בין אַרויס פֿון דער רעדאַקציע אַן אַנטוישטער, האָט מיך געטראָפֿן אַדאָלף לאַנדוי, דער אַרויסגעבער פֿונם „וואָסכאָד" און מיך פֿאַרהאַלטן פֿאַר אַ געשפּרעך. דאָס איז געווען דער ערשטער און לעצטער געשפּרעך, וואָס איך האָב מיט אים געהאַט פֿאַר דער גאַנצער צייט פֿון מיין זיין אין פעטערבורג.

*) ערשט אין יאָר 1907 האָב איך זיך מיט דובנאָוון פערזענלעך באַקענט אין ווילנע, וואו איך האָב אים באַזוכט אין זיין שטודיר־צימער. ער האָט אויף מיר געמאַכט אַ וואונדערבאַרן איינדרוק מיט זיין פערזענלעכקייט.

דער „וואָסכאָד" מיטן „המליץ" זענען געווען פייער מיט וואַסער, צע־דערבוים מיט לאַנדוין אָפענע און ביטערע פיינט. לאַנדוי האָט שוין פריער געהערט, אַז איך פאַרלאָז דעם „המליץ". אין געוויסע קרייזן האָט מען דער־ציילט, אַז צווישן מיר און צעדערבוימען איז אַרויסגעקומען אַ שטאַרקער צוזאַמענשטויס, און איך פאַרלאָז דעם „המליץ" אויס האַס און עקל צו זיין אַרויסגעבער, צו צעדערבוימען.

לאַנדוי האָט דערוואַרט צו הערן פון מיר לשון־הרע אויף צעדערבוימען און אויפן „המליץ"; ער איז אָבער געווען שטאַרק אַנטוישט, ווען ער האָט דערהערט, אַז איך פאַרטיידיק שטאַרק דעם אַלטן צעדערבוימען, און געפין אין אים גרויסע מעלות, אַז צווישן מיר און צעדערבוימען איז אַבסאָלוט קיין צוזאַמענשטויס ניט אַרויסגעקומען, אַז איך פאַרלאָז דעם „המליץ", ווייל איך האָב באַשלאָסן צו שטודירן אין אויסלאַנד, פון וואַנען איך וועל ווייטער אַרבעטן אין „המליץ".

ביי דעם שמועס האָב איך דערקענט, ווי איך האָב דאַן געגלויבט, דעם גאַנצן כאַראַקטער פון אַדאָלף לאַנדוי. פריער, ביי די ערשטע באַגעגענישן מיט אים, ווען מיר האָבן קיין צוויי ווערטער ניט אויסגערעדט, אויסער אַ קאַלטע, קעגנזייטיקע באַגריסונג, האָב איך דאָס נאָר אינטואיטיוו געפילט. איצט, ביי אַ לענגערן געשפרעך, ביי אַ ווערטלעכער פאָלעמיק, איז מיר קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס לאַנדוי איז מיר אַנטיפּאַטיש נאָך פונם ערשטן אויגנבליק.

פריער איז מיר לאַנדוי באַקאַנט געווען אַלס אַ לייכטער, אויבערפלעכ־לעכער זשורנאַליסט און אַ גאַנץ געשיקטער איבערזעצער פון דייטש און רוסיש *). ערנסט האָב איך אים אַלס שריפטשטעלער קיינמאָל ניט גענו־מען. אַלס מענטש האָב איך אים איבערהויפּט ניט געקענט, און זיך מיט אים ניט אינטערעסירט.

איצט אָבער איז געזעסן פאַר מיר דער מענטש לאַנדוי, אַנטפּלעקט אין זיין מאָראַלישער נאַקעטקייט. ער האָט ניט גערעדט פון אידייען, פון ריכטונגען, פון פאָלקס־אינטערעסן, נאָר פון דעם, וואָס קאָן האָבן דער „וואָסכאָד" פון דעם. ער האָט געוואָלט, אַז די „בני־ציון" אין מאָסקווע זאָלן זיך פאַרפליכטן אָפּצונעמען אַ געוויסע צאָל עקזעמפּלאַרן פונם „וואָסכאָד", דאַן וועט ער אַנדערש באַהאַנדלען די באַריכטן און די פראַגן פון דער חבת־ציון־באַוועגונג. ער האָט גערעדט מיט ביטערניש, פאַרוואָס די חובבי־ציון שטיצן דעם „המליץ" און איגנאָרירן דעם „וואָסכאָד". איך האָב אים פאַר־זיכערט, אַז די חובבי־ציון גיבן ניט דעם „המליץ קיין מאַטעריעלע שטיצע,

---

*) אַדאָלף לאַנדוי האָט איבערזעצט אין רוסיש ד"ר יעלינעקס אַ ווערק און אויך אַנדערע אַרבעטן פון דייטש.

נאָר מאָראַלישע, וואָס מיר איז דאָס געווען גוט באַקאַנט. ער האָט אָבער באַ־שטאַנען, אַז די ליבע פון צעדערבוימען צו ציון איז באַזירט אויף געלט־אינ־טערסן. מיינע ווידערשפּרעכונגען האָבן אים אויפגעבראַכט, דערצאָרנט. ער האָט שוין ניט געקליבן קיין אויסדרוקן צו כאַראַקטעריזין די, וואָס שטייען אין דער שפּיץ פון ישוב־ארץ־ישראל. ער האָט אויסגעגאָסן זיין צאָרן אויף דער גאַנצער חיבת־ציון באַוועגונג און אויף די חלומות פון יידישן רענע־סאַנס. דאָך האָט ער מיר געגעבן דייטלעך צו פאַרשטיין, אַז איך זאָל זיך דורכרעדן מיט קלמן זאב וויסאָצקי און מיט די „בני־ציון", אַז מען קאָן ענדערן דעם „וואָסכאָד", ווען זיי זאָלן שכל האָבן און פאַרשטיין, אַז ווען דער „וואָסכאָד" וועט זיך האַלטן סימפּאַטיש צו די „חובבי־ציון" און וועט אָפּגעבן פּלאַץ פאַר אַרטיקלען און באַריכטן וועגן און פון דער חיבת־ציון באַוועגונג, וועט זיין צייטונג מוזן פאַרלירן פיל אַבאָנענטן צווישן די קעג־נער פון דער באַוועגונג, און דאַן וועט דער „וואָסכאָד" ניט קענען עקזיס־טירן און די יידן אין רוסלאַנד וועלן ניט האָבן קיין איין איין־איינציקן רו־סישן אָרגאַן, וואָס זאָל פאַרטיידיקן זייערע בוידיקע אינטערעסן אין דער רוסישער עפנטלעכקייט און ווער עס זאָל פירן דעם קאַמף פאַר זייער גלייכבאַרעכטיקונג.

ווילן די „חובבי־" און די „בני־ציון" האָבן אַן אָרגאַן, אין וועלכן עס זאָל געהערט ווערן אויך זייער שטים, מוזן זיי באַגרייפן, אַז אויך זיי, פון זייער זייט, דאַרפן האָבן מאַטעריעלע פאַרפליכטונגען און ממשותדיקע באַ־ציאונגען צום „וואָסכאָד", וועלכער איז „צו האָבן"... עס האָט גערעדט פאַר מיר אַ סוחר, ניט קיין שריפטשטעלער. דער אַרויסגעבער אין לאַנדוי, האָט פאַרשלונגען דעם רעדאַקטאָר, דעם שריפטשטעלער אין אים.

איך האָב ניט געקענט פאַרגעסן, אַז די ערשטע רעדאַקטאָרן און אַרויס־געבער פון דער ערשטער רוסיש־יידישער וואָכנשריפט אין רוסלאַנד זענען געווען יוסף ראַבינאָוויטש און ד״ר לעאָן פינסקער, גרויסע אידעאַליסטן, מענטשן פון גייסט און פון וויסן, קאַמף־נאַטורן און קיין רעכענער; אַז די רעדאַקטאָרן פונם "רוסקי יעוורעי", צבי הכהן ראַבינאָוויטש און ד״ר יהודה לייב קאַנטאָר זענען געווען תלמידי־חכמים, אָנגעזאַפּט מיט יידישער קול־טור, ווען אפילו זיי זענען קיין „חובבי־ציון" ניט געווען.

נאָך לערך פיר מאָנאַטן האָב איך זיך צוריקגעקערט פון פעטערבורג קיין מאָסקווע, וואו איך האָב באַשלאָסן צו בלייבן נאָך אַ יאָר און צוגרייטן זיך צו מיין נסיעה קיין אויסלאַנד.

אין מאָסקווע בין איך ווידער אַריין אין די רייען פונם אַקאַדעמישן פאַראיין „בני־ציון".

איך פֿאַרלאָז רוסלאַנד

ביים רעדאַקטאָר פֿון „הצפירה"

אויגוסט 1891 האָב איך פֿאַרלאָזט רוסלאַנד. אויף דער רייזע קיין ווין דורך וואַרשע, האָב איך זיך דאָרט באַקענט מיט חיים זעליג סלאָנימסקי (דעם אַזוי־גענאַנטן „יידישן הומבאָלדט"), דאַמאָלסדיקן הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון דער „הצפירה". ער איז שוין דאַן געווען אין די זיבעציקער, אָבער נאָך פֿול מיט לעבנסקראַפֿט און לעבנסווילן. ווען איך האָב אים דערציילט, אַז איך פֿאָר קיין ווין שטודירן, האָט ער זיך געפֿרייט, וואָס איך פֿאָלג זיין עצה, וואָס ער האָט מיר געגעבן אין יאָר 1885, אין אַ בריוו צו מיר.

אין יאָר 1885 האָב איך צוגעשיקט צו סלאָנימסקין מיינע חדושים אין דער העכערער מאַטעמאַטיק, אויף דעם געביט פֿון דיפֿערענציאַל רעכענונג. דער אַלטער מאַטעמאַטיקער האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיט מיין אַרבעט, און אין זיינער אַ וואַרעמען בריוו האָט ער מיר געראָטן אַלץ אַנצואווענדן צו שטודירן מאַטעמאַטיק אין אַן איראָפּעאישן אוניווערסיטעט.*)

ח. ז. סלאָנימסקי האָט מיר אין אַ פֿאָטערלעכן טאָן געמאַכט פֿאָר־וואורפֿן, וואָס איך האָב אים פֿריער ניט געפֿאָלגט, און אַנשטאָט צו שטודירן נאַטור־וויסנשאַפֿטן און מאַטעמאַטיק, האָב איך זיך גאָר אָפּגעגעבן מיט ליטעראַרישע און נאַציאָנאַלע חלומות. ער איז געווען אש־להבה אויף די „חובבי ציון" און אויף די „בני ציון", וואָס פֿאַרפֿירן דאָס יידישע פֿאָלק מיט פוסטע און וויסטע פֿאַנטאַזיעס.

סלאָנימסקי האָט איבערגעחזרט זיין ליבלינגס־וואָרט: „אָטו כולי עלמאָ לאו חובבי ציון נינהו", וועלכער ייד האָט ניט ליב ציון? דאָך ווען יידן זוכן פרנסה און מוזן אויסוואַנדערן, דאַרפֿן מיר זיי וויזן דעם וועג קיין אַמעריקע אָדער קיין אַרגענטינע און ניט קיין ארץ־ישראל, צו שאַפֿן דאָרטן אַ נייע חלוקה, אַ נייע טאַרבע, פּריווילעגירטע קבצנים.

סלאָנימסקי האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ בעל־חשבון, פֿון אַן אויסגערעכנטן אין אַלע זיינע אַנזיכטן, אין זיין גאַנצער וועלט־אַנשויאונג. ארץ־ישראל אָדער אַרגענטינע? — דאָס איז ביי אים געווען אַ פֿראַגע פֿון ציפֿערן, פֿון מאַטעריעלע מעגלעכקייטן, פֿון פּראַקטישקייט.

---

*) דער בריוו פֿון ח. ז. סלאָנימסקי צו מיר איז אָפּגעדרוקט אין „המליץ", מערץ 1888. — ר. ב.

פֿון איין זייט, מצד אַרגענטינע, איז געשטאַנען דער באַראָן הירש מיט זיינע מיליאָנען, און פֿון דער אַנדערער זייט, מצד ארץ־ישראל, זיינען געשטאַנען עפּעס אַ פּאָר העברעאישע שרייבער, קבצנים, שלעפּער, וואָס זוכן צו לייזן די אויסוואַנדערונגס־פֿראַגע מיט דער הילף פֿון פּסוקים און פֿלאַם־פֿייערדיקע מליצות, און אַנדערע קבצנים, יוגנטלעכע טרוימער און סתם פֿראַזן דרעשער, יידישע דאָן־קיכאָטס, פֿאַרדרייטע מוחות, אָן אַ ברעקל לאָגיק, אָן אַ חוש פֿאַר דער האַרטערווירקלעכקייט. סלאָנימסקי האָט גאָר ניט געקאָנט באַגרייפֿן, ווי קאָן אַ מענטש מיט אַ מאַטעמאַטישן קאָפּ, וואָס דענקט לאָגיש, זיך באַשעפֿטיקן מיט קראַנקע פֿאַנטאַזיעס וועגן אַ יידישער מדינה, וועגן אַ העברעאישער רענעסאַנס און ד. גל.

סלאָנימסקי, דער גרויסער למדן און מאַטעמאַטישער דענקער, האָט אויסהערנדיק מיינע טענות קעגן אים, זיך געווענדט צו מיר אין אַן אויפֿגערעגטן טאָן: „איך פֿאַרשטיי פֿיזיק, אָבער ניט מעטאַפֿיזיק. איך גלויב ניט אין תּחית־המתים — און איר פֿאַרלאַנגט פֿון מיר, איך זאָל גלויבן אין דער מעגלעכקייט פֿון דער תּחית השפֿה העברית (די ווידעראויפֿלעבונג פֿון דער העברעאישער שפּראַך)... יידן האָבן קיין אַנדערע דאָגות ניט, ווי אויסלערנען זיך ריידן לשון־קודש. עמך ישראל צריכין פּרנסה, יידן זוכן חיונה, פּרנסה, און איר גיט זיי אַן עצה: לעבט אויף אייער טויטן לשון, רעדט דעם לשון פֿון די אַמאָליקע נביאים! לעבט אויף אייער חרוב לאַנד! יידן וועלן לערנען און ריידן יענע לשונות, וועלכע זיי דאַרפֿן נויטיק צו זייער טעגלעכער פּרנסה; וואָס קאָן זיי אָבער געבן אין פּראַקטישן לעבן דאָס ריידן לשון־קודש?

„יידן וועלן גיין, אַפֿילו לויפֿן אין יענע לענדער וואו זיי קאָנען אַליין אויפֿגעבויט ווערן און לעבן מער מענטשלעך. אין ארץ־ישראל איז עס אָבער אוממעגלעך".

אין פֿאַרלויף פֿון אונדזער שמועס איז מיר אויסגעקומען צו דערמאָנען זיין זון, לודוויק סלאָנימסקי, דעם רעדאַקטאָר פֿון דעם „וויעסטניק יעווראָפּי", וועלכן איך האָב אַמאָל געטראָפֿן אין פּעטערבורג. אין יענעם מאָמענט האָב איך אין גאַנצן פֿאַרגעסן, אַז לודוויק איז געטויפֿט.

ביים דאָזיקן געשפּרעך איז אַריינגעקומען די פֿרוי סלאָנימסקי (די טאָכטער פֿונם באַקאַנטן יידישן אַסטראָנאָם י. שטערן). דערהערנדיק, אַז איך רייד פֿון איר זון לודוויק, האָט זי טיף אַ זיפֿץ געטאָן.

דאָס האָט מיך דערמאָנט, אַז זייער זון, פֿון וועלכן איך האָב גערעדט, איז געשמדט (די יידישע אינטעליגענץ אין פּעטערבורג האָט דאָס אים קיינמאָל ניט געקאָנט פֿאַרגעבן). דערהערנדיק דעם מוטערלעכן זיפֿץ,

האָב איך איבערגעביטן מײַן געשפּרעך און געוואָלט אַריבערגײן צו אַן אַנדער ענין. דער אַלטער סלאָנימסקי האָט אָבער אונטערגעכאַפּט דעם איבערגעריסענעם פֿאָדים און האָט דווקא מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ, ווײַ־טער אָנגעהאַלטן דעם געשפּרעך וועגן זײַן לודוויק, דעם באַרימטן אין גאַנץ רוסלאַנד עקאָנאָמיסט.

פֿון דעם שמועס האָב איך דאַן צום ערשטן מאָל דערפֿאַרן, אַז אויך זײַן צווייטער זון, וואָס האָט געלעבט אין וואַרשע אַלס פּראַקטיצירנדיקער דאָקטאָר, איז געטויפֿט.*)

דער זינען פֿון סלאָנימסקיס רייד וועגן זײַנע געטויפֿטע זין איז געווען פֿאָלגנדיקער: לכתחילה, וואָלט ער בשום־אופֿן ניט געוואָלט, אַז זײַנע קינדער זאָלן זיך טויפֿן, ווערן פּראַוואָסלאַוונע, נאָר בדיעבד, אַלס פֿאַקט, וואָס איז שוין געשען, איז דער אַלטער געווען פֿון דעם כמעט ווי צופֿרידן. יעדנפֿאַלס קיין צער ניט געהאַט.

דאָס איז געווען מײַן אײַנדרוק, וואָס איך האָב דאַן געהאַט פֿון סלאָנימסקיס שמועס. ער האָט פֿאַרטיידיקט דעם יונגן דור בכלל און זײַנע קינדער בפֿרט: „צוליב וואָס זאָלן זיי בלײַבן אין מיטן וועג, צוליב וואָס זאָלן זיי לײַדן אַלס ייִדן, זיי אַליין און זייערע קינדער, עד סוף כל הדורות, ווען זיי האָבן אויפֿגעהערט צו גלויבן אין יעדער רעליגיע, ווען די ייִדישע אמונה קאָן זיי ניט באַפֿרידיקן ניט גײַסטיק און ניט מאַטעריעל, ניט געזעלשאַפֿטלעך און ניט עטיש־עסטעטיש. קינדער גייען, אָדער לויפֿן איבער, אַהין, וואו עס ציט זיי, וואו זיי דערוואַרטן מער באַקוועמלעכ־קייט, וואו זיי גלויבן, אַז זיי וועלן קאָנען זיך בעסער און פֿולער אויסלעבן. קינדער גלויבן שטענדיק, אַז זיי זײַנען קליגער פֿון זייערע עלטערן. אין אַזאַ פֿאַל קאָנען זיך עלטערן ניט העלפֿן. די צײַט און אירע שטרעמונגען זײַנען שטענדיק שטאַרקער ווי די אָפּגעלעבטע טראַדיציע, ווי דער ווילן פֿון די עלטערן. געוויס האָט משה מענדלסאָן, דער פֿאַרפֿאַסער פֿונם „ירושלים", ניט געוואָלט אַז זײַנע קינדער זאָלן זיך טויפֿן. דאָך גלויב איך ניט, אַז דער טיפֿער ייִדישער דענקער האָט אינערלעך געליטן, ווען זײַנע קינדער האָבן געזוכט זייער פּערזענלעכע צופֿרידנקייט און זייער פּער־זענלעכן גליק ניט אין דער ייִדישער וועלט".

ביי אָט דעם געשפּרעך האָב איך דערציילט סלאָנימסקין אַ פּאַסירונג פֿון מײַנע ייִנגלשע יאָרן:

---

*) דאָס איז דער פֿאָטער פֿונם באַקאַנטן פּוילישן דיכטער אַנטאָני סלאָנימסקי, וואָס האָט ניט לאַנג פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אַרטיקל, אין אַ באַגײַסטערטן טאָן, וועגן זײַן זיידן, דעם ייִדישן געלערנטן מיט אַ וועלט־נאָמען. — ר. ב.

מיין זיידע האָט ביי מיר אָנטדעקט דעם „יסודי חכמת השעור“, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַרשטעקט בחדרי חדרים. מער האָט מיר ניט געפעלט.

— ווי קומט צו דיר אַזאַ טריף־פּסול? — האָט זיך דער זיידע געווענדט צו מיר. ער האָט געציטערט פון כעס.

— דאָס איז ניט קיין טריף־פּסול, עס איז אַ ספר פון סלאָנימסקי איבער חכמת־החשבון, וואָס אָן דעם קאָן מען ניט פאַרשטיין הארבע סוגיות אין דער גמרא... — האָב איך זיך געפּרוּווט פאַרטיידיקן.

דער גרימצאָרן פונם זיידן האָט זיך נאָך מער פונאַנדערגעפלאַקערט:

— ווייסטו נישט, אַז סלאָנימסקי, ימח שמו, איז אַ גרויסער אפּיקורס און יעדעס וואָרט זיינס איז סם־המות, גיפט. ער האָט גרעסערע מוחות פון דיינעם אַראָפּגעפירט פון דרך־הישר...

— זיידע, וואָס פאַר אַן אַפּיקורסות קאָן ליגן אין דעם, ווען סלאָנימסקי באַווייזט, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר, און נאָך אַזעלכע מאַטעמאַטישע אמתן?

דער זיידע האָט געשריען אויפן קול:

— איך זאָג דיר, שייגעץ, אַז ווען אַן אַפּיקורס אָדער אַ גוי, אַן ערל טמא זאָגט, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר, איז דאָס ניט פיר, נאָר פינף אָדער דריי...

— ליבער זיידע, — האָב איך געענטפערט, — צוויי מאָל צוויי בלייבט פיר, ווען דאָס באַהויפּטעט אַפילו אַן אַפּיקורס אָדער אַ גוי...

דער זיידע האָט פון כעס אַריינגעוואָרפן סלאָנימסקיס ספר אין ברע־נענדיקן אויוון.

אויסהערנדיק דעם קליינעם עפּיזאָד פון מיינע ייִנגלשע יאָרן, האָט סלאָנימסקי געשאָקלט מיט זיין גרויען און געדיכטן באַוואַקסענעם קאָפּ, זיך ווענדענדיק צו מיר:

— אייגענטלעך האָט אייער זיידע קיין אומרעכט ניט געהאַט. עס איז ניט צו לייקענען, אַז צוויי מאָל צוויי שטייט אין ווידערשפּרוך מיט יעדער אמונה, ווי אויך מיט יעדן נאַציאָנאַליסטישן אתה־בחרתנו...

ביי דער געלעגנהייט האָט סלאָנימסקי מיר דערציילט אַן עפּיזאָד פון זיין אייגענעם לעבן, וואָס איז ווערט פאַרצייכנט און אויפגעהיט צו ווערן אינם אוצר פון אונדזער קולטור־געשיכטע. איך געדענק דעם עפּיזאָד, ווי איך וואָלט עס געהערט היינט.

איך גיב עס איבער בקיצור:

סלאָנימסקי איז נאָך דאַן געװען אַ יונגערמאַן. ער איז געקומען קײן װילנע צו קלײבן „סובסקרײבערס" אויף זײַן ערשטלינגס־װערק „כּוכבא דשביט" (אַן אַסטראָנאָמיש װערק װעגן קאָמעטן). דער מאַנוסקריפּט איז געװען באַזאָרגט מיט הסכּמות פֿון רבנים און גאונים, װי אויך פֿון די באַקאַנטסטע ייִדישע געלערנטע פֿון יענעם דור. אַרומגײענדיק אַ טאָג איבער די הײזער פֿון די גבֿירים, װעלכע זײַנען צוגלײַך אויך משׂכּילים געװען, צו באַקומען פֿון זײ „פּרענומעראַנטן"־געלט, איז ער אין אָװנט אַרײַנגעקומען אין אַ שענקל עפּעס צוצובײַסן. דער מאַנוסקריפּט איז געלעגן אויפֿן טיש, אײַנגעװיקלט און פֿאַרבונדן. סלאָנימסקי איז געװען אין אַ שלעכטער שטימונג. אַ טאָג האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער די הײַזער פֿון די רײַכע משׂכּילים — און אָן דערפֿאָלג. בעת דער גערײצטער שטימונג טרײַט צו אים צו דער שענקער און פֿרעגט אים, װאָס פֿאַר אַ פּעקל פּאַפּירן האָט ער דאָ אויפֿן טיש, װאָס ער לאָזט קײנעם ניט אָנרירן. סלאָנימסקי האָט אויפֿגערעגט געענטפֿערט:

„ס'איז ניט אײַער דאגה, עס איז מײַן כּתבֿ־יד".

דער שענקער איז ניט אָפּגעשטאַנען. מיט אַ פֿרײַנטלעכער מינע און מיט קלוג־בליציקע אויגן האָט ער אַ פֿרעג געטאָן:

— מעג איך כאַפּן אַ בליק אין אײַער כּתבֿ־יד?

— עס איז ניט פֿאַר אײַך. עס איז אַסטראָנאָמיע. איר װעט אין דעם גאָרניט פֿאַרשטײן.

— אַ, אַסטראָנאָמיע, תּכונה? גראָד דאָס אינטערעסירט מיך. זײַט ניט קײן עקשן און לאָזט כאַפּן אַ קוק אין אײַערע פּאַפּירן כּדי צו זען װאָס איר האָט צו זאָגן װעגן דעם ענין...

דער שענקער האָט זיך אַזױ געבעטן בײַ סלאָנימסקין, ער זאָל אים װײַזן זײַן כּתבֿ־יד, ער האָט גערעדט אַזױ בנמעימותדיק, אַזױ האַרציק, אַז סלאָנימסקי האָט אים ניט געקאָנט אָפּזאָגן. ער האָט פֿונאַנדערגעבונדן דאָס פּעקל כּתבֿים און האָט זײ אויף טשיקאַװעס דערלאַנגט דעם שענקער. דער לעצטער האָט פֿאַרקנײטשט דעם שטערן און האָט זיך אַ צײַט לאַנג פֿאַרטיפֿט אין די כּתבֿים. אויפֿהױבנדיק דעם קאָפּ האָט דער שענקער אויפֿמערקזאַם געמאַכט דעם מחבר אויף אײניקע טעותן, פֿאַרגעשלאָגן געװיסע אויסבעסערונגען, ער האָט אַרויסגעװיזן דערבײַ גרויסע בקיאות אין דעם חשבון פֿון תּקופֿות און מזלות.

— און װײסט איר װער ס'איז געװען דער שענקער? — האָט סלאָנימסקי פֿאַרענדיקט דעם עפּיזאָד — דאָס איז געװען דער גאון רבי יעקבֿ באַריט.

ביים געזעגענען זיך, פֿאַר מיין אָפּרייזע קיין ווין, האָט מיר דער אַלטער חיים זעליק סלאָנימסקי פֿאָטערלעך פֿאַרזאָגט: „פֿלייסיק און ערנסט צו שטודירן מאַטעמאַטיק און פֿיזיק, אַרויסשלאָגן זיך פֿון קאָפּ די גאַציאָנאַליסטישע מעטאַפֿיזיק און די פּוסטע חלומות פֿון די בני ציון”...

עס איז געווען דאָס איינציקע מאָל וואָס איך האָב פּנים־אַל־פּנים, פּערזענלעך, גערעדט און דעבאַטירט מיטן ״יידישן הומבאָלד”, וואָס אין מיינע יינגלשע יאָרן האָב איך פֿון זיינע ספֿרים דערוואָרבן די ערשטע ידיעות אין אַלגעברע און די ערשטע באַגריפֿן פֿון אַסטראָנאָמיע.

זוכצעטל

א

אַבראַמאָוויטש, שלום יעקב — 180, 314
(זע אויך: מענדעלע מוכר־ספרים).
אבן השואבת — 20, 21
אָדם הכהן — 38, 43, 47, 49, 116, 126, 180, 187, 189, 199—203, 210.
אהבת ציון — 43, 84, 86, 187, 248, 301.
אוספּענסקי — 95.
אוסישקין, מנחם־מענדל — 246, 250, 258, 268, 271, 274, 293, 345.
אויערבאַך, בערטאָלד — 172.
אויטאָ־עמאַנציפּאַציע — 252, 254.
אחד העם — 254, 261, 281, 310, 342, 345.
אחיאסף — 17, 18.
איל משולש — 179.
אידישעס פאָלקסבלאַט —313.
אידלסאָן, אַברהם — 249, 250, 255, 264, 265, 268, 275, 302, 303.
איספּאָוויעד דיעלצאַ — 229.
אייכל, יצחק — 210.
אייזענבערג, ד״ר — 25, 154.
אייזנבערג, רחל — 16.
אַלכנסה — 347.
אלחרזי — 348.
אַליפאַנט, סער — 246.
אַלט־ניילאַנד — 260.
אַלעקסאַנדער דער 2טער — 148, 149, 151.
אַלעקסאַנדער דער 3טער — 150, 151.
אמת ואמונה — 38.
אַמסטערדאַם, אַברהם — 272.
אַנטאָקאָלסקי, מאַרק — 218.
אָסטראָווסקי — 120.
אַפּטער, ש. — 16.
אַקסאַקאָוו — 239.
אַראָנסאָן, ברוך — 21.
אַראָנסאָן, שלמה — 21.

ב

באַקל — 23.
באַלזאַק — 227.
באַזאַראָוו — 22.
באַגראָוו — 228.
באַקסט, פּראָפ׳ — 323, 328.
בוקי בן יגלי — 303, 327, 341, 342.
ביכנער, לודוויג — 64.
ביאַליק, ח. נ. — 301, 324.
בילו״ים — 238, 248.
בייראָן — 153.
בן דוד, י. ל. — 278, 281.
בן זאב — 117, 183, 184.
בן יהודה, אליעזר — 261—263.
בני ציון — 103, 242—244, 249—252, 254, 256—260, 262, 264—270, 273, 274, 302, 303, 372, 377.
בנות ציון — 265, 267.
בן עמי — 247, 335.
בעל התניא — 31, 68, 123.
בעלינסקי, — 26, 95, 299.
בערנע, לודוויג — 64, 96, 172.
בערדיטשעווסקי, מיכה יוסף — 13, 281, 308, 310.
בערגסאָן, אַנרי — 300.
בערמאַן, אליעזר — 326.
בערמאַן, וואַסילי — 326, 328, 329, 346.
ברייגין, אידע — 73.
ברייגין, יהודה — 182.
בראַנדשטעטער, מ. ז. — 300.
בראַנדעס, געאָרג — 172.

בראַטיאַ קאַרמאַזאָווי — 300.
בראָדסקי, פֿאַמיליע — 248.
ברוך, רבי פֿון שקלאָוו — 187.

ג

גאַגאַל, נ. — 95, 120, 132, 257.
גאָלאָס — 322, 323.
גאָלדפֿאַדען, אַברהם — 314.
גאָנטשאַראָוו — 161, 257.
גאַריאַטשאַיע ווערעמיאַ — 228.
גאָרדאָן, יהודה לייב — 118, 151, 169, 225, 247, 288, 302—305, 311, 317, 336—340, 342, 348, 360, 365, 366.
גינצבורג, דוד ,באַראָן — 328, 346—351.
גינצבורג, האָראַץ, באַראָן — 248, 310, 321, 326, 361.
גינצבורג, יויזל — 349.
גינצבורג, אָשר (אחד העם) — 278—281.
גיסין — 268.
גינצבורג, מרדכי אַהרן — 38, 83, 180.
גייגער, א. — 132.
גסיסת הסופֿר — 280, 303, 305.
געטע — 172, 188, 225, 300.
געצאָוו, נחמן — 353.
גרוזנבערג, אָ. — 351.
גרינבערג, אַברהם — 345.
גראַד, משה — 25, 26, 112, 116, 176.
גריבאָיעדאָוו — 120.
גראָס — 312, 315.
גרעץ — 177.

ד

דאָבראָליובאָוו — 26.
דאָדע, אַלפֿאָנס — 301.
דאַנטע — 172.
דאָליצקי, מנחם־מענדל — 259, 266.
דאָסטאָיעווסקי, פֿ. — 23, 119, 132, 153, 161, 171, 300, 301.
דברי הימים — 187, 188.
דובנאָוו, שמעון — 264, 328, 368, 369.
דור דור ודורשיו — 62.
דיומאַ, אַלעקסאַנדער — 120.
דיזראַעלי — 246, 310.
דיק, א. מ. — 219—221, 223—228, 231.
דיקענס, טשאַרלז — 23, 300, 301.
דע־בריניאַל, טיבאָ — 25, 136, 140.
דעליאַנאָוו — 310, 318.
דרויאַנאָוו, אַ. — 274.

ה

האַלפּערן — 219, 230.
האַלפּערן, מיכל — 141—147, 230.
האַמער — 171.
האסיף — 159.
הומבאָלדט — 105, 131.
הוגאָ, וויקטאָר — 138, 172.
הורוויץ, חיים דוב — 103, 104.
הורוויץ, ישראל — 103.
היום — 301, 302, 307, 335, 365.
הילדעסהיימער, הירש — 326.
הירשקאָוויטש — 353.
הירש, באַראָן — 247, 372.
היינע, הענריך — 153, 159, 172, 365
המגיד — 306
המליץ — 169, 237, 266, 275, 292, 301 — 303, 306 — 316, 323 — 325, 330, 340, 352, 355, 365, 366, 368—370.
העגעל — 52.
העולם — 264.
העלפּמאַן, העסיע — 150.
העס, משה — 251.
הערצל, טעאָדאָר — 7, 61, 252, 255, 256, 260, 301, 357.
הפּרדס — 247, 301.
הצבֿי — 263, 306.
הצופֿה — 181.
הצפֿירה — 169, 247, 301, 305, 366.
הקול — 89.
הרכּבֿי, א. א. ד״ר — 360.
השלוח — 365, 366.

השחר — 23, 38, 39, 43, 95, 159, 161, 210, 232, 306, 352.
התועה בדרכי החיים — 38, 170, 187, 300.

ו

וואַינאַ אי מיר — 300.
וואַלינסקי — 220.
וואָס צו טאָן — 190.
וואָסכאָד — 302, 332, 360, 368—371.
ווילנער גאון — 32, 170, 187.
ווינאַווער, מ. — 121, 351.
ווייס, אייזיק הירש — 62, 104.
ווייזל, נפתלי הערץ — 211.
ווייסבערג, י. י. — 303.
וויסאָצקי, קלמן זאב — 271, 371.
וויעסטניק רוסקיך יעווריעיוו — 314.
וויעסטניק יעווראָפּי — 299, 373.
וועלער, ראובן — 176.
ווערפל, פראַנץ — 202.

ז

זאָלאַ, עמיל — 171, 299—301.
זאַסניץ, יוסף — 64.
זאַקס — 361.
זעלקין, הושע — 25, 115, 116, 122.
זעלקין, פראדל — 122.
זעלקין, פאַמיליע — 25, 112, 123.
זעלקין, משה — 117.
זעלקין, שאול — 125, 176.
זשאָרעס — 294.
זשוקאָווסקי — 211.

ח

חבצלת — 306.
חובבי ציון — 25, 248, 258, 259, 269—271, 274, 276, 298, 308, 326, 331, 344, 345, 356, 368, 370— 372.
חושי הארכי — 264, 275, 303.
חטאת נעורים — 23.
חכמת ישראל — 331.
חפץ, ראַבינער — 114.

ט

טאָג (ווילנער) — 353.
טאָג (ניו־יאָרק) — 16.
טאָלסטאָי, לעוו — 23, 118, 119, 153, 161, 171, 290, 300, 301.
טאָלקאַטשעווסקי, ד״ר — 249, 250, 258, 268.
טורגעניעוו — 22, 23, 64, 84, 91, 95, 105, 118, 119, 132, 171, 189, 257.
טיאַמקין, וולאַדימיר — 257, 258.
טען, איפּאָליט — 171, 299.
טשלענאָוו, יחיאל, ד״ר — 250, 255, 258, 268, 269, 293.
טשערניכאָווסקי, ש. — 224.
טשערנישעווסקי — 92—94, 96, 190.

י

יאָסט — 177.
יאָפּע, צבי הירש — 171, 272, 273.
יאָנטש, שמש — 131.
יהודה הלוי, רבי — 49, 159, 331, 348.
יד חזקה — 180, 331.
יודענשטאַט — 252, 370.
יעלינעק, אַהרן, ד״ר — 177, 253, 254, 370.
יש״ר מקנדיא — 32.

כ

כהן, הערמאַן — 177.
כהן, צדוק, רב — 326.
כוכבי יצחק — 43.
כוואָלסאָן, דניאל, פּראָפעסאָר — 360.

ל

לאַנדוי, אַדאָלף — 360, 368—370.
לאַסאַל, פ. — 190.
לאַפּאַנטיין — 138.
לאַצאַרוס — 177.
לאָקשין, אַלטער — 35, 36.
לוריע, יוסף — 159, 160, 332, 334—337.

לוריע, פֿאַמיליע — 112, 115.
לוריא, שלמה זלמן — 159, 232, 234—237, 332, 334, 335, 362.
לוריע, קלמן אַהרן — 159, 232.
לוצאַטו, שמואל דוד — 126, 189.
ליבין, ז. — 103.
ליאַדיער, זלמן — 31.
ליובאַוויטשער, רבי, מענדעלע — 31, 66.
ליובאַוויטשער, שמואל — 66.
ליכטענפֿעלד, גבריאל יהודה — 47, 83, 170.
ליליענבלום, משה ליב — 23, 83, 84, 153, 251, 261, 308, 345.
לייזער, דער דאָקטאָר — 75.
לינעצקי, י. י. — 13, 178.
ליפֿשיץ, פֿאַמיליע — 265.
לעוואַנטין, זלמן דוד — 103, 264.
לעוואַנטין, יחיאל — 103, 104, 264, 265, 275, 378, 379.
לעווינזאָן, יצחק בער — 65, 117, 132, 209, 275.
לעבענזאָן, אַברהם דוד — 200.
לעבענזאָן מיכה יוסף — 218.
לעווינסקי, א. ל. — 224, 310.
לעווינזאָן, יהושע — 180.
לעוואַנדאַ, לעוו אָסיפּאָוויטש — 228—232.
לערמאָנטאָוו — 84, 95, 161.

מ

מאַנדעלקערן, שלמה, ד״ר — 200, 275, 276, 288.
מאַנדעלשטאַם, לעאָן — 22, 49, 52.
מאַנטרעאָלער פֿאָלקס ביבליאָטעק — 16.
מאַפּו, אַברהם — 7, 22, 38, 39, 43, 47, 56, 100, 116, 170, 181, 187, 209, 248.
מאַרקס, קאַרל — 190, 249.
מאַרעק, פּסח — 250, 268, 302.
מגבורי ישראל — 358.
מורה נבוכים — 48, 331.
מזא״ה, יעקב — 249, 250, 257, 259, 268, 269, 275, 288, 302, 307, 308.
מינאָר, זאַלקינד — 288—292.
מינץ, מ. ל. — 259.
מיכ״ל — 189.
מייזיל, נחמן — 21.
מייעראָוויטש — 112.
מכּבי, חיים זונדל, רבי — 293—298.
מכלול — 182.
מלבי״ם, גאון, אויך: דער קעמפּנער, רב מאיר לייבוש — 25, 83, 115, 121—127, 141, 230, 296.
ממזרח וממערב — 351.
מסלול — 182.
מענדעלע מוכר ספֿרים — 13, 60, 181, 248, 257, 261, 278, 280, 314, 342.
(זע אויך: אַבראַמאָוויטש שלום יעקב.)
מענדעלסאָן (אויך: דעסויער, משה בן מנחם) — 55, 96, 184, 211, 374, 375.
מפֿיצי השכּלה — 23, 196, 201.
מרדכי בן הלל הכּהן — 365.

נ

נאַטאַנזאָן, בערנאַרד — 275, 276.
נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט — 188.
נאַראָדיצקי — 220.
נאָרדוי, מאַקס — 61, 301.
נאַראָדאָוואָלצעס — 240.
ניקאָלאַי דער ערשטער — 148.
נייע צייט — 254.
נעקראַסאָוו — 95, 257.

ס

סאָלאָווייטשיק, חיים — 25.
סאָרדו — 120.
סאָקאָלאָוו, נחום — 159, 169, 247, 366.
סאָקראַטעס — 169, 222.
סואוואָרין — 239.
סווייטלינג, לאָרד — 298.
סירקין, נחמן — 158.
סלאָנימסקי, לודוויג — 373.
סלאָנימסקי, אַנטאָני — 373.
סלאָנימסקי, חיים זעליג — 18, 19, 35, 37, 55, 56, 79, 83, 105, 169—171,

187, 188, 247, 305, 372—377.
סלוצקי — 308.
סליאַזבערג — 351.
סמאָלענסקין, פּרץ — 7, 23, 25, 38, 47, 65, 95, 96, 118, 159, 161—164, 170, 187, 189, 210, 211, 232, 233, 248, 251, 260, 300, 302—306, 310, 335.
ספּעקטאָר, מרדכי — 313.
סקאַביטשעווסקי, אַ. מ. — 333.
סקאַבטשינסקי — 26.

ע

עדיסאָן, טאָמאַס — 171.
עיט צבוע — 22.
על נהרות בבל — 353.
עמק הארזים — 365.
ענגעלס, פֿרידריך — 249.
עפּשטיין, אַברהם — 348.
ערטער, יצחק — 210.
ערלאַנדער, מיכאל — 326.

פּ

פּאַזנאַנסקי, פּאַמיליע — 248.
פּאָליאַק, יעקב, רבי — 295.
פּאָליאַקאָוו, ש. — 248, 290, 310, 321, 361.
פּאַפּירנעס — 230.
פּאַסקאַל — 141.
פּושקין, א. — 64, 84, 95, 161, 257, 313.
פּינסקי, דוד — 272.
פּינעס, ישראל מיכל — 125.
פּינסקער, לעאָן, ד"ר — 25, 251—256, 345, 371.
פּיסאַרעוו — 26, 90—92, 96, 189, 331.
פּיסעמסקי — 95, 120.
פּעראָווסקאַיאַ, סאָפּיאַ — 151, 152.
פּראַזער, משה הכהן — 311, 312, 315.
פּרץ, י. ל. — 13, 224.

פֿ

פֿאָלקס־בלאַט — 335.
פֿאָטער און קינדער — 189.
פֿין, שמואל יוסף — 189, 191, 214—217.
פֿייערבערג, מ. ז. 13.
פֿלעקסנער, בערטאַ — 220.
פֿרוג, ש. — 240, 257, 260, 262, 264, 313, 328, 332—335.
פֿרומקין — 306.
פֿרידבערג, אַ. ש. — 317, 365.
פֿרישמאַן, דוד — 261, 301, 302, 307, 308, 338.
פֿרענקל, זכריה — 184.

צ

צוהר התיבה — 182.
צונץ, ל. — 132, 177.
צווייפֿל, אליעזר הכהן — 180, 275.
צוקערמאַן, אַברהם — 19, 20.
צוקערמאַן, הרב, 25, 113, 122.
צעדערבוים, אַלעקסאַנדער — 169, 261, 306—325, 338, 355, 360, 369—371.

ק

קאַנטאָר, י. ל., ד"ר — 247, 261, 269, 307, 308, 311, 327, 328, 330—332, 334, 335, 338, 356, 362, 365, 371.
קאָנט, אויגוסט — 141.
קאַראַלקין — 112.
קאַרדוטשי — 172.
קאַפּיטאַל — 190.
קאַמינקאַ, אַ. ד"ר — 275.
קאַמעניצער מגיד — 293, 294.
קאַצענעלסאָן, י. ל., ד"ר — 308, 327, 328, 341—345, 356.
קולע דער דאָקטאָר — 75, 77—79.
קולישער — 351.
קויפֿמאַן, דוד, פּראָפֿעסאָר — 348.
קול מבשר — 313.
קיבאַלטשיץ — 151.
קירפּיטשניקאָוו — 22, 53.
קלאָטשקאָוו, פּאַמיליע, 133—138.
קלעמאַנסאָ, 294.
קמחי, דוד, רבי — 182.

קראַיעווסקי — 322, 323.
קראַכמאַל, נחמן — 210, 342.

ר

ראַבינאָוויטש, יוסף — 371.
ראַבינאָוויטש, לעאָן — 275, 365, 366.
ראַבינאָוויטש, צבי הירש — 19, 20, 23, 35, 37, 79, 83, 84, 332.
ראַבינאָוויטש, צבי הכּהן — 170, 187, 188, 371.
ראַבינאָוויטש, אַ. ז. — 81—83, 89.
ראַבינאָוויטש, שלמה פּנחס — 302.
ראַבלע — 141.
ראַסין — 138.
ראַדקינזאָן, י. מ. — 89.
ראַזסויעט — 232, 264, 314.
ראַוויטש מלך — 16.
ראַווניצקי, י. ח. — 301.
ראָטשילד, עדמאָנד, באַראָן — 248, 326.
ראָזענטאַל, לעאָן — 310, 321, 361.
ראָם אונד יערוזאַלעם — 251, 252.
ראָם האלמנה והאחים — 196, 219.
רובין, שלמה, ד״ר — 38, 49, 132.
רוסקי יעווריי — 326, 332, 371.
ריב״ל — 132, 275, 276, 363, 364.
רש״י — 180, 183.
רוסאָקאָוו — 151.
רייכערסאָן, משה — 203—205, 208—210, 213, 214, 216, 218—221.
רמב״ם — 32, 35, 48, 75, 79, 180, 331.
רעאַליסטי — 189.
רענאַן, ערנסט — 185.

ש

שאַפּיראָ, קאָנסטאַנטין — 348, 358, 361—367.
שאָפּענהאַוער, אַרטור — 300, 343.
שולמאַן, קלמן — 23, 38, 43, 56, 83, 118, 162, 180, 181, 186—188, 191—206, 208—210, 213, 214, 216, 217.
שווייצער — 113.
שטיינמאַן — 23.
שטיינבערג, יהושע — 118, 180.
שטיינטהאַל — 177.
שטראַשון, מתתיהו — 189, 215.
שטערן, י. — 373.
שילער — 188, 211.
שלום הכּהן — 210.
שלום עליכם — 11, 257, 313.
שניאור זלמן, רבי — 31, 68, 99.
שניאורסאָן, שניאור זלמן, רבי — 80, 123 (זע „בעל התניא״).
שעקספּיר — 121, 153, 171.
שפּינאָזאַ, ב. — 49.
שפּ״ר — 302, 303, 308.
שפּילהאַגען — 172.
שפה ברורה — 261, 262, 270, 271—277, 281.
שתי מיתות — 358.

ת

תולדות חכמי ישראל — 187.